STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00246

UNTERERDISHE KEMFER

Sholom Levine

Permanent preservation of this book was made possible by
Max & Josephine Kleinbaum
in memory of
Isadore & Rebecca Kleinbaum

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום לעווין

אונטערערדישע קעמפער

אונטער דער רעדאַקציע פון
משה כץ

שלום לעווין בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1946

SHOLOM LEVINE

UNTERERDISHE KEMPFER

Printed in U.S.A.

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
151 W. 25th St., N. Y. 1, N. Y.
166



שלום לעווין

אינהאַלט:

זייט

אַרויסנפיר פון משה כץ — 7
אַ נויטיקע דערקלערונג פון שלום לעווין — 15
די קינדער יאָרן — 17
מיינע אור-עלטערן און עלטערן — 18
מיר וואַנדערן פון „אימעניע" צו „אימעניע" — 19
איך הויב אָן גיין אין חדר — 23
אין אַ ווייסרוסישער שטעטל אין די אַכציקער יאָרן — 25
חנוכה — 25
שדים, משיח און פּאָליטיקע — 28
חמישה עשר בשבט — 31
פּורים — 32
פּסח — 34
מען האָט געפונען אַן אַפּיקורוס — 39
די באָבע — 41
פרילינג אין שטעטל — 43
ל"ג בעומר — 46
תשעה באָב — 48
אַ יאַריד אין שטעטל — 50
ימים נוראים — 53
די באָבע מאַכט די יום-כפּור ליכט — 55
יום-כיפּור — 55
סוכות — 57
די מאַמע שטאַרבט — 61
מיין מומע סאָשעס חתונה — 65
מיר פאָרן אין בערעזין — 67
איך ווער אַ משורר ביים חזן — 70
מיין וויסנשאַפטלעכער באַגאַזש — 70
איך פאָר אין באָריסאָוו זיך לערנען אַן אַרבעט — 73
באָריסאָוו ברענט אָפּ — 79
איך אַנטלויף פון באָריסאָוו — 82
אין מינסק — 85
אַ מאָלצייט נאָך דריי טעג ניט עסן — 87
ווידער אין באָריסאָוו — 89
עם בלאָזן פרישע ווינטן — 92
די אַרבעטער-באַוועגונג אין מינסק — 96
מינסק אין 1895 — 97
די מינסקער „אָפּאָזיציע" — 101
לעגאַלע און אומלעגאַלע יידישע ליטעראַטור — 106
אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד — 107

זייט

די יידישע אינטעליגענץ און דער זשאַרגאָן — 110
די קולטורעלע אויפוואַכונג — 112
פּרצ'ס „יום-טוב-בלעטלעך" — 115
די באַוועגונג אין די קליינע שטעטלעך — 116
אונדזערע יום-טובים — 124
דער ערשטער מאַי אין מינסק 1897-1896 — 126
לידער פון קאַמף, מוט און באַגייסטערונג — 128
די בירזשע — 134
אַקטיווע טוער אין מינסק — 135
די גרינדונג פון „בונד" אין 1897 — 137
ווי מיר פלעגן פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס — 138
דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער ס.ד.א.פּ. — 139
זובאַטאָוו און זיינע אַגענטן אין 1898 — 141
מינסקער „אָכראַנקע" באַפאַלט די אומלעגאַלע ביבליאָטעק — 144
אין ביאַליסטאָק — 153
אויפן וועג צום „פּריזיוו" — 157
אין דער ווילנער אומלעגאַלער דרוקעריי — 164
מיר גיבן איבער די וואוינונג צו אַ זשאַנדאַר — 174
אַ „שפּיאָן" היט אונזער דרוקעריי — 180
רייכע דאַמען פון פּעטערבורג קומען אין דרוקעריי — 183
אַ פּאָליציייִשע אונטערזוכונג — 186
פאָן וואַל ווערט ווילנער גובערנאַטאָר — 193
דער היסטאָרישער ערשטער מאַי 1902 אין ווילנע — 194
הירש לעקערט — 196
לעקערט שיסט אין פאָן וואַלן — 200
דאָס פאָלקס-ליד נאָך לעקערטן — 202
זובאַטאָווטשינע — 207
דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין ציריך — 219
נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע — 220

זייט

די עוואָלוציע פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין „בונד" — 226
דער „בונד" און די רוסישע ס.ד. אַרבעטער-פּאַרטיי — 229
אין וואַרשעווער אומלעגאַלע דרוקערייען — 233
אַ מיליאָנערס אַ זון אַרבעט אין דרוקעריי — 236
אַ נייער צוזאַמענשטעל אין דרוקעריי — 237
אויסבעסערונג אין דער אַרבעט פון דרוקעריי — 244
אָלגינס פּראָקלאַמאַציעס און אַרטיקלען — 245
באַרג אַרויף — 247
ווי מ'פלעגט אַרויסשיקן די אומלעגאַלע ליטעראַטור — 249
פּאַלשע פּאַספּאָרטן — 251
דער „בלוטיקער זונטאג" — 255
צוויי צענטראַלע דרוקערייען אין וואַרשע — 257
אשער ווערט אַרעסטירט אַלס „אַ ווילנער גנבֿ" — 262
אַ קאַמף מיט דער וואַרשעווער אונטערוועלט — 265
רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין די גרויסע שטעט — 266
אסתּר ריסקינד — 271
„בוליגינס דומע" — 273
די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע — 274
דער צאַרישער מאַניפעסט פון 17-טן אָקטאָבער — 277
די בלוט-באָד אין מינסק — 278
די אַרבעטער ענטפערן מיט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד — 280
מיר מאַכן צו די אומלעגאַלע דרוקערייען — 282
דרוקעריי פון פּעטערבורגער „קאַמפּס-פאַרבאַנד" — 286
די דרוקעריי פון קיעווער קאָמיטעט אין בערדיטשעוו — 290
אַ פּראָוואָקאַטאָר „העלפט" טאָן אומלעגאַלע אַרבעט — 292
בראָניסלאַוו גראָסער — 296
אין האָמעל — 299
דער זיבעטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" — 303
צוריק אין ווילנע — 308
באַרג-אַראָפּ — 310

זייט

די יאָרן פון רעאַקציע — 313
מען זוכט נייע וועגן — 317
אַ זשורנאַל מיט אַן „אונטערשלאַק" — 321
אויף אַ דאַטשע — 323
קאַפּלינסקי — דער גרעסטער פּראָוואָקאַטאָר אין „בונד" — 326
קאַפּלינסקי פילט אַז די ערד שאָקלט זיך אונטער אים — 330
מען מעלדעט קאַפּלינסקי'ן אַז מ'האָט אים דערקענט — 334
קאַפּלינסקיס ראָל אין פּאָליציי-דעפּאַרטמענט — 335
קאַפּלינסקי אַנטלויפט —
מען אַרעסטירט אים נאָך דער רעוואָלוציע — 339
דער לעצטער אַקט פון דער דראַמע קאַפּלינסקי — 340
אַרעסט און טורמע — 342
אין לוקישקער טורמע — 344
אינצידענטן פון טורמע-לעבן — 351
מיין „אוניווערזיטעט" — 353
מיטן „עטאַפּ" צום אָרט פון פאַרשיקונג — 357
וויאַטקער פּערעסילקע — 359
אין סאלוויטשעגאדסק — 362
סטאַלין אין סאָלוויטשעגאָדסק — 365
דאָס לעבן אין פאַרשיקונג — 367
דער באַשלוס צו פאָרן אין אויסלאַנד — 371
אין בערלין — 372
מיט אַכצן יאָר שפּעטער — 376
זוכצעטל פון נעמען — 382

בילדער:

שלום לעווין — 3
זלמן זינגער — 109
שמואל נאָטע לעווין — 158
שלום און חנה לעווין — 233
אָשער פּינקוס און כאַשע רײנעס (מאַלעצקע) — 240
ליזע אַמסטערדאַם — 242
באָרים קאַפּלאַן — 284
ליובאַ קרענצל (ליובאַ אויערבאַך-לעווין) — 285
איסאַק מאַסלאָוו, מאָטקע פּערלשטיין און ליזע גרינוואַלד — 288
מאַרק און שפרה ווילטער — 290
אליע לעדער — 291
ישראל מיכל קאַפּלינסקי — 326

אַריינפיר

שלום לעווינס זכרונות וועגן זיין אָנטייל אין דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין אָנהויב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט האָבן אַ טאָפּלטן אינטערעס. פון איין זייט שטייט דורך זיי אויף פאַר אונזערע אויגן דאָס בילד פון דעם רעוואָלוציאָנערן דור פון דער יידישער אָרעמשאַפט און אַרבעטערשאַפט אין רוסלאַנד אויפן שוועל פון 20טן יאָרהונדערט, — אַ בילד, וואָס איז פול מיט דראַמע, מיט זוכענישן פון נייע וועגן אין לעבן, פון אַ נייעם שטייגער און מיט אַ מערקווירדיקער העלדישקייט און זעלבסט אָפּפערונג, וואָס קאָן דינען ווי אַ לויכטנדיקער ביישפיל פאַר אונזער היינטיקער יוגנט און פאַר ווייטערדיקע דורות. פון דער אַנדער זייט מאָלט פאַר אונדז דער שרייבער אַ זייער ווייניק באַקאַנטן קאַפּיטל פון דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק, — דעם קאַפּיטל פון די אומלעגאַלע, אונטערערדישע דרוקערייען, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט איינעם פון די וויכטיקסטע און קאָנספּיראַטיווסטע טיילן פון דער רעוואָלוציאָנערער טעכניק אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד און אין וועלכע שלום לעווין האָט געאַרבעט כמעט דורך דער גאַנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ. אָן די דאָזיקע אונטערערדישע דרוקערייען וואָלטן צו די יידישע אַר־בעטער און האַרעפּאַשניקעס פון דעם אַנטשיידנדיקן יאָרצענדליק צווישן 1895 און 1905 ניט נאָר ניט דערגאַנגען די רעוואָלוציאָנערע דירעקטיוון, די אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, נאָר עס וואָלט בכלל ניט מעגלעך געווען די גאַנצע אויפקלער־און אָרגאַניזיר־אַרבעט און דער רעוואָלוציאָנערער זשור־נאַליזם, וואָס האָט אין אַ קורצע צייט אַזוי מאָדערניזירט דאָס יידישע וואָרט און געזעלשאַפטלעכקייט און געהאָלפן שאַפן דעם באָדן פאַר אַ מאָדערנער, וועלטלעכער יידישער קולטור און וועלט־אָנשויאונג.

אין דער זעלביקער צייט ווערן די אַלע איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען פון דעם שרייבער געגעבן ניט איזאָלירט, ווי צופעליקע

טשיקאווע אָדער ראָמאַנטישע פּאַסירונגען פון זיין פּריוואַטן לעבן, נאָר ווי אַ טייל פון אַ מעכטיקן געזעלשאַפטלעכן שטראָם, וואָס האָט אין אַ קורצער צייט געענדערט דעם גאַנצן אַלטן יידישן קול־טורעלן און סאָציאַלן שטייגער, ווי אַ טייל פון דער יידישער און אַל־געמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אין משך פון די ערשטע פּאָר צענדליק יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט אַרויס־גערופן דריי פון די גרעסטע רעוואָלוציעס אין דער מאָדערנער געשיכטע, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1905, די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 און די גרעסטע און טיפסטע פון אַלע סאָציאַלע איבער־קערענישן, די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917.

אין אַ גרויסן טייל פון אָט די געשעענישן איז שלום לעווינען אויס־געקומען דירעקט צו באַטייליקן זיך, — ניט ווי אַן אָנפירער פון אויבן און ניט ווי איינער וואָס איז צופעליק פאַרשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם, נאָר ווי אַ באַוואוסטזיניקער אַקטיווער טוער, ווי אַ רעוואָ־לוציאָנערער אַרבעטער, וואָס האָט יאָרנלאַנג פאַרנומען זיין פּאָסטן אויף איינע פון די געפערלעכסטע רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס.

אַ לייענער וואָס האָט ניט קיין גרויסן אינטימען אינטערעס צו די קינדער־יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און וואָס איז ניט באַקאַנט מיט די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונ־גען און דעם אידעאַליזם, וואָס די טוער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן געמוזט אַרויסווייזן, קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז די פאַרשיידענע קליינע פּרטים וועגן די אומלעגאַלע דרוקערייען און וועגן זייערע אָנטיילנעמער, וואָס דער אויטאָר גיט איבער מיט אַזאַ ליבע און אינטערעס זיינען אפשר קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט די גרויסע, העלדישע, בלוטיקע מאַסן־קאַמפן, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט דורכגעמאַכט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, באַזונדערס אין און זינט דער גרויסער סאָ־ציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אים קאָן זיך אפשר אויסווייזן, אַז די באַשרייבונג פון די פאַרשיידענע אונטערערדישע דרוקערייען, אין וועלכע דעם אויטאָר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, איז אַן אומ־נייטיקע איבערחזרונג, ווייל די באַדינגונגען, פּאַסירונגען און גע־פאַרן אין זיי אַלע זיינען געווען כמעט איינע און די זעלביקע. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות.

די באַשרייבונג פון די אַלע אומלעגאַלע דרוקערייען, אין וועלכע

שלום לעווינען איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך איז וויכטיק שוין דערפאַר אַליין, ווייל דאָס איז אַ טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע פון דעם יידישן אַרבעטער, אַ קאַפּיטל, וואָס איז פון דער ערשטער האַנט ביז איצט געווען ווייניק באַקאַנט און פון וועלכן יעדעס בלעטל איז דערפאַר וויכטיק. און הגם די פּרטים פון דער אונ־טערערדישער אַרבעט אין די דרוקערייען און פון די געפאַרן, אין וועלכע די טוער האָבן זיך געפונען און וואָס זיי האָבן געזוכט אויסצומיידן ניט צוליב זיך, נאָר צוליב דער אַרבעט, קאָנען איצט, נאָך כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט פון גראַנדיעזע וועלט דערשיטערנדיקע פּאַסירונ־גען, אויסזען קליין און אפילו נאַאיוו, טאָר מען אָבער ניט פאַר־געסן, אַז דאָס זיינען פּרטים פון דער קינדהייט און ברוויזנדיקער יוגנט פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. זייערע אָנטיילנעמער זיינען נאָך דעמאָלט אַליין געווען יונג, כמעט קינדער, און די געפאַרן וואָס זיי האָבן געזוכט צו באַזיגן זיינען שוין געווען גאָר ניט קיין קליינע: אַ מענטש, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אין די צאַרישע צייטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי איז ניט נאָר געווען זיכער מיט לאַנגיאָריקער טורמע און קאַטאָרגע, נאָר ער איז אויך גע־ווען גאָר ניט זיכער מיט זיין לעבן. פון אָט די „נאַאיווע קליייניג־קייטן" זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אייניקע פון די שענסטע קאַפּיטלען פון דער גלאָררייכער געשיכטע פון דער יידישער רעוואָ־לוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג און יעדער פּרט זייערער האָט פאַר אונדז דערפאַר אַ גאָר גרויסן אינטערעס.

***

דער טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין וועלכן שלום לע־ווינען איז אויסגעקומען אַקטיוו צו באַטייליקן זיך אין אַלטן רוסלאַנד איז געווען דער „בונד". ביי זיינע ערשטע שריט, אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דעם „בונד" באַשערט געווען צו שפּילן צווישן די יידישע אַרבעטער — באַזונדערס אין ליטע און ווייסרוסלאַנד — אַ באַדייטנדיקע ראָלע אַלס וועקער, אויפ־קלערער און אָרגאַניזאַטאָר, פון וועלכן געוויסע שיכטן פון די יידישע אַרבעטער האָבן אין זייער אייגענער יידישער שפּראַך און אויף אַן אופן, וואָס זיי האָבן לויט זייער דעמאָלטיקן גראַד פון אַנטוויקלונג געקאָנט באַנעמען, צום ערשטן מאָל דערהערט דעם רוף צו באַפריי־

אונג, צו רעוואָלוציע, צום סאָציאַליזם. די דאָזיקע ראָלע פון „בונד" אין די ערשטע קינדער־יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג געהערט אָן צווייפל צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער דער־וואַכונג פון די יידישע אַרבעטער און פון די יידישע מאַסן בכלל.

ביי די אַמאָליקע טוער פון „בונד" און ביי זייערע אָנהענגער איז אָבער פון אָנהויב אָן געשאַפן געוואָרן אַ טענדענץ געוואַלדיק איבערצוטרייבן און איבערצושאַצן די דאָזיקע ראָלע פון „בונד" און אַרויסצושטעלן אים אין אַזאַ ליכט, ווי פאַר אים וואָלט גאָר ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די יידי־שע אַרבעטנדיקע מאַסן, ווי דער „בונד" וואָלט געווען דער ערשטער און דער איינציקער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון די יידישע אַרבעטער און אַז דער „בונד" און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג זיינען שיר ניט איינס און דאָס זעלבע.

די דאָזיקע גוזמאות און פּרעטענזיעס זיינען געווען פאַלש און שעדלעך פון אָנהויב אָן און זיינען פאַרבליבן פאַלש און שעדלעך ביז היינטיקן טאָג, אויף וויפיל די עפּיגאָנען פון „בונד" קלאַמערן זיך נאָך אין זיי און זוכן צו שלאָגן פון זיי פּאָליטישן קאַפּיטאַל.

די פּרעטענזיעס זיינען געווען פאַלש דערפאַר, ווייל די געשיכ־טע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד נאָך לאַנג פאַר דער גרינדונג פון „בונד" איז פול מיט העלדישע נעמען פון יידישע אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע טוער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס און פרייהייט פאַר זייערע אידעאַלן; יעדער איינער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ווייסט, אַז קעמפנדיקע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אונטערערדישע פאַראיינען און רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע־גרופּעס האָבן עקזיס־טירט נאָך לאַנג פאַר דער גרינדונג פון „בונד", און דער „בונד" גופא איז געווען אַ רעזולטאַט און ניט דער איניציאַטאָר פון זייער פריערדיקער עקזיסטענץ. אַ חוץ דעם זיינען יידישע אַרבעטער אין אַזעלכע וויכטיקע טיילן פון דעם אַמאָליקן רוסלאַנד, ווי אוקראַינע און בעסאַראַביע לכתחילה אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַלגעמיינע סאָ־ציאַליסטישע גרופּעס און די מערהייט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער דאָרטן זיינען קיינמאָל ניט געווען אין „בונד". אַ גרויסער טייל ווי־דער פון די אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס זיינען געווען אָר־גאַניזירט אין „בונד", האָבן גאָרניט געטיילט די אידעאָלאָגיע וואָס

איז שפּעטער געוואָרן באַקאַנט אונטערן נאָמען „בונדיזם" און האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן דערהויפּט פאַר מאַרקסיסטן, וואָס זיינען פאַראייניקט דורך אַ יידישער אָרגאַניזאַציע.

וואָס איז שייך דער שעדלעכקייט פון די בונדישע פּרעטענזיעס אויף אַ מין „העגעמאָניע" איבער דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אַ מאָנאָפּאָל איבער איר אָרגאַניזאַציע, קאָן מען זאָגן, אַז וואָס מער דער „בונדיזם" האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ ספּעציעלן נאַציאָנאַליסטישן און אָפּאָרטוניסטישן אָפּנויג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און וואָס מער די פירער פון „בונד" האָבן זיך אָפּגעקערט פון דעם וויכטיקסטן שטראָם פון דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין לענינס באָלשעוויזם, אַלץ מער זיינען געוואַקסן זייערע פּרעטענזיעס צו איזאָלירן די יידישע אַרבעטער און דאָמינירן זייערע אָרגאַניזאַציעס.

ווען אַ גרויסער טייל פון דער בונדישער פירערשאַפט איז צו דער צייט פון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אָפּן אַריבער אין לאַגער פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין אירע פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטישע און מענשעוויסטישע פאָרמען און איז שפּעטער, אין פּוילן, געוואָרן דער ביטערסטער באַקעמפער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן, איז שוין דער בונדיזם געוואָרן ניט קיין אָפּנויג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג נאָר אַ טייל פון דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, אַנטי־אַרבעטער שטראָם, וואָס האָט עקספּלואַטירט די צוגעבונדנקייט פון געוויסע שיכטן יידישע האַרעפּאַשניקעס צו אַלטע נעמען און אַלטע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און דערביי אָפּן פאַרראַטן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פון די יידישע אַרבעטער און פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק. אָבער די דאָזיקע דעגענעראַציע פון דעם בונדיזם רעפלעקטירט, נאַטירלעך, בשום אופן ניט אויף די אַרבעטער און טוער, וואָס האָבן געמאַכט זייערע ערשטע רעוואָלוציאָנערע שריט אין די רייען פון די פריע בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

***

איינער פון די בלבולים, וואָס די שאַפער פון בונדיזם האָבן יאָרנלאַנג פאַרשפּרייט און אָנגעהאַלטן, איז געווען, אַז זיי האָבן כלומרשט געזוכט צו באַשיצן די יידישע אַרבעטער קעגן דער אַסימי־לאַציע, וואָס די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַר־

טיי, באַזונדערס אונטער לענינס און סטאַלינס פירערשאַפט זאָל כלומרשט האָבן געזוכט אַרויפצוצווינגען אויף זיי. דער אמת איז פּונקט דער היפּוך: לענין האָט געזוכט צו באַשיצן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין קאַמף קעגן זייערע שונאים גראָד דורך דער ענגסטער פאַרבינ־דונג מיט די מאַסן פון דעם ניט־יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין דעם פּרט האָט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג און אַן אַקטועלן ווערט אויך פאַר הײַנטיקן טאָג דער פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע וועגן דעם אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי, וואָס די באָלשעוויסטישע גרופּע האָט צוגעגרייט צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין יולי־אויגוסט 1903. אָט איז דער טעקסט פון דער דאָזיקער פּראָיעקט רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, אַז די פולסטע און ענגסטע איינינקייט פון דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט איז אומבאַדינגט נויטיק סיי כדי וואָס גיכער צו דערגרייכן זיין ענדציל, סיי אויך אין די אינטערעסן פון דערפאָלגרייכן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף אויפן באָדן פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט;

„אַז די פולשטענדיקע איינינקייט פון דעם יידישן און ניט־יידישן פּראָלעטאַריאַט איז בפרט און באַזונדערס נויטיק אויך פאַרן דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן דעם נידערטרעכטיקן צעבלאָזן פון ראַסן־אָפּגעזונדערטקייט און נאַציאָנאַלער שנאה, מיט וועלכער עס פאַרנעמען זיך די רעגירונג און די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן;

„אַז דאָס פולשטענדיקע צונויפגיסן זיך פון די ס. ד. אָרגאַניזאַ־ציעס פון דעם יידישן און ניט־יידישן פּראָלעטאַריאַט קאָן אויף קיין אופן און מיט גאָר ניט באַשרענקען די זעלבסטשטענדיקייט פון די יידישע חברים ביים פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין דער אָדער יענער שפּראַך, ביים אַרויסגעבן ליטעראַטור, וואָס אַנטשפּרעכט די באַדערפענישן פון דער געהעריקער אָרטיקער אָדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ביים אַוועקשטעלן אַזעלכע לאָזונגען פון אַגיטאַציע און דירעקטן פּאָליטישן קאַמף, וואָס זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן די אַנט־וויקלונג און אָנווענדונג פון די אַלגעמיינע פּונקטן פון דער ס. ד.־פּראָגראַם וועגן דער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג און פולשטענ־דיקער פרייהייט פון שפּראַך, נאַציאָנאַלער קולטור אאַז"וו. —

„וואַרפט אָפּ דער צוזאַמענפאָר אַנטשיידן דעם (בונדישן) פע־

דעראַטיוון בוי־פּרינציפּ פאַר דער רוסלענדישער פּאַרטיי און באַ־
שטעטיקט דעם אָרגאַניזיר־פּרינציפּ, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין
גרונט פון דעם סטאַטוט פון יאָר 1898, דאָס הייסט, די אויטאָנאָמיע
פון די נאַציאָנאַלע ס. ד.־אָרגאַניזאַציעס..." *)

אין שלום לעווינס זייער אינטערעסאַנטע זכרונות וועט דער
לייענער געפינען גענוג מאַטעריאַל צו באַשטעטיקן, אַז אפילו די אַר־
בעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין די רייען פון „בונד" זיינען אין
דער פראַגע וועגן דער ענגער פאַרבינדונג מיט דעם גאַנצן רוסלענ־
דישן פּראָלעטאַריאַט אין אַלע זייערע קאַמפן געווען מער איינשטימיק
מיט לענינען, איידער מיט זייערע בונדישע פירער.

*
**

אין בוך איז פאַראַן אַ גרויסער קאַפּיטל, וואָס פאַרנעמט זיך
מיט דעם „באַרימטן" בונדישן פּראָוואָקאַטאָר, ישראל מיכל קאַפּ־
לינסקי („לאַנגזאַם"). די דאָזיקע געשיכטע איז אין איר צייט, מיט
אַ פינף און דרייסיק יאָר צוריק געווען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט
צווישן די אַקטיווע טוער פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער
באַוועגונג. אין שלום לעווינס זכרונות פאַרנעמט זי אַ באַזונדערן
אָרט צוליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס, ווייל דער אויטאָר האָט גוט
געקענט דעם פּראָוואָקאַטאָר און האָט זיך באַטייליקט אין אויפ־
דעקן אים; צווייטנס, ווייל דורך דער געשיכטע פון דעם פּראָוואָקאַ־
טאָר באַקענט זיך דער היינטיקער לייענער מיט אַ ספּעציעלן בלאַט
פון דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, — מיט אַ בלאַט,
וואָס באַלייכט די אַרבעט פון די צאַרישע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַ־
טאָרן און די ספּעציעלע געפאַרן, צו וועלכע די אונטערערדישע באַ־
וועגונג איז געווען אויסגעזעצט.

אין אַלגעמיין איז שלום לעווינס בוך זכרונות אַ ווערטפולער
בייטראָג צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און
דערמיט גופא צו דער מאָדערנער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק
און פון זיין קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן.

משה כץ

ניו־יאָרק, יוני, 1946

*) וו. לענין און י. סטאַלין געגן „בונד". — פאַרלאַג פון דער ווייס־
רוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, מינסק, 1933, ז' 18.

אַ נויטיקע דערקלערונג וועגן מיינע זכרונות

די זכרונות זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן ניט פאַר דער עפנטלעכקייט, נאָר אויפן פאַרלאַנג פון מיינע קינדער, וועלכע האָבן געוואָלט איך זאָל פאַר זיי באַשרייבן דערהויפּט דעם פּעריאָד פון מיין אונטערערדישן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד.

ווען מען אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און אין די אָוונטן איז מען פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, איז ניטאָ קיין צייט און חשק צו שרייבן זכרונות. ווען איך בין אָבער קראַנק געוואָרן און דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרבאָטן צו אַרבעטן האָב איך שוין געהאַט גענוג צייט אָבער ווייניק כוחות. אין די אומשטענדן האָבן איך אָנגעהויבן שרייבן מיינע זכרונות. מיין ציל איז געווען צו געבן די קינדער אַ גענויען בילד פון מיינע קינדער־יאָרן, אַ לעבן, וועלכער איז זיי אינגאַנצן אומבאַקאַנט, און די הויפּט־מאָמענטן פון מיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין צאַרישן רוסלאַנד. מיין ציל איז געווען אַרויסצוברענגען פאַר זיי דעם אידעאַליזם, דעם רעוואָלוציאָנערן מוט פון די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער, די קרבנות וואָס זיי האָבן געבראַכט אין קאַמף מיטן צאַריזם, זייער אָנטיילנעמען אין דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר.

איך האָב אין מיינע זכרונות ווייניק אָנגערירט די טעאָרעטישע שטרייטיקייטן צווישן די פאַרשיידענע פאַרטייען, ווייל, וועגן דעם, האָב איך געטראַכט, קען מען געפינען גענוג אין די ספּעציעלע געשיכטע־ביכער, וואָס באַשרייבן יענעם פּעריאָד.

אייניקע פון מיינע פריינט, וועלכע האָבן זיך באַקאַנט מיטן מאַנוסקריפּט, האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז מיינע זכרונות האָבן אַ געזעלשאַפטלעכן ווערט; איך וועל זיין זייער צופרידן, אויב די לייענער וועלן געבן די זעלבע אָפּשאַצונג.

איך בעט אַנטשולדיקונג ביי די אַלע מיט וועמען מיר איז אויסגע־ קומען צו לעבן און קעמפן אין דעם פּעריאָד וואָס איך גיב דאָ אי־ בער, אויב פיל וויכטיקע פּאַסירונגען און נעמען זיינען אויסגע־ לאָזט געוואָרן. ביים שרייבן האָב איך זיך דערהויפּט באַנוצט נאָר מיט די פאַקטן און פּאַסירונגען וואָס איך אַליין געדענק. ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרעפנטלעכן די זכרונות איז שוין פאַר מיר געווען פיזיש אוממעגלעך איבערצואַרבעטן דעם מאַטעריאַל. איך האָב אַרויסגענומען פון אים נאָר די ריין־פּערזענלעכע טיילן.

שלום לעווין

די קינדער־יאָרן

דער נאָמען פון מיין געבורט שטעטל איז בעלינעץ. א שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד, מאָהילעווער גובערניע.

עס איז שוין נאָנט צו פינף און פופציק יאָר זינט איך האָב פאַרלאָזן בעלינעץ און דאָך שטייט זי פאַר מיינע אויגן אזוי קלאָר ווי איך וואָלט דאָרט ערשט ניט לאַנג געווען.

א גרויסער מארק־פּלאַץ אין צענטר פון שטעטל, וואו עס גע־פינען זיך א גאַנצע ריי קראָמען. ווען מען שטייט מיטן פּנים צו די קראָמען, איז אויף דער רעכטער זייט דער מאָנאַסטיר — א שיינער גרויסער קלויסטער ארומגערינגלט פון דריי זייטן מיט א גרויסן פרוכט־סאָד. צו דער לינקער זייט נאָך א קלויסטער ארומגערינגלט מיט בוימער, וואו עס וואַקסן ראַבינעס. שפּעט אין זומער ווען זיי פלעגן צייטיק ווערן און אראָפּהענגען פון די צווייגן אויפן צווייטן זייט צאַם, האָט מיך געצויגן ארונטערצורייסן זיי, יעדן מאָל ווען איך בין געגאַנגען פאַרביי.

א לאַנגע גאַס שניידט איבער דעם מארק. דער מזרח טייל פון דער גאַס רופט זיך מאָליוּוער. דער מערב־טייל לאָזט זיך ארונ־טער נאָכן מארק אזוי ווי אין א טאָל און רופט זיך „פּאָדאָל", די גאַס ציט זיך ביזן טייך דרוט — א צווייג פון דעם דניעפּער. ביים טייך געפינען זיך צוויי מילן, ניט ווייט איינע פון די אַנדערע.

באַלד אין אָנהויב „פּאָדאָל" געפינט זיך דער שול־הויף מיט די דריי בתי־מדרשים: ליובאַוויטשער, סטאַראָסעליער און מתנגדי־שער. אנטקעגן, אויף דער רעכטער זייט — א „פּריכאָדסקאַיאַ שקאָ־לאַ", וואו עס לערנען זיך נאָר קריסטלעכע קינדער.

א צווייטע גאַס ציט זיך פון מארק צום וואַלד. אין יענער גאַס וואוינען די מער־פאַרמעגלעכע.

אין מיטן גאַס צו לינקס איז דער אריינגאַנג צו די „פּאָקאָ־יעס" — דער פּלאַץ וואו דער פּריץ, מיאַסאָיעדאָוו, וואוינט. די „פּאָקאָיעס" — זיינען ארומגערינגלט מיט א גרויסן פרוכט־גאָרטן,

וועלכער ציט זיך ווייט הינטערן שטאָט. דאָס שטעטל געהערט צום פריץ, ער איז דער אייגנטימער פון די דערפער, פעלדער, וועלדער, וואָס רינגלען אַרום בעלינעץ.

מיאַסאָיעדאָוו און זיין פאַמיליע האָבן ווינטער געוואוינט אין פעטערבורג. זיי פלעגן קומען צו זייער בעליניצער פאַלאַץ נאָר אין די הייסע זומער מאָנאַטן.

וואָכן לאַנג, איידער זיי פלעגן קומען, איז שוין געווען קענטיק, אַז מען גרייט זיך אויפצונעמען די געהויבענע געסט.

אין הויף פלעגט מען פוצן די בלומען־בייטן, צופוצן די „סטעזש־קעס" וואָס פלעגן פירן צום פאַלאַץ, פאַרבן מיט גרינע פאַרב די „שטאַכעטן", וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פאַלאַץ. זיי פלעגן אָנקומען אין פאַיעטאָנען, קאַרעטן, געשפּאַנט מיט די בעסטע פערד. די שטעטלדיקע איינוואוינער פלעגן אַרויס פון די הייזער אָנקוקן זיי. די מיידלעך פלעגן מיט קנאה קוקן אויף די שיינע קליי־דער פון די יונגע „פּאַניענקעס".

מיינע אור־עלטערן און עלטערן

דער זיידע, זלמן לעווין, מיין פאָטערס פאָטער, האָט געוואוינט אין סלאָוויען, ניט ווייט פון אָרשע. זיינע עלטערן זיינען געווען אַ טייל פון אַ גרופּע יידן, וואָס זיינען דאָרט באַזעצט געוואָרן אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, צו באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט און דאָס איז טאַקע געווען זיין באַשעפטיקונג דאָס גאַנצע לעבן.

מיין צווייטער זיידע, חיים שיפרין, דער מוטערס פאָטער, איז אין דער יוגנט געווען אַ שניידער, אָבער שפּעטער איז דאָס געווען אַ „סוד", וואָס מען האָט וועגן דעם ניט געטאָרט ריידן.

ער און די באָבע כאַשע האָבן נאָך זייער חתונה געוואוינט אין טאַלאַטשין. אין יענער צייט האָט זיך געבויט די אייזנבאַן, וואָס גייט פון ברעסט־ליטאָווסק קיין מאָסקווע. מיין באָבע איז געווען זייער אַן ענערגישע און קלוגע פרוי, האָבן זיי געעפנט אַ רעסטאָ־ראַן און האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן.

שפּעטער זיינען זיי געקומען קיין בעלינעץ און געדונגען ביי מיאַסאָיעדאָוון די ביר־ברויעריי. זיי האָבן געהאַט פינף טעכטער און איין זון, וועלכער איז געשטאָרבן יונגערהייט.

מיין מוטער כאַנע־שימע, (חנה־שימה) איז געווען די עלטערע.

ווי עס האָט זיך געפירט אין יענער צייט, האָט מען פאַר מיין מוטער געזוכט אַ חתן, וואָס זאָל קענען גוט „לערנען".

מיין פאָטער, שמואל נאָטע לעווין, איז ביז דער חתונה געזעסן אין דער ישיבה און געלערנט פאַר אַ רב.

אין יענער צייט האָט זיך געפירט, אַז פאַרמעגלעכע מענטשן, ווען זיי פלעגן חתונה מאַכן אַ טאָכטער, פלעגן צו דעם „נדן" אויך געבן אַ יאָר אָדער מער „קעסט", די יונגע פאָר פלעגט וואוינען ביי דער פרוים עלטערן.

מיין טאַטן האָט מען נאָך דער חתונה אריינגענומען אין געשעפט צו העלפן אין דער ביר־ברויעריי. זיינען אָבער אַוועק אייניקע יאָר, מען האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ צווייטע טאָכטער און, ווי עס פירט זיך, אויך איר געבן קעסט. האָט מיין פאָטער געמוזט אָפּליידיקן דעם פּלאַץ פאַר אַ צווייטן איידים.

מיר וואַנדערן פֿון „אימעניע" צו „אימעניע"

די רייכסטע פאַמיליע אין שטעטל איז געווען די סאָקאָלינס. דער אַלטער סאָקאָלין איז פריער געווען דער פאַרוואַלטער פון פיל אימעניעס אין אונדזער געגנט. זיין זון, משה, האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַן אימעניע, נעשקעוויטש און מיינע עלטערן האָבן ביי אים געדונגען דעם פאַכט.

אין דער צייט זיינען שוין ביי אונדז געווען דריי קינדער: דער עלטערער ברודער איז אַלט געווען 7 יאָר און ער האָט געדאַרפט גיין אין חדר, איז ער געבליבן ביים זיידן אין בעלינעץ. איך, דער יינגסטער, נאָענט צו דריי יאָר און מיין ברודער יעקב, נאָענט צו פינף יאָר, זיינען מיט די עלטערן געקומען קיין נעשקעוויטש.

מיט דעם פאַכט האָט זיך באַשעפטיקט נאָר די מוטער. דער פאָטער איז געוואָרן אַ מלמד ביים מילנער — שמעון נעשקעוויטשער, וועלכער האָט געהאַט צוויי יינגלעך. ווי אַזוי די מוטער, האָבנדיק צוויי קליינע קינדער האָט געקענט אַליין פירן דעם מילכיקס־געשעפט איז שווער צו פאַרשטיין.

די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. נאָר אויף צו מעלקן 40 אָדער 50 בהמות האָבן איר געהאָלפן פויערטעס. מען האָט געדאַרפט די מילך צעגיסן אין לוימענע קרוגן (לאַדישעס). ווען

דאָס איז געשטאַנען אַ פּאָר טעג האָט מען אַראָפּגענומען פון אויבן די סמעטענע (קרים) און פון דעם האָט מען „אויסגעשלאָגן" פוטער אין אַ באַיקע, אַ מין פעסל. מען פלעגט אַזוי לאַנג מישן און קלאַפּן די סמעטענע (קרים) ביז עס פלעגט ווערן פוטער. פון דעם טייל, וואָס איז געבליבן אין לאַדישעק נאָכדעם ווי מען האָט אַרונ־טערגענומען די סמעטענע, האָט מען געמאַכט קעז.

***

די ערשטע איינדרוקן אין מיין יוגנט הויבן זיך אָן אין נעש־קעוויטש.

דער פּריץ, סטאַש, אַ פּוילישער, פלעגט קומען זומער פון וואַר־שע. ער איז געווען אומגעהייער דיק. ווען ער פלעגט גיין, האָט זיך געדוכט אַז אַ פעסל קייקלט זיך. די פּאַניענקעס, זיינע צוויי טעכטער, פלעגן רייטן אויף פערד. זייערע בייזע הינט קען איך ביז היינט ניט פאַרגעסן. איבערהויפּט צוויי פון זיי, סולטאַן און ציגאַנקע. ווען איך פלעג זיי דערזען פון וויטן איז מיין איינצי־קע באַהעלטעניש געווען ביי דער מאַמען אונטערן פאַרטוך.

אין נעשקעוויטש האָב איך אויך געקראָגן מיינע ערשטע איינ־דרוקן פון דער רייכקייט, שיינקייט פון די פּריצישע מאַיאָנטקעס. מיר פלעגט זיך זייער שטאַרק וועלן גיין אין דעם גרויסן פרוכט־גאָרטן, וואו עס איז אויך געווען אַ סאַזשעלקע און שיינע בלומען־בייטן, אָבער די הינט זיינען געווען דער אָפּהאַלט.

אין נעשקעוויטש זיינען מיר געווען ווייניקער ווי אַ יאָר און אוועק אין אַן אַנדער אימעניע — קינעזיטש. אויך דאָרט האָבן מיר געהאַלטן דעם פּאַכט. דאָ זיינען מיר געווען אַ קורצע צייט, ווייל אַ פייער האָט פאַרברענט די שטאַלן מיט דעם גרעסטן טייל בהמות. שפּעטער האָבן מיר זיך באַזעצט אין דאָרף מאַרטשאַנאָ־וויטש. דריי וויאָרסט פון מאַרטשאַנאָוויטש איז געווען אַ גרויסער דאָרף מיט אַ וואַלאָסט און אַ ייד האָט דאָרטן געהאַלטן די קרעטש־מע (שענק). פון אים האָט די מאַמע געדונגען דעם שענק אין מאַרטשאַנאָוויטש. דער טאַטע איז דעמאָלט געווען אַ מלמד אין טיטערן, אַ שטעטעלע ביי אַ 15 וויאָרסט פון מאַרטשאַנאָוויטש.

מיר זיינען שוין געווען 4 קינדער. זיינען די עלטערע צוויי געווען ביי דער באָבען. פון די פּאַכטן איז ביי מיר געבליבן דע־רינערונגען וועגן סעדער, בלומען, וועלדער, פעלדער, פיש אין די

טייכן, דאָס פייפן און זינגען פון די פייגלען אויף די ביימער, דאָס שווימען פון די ענטלעך אין די סאַזשעלקעס, דאָס ארומלויפן פון די הינער, גענדז, ענדיקעס אין די הויפן. די געפאַרבטע פּאַקאָיעס, וואו די פּריצים האָבן געוואוינט.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט איך האָב דערזען אין מאַרטשאַנאַ־וויטשער שענק! אַ שטוב מיט אַ לאַנגן טיש, דער טיש אַרומגע־רינגלט מיט לאַנגע בענק. אַנטקעגן טיש איז די „סטאָיקע” (אַן אַרומ־געצאַמטער ווינקל), וואו עס שטייט אַ פעסל מיט בראָנפן. אויפן וואַנט, לעבן דער פעסל בראָנפן הענגען אויף אַ שנירל — בייגל. אין אַ פּאָלומעשיק ליגן דאַרע פישלעך.

אין צווייטן ווינקל געפינט זיך אַ גרויסער אויוון, לעבן אויוון אַ הרובע. אויפן אויוון איז דאָ פּלאַץ גענוג פאַר אַ גאַנצער פאַמיליע צום שלאָפן. ביינאַכט ווערט די קרעטשמע באַלויכטן מיט „לו־טשינקעס”, לאַנגע דינינקע קינעלעך. די קינעלעך ברענען אָדער אויפן קאַמינעק — (דער פאָדערשטער טייל פון אויוון) אָדער מען שטעקט זיי אַריין אין די שפּאַלטן פון וואַנט.

אין קרעטשמע איז אַלעמאָל אַ טומל. אַלעמאָל הענגט אַ רויך פון מאַכאָרקע. גאַנץ אָפט קלאַפּט מען אין טיר אין מיטן נאַכט. ווען מען וויל ניט עפענען ווערן די קלעפּ אַזוי שטאַרק, אַז עס דוכט זיך, אַז באַלד וועט די טיר צעבראָכן ווערן. דאָס קלאַפּט איינער וואָס וויל דווקא אַ טרונק בראָנפן.

זונטיק איז די קרעטשמע פול, דערשטיקט צו ווערן. דער רויך פון מאַכאָרקע איז אַזוי דיק, אַז מען זעט ניט קיין מענטשן.

די מאַמע, אַלט דעמאָלט אַ יאָר 30, האַלט אין איין הוסטן. זייער אָפט וויינט זי. ווען איך פרעג איר וואָס זי וויינט, דריקט זי מיך צו זיך. הייבט מיר אָן קושן און שיקט מיך אַרויס אין גאַס שפּילן. איך קוק אויף דער מאַמען און טרערן שטעלן זיך מיר אין די אויגן.

אין גאַס איז ניט פריילעכער. עס איז שמוציק, חזירים קריכן אַרום, די קליינע קריסטלעכע קינדער רייצן זיך מיט מיר, שרייען זשיד־כאַלאַמיד. הינטער אונדזער קרעטשמע איז אויך ניט בעס־סער. ס'איז דאָרט פול מיט מיסט פון די פערד און וועגענער, וואָס שטעלן זיך דאָרט אָפט אָפּ.

איין יאָר זיינען מיר דאָרטן געווען. אַ ביטערער שרעקלעכער

יאָר אין לעבן פון מיין מאַמען. ביז היינטיקן טאָג שטייט זי פאַר מיינע אויגן, ווי זי צינדט אָן פרייטיק־צו־נאַכט די ליכט, מיט געוויין זאָגט זי די תפילה, איינע אַליין דאַרף זי מאַכן קידוש אויף די חלה, אַליין מיט די צוויי קינדער עסן דעם מאָלצייט ביי די אָנגע־צונדענע שבת־ליכט. זיצנדיק ביים טיש האָט זי, ווייזט אויס, פאַר־גליכן איר איצטיקן לעבן מיט די יאָרן פאַר איר חתונה — די ליכ־טיקייט, פרייִלעכקייט וואָס דאָרט האָט געהערשט.

דעם דריטן מאַי, 1882, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צאַרישער באַפעל, וועלכער פאַרבאָט יידן צו וואוינען אין דערפער און מיר האָבן געמוזט פאָרן צוריק קיין בעלינעץ.

איך בין דעמאָלט געווען אַרום פינף יאָר אַלט. איך בין אָפּגעוועזן אין בעלינעץ ביז בר מצווה. דאָס זיינען די יאָרן, וועלכע ליגן זייער שטעמפּל אויף דעם גאַנצן ווייטערדיקן לעבן. די ביל־דונג, די דערציאונג, די אַרומיקע סביבה שאַפן דעם גייסטיקן פונ־דאַמענט פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן.

די יידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַרום דריי הונ־דערט פאַמיליעס, אַרום פופצן הונדערט יידן. די קריסטלעכע באַ־פעלקערונג אַ ביסל ווייניקער.

אין מיניאַטור, זיינען דאָרט געווען אַלע טיילן פון יידישער באַ־שעפטיקונג, פונקט ווי אין די גרויסע שטעט: — שוסטער, שניידער, סטאָליער, בלעכער, קירזשנער, שמידן. צו איינעם, צוויי אָדער דריי פון אַ פאַך. מערסטע האָבן געאַרבעט אַליין אָדער מיט אַ לערן־ייִנגל. אַ פּאָר פון די שניידער האָבן געהאַט געדונגענע אַרבעטער.

עס זיינען אויך געווען, ווי אומעטום, קרעמער, קאָמיסיאָנערן, וועלכע פלעגן פאָרן יעדע וואָך אין מאָליעוו איינקויפן פאַר די קרעמער. אַ פּאָר תבואה־הענדלער, מלמדים, „קאַראַבעלניקעס” (פּעד־לער), וועלכע פלעגן אַרומגיין איבער די דערפער איינקויפן און פאַר־קויפן צו די פּויערים.

די רייכסטע פאַמיליע אין שטעטל איז געווען די פאַמיליע פון מיכל סאָקאָלין מיט זיינע קינדער — משה, זימעל, עלאָשע, — זיין איידעם משה, וואָס האָט געהאַלטן די צוויי מילן אין שטאָט.

הירשל הורוויטש, וועלכער האָט געהאַלטן די גוראַלניע און זיין זון נאָטקע זיינען אויך געווען פון די פאַרמעגלעכע. אויך אונדזער

זיידע חיים דער פּיוואָוואַר, איז געווען פאַררעכנט צווישן די פאַר־מעגלעכע בעלי־בתים.

אין שטעטל זיינען אויך געווען אייניקע פאַמיליעס, וואָס מען האָט זיי גערופן: די מאָסקווער, ווייל אַ גאַנץ יאָר האָבן זיך די באַלעבאַטים געפונען אין מאָסקווע.

חיים־לייב פּערשיץ, איז געווען אַ „פּערווע גילדע קופּעץ" (אַ פּריווילעגירטער סוחר), זיין פרוי ברײנע האָט געהאַט אַ שניט־קראָם; די גרעסטע צאָל יידן האָבן אָבער געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, אריינ־גערעכנט די בעלי־מלאכות.

די מלמדים זיינען געווען צעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: ערשטע קאַטעגאָריע, סענדער, שלום און שמעון אייזיק, האָבן געלערנט פון אַלף־בית ביז סידור, און שפּעטער אויך חומש; די צווייטע קאַטעגאָריע: אברהם עליע און אשר פּייוויש, חומש און תנך ביז ישעיהו; די דריטע קאַטעגאָריע: משה בער, יאָניע און אונדזער פאָטער — תנך פון ישעיהו און גמרא.

איך הויב אָן גיין אין חדר

אז עס איז געקומען די צייט פון אריינגעבן אַ יינגל אין חדר איז דאָס געווען אַ יום־טוב פאַר די עלטערן. דער פאָטער אָדער מוטער פלעגט ברענגען דאָס קינד אין חדר און ווען דער מלמד האָט אָנגעהויבן מיטן קינד לערנען פלעגן אויפן טיש פאַלן קאָפּיקעס אָדער נאַשערייען פון דער הויך. דעם קינד האָט מען געזאָגט, אז דאָס וואַרפן מלאכים פון הימל ער זאָל לערנען גוט.

מיין ערשטער רבי איז געווען סענדער, ער איז שוין געווען אַלט און בלינד אויף איין אויג. אָנגעטאָן אין אַ טלית־קטן, האַלט אין איין האַנט אַ טייטל, צווישן די פינגער פון דער צווייטער האַנט האַלט ער אַ שמעק טאַבאַק. אויפן טיש ליגט אַ קאַנטשיק. פון צייט צו צייט קריגט פון אים אַ יינגל אַ שמיץ, — איינער, פאַרוואָס ער האַלט די הענט ניט גוט; דער צווייטער האָט זיך אָפּגעקערט פון סידור.

דעם אַלף־בית האָט די מאַמע מיר פריער אויסגעלערנט. איך האָב שוין אויך געקענט אויף אויסווייניק אַלע ברכות.

ווען איך האָב געקראָגן די עטלעכע קאָפּיקעס, וואָס די „מלאכים" האָבן פאַר מיר אַרונטערגעוואָרפן פון הימל, האָט סענדער פאַר מיר

געעפנט אַ סידור מיט גרויסע ווערטער. ער האָט מיך פאַרהערט, צי איך קען אַלע אותיות ביים נאָמען. מיין מאַמע האָט געקליבן נחת פון דעם, וואָס זי האָט מיך אַזוי גוט צוגעגרייט. דער רבי האָט מיר געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און מיך שטאַרק געלויבט.

שווער איז מיר אָבער געווען צוגעוואוינען זיך צום חדר.

איך בין אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער נאַטור. מיך האָט געצויגן צום פעלד און וואַלד, צו די טייכלעך, צו די סאַזשעלקעס, און דאָ דאַרף איך זיצן 10 שטונדן פאַרשפּאַרט אין אַ קליינעם צימער מיט נאָך צען אָדער צוועלף קינדער.

דעם זעלבן יאָר, ווען מיר זיינען געקומען אין בעלינעץ, איז גע־בוירן געוואָרן מיין שוועסטער צירע. אין אַלגעמיין פלעגט מען זיין מער צופרידן ווען אַ זון פלעגט געבוירן ווערן. פאַר דעם איז געווען זייער פיל אורזאַכן. אַ זון וועט זאָגן קדיש נאָכן טויט פון די עלטערן, פון אַ זון קען מען דערוואַרטן ער זאָל זיך גוט לערנען, און צוליב דעם וועט מען האָבן פון אים נחת. עס קען אַמאָל אַפילו טרעפן ער זאָל ווערן אַ רב. ווען אַ זון וואַקסט אויס דאַרף מען זיך ניט ברעכן דעם קאָפּ ווענן געבן אים נדן. איך בין אויך געווען מער צו־פרידן ווען עס פלעגט געבוירן ווערן אַ יינגל, ווייל די צערעמאָניע מיט אים איז פיל גרעסער.

פרייטיק צו נאַכט, נאָך פאַרן ברית, קומט מען זיך צוזאַמען. אויפן טיש שטייען שוין: געקאָכטע אַרבעס, אויער־קיכלעך און נאָך גו־טע זאַכן און איך וויים, אַז מיר וועט פון דעם אויך עפּעס אָנקומען. דער עולם עסט, מען זינגט זמירות — דאָס פּראַוועט מען אַ בן זכר, די פרייד וואָס אַ זון איז געבוירן געוואָרן. אַ וואָך נאָכן געבורט ריכט מען אָפּ דעם ברית. נאָכדעם הויבט זיך אָן די אמתע שמחה. מען טרינקט בראַנפן, מען עסט לעקעך און ווי געוויינלעך, אַז מען טרינקט ווערט מען פריילעך. זינגט מען.

אָבער ווען מיין שוועסטער צירע איז געבוירן געוואָרן איז די שמחה געווען גרויס, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע טאָכטער. ביז איר געבורט, זיינען מיר געווען פיר זין. מיר האָבן דאַן געוואוינט אויפן פּאָדאָל. נאָענט צום טייך. די גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון איין צימער, ווי געוויינלעך, מיט אַ גרויסן אויוון. קיין הילצערנער דיל איז ניט געווען, אַזוי אַז מען פלעגט אַרומגיין אין הויז אויף היי־לער ערד.

אַלטער דער טויבער, אין ווען מען האָט זיך צעבראָכן און וועמענס הויז מיר האָבן געוואוינט, איז געווען אַ קאַראַבעלניק, ער פלעגט אַ גאַנצע וואָך אַרומגיין מיט אַ גרויסן פּאַק אויף זיינע פּלייצעס פון דאָרף צו דאָרף צו פאַרקויפן זיין סחורה. ער מיט זיין פרוי דבורה און עטלעכע קינדער האָבן פאַר־נומען אין הויז אויך אַזאַ „פּאַלאַץ" ווי מיר פון איין צימער. אין שטעטל האָט מען וועגן אים דערציילט, אַז זיין פרוי דבורה, האָט אים איינמאָל געהייסן וויגן דאָס קינד וואָס איז געווען קראַנק. זיצט ער און וויגט ביז זיין פרוי איז צוגעגאַנגען און האָט דערזען אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן. האָט זי גענומען וויינען און שרייען צו אים אַז ער וויגט אַ טויטע קינד: „וואָס ווייגסטו און שרייסט אַזוי — האָט ער צו איר געזאָגט, — דאָס קינד איז טויט? נו, וועל איך אויפ־הערן וויגן..."

אין אַ ווייס־רוסישער שטעטל אין די אַכציקער יאָרן

צו געבן אַ קלאָרן בילד פון מיין לעבן אין יענער צייט (דאָס איז אויך געווען דער לעבן פון אַלע קינדער, מיט זייער קליינע אויסנאַ־מען), — וועל איך נעמען איין יאָר און פּרובירן איבערגעבן דעם יאָר מיט אַלע איינצלהייטן. ווייל אין אַלגעמיין איז דער אונטערשייד צווישן איין יאָר און אַ צווייטן געווען זייער קליין.

דער ווינטער פלעגט ברענגען ווייניק פאַרגעניגן פאַר אונדז, יידישע קינדער. דער טאָג איז קליין און די נאַכט גרויס. פון איג־דערפרי ביז אַכט ביינאַכט דאַרף מען זיין אין חדר. אַ ביסל פאַרגע־ניגן האָבן געגעבן די פּאַפּירענע לאַמטערנעס, וועלכע האָבן גע־דאַרפט באַלייכטן דעם וועג ווען מען איז געגאַנגען אַהיים פון חדר. יעדער ייִנגל האָט געוואָלט אַז זיין לאַמטערנע זאָל זיין די שענסטע.

אַזוי ווי פון חדר פלעגן אַרויסגיין אַלע מיטאַמאָל, און מען פלעגט גלייך נעמען זיך שטופּן, אַריינצושטופּן איינער דעם צווייטן אין שניי אַריין, אָדער גליטשן זיך — פלעגט די לאַמטערנע אָפט זיך אָנצינדן און פאַרברענט ווערן צום גרויסן פאַרגעניגן פון די איבעריקע ייִנגלעך.

חנוכה

ווי נאָר עס פלעגט זיך אָנהויבן דער ווינטער, פלעגן מיר, קינדער, שוין וואַרטן מיט אומגעדולד, אַז חנוכה זאָל קומען. וואָרים חנוכה איז געווען אַזאַ יום־טוב, וואָס יעדער ייִנגל האָט פון אים געהאַט פאַר־

גענייגן. ערשטנס, א גאַנצע וואָך לערנט מען נאָר א האַלבן טאָג אין חדר — דאַרף מען א גרעסערן פאַרגעניגן פון דעם? צווייטנס, דאָס שפּילן אין דריידל. דאָס דריידל, אָדער גאָר, ווי מען פלעגט דאָס אויך רופן, איז געווען אויסגעגאָסן פון בליי. ער האָט געהאַט פיר זייטלעך, אויף יעדן זייטל איז געווען אן אות: נ. ג. ה. ש., (נס גדול היה שם).

דער קונץ איז געווען, אז מען זאָל עס אזוי פאַנאַנדערלאָזן, אז דער גאָר זאָל זיך דרייען וואָס לענגער. אויב ער פלעגט פאַלן אויף א געוויסן בוכשטאַב פלעגט דער שפּילער געווינען.

ווי יעדער יום־טוב מיט זיינע ספּעציעלע מאכלים, האָט זיך חנוכה אויסגעצייכנט מיט די לאַטקעס. צו די לאַטקעס האָט מען אויך דערלאַנגט גריבענעס מיט גענדזענע שמאַלץ, אַמאָל אויך א שטיקל גאַנדז.

אָבער דער הויפּט מיט וואָס חנוכה האָט זיך ביי מיר אויסגע־צייכנט מער ווי אַן אנדער יום־טוב איז די חנוכה־געלט, וואָס איך פלעג קריגן.

די ערשטע עטלעכע קאָפּיקעס פלעג איך קריגן פון דעם טאַטן, נאָכדעם פלעג איך זיך אוועקלאָזן צו דער באָבען, וועלכע פלעגט מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן מיר דערלאַנגען איר חלק און מיט די פּאָר קושן, וואָס זי פלעגט מיר געבן פלעגט זי מיר וווּנטשן איך זאָל זיך גוט לערנען, פאָלגן טאַטע־מאַמע — דערהויפּט דער מאַמען, ניט צו־פיל שטיפן און אַם ירצה השם איבער־א־יאָר, אז מ'וועט לעבן און געזונט זיין, וועל איך ווידער קריגן חנוכה־געלט.

די צווייטע, וואָס האָט מיר געטראָגן די חנוכה־געלט אַנטקעגן איז געווען די מומע סאָשע. די מומע סאָשע, מיין מאַמעס יינגסטע שוועסטער, א מיידל פון א יאָר אכצן, איז געווען אליין א פאַרדי־נערקע, זי האָט פאַרקויפט הייוון.

נאָך דער מומע סאָשע פלעג איך גיין צום פעטער אברהם יוסף, וועלכער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט דער באָבען און געהאָלפן פירן דעם ביר־געשעפט. מיט אים איז דאָס אָנגעקומען ניט אזוי גרינג. ניט דערפאַר וואָס ער איז געווען קאַרג אויף די עטלעכע קאָפּיקעס,

נאָר אַזאַ נאַטור האָט ער שוין געהאַט. פריער האָט ער גערדאַרפט זאָגן אַ טויז חכמות און גלאַט אַזוי אָנריידן זיך און צום סוף ערשט מיר געבן חנוכה־געלט. געקראָגן פון אַלעמען די חנוכה־געלט, בין איך געוואָרן אַ גאַנצער גביר. אויף וואָס גיט מען דאָס אויס? דאָס איז שוין געווען ניט אַזוי שווער, זאָל נאָר קומען אין שטעטל דער פּאַקן־טרעגער (אָדער מוכר־ספרימניק).

דאָס אָנקומען אין שטעטל פון פּאַקן־טרעגער איז פאַר אַלעמען געווען אַ געשעעניש. פאַר די מיידלעך פון שטעטל האָט ער געבראַכט די „ראָמאַנען", די מעשה־ביכלעך, געשריבן אין פּשוטן יידיש וואָס יעדער קען פאַרשטיין — פון שאָמערן, בלאָשטיין, דינעזאָן און אַנדערע. מערסטנטייל פלעגט מען זיי ניט קויפן ביי אים נאָר נעמען „אויף פּראָקאַט", דאָס הייסט, אָפּצאָלן נאָר פאַרן איבערלייענען.

דערהויפּט איז דעמאָלט געווען פּאָפּולער יעקב דינעזאָנס „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". די געשעעניש פון דעם ראָמאַן איז פאָרגעקומען אין מאָהילעוו. ביי אונדז אין שטעטל פלעגן פיל זאָגן, אַז זיי קענען די פּערזאָנען, וועלכע דינעזאָן ברענגט אַרויס אין ראָ־מאַן. די מומע סאָשע האָט געזאָגט, אַז מיין פעטער אברהם־יוסף איז פּונקט ווי דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". אין דעם האָב איך מיט איר איינגעשטימט, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ שוואַרצער יונגער־מאַנטשיק, סיי אין אויסזען און סיי אין זיינע אינטריגעס — אין אונדזער פאַמיליע.

אַזאַ ראָמאַן ווי דינעזאָנס, אָדער די „קליאַטשע", „טאַקסע" און אַנדערע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים — פלעגט זיך אַ גרופּע צוזאַמענלייגן און קויפן ביים פּאַקן־טרעגער און נאָכדעם פלעגט יעדערער קריגן צום לייענען אין דער ריי.

דער פּאַקן־טרעגער האָט פאַרקויפט זיין סחורה אין בית המדרש. אויף דעם גרויסן טיש, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער וואָרעמער הרובע האָט ער אויסגעלייגט זיין סחורה. דאָרט איז געווען אַלץ, וואָס אַ יידישע הויז האָט געדאַרפט האָבן: טליתים, ציצית, מזוזות, שיר המעלות, תחינות פאַר די פרויען, תפילין, קינדערשע פאָנען פאַר שמחת־תורה, ביכער און ביכלעך צום לייענען, סידורים פון פאַרשיידענע פאָרמאַטן, מיט גרויסע ווערטער און קליינע. איין מין

סידורל איז געווען דער ליבלינג פון אַלע ייִנגלעך. ער איז געווען אין אַ קעשענע־פאָרמאַט און אַלץ איז דאָרט געווען: די תפילות צו דאַווענען אין מיטן וואָך, שבת, יום־טוב, פּרקי אָבות, תהלים — אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע. היינט, דער איינבאַנד — גאָלדענע ווערטער מיט גאָלדענע באַפּוצונג אויפן טאָוול און אויפן רוקן. איך פלעג שטיין און קוקן אויפן סידורל און ניט קענען די אויגן אָוועקרייסן. איך וויל אים נעמען אין האַנט כדי אים צו באַקוקן, אָבער דער פּאַקן־טרעגער שטופּט מיך אָפּ מיט אַ טאָן פון ביטול: „ייִנגעלע, ד ע ר סידורל איז ניט פאַר דיר, ער קאָסט צופיל געלט". דער פּאַקן־טרעגער ווייסט משמעות ניט, אַז איך בין אַ גאַנצער גביר מיט מיינע חנוכה־געלט. לאָז איך אים ניט אָפּ און פרעג דעם פּרייז. אָבער ער האַלט זיך ביי דאָס זייניקע. — „קום מיטן טאַטן", — זאָגט ער מיר ענדלעך. איך האָב געמוזט פאָלגן און ברענגען דעם טאַטן. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש: ער בעט מער און דער טאַטע גיט ווייניגער. מיין האַרץ קלאַפּט מיר פון שרעק, ווען איך זע, ווי דער טאַטע וויל אַוועקגיין. אָבער, צום סוף איז דער מסחר געמאַכט. ווער איז צו מיר דעמאָלט גלייך געווען? מיט וואָס פאַר אַ גדלות איך האָב דאָס געוויזן די איבעריקע ייִנגלעך און טאַקע ניט געלאָזט זיי צופיל בלעטערן מיין סידורל...

נאָך חנוכה האָט מען געדאַרפט וואַרטן עטלעכע חדשים ביז פּורים.

שדים, משיח און פּאָליטיקע

אין קליינעם צימער פון אונדזער חדר זיינען די פענצטער געווען אַזוי באַדעקט מיט אייז, אַז מען האָט דורך זיי קיין זאַך ניט געקאָנט זען. איז מען צופרידן, אַז עס ווערט פאַרנאַכט און דער רבי גייט מיט אונדז אין בית המדרש דאַווענען מנחה און מעריב.

צווישן מנחה, ווען עס איז נאָך ליכטיג און מעריב, ווען עס ווייזן זיך שוין שטערן אויפן הימל, האָבן מיר, קינדער, אַ קורצע צייט צו פאַרברייננגען. אין גאַס איז קאַלט, אָבער אין בית המדרש ברענען צוויי אויוונס. לעבן אויוון שטייט אַ לאַנגער טיש, אַרום טיש — לאַנגע הילצערנע בענק. זיצן אַלע גרויסע, אונדזער רבי אויך, און

מען הערט ווי איינער לערנט משניות, אָדער עין יעקב און טייטשט דאָס אויס פאַר די אָרומיקע.

מיר, יינגלעך, קלייבן זיך אויך צוזאַמען אין א ווינקל לעבן צווייטן אויוון און דערציילן זיך מעשיות. אין די געשפּרעכן צווישן אונדז, יונגע קינדער, האָט די וועלט פון שדים, מלאכים, פאַרשיידענע רוחות, פאַרנומען א גרויסן אָרט. א גרויסן טייל שדים האָב איך גע־קענט ביי זייערע פּערזענלעכע נעמען: אשמדאי, לילית, די מלאכים גבריאל, מיכאל אאז״וו. איך האָב אויך געוואוסט מיט וואָס יעדערער פון זיי „באַשעפטיקט״ זיך, ווי, צום ביישפּיל, וואָס דער אשמדאי האָט אָפּגעטאָן מיט שלמה המלך.

מיר פלעגן ריידן וועגן דער רוסאַלקע, וועלכע גייט אַרויס פון וואַסער אין דער געשטאַלט פון א וואונדערבאַרער שיינער פרוי, מיט לאַנגע האָר, און אויב עמיצער לאָזט זיך פון איר פאַרפירן, שלעפּט זי אים אַריין אין וואַסער און ער ווערט דערטרונקען.

מיר פלעגן זיך דערציילן וועגן די „קאַטלעצאָנים״ (כת לצנים) — שדים, וואָס טוען אָפּ שפּיצלעך. צום ביישפּיל: איר פאָרט אין וועג, זעט איר ווי עס ליגט א געבונדענער שעפּס. מיינט איר, אַז עמיצער האָט אים פאַרלאָרן. נעמט איר דעם שעפּס און לייגט אים אַרויף אויפן וואָגן און פרייט זיך מיט דער מציאה, וואָס איר האָט געפונען. פלוצלונג גיט זיך דער שעפּס א הייב־אויף און לאַכט זיך פאַנאַנדער אייך אין פּנים אַריין און פליט אַוועק.

אָט־די מעשיות פלעגן דערציילט ווערן אין נאָמען פון די עלטערן אָדער אייגענע, אַז זיי אַליין האָבן דאָס געזען...

אָדער די מעשה מיטן „דאָמאָוואָי״: דאָס איז א שד, וואָס געפינט זיך אין הויז, אין שטאַל, אָדער אויפן בוידעם, און איר זייט קיינמאָל ניט זיכער, וואָס ער וועט אָפּטאָן.

אָדער די מעשה מיטן געהאַנגענעם בחור:

ניט ווייט פון בעלינעץ איז דאָ א קליין דערפל, האַראַנאָוויטש. די קאָמיסיאָנערן דינגען דאָרט די פורן, ווען זיי פאָרן אין מאָהילעוו.

פאָרט איינמאָל א פויער אַהיים פאַרביי דעם בית־עלמין, ווינטער, אין א שטאַרקן פראָסט. פלוצלונג זעט ער ווי דאָס פערד האָט זיך „ספּודזשעט״ און גענומען שטאַרק לויפן. ער קערט זיך אום, צו זען וואָס דאָ האָט געטראָפן. זעט ער ווי א געהאַנגענער בחור — וואָס איז ניט לאַנג פאַר דעם באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב א ליבע —

שטייט בײַ אים אויפֿן וואָגן און ער בעט זיך ער זאָל אים נעמען צו זיך אַהיים. ער דערציילט אים, אַז די מתים טרייבן אים שטענדיק אַרום. איצט, אין דעם פֿראָסט, זײַנען די מתים אַוועק אין שול אַנוואַרעמען זיך. אָבער אים האָבן זיי ניט געוואָלט מיטנעמען. נאָך לאַנגער דינגעניש האָט אים דער גוי מיטגענומען, אָבער ווען ער איז געקומען צו זיך אַהיים גיט ער אַ קוק אין וואָגן, ערשט דער בחור איז ניט־געוואָרן...

מען דערציילט זיך אַנדערע געשיכטעס וועגן מתים, וואָס קומען נאָך האַלבע נאַכט, פֿאַרקלייבן זיך אין דער ווײַבערשער שול און געפֿינען זיך דאָרט ביז פֿאַרטאָג. ווען די ייִדן הייבן אָן גיין אין שול, גייען די מתים צוריק אין די קברים.

דער לויתן און שור הבר האָבן אויך פֿאַרכאַפּט אונדזער פֿאַנטאַזיע. דער לויתן איז אַזאַ פֿיש, וואָס רינגלט אַרום דעם גאַנצן ים אוקינוס. ער האַלט תמיד זײַן עק אין מויל, וואָרום ווען ער וואָלט אַרויסגעלאָזט דעם עק אויף איין מאָמענט, וואָלט די וועלט חרוב געוואָרן.

דער שור הבר ווידער איז דער גרעסטער אָקס אין דער וועלט. ער עסט אויף אין איין טאָג די גראָז פֿון הונדערטער בערג. מיט איין טרונק קען ער אויסטריקענען אַ טײַך. ווען משיח וועט קומען, וועט מען מאַכן אַ סעודה פֿאַר די צדיקים. זיי וועלן זיצן בײַ טישן געמאַכט פֿון איידלשטיינער, זיי וועלן עסן פֿיש פֿון לויתן, פֿלייש פֿון שור הבר, פֿאַרטרינקען מיט די בעסטע וויינען, און מלאָכים וועלן פֿאַר זיי טאַנצן און זינגען.

די מעשיות וועגן משיחן פֿאַרכאַפּן באַזונדערס די פֿאַנטאַזיע. מיר ווייסן מיט אַלע איינצלהייטן, ווי דער ווייסער פֿערד, אויף וועלכן משיח וועט פֿאָרן, וועט אויסזען און פֿון וואָס פֿאַר אַ בוי־מאַטעריאַל עס וועלן זײַן די בריקן אויף וועלכע משיח, זײַן סוויטע און די באַ־פֿרייטע ייִדן וועלן דאַרפֿן אַריבערגיין: די ייִדישע בריקן וועלן זײַן פֿון פּאַפּיר, די בריקן פֿון די פֿעלקער, מיט וועלכע משיח וועט מלחמה האַלטן, וועלן זײַן פֿון אײַזן. וועט אָבער געשען אַ נס — די אײַזערנע בריקן וועלן איינפֿאַלן און די פּאַפּירענע וועלן זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן. אַלע געשטאָרבענע וועלן דעמאָלט לעבעדיג ווערן און וועלן זיך קייקלען פֿון זייערע קברים אונטער דער ערד ביז זיי וועלן קומען אין ארץ־ישראל.

און אַז מען רעדט וועגן משיחן, פֿאַרפֿאַרט מען שוין אויך צום

טייך „סמבטיון" מיט די צען שבטים פון די „רויטע יידעלעך" וואָס געפינען זיך אויפן צווייטן זייט טייך, אין אַ לאַנד וואָס דער סמבטיון טיילט זיי אָפּ פון דער אַרומיקער וועלט. דער טייך וואַרפט פון זיך כסדר גרויסע שטיינער, וועלכע מאַכן אוממעגלעך מען זאָל אים קאָנען אַריבער. בלויז איין טאָג אין וואָך, שבת, איז דער טייך רואיק, אָבער שבת טאָרן דאָך יידן ניט פאָרן אויפן טייך. שטייט מען אויפן צווייטן זייט טייך און מען זעט פון ווייטן ווי געזונט, ווי העלדיש, די „רויטע יידעלעך" זיינען. ווען משיח וועט קומען, וועט דער טייך סמבטיון אויפהערן וואַרפן די שטיינער, די צען שבטים וועלן זיין די העלדן פון משיחס אַרמיי, מיט וועלכער ער וועט באַזיגן אַלע פעלקער, באַפרייען די יידן פון גלות און זיי ברענגען צוריק אין ארץ־ישראל.

אין אַ ווינקל פון שול, נעענטער צו דער מזרח־וואַנט, שטייט אַ גרופּע מיט בערל דעם מילנערס איידעם, וועלכער איז באַוואוסט אין שטעטל אַלס אַ „היינטוועלטיקער". ער און נאָך איינציקע פון די שטעטלשע יונגעלייט שרייבן צוזאַמען אויס די העבּרעאישע צייטונג „הצפירה".

בערעלס גרופּע רעדט וועגן „פּאָליטיקע", וועגן די לעצטע נייס אויף דער וועלט, וועגן מלחמות וואָס זיינען געווען מיט יאָרן צוריק אָדער וואָס מען דערוואַרט, אַז זיי וועלן קומען. אָפּט ריידן זיי אַזוי שטיל, אַז מען קען קוים הערן. דאָס רעדט מען וועגן די מענטשן וואָס זיינען קעגן דעם קייסער, וועלכע האָבן געטויט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און ווילן אויך טויטן זיין יורש, אַלעקסאַנדער דעם דריטן. מען דערציילט ווי מען באַגייט זיך מיט זיי ווען מען כאַפּט זיי: מען זעצט זיי אַריין אין אַ שוואַרצער קאַרעטע, געפירט פון שוואַרצע פערד, וועלכע לויפן זייער שנעל. מען ווייסט קיינמאָל ניט וואוהין מען פירט זיי. שפּעטער זעצט מען זיי אַריין אין אַ „שטיינערנעם זאַק", וואָס איז אַזוי קליין, אַז מען קען זיך דאָרטן ניט אַ קער טאָן. דאָרט זיצן זיי ביז מען פירט זיי צום הענגען.

חמישה עשר בשבט

זעקס וואָכן נאָך חנוכה קומט אַ קליינער יום־טוב: חמשה עשר בשבט. פאַר די גרויסע איז דער טאָג כמעט ניט קיין יום־טוב, אָבער פאַר אונדז, קינדער, איז ער געווען וויכטיק צוליב צוויי אורזאַכן:

ערשטנס, לערנט מען אין חדר בלויז א האלבן טאג און, צווייטנס, עסט מען באקסער.

איינמאל, אויפעסנדיק מיין שטיקל באקסער, האב איך זיך גע־שפילט מיט אביינדל און האב עס אריינגעשטופט אין אויער. עס זיינען אוועק א פאר טעג און איך האב געגומען פילן א ווייטיק, נאר איך האב ניט געוואלט אויסזאגן מיין מאמען. אין עטלעכע טעג ארום איז דער ווייטיק געווארן אזוי שטארק, אז איך האב שוין געמוזט דערציילן וואס מיט מיר האט געטראפן. מען האט מיך אוועקגעפירט צום קריסטלעכן פעלדשער, וועלכער האט מיט גרויס שוועריקייטן ארויסגענומען דאס ביינדל. צו דעם גרויסן ווייטיק וואס איך האב געליטן ביים ארויסנעמען דאס ביינדל האב איך נאך א לאנגע צייט געדארפט אויסהערן די חכמות פון מיינע חברים, אז איך האב געוואלט פארפלאנצן א באקסער־בוים אין מיין אויער.

פורים

פון דעם באקסער־יום־טוב ביז פורים איז שוין אינגאנצן פיר וואכן. די שטימונג ביי אונדז, חדר־יינגלעך, ווערט א געהויבענע. דער טאג ווערט גרעסער. גאנץ אפט שיינט די זון אזוי שטארק, אז די פארפראָרענע פענצטער אין חדר גייען שוין אביסל אפ און מען קען ארויסקוקן אין גאס אריין.

ציילט מען די טעג, וואס זיינען נאך פארבליבן ביז פורים. מען גרייט צו גראגערס — „קלאפער־געצייג" וואס קענען אנמאכן א גרויסן טומל. די אָרעמערע יינגלעך מאכן זיי אליין פון האלץ, די „רייכערע" — קויפן בלעכערנע גראגערס ביי די שטעטלדיקע בלעכערס. אין חדר זיינען מיר שוין מער פארטאן מיט אונדזערע גראגערס ווי מיט דעם לערנען.

מיט אומגעדולד ווארט מען אויף ערב פורים בייגאכט ווען מען וועט אין בית המדרש לייענען די מגילת אסתר, די באשרייבונג פון דעם נס פורים.

דער בית המדרש איז העל באלויכטן. מיר האלטן זיך וואס ווייטער פון אונדזערע עלטערן כדי צו קאנען אומגעשטערט מאכן א גרע־סערן טומל יעדעס מאל ווען המנ'ס נאמען וועט דערמאנט ווערן.

ווען עס קומט די צייט פון „קלאפן המנען", באנוצט מען זיך מיט אלץ, וואס קאן מאכן א טומל. די קינדער, וואס האבן ניט קיין

גראַגערס, קלאַפּן מיט די פּיס, מיט שטיקער האָלץ, מיט „קאַלע־קאַטקעס”. מיר ווערן מיטגעריסן מיט אונדזער זעלטענער פרייהייט צו מאַכן טומל און ניט באַשטראָפט ווערן, ניט פון רבין און ניט פון טאַטן.

פּורים האָט פאַרכאַפּט מיין פאַנטאַזיע פון דעם מאָמענט ווען דער רבי אין חדר האָט מיט אונדז געלערנט די געשיכטע פון פּורים. אַלס צוגאָב צום רבינס פאַרטייטשונג האָב איך אַליין „געשטודירט” דעם ענין אין מיין מאַמעס דיקן טייטש־חומש. דאָרט איז די גאַנצע געשיכטע געווען באַשריבן אין יידיש און דערצו נאָך מיט די בילדער פון אַלע העלדן אין דעם מערקווירדיגן ראָמאַן: דער קעניג אחשורוש, זיין פרוי ושתי, זיין יידישע געליבטע, אסתר, איר פעטער מרדכי און דער שונא פון די יידן, המן.

איך האָב געשטודירט די בילדער — איז אסתר טאַקע אַזוי שיין, ווי מען באַשרייבט זי? אַז זי איז געווען זייער אַ שיינע, אין דעם בין איך געווען זיכער. ווארום אויב זי וואָלט ניט געווען אַזוי שיין, וואָלט זיך דאָך דער קעניג ניט פאַרליבט אין איר. מיין פאַנטאַזיע איז געווען פאַרכאַפּט מיט דעם וואונדער וואָס איז געשען: אַ קעניג, וואָס געוועלטיגט איבער הונדערט־זיבן־און־צוואַנציק מדינות, לאָזט זיך איינריידן פון זיין שני־למלך, המן, מען זאָל אין איין טאָג אויס־הרגענען אַלע יידן אין זיינע מדינות. אַלץ איז שוין צוגעגרייט דערצו, נאָר, אָט קומט אסתר, רעדט איבער דעם קעניג, און אָנשטאָט די יידן זאָלן פאַרטיליגט ווערן, ווערן גאָר אומגעבראַכט אַלע זייערע שונאים, המן מיט זיינע זין ווערט אויפגעהאַנגען און דער ייד, מרדכי, אסתרס פעטער, ווערט שני־למלך. איז קיין וואונדער ניט, וואָס איך האָב געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז פּורים זאָל שוין וואָס גיכער קומען.

אַ גרויסע צוציאונג־קראַפט פון פּורים פאַר קינדער איז געווען די שלח מנות און די פּורים־סעודה.

ווען וואָלט אַן אָרעם יידיש ייִנגל אַנגעזען אָדער געוואוסט דעם טעם פון אַזוינע שיינע צוקערקעס, פון אַזוינע קאָלירטע צוקערנע־פיגורן, ווען ניט פּורים — ווען מען שיקט איינער צו די אַנדערע שלח־מנות? אַ פּאָר טעג נאָך פּאַר פּורים איז שוין מיין קאָפּ געווען פאַר־נומען מיט דעם ענין שלח־מנות.

נאָך די שלח־מנות, איז געווען די פּורים־סעודה. אייגנטלעך האָט זיך דער יום־טוב אָנגעהויבן נאָך ערב פּורים — גלייך ווי די

מאַמע האָט גענומען צוגרייטן די האָמענטאַשן. מיר האָט זיך זייער געוואָלט פאַרזוכן די מאָן, וועלכע איז געווען צומישט מיט האָניק, איידער מען לייגט דאָס נאָך אַריין אין די האָמענטאַשן. נאָכדעם האָב איך געציילט די מינוטן ווען די האָמענטאַשן וועלן שוין אַרויס־גענומען ווערן פון אויוון.

די פורימדיקע סעודה האָט מען אויך ניט געקענט פאַרגלייכן צו אַנדערע יום־טובים. עס איז ניט געווען דעם טאַטנס שטרייַנגקייט, זיין פאָדערן מען זאָל זיך אויפפירן סטאַטעטשנע, ניט שטיפן ביים עסן און נאָך אַזעלכע זאַכן. פורים איז געווען דערלויבט פיל זאַכן, וואָס ביי אַנדערע יום־טובים האָט מען ניט דערלויבט.

פ ס ח

אָפטמאָל קלער איך, אַז די אַלע יידישע יום־טובים זיינען ווי ספּעציעל באַשאַפן געוואָרן פאַר די יידישע קינדער. ווי אָרעם, ווי מאָנאָטאָן וואָלט אויסגעזען אַ יידיש קינדס וועלט אין די קליינע שטעטלעך, ווען עס וואָלט ניט געווען די פרייד, וואָס דער יום־טוב האָט געגעבן?

גלייך נאָך פורים איז שוין מיין קאָפּ געווען פאַרנומען מיט דעם נייעם „גאַרניטער" וואָס די מאַמע האָט צוגעזאָגט, אַז מען וועט פאַר מיר אויפנייען אויף פסח. דעם, וואָס איך האָב געטראָגן, האָט זי אַ גאַנצן ווינטער געהאַלטן אין איין לאַטען. אין פיל ערטער איז געווען אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. איך פלעג אָפט דאַרפן, קומענדיק פון חדר, אויסטאָן דעם „שפּענצער"*) און זיצן אויפן אויוון, צו געבן אַ מעגלעכקייט דער מאַמען צו לייגן אויף זיי נייע לאַטעס.

גלייך נאָך פורים איז די מאַמע אַוועק צו ברייַנע'ן, וועלכע האָט געהאַט אַ שניט־קראָם אין מאַרק, האָט אויסגעקליבן אַ שטיקל „טשאַרטאָווע קאָזשע", — אַזאַ שטאַרקע און זייער האַרטע סחורה. קיין מזומן האָט מען פאַר דער וואַרע ניט געדאַרפט צאָלן, ווייל איר זון האָט געלערנט ביי מיין טאַטן. שפּעטער האָט די מאַמע מיך גענומען צו זימל דעם שניידער. עס האָט גענומען לאַנג ביז מען איז דורכגעקומען מיטן פרייז פון געניי. זימל הויבט אָן נעמען די מאָס. ווי געווינטלעך, הייסט די מאַמע דער גאַרניטור (אַנצוג) זאָל זיין וואָס

*) אַזעלכע קינדער־הויזן, וואָס האָבן פון הינטן געהאַט אַ עפענונג, דורך וועלכער דאָס העמד פלעגט אָפט אַרויסשטעקן ווי אַן עקעלע.

לענגער און וואָס ברייטער, ווארום, ערשטנס, וואקסט מען אויס דורכן יאָר און, צווייטנס, זאָגט זי, איז זי זיכער, אַז ווען ער וואָלט לעצטן יאָר געמאַכט מיין גארניטער ברייטער, וואָלט איך אים ניט צעריסן אַזוי שנעל. עס ווילט זיך מיר זייער זאָגן זימלען מיין פארלאַנג. מיר ווילט זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן די קעשענעס, אַז זיי זאָלן זיין וואָס טיפער, כדי איך זאָל דאָרטן קאָנען האַלטן אַלע מיינע זאַכן... עס גייט צו פּסח. איך וועל האָבן אַ סך וועלעשענע ניס, און נאָך מער, אויב איך וועל געווינען שפּילנדיק אין ניס מיט די יינגלעך. די קעשענעס וועלן אויך צוניץ קומען אויף האַלטן אין זיי קנעפּלעך, טיילן פון די אַלטע זייגערס, און נאָך אַזעלכע אַנטיקן, מיט וועלכע מיר שפּילן זיך; איך באַשליס צו ריידן מיט זימלען וועגן מיינע קעשענעס, ווען איך וועל קומען מעסטן מיין גארניטער אָן דער מאַמען.

צוויי וואָכן פאַר פּסח גייט מען אין חדר נאָר האַלבע טעג. אָבער אפילו דער האַלבער טאָג אין חדר איז שוין אויך דורכגענומען מיט אַ פּסחדיקער שטימונג. מען לערנט די הגדה און דער רבי דערציילט וועגן די יידן אין מצרים און ווי זיי זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן. פאַר מער איינצלהייטן ווענד איך זיך ווידער צו מיין מאַמעס טייטש־חומש. דאָרט האָב איך די בילדער פון דער גאַנצער דראַמע, וואָס איז פאַר מיר לעבעדיק, ווי זי וואָלט ערשט נעכטן געשען.

מיין פאַנטאַזיע טראָגט מיך אין די אַלע פּלעצער פון מצרים. ביינאַכט חלומען זיך מיר די אַלע פּאַסירונגען.

צוויי וואָכן פאַר פּסח וואַרעמט שוין די זון אַזוי שטאַרק, אַז פון צעגאַנגענעם שניי ציט זיך אין גאַס אַ שטראָם וואַסער, וועלכער פאַלט אַריין אין טייך. דאָס אייז אויפן טייך ווערט באַלד פלאַצן. עס ווערט אָנהייבן לאָזן קריעס, מען ווערט אויפהייבן די זאַסטאַווע (הרעב־ליע) אונטערן בריק דורכצולאָזן די קריעס. עס ווילט זיך שטיין אויפן בריקן און קוקן שטונדן־לאַנג, ווי די אייז־קריעס יאָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע.

אין הויז איז די מאַמע שטאַרק פאַרנומען: זי גרייט צו, „שטעלט ראָסל" אין אַ פּעסל, וואָס איז גוט אויסגעשייערט און אויסגעקאַשערט. זי רייניקט אויס אַ ווינקל אין הויז וואו דער ראָסל וועט שטיין. דער ווינקל דאַרף שוין זיין אַ פּסחדיקער און מיר, קינדער, טאָרן דאָרט ניט צוגיין.

מען הייבט שוין אָן באַקן די מצות. דאָס ווערט געטאָן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות: שכנים, פריינט, באַקן מצות אין איין הויז. יעדערער ברענגט זיין מעל. די פרויען — קנעטן, וועלגערן; די עלטערע יינגלעך זיינען די רעדלער, וואָס מאַכן די לעכעלעך אין די מצות; די יינגערע — טיילט מען איין די אַרבעט פון גיסן דאָס וואַסער ביי דער קנעטערקע. מיט קנאה קוקן די יינגערע יינגלעך, ווי די עלטערע רעדלען די מצה. מען גייט צו און מען בעט זיך מען זאָל לאָזן אָפּרעדלען כאָטש איין מצה. גליקלעך איז דער יינגל, וואָס האַלט אויס דעם עקזאַמען און צערייסט ניט די מצה ביים רעדלען, דאַן האָט ער אַ מעגלעכקייט אַריינגענומען צו ווערן אין פאַך „רעדלער". גרויס איז די טראַגעדיע פון דעם יינגל, ביי וועמען די מצה איז צעריסן געוואָרן. ער וועט שוין דאַרפן בלייבן אַ „וואַסער־גיסער" און וואַרטן צו ווערן אַ רעדלער ביז דעם קומענדיקן פּסח.

אונדזער וואוינונג איז איצט ביי משה דעם בלעכער. דאָס איז די דריטע דירה זינט מיר זיינען געקומען פון דאָרף. משה דער בלעכער האָט געהאַט צוויי הייזער — איינע, אַ נייע, מיט אַ פונדאַמענט אויף וועלכן דאָס הויז איז געשטאַנען, מיט אַ „וועראַנדע" צום פראָנט, אַזוי ווי ביי די גבירים, דאָרט האָט ער געוואוינט. דאָס צווייטע הויז, דאָס אַלטע, טיילווייז איינגעזונקען אין דער ערד, די וואַנט צום גאָס — אויסגעבויגן, מיט אַ ערדענער פריזבע — האָט ער פאַרדונגען צו אונדז.

פאַר אונדז איז די דירה געווען ווי אַ פּאַלאַץ אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע. ווען מען האָט געעפנט די טיר אויף אַריינצוגיין, איז מען אַריין אין אַ „פירוויש", אַ מין אַריינגאַנג, אָן אַ דיל. דאָרט איז געווען דער אויוון. דאָס איז אויך געווען אונדזער שפּייכלער. אַ ווינקל איז געווען אָפּגעצאַמט וואו עס איז געלעגן די בולבע און אַ פּאָר זעקלעך מעל. יעדע וואָך האָט די מאַמע אַליין געבאַקן אַ „געבעקס" ברויט. ווייל פרישע ברויט עסט זיך שנעלער, האָט די מאַמע אונדז ניט געגעבן צום עסן די פרישע ברויט, נאָר זי פלעגט לייען ביי משה דעם בלעכער אַלטגעבאַקענע פאַר אַ טאָג אָדער צוויי. מיר האָבן אויך געהאַט אַ שטאַל פאַר אונדזערע דריי ציגן. פון פירוויש איז מען אַריין אין אַ גרעסערן צימער מיט אַ דיל, וואָס איז ניט געריניקט געוואָרן אַ גאַנץ יאָר. מען פלעגט בלויז יעדן טאָג צוקערן און פרייטיק פלעג איך ברענגען זאַמד און מען פלעגט דעם זאַמד אויסשיטן אויפן דיל.

בלויז פאר פסח, ווען מען האט געמוזט אפריייניקן דעם דיל, פלעגט מען אויף אים אנגיסן וואסער, לאזן גוט דורכווייקן די ערד מיט די זאמד וואס האט זיך אנגעקליבן פון א גאנץ יאר און נאכדעם מיט א גראב־אייזן, מיט וועלכן מען גראבט ערד, ארונטערנעמען גאנצע פלאכטעם בלאטע פון דיל. פארטיק געווארן מיטן דיל און אויך מיטן אויסרייניקן דעם פירויש פון גאנצן חמץ, האט מען זיך גענומען צו די טעפ, פאנען און געשיר.

די ליימענע טעפ זיינען אלע געווען חמצדיק. ווען אזא טאפ האט זיך צעשפאלטן, האט מען אים ניט ארויסגעווארפן, נאר מען האט אים פארפעסטיקט מיט דראט. די דראט איז מיט דער צייט דורכגענומען געווארן מיט די פעטקייט פון קאכן. אזא טאפ איז געווען טייערער ווי א נייער, ווייל ער איז געווען שטארקער. גע׳כשר׳ט אויף פסח האט מען נאר קופערנע טעפ, פאנען, דעם סאמאוואר, און מען האט זיי אריינגעטראגן צו משה׳ן ער זאל זיי „אויסווייסן".

אונדזער מעבל: א הילצערנער טיש, א פאר לאנגע בענק, א פאר שטולן, 2 בעטן — זיינען ארויסגעטראגן געווארן אין הויף און דארט האט מען זיי געוואשן און געקאשערט מיט קאכיקע וואסער. נאך א וואך שווערער ארבעט האט אונדזער דירה געקראגן אן אנדער אויסזען. דער דיל, די מעבל — אלץ האט אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי ניי. די לעצטע פאר טעג פאר פסח האט די מאמע כמעט ניט אריינגעלאזט אין הויז. עסן האט זי געגעבן אין א ווינקל און וואו נאר מיר, קינדער, פלעגן זיך א קער טאן, האט זי געשריען, אז מיר מאכן חמצ׳דיק די הויז.

ערב פסח, ווען מען קומט פון שול נאכן דאוונען, עסן מיר פרישע, הייסע בולקע מיט ווארעמע מילך. כדי צו פארשטיין דעם גרויסן יום־טוב פון עסן פרישע בולקע מיט ווארעמע מילך איז נייטיק צו דער־מאנען, אז דער אלטעגלעכער וואכיקער עסן איז באשטאנען פון א „קרופניק" — א מילכיקער קרופניק, אדער א קרופניק צוגעריכט מיט שמאלץ־ציבעלעס.

און אט, די מאמע גייט מיט מיר צו זימל דעם שניידער אפנעמען מיין גארניטער. זי הייסט אים אנמעסטן און איז צופרידן, וואס ער איז אזוי לאנג און ברייט, אז מען קען באלד נאך איינעם אין אים אנטאן. איך בין צופרידן בלויז פון די קעשענעס. יעדן טאג בין איך געווען ביי זימל דעם שניידער צו זיין זיכער, אז די קעשענעס וועלן זיין טיפע.

עס ווערט פאַרנאַכט. מען גייט אין שול. דאָס גאַנצע שטעטל זעט אויס ווי אַ נייע — די הייזער, די מענטשן, אַפילו די לופט איז אָנגעפילט מיט יום־טוב. ווי וואָלט אויסגעזען אַ יידיש שטעטל, ווען עס וואָלט ניט געווען איין מאָל אַ יאָר פּסח, ווען דער דין פאָדערט צו מאַכן אַלץ ריין?

מען קומט פון שול. די שטוב איז ריין, ליכטיק. די מאַמע זעט אויס שענער ווי ווען ניט איז פריער. דער טיש איז גרייט, די לאַנגע הילצערנע באַנק ביים וואַנט איז צוגעגרייט פאַרן טאַטן מיט אַ קישן אויף אָנצושפּאַרן זיך. עס הייבט זיך אָן דער סדר און איך פרעג די פיר קשיות, מיט דעם ניגון ווי דער רבי האָט מיט אונדז געלערנט אין חדר. דער טאַטע ענטפערט אויך מיט אַ ניגון, אַז „קנעכט זיינען מיר געווען אין מצרים ביי פּרעה׳ן און זיינען באַפרייט געוואָרן"...

מען עסט די פּסחדיקע וועטשערע מיט די קניידלעך, אויף וועלכע איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט. דער טאַטע צעברעכט די מיטלסטע מצה און באַהאַלט איין העלפט אונטערן קישן. מען גיסט אָן די כוסות מיט וויין — פאַר יעדערן פון אונדז אַ גלעזל און איין גרויסן בעכער וויין פאַר אליהו הנביא.

מען גייט עפענען די טיר כדי אריינצולאָזן אליהו הנביא טרינקען זיין בעכער וויין. איך האָב געלערנט אין תנ״ך ווי אליהו הנביא איז מיט פייערדיקע פליגלען אוועקגעפלויגן אין הימל. אָבער ער קומט אַלע מאָל, ווען ער דאַרף עמיצן אַרויסהעלפן. פּסח איז אַזאַ גרויסער יום־טוב, אַז ער קומט צו אַלע יידן מיטאַמאָל. איך קוק אין דער געעפנטער טיר דורך וואַנען ער דאַרף אַריינגיין. איך קוק אויך אין זיין בעכער וויין, פון וועלכן ער דאַרף טרינקען. איך ווייס, אַז ער זעט אונדז אַלעמען, אָבער מיר קענען אים ניט זען.

נאָכן פערטן כוס, פון וועלכן מיר, קינדער, האָבן יעדן מאָל געטרונקען אַ ביסעלע, הייבן זיך אָן צוצומאַכן די אויגן... מיט גרויס אָנשטרענגונג פּרוביר איך העלפן דעם טאַטן פאַרענדיקן דעם סדר.

ווי אַ זיסער, שיינער חלום לויפן אַוועק די אַכט טעג פּסח און אָט דאַרף מען שוין ווידער גיין אין חדר.

***

ווען מיר זיינען געקומען פון דאָרף אין בעלינעץ, איז דעם טאַטן אָנגעקומען שווער צו קריגן קינדער צו לערנען מיט זיי תנ״ך

און גמרא. באַזונדערס שווער איז געווען צו קריגן די רייכערע קינ־דער. דאָס שטעטל איז געווען קליין און עס זיינען שוין געווען געבונג מלמדים, ווי יונה, משה בער און אַנדערע. אָבער גאַנץ שנעל האָט דער טאַטע געקראָגן אַ נאָמען אַלס דעם בעסטן גמרא־מלמד אין בע־לינעץ.

אין די אָוונטן, קומענדיק פון חדר, פלעגט ער שטודירן דיקדוק (די העברעאישע גראַמאַטיקע). ער איז געווען פון די ערשטע צו לערנען דיקדוק מיט די קינדער.

צו זיין דער בעסטער מלמד, איז פיליכט געווען אַ גרויסער כבוד. אָבער קיין סך פרנסה האָט דאָס ניט געגעבן, ווייל די גמרא מלמדים האָבן געהאַט נאָר זעקס קינדער צו צוועלף אָדער פופצן רובל אַ זמן. האָט דער טאַטע פאַרדינט ווייניקער ווי צוויי הונדערט רובל אַ יאָר פאַר אַ פאַמיליע פון זיבן. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט דעם כבוד וואָס ביי אים האָט געלערנט דעם רבס זון, די קינדער פון די סאַקאָלינס און „די מאָסקווער".

דער טאַטע, דער רב, עליע ראַבינאָוויטש, משה סאָקאָלינס איידים, דער אייגנטימער פון די מילן און נאָך אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים, האָבן ענדלעך באַשלאָסן עפענען אַ ישיבה. פאַר אַזאַ קליין שטעטל ווי בעלינעץ איז דאָס געווען אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג.

מען האָט אויסגערעכנט עס זאָלן דאָרטן לערנען צוואַנציק אָדער פינף און צוואַנציק ישיבה בחורים. דאַרף מען דאָך אָבער פאַר זיי געפינען „טעג" צו עסן. האָט אָבער די מערהייט ביי אונדז אין שטעטל אַליין ניט געהאַט גענוג צו עסן. מיין באָבע איז געווען די איינ־ציקע, וואָס האָט געגעבן זיבן טעג אַ וואָך עסן פאַר אַ ישיבה־בחור. אַנדערע האָבן געגעבן דאָס העכסטע צוויי טעג אַ וואָך. האָט די ישיבה זיך דערויבער געהאַלטן נישט מער ווי איין יאָר.

מען האָט געפונען אַן אַפיקורוס

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען ביי אונדז אין שטעטל געווען „מאָסקווער", צווישן זיי איז אויך געווען שלום דעם מלמדס זון, אייזיק. איידער ער איז אַוועקגעפאָרן אין מאָסקווע איז ער געווען באַוואוסט ביי אונדז אין שטעטל מיט זיין גוטער שטימע צום זינגען.

די „מאָסקווער" פלעגן קומען צו זייערע פאַמיליעס אויף יום־

טובים, אָבער אייזיק איז צווישן די געקומענע קיין מאָל ניט געווען. די אורזאַך פון זיין ניט קומען איז געווען וואָס ער האָט זיך געגאָלט, אָן אַ באָרד, האָט ער געוואוסט, קען ער ניט קומען אין שטעטל צו זיינע עלטערן.

ווי קומט אַ יידישער בחור צו באַגיין אַזאַ „פאַרברעכן״? האָבנ־דיק אַ גוטע שטימע צום זינגען, איז ער אין מאָסקווע אַריינגעטראָטן אין אַן אָפּערעטן־טרופּע, און צוליב דעם האָט ער אָפּגעגאָלט ניט נאָר די באָרד, נאָר אויך זיינע וואָנצעס.

האָט געטראָפן, אַז איין מאָל, ווען די טעאַטער־טרופּע איז גע־פאָרן פון מאָסקווע אין אַן אַנדער שטאָט און איז דורכגעפאָרן טאַ־לאָטשין, וואָס איז ניט ווייט פון אונדזער שטעטל, האָט זיך אייזיקן פאַרוואָלט זען זיינע עלטערן. ער האָט אין טאַלאָטשין געדונגען אַ פויער, וועלכער האָט אים אין מיטן נאַכט געבראַכט צו זיינע עלטערן. אָבער, ווי זאָגט מען ביי יידן „הימל און ערד האָבן געשוואוירן עס זאָלן ניט זיין קיין סודות״. האָט מען זיך אין שטעטל דערוואוסט אַז שלום דעם מלמדס זון האָט זיך אָפּגעגאָלט די באָרד מיט די וואָנצן.

איך געדענק ניט אַן אַנדער פּאַסירונג ביי אונדז אין שטעטל, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַזאַ טומל, אַזאַ אויפרעגונג, ווי דער אינצי־דענט מיט דער באָרד. דאָס שטעטל האָט זיך צוטיילט אין צוויי צדדים: איין טייל, דער פאַנאַטישער, האָט געטענהט, אַז מען קען ניט דערלויבן יידישע קינדער זאָלן זיך לערנען ביי אַ מלמד, וואָס זיין זון איז אַ געגאָלטער. זיי האָבן אין גאַס, אין מאַרק און דערהויפּט אין שול, זיך געקאָכט, געשריען, אַז צוליב אַזאַ עבירה, קענען נאָך קליינע קינדער שטאַרבן און גאָט ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק עס קען קומען אויפן שטעטל.

דער צווייטער צד, אָנגעפירט געוואָרן פון בערע דעם מילנערס איידעם, וועלכער איז געווען באַוואוסט אין שטעטל פאַר אַ „היינט־וועלטיקן״, האָט אויך ניט באַרעכטיקט די עבירה פון אָפּגאָלן די באָרד, זיי זיינען אָבער אַרויסגעטראָטן זייער שטאַרק קעגן דעם, מען זאָל שלום דעם מלמד „לאָזן אָן ברויט״ צוליב דער עבירה, וואָס זיין זון האָט אָפּגעטאָן.

צו אַלעמענס איבעראַשונג האָט דער רב פון שטעטל, אליהו ראַ־בינאָוויטש, מיט מיין טאַטן זיך איינגעשטעלט פאַר שלום דעם מלמד, אַז עס וועט זיין אַ גרויסע זינד, אָפּצונעמען די פּרנסה ביי אים און מיט דעם פאַרמשפּטן זיין פאַמיליע אויף הונגער.

די באָבע

ווענן מיין באָבען האָב איך שוין דערמאָנט, אַז זי האָט אַרויפ־געאַרבעט דעם זיידן צו ווערן „חיים דער פּיוואָוואַר." די באָבע איז געווען שיין, קלוג, און איר גוטסקייט אַרויסצוהעלפן יעדן וואָס גע־פינט זיך אין אַ שלעכטער לאַגע, האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ.

זי האָט געהאָלפן אין געהיים, קיינער זאָל ניט וויסן אַז זי העלפט, און פלעגט צוטיילן הילף וואו מען דאַרף.

אין שטעטל פלעגן כסדר קומען אָרעמעלייט. איינער האָט גע־זאָגט, אַז ער איז אַן אָפּגעברענטער, אַ צווייטער האָט אַלץ פאַרלאָרן אין האַנדל. די מערהייט זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע בעטלער, וואָס פלעגן וואַנדלען פון שטאָט צו שטאָט און גיין איבער די הייזער, וואו מען פלעגט זיי געבן אַ גראָשן אָדער אַ שטיקל ברויט. ווען אַזאַ אָרעמאַן פלעגט קומען צו מיין באָבען, פלעגט ער אַחוץ אַ נדבה קריגן אַ גוטן מאָלצייט.

שטענדיק, סיי דורך דער וואָך אָדער שבת פלעגט זיך געפינען איינער פון די אָרעמעלייט, וואָס האָבן ביי איר געגעסן. זי פלעגט ניט צוואַרפן דעם עסן ווי אַנדערע האָבן געטאָן, נאָר פלעגט שטיין, בעטן זיך יענער זאָל עסן וואָס מער און זי פלעגט האָבן דעם גרעסטן פאַרגעניגן, ווען דער אָרעמאַן פלעגט אַוועק אַ זאַטער, אַ צופרידענער.

ווען איינער פון די אָרעמערע ביי אונדז אין שטעטל פלעגט ווערן קראַנק, איז די באָבע געווען פון די ערשטע צו ברענגען אים מיל־כיקס אָדער אַן אָפּגעקאָכטע הון: האָט מען געדאַרפט חתונה מאַכן אַ יתומה איז די באָבע געווען פון די ערשטע צו גיין צו די וואָס קענען העלפן און העלפן שאַפן די „גאַרדעראָבע" וואָס מען דאַרף צו דער חתונה.

ווענן מיין זיידן געדענק איך דערהויפּט, אַז ער איז שטענדיק גע־ווען אויפגערעגט אָדער אין כעס. נאָך זיין טויט איז דער ביר־געשעפט אַוועק זייער שלעכט.

אין יענער צייט האָט זיך אין מאָהילעוו געעפנט לעקערטס גרוי־סער ביר־זאַוואָד. זיין ביר האָט זיך גערופן — „דייטשע ביר" און עס האָט געהאַט מער אַלקאָהאָל, און... דערפאָלג.

די באָבע האָט געמוזט אָדער אויפגעבן דעם ביר־געשעפט אָדער אָנהויבן מאַכן אַזעלכע ביר ווי לעקערטס. האָט זי באַשלאָסן דאָס לעצטע. מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַ דייטש, אַ ספּעציאַליסט און מען

האָט געגומען איבערבויען דעם ביר־זאַוואָד. אָבער קאָנקורירן מיט לעקערטן איז געווען שווער, און דערצו נאָך האָט דער איידים, אברהם־יוסף, „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" אויך מיטגעהאָלפן, עס זאָל גיין פון ערגער צו ערגער.

די באָבע האָט אויך געהאַלטן די „קאַראָבקע" פון הייוון, און געצאָלט פאַר דעם דער קהילה אַ געוויסע סומע, וואָס איז געגאַנגען אויף שטעטלשע אויסגאַבן, ווי העלפן צאָלן שכירות דעם רב, אויפֿהאַלטן די באָד און נאָך אַזעלכע אויסגאַבן. מיט פאַרקויפן די הייוון האָט זיך פאַרנומען די יינגסטע טאָכטער, סאָשע. די גאַנצע לעזונג פון די הייוון איז געווען דאָנערשטיק, ווען מען גרייט צו חלה אויף שבת. אין מיטן וואָך איז דער לייזונג געווען פון די עטלעכע שטעטלשע בעקער.

דער באָבעס הויז איז געווען אין פּריצישן הויף. די אַלטע ביר־ברויעריי איז געווען אַרומגערינגלט מיט דעם גרויסן פּריצישן פּרוכט־גאָרטן. פּרילינג, ווען די ביימער האָבן געבליט, פלעגן קומען „מאַסקווער פּאַניעס" דינגען דעם פּרוכט־גאָרטן. ווען די פּרוכט איז געוואָרן צייטיק, האָבן זיי אויפגעשטעלט ביידלעך, וואו וועכטער האָבן געהיט די פּרוכט. עס איז אָבער געווען שווער איינצוהיטן, אַז מיר, קינדער, זאָלן ניט רייסן קיין פּרוכט.

די פענסטער פון וואוינונג זיינען אַריין אין סאָד. אָבער עפענען די פענסטער און רייסן פון דאָרט די פּרוכט האָט די באָבע ניט געלאָזן. האָבן מיר גענוצט אַנדערע וועגן. מיר פלעגן אַריין אין שטאַל, וואו דער באָבעס בהמות האָבן זיך געפונען, אָפּשטופּן אַ ברעט פון דער וואַנט, און זיך אַריינכאַפּן אין סאָד. ניט איינמאָל האָט דער וועכטער מיך געכאַפּט, אַרונטערגעריסן דאָס היטל און געבראַכט צו דער באָבען, אַלס באַווייז, אַז איך האָב געריסן די פּרוכט. איך פלעג מוזן צוזאָגן מער ניט צו רייסן, אָבער די פּרוכט איז געווען אַזוי צוציענדיק אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָב איך ווידער געריסן.

נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער מומע סאָשע. זי איז געווען די שענסטע מיידל אין שטעטל. ווי געוויינלעך איז זי געשטאַנען אין שידוכים. איך געדענק ווען דער טאַטע איז געקומען מיט איר צוריק פון אָנקוקן אַ חתן, האָט ער לאַנג נאָכדעם גערעדט וועגן איר שיינקייט און שכל. ביי מיר אין די אויגן איז זי זיכער געווען די שענסטע, בעסטע און קליגסטע מומע אין דער וועלט. די בעסטע יידישע ראָ־

מאַנען האָב איך געלייענט אַ דאַנק איר. ווייל זי, צוזאַמען מיט רישע־אַלטערם דריי מיידלעך פּלעגן קויפן אָדער לייען די ראָמאַנען ביים פּאַקן־טרעגער. איך פּלעג שוין בלייבן ביי דער באָבען יענעם שבת, ווען סאָשע האָט פּרייטיק צו נאַכט, נאָכן עסן, געלייענט אין דער הויך דעם ראָמאַן. אַ סך טרערן האָב איך דעמאָלט פאַרגאָסן הערנדיק וואָס עס האָט אָפּגעטאָן דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ אָדער די שלעכטע מענטשן אין שאָמערם און בלאָשטיינס ראָמאַנען.

איינמאָל איז צו אונדז אין שטעטל געקומען פון זשעבין אַ לערער, פעלדמאַן, ער האָט געלערנט די שטאָטישע מיידלעך רוסיש, העברעאיש און ווי צו שרייבן יידישע בריוו צו אַ חתן. יונג און געראָטן איז ער געווען, און מיין מומע סאָשע האָט זיך אין אים פאַרליבט. איין מאָל אַ שבת ביי טאָג, די באָבע האָט זיך צוגעלייגט נאָכן טשאָלענט שלאָפן, די אַנדערע זיינען אַוועק שפּאַצירן, איך גיי אריין אין צימער וואו סאָשע מיטן לערער זיצן ביים טיש, און ער האַלט זיין האַנט אויף איר בוזים. איך בין גלייך אַרויסגעלאָפן און פאַר וואָכן האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן, אַז מיין בעסטע מומע זאָל באַגיין אַזאַ גרויסע עבירה. ביים דאַווגען אין שול האָב איך געבעטן גאָט ער זאָל איר פאַרגעבן אַזאַ גרויסע זינד.

פון דער ליבע האָט זיך אָבער גאָרניט אויסגעלאָזן, און פעלדמאַן איז שפּעטער פאַר צרות אַוועקגעפאָרן פון בעלינעץ.

פּרילינג אין שטעטל

בעלינעץ איז אַרומגערינגלט מיט וועלדער אָבער דער שענסטער פּלאַץ איז דער שלאָס־באַרג.

גלייך פון מאַרק ציט זיך אַ ברייטע גאַס. אויף איין זייט וואוינען די פאַרמעגלעכע בעלינעצער איינוואוינער: הורוויטש — וואָס האַלט אין אַרענדע דעם בראַנפן־זאַוואָד, נאָכקע, זיין זון — איז אַ בעל קורא ביי אונדז אין דער סטאַראָסעליער שול. גרשון־אַרע — אַ תבואה־הענדלער. לייבע, גרשון־אַרעס, האָט געהאַלטן די פּאָסט. רישע אַלטערם האָט געהאַט אַ קלייט אין מאַרק. אויף דער צווייטער זייט גאַס, ציט זיך מיאַסאָיעדאָווס פרוכט־גאָרטן, אָפּגעצאַמט מיט אַ גרויסן צאַם. אַ ביסל ווייטער הייבט זיך אָן די אַלייע פון צוויי רייען געדיכטע ליפּאָווע ביימער.

די אַלייע ציט זיך ביזן שלאָס־באַרג. דער באַרג איז אַרום־

גערינגלט מיט א גראָבן. אויבן אויפן באַרג זעט מען די חורבה פון אַן אַמאָליקן פּאַלאַץ.

מען דערציילט, אַז דער פּאַלאַץ האָט געהערט צו אַ פּוילישן פּריץ, און אַז ער איז צעשטערט געוואָרן אין דער צייט פון „מיאַטעזש" (פּוילישער אויפשטאַנד) אַנטקעגן באַרג געפינט זיך אַ קינסטלעכע אָזערע, אַרומגערינגלט מיט געדיכטע בוימער.

נאָך דעם פּאַרק הויבן זיך אָן די פעלדער. פאַרשידענע בלי־מעלעך מישן זיך אוים צווישן דעם וואַקסנדיקן קאָרן. דער ריח פון די גראָז אויף ביידע זייטן פון וועג, דערקוויקט די נשמה. הינ־טערן פעלד ציט זיך דער „כמיזניק" — קוסטעס און דאַרע ביימעלעך און נאָכן כמיזניק הויבט זיך אָן אַ געדיכטער וואַלד.

אין דעם וואַלד קלייבן מיר שוועמעלעך און יאַגדעס, ווען זיי ווערן צייטיק. דער פעטער אברהם־יוסף שפּאַנט דעמאָלט איין דעם פערד און מיר לאָזן זיך אַלע אַוועק קלייבן שוועמלעך. נאָכן רעגן איז דער וואַלד גענל מיט די „לעסיטצעס", באַראָוויקעס און אַנדערע מינים שוועמלעך.

ווען האָט אַ יידישער יינגל געקענט האָבן צייט צו גיין קלייבן יאַגדעס אָדער שוועמלעך? די גאַנצע וואָך, זיינען מיר פון אין דער פרי ביז פאַרנאַכט געווען פאַרנומען אין חדר. שבת טאָר מען דאָך ניט קלייבן קיין יאַגדעס. איז אונדז געבליבן צייט פאַר דעם נאָר פרייטיק נאָך האַלבן טאָג אָדער ראש חודש, ווען מען לערנט אַ האַלבן טאָג.

פאַר מיר איז קלייבן יאַגדעס מיט שוועמלעך געווען אַ צווייטער יום־טוב: אַ חוץ דער באַפרידיקונג, אַז איך קלייב יאַגדעס פּונקט ווי די גרויסע, איז ביי מיר געווען נאָך אַ גרעסערער יום־טוב דאָס זיין אין וואַלד און אין די פעלדער. עס פלעגט מיר דערמאָנען די אימעניעס, די דערפער וואו איך בין געוואַקסן איידער איך בין גע־קומען אין שטעטל, מיט די פעלדער און וועלדער וואָס האָבן זיי אַרומ־גערינגלט.

פאַר אונדז, חדר־יינגלעך, איז דער פרילינג די בעסטע צייט פון יאָר — מיר פילן ווי אַרעסטירטע וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון טורמע. אַ גאַנץ ווינטער פאַרשפּאַרט געווען אין חדר. די טעג זיי־נען געווען קליינע. איידער דער שבת איז אָנגעקומען — איז ער

שוין אוועק. אָבער פרילינג און זומער האָבן מיר שבת אַ פּאָר שטונדן צו טאָן וואָס מיר ווילן.

שבת נאָכן טשאָלנט לעגט זיך דער רבי שלאָפן. מיר דאַרפן קומען צו אים לערנען פּרק אַ זייגער דריי, לאָזן מיר זיך גלייך נאָכן עסן צום וואַלד.

די מאַמע ווייסט שוין, אַז מיין גאַרניטער איז אין געפאַר. זאָגט זי מיר צען מאָל אָן, אַז כ'זאָל ניט קריכן אויף די בוימער, ווייל אויב איך וועל צערייסן דעם גאַרניטער, וועל איך דאַרפן אַ גאַנץ יאָר אַרומ־גיין אין אַ צעריסענעם, ווייל נאָר איין מאָל אין יאָר נייט מען פאַר מיר אַ נייעם. בין איך איינשטימיק מיט איר, אַז איך דאַרף היטן דעם גאַרניטער, אָבער אויף די בוימער קריך איך. ווייל יעדער פון אונדז ייִנגלעך, דאַרף ווייזן ווער עס וועט קלעטערן העכער אויף די בוימער. און אַז מען קלעטערט געפינט מען נעסטן פון פייגל. איך פלעג באַ־קוקן די קליינע אייעלעך אָדער די ערשט געבאָרענע פייגעלעך און פלעג זיי אַריינלייגן צוריק אין נעסט און פלעג זיין אין כעס אויף די ייִנגלעך וואָס פלעגן מיטנעמען אַ פייגעלע.

אין שטעטל איז געווען אַ גרויסע זינד ווען אַפילו אַ קליין ייִנגל האָט געוואָלט שפּילן מיט אַ מיידל. איך געדענק אַז ווען איך בין נאָך ניט אַלט געווען קיין פיר יאָר, זיינען מיר געקומען קיין בעלינעץ און זיך אַריינגעקליבן צו בריינע פּערטשיקס מוטער — נחמה, וועלכע האָט געהאַט אַ מיידעלע מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פון מיר. עס איז געווען אַ פּרייטיק צו נאַכט, די עלטערן זיינען אוועק אין שול. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ שפּיל אַז זי וועט זיין די מאַמע און איך וועל זיין איר קינד. ווען די עלטערן זיינען געקומען אַהיים און האָבן אונדז געפונען פאַרטאָן אין אונדזער שפּיל, האָט מען אונדז גענומען שטראָפן, אַז עס איז אַ גרויסע זינד אַזוי צו שפּילן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט מיך אָנגעשראָקן אַז פאַר שפּילן מיט אַ מיידל וועט מיך גאָט שטראָפן.

שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר, איז די צע־טיילונג צווישן אונדז חדר־ייִנגלעך און מיידלעך אין אונדזער עלטער געווען שטרענג אָפּגעהיט. אַפילו ווען מיר האָבן געשפּילט אין זעלבן הויף, אַרום די הייזער וואו מיר האָבן געוואוינט, זיינען מיר געווען אין באַזונדערע גרופּעס.

ל״ג בעומר

א חודש נאָך פּסח קומט ל״ג בעומר.

די חדר־יינגלעך פלעגן אין דעם טאָג מיטברענגען מיט זיך אין חדר געקאָכטע אייער, חלה, ברויט, דאָס בעסטע וואָס די מאַמע האָט געגעבן און מיר האָבן שוין אַליין צוגעגרייט „פייל און בויגנס" און צוזאַמען מיטן רבין געגאַנגען אין וואַלד. דאָרט איז אונדזער שפּיל באַשטאַנען אין דעם וואָס מיר האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די פּלישתּים. געשאָסן מיט אונדזערע פייל און בויגנס אין די בוימער און פאַר־געשטעלט זיך אין אונדזער פאַנטאַזיע, אַז מיר שלאָגן זיך ווי אונדזערע אור־עלטערן אין ארץ ישראל.

מיר זיינען אָבער געווען גרויסע העלדן נאָר אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן געשאָסן אין די בוימער, נאָר ווען עס האָט געטראָפן אַז אויף אונדז זיינען אָנגעפאַלן די שטעטלדיקע פּלישתּים — די „שקאָצים", זיינען מיר תּיכף געוואָרן אויס העלדן.

די קריסטלעכע קינדער, פלעגן אָנקומען פון זייערע פעלדער און זעענדיק, אַז מיר זיינען מיט אונדזער רבין, פלעגן זיי זיך אָפּהאַלטן פון צוגיין נאָענט צו אונדז. אָבער זייער געווער איז געווען מער ווירקזאַם ווי אונדזערע פיילן און בויגנס: אַ האָגל פון שטיינער פלעגן נעמען פליען אין אונדזער ריכטונג. צו דעם פלעגן זיי אָנרייצן אויף אונדז זייערע הינט. דער סוף פלעגט זיין, אַז מיר מיט אונדזער רבין האָבן געמוזט אין איילעניש פאַרלאָזן דאָס שלאַכט־פעלד...

דער צענטער פון אונדזער שטעטל איז געווען באַוואוינט פון די יידן, און די זייטיקע גאַסן פון די קריסטן. די באַציאונגען צווישן די יידן און די קריסטן זיינען בכלל געווען פריינדלעכע. אַ טייל יידן, אַריינגערעכנט אונדזער פאַמיליע פלעגן אָפּדינגען ביי שטעטלשע קריסטן אַ שטיקל פון זייער גאָרטן אָדער פעלד צו פאַרזייען גרינסן, דערהויפּט בולבעס.

פונדעסטוועגן האָבן מיר, קינדער, קיינמאָל ניט געוואָגט צו גיין אַליין אין די קריסטלעכע גאַסן. ווייל ווי נאָר די „שקאָצים" פלעגן דער־זען אַ יידיש יינגל, פלעגן זיי אָנרייצן אויף אים זייערע הינט. זיי פלעגן דאָס טאָן ניט אַזוי צוליב פיינטשאַפט צו אונדז, נאָר צו ווייזן אַז זיי זיינען שטאַרקער. זיי פלעגן האָבן פאַרגעניגן צוצוזען ווי מיר אַנטלויפן פון זיי.

***

קורץ איז דער זומער פאַר אַ ייִדישן ייִנגל. ביז נאָך שבועות טאָר מען זיך ניט באָדן. די טעג ווערן היים. אויף אַרויסצוגיין פון חדר, אַפילו אויף אַ קורצער צייט מוז מען געבן דעם רבין אַ וויכטיקע אורזאַך. ציילט מען די טעג ווען שבועות וועט קומען.

גיין באָדן זיך איז אַ גרויסע געשעעניש פאַר אונדז:

מיר דאַרפן גיין צו דער צווייטער מיל, ווייל ביי דער ערשטער איז צו טיף. ביז דער ערשטער מיל דאַרפן מיר דורכגיין אַ העלפט פון דער שטעטל. מיר מוזן גיין צוזאַמען מיטן טאַטן. ער הייסט גיין „סטאַטעטשנע", ניט "שפּרינגען ווי די ציגן". אָבער ווען מיר קומען צו דער ערשטער מיל, לאָזט ער אונדז שוין אַליין לויפן ביז דער צווייטער. מיר לויפן אַזוי שנעל ווי איינער קאָן. אין לויפן טוען מיר זיך אויס. ווען מיר קומען צום טייך זיינען מיר שוין גרייט אַריינצושפּרינגען אין וואַסער.

עס הייבט זיך אָן אַ פאַרמעסט ווער עס שווימט בעסער, ווער עס קען זיין אונטערן וואַסער לענגער, ווער „לעגט קלאַפּטער" בעסער. דער טאַטע באָדט זיך ניט מיט אונדז. דער טייל טייך איז נאָר פאַר קינדער. ער טוט זיך אויס אונטערן בריק. טונקט זיך אָפּ אַ פּאָר מאָל און ער איז שוין פאַרטיק. אָבער די צייט וואָס אים נעמט אויסטאָן זיך, אָנטאָן זיך און קומען פּאַמעלעך צום מיל בלייבט פאַר אונדז צו באָדן זיך, שווימען און ווייזן אונדזערע קונצן אין וואַסער.

געוויינלעך קומען אין דער זעלבער צייט קינדער פון אַ צווייטן חדר. די פרייד ווערט גרעסער. דער טאַטע פאַררעדט זיך מיטן צווייטן רבין, דאָס גיט אונדז מער צייט. איצט קומט שוין פאָר אַ פאַרמעסט פון צוויי מחנות, פון צוויי חדרים. פּלוצלונג דערהערן מיר אַ באַפעל פון אונדזערע רביים: „אַרויס פון טייך, טוט זיך שנעל אָן", און מיר קערן זיך צוריק אום אין חדר.

***

איינמאָל, ווען איך בין געקומען אַ ביסל פריער אין חדר זע איך, ווי דער טאַטע לייענט אַ רייזע־באַשרייבונג אין העברעאיש פאַר לייבערען, וועלכער איז אַלט, בלינד און אַ ביסל טויבלעך. זיצט לייבערע זייער נאָענט צום טאַטן, וועלכער לייענט אַ ביסל העכער און דערקלערט אים אויסדרוקן פון בוך, וועלכע ער פאַרשטייט ניט גוט.

דעם צווייטן טאָג בין איך שוין ניט געגאַנגען נאָר געלאָפן אין

חדר, הערן ווי דער טאַטע לייענט די רייזע־באַשרייבונג. עס האָט גענומען גאַנץ לאַנג דעם טאַטן צו ענדיקן דעם ספר. אַ סך האָב איך דורכגעלאָזן ווען איך פלעג לויפן עסן, אָבער די טײלן וואָס איך האָב יאָ געהערט, האָבן פאַר מיר אַנטדעקט אַ נייע וועלט. אַ וועלט מיט לענדער, מענטשן וועלכע זיינען אַנדערש ווי מיר אין שטעטל, און איך האָב וועגן דעם געקלערט אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

תשעה באָב

שנעל לויפט אַוועק די צייט פון שבועות ביז תשעה־באָב, וויניקער ווי צוויי חדשים. ענדע יולי, אין די הייסטע טעג פון זומער, הייבן זיך אָן די „ניין טעג", וועלכע שליסן זיך מיט תשעה־באָב, ווען מען פאַסט און מען טרויערט אויף דעם חורבן פון בית המקדש.

אין די „ניין טעג" טאָר קיין זאַך ניט געטאָן ווערן, וואָס זאָל געבן פרייד און פאַרגעניגן: מען טאָר זיך ניט באָדן, מען טאָר ניט עסן קיין פלייש. ניט עסן קיין פלייש איז ביי אונדז אין הויז ניט געווען אַזאַ שווערער קרבן, ווייל מיר האָבן, חוץ שבת, סיי ווי ניט געהאַט קיין פלייש צום עסן; און אַפילו שבת איז דער חלק, וואָס מען האָט אונדז געגעבן, געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ שטיקל לאַקשן. אָבער דאָס ניט־טאָרן באָדן זיך אין די הייסטע טעג פון זומער איז פאַר אונדז, קינדער, געווען אַ גרויס אָפּקומעניש.

אין די „ניין טעג" לערנען מיר אין חדר „איכה". דער רבי לערנט מיט אונדז און פאַרטייטשט יעדער וואָרט מיט אַזאַ טרויעריקן ניגון, מיט אַ וויינענדיקער שטימע, אַז ביי אונדז, חדר־יינגלעך, שטעלן זיך טרערן אין די אויגן.

מיר, קינדער, הייבן אָן איבערלעבן די שרעקלעכע געשעענישן וואָס די יידן האָבן זיך אָנגעליטן אין דער צייט פון יענעם חורבן. אונדזער פאַנטאַזיע טראָגט אונדז אַריבער אין ארץ־ישראל. מיר זעען אַ שיינע, גרויסע, פרייזלעכע שטאָט, די שענסטע אין דער וועלט. עס ציען זיך אַהין יידן פון גאַנצן לאַנד, פון דער גאַנצער וועלט, אָנצוקוקן דעם פּרעכטיקן בית המקדש.

און אָט קומען די שונאים, זיי באַפאַלן די יידן, זיי רייסן זיך אַריין אין ירושלים, פאַרברענען דעם בית המקדש און פאַרטרייבן די יידן פון זייער לאַנד.

שפּעטער קומט בר־כוכבא און מאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די יידישע שונאים. בר־כוכבא איז ביי אונדז דער גרעסטער יידישער העלד. און מיר פאַנטאַזירן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט ער זיין אַרומגערינגלט מיט אַלע אַזעלכע העלדן ווי בר־כוכבא.

פאַרנאַכט פאַר תשעה־באָב פאַרפאַסט מען זיך. מען עסט אין אַ טרויעריקער שטימונג. נאָכן עסן גייט מען אין בית המדרש זאָגן קינות. אין בית המדרש איז האַלב־טונקל. עס דוכט זיך ווי מען איז געקומען אין אַ הויז וואו איינער איז געשטאָרבן. די ביינק זיינען איבער־געקערט, די שטיוול אַרונטערגענומען פון די פיס, זיצט מען אויף דער ערד אין די זאָקן און מען זאָגט מיט אַ טרויעריקן ניגון די קינות. אויף מאָרגן אינדערפרי גייט מען ווידער אין שול און מען זאָגט ווידער די קינות מיט דעם זעלבן טרויעריקן ניגון.

פאַר אונדז, אינגלעך, איז פונדעסטוועגן פאַראַן אַ שטיקל טרייסט — מיר רייסן צווישן די גראָזן שטעכיקע „בערעלעך" און וואַרפן זיי איינער אויף דעם אַנדערן. די בערעלעך טשעפּען זיך אַריין אין די קליידער, אַז עס איז זיי דערנאָך שווער אַרונטערצונעמען.

נאָכן דאַוונען גייען אַלע אויפן בית־עולם. אין בעלינעץ זיינען געווען צוויי בית־עולמס. דער אַלטער בית־עולם איז געווען גלייך ביים שטעטל, אייגנטלעך טאַקע אין שטעטל, נאָר אַרומגערינגלט מיט די קריסטלעכע געסלעך. דער נייער בית־עולם איז שוין געווען אַביסל ווייטער. גייט מען פריער אויפן אַלטן.

אויפן אַלטן בית־עולם איז דער קבר פון דער באָבעס איין־איינציקן זון, וועלכער איז געשטאָרבן זייער יונג. ליגט די באָבע אויפן קבר, מיטביידע הענט האַלט זי אַרומגענומען דאָס בערגל ערד און וויינט און רעדט זיך דורך מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע מיט איר איינציקן זון.

אויפן נייעם בית־עולם ליגט דער זיידע. ווען מיר קומען, פאַלט די באָבע אויף זיין קבר, לעבן איר — מיין מאַמע און די איבעריקע טעכטער. זייער געוויין איז אַ האַרץ־רייסנדיקער. די באָבע גיסט אויס אויפן זיידנס קבר אַלע אירע צרות. זי דערציילט אים ווי שווער איר איז דאָס לעבן געוואָרן, ווי דער געשעפט גייט באַרג־אַראָפּ. זי בעט זיך ביי אים ער זאָל דאָרט זיין דער „גוטער בעטער", ער זאָלווירקן אַז די מומע סאָשע, זיין מיזינקע, זאָל קריגן אַ פּאַסנדן שידוך.

אַ יאַריד אין שטעטל

יעדן זונטיק פלעגן פויערים פון די אַרומיקע דערפער קומען אין בעלינעץ צו פאַרקויפן וואָס זיי האָבן געהאַט און איינקויפן וואָס זיי דאַרפן: טיי, צוקער, קעראָסין, מאַכאָרקע צום רויכערן, דזשעגעכץ צו שמירן די רעדער, הערינג, און נאָך פאַרשיידענע זאַכן.

פאַרטאָג פלעגן די שטעטלדיקע הענדלער אויפשטיין און גיין איבערנעמען די פויערים ווייט הינטערן שטעטל. יעדערער פלעגט זיך איילן, אַז ער זאָל זיין פון די ערשטע קויפער. עס פלעגט זיך ענדיקן מיט דעם, אַז דער פויער פלעגט באַפאַלן ווערן פון עטלעכע הענדלער מיט אַמאָל: איינער האָט געשריען, אַז דאָס איז „זיין" פויער בעת דער צווייטער האָט שוין געהאַלטן דעם פויערס זעקל תבואה אין זיין האַנט. דער פויער איז געווען צעמישט און האָט זיך געריסן פון זיי אַלעמען אין שטעטל אַריין.

דריי מאָל אין יאָר פלעגן פאָרקומען גרויסע יאַרידן: „טראַיטצע" — אָנהויב זומער, „שאַמעכע" — אין מיטן זומער און „פּאָקראָווע" — ענד'ע זומער, ווען פון די פעלדער, סעדער און גערטנער איז שוין אַלעס געווען אַראָפּגענומען.

אַ פּאָר וואָכן פאַרן יאַריד האָט זיך שוין אין שטעטל געררודערט: די קירשנערס, סטאָליערס, בלעכערס, שמידן — יעדערער פון די בעלי־מלאָכות האָט צוגעגרייט זיינע אַרטיקלען פאַרן יאַריד. די קרעמער און די קאָמיסיאָנערן וואָס פאָרן אין מאָהילעוו נאָך סחורה זיינען געווען פאַרנומען מיט אָנגרייטן וואָס מער סחורה. אין די לעצטע פּאָר טעג פאַרן יאַריד האָבן כסדר געברענט די אויוונס ביי די עטלעכע שטעטלדיקע בעקערס. מען האָט געבאַקן ברויט, קוילעטשן, קיכלעך, בייגל, בולקעס און אַפילו חלה מיט קיטקעס — די לעצטע פּאָר די פּריצים וואָס קומען צו די יאַרידן.

אַ גאַנצע נאַכט פאַרן יאַריד פאָרן די גויים פון ווייטע און נאָענטע דערפער צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ. זיי קומען אויפן מאַרק, שפּאַנען אויס די פערד; מען הייבט אויף די האָלאָבליעס אין דער הויך כדי עס זאָל פאַרנעמען ווייניק פּלאַץ אין מאַרק, און עס ווערן שנעל פאַרנומען די גאַסן אַרום מאַרק.

די גוי'שע פורן זיינען אָנגעפּילט מיט אַל־דאָס־גוטס: תבואה, בולבעס, קרויט, בוריקעס, מערן, ציבעלעס, ברוסניצעס, פּרוכט —

גרויסע עפל און קליינע עפל, בארן. עס פעלן אויך ניט הינער, חזירים, פערד און בהמות צום פארקויפן.

אין חדר גייט מען דעמאלט ניט, ווייל אפילו די מלמדים זיינען פארנומען: איינער העלפט זיין ווייב פארקויפן געבעקס, א צווייטער פארקויפט קוואס. אין דעם טאג פון יאר איז דאס גאנצע שטעטל פארנומען — ארייננגערעכנט די גרעסערע קינדער.

מער פון אלע זעט זיך אן דער „שאלאש", — די ביידל פון די „פאניעס" — רוסישע הענדלער. זיי פלעגן קומען מיט א פאר טעג פריער, פארנעמען דעם בעסטן פלאץ און אויפשטעלן זייער „שאלאש", א דיקער לייוונט פון דריי זייטן און די פערטע זייט אפן. אויך אויף דער ערד אין ביידל און ארום ביידל איז געווען אויסגעשפרייט דיקע לייוונט. אויפן לייוונט זיינען געווען אויסגעלייגט אויירינגלעך, פינגערלעך, מעסערלעך, קארעלן פון פארשיידענע קאלירן: גאלד, זילבער, רויט און בלוי; צלמלעך, איקאנעס, בילדער פון הייליקע, געבעט־ביכער. אויף אנגעצויגענע שטריקלעך זיינען געהאנגען סטענגעס פון פארשיידענער ברייט און קאליר: רויט, געל, גרין, בלוי, אויך געמישטע קאלירן פון פארשיידענעם מאטעריאל: זיידענע, סאמעטענע. הילצערנע שיסלען, לעפל געמאלן מיט שיינע אוזארן.

ארום זייער ביידל איז א גאנצן טאג געשטאנען אן עולם פויערים. אייניקע האבן געקויפט, אנדערע האבן באוואונדערט די ארטיקלען.

די שטעטלדיקע בעלי־מלאכות זיינען אויך געווען פארטראטן מיט זייערע ארטיקלען: משה דער בלעכער און זיין זון האבן אויסגעשטעלט בלעכענע עמערס, פאנען, קווארטן, לעפל. די שוסטערס האבן אויסגעשטעלט שטיוול מיט לאנגע כאליאווען, געקנייטשט אין מיטן ווי א הארמאניע. די קירזשנערס האבן געבראכט היטלען מיט גלאנציקע דאשקעס און קוטשמעס פאר די גויים.

די באנדארעס האבן אויסגעשטעלט צעבערס, דיישקעס, פוטערבאיקעס, פעסלעך, עמערס, באלייעס, פאמוניצעס. דער טעפער האט אויסגעשטעלט טעפ, קריגלעך, שיסלען, הליאקן, טשאיניקעס, לאדישקעס. די קויפערס קלינגען אוים זיין ווארע — מען פרובירט אויס צי עס איז אין זיי ניטא קיין שפאלטן.

אביסל ווייטער ליגן קאסעס, סערפעס, אקער־אייזנס, ווילקעס, גראב־אייזנס.

אין א זייט פון מארק געפינען זיך די ציגיינער. זיי בייטן און

פאַרקויפן פערד. די פערד הירזשען. דער קויפער קוקט אַרום דאָס פערד פון אַלע זייטן, הייבט־אויף זיינע קאָפּיטעס, עפנט זיין מויל און קוקט אין זיינע ציין. דער ציגיינער גיט זיך שנעל אַ כאַפּ אַרויף אויפן פערד און גיט זיך אַ לאָז אַוועק גאַלאָפּ, צו ווייזן ווי שנעל דאָס פערד לויפט; ער קומט צוריק און הייסט דעם גוי פּראָבירן, אויב ער וויל.

יידן שטייען און העלפן אויסדינגען די פערד פאַר די קויפערס. זיי זיינען פאַרמיטלער. מען דינגט זיך. דער ציגיינער שווערט, אַז ער פאַרקויפט האַלב אומזיסט. מען פּאַטשט איינע די אַנדערע אין די הענט. דער ייד, דער פאַרמיטלער, דינגט זיך ווייטער, צו ווייזן דעם גוי, אַז ער העלפט אים קויפן אַ גרויסע מציאה.

די ציגיינערקעס שטייען דערוויל ניט ליידיק. אויסגעפּוצט אין פיל־קאָלירנדיקע קליידער, באַהאַנגען מיט שנירלעך קרעלן און זילבערנע מטבעות, „וואַרפן זיי קאָרטן": זיי זאָגן פאָרויס מיידלעך זייער צוקונפט — מיט וועמען זיי וועלן חתונה האָבן, ווער עס שטייט זיי אין וועג און אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן.

די טירן פון קלויסטער און פון מאָנאַסטיר זיינען ברייט אָפן. פון אינעווייניק זעען זיך די ברענענדיקע ליכט און די פויערים וואָס שטייען אויף זייערע קני און בעטן. ביים אַריינגאַנג שטייען אויף ביידע זייטן „סטאַרצעס" און „סטאַריכעס" און זינגען הייליקע תפילות. פיל פון זיי זיינען קאַליקעס: בלינדע, הינקעדיקע, שטייען זיי אָנגעשפּאַרט אויף זייערע שטעקנס, מיט טאָרבעס אַריבערגעוואָרפן אויף זייערע פּלייצעס.

דער „הייליקער" פּראָכאָר איז אויך דאָ. ער איז אויסערגעוויינטלעך הויך, אָנגעטאָן נאָר אין אַ ווייסער העמד, וועלכע גרייכט ביז די פּיאַטעס — שטענדיק גייט ער אַרום אין דער זעלביקער העמד אַ באָרוועסער.

עס איז שוין פאַרנאַכט. די פויערים נעמען זיך קלייבן פאָרן אַהיים. אַ סך פון זיי זיינען שיכור. זייערע פרויען העלפן שפּאַנען די פערד און שלעפּן זייערע מענער אין וואָגן אַריין. ניט אַלע מאָל גיט זיך דאָס זיי איין: די שיכורע פויערים וואַרפן זיך אין אַלע זייטן, שילטן, וואַרפן זיך שלאָגן און רייסן זיך צוריק אין שיינק. מיט דער הילף פון די יונגע טעכטער און זין וואַרפט מען זיי ענדלעך אַריין אין וואָגן, וואו זיי ווערן אַנשלאָפן.

דער יאריד האט זיך געענדיקט. עס איז שוין פינצטער. די יידן זיינען אוועק אין שול דאווענען מנחה און מעריב. די פרויען בלייבן אין די קראמען ציילן די לייזונג.

קופעס קויט, היי און שטרוי איז אנגעווארפן איבערן מארק — די ציגן וועלן מארגן האבן א גוטן מאלצייט...

ימים נוראים

דער זומער דערנענטערט זיך צום סוף. מיט דעם זומער וועט אויך אוועק דער פארגעניגן, וואס מיר, יינגלעך, קענען האבן נאר זומער־צייט — גיין אין וואלד, קריכן אויף דיביימער, באדן זיך. אבער דערפאר קריגן מיר סוף־זומער יום־טובים און פיל טעג, וואס מיר דארפן ניט גיין אין חדר.

אין מיטן חודש אלול (סעפטעמבער) גייט מען אין שול נאר האלבע טעג, אין שול בלאזט מען שופר — דאס דערמאנט, אז באלד קומט שוין ראש השנה. זונטיק פארטאג, פאר ראש השנה, גיי איך מיטן טאטן צו סליחות. מיך וועקט מען אויף נאר צו די ערשטע סליחות און צו די לעצטע. דאס ווייזט, אז איך בין שוין גרויס גענוג צו גיין פארטאג מיטן טאטן אין שול אריין. אין שול, ביים זאגן די סליחות, ווייזט דער חזן, ווי גוט ער וועט זינגען ראש השנה און יום כפור.

יעדער יום־טוב האט זיינע גוטע זאכן צום עסן, וואס נאר יום־טוב קען איך דאס קריגן. עס פירט זיך, אז ראש השנה דארף מען עסן און מאכן א ברכה איבער א פרוכט וואס מען האט ביז ראש השנה נאך ניט געגעסן. ביי די רייכע פלעגט מען ברענגען פון מאהילעוו ווייַנטרויבן, פאר די ארימערע פלעגט מען ברענגען קאווענעס (וואסער־מעלאן).

מען קומט פון שול. אין הויז איז יום־טובדיק. די ליכט ברענען. אויפן טיש שטייט האניק, וואס מען וועט אנשמירן אויף א שטיקל חלה, כדי עס זאל זיין א זיסער יאר. אבער דערהויפט ווארט איך אויף מיין שטיקל קאווענע, וואס איך וועל באלד קריגן.

גאנץ פרי גייען אלע אין שול, די מאמע — אין דער ווייבערשער שול און איך גיי מיטן טאטן. איך בין שוין אלט גענוג צו שטיין לעבן טאטן און זאגן מיט אים די ראש השנהדיקע תפילות.

איך פאַרשטיי שוין דעם טייטש פון ונתנה תוקף: אַז גאָט עפנט דעם ספר הזכרונות, וואו עס ווערט פאַרשריבן ווער עס וועט געבוירן ווערן און ווער עס וועט שטאַרבן דעם יאָר; ווער עס וועט שטאַרבן דורך פייער און ווער — דורך וואַסער, ווער — דורך הונגער און ווער — דורך דאָרשט; ווער עס וועט זיין רייך און ווער — אָרעם. איך דערמאָן זיך אָן די סאַקאַלינס, די „מאָסקוווער", די רייכע אין בעלינעץ, ווי שיין זייערע קינדער גייען אָנגעטאָן, וואָס פאַרא גוטע זאַכן זיי האָבן. ווי גוט מיין מאַמען וואָלט געווען, ווען מיר זיינען רייך. מיין מאַמע הוסט, זי איז קראַנק. פון אינדערפרי ביז שפעט ביינאַכט האָרעוועט זי. זי רוט קיינמאָל ניט! איז, אויב גאָט האָט באַשטימט היינט ווער עס זאָל זיין רייך און ווער — אָרעם, קען ער דאָך באַשטימען מיר זאָלן ווערן רייך. שטיי איך לעבן טאַטן און זאָג מיט גרויס געבעט דעם ונתנה תוקף.

ווען עס פלעגט קומען די צייט פאַר די כהנים „צו דוכענען", פלעגט מיך אָרומנעמען אַ הייליקער ציטער. איך פלעג נאָכפאָלגן מיט דעם גרעסטן נייגיר ווי די כהנים גייען אַרויס אין פאָדערשטיבל פון שול, די לוויים גיסן זיי וואַסער אויף די הענט. זיי גרייטן זיך צו זייער הייליקער דינסט. באַלד וועלן זיי צוגיין צו דער מזרח־וואַנט, אַרויף צום אָרון קודש, און וועלן מיט זייערע טליתים אַריבערגעוואָרפן אויף זייערע קעפּ, די הענט — אויסגעשטרעקט אַרויף, אָנהייבן דוכענען. איך ווייס שוין, אַז מען טאָר דעמאָלט אויף די כהנים ניט קוקן, ווארום דער וואָס וועט אַ קוק טאָן, קאָן בלינד ווערן. מען פלעגט אויך דער־ציילן, האַלב אין שפּאַס, אַז צום ערשטן מאָל ווען מען קוקט, ווערט מען בלינד און צום צווייטן מאָל, שטאַרבט מען. ווען דער יינגל איז געווען קלוג גענוג, האָט ער געפרעגט, ווי קען מען בלינדערהייט קוקן אַ צווייט מאָל, אָבער ביי ס'רוב איז די מורא געווען אַזוי גרויס, אַז זיי איז ניט איינגעפאַלן צו שטעלן די פראַגע.

פאַרנאַכט גייט מען צום טייך—צו תשליך. אַלע גייען: מענער, פרויען, קינדער. מען טרייסלט אויס די ליידיקע קעשעניעס און מען וואַרפט אַריין אין טייך אַלע זינד, וואָס עמיצער האָט דורכן יאָר אָפּגעטאָן.

די וואָך צווישן ראש השנה און יום כפור ליגט אַן אומעט אַפילו אויף אונז, קינדער.

די באָבע מאַכט די יום כיפּור ליכט

איידער מען הייבט אָן מאַכן די ליכט, גייט די באָבע מיט אַ גרופּע פרויען אויפן בית עולם. דאָרטן זאָגט מען תחינות, מען וויינט, מען רעדט זיך דורך אויף די קברים פון דער משפחה, מען דערציילט זיי וועגן אַלע צרות און אַזוי ווי עס קומען די הייליקע טעג, גיט מען זיי דעם גאַנצן צעטל פון די וואונטשן וואָס מען דאַרף דערלאַנגען צו גאָט און מען בעט זיי, אַזוי ווי זייערע נשמות זיינען דאָך שוין אויסגעלייטערט פון זינד און צוליב דעם האָבן זיי אַ גרעסערע לייט־זעליקייט אין „זיינע אויגן", זאָלן זיי זיין גוטע בעטערס און אויס־ווירקן אַ גוט יאָר.

מען נעמט דאַן אַ קנויל באַוועל און מען מעסט מיט אים אויס די קברים פון דער משפּחה. ווען מען קומט אַהיים, צעשניידט מען די באַוול אויף דער גרויס וואָס דאָס ליכט וועט זיין כדי צו נוצן דאָס פּאָר קנייטלען אין די ליכט, וואָס מען גיסט אויס.

דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס ניט אַלע פרויען קאָנען. דער „קנייטל" מוז זיין פונקט אין מיטן. אויבן דאַרף די ליכט זיין אַביסל דינער ווי דער מיטן. אויב עס איז ניט ריכטיק געמאַכט, וועט דאָס ליכט שנעל אויסרינען ביים ברענען. אויך די וואַקס פון וועלכע די ליכט ווערן געמאַכט, דאַרף זיין ריכטיק צוזאַמענגעשטעלט; אויב ער וועט זיין צו ווייך אָדער וואָס ניט איז אַנדערש ווי עס דאַרף צו זיין, וועט דאָס ליכט צו שנעל אויסברענען. מיין באָבע איז די בעסטע ליכט־מאַכערין.

די פרויען וואָס געפינען זיך ביי דער באָבען אין הויז ווען מען מאַכט די ליכט זאָגן צו דער געלעגנהייט מיט געוויין פּאַסענדע תחינות.

יום כיפּור

די נאַכט פאַר יום כפּור שלאָגט מען כפּרות און ערב יום כפּור שיקט מיך די מאַמע צו דער באָבן, זי זאָל מיך בענטשן. די באָבע לייגט אַרויף אירעביידע הענט אויף מיין קאָפּ, זי שעפּטשעט, זי רעדט אַזוי שטיל, אַז קוים וואָס איך הער. איר שטימע איז אַ וויינענדיקע. איך בין אַ נאָמען נאָך איר איינציקן זון און זי בעט ביי גאָט ער זאָל מיר געבן לאַנגע יאָרן.

פון דער באָבען גיי איך אין שול דאַוונען מנחה. ביים אַריינגאַנג

אין שול (אין פּאָליש) שטייען אויף אַ לאַנגן טיש אויסגעשטעלט טעלער, וואו יעדער וואַרפט אַריין אַ ביסל געלט אויף צדקה. אויף יעדן טעלער איז אָנגעשריבן אויף וואָס דאָס געלט גייט.

נאָך מנחה גייען מיר אַהיים פאַרפאַסטן זיך. נאָכן עסן בענטשט מיך דער טאַטע און די מאַמע. דער טאַטע מאַכט דאָס שנעל, אָבער דער מאַמעס בענטשן איז נאָך דראַמאַטישער ווי דער באָבעס; זי בענטשט מיך מיט אַ שטאַרק געוויין און ווינטשט מיר אַל־דאָס־גוטס הויך אויפן קול.

מיר גייען אַלע אין שול. דער טאַטע איז אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל; די מאַמע — אין אַ ווייס קלייד. מען טראָגט אין שול גרויסע, דיקע, וועקסענע ליכט.

אין שול איז זייער ליכטיק. אויף די גרויסע טישן, וועלכע שטייען לעבן די קאַכלענע אויוונס, זיינען אָנגעשטעלט קעסטלעך מיט זאַמד. אין זאַמד שטעלט מען אַריין די וועקסענע ליכט. אויך אויף אַלע פענצטער שטייען קעסטלעך מיט זאַמד, וואו עס ברענען וועקסענע ליכט.

עוזר דער שמש, נעמט צוזאַמען די ליכט וואָס עס ברענגען די שטעטלשע חשובע בעלי־בתים און שטעלט זיי אַריין אין די קעסטלעך מיט זאַמד וואָס שטייען אויבן־אָן. די אָרימע שטעלן אַליין אַוועק זייערע ליכט אין די קעסטלעך וואָס שטייען אויף די טישן ביים אויוון, ניט ווייט פון טיר.

ווי נאָר מען הייבט אָן דאַווגען דערהערט זיך תיכף אַ שטאַרקער געוויין פון אַלע ווינקלען אין שול. דער געוויין קומט נאָך שטאַרקער פון דער ווייבערשער שול. דער חזן הויבט אָן זינגען כל נדרי. אַ געהויבענע הייליקע שטימונג נעמט אַלעמען אַרום. דאָס זינגען פון חזן, די הונדערטער וועקסענע ליכט, וואָס ברענען אין אַלע ווינקלען פון שול; די לאָמפּן וואָס ברענען היינט ליכטיקער ווי אַלע מאָל; די ווייסע קיטלען, אין וועלכע אַלע זיינען אָנגעטאָן, טראָגט מיך אַוועק אין אַן אַנדער וועלט — אין אַ וועלט, וואו אַלע שלעכטע מענטשן ווערן באַשטראָפט און די גוטע קריגן זייער לוין וואָס זיי קומט.

אויף מאָרגן שטייען מיר אויף גאַנץ פרי און גייען ווידער אין שול. מיר ווילט זיך זייער פאַסטן, ווי די עלטערן טוען, אָבער מיין מאַמע זאָגט מיר, אַז קינדער אין מיינע יאָרן פאַסטן ניט. איך באַנוגן זיך מיט דעם, וואָס איך פאַסט ביז האַלבן טאָג.

פארנאכט... דער לאנגער, שווערער טאָג פון פאסטן, וויינען און בעטן גאָט שליסט זיך מיט נעילה. אזוי ווי נעכטן ביינאכט צו כל נדרי, ווערט די שטימונג אין שול זייער א פייערלעכע. אָט־באלד און די טויערן אין הימל וועלן זיך שליסן. יעדערער שטרענגט זיך אָן תשובה צו טאָן מיטן גאנצן הארצן, שיקט זיין לעצטן געבעט אז זיינע זינד זאָלן פארגעבן ווערן און ער מיט זיין פאמיליע זאָלן האָבן א געזונט, גליקלעך יאָר.

דער שופר בלאָזט צום לעצטן מאָל. אין הימל ווייזן זיך שטערן. מען דאַוונט מעריב.

אָפּגעשוואכטע, מידע, אָבער צופרידענע, גייט מען ארויס פון שול און מען שטעלט זיך אויפן שול־הויף מחדש זיין די לבנה.

סוכות

געענדיקט האָבן זיך די צען אומעטיקע, פארכטיקע טעג פון ראש השנה ביז איבער יום כפור. עס הייבן זיך אָן די פרייליכע יום־טובים — סוכות און שמחת תורה.

העלפן בויען די סוכה איז ביי מיר געווען מער יום־טוב, ווי סוכות גופא. כאָטש מיין גאנץ העלפן איז באשטאנען אין דערלאנגען דעם טאטן אלץ וואָס ער דאַרף.

לויטן שכל נאָך האָט די בויאונג פון דער סוכה געדארפט צוגיין גאנץ שנעל, ווייל דער טאטע האָט דאָך אלע יאָר געבויט א סוכה. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס צוגעגאנגען גאָרניט שנעל. ערשטנס, האָבן מיר ניט אלע מאָל געוואוינט אין דער זעלבער דירה, איז דער פּלאן פון דער סוכה אויך יעדעס מאָל געווען אן אנדערער; צווייטנס, איז דער מאטעריאל פון וואָס צו בויען אויך יעדעס מאָל געווען ניט דער זעלבער; דריטנס, און דאָס דענק איך איז געווען די הויפט־זאך, וואָס בויען די סוכה איז פארן טאטן אויך געווען אזא באפרידיקונג, אז ער האָט זיך ניט געאיילט צו ענדיקן עס צו שנעל. יעדע ווייליע פלעגט ער אָפּשטעלן די ארבעט און נעמען באטראכטן, צי בויט ער גוט, צי איז די טיר אין ריכטיקן פלאץ, צי איז די גרויס געננג א.אז.וו.

ענדלעך איז די סוכה פארטיק געוואָרן. עס בלייבט נאָר צו קויפן דעם ס כ א ך אויף צודעקן. דאָס פלעגן ברענגען די פּויערים פון די ארומיקע דערפער.

צודעקן די סוכה פֿלעגט מען דאַרפֿן אַזוי, אַז עס זאָל זיין אַ גוט צוגעדעקט, אַ די שטערן זאָלן זיך זען.

ווען די סוכה איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט מען איבערגעלאָזט פֿאַר מיר צו פֿאַרפּוצן זי פֿון אינעווייניק. אין אַנדערע סוכות האָבן דאָס געטאָן די מיידלעך. ביי אונז זיינען קיין דערוואַקסענע מיידלעך ניט געווען, האָב איך פֿאַרנומען זייער פּלאַץ. כ'האָב געדאַרפֿט אויסגלייכן די ערד אינעווייניק, ברענגען זאַמד, העלפֿן דער מאַמען פֿאַרהענגען די ווענט מיט לייליכער, דער ווינט זאָל ניט אַריינבלאָזן, און אויך פֿאַרפּוצן די ווענט.

דאָס עסן אין סוכה איז געווען אַ גרויסער פֿאַרגעניגן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלץ איז דאָ פֿיל געשמאַקער ווי ווען מען עסט דאָס אין הויז.

הושענה רבה איז גלייך נאָך סוכות. איין יום־טוב גיסט זיך אַריין אין צווייטן. ביי אונז, יינגלעך, איז דער יום־טוב וויכטיק מיט דעם, וואָס דאָס איז דער איינציקער טאָג אין יאָר, ווען אונזערע טאַטעס שיקן אונז ערב הושענה רבה צום טייך אָנצורייסן הושענה'ס פֿון די ווערבעס וואָס וואַקסן דאָרט.

די מאַמע איז זייער פֿאַרנומען — זי גרייט־צו און באַקט די „לייטער"; דאָס איז אַ חלה, אויסגעלייגט פֿון אויבן מיט פּאַסן טייג, עס זאָל אויסזען ווי אַ לייטער — אַן אָנדייטונג אויף אַ לייטער אויף וועלכער די נשמה גייט אַרויף אין הימל. די מאַמע גרייט אויך צו די קרעפּלעך.

הושענה־רבה אין דער פֿרי. אין שול איז פֿריילעך, דערהויפּט פֿאַר אונדז, יינגלעך. מיר וואַרטן ביז מען ענדיקט די הושענה־רבה־תפֿילות און מען שרייט אויס: „קול מבשר מבשר ואומר" — הייבן מיר אָן קלאַפּן די בינטלעך הושענהס אָן די בענק און שטענדערס מיט אַזאַ ברען, אַז מיר ווילן גאָר ניט אויפֿהערן. נאָכן דין קלאַפּן די עלטערע פֿינף מאָל און זיי זיינען פֿאַרטיק; מיר, אָבער, קלאַפּן אַזוי לאַנג ביז פֿון אונזערע הושענהס בלייבן הוילע ריטלעך און אַמאָל ווערן די ריטלעך אויך צעבראָכן.

שמיני עצרת און שמחת תורה איז פֿאַר אונז, יינגלעך, געווען איינע פֿון די געהויבענע יום־טובים, צוליב די פֿאָנען וואָס מיר פֿלעגן צוגרייטן.

די פֿאָן איז ביי אַלעמען געווען דיזעלבע, ווייל יעדערער האָט

דאָך זי געקויפט אַן אָפּגעדרוקטע ביים פּאַקן־טרעגער. די פאָן איז געווען געדרוקט פון ביידע זייטן. אויף איין זייט איז געווען אַ בילד פון צוויי לייבן, איינער קעגן צווייטן, מיט צוויי אונטערשריפטן: „דגל מחנה יהודה" און „דגל מחנה אפרים". אויף דער צווייטער זייט— די בילדער פון משה און זיין ברודער אהרן און אויך אַ בילד פון אַ סך יידן, ווי זיי גייען מיט די הקפות און טאַנצן, אונטערגעשריבן: „שישו ושמחו בשמחת תורה."

פאַר אונז, קינדער, איז געבליבן צוצוקלאַפּן די פאָן אויף אַ שטעקן, מען זאָל זי קענען טראָגן און אויך מאַכן פּלאַץ, וואו אַ ליכט זאָל זיך האַלטן. יעדערער פון די ייִנגלעך האָט זיך באַמיט, אַז זיין פאָן זאָל זיין די שענסטע. מען האָט געזוכט צו קריגן אַ שיינעם, גלייכן שטעקן. דעם פּלאַץ פאַר אַ ליכט האָט מען געמאַכט פון וואָס איינער האָט געוואָלט: פון אַן עפּל, אַ בוריק, אַפילו פון אַ בול־בע.

אַ גאַנץ יאָר זיינען די פרויען געווען אָפּגעטיילט פון די מענער — אין דער ווייבערישער שול, אָבער שמחת תורה פלעגט מען אַלעמען אַריינלאָזן צו די מענער אין שול. עס פלעגן קומען מיידלעך, קליין און גרויס. אַן ענגשאַפט איז געווען — דערשטיקט צו ווערן. מען פלעגט אַרויסנעמען אַלע ספר תורהס און מען פלעגט מיט זיי גיין „הקפות", זינגען און טאַנצן אַרום בעלעמער. יעדערער האָט זיך געשטופּט צוצוקומען נעענטער און אַ קוש טאָן די ספר תורה.

אין אַזאַ ענגשאַפט האָבן די שטעטלשע „כוואַטסקע" ייִנגלעך געהאַט אַ געלעגנהייט אָפּצוטאָן זייערע שפּיצלעך די מיידלעך, אויף וואָס זיי האָבן געוואַרט אַ גאַנץ יאָר: ווען די מיידלעך פלעגן צוגיין קושן די ספר תורה'ס, פלעגן די ייִנגלעך שנעל אַוועקלייגן זייער האַנט, כדי דער מיידעלשער קוש זאָל פאַלן אויף איר. איך פלעג קוקן מיט שרעק אויף דער גרויסער זינד וואָס מען דערלויבט זיך אָפּצוטאָן.

שמחת תורה איז געווען אַ מצוה אָנצושכורן זיך אַביסל, און מיין טאַטע האָט אויך געהאַלטן פון דעם. ער האָט געהאַט אַ טבע צו קומען אין שול אַ סך פריער איידער מען גייט מיט די הקפות, פלעגט זיך אַנידערשטעלן אויף אַ באַנק, אַלע ייִנגלעך אַרום אים, און ער פלעגט אָנהייבן מיט זיי זינגען.

עס קאָן זיין, אַז מיר האָט פאַרדראָסן ניט אַזוי דאָס זינגען, ווי דאָס, וואָס ער איז שוין געווען טיילווייז שיכורלעך. מיר האָט

זיך געדוכט, אז דאס וואס אלע ארום לאכן איז עס ניט, ווייל מען קוועלט פון זיין זינגען מיט די קינדער, נאר ווייל מען לאכט אפ ווי א שיכור מאכט זיך פריילעך. איך פלעג שטיין פון דערווייטן אן אומע־טיקער, א פארביטערטער.

אין די שפעטערע יארן האב איך מיין פאטער בעסער פאר־שטאנען. איך האב אין אים געפונען ניט נאר א קענער פון תלמוד, נאר אויך א אינטעליגענטע פערזאן, מיט וועמען מען האט געקאנטריידן וועגן פארשיידענע פאליטישע און עקאנאמישע פראגן.

אויף מארגן אין דער פרי, גלייך נאכן דאוונען, פלעגט מען זיך אוועקלאזן איבער די באלעבאטישע הייזער; מען פלעגט גיין פון הויז צו הויז און אומעטום טרינקען, ארויסשלעפן די געקעכץ פון אויוון, זינגען און טאנצן.

***

עס איז אוועק דער ליבער זומער. עס האבן זיך געענדיקט די יום־טובים, עס האבן זיך אויך געענדיקט די פרייע טעג. ווידער איז געקומען דער הארבסט מיט די רעגנס און בלאטעס. דער הימל איז יעדן טאג באדעקט מיט דיקע וואלקנס. די בלעטלעך אויף די בוי־מער ווערן מיט יעדן טאג ווייניקער. נאך א ביסל און די בוימער וועלן בלייבן הויל־נאקעט אויף דעם גאנצן ווינטער. איך קוק אויף די בוימער און מיר דוכט זיך אז זיי פילן אזוי ווי איך — פאר זיי, אזוי ווי פאר מיר, קומט א לאנגער, קאלטער ווינטער.

אין הויז גרייט מען זיך שוין ארייננצושטעלן די ווינטערדיקע פענצטער. מען וועט פארקלעפן אין די פענצטער יעדע שפארונקע וואס קען ארייננלאזן א ביסל לופט. ווען עס וועלן קומען די ווינטער־דיקע פרעסט וועלן די פענצטער באדעקט ווערן מיט פארשיידענע „אוזארן” פון „צווייגן” און „בלעטער”. ווידער וועט מען דארפן פון אין דער פרי ביז שפעט אין אוונט זיין פארשפארט אין חדר. קומענדיק פון חדר וועט מיך די מאמע ארויפנעמען אויף דערווארעמער „ליי־זשאנקע”. זי וועט זיצן לעבן מיר, אזוי ווי לעצטן ווינטער, שטענדיק פארנומען מיט איר ארבעט פון שטריקן זאקן, פאררירכטן אלטע קליי־דער, פליקן פעדערן אדער טאן וואס ניט איז אנדערש. דער אפשיין פון דעם קליין ברענענדיקן לעמפעלע וועט קוים פאלן אויף די שאטנדיקע ווענט. א שטילקייט וועט הערשן אין הויז, אין גאס. אימיצער וועט דורכגיין און זיינע טריט וועלן אפקלינגען אויף דעם פראסטיקן שניי.

פון די קריסטלעכע געסלעך וועט זיך הערן דאָס בילן פון אַ הונט. מיין שטעטל וועט איינשלאָפן אין איר לאַנגן ווינטערדיקן שלאָף...

*****

איך האָב איבערגעגעבן אַ יאָר פון מיין קינדערשן לעבן. אַזוי אומגעפער האָבן געלעבט אַלע יידישע קינדער אין אַלע שטעטלעך אין וויים־רוסלאַנד.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מער אויף די יידישע יום־טובים, ווייל זיי, די יום־טובים, האָבן פאַרנומען זייער אַ גרויסן אָרט אין געבן אונדז די ביסל פרייד און פאַרגעניגן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונדזער יוגנט.

דאָס אַלטעגלעכע לעבן אין בעלינעץ איז געווען זייער שווער און אָרעם. נאָר געציילטע פאַמיליעס האָט זיך געלעבט גוט. די איבעריקע איז געווען שווער צו האָבן אַלץ אויף שבת און נאָך שווערער אויף די יום־טובים. אָבער ווען דער יום־טוב איז געקומען האָט מען גע־פּרואווט פאַרגעסן אויף די דאגות פון די וואָכעדיקע טעג און מען האָט זיך אַריינגעטאָן אין אַ יום־טובדיקער שטימונג.

די מאַמע שטאַרבט

דער וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף, פון „אימעניע” צו „אי־מעניע”, דערהויפּט די קרעטשמע אין מאַרטשאַנאָוויטש, מיטן שטענ־דיקן רויך פון די מאַכאָרקע, האָט יונגערהייט קראַנק געמאַכט מיין מאַמע. ווען מיר זיינען געקומען אין בעלינעץ, איז איר לעבן ניט געוואָרן גרינגער. די ערשטע וואוינונג — אַן איינגעזונקענע הויז, וואו מען איז אומגעגאַנגען אויף אַ נאַסן, ערדענעם דיל. די צווייטע דירה, איין צימער פאַר 5 מענטשן, מיט שטענדיקע קריגערייען לעבן אויוון, וואו צוויי פאַמיליעס דאַרפן קאָכן.

ווען אונדזער מאַטעריעלע לאַגע האָט גענומען ווערן בעסער איז שוין געווען צו שפּעט פאַר דער מאַמען צו געניסן דערפון. 39 יאָר איז זי אַלט געווען ווען זי איז קראַנק געוואָרן אויף לונגען־אָנצינדונג און איז געשטאָרבן.

אַ פּאָר טעג איידער זי איז געשטאָרבן בין איך אויך קראַנק גע־וואָרן. איך בין געזעסן אין חדר און האָב מיין קאָפּ ניט געקענט האַלטן גלייך. איטלעכע ווײלע פלעג איך דעם קאָפּ אַרויפלייגן אויפן טיש, וואו דער טאַטע איז געזעסן און מיט אונז געלערנט. ער האָט

מיך גענומען צום פעלדשער, וועלכער האָט מיר געגעבן כינין־פּראָש־קעס. דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. מען האָט מיך אָוועקגעלייגט אויף אַ באַנק, אויסגעבעט פאַר מיר לעבן דער מאַמען. דער געזונט־צו־שטאַנד פון דער מאַמען איז דערווייל געוואָרן ערגער. עס האָט ניט געהאָלפן דער באָבעס לויפן אויפן בית־עולם צום זיידנס קבר, עס האָט אויך נישט געהאָלפן לויפן אין שול און וויינען ביים אָרון קודש.

צו דער מאַמעס לוויה האָב איך ניט געקאָנט גיין. איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. מען האָט מיך צוגענומען צו דער באָבען. אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיין עלטערער ברודער על־יאָשע און מיין מומע סאָשע אויך קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. ביי דער באָבען אין הויז איז געוואָרן ווי אין אַ שפּיטאָל. דער ברודער און די מומע סאָשע זיינען געלעגן אין הויז און מיך האָט מען אַוועקגעלייגט אין דער ברויעריי, אין דעם „רעוויזאָרס" צימער.

זעקס וואָכן בין איך אָפּגעלעגן אין בעט. ווען איך בין אַרונ־טער פון בעט בין איך געווען אַזוי דאַר און שוואַך, אַז אַפילו אָנ־געשפּאַרט אויף אַ שטעקן האָב איך נאָר מיט גרויס שוועריקייטן גע־קענט גיין.

אונדזער שטעטל האָט געהאַט צוויי פעלדשערס — אַ ייד און אַ קריסט. ווען עס פלעגט קראַנק ווערן איינער פון די רייכערע, פלעגט מען ברענגען אַ דאָקטאָר פון מאָליעוו. איך געדענק, אַז ווען מיין זיידע איז זייער קראַנק געוואָרן האָט מען געבראַכט אַ מאָליעווער דאָקטאָר. פאַר מיין מאַמען האָט מען קיין דאָקטאָר ניט געקענט ברענ־גען, האָט איר געהיילט דער יידישער פעלדשער. ער האָט געהאַט צוויי מעדיצינען: כינין און ריצן־אויל. אויב כינין האָט ניט געהאָלפן האָט ער געגעבן ריצן־אויל.

אָבער אַפילו דעם פעלדשער האָבן ניט אַלע גערופן. נאָימע, אשר פּייווע דעם מלמדס מוטער איז אויך געווען אַ „היילערקע". זי פלעגט שטעלן באַנקעס, צושטעלן פּיאַווקעס. זי האָט אויך געהאַט פאַרשיידענע גראָזן פון וועלכע זי פלעגט מאַכן רפואות. אין שטעטל האָט מען פון נאָימען שטאַרק געהאַלטן.

עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע קראַנקהייטן, צו וועלכע מען האָט קיינעם ניט גערופן: אָנהויב חודש פלעגט מען אונדז געבן „ווערים־קרויט" וועלכע פלעגט פון אונדז אַרויסטרייבן „ווערים". די בלעטער פון די ליפּאָווע ביימער פלעגט מען אויסטריקענען און

צומאָלן — זיי פלעגן גענוצט ווערן קעגן פּאַרקילונגען. אין שטעטל האָט מען אויך געגלויבט אַז לאַנגע האָר ביי אַ קינד זיינען גוט צום געזונט. דאָס האָט זיך גענומען פון דער מעשה מיט שמשון הגבור, וועלכער איז געווען אַ גבור אַ דאַנק זיינע לאַנגע האָר. אָבער ביי אונדז אין שטעטל זיינען פון אַזעלכע קינדער אויסגעוואַקסן ניט קיין גבורים נאָר „קאָלטונעס". די האָר פון אַ „קאָלטון" פלעגט זיך אַזוי צוזאַמענקלעפּן, אַז קאַמען אָדער וואַשן זיי פלעגט פאַרשאַפן שטאַרקע ווייטיקן צום קינד. וואָס לענגער די האָר פלעגן ווערן אַלץ מער צוזאַמענגעקלעפּט און צוזאַמענגעדרייט פלעגן זיי ווערן. אָפּשערן אַזעלכע האָר האָבן די עלטערן מורא געהאַט, ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז דאָס קינד קאָן פון דעם נאָך שטאַרבן. עס זיינען אויך געווען קינדער מיט פּאַרכעס, וועלכע נאָימע פלעגט „היילן" דורך אָנשמירן סמאָלע אויפן קאָפּ און נאָכער רייסן מיט די סמאָלע דעם פּאַרך.

נאָך מיין מאַמעס טויט האָט דער טאַטע געדונגען אַ צימער ביי איטשע נחום דעם בלעכער. אין צימער זיינען מיר געווען זאַלבע זעקסט: דער טאַטע, מיין ברודער יעקב, איך, מיין ברודער חיים, זיבן יאָר, צירע — 5 יאָר און מיין שוועסטער אסתר — 6 חדשים.

רחל לאה, איטשע נחומס פרוי, האָט פאַר אונדז געקאָכט דעם עסן. די שוועסטער אסתר איז געלעגן גאַנצענע טעג אין וויגעלע מיט אַ שטיקל ברויט איינגעטונקט אין צוקער און איינגעוויקלט אין אַ טיכל, זי זאָל דאָס קאָנען זויגן.

***

איטשע נחום איז געווען אַ בלעכער, וועלכער האָט געאַרבעט ביים באַדעקן קלויסטערס מיט בלעך. אַזוי ווי אין אונדזער געגנט האָט מען גאַנץ אָפט געבויט נייע קלויסטערס און נאָך אָפטער האָט מען געדאַרפט פאַרריכטן די אַלטע, האָט ער געהאַט גענוג אַרבעט.

גאַנץ בעלינעץ האָט פאַר אים מורא געהאַט. מען האָט געוואוסט, אַז פון איטשע נחומען קען מען אַלץ דערוואַרטן. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט צו מסרן אימיצן, ווויסנדיק אַז דאָס וועט יענעם ברענגען גרויסע צרות. ער איז געווען זייער נאָענט מיט דעם פּריסטאַוו פון בעלינעץ, ווייל ער האָט צוזאַמען מיט אים אָפט געשיכורט.

מען האָט גערעדט אין בעלינעץ, אַז ער האָט אַרויסגעגנבעט אַ דימענט פון דער הייליקער מאַריאַס אויג אין בעלינעצער מאָנאַס-

טיר. אמאָל איז דאָס געווען אַ פּוילישער מאָנאַסטיר. נאָך דעם „מיאַ־טעזש" (אויפשטאַנד) אין 1863 האָט מען דעם מאָנאַסטיר פאַר־וואַנדלט אין אַ „פּראַוואָסלאַוונעם" קלויסטער. איטשע נחום זאָל עס האָבן געגנבעט דעם דימענט, ווען ער האָט דאָרט געאַרבעט. ביי דער האַנט האָט מען אים אָבער ניט געכאַפּט. אַזוי האָבן יידן בסוד גערעדט צווישן זיך.

דער היפּוך פון אים איז געווען זיין פרוי, רחל לאה. קיין קינ־דער האָבן זיי ניט געהאַט, האָט רחל לאה אַרויסגעוויזן איר מוטער־לעכע ליבע צו וועמען זי האָט נאָר געקענט. זי האָט געטראָגן עסן צו דעם האַלב־משוגענעם פערד־שינדער, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין סטאַראָסעליער בית־המדרש. ווען אַן אָרעמאַן פלעגט קומען איז זי געווען, אַזוי ווי מיין באָבע, פון די ערשטע צו געבן אים עסן. זי האָט מיט פאַרגעניגן אַריינגענומען אונדזער פאַמיליע פון זעקס און אונדז געהאָלפן מיט וואָס נאָר זי האָט נאָר געקענט.

מיט אַמאָל האָט איטשע נחום באַשלאָסן אַריינצוגעבן אַ ספר־תורה אין שול.

אַריינצוגעבן אַ ספר תורה האָט ניט יעדערער געקענט, ווייל דאָס האָט געקאָסט אַ היפּשע סומע און איטשע נחום איז טאַקע ניט געווען רייך גענוג. האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אויף דעם מסתמא גענוצט דאָס געלט פונעם געגנבעטן דימענט.

אין בעלינעץ איז קיין סופר, וואָס קען שרייבן אַ ספר תורה ניט געווען. האָט איטשע נחום געבראַכט אַ סופר אַזש פון מאָליעוו. ער האָט אויך געקויפט דעם פּאַרמעט פאַר דעם אין מאָליעוו. איז דער סופר געזעסן מער ווי אַ יאָר אין „שטיבל" (אַ צימער אין שול) און געשריבן די ספר תורה, און רחל לאה האָט אים אַלע טאָג געבראַכט עסן. ווען די ספר תורה איז פאַרטיק געוואָרן—האָט מען געפּראַוועט דעם סיום־התורה. עס איז געווען ווי אַן אמתע חתונה. מען האָט געבראַכט בעליניצער מוזיקאַנטן. מען האָט אַלע געסט מכבד געווען מיט אַריינשרייבן איין אות אין דער ספר תורה. אַזוי ווי שרייבן אין אַ ספר תורה קען דאָך ניט יעדער, האָט דער סופר זיי געגעבן נאָר צוהאַלטן די גענזענע פעדער, מיט וועלכער ער האָט געשריבן, און דאָס האָט געהייסן, אַזוי ווי יענער שרייבט. פאַר צוהאַלטן די פעדער האָט יעדער באַצאָלט וויפיל ער האָט געקענט.

ווען מען האָט געענדיקט שרייבן די עטלעכע שורות, וואָס דער

ספר האָט איבערגעלאָזן צום שרייבן ספּעציעל פאַר דער שמחה, האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעסיע פון דער „חופּה". כמעט די גאַנצע באַפעל־קערונג פון בעלינעץ האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אויפן שול־הויף. מיט די מוזיקאַנטן אָן שפּיץ פון דער פּראָצעסיע, האָט מען די ספר תורה אונטער אַ חופּה ארויסגעטראָגן פון איטשע נחומס הויז. יעדע פאַר טריט האָט מען מכבד געווען אימיצן אַנדערש צו טראָגן די ספר תורה. פון אַלע דריי בתי מדרשים: סטאַראָסעליער, מתנגדישער און ליבאַוויטשער, איז מען ארויס אַנטקעגן מיט ספר תורהס מקבל פּנים זיין דער נייער „תורה". נאָך דער „חופּה" האָט מען די ספר תורה אריינגעטראָגן אין סטאַראָסעליער בית־המדרש, וואו איטשע נחום האָט געהאַט זיין „שטאָט" צום דאַוונען.

אַזוי, האָט איטשע נחום געדענקט, קויפט ער זיך אויס ביי גאָט פאַר אַלע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען.

מיין מומע סאָשעס חתונה

מיין מומע סאָשע האָט ניט געקראָגן דעם חתן, ווי זי האָט זיך די גאַנצע יאָרן פאָרגעשטעלט. זי איז געווען יונג, שיין און קלוג. אָבער די באָבע איז שוין ניט געווען די אַמאָליקע „כאַשע די פּיוואָוואַר־ניצע" — דער געשעפט איז געגאַנגען פון ערגער צו ערגער. מען האָט נאָך „געקניפּן די באַקן צו ווייזן די פאַרב", אַז דער עולם זאָל ניט ווייסן ווי שלעכט עס איז, אָבער קיין סך נדן איז שוין ניט געווען. האָט מען זי פאַרשדכנט צו איינעם, וואָס איז געווען עלטער פון איר, אַ געשטופּלטער, אָבער ער איז געווען פאַרזאָרגט מיט פּרנסה.

סאָשען איז אויך שטאַרק ניט געווען געפעלן זיין נאָמען — שמערל. אין די ראָמאַנען וואָס זי האָט געלייענט זיינען די נעמען פון די „העלדן" געווען אַ סך שענערע...

אין אָוונט פליקט מען פעדערן אויף אָנשטאָפּן די קישנס מיט די פּערענעס. קישנס און פּערענעס זיינען שוין אָנגעגרייט פון פריער, ווייל גלייך ווי מיין באָבע האָט אויסגעגעבן איין טאָכטער האָט מען שוין געגומען צוגרייטן דעם „גאַרדעראָב" פאַר דער צווייטער טאָכ־טער. אָבער פאַר דער חתונה האָט מען אַלעמאָל צוגעמאַכט נאָך אַ קישן אָדער נאָך אַ פּערענע.

דעם שבת פאַר דער חתונה האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַלע חברטעס פון מיין מומע סאָשע. מען האָט פאַרבראַכט דעם טאָג אין

טאַנצן. אַ טאָג פאַר דער חתונה האָט די באָבע געמאַכט אַ חתונה־וועטשערע פאַר די אָרעמעלייט פון שטעטל. ווי מיד זי איז ניט געווען, איז זי געווען די הויפּט־סאַרווערקע, וואָס האָט דערלאַנגט דעם עסן און פאַרבראַכט מיט די געסט.

דעם לעצטן טאָג פאַר דער חתונה האָט די מומע סאָשע געפאַסט. פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די חתונה־צערעמאָניע.

עס קומען די קלעזמער באַזעצן די כלה. איטשע דער קלעזמער שפּילט אויף דער באַנדורע; מרדכעלע, זיין זון — אויפן פידל. אברהמל — אויפן צימבל, פינע דער מאַרשאַלעק — אויפן פלייט און ער איז אויך דער פּאַיקלער.

פינע דער מאַרשאַלעק, אָדער בדחן, הויבט אָן צו דערציילן אין אַ זייער טרויעריקן טאָן, אַז די כלה איז אַ יתומה — עס איז געשטאָרבן דער פאָטער, וועלכער וואָלט איר געפירט צו דער חופּה. אַלע פרויען הויבן אָן וויינען. מיט דעם זעלבן טרויעריקן טאָן דערציילט ער, וואָס פאַר אַ וויכטיקער טאָג היינט איז פאַר דער כלה. נאָך אַ גאַנצער ריי אומעטיקע זאָגעכצן, וואָס פינע זאָגט געוויינלעך אויף אַלע חתונות, הויבט ער אָן אויסצוזינגען פריילעכערע זאַכן. די פרויען ווישן די טרערן פון די אויגן און הויבן אָן צו טאַנצן. די קלעזמער גייען אַוועק ברענגען דעם חתן, וועלכער געפינט זיך אין אַן אַנדער הויז צוזאַמען מיט זיינע אייגענע, משפּחה און גוטע פריינט. מען גייט צוריק צו דער כלה. דער חתן גייט אַריין דער ערשטער און מיט מוזיק פירט מען אים צו צו דער כלה אויף וועלכער ער וואַרפט אַרויף אַ דעק־טוך. מען שיט האָפּן אויף זיי און מיט געוויין בענטשן די עלטערן חתן־כלה.

אויפן שול־הויף האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער עולם — דערהויפּט יינגלעך מיט מיידלעך. מען האַלט די פיר שטאַנגען פון דער חופּה. דער שמש האַלט צוגעגרייט די וויין, אויך אַ גלעזל צום צעבּרעכן.

ווי נאָר די יינגלעך מיט די מיידלעך דערהערן די מוזיק, לויפט מען איבערנעמען דעם חתן, ביז מען ברענגט אים אונטער דער חופּה.

די אונטערפירער מיטן חתן אינמיטן האַלטן צוויי וואַקסענע ליכט. אַנדערע פון דער פאַמיליע טראָגן אויך ליכט.

דאַן גייען די מוזיקאַנטן איבערנעמען די כלה, וועלכע ווערט געפירט פון די אונטערפירערינס. מען שטעלט אַוועק די כלה ביי דער

רעכטער זייט פון חתן. דער חזן הויבט אָן זינגען: „מי אדיר על הכל".

די אונטערפירער פירן די כלה זיבן מאָל ארום דעם חתן. דער רב זאָגט די ברכות. ווען ער ענדיקט איז דער חתן מקדש די כלה. נאָכן טרינקען די וויין צעברעכט דער חתן די גלעזל. די מוזיקאַנטן הויבן אָן שפּילן און מען פירט חתן־כלה אין דער באָבעס הויז.

עס הויבט זיך אָן די וועטשערע. עס ליגן הויך צעשניטן די קיטקעס, וואָס גוטע פריינט האָבן געבאַקן אַלס מתנות. מען דער־לאַנגט די געפילטע פיש, פלייש, הינער. פינע דער מאַרשאַלעק מאַכט פריילעך מיט זיינע גראַמען.

ווען דער עולם איז שוין אין אַ פריילעכער שטימונג, רופט אויס פינע „דרשה געשאַנק". חתנס צד, כלהס צד און גלאַט גוטע פריינט גיבן זייערע מתנות. מען גיט קופּערנע פאַנען, אַ סאַמאָוואַר, זילבערנע אָדער גאָלדערנע בעכערס, לייכטער און אַנדערע זאַכן. פינע רופט אויס יעדן ביים נאָמען, דערמאָנט צי עס איז פון חתנס צד אָדער כלהס צד, אויך וואָס יעדער גיט.

די חתונה וועטשערע גייט אָן. דער עולם האָט שוין היפּש אויס־געטרונקען. פינע דער בדחן מאַכט פריילעך. מען טאַנצט אַ קאַראַהאָד.

מיין באָבע האָט חתונה געמאַכט איר מיזינקע, די יינגסטע טאָכ־טער.

מיר פאָרן פון בעלינעץ אין בערעזין

זעקס מאָנאַטן נאָך דער מאַמעס טויט. אַ קורצע צייט פאַר פּו־רים איז אַריינגעקומען אַ יונגע ווייבל, אַ גאַנץ שיינע, אין שטוב וואו מיר האָבן געוואוינט ביי איטשע נחום דעם בלעכער. זי איז צו־געגאַנגען צום בעטל, וואו עס איז געלעגן אונדזער יינגסטע שוועס־טערל, האָט איר באַקוקט, אַ גלעט געטאָן, האָט אויך באַקוקט אונדז, די אַנדערע קינדער — געגעבן צו אונדז ליבלעך, געשמייכלט. ווען זי איז אַוועק האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז די פרוי מיט וועמען דער טאַטע האָט חתונה געהאַט.

פאַר פּסח האָבן מיר זיך אַלע גענומען קלייבן אין וועג אַריין. מען האָט געדונגען איטשע־הילען, אַ באַלעגאָלע פון בערעזין, איינגע־פּאַקט אַלע „בעבעכעס", וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. אויף די בע־בעכעס האָט מען אַרויפגעזעצט די קינדער, צוגעבונדן די ציגן צום וואָגן און מען האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

אזוי ווי דאָס איז געווען פאַר פּסח, ווען דער שני צעגייט און די וועגן זיינען צעווייקט האָבן מיר קוים מיט צרות זיך פאַרשלעפּט ביז ביינאַכט אין פּריבאָראָק. מיר האָבן דאָרטן איבערגענעכטיקט אין אַ קרעטשמע און גאַנץ פרי געלאָזן זיך ווידער אין וועג אַריין.

מיר קומען צו בערעזין — אַ נייע צרה — דער טייך איז אזוי פונאַנדערגעגאָסן, אַז דער פּאַראָם קען ניט גיין ווי אַלע מאָל, אויף אַ שטריק, נאָר מען שטופּט אים מיט גרויסע שטאַנגען. מענטשן און פורן וואַרטן ביז דער פּאַראָם וועט זיך דערנעענטערן צום ברעג, שטייען צונויפגעפּרעסט, מען שטופּט איינער דעם צווייטן, די פערד הירזשען, די ציגן מעקן, די קינדער וויינען. אַ שיין בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אונזער פּראָצעסיע פון טייך ביז דער וואוינונג, וואו די נייע „מומע״, דעם טאַטנס צווייטע פרוי האָט געוואוינט.

אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע, האָבן מיר זיך קוים פאַרשלעפּט אין אונדזער נייער היים. דער טאַטע האָט נאָך פון פריער צוגעגרייט אַ קנעלונג. די „מומע״ איז געווען אַ בעקערקע. אין שטוב איז געווען פריילעך — זעקס קינדער — פיר האָט דער טאַטע געבראַכט און צוויי מיידלעך זיינען געווען ביי דער מומען. פון די צוויי איז איינע געווען, וואָס איר ערשטער מאַן האָט צו איר געבראַכט, ווייל זי איז ביי יענעם שוין געווען די צווייטע.

אין חדר בין איך שוין מער נישט געגאַנגען. איך האָב אָפּגע־היט זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען. דריי מאָל אַ טאָג בין איך געגאַנגען אין שול. כדי ניט צו האָבן דעם טאַטנס אויגן שטענדיק אויף מיר, האָב איך אויסגעקליבן אַ צווייטע שול.

דער מאַמעס טויט, מיין קראַנקהייט, דער אַוועקפאָרן פון בעלי־נעץ, פון מיין באָבען, וועלכער איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, פון מיינע חברים מיט וועמען איך פלעג שפּילן, דאָס אַלץ האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ רעליגיעזער שטימונג. גאָט איז געוואָרן מיין איינציקער אינטימער פריינט, פאַר אים האָב איך אויסגעגאָסן מיין עלנטקייט, מיין אומעט. איך פלעג יעדער תפילה ביים דאַווענען זאָגן מיט גרויס כוונה. אַמאָל הויך און אַמאָל זייער שטיל. מיט צוגעמאַכ־טע אויגן פלעג איך אויסגיסן מיין ביטער האַרץ צו דעם „איינציקן״ וואָס הערט מיך און קען מיר העלפן.

נאָכן דאַווענען פלעג איך זאָגן תהילים. איך פלעג אָפּזאָגן אַמ־וויניקסטן 50 קאַפּיטלעך. די ווערטער אין תהילים האָבן ביי מיר

באַקומען אַן אַנדער באַדייטונג, ווי זיי האָבן געהאַט ווען איך האָב זיי געלערנט אין חדר. איך האָב געפילט, אַז אַזוי ווי דוד, זינג איך זיי אויס צו גאָט און אין דער תהילים־שפּראַך פאַרשטייט ער מיך בעסער.

אין הויז האָב איך געהאָלפן דער מומען, ווען נאָר זי איז געווען גוט צו אונדז. און זי פלעגט דעמאָלט זאָגן, אַז איך בין איר געטרייער ווי אירע אייגענע טעכטער, האָב איך אָבער געפילט אַז זי באַגייט זיך מיט אונדז ווי מיט שטיף־קינדער, בין איך אויף אַ גאַנצן טאָג אַוועק פון הויז. וואו צו פאַרברענגען איז געווען. די טייך בעראַזאַ איז געווען ביי מיר אַ ים אין פאַרגלייך מיטן בעליניצער קליינעם טייכל. זי איז געווען פול מיט פליטן געהילץ, וואָס פלעגן גיין אויף דרום. פלעג איך שפּרינגען פון איין בערווענע אויף דער צווייטער, העלפן אַמאָל די גוים צוזאַמענבינדן די קלעצער, וואָס פלעגן זיך אָפּבינדן. און ווען עס איז געקומען נאָך שבועות פלעג איך שוין פאַרברענגען שטונדן־לאַנג אין טייך אין באָדן זיך און שווימען. נאָך בעלינעץ האָט בערעזין אויסגעקוקט פאַר מיר ווי זייער אַ גרויסע שטאָט. די שטאָט האָט געצויגן חיונה און מיטלען צום לעבן פון וואַלד־האַנדל.

***

אין בערעזין זיינען געווען אייניקע זייער רייכע פאַמיליעס: די זעלדאָוויטש פאַמיליע איז געווען פון די אַלטע וואַלד־הענדלער. ווען מיר זיינען געקומען קיין בערעזין, איז שטאַרק געווען באַוואוסט שמואל לוריע, ער האָט אויסגעקאָנקורירט די זעלדאָוויטשעס.

אַרום בערעזין האָבן זיך געצויגן אויף צענדליקער וויאָרסט געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן געהערט צו גראַף פּאָטאָצקי. אין בע־רעזין האָט ער געהאַט אַ גרויסן שיינעם פּאַלאַץ. דער גראַף פלעגט אָבער זייער זעלטן קומען אין בערעזין — ער האָט געוואוינט אין וואַרשע אָדער אין אויסלאַנד.

אין פּאַלאַץ און אין די פעלדער אַרום, האָבן געאַרבעט הונדער־טער פּאַראָבקעס אונטער דער אויפזיכט פון זיין פאַרוואַלטער, וואַנ־קאָוויטש. זיין באַציאונג צו די אידן אין שטאָט איז געווען אַ פריינד־לעכע. שבת נאָך טשאָלנט ווען די טאַטעס שלאָפן, פלעגן מיר, די יונגוואַרג, זיך אַוועקלאָזן צום פּאַלאַץ. אָבער צו־נאָענט צו די „פּאָקאָיעס" האָבן מיר מורא געהאַט צוצוגיין...

איך ווער אַ משורר ביים חזן

ביים זאָגן קדיש דריי מאָל אַ טאָג, האָט מיין יונגע שטימע פאַרקלונגען אַלע איבעריקע קדיש־זאָגער. דאָס איז געפעלן געוואָרן דעם חזן פון שול, גרשון־לייב, און ווען ער האָט זיך גענומען „סטראָיען" (רעפּיטירן) פאַר ראש השנה און יום כיפור האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אַריין אין זיין „כאָר". איך האָב גלייך איינגעשטימט, ווייל דער זומער האָט זיך שוין באַלד געענדיקט, מען האָט אויפגעהערט באָדן זיך און די „פּליטן" זיינען שוין לאַנג אַוועקגעשוואומען.

גרשון־לייב איז געווען זייער צופרידן מיט מיין זינגען. און ווען עס איז געקומען ראש־השנה און יום־כיפור איז מיין שטימע שטאַרק געפעלן געוואָרן אויך די ווייבער, ווייל זי האָט דערגרייכט אויך צו זיי אין ווייבערשער שול.

נאָך יום־כיפור האָט מען גרשון־לייב און זיינע „באַהעלפער" איינגעלאַדן צום גבאי פון שול. מען האָט אונדז געגעבן טיי, לעקעך מיט בראָנפן און נאַשערייען. איך בין די גאַנצע צייט געווען זיכער, אַז פאַר מיין זינגען וועל איך קריגן אַ וועלכע ניט איז מתנה פון גרשון־לייב אָדער פון גבאי — מיין גאַנצע מתנה איז אָבער געווען בלויז אַ גלאָז טיי און אַ שטיקל לעקעך.

דאָס איז געווען מיין ערשטע לעקציע אין „עקספּלואַטאַציע", איך האָב אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס מער ניט האָבן צו טאָן מיט חזנים.

מיין ווייסנשאַפטלעכער באַגאַזש וואָס איך האָב געקראָגן אין חדר

די יאָרן פון מיין קינדהייט האָבן זיך געענדיקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון „מאַכן מיך פאַר אַ מענטשן". אויסלערנען אַן אַרבעט.

פונם חדר האָב איך קיין סך קענטעענישן ניט אַרויסגעטראָגן. איך בין דאָרטן „דורכגעגאַנגען" פון סידור ביז גמרא. מען האָט מיט מיר געלערנט נאָר דאָס, וואָס עס איז נויטיק כדי צו זיין אַ „פרומער ייד". גמרא האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין לעצטן יאָר פון חדר און אַזוי ווי די ערשטע גמרא איז געווען בבא־מציאה, האָב איך ניט געפילט קיין חשק צו קענען דאָס. צום תנ"ך האָב איך גלייך ווי איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביז איך האָב געענדיקט גע־

האָט אַ זייער שטאַרקן חשק. ווען איך בין אַרויס פון חדר איז דער תנ"ך געווען די איינציקע זאַך וואָס איך האָב געקענט.

מיין לעצטער יאָר חדר איז געווען ביים טאַטן. ער האָט חוץ גמרא אויך געלערנט מיט אונדז שרייבן, אָבער דער שרייבן איז באַשטאַנען פון שרייבן העברעאישע ווערטער, וועלכע איך האָב פאַרגעסן ווי נאָר איך בין אַרויס פון חדר. אין רוסיש האָב איך אפילו ניט געוואוסט די בוכשטאַבן פון דעם אלף בית; רעכענען האָט מען מיט אונדז אויך ניט געלערנט.

אין בעלינעץ איז געווען אַ פּריכאָדסקאָיע שול, אָבער דאָרטן זיינען געגאַנגען נאָר קריסטלעכע קינדער. עס איז געווען פאַררעכנט פאַר דער גרעסטער זינד, אַז אַ יידיש קינד זאָל גיין אין אַזאַ שול.

סאָקאָלינס אַן איניקל, אַ זון פון זיין איידעם משה, וועלכער האָט געהאַלטן די בעליניצער מילן, איז געווען דער ערשטער גימנאַזיסט אין שטעטל. ער האָט זיך געלערנט אין מאָליעוו — איז דאָס געווען די גרעסטע סענסאַציע אין בעלינעץ. די סאָקאָלינס זיינען געווען די רייכסטע פאַמיליע, און נאָר אַ רייכער האָט געוואַגט אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך, ווי שיקן זיין זון אין מאָליווער גימנאַזיע.

איידער ער איז אָנגעקומען אין גימנאַזיע, האָט ער געלערנט ביי מיין טאַטן אין חדר. ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען זומער אויף וואַקאַציע, אויסגעפּוצט אין זיינע גימנאַזיסטישע קליידער, מיט די מעשענע קנעפּלעך, האָבן מיר, זיינע חברים, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ גענעראַל. עס איז פאַר אונדז געווען דער גרעסטער כבוד, ווען ער איז שבת בייטאָג, ווען די עלטערן שלאָפן, געגאַנגען מיט אונדז אויסערן שטאָט און דערציילט פאַרשיידענע זאַכן פון מאָליעוו.

ביי אונדז אין שטעטל האָבן אַלע באַנוצט זיך מיטן „בריוון-שטעלער" ווען מען האָט געדאַרפט שרייבן אַ „שיינעם" בריוו. אין בריוון-שטעלער זיינען געווען „מוסטערן" פאַר יעדן מין בריוו, וואָס איינער האָט געדאַרפט שרייבן. דערהויפּט האָבן זיך מיטן בריוון-שטעלער באַנוצט די כלות וואָס האָבן געדאַרפט שרייבן צו די חתנים אָדער די חתנים צו די כלות.

די „מוסטער"-בריוו זיינען געווען אין דעם גייסט פון שמ"רס אָדער בלאָשטיינס ראָמאַנען, וואָס די מיידלעך האָבן געלייענט. געשריבן אין אַ העכסט „פּאָעטישער" דייטשמערישער שפּראַך האָט די

כלה כמעט נאָכגעשריבן וואָרט אין וואָרט דעם בריוו פון בריוון־שטעלער.

ביים לערנען זיך שרייבן איז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געגעבן געוואָרן דער האַנטשריפט. וואָס מער די האַנטשריפט איז געווען „געציקלט", אַלץ אַ גרעסערער קענער, שרייבער איז יענער געווען. דערהויפּט האָט מען געציקלט, אויסגעדרייט דעם נאָמען ביים אונטערשרייבן זיך, מען האָט געדאַרפט זיין אַ קינצטלער צו קענען איבערלייענען אַזאַ אונטערשריפט.

אין שטעטל זיינען געווען געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט שיינע האַנטשריפטן, איז מען צו יענע געגאַנגען זיי זאָלן אָנשרייבן דעם בריוו, ווייל איבערשרייבן דעם בריוו פון בריוון־שטעלער מיט אַ שלעכטן „פּאַטשערק" האָט אויך ניט געטויגט. האָט זיך אָפּטמאָל באַקומען אַזאַ בילד: אַ כלה באַקומט אַ בריוו פון חתן זייער שיין אָנגעשריבן, טראָגט זי אַרום דעם בריוו צו אַלע אירע חברטעס צו ווייזן ווי געראָטן איר חתן איז. דאָס זעלבע טרעפט מיט דעם בריוו וואָס דער חתן קריגט פון דער כלה, ער ווייזט אירע בריוו, אַלס ביישפּיל וואָס פאַר אַ געראָטענע כלה ער האָט. אין דער ווירקלעכקייט זיינעןביידע בריוו, אירער און זיינער, געשריבן געוואָרן פון די שטעטלשע בריוו־שרייבער, וועלכע פלעגן קריגן פאַרן אָנשרייבן 5 קאָפּיקעס.

איך פאָר אין באָריסאָוו זיך לערנען אַן אַרבעט

איידער מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון בעלינעץ, בין איך געווען אַן אַרבעטער אויף איין טאָג. מען האָט מיך אָפּגעגעבן צו איטשע־נחומען צו ווערן אַ בלעכער. מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך גע־שמירט מיט פאַרב די בלעך, וואָס איטשע נחום האָט צוגעגרייט צו דעקן אַ קלייסטער, אָבער אין דער לעצטער מינוט, האָט דער טאַטע געביטן דעם פּלאַן און האָט געלאָזן ביי איטשע נחומען מיין ברודער, יעקב, וועלכער איז געווען עלטער פון מיר.

אונדזער עלטסטער ברודער, עלע־יאָשע, דעמאָלט זיבעצן יאָר אַלט, איז שוין געוואָרן אַ מלמד ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט. ווען מיר האָבן זיך איבערגעקליבן אין בערעזין איז ער אוועקגעפאָרן קיין אוקראַינע. ער איז געווען פון די מאָדערנע מלמדים, ער האָט געלערנט מיט זיינע שילער דקדוק. עס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אין אוקראַינע אויף אַזעלכע יידישע לערער.

דער טאַטע האָט געוואַרט ביז ענדע זומער, ווען דער ברודער וועט קומען צוריק, ווייל ער האָט דאָס געדאַרפט מיך אוועקפירן אין באָריסאָוו.

אין באָריסאָוו האָט געוואוינט מיין טאַטנס אַ שוועסטער, חנה. איר מאַן, אַרע קאַרפּ, איז געווען אַ בוכבינדער, ער האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט קלעפּן אָבאָיעס. מען האָט אָפּגעמאַכט אַז איך דאַרף ביי אים „דינען" פיר יאָר. דעם ערשטן יאָר דאַרף איך עסן אַנדערש־וואו און די איבעריקע דריי יאָר וועט ער מיר געבן עסן.

דער ברודער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטאָט זוכן פאַר מיר „טעג". איך האָב געוואוסט, אַז די ישיבה־בחורים, וואָס לערנען אין קלויז, „עסן טעג". מען געפינט זיבן פאַמיליעס, וועלכע גיבן צו איין טאָג אין וואָך עסן. אָבער אַז איינער וואָס לערנט זיך אַ מלאכה זאָל דאַרפן עסן טעג, איז פאַר מיר געווען אַ נייס.

עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז ניט אַלע האָבן געוואוסט, אַז איך בין ניט קיין קלויזניק און איך האָב גענומען פילן אַז מען

קוקט אויף מיר זייער ניט פריינדלעך. דערהויפּט האָב איך דאָס גע־פילט ביי איינעם וואָס האָט געהאַט אין מארק א גרויסע אייזן קראָם.

עס איז מיר געווען זייער שווער צוגעוואוינען זיך צו גיין עסן טעג. איך פלעג שטיין ביים טיר מינוטן לאַנג און שעמען זיך אריינ־גיין. אָבער ביסלעכווייז האָב איך זיך אין א פּאָר הייזער צוגעוואוינט. איין טאָג פלעג איך עסן ביי א רייכן באַלעבאָס, איך האָב זיי ווייניק געזען. איך פלעג אריינגיין מיט דער הינטער־טיר אין קיך. דאָרטן פלעגט מיך מיט א שמייכל באַגעגענען די דינסט און פלעגט מיר געבן עסן וואָס מער. זי האָט געוואוסט, אז איך לערן זיך אן ארבעט און זי האָט מיר געזאָגט, אז מיר דינען ביידע — זי דינט ביים גביר און איך דין ביי מיין פעטער: „עס וואָס מער" פלעגט זי זאָגן, זיי האָבן גענוג.

איך האָב געהאַט נאָך א גוטן טאָג ביי אן אָרעמער פאַמיליע. זיי האָבן געוואוינט אין א זייטיקער געסל. זיי אליין האָבן ניט גע־האַט צופיל. אָבער זיי פלעגן מיר יעדן מאָל אויפנעמען זייער גוט.

נאָך א קורצער צייט האָב איך מיין טאָג ביים אייזנקרעמער אויפ־געגעבן. איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגן ווי מען וואַרפט מיר צו דאָס עסן אין קיך און מען גייט אוועק. קיינער האָט ניט געוואוסט, אז יענעם טאָג עס איך ניט. איך פלעג אַוועקגיין, אזוי ווי אַלעמאָל, פון הויז, אַרומגיין אין גאַס, קומען צוריק אזוי ווי אָן אָפּגעגעסענער.

אזוי ווי עס האָט זיך געפירט דעמאָלט אומעטום, מיט אַלע לער־יינגלעך, פלעגט מען דעם ערשטן יאָר ניט לערנען ארבעטן, נאָר מען פלעגט דארפן שלעפּן די „פּאָמוניצעס", גיין פאַרשיידענע גאַנגען, העלפן „ניאַנטשען" די קינדער און א. וו.

מיין פעטער אַרע איז נאָך געווען א יונגער מאַן פון א יאָר דריי־סיק, א חסיד, וואָס פלעגט אַלע יאָר פאָרן צום ליבאַוויטשער רבין. א קורצער, מיט א שפּיציקער שוואַרצער בערדל, צוויי שוואַרצע לאַנגע פאות, וועלכע זיינען געהאַנגען אין גרייזלעך; א פריינדלעכע מינע איז ביי אים געווען שווער צו קריגן. ער האָט כסדר געגלאָצט די אויגן און געערדט מיט גאָט. אז עס פלעגט קומען שבת, פלעגט ער גאָר אויפ־הערן ריידן די וואָכעדיקע שפּראַך, יידיש, און פלעגט זיך צוזאַמענ־רעדן מער אויף שטום־לשון.

די פרוי זיינע, מיין פעטערס שוועסטער, איז געווען דער היפּוך פון אים — א שטילע, איידעלע מיט א גוטן כאַראַקטער. זי האָט אָבער

מורא געהאַט פאַר זיין בליק. פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט ער זיך וואַרפן שלאָגן. הענט האָט ער געהאַט דאַרע, ביינערדיקע און ווי נאָר ער פלעגט זיך וואַרפן אויף מיר שלאָגן פלעגט ער מיך גלייך צע־בלוטיקן, דערהויפּט פון נאָז. עס איז מיר געווען זייער שווער צוצו־געוואוינען זיך צו דעם אַרט לעבן.

איך פלעג קומען פון מיין „טאָג” עסן גייסטיק אַ צעבראָכענער און פיזיש אַ הונגעריקער, אַלס אַ פאַרבייסן פלעגט דער פעטער מיך אָנהויבן שלאָגן. איך האָב געפילט אַז מען שלאָגט מיר אומשולדי־קערהייט, אָן קיין שום אורזאַך. איך האָב גאַנץ שנעל אויסגעפונען, אַז שלאָגן אַ לער־יינגל גייט אַריין אין דער „פּראָגראַם” פון לערנען די אַרבעט, אַז דער באַלעבאָס דאַרף גאָר ניט האָבן קיין אורזאַך פאַר שלאָגן — ער שלאָגט ווייל מען האָט אים אויך געשלאָגן, ווען ער האָט זיך געלערנט די אַרבעט. און די איינציקע טרייסט פון דעם גע־שלאָגנעם איז, אַז ווען ער וועט ווערן אַ באַלעבאָס, וועט ער אויך קענען שלאָגן זיינע לערן־יינגלעך.

צוזאַמען מיט מיר האָט זיך געלערנט די אַרבעט משה, מיין טאַטנס ברודער. ער איז געווען אַ שוואַגער צו קאַרפּן. ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר און אַפילו ער האָט אויך געקראָגן געשלאָגן פון קאַרפּן.

דאָס איז אָבער פאַר מיר געווען זייער אַ קנאַפּע טרייסט.

איך פלעג דאַרפן אָפּטראָגן פאַרטיקע אַרבעט צום באָריסאָווער וואָקזאַל — אַ דריי ווייאָרסט פון שטאָט. נאָך פון בערעזין בין איך געקומען מיט אַ וואונד אויפן פוס. און אַזוי ווי פון גיין צו אַ דאָקטאָר מיט אַזעלכע „קלייניקייטן” האָט מען ניט געהאַלטן, האָט זיך די וואונד ניט פאַרהיילט. עס האָט ניט געהאָלפן קיין שפּינוועבס, אי־בערגעבערענטע פעדערן און נאָך אַזעלכע מיטלען. פון גיין עסן טעג, אָפּטראָגן אַרבעט און אין אַלגעמיין שטענדיק געשיקט ווערן אויף פאַרשיידענע גאַנגען, איז די פוס מיר געוואָרן אַלץ ערגער.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז מיין פעטער אויך געווען אַן אַבאָישטשיק (פּייפּער הענגער). מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין שלעפּן די „פּאַפּ” (פּייסט) אָדער קליי, מיט וועלכע מען האָט גע־שמירט די פּאַפּיר, אָנשמירן און דערלאַנגען צום לייטער אויף וועלכן ער איז געשטאַנען. פאַר יעדער קלייניקייט: אַז דער פּאַפּיר־פּאַס איז ניט אַזוי לייכט צוזאַמענגעלייגט אָדער אים האָט זיך געדוכט, אַז ביים

דערלאַנגען איז דאָ אַ פינגער־צייכן אויפן פּאַפּיר, זיינען געפלויגן פייערדיקע פּעטש. און טאָמער איז ער אַליין געווען ווייניק, פלעגט אים אַרויסהעלפן זיינער יינגערער ברודער, מאָטקע, מיט וועלכן ער פלעגט אָננעמען די אַרבעט בשותפות.

איינמאָל האָבן מיר געאַרבעט אין אַ הויז וואו מען האָט אַלץ איבערגעבויט. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט ברעטער מיט גרויסע טשוועקעס אַרויסגעשטעקט. אַזוי ווי ער מיט זיין ברודער פלעגן מיך נאָכאַנאַנד יאָגן, בין איך אַרויפגעטראָטן אויף אַ ברעט מיט אַ גרויסן פאַרזשאַווערטן טשוואָק, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דורכן שטיוול טיף אין פוס אַריין. מען האָט געמוזט אויפשניידן דעם שטיוול כדי אַרויסצונעמען דעם טשוואָק. פון נעמען מיך צו אַ דאָקטאָר, האָט דער פעטער גאָר ניט געטראַכט און ביז היינט וואונדער איך זיך, ווי אַזוי דער פאַרזשאַווערטער טשוואָק האָט מיר ניט פאַרסמט די בלוט.

דער זומער האָט מיר געבראַכט אַ ביסל פאַרלייכטערונג. זומער איז דער שבת אַ לענגערער, פלעג איך נאָך מיין אָפּעסן אויף מיין „טאָג" אַוועק אויף אַ פּאָר שטונדן אויסערן שטאָט, אין וואַלד.

איך האָב ניט געהאַט קיין פריינט, מיט וועמען איך זאָל קענען אַפילו איין מאָל אַ וואָך פאַרברענגען, ריידן. פלעג איך איינער אַליין זיך אַוועקזעצן אונטער אַ בוים, מיינע געדאַנקען פלעגן מיך אַוועק־טראָגן צו די בעליניצער שבתים, וואו איך מיט די אַנדערע חדר־יינג־לעך האָבן פאַרבראַכט, אַרומגעלאָפן, געקלעטערט אויף די בוימער, באַהאַלטן זיך אין די טיפע גראָזן. די זכרונות האָבן מיך געמאַכט נאָך ביטערער פילן מיין איצטיקע לאַגע.

אָבער לאַנג האָב איך ניט געקענט אַפילו דעם שבת האָבן פאַר זיך. מיין מומע חנה האָט געבוירן אַ זון, בין איך געוואָרן זיין ניאַנ־קע. דאָס קינד איז שטענדיק געווען קראַנק. דער דאָקטאָר האָט גע־זאָגט, אַז ער דאַרף זיין וואָס מער אויף פרישע לופט, בין איך באַ־שטימט געוואָרן צו ניאַנטשען אים סיי דורך דער וואָך, סיי שבת. איך פלעג מיט אים אַוועקגיין אויסערן שטאָט.

אַלס קראַנק קינד, האָט ער מיר פאַרשאַפט גענוג צרות און איך פלעג ציילן די מינוטן ווען איך וועל שוין מעגן נעמען אים אַהיים. אָפטמאָל ווען ער איז איינגעשלאָפן, האָב איך דאָך געפילט בעסער

צו זיין מיט אים, מיט אַלע צרות וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט, ווי צו זיין מיט זיין טאַטן ביי דער אַרבעט.

ענדע זומער איז געוואָרן אַ יאָר פון מיין לערע. אויף ווינטער האָב איך שוין געדאַרפט עסן ביים פעטער, אָבער וואו נעמט מען קליידער? דאָס ביסל זאַכן, וואָס איך האָב געבראַכט פון דער היים, איז צעריסן געוואָרן.

עס איז געבליבן, איך זאָל פאָרן צו דער מומע סאָשע. זי האָט געוואוינט אין פּאַרעטשע, ניט ווייט פון טאַלאַטשין, ביי איר האָט זיך אויך געפונען די באָבע כאַשע. ביידע האָב איך זייער ליב געהאַט און איך בין געווען צופרידן וואָס איך פאָר זיי זען. פון באָריסעוו קיין טאַלאַטשין, איז פיר סטאַנציעס, אָבער אַפילו אַזאַ קליינע סומע געלט האָט מיר גענומען אַ גאַנצן זומער צוזאַמענצוקלייבן פון די עטלעכע קאָפּיקעס, וואָס איך פלעג אַמאָל קריגן „נאַ טשאַי" אין די הייזער וואו מיר פלעגן קלעפּן די אַבאָיעס, אָדער פון אָפּטראָגן די פאַרטיקע אַרבעט.

דאָס ערשטע מאָל בין איך געפאָרן אין אַן אייזנבאַן. איך פלעג זייער אָפט זיין אין נאָוואָבאָריסאָוו, ווי עס האָט זיך גערופן די באָרי־סאָווער באַן־סטאַנציע און פלעג זען ווי דער באַן קומט און גייט אַוועק. און איך פלעג אַלע מאָל שטיין, קוקן און מקנא זיין די וואָס פאָרן.

סאָשעס מאַן, שמערל, איז געווען שותפות אין פּאַרעטשע מיט זיין ברודער אין דעם תבואה האַנדל און אין אַנדערע געשעפטן וואָס זיי האָבן געפירט. איך בין געקומען צו זיי אַן „אָפּגעריסענער" און אויסגעדאַרטער פון ניט דערעסן, פון פאַסטן אַמווייניקסטן איין מאָל אַ וואָך. די באָבע האָט מיך באַגעגנט מיט טרערן אין די אויגן, מיך אַרומגענומען און געקושט און אויף איר געזיכט איז קענטיק געווען, אַז ניט פרעגנדיק מיך, פאַרשטייט זי אַלץ וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן.

מיין מומע סאָשע האָט מיך אוועקגעפירט אין אַ ווינקל פון הויז און האָט מיר געבעטן איך זאָל קיינעם ניט דערציילן, אַז איך לערן זיך אַן אַרבעט. איך זאָל זאָגן, אַז איך בין אַ „קלויזניק" און לערן זיך אין באָריסאָווער ישיבה.

איך בין געווען אין אַ זייער גערדריקטער שטימונג. איך האָב פאַרשטאַנען מיין מומע סאָשע, אַז עס פּאַסט איר ניט פאַר שמערלס

משפחה צו זאָגן, אַז איך לערן זיך פאַר אַן אַרבעטער, אָבער איך האָב ניט געוואָלט זאָגן קיין ליגן. עס האָט מיך אויך פאַרדראָסן, וואָס מען שעמט זיך צו זאָגן אַז איך לערן זיך אַ מלאכה. אויף די אַלע פראַגן וואָס מען האָט מיך געפרעגט: וואָס פאַר אַ גמרא איך לערן, האָב איך געפּרואווט ענטפערן וואָס ווייניקער. מען האָט מיך אַ ביסל באַקליידט, כדי ניט צו ווייזן פאַר שמערלס משפחה, ווי אָרעם איך בין.

ביי שמערלס משפחה איז טאַקע געווען אַלעמאָל פריילעך. די קינדער האָבן געשפּילט פידל. מען האָט געזונגען. זיי זיינען אַלע געווען שיין אָנגעטאָן, די באַקן ביי די קינדער, זיינען פולע, באַגאָסן מיט אַ רויטן קאָליר...

די קינדער זיינען געווען זייער פריינדלעך צו מיר, זיי האָבן אַפילו גענומען לערנען מיך שפּילן פידל. אָבער מיין געמיט איז געווען אַזוי צעבראָכן, אַז זייער פריינטלעכע באַציאונג האָט ווייניק גע־האָלפן.

איך בין ביי זיי געווען איבער די יום־טובים. מען האָט מיך אויפ־געגעניט אַ וואַרעמען פוטערל מיט וואַטע אינעווייניק, און איך האָב זיך געלאָזן צוריק קיין באָריסאָוו.

געלט געגנוג אויף צו פאָרן צוריק האָט מען מיר ניט געגעבן. מען האָט מיר געהייסן קויפן אַ בילעט נאָר פאַר איין סטאַנציע און דערנאָך זיך באַהאַלטן אונטערן באַנק.

עס איז שוין געווען אָוונט, ווען דער צוג איז אַרויסגעפאָרן פון טאַלאַטשין. דער קאָנדוקטער איז אַריין, האָט ביי מיר צוגענומען דעם בילעט און איידער דער צוג איז צוגעפאָרן ביז דער סטאַנציע בין איך שוין געלעגן אונטערן באַנק.

ווען דער קאָנדוקטער איז ווידער געקומען נאָך בילעטן, איז מיט אים מיטגעגאַנגען זיינער אַן אַרויסהעלפער, וועלכער האָט מיט אַ לאָמטערנע גענומען זוכן אונטערן באַנק און האָט מיך, געוויינלעך, געפונען און אַרויסגעשלעפּט, ער האָט געזאָגט אַז ווען דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן וועט ער מיך איבערגעבן צום נאַטשאַלניק פון סטאַנציע.

צו מיין גליק, זיינען אין זעלבן וואַגאָן געפאָרן אַ פּאָר יונגע יידישע מיידלעך, שיין אָנגעטאָן, קענטיק ניט קיין אָרעמע, זיי האָבן ביי מיר אין יידיש גענומען אויספרעגן וואוהין איך פאָר, וואָס איך טו. איך האָב זיי דערציילט מיין לאַגע. זיי האָבן זיך געווענדט צום

קאָנדוקטער און פאַרגעשלאָגן צו באַצאָלן וויפיל עס קאָסט א בילעט ביז באַריסעוו. דער קאָנדוקטער האָט איינגעשטימט. זיי האָבן מיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן זייער באַנק און גענומען מיט מיר פאַרברענגען. איינע פון זיי האָט אין א פּריילעכן שפּאַסיקן טאָן געפרעגט ביי מיר צי איך וואָלט געוואָלט זיין איר חתן. איך האָב געזען, אַז פאַר דער הילף וואָס זיי האָבן מיר געגעבן ווילן זיי האָבן זייער מאָס פאַרגעניגן. האָב איך באַשלאָסן צו ריידן מיט זיי אין זעלבן שפּאַסיקן טאָן און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט ביז דער צוג איז געקומען קיין באַריסאָוו.

דער ווינטער איז געווען זייער א קאַלטער. מיין וואַטאָווער פוטערל איז מיר גוט צוניץ געקומען.

דער פעטער משה, האָט געענדיקט זיין טערמין לערנעריי. ווען ער איז אַוועק, איז קארפ, געווען געצוואונגען צוצונעמען מיך פון זיין א ניאַנקע צו זיין זון.

איך האָב געאַרבעט זייער שווער. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב געהאַט נאָר איין באַפרידיקונג: איך האָב מער ניט גענדאַרפט גיין עסן „טעג”. ווי ווייניק, ווי אָרעם עס איז געווען דאָס עסן ביים פעטער, איז עס דאָך געווען פיל בעסער ווי צו גיין יעדן טאָג, אין א באַזונדער אָרט עסן.

באַריסאָוו ברענט אָפּ

עס איז געווען זייער א הייסע וואָך. אפילו נאָך א שווערן טאָג אַרבעט איז מיר געווען שווער איינצושלאָפן. איך טרייסט זיך אַז מאָרגן איז פרייטיק. נאָך א טאָג אַרבעט און איך וועל אָפּרוען.

ווי אַלע מאָל, וועקט מען מיך אויף גאַנץ פרי. איך האָב אָפּגעדאַוונט און שטעל זיך צו דער אַרבעט. פּלוצלונג — עס קלינגען די גלעקער אין מאַרק, — א פייער.

מיר זיינען שוין געווען צוגעוואוינט צום קלינגען פון די גלעקער. באַלד וועט מען לויפן מיט די פּאָר פעסלעך וואַסער, וואָס זיינען אָנגעגרייט אין מאַרק צו לעשן דעם פייער. עס וועט אָפּברענען א הויז, אָדער נאָך א הויז און מיט דעם וועט זיך דאָס ענדיקן. גאַנץ אַנדערש איז דאָס פאָרגעקומען יענעם פרייטיק אין דער פרי.

דער פייער האָט אויסגעבראָכן ניט ווייט פון מאַרק. עס האָט געבלאָזן אַ ווינט אין דער ריכטונג פון מאַרק. אין ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה האָבן שוין גענומען ברענען די קראָמען אין מאַרק, פון די קראָמען וואו מען פאַרקויפט נאַפט, איז דער פייער געוואָרן נאָך שטאַרקער. מיט אַ בליץ שנעלקייט, איז ער אַריבער פון איין הויז צום צווייטן. די קולות פון די פרויען, קינדער, דאָס קנאַקן פון די ברענענדיקע הייזער, אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט אינאיינעם. דער גאַנצער הימל האָט זיך באַדעקט מיט רויך און פייער. די גאַנצע שטאָט קלייבט זיך אַרויס מיט די בעבעכעס. דער פייער טרייבט אַלץ ווייטער. עס לויפט אַ מוטער מיט אַ קינד אויפן האַנט און שרייט, זוכט איר אַנדער קינד. איינע טראָגט אַ מולטער מיט די טייג פון דער חלה וואָס זי האָט געדאַרפט באַקן און כאַפּט זיך אַז זי האָט פאַר־לאָרן איר קינד. אַ דריטע לויפט און שרייט, די האָר פונאַנדערגעלאָזן. אין האַנט האַלט זי אַ סלאָאיק וואַרעניע, נאָך איר לויפט דער מאַן מיט די קינדער. אַלע טראָגן פעקלעך.

מיר האָבן שנעל גענומען איינפּאַקן יעדער זאַך, וואָס אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מען קען ראַטעווען. דער פייער האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו אונדזער הויז. מיר זיינען געלאָפן מיט אַלעמען גלייך. אין שטאָט איז שוין קיין באַהעלטעניש ניט געווען, מען לויפט צו די פעלדער אַרום שטאָט. אייניקע פּרובירן ראַטעווען זייערע היי־זער. מען טראָגט שנעל עמער וואַסער פון די נאָענטסטע ברונימער. באַלד ווערן די הייזער אויך אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען.

עס איז שווער איבערצוגעבן דאָס בילד, ווי עס האָט אויסגעזען די מאַסע מענטשן, וואָס זיינען געלאָפן פון די פלאַמען־פייער און רויך. אַפילו אין די גערטנער און פעלדער אַרום שטאָט וואו אַלע זיינען אַנגעלאָפן, איז די היץ און דער רויך געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז מען ווערט דערשטיקט. עס איז ניט געווען וואָס צו עסן און עס האָט זיך ניט געוואָלט עסן, עס האָט זיך נאָר געוואָלט טרינקען. די ליפן, דער צונג איז געווען טרוקן, אָבער קיין טראָפּן וואַסער האָט מען ניט געקענט קריגן.

פאַרנאַכט זיינען געקומען פייערלעשער פון מינסק און געהאָלפן לעשן, אָבער דער גרעסטער טייל שטאָט איז שוין געווען אָפּגעברענט.

איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט ווען איך בין נאָך געווען אין בעלינעץ, וועגן „נשרפים", וועגן יידן, וועלכע פלעגן קומען צו אונדז

אין שטעטל און דערציילן אז זיי זיינען געוואָרן אָרעמעלייט, ווייל אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט איז אַוועק מיטן פייער. אָבער ווען באַריסאָוו האָט אָפּגעברענט, האָב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אין וואָס פאַר אַ לאַגע עס בלייבן נאָך אַזאַ פייער הונדערטער פאַמיליעס.

אַזוי ווי דער פייער האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ פרי, ווען פיל זיינען נאָך געשלאָפן, האָבן זיי זיך קוים געראַטעוועט און האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט מיטצונעמען וואָס עס איז פון זייערע זאַכן. מען איז געבליבן אויך אָן שפּייז, ווייל דער מאַרק מיט אַלע קראָמען האָט אָפּגעברענט.

אויפן צווייטן טאָג האָט אָנגעהויבן אָנקומען שפּייז פון מינסק, דערהויפּט ברויט. אָבער באַריסאָוו איז אַ גאַנץ גרויסע שטאָט און די צוגעשיקטע ברויט איז געווען צו ווייניק.

אַ צייט נאָכדעם האָט מען געזען ווי די איינוואוינער פלעגן שטיין ביי זייערע אָפּגעברענטע הייזער אָדער דירות און גראָבן אין די קופּעס אַש און קוילן, צו געפינען דאָרט אַ סאַמאָוואַר, אַ קופּערנע כלי און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס דער פייער האָט ניט געקענט איינגאַנצן פאַרניכטן. אפילו די טשוועקעס און אַנדערע שטיקלעך אייזן וואָס זיינען געבליבן פון דער פאַרברענטער הויז האָט מען אויסגעגראָבן און געקליבן.

מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן צו דעם פעטערס טאַטן, וואָס איז אויך געווען אַ בוכבינדער און געהאַט אַן אייגענע הויז אין עק שטאָט, וואוהין דער פייער האָט ניט דערגרייכט.

אין הויף איז געשטאַנען אַן אַלטע חורבה, מער ווי האַלב איינגעזונקען אין דער ערד. די ליכט פון גאַס האָט קוים אַריינגעדרונגען פון די האַלב-איינגעזונקענע פענצטער. דער צימער אינעווייניק איז געווען די גרויס אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן. דאָרט האָט געוואוינט דער שטאָטישער וואַסער-פירער מיט זיין פרוי. און אָט אין דעם קליינעם צימער האָבן מיר זיך אַריינגעקליבן זאַלבע פינפט — דער פעטער, די מומע, זייערע צוויי קינדער און איך. צו דעם האָט מען נאָך דאָרט געהאַט דעם וואַרשטאַט אויך.

דער וואַסער-פירער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ניט געהאַלטן פון איילן זיך. ווינטער, פינף פאַרטאָג, פלעגט זיין פרוי אים אָנהויבן וועקן. לאַנגזאַם פלעגט ער זיך אויפהויבן פון בעט און גע-

מען אָנטאָן זיך. ווען ער פלעגט נעמען אַרומוויקלען די פיס מיט „אָנוטשעס" און אַרויפשלעפּן די שטיוול, פלעגן זיך די פינגער ביי אים קוים באַוועגן. אַ שטונדע פלעגט ביי אים נעמען אָנטאָן זיך.

פונקט ווי ער, האָט אויך זיין פערדל ניט געהאַלטן פון איילן זיך. ער פלעגט מעסטן זיינע טריט, זיי זאָלן ניט זיין צו גרויס. דער עק איז ביי אים געווען אַ קורצער, ווייל וואו אַ ייִנגל האָט געדאַרפט אַ סטרונע, איז ער געקומען רייסן האָר פון זיין עק און סיי דער וואַסער־פירער, סיי דער פערד האָבן זיך געפוילט זיי אָוועקטרייבן. עס האָט זיך געדוכט ווי זיי ביידע האָבן באַשלאָסן, אַז זיי האָבן שוין אויף זייער לעבן גענוג וואַסער געפירט און עס איז ניטאָ צוליב וואָס צו איילן זיך.

הונדערטער פאַמיליעס זיינען צוליב דעם פייער געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט, אָבער פאַר סאַלאָמאָנאָוון און גערשמאַנען, די אייגנ־טימער פונם שוועבל־פאַבריק, איז דאָס געווען אַ גליק. ניט נאָר האָבן זיי געקראָגן אַרבעטער כמעט אומזיסט, נאָר הונדערטער זיינען גע־שטאַנען אין דער ריי און זיך געבעטן מען זאָל זיי געבן אַהיים מאַכן קעסטעלעך פאַר די שוועבעלעך.

צווישן די הונדערטער אין דער ריי, בין איך אויך געשטאַנען. מען פלעגט אויסטיילן די האָלץ און פּאַפּיר און אין דער היים פלעגט מען דאָס צוזאַמענקלעפּן. אַזוי ווי קיין אַרבעט איז ניט געווען, האָט מיך דער פעטער געשיקט נעמען דעם מאַטעריאַל אויף מאַכן די קעס־טעלעך. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט, פלעג איך אַרבעטן ביי דעם.

ביסלעכווייז איז די שטאָט געקומען צו זיך און מיטן אויפבוי פון נייע הייזער איז אויך געוואָרן מער אַרבעט.

איך אַנטלויף פון באַריסאָוו

אַ הייסער זומער טאָג אין יולי 1893. עס האָט זיך דערנעענטערט דער דריטער יאָר פון מיין לערע. נאָך אַ יאָר און איך וועל זיין פריי.

איך שטיי און אַרבעט. עס לויפט אַריין דער פעטער, אים געפעלט עפּעס ניט, ווי איך האַלט דעם העפלעט (אַזאַ „געשטעל") אויף וועלכן איך ניי צונויף ביכער. ער גיט מיר אַ פּאַטש. איך ווער אויפגערעגט. איצט, ווען איך מאַך די גאַנצע אַרבעט בלויז פאַרן עסן, וואָגט ער מיך שלאָגן? איך ענטפער אים אַ פּאָר האַרבע ווערטער וועלכע איך

האָב ביז דאַן צו קיינעם ניט געברויכט, גיב אַ וואָרף דעם העפּלעט מיט די ביכער, גיב אַ קלאַפּ מיטן טיר און לויף אַרויס.

איך גיי איבער באַריסאָווער גאַסן. וואָס זאָל איך איצט טאָן? איך באַשליס, אַז גיין צוריק וועל איך ניט. אָבער וואוהין זאָל איך גיין? איך בין אָפּגעריסן, אַרויסגעלאָפן ווי איך בין געשטאַנען ביי דער אַרבעט. די צעריסענע הויזן זיינען אויסגעשמירט אין קליי. קיין פּאַספּאָרט האָב איך ניט, געלט אוודאי ניט. איך באַשליס צו פאָרן קיין מינסק, און געלט? נו, וועל איך זיך אונטערלייגן אונטערן באַנק.

פּאַרנאַכט גייט אַ צוג קיין מינסק. עס איז שוין שפּעט. איך לויף צום וואָקזאַל — אַ פאַרשוויצטער, פאַרמאַטערטער בין איך שוין אויף דער פּלאַטפאָרמע, נאָך אַ מינוט און דער באַן גייט אַוועק. איך וויל זיך אַריינכאַפּן, אָבער דער קאָנדוקטער גיט אַ קוק ווי איך זע אויס און פרעגט אַ בילעט. ער פאַרשטייט נאָך מיין אויסזען, אַז קיין געלט צו מאַכן מיט אים געשעפטן האָב איך ניט.

דער לעצטער קלונג און דער צוג איז אַוועק...

לאָז איך זיך אַוועק צופוס מיטן וועג, וואָס גייט, ווי איך האָב געהערט, צו מינסק...

עס ווערט פינצטער. פון ביידע זייטן אַ געדיכטער וואַלד. איך זע קיינעם ניט. די שטילקייט און פינצטערניש וואַרפט אָן אַ שרעק. אַלע שרעקלעכע מעשיות וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אין מיין קינדהייט: וועגן גזלנים, וואָס האַלטן זיך אויף אין די וועלדער און באַפאַלן די דורכגייער און הרגענען זיי; בייזע חיות, וואָס געפינען זיך אין די וועלדער און פאַרצוקן אַ מענטשן ווען זיי דערזעען אים; שדים וואָס געפינען זיך אויך אין די וועלדער און וועלן באַלד אַרויס־לויפן, די אַלע מעשיות קומען מיר אויפן געדאַנק.

איך נעם לויפן, און עס דוכט זיך מיר אַז מען לויפט מיר נאָך. איך ציטער אָפּצוקערן דעם קאָפּ — עפּעס שאַרכעט אין וואַלד. עס דוכט זיך מיר, אַז אָט באַלד פאַלט אויף מיר אימיצער אַרויף. איך הויב אָן ציטערן, די פיס ברעכן זיך, איך שטרענג זיך אָן צו לויפן ווייטער — יעדער מינוט אַן אייביקייט. איך האַלט ניט אויס און פאַל אַוועק. איך ליג מיטן פּנים אַרונטער און הויב אָן וויינען. איך פּרוואו דערשטיקן די טרערן, האָב מורא צו וויינען, נאָר איך קען זיך ניט איינהאַלטן. בליץ שנעל לויפט ביי מיר דורך אין געדאַנק מיין

פארגאנגענהייט: די אַלע צרות, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען פאַר די דריי יאָר און איך באַשלים צו לויפן ווייטער. עס זעט זיך אַ פייערל פון ווייטן. איך לויף אין יענער ריכטונג. עס איז אַ יידישע קרעטשמע. איך זאָג זיי, אַז איך גיי קיין מינסק זוכן אַרבעט. זיי פרעגן מיך וואו זיינען מיינע זאַכן, מיינע תפילין צום דאַווענען? דאָך לאָזן זיי מיך איבערנעכטיקן.

אין דער פרי האָבן זיי מיר געגעבן אַ פּאָר תפילין אויף אָפּ־צודאַווענען. זיי האָבן מיר אויך געגעבן אָפּצועסן. איך לאָז זיך ווידער אין וועג אַריין. ביז דער אייזנבאַן סטאַנציע איז אָבער צוואַנציק וויאָרסט. פון אָנהויב בין איך געגאַנגען גאַנץ שנעל, אָבער וואָס ווייטער בין איך געוואָרן אויסגעמאַטערט. מיינע צעריסענע שטיוול האָבן געריבן מיינע פיס.

שפּעט נאָכמיטאָג בין איך געקומען אין אַ שטעטל. הונגעריק, אויסגעמאַטערט. איך בין אַריין אין אַ כאַרטשעווניע אָפּצועסן. דער מאַלצייט קאָסט אַכט קאָפּיקעס, בלייב איך מיט איין קאָפּיקע. מיינע פיס זיינען געווען אַזוי אָנגעריבן, אַז אַפילו אַ באָרוועסער האָב איך ווייטער ניט געקענט גיין.

איך האָב אויסגעפונען, אַז דער צוג אין מינסק גייט פאַרנאַכט. האָב איך נאָך אַ פּאָר שטונדן צו וואַרטן. וואַרטן אויף דער סטאַנ־ציע, אָדער אַריינגיין אינעווייניק האָב איך מורא געהאַט, מען זאָל מיך ניט אַרעסטירן אַלס אַ בראָדיאַגע. איך האָב אָבער ניט געקענט אַוועק צו ווייט, ווייל אויף די קליינע סטאַנציעס שטייט דער צוג זייער ווייניק.

איך הער פון ווייטן ווי דער צוג קומט אָן. זייער ווייניק מענטשן גייען אַרויס אָדער אַריין אין צוג, דאָס מאַכט פאַר מיר שווערער דעם אַריינגנבענען זיך. דאָך בין איך ענדלעך אינעווייניק און ליג שוין אונטערן באַנק. דער צוג רירט זיך פון סטאַנציע. איך ליג אונ־טערן באַנק און בעט גאָט, אַז דער קאָנדוקטער זאָל מיר ניט גע־פינען. איך ציטער, אַז אויב ער געפינט מיר, וועל איך זיכער אַרעס־טירט ווערן. איך דריי זיך צוזאַמען ווי אַ קנויל, איך זאָל פאַרנעמען וואָס ווייניקער פּלאַץ. איך הער ווי דער קאָנדוקטער גייט אַריין און בעט בילעטן. נאָך אַ סעקונדע און ער וועט נעמען קוקן אונטערן באַנק. איך הער אָבער ווי ער גייט אַוועק ווייטער אין וואַגאָן. איך בין געראַטעוועט.

אין מינסק

עס איז שוין געווען גוט פינצטער ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן מינסק.

פּאַסאַזשירן האָבן גענומען אַרויסגיין. איך קריך אַרויס פון אונטערן באַנק און גיי מיט זיי. איך בין אַרויס פון סטאַנציע. אַזוי־פיל מענטשן, אַזויפיל דראָזשקעס. אַזויפיל גאַסן. מיט וועלכער גאַס זאָל איך גיין? וואָס איז דער אונטערשייד, צו דען האָב איך וואוהין צו גיין. איך בין שטאַרק דאָרשטיק, שטעל איך זיך אָפּ לעבן אַ סאָדע־ביידל טרינק אויס אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, באַצאָל אַ קאָפּיקע, בין איך שוין פאַרטיק מיט מיין פאַרמעגן. איך גיי ווייטער, נאָכן טרונק, ווילט זיך מיר עסן, אָבער מיין געדאַנק איז פאַרנומען מיט אַ פּלאַץ, וואו צו שלאָפן.

איך דערמאָן זיך וועגן „הקדש" (העקדעש — אַ יידישע אינסטיטוציע וואוהין אָרעמעלייט קענען קומען נעכטיקן). באַריסאָוו האָט געהאַט אַ הקדש מוז דאָך מינסק זיכער האָבן, וואָס גרעסער די שטאָט אַלץ גרעסער מוז דאָך זיין דער הקדש. איך הייב אָן נאָכפרעגן. מיט גרויס שוועריקייטן, שפּעט ביינאַכט, געפין איך דעם פּלאַץ.

איך גיי אַריין, דערקלער זיי מיין יחוס, אַ הונדערט פּראָצענטיקער אָרעמאַן, פאַרמאָג קיין זאַך ניט און דעריבער זאָלן זיי מיר לאָזן דאָ שלאָפן. ווייזט זיך אַרויס אַז איך דאַרף האָבן צוויי זאַכן: אַ פּאַספּאָרט און 5 קאָפּיקעס. מיט די 5 קאָפּיקעס וואָלטן זיי שוין מיט מיר דורכגעקומען, נאָר אָן אַ פּאַספּאָרט איז זיי פאַרבאָטן פון דער פּאָליציי צו לאָזן מיך שלאָפן. עס העלפן ניט קיין רייד.

אַרויסגייענדיק באַשליס איך, אַז אויב מען טאָר ניט שלאָפן אינעווייניק וועל איך שלאָפן אויף די טרעפּ. צוזאַמענגעדרייט זיך ווי אַ קנויל, אין אַ ווינקל פון די טרעפּ בין איך אַזוי אָפּגעלעגן די גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן איז געווען פרייטיק. איך גיי איבער די גאַסן און זוך אַ שילד פון אַ בוכבינדער. איך זע שניידער, שוסטער, קירזשנער, בלעכער, אַלע מלאכות, נאָר קיין בוכבינדער־שילד זע איך ניט. ווען איך האָב צום סוף איינעם געפונען, האָבן זיי מיר אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. פרייטיק פאַר ליכט־בענטשן, ווען מען דאַרף באַלד גיין אין שול, קום איך בעטן אַרבעט. און אין אַלגעמיין דאַרפן זיי מיך ניט. עס איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט. איך דריי זיך אַרום אין

אַלטן מאַרק, מענטשן איילן זיך, מען מאַכט צו די קראָמען. אָט גייט מען שוין אין שול. שוין אַ טאָג און אַ האַלב, אַז איך האָב ניט געגעסן. אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן.

איך גיי אַריין אין איינער פון די שולן אויפן שול־הויף. דאַוונען ליגט מיר ניט אין קאָפּ. איך קלער וועגן עסן און שלאָפן. ביי אונדז אין שטעטל פלעגט מען נעמען אַן אָרעמאַן אויף שבת צום עסן. די זעלבע זאַך אין באַריסאָוו, אָבער איך בין ניט קיין אָרעמאַן, איך בין אַ בראָדיאַגע. שטיי איך אין מיינע צעריסענע אויסגעשמירטע הויזן, אַלע גייען פאַרביי און קוקן זיך אַפילו ניט אום אויף מיר.

איך בלייב אויף די טרעפּ פון שול. ניט קיין שלעכטער אָרט צום שלאָפן. אַן אמתער פּאַלאַץ אין פאַרגלייך מיט די טרעפּ פון הקדש. איך קלייב אויס אַ ווינקל, וואו מען גייט אין דער ווייבערשער שול און לייג זיך אַוועק. ווען איך האָב נאָר כאָטש אַ שטיקל ברויט צום עסן... אַ ביסל שפּעטער, הער איך אַז עס קומען אָן נאָך געסט, הייסט עס, אַז דאָ איז אַן אמתע „אכסניה״.

די אַנדערע געסט, זיינען אין אַן אַנדער ווינקל. עס איז פינצטער, מיר קענען ניט זען איינער דעם צווייטן. אָבער איך הער, אַז דאָס איז אַ פריילעכע חברה. מען דערציילט פון די געשעפטן, וואָס מען האָט אַ גאַנצן טאָג דורכגעפירט. וויפיל קעשענעס מען האָט אויסגעליידיקט. איך דערוויס זיך פון זייערע רייד, אַז עס איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו מען גיט שבת עסן אָן געלט. דער פּלאַץ רופט זיך „קהלשע קיך״.

מיט זיסע האָפענונגען, אַז אין דער פרי וועל איך אָפּעסן, בין איך איינגעשלאָפן. איך שטיי אויף אין דער פרי, און זע, אַז מיינע שכנים זיינען שוין ניטאָ. איך נעם זיך נאָכפרעגן אויף דעם פּלאַץ, וואו מען גיט עסן און נאָך בלאָנדזשען אין פאַרשיידענע גאַסן, קום איך צום פּלאַץ.

די ווירקלעכקייט איז אָבער ניט אַזוי זיס ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. עס איז אַ מוראַדיקער עולם, פיל פון זיי, פון דעם מין, וואָס האָבן געשלאָפן לעבן מיר. מען דאַרף שטיין אין אַ ריי. און דער וואָס איז געזינטער שטופּט אַרויס דעם שוואַכערן. אָן מיר האָט מען גלייך דערקענט, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער.

נאָך גרויסע שוועריקייטן בין איך ענדלעך צוגעקומען צום אָרט, וואו מען טיילט דעם עסן. איך נעם מיין חלק חלה מיט די זופּ און שפּאַר זיך צו צום טיש. אָבער איידער כ׳האָב באַוויזן זעצן זיך, איז

שוין מיין חלק ניט געוואָרן—חברה האָט אים צוגעכאַפּט. אָנשטאָט אַ מאָלצייט זיינען מיר געשטאַנען טרערן אין די אויגן.

איך מעסט ווידער די גאַסן, איך זוך שילדן פון בוכבינדער, איך זאָל קענען מאָרגן, זונטיק, פרעגן אויף אַרבעט. איך מאַך **סימנים** צו קענען געפינען זיי.

עס איז שוין איבער צוויי טעג, אַז איך האָב קיין זאַך ניט גע־געסן. די פיס ברעכן מיר. איך בין ערגעץ אויף אַ פעלד הינטערן שטאָט. איך ליג דאָרט אָפּ ביז אין אָוונט און גיי ווידער אויפן שול־הויף איבערנעכטיקן.

זונטיק אין דער פרי: איך גיי אויף מיינע אָנגעמערקטע פלעצער. דער ערשטער פלאַץ אויף זאַכאַראָווער גאַס — מען דאַרף ניט. דער צווייטער, אויף גובערנאַטאָרסקער — די אַרבעטער עסן פרישטיק. פון הונגער ברעכן זיך מיינע פיס און עס שווינדלט מיר אין די אויגן. איך פרעג וועגן אַרבעט און איך קריג אָן ענטפער, אַז מען דאַרף ניט. איך דערמאָן זיך אויף נאָך אַ פלאַץ. עס איז גאַנץ ווייט. אָבער איך שטרענג זיך אָן צוצוגיין.

מען שטעלט מיך דאָרטן צו דער אַרבעט. עס איז נאָך אַ פּאָר שטונדן ביז מיטאָג. מיינע הענט גייען ניט. אָבער איך שטרענג זיך אָן ניט אונטערצוגעבן זיך, ניט זאָגן אַז איך וויל עסן.

אַ מאָלצייט נאָך דריי טעג ניט עסן

מיינע הענט האָבן זיך געטרייסלט ווען איך האָב גענומען צוטראָגן דאָס שטיקל ברויט צו מיין מויל. איך האָב אין יענעם מאָמענט געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: אָן אָרט, וואו איך זאָל האָבן עסן און שלאָפן. און דאָס האָב איך געקראָגן.

די אַרבעט איז געווען אַ פּראָסטע, מען פלעגט אַרבעטן פאַר די קראָמען וואָס פאַרקויפן יידישע ספרים. דער אַרבעטס־טאָג: זומער — פון 6 אַזייגער אין דער פרי ביז די זון פאַרגייט; ווינטער — פון 6 פרי ביז 12 ביינאַכט. זומער איז געווען גרינגער, ווייל מען האָט געהאַט אַ לאַנגען שבת. איך האָב געאַרבעט מיט נאָך איינעם אין זעלבן עלטער ווי איך. ווינטער, אַזייגער צען ביינאַכט, איידער דער באַלעבאָס פלעגט גיין שלאָפן, פלעגט ער אונדז געבן אַ פּעקל אַרבעט און זאָגן: נו, קינדער, ווען איר וועט דאָס ענדיקן, קענט איר גיין שלאָפן. מיר פלעגן זיך נעמען ביידע יאָגן, נאָר, ווי מיר האָבן זיך ניט געיאָגט, פלעגט דאָס נעמען ביז נאָך צוועלף אַזייגער.

דאַנערשטיק פֿלעגן מיר אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט; פֿרייטיק פֿלעגן מיר גיין אין באָד. אַזוי ווי קיין וועש האָב איך ניט געהאַט, פֿלעג איך אויסוואַשן די איינציקע העמד וואָס איך האָב געטראָגן און דורך דער צייט פֿון וואַשן זיך, פֿלעגט זי זיך אויסטריקענען.

געקומען פֿון באָד צו ליכט בענטשן. גייען מיר אין שול. עס איז נאָך גוט, וואָס די שול איז אַנטקעגן דעם פּלאַץ וואו איך אַרבעט. מען קומט פֿון שול און מען זעצט זיך עסן. איך בין אַזוי אויסגע־מאַטערט פֿון אַ גאַנצע נאַכט אַרבעטן, אַז אין מיטן עסן ווער איך אַנטשלאָפֿן.

שבת ביינאַכט פֿלעגט מען ווידער אַרבעטן. דיזעלבע באַדינ־גונגען זיינען געווען אין גאַנץ מינסק, אין אַלע פֿאַכן. איך האָב גע־אַרבעט זייער שווער אָבער אין פֿאַרגלייך מיט באָריסאָוו, האָב איך זיך געפֿילט זייער גוט. דאָס עסן איז געווען בעסער. אויף פֿרישטיק פֿלעג איך קריגן דריי קאָפּיקעס מזומן. איך פֿלעג אויסגעבן נאָר צוויי: פֿאַר אַ גראָשן — הערינג, פֿאַר אַ קאָפּיקע — ברויט, און פֿאַר אַ גראָשן — נאָך עפּעס. מיטאָג און ביינאַכט — נישקשהדיקע עסנס. אָבער דער־היפּט די באַהאַנדלונג: דער בעל־הבית און די בעל־הבית׳טע האָבן געזען איך זאָל זיין צופֿרידן. די פֿרוי פֿלעגט אַלע מאָל ריידן צו מיר מיט אַ שמייכל. דער באַלעבאָס האָט צוגעזאָגט צו געבן מיר, אַחוץ עסן און שלאָפֿן, 2 רובל אַ חודש. אויף דעם חשבון איז ער גלייך, ווי איך האָב זיך געשטעלט אַרבעטן, אַוועק מיט מיר אין מאַרק און געקויפֿט מיר אַ פּאָר הויזן.

שבת פֿלעג איך אַריינגיין צו זיין פֿאָטער, אויך אַ בוכבינדער. אין דער זעלבער גאַס, וואו זיין טאַכטער פֿלעגט לייענען פֿאַרשיידענע ראָמאַנען, צו וועלכע איך האָב געהאַט אַזאַ חשק נאָך פֿון קינדוויז אָן. דורך איר האָב איך אויסגעפֿונען, וואו זי נעמט דאָס אויף „פּראָקאַט". אין מינסק פֿלעגט מען קריגן ביכער צום לייענען אין די קראָמען וואָס פֿלעגן פֿאַרקויפֿן יידישע ספֿרים. איך בין אַוועק אין אַזאַ קראָם און האָב פֿאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס גענומען אַ יידיש בוך צום לייענען.

אין די זומערדיקע שבתים איז געווען גענוג צייט צום לייענען. שלעכט איז געווען ווינטער — איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין געוואָרן פֿינצטער און מען האָט ווידער געדאַרפֿט גיין צו דער אַרבעט.

***

עס איז געווען א פרימאָרגן, פאַר פורים. אַכט מאָנאַטן זינט איך בין אַנטלאָפן פון באָריסאָוו. איינמאָל עפנט זיך די טיר און מיין פעטער משה קומט אַריין.

ווען איך האָב אים דערזען, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער רופט מיך אַרויס און זאָגט, אַז ער דאַרף מיט מיר וועגן עפּעס ריידן ביי זיך אין אַריינפאָר־הויז. ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט אים, האָט ער מיך גענומען אָנשרעקן, אַז איך האָב ניט קיין פּאַספּאָרט. ער וויל מיר קיין שלעכטס ניט טאָן, נאָר איך זאָל גיין מיט אים דורכריידן זיך.

קומענדיק אין אַריינפאָר־הויז האָט ער מיר גענומען איינריידן, אַז איך מוז פאָרן צוריק אין באָריסאָוו, אַז דער פעטער קאַרפּ איז אינ־גאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן. מיין אַנטלויפן האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז איך וועל פון אים מער קיין קרום וואָרט ניט הערן. אויב מיר וועט ניט געפעלן, קען איך אויך קומען שפּעטער צו אים קיין אָרשע.

ווען ער האָט געזען, אַז קיין זאַך העלפט ניט און איך וויל ניט פאָרן, האָט ער ווידער גענומען סטראַשען מיט דעם, וואָס איך האָב ניט קיין פּאַספּאָרט. ער האָט ענדלעך אויסגעפירט זיינס און האָט מיך אפילו ניט אָפּגעלאָזט צו גיין נעמען די ביסל זאַכן, וואָס איך האָב געהאַט אין וואַרשטאַט און איז גלייך מיט מיר אַוועקגעפאָרן אין באָריסאָוו. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן פון די בריוו וואָס איך האָב געשריבן צו מיין פאָטער אויסגעפונען וואו איך געפין זיך.

ווידער אין באָריסאָוו

עס איז געווען ווי דער פעטער משה האָט געזאָגט. איך האָב גע־פונען דעם פעטער קאַרפּ ניט צו דערקענען. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוריידן צו מיר אַ הויך וואָרט. אַנשטאָט וואָס אַמאָל האָב איך געמוזט שבת גיין אין שול דריי מאָל דאַווענען, האָב איך איצט אַ גאַנצן טאָג שבת געלייענט מיינע ראָמאַנען, וועלכע איך האָב אויך דאָ געקראָגן.

אָבער פאַר מיר איז שוין געווען אוממעגלעך זיך צוגעוואוינען צו באָריסאָוו. נאָך מינסק איז באָריסאָוו פאַר מיר געווען ווי אַ דאָרף. איך האָב אויך געזען, אַז קאַרפּן וועט ניט אָרן, צי איך וועל אַוועקפאָרן,

ווייל איך האָב זיך פאַר די אַכט מאָנאַטן אַזוי געפּיטן, אַז עס איז שוין פאַר אים געווען צופיל דאָס קוקן ווי איך האָב זיך אַריינגעלאָזט אין „טריף־פסול'ען", ווי ער האָט גערופן די ביכלעך וואָס איך לייען. דערצו האָט ער מורא געהאַט צו זאָגן מיר אַ וואָרט.

לויט דעם אָפּמאַך מיט דעם פעטער משה, אַז אויב מיר געפעלט ניט ביי קאַרפּן, קען איך קומען אין אָרשע—בין איך נאָך אַ קורצער צייט אין באָריסאָוו אַוועק קיין אָרשע.

די באַדינגונגען אין אָרשע זיינען געווען דיזעלבע ווי אין מינסק. דיזעלבע לענג פון אַרבעטס־טאָג — פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט.

דער בעל־הבית, מאַרשאַק, אַ מיטליאַריקער ייד, מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד, האָט מער אַכטונג געגעבן אויף זיך מיט זיין באָרד, וועלכע ער פלעגט כסדר פּוצן, ווי אויף דעם וואַרשטאַט. פירן דעם וואַרשטאַט האָט ער איבערגעלאָזט צום פעטער משה, זיין צוקונפטיקן איידעם. חוץ בוכבינדונג, האָט מען אויך ביי אים געקלעפּט „אַבאָיעס."

אָרשע, פיל קלענער פון מינסק, איז געווען אַ לעבעדיקע שטאָט, מיט אַ גרויסער צאָל פאַרשיידענע אַרבעטער. ווי אין מינסק, אַזוי אויך דאָ, האָט מען געהאַט זייער ווייניק פרייע צייט פאַר זיך. די עטלעכע שבתדיקע שטונדן פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אויף פראָסטע, וואולגאַרע פאַרווייליונגען, אין וועלכע מיר איז געווען שווער זיך אַריינצופּאַסן.

איך האָב זיך ווידער גענומען צום לייענען. אָבער מיין לייענען איז געווען אָן אַ טאַלק און אָן אַ סיסטעם. איך האָב גענומען פון דער ליי־ביבליאָטעק אַלץ וואָס עס איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט.

דער אייגנטימער פון ביבליאָטעק האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיר. עס איז פאַר אים געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, אַז אַן אַר־בעטער זאָל זיין אַזוי איבערגעגעבן צום לייענען ביכער. זיינע קונדן זיינען ס'רוב געווען אינטעליגענטן אָדער פון מיטל־קלאַס.

ער האָט מיך גענומען פאַראינטערעסירן אין לייענען העברייאישע ביכער: ווי אהבת־ציון, יוסיפון און אַנדערע, אויך העברייאישע זשורנאַלן. פון אָנהייב איז מיר געווען שווער צו פאַרשטיין זיי, ווייל דאָס ביסל העברייאיש וואָס איך האָב געקענט פון חדר, האָב איך אויך פאַרגעסן, נאָר עס האָט גענומען אַ קורצע צייט און איך האָב גענומען פאַרשטיין דעם אינהאַלט.

מיט דער הילף פון ביבליאָטעקאַר, האָב איך אָנגעהויבן לייענען די בעסערע יידישע ביכער. שאָמערס, בלאָשטיינס און נאָך פון דעם מין

„העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" — האָט ער געזאָגט, איז נאָר פאַר די דינסט־מיידלעך.

אויף וויפיל איך געדענק, די שרייבער און ביכער וואָס איך האָב געליינט אין יענער צייט, זיינען עס געווען:

יעקב דינעזאָנס „אבן נגף", מענדעלע מוכר ספרים — „די קליאַטשע", „דאָס קליין מענטשעלע", „מסעות בנימין השלישי". ספּעקטאָרס — „דער שטומער גוטער־ייד". שלום עליכמס — „יאָסעלע סאָלאָוויי", „סענדער בלאַנק", „סטעמפּעניו". שאָמערס „משפט".

זאַמל־ביכער: שלום עליכמס — „יידישע פאָלקס ביבליאָטעק". ספּעקטאָרס — „הויז פריינט". פּרצס — „אידישע ביבליאָטעק" און „ליטעראַטור און לעבן".

אליקום צונזער איז דאַן געווען באַוואוסט מיט זיינע לידער. זיין „די סאכע" איז געזונגען געוואָרן אין פּריוואַטע היימען, ווי אויך אין וואַרשטאַטן.

דער ביבליאָטעקאַר האָט זיך גענומען צו מיר איך זאָל ווערן אַ מיטגליד פון די חובבי־ציון. נאָך איינינקע שמועסן מיט אים וועגן דער יידישער לאַגע און אַנטיסעמיטיזם, האָב איך איינגעשטימט און גע־געבן אים די דריי רובל, וואָס עס האָט געקאָסט אַ יאָר אָפּצאָל. דריי רובל איז דאַן ביי מיר געווען אַ גרויסער פאַרמעגן, דאָס איז געווען אַ מאָנאַט שכירות וואָס איך האָב געקראָגן אַחוץ עסן און שלאָפן.

די ביכער וואָס מען פלעגט ביי אונדז בינדן זיינען געווען דער־הויפּט אין דער רוסישער שפּראַך, וועלכע איך האָב ווייניק פאַר־שטאַנען און נאָך ווייניקער געקענט לייענען. פונדעסטוועגן פלעג איך אין זיי אַריינקוקן און פּרואוון דורכקריכן די גרינגערע. דערהויפּט האָט מיך צוגעצויגן געשיכטע און געאָגראַפיע. איך געדענק: מיר האָבן איינמאָל געבונדן לערן־ביכלעך — געאָגראַפיעס פאַר די פאָלקס־שולן. דאָרטן זיינען געווען באַשריבן אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, מיט די בילדער ווי זיי קוקן אויס. די יידן זיינען געווען כאַראַקטעריזירט ווי אַ פאָלק פון הענדלער, פּאַראַזיטן, וואָס לעבן פון פרעמדער אַרבעט.

די כאַראַקטעריסטיק האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. איך האָב זיך געפרעגט: צי דען בין איך, און נאָך טויזנטער וואָס איך האָב געזען אין מינסק און אויך אין אָרשע, וואָס אַרבעטן אַזוי שווער — פּאַראַזיטן? אָבער פון דער אַנדער זייט איז דאָך אמת

אַז אַ סך יידן זיינען הענדלער און קרעמער און צוליב זיי קלערט מען אויס אויף מיר און אויף אַזעלכע ווי איך, אַז מיר זיינען פּאַראַזיטן. וואָס איז דער אויסוועג? ניט אַנדערש, אַז אַלע יידן דאַרפן ווערן ערד־אַרבעטער און בעל־מלאָכות. דער געדאַנק, אַז אַלע יידן דאַרפן אַריבער אויף פּראָדוקטיווער אַרבעט האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט.

צו יענער צייט האָט זיך גענומען טומלען וועגן דער איבער־וואַנדערונג אין אַרגענטינע. מיר איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן. ווען איך בין צוגעפאָרן אין טאַלאַטשין זען זיך מיט מיין עלטערן ברודער, וואָס איז דאַן אַהין געקומען, האָב איך מיט אים וועגן דעם געהאַט אַ לאַנגע דעבאַטע. ער האָט מיר געגעבן אַן עצה, אַז איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט, זאָגט ער, ווערן אַלע יידן אַרבעטער. אגב, אַרבעט מען דאָרטן ווייניקער שטונדן און דו, ווי איך זע, וועסט דאָרטן ווערן אַ גאַנצער פילאָזאָף.

עס בלאָזן פרישע ווינטן

איבער גאַנץ רוסלאַנד האָבן זיך צו יענער צייט גענומען טראָגן נייע געדאַנקען און זיי האָבן זיך דערטראָגן אויך צו מיר.

אַ פריקאַשטשיק, וועלכן איך האָב געקענט אַלס אַן „אויפגע־קלערטן", האָט איינמאָל געבראַכט איינבינדן פּיסאַרעוו'ס*) שריפטן. לויט מיין געוואוינהייט האָב איך, שבת, גענומען בלעטערן און דורכ־קריכן וועגן דעם, וואָס דאָרט שרייבט זיך. אייניקע זאַכן, ווי „די בינען", די אַרבעטער אין ענגלאַנד אאז"וו זיינען מיר זייער געפעלן געוואָרן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פיל ווערטער האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

ווען ער איז געקומען אָפּנעמען די ביכער, האָב איך אים געזאָגט מיין מיינונג וועגן דעם וואָס איך האָב געלייענט. אויף אים האָט דאָס געמאַכט אַן איינדרוק. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אַריינקומען צו אים אין געשעפט, ווייל ער דאַרף מיר זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט בין איך אַוועק צו אים. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס וואוהין איך זאָל קומען שבת בייטאָג און אָנ־געזאָגט, קיינעם וועגן דעם ניט צו דערציילן. מיט אומגעדולד האָב איך זיך קוים דערוואַרט עס זאָל קומען שבת און גלייך נאָכמיטאָג בין איך אַוועק אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס.

---

*) פּיסאַרעוו איז געווען אַ באַרימטער רוסישער ראַדיקאַלער קריטיקער פון מיטן 19-טן יאָרהונדערט.

איך גיי אַריין. עס באַגעגנט מיך אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן פון אַ יאָר 23, רופט מיך אַריין אין אַ צווייטן צימער, בעט מיך זיצן, רעדט מיט מיר רוסיש, פרעגט וואָס איך קען, וואָס איך האָב געלייענט אאַז"וו. נאָכדעם ווי איך האָב אים געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן, דערלאַנגט ער מיר אַ ביכל אין רוסיש: זאַבאָוו'ס „געשפרעכן וועגן דער נאַטור". הייסט מיר דאָס נעמען צום לייענען און ווידער קומען אַ צווייטן שבת.

ווי געוויינטלעך, האָב איך ניט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אַלע ווערטער אין בוך, אָבער איך האָב פּאָרט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. עס איז געווען געשריבן אין אַ פּאָפּולערער שפּראַך, מיט בילדער, פון וואַנען עס נעמען זיך די דונערן, בליצן, רעגן, וועגן דער זון, לבנה און אונדזער ערד, די פּלאַנעטן און דער זון־סיסטעם, די שטערן אאַז"וו.

איך בין ווידער געקומען שבת און אַלץ איבערגעגעבן אים אין אַ געבראָכענעם רוסיש, אָבער ער איז געווען באַגייסטערט פון מיין פאַר־שטיין דעם אינהאַלט. ער האָט מיר געהייסן לייענען די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון זעלבן בוך און קומען יעדן שבת. אינמיטן וואָך האָב איך קיין צייט ניט געהאַט צו לייענען, אָבער ווי עס פלעגט נאָר קומען שבת, פלעג איך זיך צוכאַפּן צום בוך.

נאָך עטלעכע שבתים גיין צו אים, האָט ער מיך איינגעלאַדן אָפּצושטעלן זיך ביי אים אַ ביסל שפּעטער, ווייל ער וויל מיך באַקענען מיט זיינע פריינט.

עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרופּע פון אַ צען יונגעלייט. צווישן זיי — מיין באַקאַנטער פריקאַשטשיק. דאָס איז געווען די שטודירנדיקע יוגנט, עקסטערניקעס, וואָס זיינען געקומען אויף פּסח אַהיים. איך בין געווען דער איינציקער אַרבעטער. ער האָט מיך פאָר־געשטעלט פאַר זיי אַלס דעם פּייאַיקסטן שילער, וואָס ער האָט ווען געהאַט. מען האָט פאַרבראַכט, געזונגען לידער, אָבער איך האָב זיך געפילט צווישן זיי ניט אַמבעסטן, דערהויפּט ווייל איך האָב אין קיין זאַך ניט געקענט נעמען קיין אָנטייל—ניט אין פאַרברענגען, ניט אין זייערע געשפּרעכן, וועלכע זיינען געווען אין רוסיש.

מיין לערער האָט מיר געגומען איינריידן איך זאָל זיך נעמען לערנען רוסיש: האָסט גוטע פּייאַיקייטן, ביסט נאָך יונג, עס איז ניט פאַר דיר צו בלייבן בלויז אַן אַרבעטער.

צי איך קען עפעס דערגרייכן אין מיינע אומשטענדן, בין איך ניט געווען אזוי זיכער. אגב, ווי איך האָב פריער געזאָגט, האָב איך געהאַט אַן אנדער קוק אויף אַרבעט. דאָך האָב איך איינגעשטימט צו נעמען לעקציעס אין רוסיש.

אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שוועריקייט. עס איז געווען נאָך פּסח. מען אַרבעט ביז זון־אונטערגאַנג. אויף צו שרייבן דאַרף מען האָבן אַ לאָמפּ. זאָגט מיין בעל־הבית׳טע, אַז זי וועט ניט לאָזן ברענען קיין קעראָסין אויף דעם וואָס איך האָב זיך אריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ און וויל ווערן אַ פילאָזאָף. מען קען זיין אַ גוטער בוכבינדער אָן דעם אויך. עס איז אויך געווען אַ צווייטע אורזאַך, וואָס פון דעם איז גאָרניט געוואָרן.

אויף איינער פון די לעקציעס האָט מיר דער לערער געגעבן אַ קליין יידיש ביכעלע: „פון וואָס איינער לעבט". איך האָב איבער־געלייענט דאָס ביכל, און אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפנט. עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן פון וואַנען עס נעמט זיך רייכקייט און אָרעמקייט, בעלי־בתים און אַרבעטער; עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, פון וואַנען עס נעמען זיך די טויזנטער ביי דעם דירעקטאָר פון באַנק, וועלכער האָט ערשט געהייראַט און איך האָב דאָרט געאַרבעט אויף העלפן צופוצן די גרויסאַרטיקע צימערן; ווי זיין יונגע ווייבל, אויסגעבאַליעט, אויסגעפוצט און דעקאָלטירט, פלעגט מיט אים אריינקומען זען צי מיר האָבן אַלעס געמאַכט ריכטיק; ווי ער זשאַ־לעוועט ניט קיין טויזנטער אויסצושרייבן פון אויסלאַנד ספּעציעלע פאַנעלס און די טייערסטע אבאָיעס.

איז אָט פון וואַנען עס נעמט זיך זיין רייכקייט! ער און זיין גלייכן באַראַבעווען אונדז, אַרבעטער, גיבן אונדז נאָר אַ טייל פון אונדזער טאָג־אַרבעט און נעמען צו דעם גרעסטן טייל פאַר זיך!

איך האָב דאָס ביכל געלייענט און איבערגעלייענט. דאָס איז געוואָרן מיין נייע תורה.

ווען איך האָב אין וואַרשטאַט גענומען ריידן וועגן דעם, האָט מען אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ משוגענעם.

מיינער אַ פריינט, וועלכער האָט ביי אונדז געאַרבעט, איז אוועקגעפאָרן קיין מינסק. קריג איך פון אים אַ בריוו, וואו ער באַ־שרייבט ווי זיי האָבן געפייערט דעם ערשטן מאַי אין מינסק, אין אַ וואַלד. אַז מען האָט דאָרט געזונגען לידער, געהאַלטן רעדעס, אויך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ רויטע פאָן.

הייסט דאָס, אַז וואָס איך האָב געליטן אין מיין ביכעלע איז ניט קיין חלום, אין מינסק נעמען זיך די אַרבעטער צוזאַמען קעגן די, וואָס באַראַבעווען אונדז. מיין אָרט איז דאָרטן: איך דאַרף גלייך פאָרן.

מיינע באַלעבאַטים קוקן און וואונדערן זיך: וואָס הייסט, גלייך פאָרן? צו וועמען און צו וואָס? וואָס פעלט דיר דאָ? דער פעטער משה הייבט מיט מיר אָן איינ׳טענהן, אָבער קיין זאַך העלפט ניט.

איך שטעל זיך אָפּ אויפן וועג אין באָריסאָוו צו קריגן אַ פּאַס־פּאָרט. דעם גאַנצן וועג ברען איך מיט אומגעדולד וואָס שנעלער צו קומען אין מינסק.

אין קאָפּ לויפט מיר דורך מיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. די „טעג"־עסן, די צרות און קלעפּ אין באָריסאָוו, מיין אַנטלויפן, די הונגעריקע טעג. אויף אַלץ האָב איך איצט אַן ענטפער. איך פאָר צו פאַראייניקן זיך מיט אַזעלכע, וואָס ווילן מאַכן אַ סוף צו דעם אַלעמען...

די אַרבעטער־באַוועגונג אין מינסק

כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם אָנהייב פון דער יידישער רעוואָ־לוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער מיר איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך, איז נייטיק אין קורצן צו קענען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט.

זינט די 80־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז די יידן געווען דערלויבט צו וואוינען בלויז אין אַ באַשרענקטער צאָל גובערניעס פון מערב־רוסלאַנד און אין די „דערלויבטע" גובערניעס האָבן זיי געמעגט וואוינען נאָר אין די שטעט און שטעטלעך (מיטן אויסנאַם פון קיעוו), אָבער ניט אין די דערפער. די יידן האָבן אויך ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרנעמען וועלכע עס איז, אַפילו די סאַמע נידעריקסטע, שטאַטישע אָדער רעגירונגס שטעלעס. די צאַרישע רעגירונג האָט זיך כסדר געקליגט צוצוטראַכטן אויסנאַם־געזעצן („קראָמיע יעווריייעוו"), וואָס האָבן כסדר באַגרענעצט די געוויינטלעכע מענטשלעכע רעכט פון די יידן און געמאַכט זייער לעבן אַלץ שווערער און אומדערטרעג־לעכער.

דעם 3טן מאַי, 1882, איז אַרויס אַ צאַרישער באַפעל („צייט־ווייליקע פאַראָרדענונג"), לויט וועלכן עס איז געווען פאַרבאָטן יידן, וועלכן לעבן אין יידישן „תחום" צו וואוינען אין די דערפער, קויפן ערד, האַלטן אין ארענדע פריצישע גיטער, אָדער צו זיין פאַרוואַלטער פון אַזעלכע גיטער. דער דאָזיקער באַפעל האָט אַרויסגעטריבן אונדזער פאַמיליע פון דעם לעצטן דאָרף, מאַרטשאַנאָוויטש, מאָליווער גובער־ניע, וואו מיר האָבן געוואוינט.

אין 1891 האָט די צאַרישע רעגירונג אַרויסגעטריבן די יידן פון מאָסקווע. עס איז געווען דערלויבט צו בלייבן דאָרטן נאָר די גאָר־רייכע סוחרים (ערשט גילדע הענדלער). די אַלע צאַרישע פאַרפאָל־גונגען האָבן געטריבן צענדליקער טויזנטער יידן פון זייערע איינ־געזעסענע ערטער אין די קליינע, אָרעמע שטעט און שטעטלעך פון מערב־רוסלאַנד.

צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָבן פון יעדע 100 יידן אַרום 40 זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל; 35 — אין קליין־אינדוסטריע; 5 — ביי „פרייע פראָפעסיעס"; אַלס טאָג־אַרבעטער, דינסטן אאַז"וו. — 7; אין לאַנדווירטשאַפט — 3,49; די איבעריקע — מיט „אומבאַשטימטע באַשעפטיקונגען", דאָס הייסט, זיי האָבן „געלעבט פון לופט". גרויסע פאַבריקן זיינען אין די פלעצער, וואו יידן האָבן געמעגט וואוינען, געווען זייער ווייניק און אין די ווייניקע פאַבריקן האָט מען קיין יידן ס'רוב ניט אריינגענומען, אַפילו ווען דער בעל־הבית אַליין איז געווען אַ ייד.

דער אַריינשטראָם פון צענטליקער טויזנטער יידן אין די רייען פון די בעלי־מלאָכות איז געווען פיל גרעסער, ווי די מעגלעכקייט צו איינאָרדענען זיך. די קאָנקורענץ צווישן זיי איז געווען אַ געפערלעכע.

די אַרבעט־באַדינגונגען אין די טויזנטער קליינע שעפער זיינען געווען פיל ערגער ווי אין די גרויסע פאַבריקן. מען האָט געאַרבעט 18 און אָפט מער שעה אַ טאָג, אין פילע פלעצער — דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט. דער אַרבעטס־לוין איז געווען: פאַר מענער־אַרבעטער ביז 12 — 14 ר ו ב ל אַ ח ו ד ש און ביי פרויען־אַרבעטער — שניידערקעס, מאָדיסטקעס, וועש־נייערינס, זאָקן־מאַכערינס, הענטש־קע־מאַכערינס — 2, 3 און העכסטנס 5 רובל אַ חודש.

איז קיין וואונדער ניט וואָס יידישע אַרבעטער האָבן אויסגעזען דאַר און קוואַר, מיט איינגעפאַלענע ברוסטן, זיינען געווען אונטער־וואָרפן פאַרשיידענע קראַנקהייטן, און האָבן זייער אָפט געליטן פון שווינדזוכט. אָבער ס'איז אויך קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האָבן זיך מיט ברען געוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

מינסק אין 1895

ווען איך בין ווידער געקומען אין מינסק, אין יוני 1895, איז די צאָל איינוואוינער פון מינסק געווען אַרום נייַנציק טויזנט. צווישן זיי — איבער אַ העלפט יידן. מינסק איז געווען די צווייטע גרעסטע שטאָט אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד (נאָך ווילנע) מיט אַ באַדייטנדע צאָל יידישע אַרבעטער. דער קאַמף פאַר אַ באַשטימטן אַרבעטס־טאָג האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן מיט אַ יאָר פריער, אין 1894.

אין אָנהייב איז דער קאַמף געפירט געוואָרן אויף אַ לעגאַלן אופן. אין 1894 האָט מען דערלאַנגט צום גובערנאַטאָר אַ פעטיציע

מיט א גרויסער צאָל אונטערשריפטן. אין דער פעטיציע האָט מען גע־שריבן, אַז די באַלעבאַטים היטן ניט אָפּ דעם געזעץ פון דער קייסערינע יעקאַטערינע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך אין 18טן יאָר־הונדערט. דערדאָזיקער געזעץ האָט פאַרבאָטן אַרבעטן מער ווי צוועלף שעה אַ טאָג.

דער גובערנאַטאָר האָט איינגעשטימט, אַז די פּאָליציי זאָל גיין איבער די וואַרשטאַטן און אַכטונג געבן מען זאָל מער ווי 12 שעה אַ טאָג ניט אַרבעטן. אָבער אין פיל וואַרשטאַטן זיינען די אַרבעטער נאָך געווען אַזוי וויניק באַוואוסטזיניק, אַז זיי פלעגן העלפן „אָפּנאַרן" די פּאָליציי און ווי נאָר די פּאָליציי פלעגט אַוועק, פלעגן זיי ווידער אָנהייבן אַרבעטן.

אָבער ניט לאַנג האָט אַזאַ צושטאַנד אָנגעהאַלטן. אינגיכן האָט זיך די פּאָליציי געשטעלט אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים און האָט גענומען פאַרפאָלגן די אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרלאַנגט קיר־צערע אַרבעט־שטונדן. דאָס איז געווען אַ גוטע לעקציע פאַר די אַר־בעטער, אַז נאָר דורך אַ ביטערן קאַמף קענען זיי געווינען זייערע פאָדערונגען.

עס ברעכן אויס סטרייקס אין אַ גאַנצער ריי פאַכן, צווישן זיי: סטאָלערס, שלאָסער, בערשטער, בוכבינדער, בעקער, גאַרבער, שניי־דערקעס, מאָדיסטקעס, טאַבאַק־אַרבעטער אאַז"וו.

די באַלעבאַטים האָבן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט אין זייער קאַמף קעגן די אַרבעטער. זיי האָבן גענומען צו הילף די אונ־טערוועלט, די כוליגאַנעס, וועלכע האָבן געשלאָגן די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן צוריק געענטפערט מיט קלעפּ. מען האָט געבראָכן שויבן אין די וואַרשטאַטן, מען האָט געשלאָגן די באַלעבאַטים, און אַז די קאַמפן האָבן זיך אַנטוויקלט, האָבן שוין די אַרבעטער געקעמפט ניט נאָר פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, נאָר אויך פאַר העכערע שכירות, פאַר בעסערע סאַניטאַרע־באַדינגונגען, מענטשלעכע באַ־האַנדלונג אאַז"וו.

אין מיין פאַך, ביי די בוכבינדער, איז אַ פאַרביטערטער קאַמף אָנגעגאַנגען קעגן צוויי פון די גרעסטע באַלעבאַטים — רודניצקי און כאַשקין.

רודניצקי האָט, אחוץ דער פּאָליציי, גענומען צוהילף אויך פּראָ־פעסיאָנעלע כוליגאַנעס. אויף דעם האָבן די אַרבעטער געענטפערט

מיט קלעפּ. מען האָט אים איינמאָל אָפּגעוואָרט ווען ער איז אַרויס פון בית־המדרש און אים אַזוי צעשלאָגן, אַז ער האָט געדאַרפט ליגן אַ פּאָר וואָכן אין בעט, און ערשט נאָכדעם האָט ער זיך אונטער־געגעבן.

בײַ כאַשקינען איז דער קאַמף געווען נאָך אַ שווערערער.

כאַשקין האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר איינעם פון די בעסטע איינ־בינדער, ניט נאָר אין מינסק, נאָר איבער גאַנץ ליטע. ווען איינער האָט זיך בײַ אים געלערנט, איז אים נאָך זײַן ענדיקן די לערע געווען גרינג צו קריגן אַרבעט. צוליב דעם האָט ער אַלעמאָל געהאַט לערן־ייִנגלעך, וועלכע האָבן זיך געבעטן, אַז ער זאָל זיי נעמען צו דער אַר־בעט. ער האָט אויך געהאַט צוויי זין, וועלכע זײַנען געווען גוטע אַרבעטער.

גלײַך נאָך מײַן קומען אין מינסק, איז מיר אויסגעקומען צו פירן דעם קאַמף מיט כאַשקינען.

דער צימער, וואו איך האָב זיך באַזעצט, איז געווען אַ פינצטערער. קיין שטראַל זון האָט אַהין קיינמאָל ניט דערגרייכט. ווען מען האָט געוואָלט בײַטאָג זען עפּעס, האָט מען געדאַרפט צוגיין צום פענצטער, וואָס איז געווען אַזוי פאַרשטעלט מיט אַ וואַנט פון דרויסן, אַז ס׳איז דורך אים אַרײַן זייער ווייניק ליכט. אין אָט דעם צימער האָבן מיר געוואוינט זאַלבעפערט.

איך בין אוועק צו מײַן פריערדיקן באַלעבאָס, בײַ וועמען איך האָב געאַרבעט זייענדיק דעם ערשטן מאָל אין מינסק. ער און זײַן פרוי האָבן זיך זייער דערפרייט מיט מיר. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי קריגן אין מיר אַרײַן דעם זעלבן שקלאַף, וואָס פריער. ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך האָב אַ צימער וואו צו וואוינען, האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט: פאַרוואָס זאָל איך אויסגעבן געלט, ווען איך קען שלאָפן בײַ זיי אין וואַרשטאַט אָן געצאָלט?

איך האָב בײַ זיי געאַרבעט נאָר אייניקע טעג, ווײַל די איינבינ־דער־„סכאָדקע"*) האָט באַשטימט, אַז איך בין דער איינציקער, וואָס האָט אַ מעגלעכקייט צו גיין זוכן אַרבעט בײַ כאַשקינען, ווײַל, אַזוי ווי איך בין ערשט געקומען אין מינסק, קען ער מיך ניט. ער האָט מיך צוגענומען און איך האָב זיך געשטעלט אַרבעטן בײַ אים. צו אַרגאַ־

*) די אומלעגאַלע אַרבעטער-קאָמיסיע פון דעם פאַך.

ניזירן זיין ווארשטאט האט זיך געפאדערט א סך טאקט און פארזיכ־טיקייט. ביים ערשטן פארדאכט, אז איך קען זיך מיט די „שטאטש־ניקעס" (סטרייקער), וואלט ער מיר גלייך אפגעזאגט פון דער ארבעט.

איך האב געדארפט פארזיכטיק נעמען באארבעטן צוערשט איין לערן־יינגל, און ווען איך האב אריבערגעוואונען איינעם, נעמען זיך צו א צווייטן.

ביי דער ארבעט גופא האב איך קיין זאך ניט געקענט טאן, ווייל שטענדיק האבן מיך געהיט א פאר אויגן: כאשקין, זיין פרוי אדער די צוויי זין. געארבעט האבן מיר דעמאלט פון אכט אין דער פרי ביז עלף ביינאכט — פופצן שעה, מיט איין שעה אויף מיטאג.

עס זיינען אוועק א פאר חדשים און אונדז האט זיך איינגעגעבן צו ארגאניזירן כאשקינ'ס לערן־יינגלעך. מיר האבן געוואונען ביי כאש־קינען א דרייצן־שעהדיקן ארבעטס־טאג; ארבעטן פון אכט אינדערפרי ביז צען ביינאכט און א שעה פאר מיטאג.

כאשקין האט שפעטער אויסגעפונען, אז דאס האב איך „צוגע־לייגט א האנט" צו ארגאניזירן זיין ווארשטאט, ער האט מיך אבער געהאלטן איבער דריי יאר, ביז איך בין אליין אוועק פון אים.

וואס מער פאכן און ארבעטער עס זיינען ארגאניזירט געווארן, אלץ מער האט מען זיך געניטיקט אין גוט־פונקציאנירנדע קערפער־שאפטן, וואס זאלן מיט זיי אנפירן. ביסלעכווייז איז איינגעשטעלט געווארן די פאלגנדע פארמע פון אנפירנדע קערפערשאפטן: א פ א ך־„ס כ א ד ק ע", וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט געווארן פון די ענער־גישסטע, פעאיקסטע ארבעטער פון פאך. זיי פלעגן זיך צוזאמענ־קלייבן געהיים איין מאל א וואך צו באטראכטן אלץ, וואס האט צו טאן מיט זייער פאך. אין צייט פון א סטרייק זיינען זיי געווען די סטרייק־אנפירער. די פאך־סכאדקע האט פארוואלטעט מיט דער „סטרייק־קאסע", וואוהין יעדער ארבעטער פון דעם פאך האט געצאלט פון 10 קאפיקעס א חודש ביז (אין די בעסערע פאכן) 5 קאפיקעס א וואך.

פון די מער־אנטוויקלטע ארבעטער אין די פ א ך־ק א מ י ס י ע ס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן א צ ע נ ט ר א ל ע ק א מ י ס י ע, אדער, ווי מען האט דאס אנגערופן, „אגיטאטארן־פארזאמלונג", ווייל די מיטגלידער האט מען גערופן — „אגיטאטארן". די אגיטאטארן־פארזאמלונג פלעגט זיך אונטערערדיש צוזאמענקומען איין מאל א וואך.

ביי דער פאַרזאַמלונג פלעגן די „אַגיטאַטאָרן" באַריכטן וועגן דער אַרבעט אין די פאַבן.

די צענטראַלע קאָמיסיע פלעגט אויך אַריינשיקן אַגיטאַטאָרן אָנצופירן די אַרבעט אין די פאַבן, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט גענוג פעאיקע אָנפירער אין זייער פאַך.

איין מאָל אין צוויי וואָכן פלעגן פאַרקומען ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן זיך גערופן „ראַזבאָרקעס". צו די „ראַזבאָרקעס" פלעגן שוין אויך קומען די אינטעליגענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און בלויז די פעאיקסטע פון די אַגיטאַטאָרן. יעדער נייער מיטגליד פון דער „ראַזבאָרקע" פלעגט פריער דאַרפן פאַרגעשלאָגן ווערן און די „ראַזבאָרקע" אַליין האָט באַשלאָסן, צי זי זאָל אים אָננעמען, אָדער ניט.

די „ראַזבאָרקעס" זיינען געווען זייער באַלערנדיק און אינטערעסאַנט. יעדערער מיטגליד האָט געקענט שטעלן מינדלעכע פראַגן אָדער אָנשרייבן זיי אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. די אָנגעשריבענע פראַגן פלעגט מען אַריינוואַרפן אין אַ קעסטל און נאָכדעם אַרויסציען זיי און ענטפערן. איצט וואָלט מען עס גערופן „קעסטל-אָוונטן".

די מינסקער „אָפּאָזיציע", „אַגיטאַציע," אָדער „פּראָפּאַגאַנדע"

אין מינסק, ווי אין ווילנע און אין אַנדערע גרעסערע שטעט, איז יאָרנלאַנג אָנגעפירט געוואָרן אַ געהיימע, אָבער אומאויפהערלעכע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. אין די 70־קער און 80קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען שוין אין מינסק געווען קרייזלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אַרום אַ הונדערט אַרבעטער. דער כאַראַקטער פון דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אַן אַבסטראַקטער, אין דעם גייסט פון די „פאָלקס-פרייהייטלעכע" (נאַראָדניאַ וואָליאַ). די שפּראַך איז געווען רוסיש. מען האָט צוליב דעם פריער געלערנט מיט די אַרבעטער די רוסישע שפּראַך, אַריטמעטיק, נאַטור־וויסנשאַפט און ווען זיי זיינען שוין געווען צוגעגרייט האָט מען מיט זיי געלערנט סאָציאַליזם.

די קרייזלעך פלעגן געוויינטלעך אָנגעפירט ווערן פון דער שטודירנדיקער יוגנט, וואָס פלעגט קומען פון די גרויסע שטעט אויף זומער אַהיים. ווינטער, ווען די סטודענטן פלעגן אַוועקפאָרן, אָדער

ווען דער אינטעליגענט פלעגט אַרעסטירט ווערן, פלעגן די קרייזלעך זיך אָפט צעפאַלן.

אין אָנהייב פון די 90קער יאָרן האָט די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע גענומען טראָגן אַ מער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער.

ווען די באַוועגונג האָט גענומען אָננעמען אַ מאַסן־כאַראַקטער, ווען טויזנטער אַרבעטער זיינען אין איר אַריינגעצויגן געוואָרן אויפן עקאָנאָמישן באָדן און די פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער — האָט מען געמוזט צופּאַסן די אויפקלערונג־אַרבעט צו די נייע באַדינגונגען.

אַ טייל פון דער אינטעליגענץ און אַנטוויקלטע אַרבעטער האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז איצט די אויפקלערונג פירן מער אין דער ברייט, אויף אַ מאַסן־אופן, דורך ליטעראַטור, פאַרזאַמלונגען אאַז"וו. דאָס האָט דעמאָלט געהייסן „אַגיטאַציע". אָבער אַ גרויסער טייל פון די אַלטע „אַגיטאַטאָרן" זיינען געשטאַנען שטאַל און אייזן פאַר די פריערדיקע מעטאָדן פון פּראָפּאַגאַנדע. די אָנהענגער פון דער „פּראָפּאַגאַנדע" האָבן זיך אין מאַסן גרופּירט אַרום דעם יונגן דיכטער אברהם וואַלט—דער שפּעטערדיקער אברהם ליעסין— און מען האָט זיי דערפאַר גערופן וואַלטאָוועצעס. אַ קלענערער טייל האָט זיך גרופּירט אַרום יעפים „דעם בלינדן" (האַלפּערן) און מען האָט זיי גערופן יעפימאָוועצעס.

דער הויפּט־אַרגומענט פון די „פּראָפּאַגאַנדע"־אָנהענגער איז געווען, אַז דער געוויכט זאָל געלייגט ווערן אויף צוגרייטן געלערנטע, גוט־אַנטוויקלטע אַרבעטער פאַר דער באַוועגונג. די אַרבעט, האָבן זיי געהאַלטן, דאַרף געפירט ווערן מער אין דער טיף, צווישן איינציקע אַרבעטער, ווי אין דער ברייט, צווישן די מאַסן. מען דאַרף צוזאַמענשטעלן וואָס מער בילדונג־קרייזלאַך פון די אַרבעטער, מען דאַרף זיי פריער לערנען די רוסישע שפּראַך און ערשט נאָכדעם געבן זיי אַ טעאָרעטישן סאָציאַליסטישן פונדאַמענט. ווען מיר וועלן האָבן אַ גרויסע צאָל אַזעלכע אַנטוויקלטע אַרבעטער, האָבן זיי געטענה'ט, וועט זיין גרינג דורך זיי צו פירן די אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל די אַנטוויקלטע אַרבעטער וועלן אַליין ווערן די פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָנפירער פון קרייזלעך. אויף דעם וועג וועלן מיר באַקומען אַלץ מער אַרבעטער, וואָס וועלן זיין באַוואוסטזיניק, אַנטוויקלט, און וועלן

וויסן פאר וואס זיי קעמפן. „דער וועג פון מאסן־אגיטאציע, — האבן זיי ארגומענטירט, — איז ווי א זייפן־בלאז, וואס מוז פלאצן. ער ליגט דעם גאנצן געוויכט אויף דעם עקאנאמישן קאמף, אבער אפילו ווען מען געווינט א קירצערן ארבעטס־טאג בלייבט די מאסע סיי ווי אומ־וויסנדיק ווי פריער, און אויב א סטרייק גיט זיך ניט איין, איז עס נאך ערגער ווי פארן סטרייק, ווייל די מאסע ווערט פעסימיסטיש און גלייבט שוין מער ניט."

די אנפירער פון „פראפאגאנדע" האבן אנגעגעבן נאך אן ארגו־מענט: ווי קען מען אנפירן א ברייטע באוועגונג, אז מען האט נאך ניט צוגעגרייט קיין אנטוויקלטע ארבעטער, וועלכע זאלן מיט דער באוועגונג אנפירן. עס קומט פאר אן ארעסט, מען ארעסטירט די קליינע גרופע אינטעליגענטן און באוואוסטזיניקע ארבעטער, וואס זיינען די אנפירער, מוז זיך די באוועגונג גלייך צעפאלן.

וואלט האט אויך געוואלט אז די יידישע ארבעטער־באוועגונג זאל זיין מער יידיש־נאציאנאל, אבער פאר זיין נאציאנאליזם האט ער געפונען וויניק אנהענגער.

יעפים, אלס דער אנהענגער פון דער אלטער פאלקיסטישער „נאראדנאיא וואליא", איז ארויסגעטראטן קעגן דער נייער סאציאל־דעמאקראטישער ווענדונג אין דער באוועגונג. ער און זיינע אנהענ־גער האבן געהאלטן אז רוסלאנד, אלס קאפיטאליסטיש ניט אנטוויקלט און אין דער גרעסטער מערהייט אגריקולטורעל לאנד, קען ניט גיין צום סאציאליזם אזוי ווי דייטשלאנד, ענגלאנד און אנדערע אינ־דוסטריעלע, קאפיטאליסטישע לענדער.

די קעגן־ארגומענטן פון דער „אגיטאציע"־ריכטונג זיינען אין קורצן געווען פאלגנדיקע: 1) די פראקטיק פון אפגעבן זיך מיט אנט־וויקלען איינציקע ארבעטער האט געוויזן, אז אנשטאט זיי זאלן נאכ־דעם ווערן פירער פון דער באוועגונג, ווערן זיי שפעטער אויס ארבע־טער, גיבן זיך אפ מיט שטודירן אינטעליגענטע פראפעסיעס און דער ארבעטער־קלאס פארלירט זיי אינגאנצן. 2) די עקאנאמישע לאגע, אין וועלכער די ארבעטער געפינען זיך און די לאנגע ארבעט־שטונדן גיבן ניט דעם ארבעטער גענוג צייט צו אנטוויקלען זיך, די וואס באַ־קומען יא א מעגלעכקייט צו שטודירן, ווערן מיט דער צייט אפגעריסן פון דער ברייטער מאסע ארבעטער. 3) צו די ברייטע מאסן דארף מען ריידן פריער פאר אלץ וועגן זייער עקאנאמישער לאגע וואס

רירט זיי דירעקט אָן, דורך דער אַגיטאַציע פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג און גרעסערע שכירות וועט דער אַרבעטער גיכער קומען אין צו־זאַמענשטויס מיט דער צאַרישער רעגירונג, ווייל ער וועט איינזען, אַז די רעגירונג איז מיט די באַלעבאַטים. אַזוי וועט ער דורך דעם עקאָנאָמישן קאַמף קומען צום פּאָליטישן און פון דעם פּאָליטישן — צום סאָציאַליזם.

די שטימונג ביי אַ גרויסן טייל טוער אין דער באַוועגונג איז אָבער געווען פאַר מער פּראָפּאַגאַנדע און די „אַגיטאַציע"־ריכטונג האָט געמוזט גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס. אמת, מען האָט זיך שוין ניט אָפּגעגעבן אַזוי פיל, ווי פריער, מיט לערנען די אַרבעטער רוסיש, אַריפמעטיק און נאַטור־וויסנשאַפט, אָבער פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך צו אַנטוויקלען ט ו ע ר פאַר דער באַוועגונג האָט מען אָנגעהאַלטן.

זומער 1895, ווען איך בין געקומען אין מינסק, האָט מען מיך אַריינגענומען אין איינעם פון די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלאַך. מען האָט מיט אונדז דאָרט געלערנט, דורך דער צייט וואָס איך האָב זיי באַזוכט: די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „ערפורטער פּראָגראַם", ל אַ ס אַ ל ס — „דער עיקר פון דער קאָנסטיטוציע" און די „אַרבעטער־פּראָגראַם"; מ אַ ר ק ס — „לוין־אַרבעט און קאַפּיטאַל", ק אַ ו ט ס ק י ס — „מאַרקס עקאָנאָמישע לערע", דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און אויך דאַרוויניזם.

די אויבן־אויסגערעכנטע געגנשטאַנדן איז מען מיט אונדז דורכ־געגאַנגען אין אַ פּאָפּולערער פאָרם, ווייל צו שטודירן זיי גרינטלעך האָבן מיר ניט געהאַט קיין צייט. די „קאָנספּעקטן", דער מאַטעריאַל מיט וועלכן די לערערס האָבן זיך באַנוצט איז געוויינטלעך געווען געשריבן פון האַנט, אָדער העקטאָגראַפירט. נאָר פאַר דאַרוויניזם איז באַנוצט געוואָרן אַ לעגאַלער געדרוקטער בוך (אין רוסיש).

אונדזערע לערער זיינען געווען: יעווגעניע, אָדער ווי מיר האָבן איר גערופן, זשעניע הורוויטש, פּאַוועל בערמאַן, אַ „וואָילנאָ־אָפּרע־דעליאיושטשי" (אַ „פּרייוויליקער" סאָלדאַט) וואָס האָט געדינט אין מינסק, באָריס פרומקין און נאָום ווילטער.

אַלע אָנטיילנעמער פון די קרייזלאַך זיינען מיט „לייב און לעבן" געווען איבערגעגעבן צו דער אַגיטאַציע־ריכטונג. אָבער אונדזער פאַר־לאַנג צו וויסן וואָס מער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז בסוד פון אונדזער

פירנדיקער אינטעליגענץ זיינען איינציקע פון אונדז, און צווישן זיי אויך איך, געגאנגען אין א קרייזל צו יעפימען.

אויף וויפיל איך געדענק, איז קיין איינער פון אונדז ניט אריבער אידייאיש אויף זיין זייט. דער פאר אבער האט ער אונדז באקאנט מיט די געדאנקען פון לאווראוו'ן, מיכאילאווסקין*) און אנדערע.

די אלע קרייזלעך זיינען געפירט געווארן אין דער רוסישער שפראך. אויף וויפיל איך האב דעמאלט „באהערשט" די רוסישע שפראך קען ווייזן דער פאלגנדיקער אינצידענט:

איינמאל א שבת איז אין צימער וואו איך האב געוואוינט פאר־געקומען א זיצונג פון דער איינבינדער־סכאדקע. א מיטגליד פון דער סכאדקע בעט מיך אנצושרייבן פאר אים אן אדרעס אין רוסיש. איך ענטפער, אז איך קען ניט. אלע האבן זיך שטארק פארוואונדערט און האבן געמיינט, אז פיליכט וויל איך ניט שרייבן אום שבת. אבער איך האב באמת ניט געקאנט שרייבן קיין ווארט רוסיש. און מיט אזא באגאזש פון דער רוסישער שפראך האט מען זיך געדארפט פאנאנדערקלייבן אין דער „ערפורטער פראגראם", אין דארווינען, פארשטיין דעם אידעאלאגישן אונטערשייד צווישן בעלטאוון, פלע־כאנאוון און לאווראוון, אויף וואס פאר א וועג עס גייט די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון רוסלאנד און נאך אזעלכע וויכטיקע ענינים.

דאס הייסט ניט, אז אלע אקטיווע ארבעטער האבן באהערשט די רוסישע שפראך אזוי שלעכט ווי איך. עס זיינען אוודאי געווען ארבעטער וואס האבן געשטאמט פון באלעבאטישע פאמיליעס און האבן געהאט א מעגלעכקייט אין דער יוגנט צו לערנען רוסיש. עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס זיינען דורכגעגאנגען דעם פריערדיקן פראפאגאנדע־פעריאד, ווען לערנען די רוסישע שפראך איז געווען איינער פון די הויפט־פונקטן; אבער אין אלגעמיין גענומען האבן מיר, אפילו די „אגיטאטארן" צווישן די יידישע ארבעטער אין מינסק, באהערשט די רוסישע שפראך זייער שלעכט.

די פראפאגאנדע איז אבער דעמאלט געפירט געווארן אין רוסיש, ניט דערפאר ווייל די אנפירנדיקע אינטעליגענטן זיינען געווען אזוי פארליבט אין דער רוסישער שפראך, נאר דערפאר, ווייל עס איז אין

---

*) רוסישע ניט־מארקסיסטישע סאציאליסטישע שרייבער פון יענער צייט.

יידיש קיין פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור ניט געווען און די אינטעליגענטן האָבן זייער ווייניק געקענט יידיש.

מיט דער צייט איז אָבער געוואָרן קלאָר, אַז מען קען ניט אָנפירן דערפאָלגרייך די אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן אויף אַ שפּראַך און דורך אַ ליטעראַטור וואָס זיי פאַרשטייען ניט.

לעגאַלע און אומלעגאַלע יידישע ליטעראַטור

ביסלעכווייז האָבן זיך גענומען באַווייזן בראָשורקעס אין דער יידישער שפּראַך. פון אָנפאַנג זיינען זיי געווען געמאַכט אויף אַ העקטאָגראַף, אָפטמאָל אפילו איבערגעשריבן פון האַנט.

ווען מיר פלעגן קריגן אַזאַ בראָשורקע, איז דאָס געווען ווי מען געפינט אַן אוצר. זי פלעגט גיין פון האַנט צו האַנט. מען פלעגט איבער איר ציטערן, ווי אַ מוטער ציטערט איבער איר איינציק קינד.

איך וועל דאָ פאַרצייכענען די יידישע בראָשורן, וועלכע איך געדענק פון יענער צייט: „די רעדעס פון פיר יידישע אַרבעטער" (געהאַלטן ביי אַ פייערונג פון ערשטן מאַי 1892 אין ווילנע); „דער שטאָט־מגיד"; „אַ בריוו צו די אַגיטאַטאָרן"; „וועגן שכירות"; „אַ רעדע אויף פורים"; „דער אַרבעטס־טאָג"; „די מעשה פון פיר ברידער"; „הגדה של פסח"; „מעשה בראשית"; „וועגן אַגיטאַציע"; „וואָס דאַרף וויסן און געדענקען יעדער אַרבעטער"; „אַ ויכוח וועגן מזל"; „ווי קומט אַ ייד צום סאָציאַליזם"; „יהי אור"; „אַ חלום צום נייעם יאָר"; „גוט יום־טוב" (וועגן ערשטן מאַי); „אַ הספד" (וועגן מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן); „דער גן־עדן־התחתון".

כדי אָפּצונאַרן די פּאָליציי, האָבן אייניקע פון די בראָשורן געהאַט אַ לעגאַלע שער־בלאַט, וואו עס איז געוואָרן אָנגעגעבן אַן אויסגעטראַכטער נאָמען פון אַ דרוקעריי וואו מען האָט דאָס געדרוקט און אַ כלומרשטע דערלויבעניש פון צענזאָר צו דרוקן זיי.

כמעט אַלע פון די אויבן־אויסגערעכנטע בראָשורן זיינען שפּע־טער איבערגעדרוקט געוואָרן אין אויסלאַנד, און ווען מיר פלעגן זיי קריגן, פלעגן מיר זיי איינבינדן אין אַ וויכן, שוואַרצן איינבונד, מען זאָל זיי קענען גרינג האַלטן.

חוץ די אַלע בראָשורקעס פלעגן מיר אויך פון צייט צו צייט קריגן פון אַמעריקע דעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט". דעמאָלט פלעגט זיין אַן אמתער יום־טוב. דערהויפּט האָבן מיר ליב געהאַט צו

לייענען דעם „משוגענעם פילאָזאָף" (ווינטשעווסקי) און אויך זיינע לידער.

צו יענער צייט האָבן זיך אויך געגומען באַוויזן ביי אונדז לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, באָווּשאָווער. זייערע לידער פלעגן אָפט געזונגען ווערן ביי דער אַרבעט. און ווען ס'האָבן זיך באַוויזן פּרצס „יום־טוב בלעטלעך", זיינען זיי געלייענט געוואָרן מיט גרויס חשק.

אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געקענט צופרידנשטעלן די פון אונדז, וועלכע האָבן געוואָלט מער וויסן, מער אַנטוויקלען זיך, מער לייענען. און ווי ווייניק מען האָט געקענט די רוסישע שפּראַך, האָט מען גע־לייענט אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאָלפן אַנטוויקלען זיך און קריגן אַ ברייטערע וועלט־אַנשויאונג, אָדער, ווי מיר האָבן דאָס גערופן אין רוסיש — אַ „מיראָסאָזערצאַניע".

מיר האָבן געלייענט אין רוסיש: טשערנישעווסקים — „טשטאָ דעלאַט" (וואָס צו טאָן); סטאַנקעוויטשעס — „צוויי ברידער"; טורגעניעווס — „פּאָטערס און קינדער" און אַנדערע פון זיינע ביכער; פּיסאַרעווס — „די בינען" און אַנדערע; דאָבראָליובאָווס קריטישע אַרטיקלען און אַ ריי אַנדערע ביכער, וואו עס איז נאָר געווען עפּעס אַן אָנצוהערעניש קעגן דעם צאַרישן רעזשים.

מיר האָבן אויך געלייענט אויסלענדישע שרייבער אין רוסישער איבערזעצונג: שפּילהאַגענס — „צווישן פייער און קאָוואַדלע", „איינער איז קיינער"; עמיל זאָלאַס — „קוילנגרעבער" און „זשער־מינאַל". עס איז שוין דאַן אויך געווען אין רוסיש אַ היפּשע אומלע־גאַלע ליטעראַטור, ווי סטעפּניאַקס — „אונטערערדישע רוסלאַנד" און זיין ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו".

אין 1897 האָבן אין מינסק אָנגעהויבן דערשיינען העקטאָגראַפישע „אַרבעטער בלעטלעך". ביז דער גרינדונג פון „בונד", ווען זיי האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען, זיינען אַרויס ניין נומערן. מיר פלעגן וואַרטן מיט אומגעדולד אויף יעדן נומער.

אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד

ברענגען די אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד אין רוסלאַנד איז געווען אַ שווערע און געפערלעכע אַרבעט, ווייל די צאַרישע רעגי־רונג האָט די אויסלענדישע גרעניצן זייער שטרענג באַוואַכט. מען

פלעגט אָבער באַנוצן פאַרשיידענע מיטלען: מען פלעגט מאַכן די טשעמאָדאַנעס (וואַליסעס) מיט אַ טאָפּלטער דעק, און צווישן איין דעק און דעם צווייטן פלעגט מען אַריינפּאַקן אומלעגאַלע ליטעראַטור. מען פלעגט אויך אַרומוויקלען די אומלעגאַלע בלעטלעך און בראָשורן אַרום זיך, אונטער די קליידער, און אַזוי אַריבערפירן די גרעניץ פון אויסלאַנד. אָבער די אַלע מיטלען האָבן ניט געקענט צופרידנשטעלן די גרויסע נאָכפראַגע, וואָס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג אויף אומלעגאַלער ליטעראַטור. האָט מען געמוזט אָנהייבן באַנוצן זיך מיט קאָנטרעבאַנדיסטן, וואָס פלעגן אומלעגאַל אַריבערפירן פאַרשיידענע סחורות איבערן גרעניץ. אין דעם פּרט האָבן פיל אַרויסגעהאָלפן די פאַרבינדונגען וואָס מען האָט געהאַט מיט די שטעטלעך אַרום דעם גרעניץ. אין אייניקע שטעטלעך איז געווען אַ באַדייטענדע צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער, דערהויפּט בערשטער. מיט זייער הילף האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעגעבן איינצושטעלן אַ גוט־אָרגאַניזירטן אַפּאַראַט אויף אַריבערפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד. אייניקע פון די בערשטער־אַרבעטער, ווי זלמן דער בערשטער (זינגער) און אורטשיק (גערטץ) האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אויף דעם געביט.

אָבער ווען עס האָט זיך שוין איינגעגעבן אַריבערברענגען די ליטעראַטור איבערן גרעניץ, האָט מען זי ערשט געדאַרפט פאַנאַנדערפירן אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך. צוליב דעם איז אין יעדער שטאָט געווען אַ צוגעגרייטער „לעגאַלער" אַדרעס, וואוהין צו ברענגען די ליטעראַטור. עס פלעגט אָבער ניט זעלטן פּאַסירן, אַז ביז מען האָט געבראַכט די ליטעראַטור, איז דער אַדרעס שוין געווען ניט גוט — די פּאָליציי האָט אַרעסטירט די פּערזאָן.

כדי צו זיין זיכער מיט דעם אַדרעס אַז ער איז נאָך גוט, פלעגט מען נוצן פאַרשיידענע צייכנס, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנווייזן דעם וואָס קומט פון דער גרעניץ, צי מען קען אַהין ברענגען די ליטעראַטור. מען פלעגט אַוועקשטעלן אויפן פענצטער אַ בלומען־טאָפּ, אַ לאָמפּ אָדער אַן אַנדער אָפּגערעדטע זאַך אַזוי, אַז זיי זאָלן דינען אַלס צייכן. דער צייכן איז אויך געווען פאַר מיטגלידער פון דער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע, ווען איינער האָט געדאַרפט אַהין קומען.

עס זיינען געווען פאַלן, ווען די זשאַנדאַרמען האָבן באַמערקט אַז אַ צייכן איז צוגענומען געוואָרן פון פענצטער, ווען זיי זיינען געקומען מאַכן אַ הויז־זוכונג. פלעגן זיי אַוועקשטעלן אַלץ צוריק ווי

געווען און לאָזן אַ פּאָליציאַנט אין צימער וואַרטן אויב אימיצער וועט קומען.

עס איז שטענדיק געווען איינע פון די שווערסטע און פאַראַנט־וואָרטלעכסטע אַרבעט צוצושטעלן און פאַנאַנדערפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור. עס זיינען געווען פאַלן, ווען אַ גוטער איינפאַל האָט גע־ראַטעוועט אַ ליטעראַטור־טראַנספּאָרט עס זאָל ניט אַריינפאַלן צו דער זשאַנדאַרמעריע. איין מאָל האָט מען געפירט אַ גרויסן פּאַק ליטע־ראַטור און געלאָזט אים אויף אַ קורצער צייט ביי אַ פויער אין שטאַל. אויפן צווייטן טאָג איז דער חבר, וואָס האָט געהאַט מיט דעם צו טאָן, אַרעסטירט געוואָרן און די ליטעראַטור איז געבליבן ביים פויער אין שטאַל. מען האָט איבערגעגעבן זלמן דעם בערשטער (זינגער) צו



זלמן זינגער

פּרואוון ראַטעווען די ליטעראַטור. זלמן איז אַוועק צום פויער, האָט זיך פּאַר אים פאַרגעשטעלט ווי איינער וואָס קויפט אַלץ אויף, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן זיין באַלעבאַטישקייט. דער פויער האָט אים גענומען אין שטאַל ווייזן וואָס ער פאַרמאָגט, און האָט אים אויך געוויזן, אַז ביי אים ליגט אַ פּאַק פּאַפּיר און קיינער קומט עס ניט אָפּנעמען. זלמן האָט לייכט איינגעשמועסט דעם פויער ער זאָל דאָס אים פאַרקויפן, און דער טראַנספּאָרט ליטעראַטור איז געראַטעוועט געוואָרן.

אָבער וואָס פאַר אַ פאַרזיכט־מיטלען מען האָט ניט אָנגענומען, זיינען טראַנספּאָרטן מיט ליטעראַטור גאַנץ אָפט דורכגעפאַלן אויפן גרענעץ. ווען מען האָט די ליטעראַטור פאַנאַנדערגעפירט אין די פאַר־

שיידענע שטעט — האָט מען ניט זעלטן אַרעסטירט סיי דעם, וואָס האָט געבראַכט די ליטעראַטור, סיי דעם צו וועמען מען האָט עס געבראַכט. דער צאַרישער רעגירונג האָט זיך אָבער קיין מאָל ניט איינגעגעבן אָפּצושטעלן דורך דעם די פאַרשפּרייטונג פון אומלעגאַלער ליטעראַטור.

די יידישע אינטעליגענץ און דער „זשאַרגאָן"

די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער יידישער אינטעליגענץ איז אין יענע צייטן געווען גאַנץ ווייט פון דעם יידישן אַרבעטער.

אין די רוסישע אוניווערזיטעטן האָבן זיך געלערנט דערהויפּט די קינדער פון די רייכע, פּריווילעגירטע יידן, וואָס האָבן געהאַט געגוג „מיטלען" אויסצופּיקן דעם קליינעם פּראָצענט יידן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דערלויבט אַריינצוקומען אין די אוניווערזיטעטן. ווען זיי האָבן געענדיקט אויף דאָקטאָר, אַדוואָקאַט אָדער אַנדערע פּראָפעסיעס, האָט זיי דער דיפּלאָם פון אוניווערזיטעט געגעבן דאָס רעכט צו וואוינען אין יעדער שטאָט פון רוסלאַנד. זיינען זיי שוין צוליב זייער פּריווילעגירטער לאַגע אָפּגעריסן געוואָרן פון דער יידישער מאַסע און היפּש אַסימילירט. ווידער, די אינטעליגענץ וואָס האָט געשטאַמט פון מיטל־קלאַס איז אָפט געווען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, איז געווען אַריינגעצויגן אין דער חובבי־ציון באַוועגונג, און איז געווען קעגן סאָציאַליזם און רעוואָלוציע.

ביידע גרופּן אינטעליגענטן, פון די רייכע און פון דעם מיטל־קלאַס, האָבן געהאַט איין געמיינשאַפטלעכן שטריך: זיי האָבן געקוקט אויף די אָרעמע יידישע מאַסן, דערהויפּט אויף די אַרבעטער, פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אַ פינצטערע, „ניט־ציוויליזירטע", מאַסע, און די יידישע שפּראַך, דעם „זשאַרגאָן" — האָבן זיי פאַראַכט אַלס די שפּראַך פון דינסטמיידלעך.

אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן מיר דערפאַר אין אָנהייב געהאַט ווייניק אינטעליגענטן, און די וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן, מיט קליינע אויסנאַמען, ניט געקענט געגוג יידיש.

ווען די אומלעגאַלע אַרבעט צווישן די אַרבעטער איז באַשטאַנען אין אָנפירן פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך, האָט מען נאָך געקענט צופּאַסן די קרייזלעך צו דער צאָל אינטעליגענטן, וואָס מען האָט פאַרמאָגט.

ווען עס זיינען ניט געווען גענוג אינטעליגענטן, האָט מען אָרגאַניזירט ווייניקער קרייזלעך. די שפּראַך איז דעמאָלט ניט געווען קיין פּראָבלעם. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען דאַרף דעם אַרבעטער אויסלערנען די רוסישע שפּראַך, כדי ער זאָל קענען פאַרשטיין וואָס מען לערנט מיט אים.

גאַנץ אַנדערש איז געוואָרן די לאַגע, ווען צווישן די יידישע אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־באַוועגונג. דאָ האָט מען שוין געדאַרפט צופּאַסן דעם אינטעליגענט צו דער מאַסן־אַרבעט, צו דער שפּראַך אויף וועלכער די אַרבעטער ריידן — צו דעם „זשאַרגאָן". דאָס איז געווען ניט אַזאַ לייכטע אַרבעט, ווייל די מער־אַנטוויקלטע אַרבעטער זיינען אַזוי געווען באַאיינפלוסט דורך דעם גייסט פון אַסימי־לאַציע, אַז זיי האָבן אויך אַזוי ווי די אינטעליגענטן געקוקט אויף זייער אייגענער שפּראַך ווי אויף אַ מיאוסן „זשאַרגאָן".

ווען מיר, „אַגיטאַטאָרן", פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן, אַפילו אין אַ קליינער גרופּע, פלעגן מיר צווישן זיך ריידן רוסיש. אין גאַס, ווען מען פלעגט גיין שפּאַצירן איז אויך געווען מער „אינטעליגענט" צו ריידן רוסיש און ניט יידיש.

אָבער וואָס מער עס זיינען אין דער באַוועגונג אַריינגעצויגן געוואָרן מאַסן אַרבעטער, אַלץ אַ גרעסערע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער באַציאונג צום „זשאַרגאָן". אין די פאַך־סכאָדקעס האָט מען שוין געמוזט ריידן יידיש, דאָסזעלבע שפּעטער אין דער צענטראַלער סכאָדקע. ביי די אַרבעטער־יום־טובים, וואָס מיר פלעגן איינאָרדענען, האָבן די אינטעליגענטן די ערשטע צייט גערעדט בלויז רוסיש און די אַרבעטער־רעדנער — פון צייט צו צייט יידיש. אָבער אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן פאַרשטאַנען די יידישע רעדנער בעסער, האָט דאָס געשטויסן אויך די אינטעליגענטן וואָס שנעלער אויסצולערנען זיך יידיש.

די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער האָבן גענומען אָנפירן מיט די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך אין דער יידישער שפּראַך. די אומלעגאַלע יידישע ליטעראַטור וואָס מיר האָבן אַריינגעקראָגן יעדעס מאָל אין גרעסערע צאָלן, האָט שוין געגעבן דעם אַגיטאַטאָר גוטן מאַטעריאַל פאַר אָנפירן זיין פּראָפּאַגאַנדע־קרייזל אין יידיש. און אַזוי איז אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט פאָרגעקומען אַן אמתע „רעוואָלוציע" אין באַצוג צום „זשאַרגאָן". דער אינטעליגענט וואָס האָט זיך שנעלער

אויסגעלערנט ריידן א גוטן יידיש, האט זיך מיט דעם איבערגענומען. ריידן, און דערהויפט שרייבן, אין יידיש איז געווארן פאר דער אינ־טעליגענץ אן אידעאל, ווי ריידן רוסיש איז מיט א קורצער צייט פריער געווען דער אידעאל פון דעם מער־אנטוויקלטן ארבעטער. די פאראכטונג צום „זשארגאן" האט גענומען פארשווינדן. מיר האבן גענומען אפשאצן אונדזער י י ד י ש.

די קולטורעלע אויפוואכונג

אין אנהייב פון די ניינציקער יארן איז דער קולטור־צושטאנד פון די יידישע ארבעטער נאך געווען גאנץ נידעריק. צוליב דעם לאנגן ארבעטס־טאג האט מען געהאט נאר דעם טאג שבת צו פארברענגען. עלטערע ארבעטער האבן אויסגענוצט דעם שבת צו גיין אין שול וואו מען האט מיט זיי געלערנט „עין יעקב" אדער אנדערע פרומע ספרים; יונגע ארבעטער האבן פארבראכט דעם שבת אין לערנען זיך טאנצן אדער אין וואולגארע פארווייליונגען.

זייער ווייניק יידישע ארבעטער האבן דעמאלט געקאנט לייענען אן ערנסטן יידישן בוך. די פאפולערסטע יידישע ראמאנען־שרייבער זיינען געווען ש א מ ע ר און ב ל א ש ט י י ן. די לייענער פון זייערע ראמאנען זיינען מערסטנטייל געווען פרויען. בלויז איינצלנע ארבעטער האבן דעמאלט געלייענט די ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים, דינעזאן, ספעקטאר. שלום־עליכם און פרץ האבן ערשט גע־נומען ווערן באוואוסט.

אבער פאראלעל מיטן עקאנאמיש־פאליטישן קאמף, איז פארגע־קומען אויך א קולטורעלע דערוואכונג אויף דער יידישער ארבעטער־גאס.

די מער־אנטוויקלטע ארבעטער, ווי שוין פריער דערמאנט, האבן געלייענט רוסישע ביכער. ווי שלעכט א סך פון זיי האבן עס פאר־שטאנען די רוסישע שפראך, האבן זיי אבער געהאט די גייסטיקע באַ־פרידיקונג, וואס זיי האבן א מעגלעכקייט צו לייענען ביכער, דורך וועלכע זיי קריגן די נייטיקע „מיראסאזערצאניע". פונקט ווי די אינ־טעליגענטן, האבן זיי געקוקט אויפן „זשארגאן", אין בעסטן פאל, בלויז ווי אויף א מיטל אריינצוציען די סאמע אפגעשטאנענע יידישע ארבעטער אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג. די יידישע שפראך איז אין זייערע אויגן געווען די צ י ט ו ו י י ל י ק ע געווער, וועלכע

מען דאַרף נוצן נאָר ביז דער רעוואָלוציע, ווען מיר וועלן אַרונטער־וואַרפן די צאַרישע רעגירונג און די יידן וועלן ווערן גלייכבאַרעכ־טיקטע בירגער. נאָכדעם וועלן זיך די יידישע אַרבעטער לייכט אַסימי־לירן און וועלן געניסן גלייך מיט אַלעמען פון דער רייכער רוסישער קולטור...

אָבער די איינציקע ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן געקענט געבן די אַרבעטער וואָס האָבן ניט געקענט רוסיש, איז פאַרט געווען, מיט קליינע אויסנאַמען, די יידישע אומלעגאַלע ליטעראַטור. האָבן מיר זי אויסגענוצט אויפן ברייטן שטייגער: צענדליקע קרייזלעך זיינען געגרינדעט געוואָרן אין וועלכע מען האָט די אַרבעטער אַנטוויקלט, געלערנט מיט זיי סאָציאַליזם, באַקאַנט זיי מיט דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. מיר האָבן איינגעשטעלט די ברייטסטע פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וועלכע פלעגט געלייענט ווערן פון טויזנטער אַרבעטער.

אין יענער צייט זיינען אַרויס אין יידיש אַ פּאָר לעגאַלע פּאָפּו־לערע ביכלעך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט: „ווינטער אָוונטן", פון חיה זעלדעס (א. ליטוואַק), און „אַ וועלט מיט וועלטעלעך", פון בן־אריה. דערהויפּט איז געווען פּאָפּולער „די וועלט מיט וועלטעלעך". אין אַ גוטן יידיש און פּאָפּולער זיינען דאָרטן דערקלערט געוואָרן די געזעצן פון דער זון־סיסטעם, די פּלאַנעטן, די שטערן, קאָמעטן אאַז"וו.

די אומלעגאַלע ליטעראַטור פון יענעם פּעריאָד האָט געלייגט דעם פונדאַמענט, האָט דערצויגן, האָט אויסגעלערנט טויזנטער אַר־בעטער לייענען און ריידן יידיש.

דער צווייטער פאַקטאָר, וואָס האָט דערצויגן יידישע לייענער איז געווען די ראָמאַנען פון שאָמער און בלאָשטיין. טויזנטער יידישע מיידלעך וואָלטן קיינמאָל ניט געקענט לייענען קיין ביכער, ווען זיי וואָלטן ניט געוואָרן די איבערגעבענסטע לייענער פון שאָמערס און בלאָשטיינס „סענסאַציאָנעלע" ראָמאַנען.

אָט אַזוי איז געלייגט געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד דער פונ־דאַמענט פאַר אַ מאַסן־לייענער אין יידיש, וועלכע האָט שפּעטער, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־עמיגראַציע, געגעבן לייענער אויך פאַר די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען.

דער שטאַרקער וואוקס פון דעם אינטערעס צו יידיש האָט מיטגע־האָלפן שפּעטער, אין יאָר 1903, צו קריגן אַ דערלויבעניש אַרויס־צוגעבן אין פּעטערבורג די ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין רוסלאַנד, „דער פריינד". די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט פריער קיין צייטונג אין יידיש ניט דערלויבט, האָט פּיליכט געהאָפט, אַז אַ לעגאַלע יידישע צייטונג וועט אָפּציען די יידישע אַרבעטער פון לייענען אומלעגאַלע ליטעראַטור.

דורך זיין פּאָליטיש־קולטורעלער אויפוואַכונג און העלדישן רע־וואָלוציאָנערן קאַמף האָט דער יידישער אַרבעטער אין צאַרישן רוס־לאַנד אַרויסגערוקט צום אויבן אָן דעם טייל פון יידישן פאָלק, אויף וועלכן מען האָט ביז דאַן געקוקט ווי אויף „עם הארצים" — גראָבע יונגען, וואָס זייער אָרט אין בית־המדרש איז ביי דער טיר, און אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרף מען זיך מיט זיי ניט רעכענען.

די אויפוואַכונג פון די אַרבעטער האָט אַפילו געווירקט אויף דעם יידישן קליין־בירגער און אויף זיין אינטעליגענץ. זיי זיינען אויך אָנגעשטעקט און באַווירקט געוואָרן מיט דעם ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע אַרבעטער־מאַסן.

ביסלעכווייז הערן אויף די לייענער פון די יידישע ביכלעך צו זיין דערהויפּט די „דינסטמיידלעך" און פרויען, עס וואַקסט אונטער אַ ברייטער קרייז פון אַ קולטורעלן יידישן אַרבעטער, וועלכער פאָדערט אַ ליטעראַטור וואָס זאָל באַפרידיקן זיין דערוואַכטן באַוואוסטזיין און געשמאַק.

די גרויסע שרייבער: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, ספּעקטאָר און אַנדערע הייבן אָן שרייבן אויף טעמעס וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צום „שטורם און דראַנג פּעריאָד".

די קולטורעלע אויפוואַכונג, דער פאַרלאַנג פון אַ בעסערן יידישן בוך האָט צום סוף פון לעצטן יאָרהונדערט און אָנהייב פון איצטיקן, אַרויסגערוקט אַ גרויסע צאָל יידישע שרייבער: שלום אַש, רייזען, נאָמבערג, יונה ראָזענפעלד, פּרץ הירשביין און פּאָעטן, קריטיקער, פּובליציסטן.

עס האָט זיך געביטן דער אויסזען פון דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט. אַ נייער קלאַס, דער יידישער אַרבעטער, איז אַרויף אויף דער אַרענע פון יידישן לעבן.

פּרץ'ס „יום־טוב־בלעטלעך"

אין דעם פּעריאָד צווישן 1894—1897 האָבן מיר, די „אַגיטאַ־טאָרן", כמעט ניט געלייענט קיין לעגאַלע ביכער אין דער יידישער שפּראַך. עס איז געווען זייער ווייניק וואָס צו לייענען. די ביכער פון די באַוואוסטע יידישע שרייבער — מענדעלע מוכר ספרים, דינעזאָן, שלום־עליכם, ספּעקטאָר — האָבן די, וועלכע האָבן ליב געהאַט לייענען יידישע ביכער, שוין איבערגעלייענט. אַ נייער בוך איז זעלטן אַרויס. די באַשרענקטע צייט וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר לייענען איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף לייענען אומלעגאַלע ביכלעך, און די לעגאַלע רוסישע ליטעראַטור. אַן אויסנאַם זיינען געווען פּרץ'ס „יום־טוב בלעטלעך".

דאָס ערשטע „בלעטל", אַ זשורנאַל־העפטל אונטערן נאָמען „לכבוד פּסח", איז אַרויס פאַר פּסח 1894. אין די קנאַפּע צוויי יאָר וואָס פּרץ'ס „יום־טוב בלעטלעך" זיינען אַרויס, האָבן זיי געהאַט אַן אומ־געהויערן איינפלוס אויף דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן. זיי זיינען גערעכנט געוואָרן אויף דער זעלבער הויך ווי די אומלעגאַלע ליטעראַטור. יעדער „בלעטל" פלעגט איבער־גיין פון איינעם צום צווייטן. מען פלעגט זיי אויך לייענען אין די געהיימע פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך.

פּרץ'ס „יום־טוב בלעטלעך" זיינען געקומען אין דער ריכטיקער צייט, ווען טויזנטער אַרבעטער האָבן אויפגעוואַכט ווי פון שלאָף און גענומען זוכן אַן ענטפער אויף די פראַגן וואָס דאָס לעבן האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט.

די שפּראַך און דער אינהאַלט פון אייניקע זאַכן אין די „בלעט־לעך" איז נאָך, אמת, געווען אַ ביסל שווער צו פאַרשטיין, האָט דאָס אָבער מער פאַראינטערעסירט דעם לייענער. דער אָנפירער פון פּראָפּאַגאַנדע־קרייזל איז געוואָרן ווי דער רבי אין חדר, וואָס פלעגט אונדז פאַרטייטשן אַ בלאַט גמרא. מיר פלעגן די זאַך איבערלייענען איין מאָל, און נאָך אַמאָל, און פּרובירן אַליין אויסטייטשן די ניט־קלאָרע ערטער.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ניט אַלץ, וואָס פּרץ האָט געוואָלט שרייבן, האָט די צאַרישע צענזור דערלויבט. פלעגן מיר לייענען „צווישן די שורות", פּרובירן טרעפן די געדאַנקען, וועלכע פּרץ האָט געשריבן פאַרשטעלט צוליב דער צענזור.

די „יום־טוב בלעטלעך" האָבן געמאַכט פּרצ'ן זייער פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער. מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף דעם איינציקן יידישן שרייבער, וועלכער שטייט נאָענט צו דער באַוועגונג, צו די אידעאַלן פון דער נייער וועלט, פאַר וועלכער מיר קעמפן — צום סאָציאַליזם.

פונקט ווי די „יום־טוב בלעטלעך", זיינען אויך פּרצס באַזונדערע דערציילונגען, ווי „דאָס שטריימל" און אַנדערע געווען זייער פּאָפּולער ביי די אַרבעטער.

די צאַרישע געהיים־פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט, אַז פּרצ'ס „יום־טוב בלעטלעך" זיינען זייער פּאָפּולער, ווערן געלייענט פון מאַסן אַרבעטער, איז די צענזור געוואָרן שטרענגער. זיינען ענדלעך די „בלעט־לעך" אונטערגעגאַנגען. ווען מען האָט געוואָלט אַרויסגעבן פּרצ'ס „באָנציע שווייג" אין אַ פּאָפּולערער אויסגאַבע, איז דאָס פאַרבאָטן געוואָרן פון דער צענזור.

די באַוועגונג אין די קליינע שטעטלעך

ווי אַ שטורם האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג גענומען פאַרשפּרייטן, אַריבערטראָגן זיך פון די גרויסע שטעט אין די קלענערע שטעטלעך.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָבן מיר געהאַט ווייניק אינטע־ליגענטן. אפילו אין די גרעסערע שטעט, ווי מינסק, ווילנע, ביאַ־לאָסטאָק, וואַרשע — איז די צאָל רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטן געווען אַ גאַנץ קליינע. איז וואָס מער די באַוועגונג איז זיך פאַנאַנדער־געוואַקסן, אַלץ מער איז די פירערשאַפט אַריבער צו די „אַרבעטער־אַגיטאַטאָרן". בלויז אין די העכערע אַנשטאַלטן, ווי די „ראַזבאָרקע". האָבן זיך געפונען אינטעליגענטן.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די קלענערע שטעט אין רוס־לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן און איז אָנגעפירט געוואָרן דערהויפּט דורך די אַרבעטער גופא.

עס האָט זיך דעמאָלט געפירט, אַז אויף יום־טובים פלעגן אַרבע־טער פון די גרויסע שטעט פאָרן צו זייערע עלטערן אין די קליינע שטעטלעך. איז געוואָרן ביי אונדז כמעט ווי אַ געזעץ, אַז ווער עס פאָרט, דאַרף מיטנעמען מיט זיך אומלעגאַלע ליטעראַטור. קומענדיק אין שטעטל פלעגט מען איינשטעלן פאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע

אַרבעטער. עס פלעגט ניט נעמען לאַנג און ביי די שטעטלדיקע קליינע באַלעבאַטים פלעגן אויסברעכן סטרייקס.

אין יעדן שטעטל איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער נאָענטסטער גרויסער שטאָט, פון וועלכע זי פלעגט קריגן די אומלעגאַלע ליטעראַטור. פון צייט צו צייט פלעגט דער „צענטער" (די גרויסע שטאָט) אַראָפּשיקן אין שטעטל אַן אַגיטאַטאָר, אַ רעדנער.

עס זיינען געווען שטעטלעך, וואו עס איז געווען קאָנצענטרירט אַ באַשטימטע אינדוסטריע, ווי די אויסאַרבעטונג פון חזיר־האָר אָדער לעדער. ווען אין אַזאַ אינדוסטריע פלעגט אויסברעכן אַ סטרייק, פלעגט מען צושיקן אָנפירער פון „צענטער". ווען די באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט, זיינען די חזיר־האָר אַרבעטער (בערשטער) און די לעדער־אַרבעטער (גאַרבער) פאַראייניקט געוואָרן אין איין צענטראַלער קערפּערשאַפט מיט אייגענע אומלעגאַלע פאַך־צייטונגען.

עס זיינען אויך געווען קלענערע שטעט וואו עס האָבן זיך געפונען פאַבריקן, זאַוואָדן, מיט אַ געוויסער צאָל אַרבעטער, ווי באַריסאָוו, מינסקער גובערניע, וואו עס איז געווען אַ גרויסע שוועבל־פאַבריק. אין אַזעלכע שטעטלעך פלעגט אָפט אויסוואַקסן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער.

***

נאָך אַ שווערן קאַמף האָבן מיר אין מינסק געוואונען אַ דרייצן־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. מיר פלעגן מוזן אויפשטיין האַלב־נאָך־זעקס אינדערפרי. פרישטיק האָבן מיר געגעסן אין דער „טשיינע" (טייהויז) אויף דער נעמיגע. פאַר 5 קאָפּיקעס פלעגט מען קריגן אַ טשייניק געזאָדענע וואַסער און טיי. צו די טיי האָבן מיר געקויפט אַ פאָר פונט שוואַרצע ברויט. די ברויט און טיי און אַ שטיקל הערינג איז געווען אונדזער פרישטיק. פון 1 ביז 2 זיינען מיר געגאַנגען עסן אַהיים, וואו די באַלעבאַסטע פון דער דירה וואו מיר האָבן געהאַט אַ צימער האָט פאַר אונדז אויפגעקאָכט אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל און אַמאָל אַ שטיקל פלייש, לונגען, מילץ, קעלבערנע פיסלעך און נאָך פון דעם מין וואָס מען האָט געקענט קריגן ביליק.

10 אַזייגער ביינאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט זיך ערשט אָנגע־הויבן אונדזער אַרבעט אין דער באַוועגונג: לויפן צום קרייזל אָדער צו אַ פאַרזאַמלונג.

די קרייזלעך זיינען פאָרגעקומען צוויי מאָל א וואָך. אחוץ דעם, די פאַך־סכאָדקע, צענטראַלע־סכאָדקע, א „ראזבאָרקע" — דאָס אַלץ האָט זיך פאָרצויגן ביז נאָך האַלבע נאַכט. אויב מען האָט געוואָלט לייענען א בוך, האָט מען עס געקענט טאָן נאָר ווען מען האָט צוגענומען נאָך צייט פון שלאָפן.

יעדער מינוט פון שבת איז אויסגענוצט געוואָרן, ווייל שבת איז געווען דער איינציקער טאָג אויף דורכצופירן אָרגאַניזאַציע־ארבעט צווישן די מאַסן. זומער פלעגט די ארבעט אין גרעסטן טייל דורכגעפירט ווערן הינטערן שטאָט, אין די וועלדער.

פאַר פערזענלעכע פאַרוויילונגען האָבן מיר קיין צייט ניט געהאַט און האָבן געקוקט אויף דעם ווי אויף א צו גרויסן לוקסוס, וואָס מען דאַרף איבערלאָזן פאַר דער צוקונפט, ווען מיר וועלן לעבן אין דער שיינער וועלט פאַר וועלכער מיר קעמפן איצט.

אָפטמאָל פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען אין א צימער, וואו עס האָבן געוואוינט די „אַגיטאַטאָרקעס", די אַקטיווע מיידלעך פון דער באַוועגונג: ביי מערע וועוויער (מערל די זעמשערין), אָדער ביי העניע רייכעלסאָן (העניע די זאָקנמאַכערין). העניע האָט געוואוינט „אויף די בלאָטעס". ווען מען פלעגט זיך נאָר אריינכאַפּן צו העניען, האָט מען ביי איר געטראָפן עמיצן פון די אַקטיווע טוער. ביי אַזא באַגעגעניש האָט מען אויך גערעדט וועגן זאַכן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער באַוועגונג. אָבער דער געשפּרעך איז ניט געווען אַזוי פאָרמאַל, ווי ביי א אָרגאַניזאַציע־זיצונג.

א גרויסער יום־טוב איז ביי אונדז געווען ווען אין מינסק פלעגט קומען א טעאַטער־טרופּע. מיר פלעגן קויפן בילעטן צו 25 קאָפּיקעס, אויף דער „גאַליאָרקע". איך געדענק, אז איך האָב געזען אין יענע יאָרן: טרילבי, קין, האַמלעט, די וועבער, נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ און נאָך.

צייט פאַר דעם איז געווען נאָר פּרייוויק אָדער שבת־צונאַכט.

***

אונדזער קוק אויפן לעבן איז געווען, אז אַלע מוזן מיר זיין גרייט אָפּצוגעבן אונדזער לעבן פאַר א נייער וועלט, פאַר א סאָציאַליסטישער וועלט, וואו אַלץ וועט זיין אַזוי שיין, אידעאַליסטיש, וואו ביידע געשלעכטן וועלן זיין פולקאָם גלייך, וואו ביים צוזאַמענקומען

זיך וועלן ניט ווירקן די אלע מאטעריאליסטישע מאטיוון, ווי געלט, יחוס און נאך-אזעלכע זאכן.

אונדזער גייסטיקע שפייז, אונדזער קוק אויף באציאונגען צווישן די געשלעכטן, האבן מיר געשעפט פון דער פראגרעסיווער רוסישער ליטעראטור, וועלכע מיר האבן דעמאלט געליינט.

אבער אט-דער אידעאליסטישער קוק האט דערהויפט געהערשט צווישן די מער-אנטוויקלטע ארבעטער. צווישן דער ברייטער מאסע, וואס איז אריינגעצויגן געווארן אין דער באוועגונג, אפט צוליב דירעקטע עקאנאמישע מאטיוון, און וועלכע איז קולטורעל געשטאנען גאנץ נידעריק, זיינען די באציאונגען געווען א ביסל אנדערש.

אין צארישן רוסלאנד איז פראסטיטוציע געווען א לעגאלע אינסטיטוציע. אין מינסק, אזוי ווי אין אנדערע שטעט, איז געווען א גאנצער קווארטאל מיט פראסטיטוציע-הייזער.

דערהויפט איז דארט געווען פרייליך צווישן פרייטיק-צו-נאכט ביז זונטיק ביינאכט. עס פלעגן זיך הערן די טענער פון בילליקע מוזיק און דאס טאנצן פון די באזוכער. איינטריט פאר באזוכער איז געווען פריי. ער האט נאר געדארפט באצאלן דער פראסטיטוטקע, ווען ער האט פארבראכט מיט איר.

א באדייטנדער טייל יידישע ארבעטער האט באזוכט די פראסטיטוציע-הייזער. אבער וואס מער די יידישע ארבעטער זיינען געווארן באוואוסטזיניק, וואס קולטורעלער זיי זיינען געווארן, אלץ מער האבן זיי גענומען פארשטיין די שאנד פון פראסטיטוציע.

עס זיינען אפילו געווען פאלן, ווען אייניקע פון די „אגיטאטארן" האבן בארעכטיקט דאס גיין אין א פראסטיטוציע-הויז ווי א „פיזיאלאגישע" נויטווענדיקייט, אבער אזעלכע זיינען געווען אן אויסנאם. די מערהייט, די אקטיווע טוער האבן דורכגעפירט אין לעבן און אין זייערע באציאונגען צו פרויען די מאראלישע הויך, וועלכע זיי האבן איבערגענומען פון דער פראגרעסיווער ליטעראטור.

***

אין אנהייב פון דער מאסן-באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער איז די באציאונג פון די אנדערע יידישע שיכטן צו דער באוועגונג געווען שטארק קעגנעריש.

די מאטיוון דערצו זיינען געווען פארשיידן: די באלעבאטים

זיינען געווען קעגן, ווייל דאָס האָט אָנגערירט דירעקט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. דער אָרעמער קליין־בירגער איז געווען קעגן די אַרבעטער, ווייל די באַוועגונג האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ נערוועזער, אומרואיקער שטימונג. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז „קיין גוטס וועט פון דעם ניט אַרויסקומען". דערהויפּט איז זייער מורא געוואָרן שטאַרק ווען די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און זיי האָבן דערזען, אַז אָט די שוסטער, „שניידערוקעס", סטאָליער און אַנדערע פירן אַ קאַמף, ניט נאָר קעגן זייערע באַלעבאַטים, נאָר אויך קעגן דער צאַרישער רעגירונג גופא.

די רעליגיעזע יידן, און דערהויפּט די רייכע, האָבן געטענה'ט, אַז מיר האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די יידישקייט, אַז מיר שטעלן זיך אַפילו קעגן גאָט. אונדזער אויפפירונג האָט באַשטעטיקט זייער מיינונג. שבת פלעגן מיר טראָגן אונדזערע האַנט־שטעקלעך. אַפילו אונדזער אָנטאָן זיך איז געווען, נאָך זייער מיינונג, חוצפּה'דיק. מיר פלעגן גיין „ווי גוים" אָנגעטאָן אין העמדלעך, איבערגעוואָרפן איבער די הויזן, אַרומגעבונדן מיט אַ שנירל. די העמדלעך — „קאָסאָווערקעס" — ווי מען האָט זיי גערופן, זיינען אָפט געווען אויסגענייט מיט קאָלירטע אוזאָרן. מיר האָבן געטראָגן היטלען מיט גלאַנציקע דאַשיקעס און שטיוול מיט לאַנגע כאָליאַוועס, די הויזן אַריינגערוקט אין די כאָליאַוועס און די כאָליאַוועס — אָפּגעפּוצט מיט אַ גלאַנץ.

ביי אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָט די קעגנערשאַפט צו די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער ניט אָנגעהאַלטן לאַנג. עס איז ביסלעכווייז געקומען צו בעסערע באַציאונגען. געווירקט האָבן איינצקע אורזאַכן :

ערשטנס, זיינען פיל יידישע פאַמיליעס געווען דירעקט פאַרמישט אין דער באַוועגונג. אַפילו יחסנים זיינען אָפט געווען געצוואונגען צו לאָזן זייערע קינדער ווערן אַרבעטער. די עלטערן האָבן ביסלעכווייז געמוזט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז „די וועלט בייט זיך". אַגב, האָט דער עקאָנאָמישער קאַמף פון זייערע קינדער פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען פאַרבעסערט אויך זייער לאַגע.

צווייטנס, האָט אַ טייל פון די אָרעמע שיכטן פון דער יידישער

באַפעלקערונג אָנגעהויבן איינזען די גערעכטיקייט פון אונדזער קאַמף פאַר אַ מער יושרדיקער וועלט.

איין ביישפיל:

ווי איך האָב דערמאָנט, איז אונדזער צימער אין מינסק געווען אין יאַטקעווער גאַס. דער געגנט איז געווען באַוואוינט פון מינסקער אָרעמשאַפט. ער האָט אַרומגענומען די גאַסן: שלאָס־גאַס, יאַטקעווער, טאַטערשע, די בלאָטעס, די נעמיע (נעמיגע). דאָרט האָבן געוואוינט אַ גרויסע צאָל פון די „אַגיטאַטאָרס", און מיר האָבן דאָרט דורכגעפירט דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע פאַרזאַמלונגען. אויף דער טאַטערשער גאַס איז געווען אַ שול, וואו אַ מגיד פלעגט יעדן שבת זאָגן דרשות. זיין הויפּט־טעמע איז געווען: די ניט־יושרדיקייט פון דער אָרדענונג. ער פלעגט דאָס באַווייזן מיט פסוקים פון די יידישע נביאים. די שול איז שטענדיק געווען געפּאַקט מיט צוהערער, אַריינגערעכנט אויך אונדז.

כאַראַקטעריסטיש זיינען די נעמען, וואָס מען האָט אונדז דער־מאָלט גערופן.

די קעגנער האָבן אונדז גערופן: סטאַטשניקעס, לאָבוסעס, בונ־טאָווטשיקעס, באַר־יונגען אאַז"וו. די מער־פריינדלעכע צו אונדז האָבן אונדז גערופן: פילאָזאָפן, „מענטשן".

צווישן זיך איז דער פאַרשפּרייטער נאָמען געווען „באַקאַנטע". דער וואָרט באַקאַנטע האָט געהאַט דיזעלבע באַדייטונג ווי איצט „חבֿר".

די קעגנער האָבן פאַרשפּרייט אַ שפּאַס וועגן אונדז, אַז אין די הייזער פון אונדזערע עלטערן פּראָטעסטירן מיר קעגן דעם, וואָס די הינער זיינען פאַרשפּאַרט אין „קאָטוך", מען דאַרף זיי, הייסט עס, אַרויסלאָזן, געבן זיי „פרייהייט"...

***

מינסק האָט ניט קיין גרויסן טייך. דאָס טייכל פון מינסק — סווויסלאָטש — פאַלט אַריין אין דער בערעזינאַ. אויב דאָס טייכל איז געווען צו קליין פאַר דאַמף־שיפן, איז עס אָבער געווען גרויס גענוג צו פאָרן אויף דעם מיט שיפלעך.

די שיפלעך האָבן געהאַט אַ באַזונדער צוציאונג־קראַפט, ווייל מיט זיי זיינען געווען פאַרבונדן פיל זאַכן, וואָס נאָר אויף די שיפלעך

האָט מען דאָס געקענט דורכפירן, ווי, למשל, ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען.

זומער ענדיקט מען די אַרבעט פּריטיק איידער עס ווערט פינצטער. פלעגן מיר גלייך, נאָכן עסן, אַוועק צו די שיפלעך.

פּרייטיק־צונאַכט פלעגן אַרום וואַסער זיין ווייניק זייטיקע מענטשן, ווייל שבת טאָר מען דאָך ניט פאָרן אויף שיפלעך. פלעגן מיר טאַקע דינגען אַזויפיל שיפלעך ווי מעגלעך, אַוועקפאָרן מיט זיי ווייטלעך, און דאָרט פלעגן מיר אויף זיי דורכפירן די פאַרזאַמלונג. פאַרנדיק, האָבן מיר אויסגעזונגען אַלע לידער וואָס מיר האָבן געקענט.

אויף די שיפלעך האָבן מיר ניט געדאַרפט מורא האָבן פאַר דער פּאָליציי, ווייל געהייסן האָט עס, אַז די יוגנט קומט זיך פאַרווייל־ן.

שווער איבערצוגעבן דעם פאַרגעניגן, וואָס מיר פלעגן האָבן אין אַ שיינעם פּרייטיק ביינאַכט, ווען דער הימל איז אויסגעשטערנט, קלאָר, ווען די לופט איז אַזוי אַנגענעם קיל, ווען דו געפינסט זיך מיט דיינע נאָענטסטע, וועלכע טרוימען, אַזוי ווי דו, און אַרבעטן פאַר אַ שענערער, בעסערער וועלט. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגן פריי ווערן די פאַרשטיקטע געפילן: אַז ניט פאַר דיר איז צו טראַכטן וועגן פּער־זענלעכן פאַרגעניגן, אַז דיין ציל אין לעבן איז בלויז דער קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער קלאָרער הימל, די שטערן, די פרישע לופט, די טענער פון די לידער, די מערקעס, חנה'ס, אַנושקעס, וועלכע זיצן מיט דיר אין שיפל זאָגן אין איין קול: זע, ווי שיין די וועלט איז, דו דאַרפסט נאָר וועלן און דו וועסט פון איר געניסן.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן די באַלעבאַטים אין קאַמף מיט די אַרבעטער גענומען צוהילף די אונטערוועלט, און די „בינ־דיוזשניקעס" — (פורמאַנעס, וואָס האָבן געפירט סחורה פון און צום באַן).

אין איין פרייטיק צו נאַכט, איידער די שיפלעך האָבן נאָך געהאַט אַ מעגלעכקייט צוזאַמענצוקלייבן זיך האָט איינער פון די אונטערוועלט העלדן פלוצלונג אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון אונטערן וואַסער, און איז אַריינגעשפּרונגען אין שיפל און גענומען אויסליי־דיקן ביי אַלעמען די קעשענעס. אין אַ צווייטן שיפל איז געזעסן איינער פון אונזערע אַגיטאַטאָרן, וואָלין דער שלאָסער, וועלכער איז געווען באַוואוסט אַלס איינער, וואָס קען געבן קלעפּ. ער האָט

אויפגעפאָדערט דעם כּוליגאַן אַרויסצוגיין אויפן בּרעג און פאַר־מעסטן זיך אין כּוחות. דער אונטערוועלט העלד, ווייסנדיק אַז אויפן בּרעג איז דאָ אַ גאַנץ שטאַרקע גרופּע פון זיינע אונטערוועלט־לייט האָט איינגעשטימט אויף דעם. אָבער וואַלין, איז חוץ דעם וואָס ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער, אויך געווען אויסערגעוויינלעך פלינק. און איידער יענע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אויפצוהייבּן אַ האַנט איבער אים, האָט ער זיי אַזוי צעשלאָגן, אַז זיי האָבן קיין כּוח ניט געהאַט צו געבן צוריק.

אָט דער אינצידענט און אַנדערע האָבן איבּערצייגט די אונ־טערוועלט, אַז מיר זיינען אַ קראַפט, מיט וועלכער ס'איז בּעסער ניט פאַרטשעפּען זיך. זיינען זיי סוף־כּל־סוף געווען געצוואונגען צו שליסן מיט אונדז פרידן.

מען איז זיך „פאַרמעל" צוזאַמענגעקומען און בּיי אייניקע קוואַרט בּראַנפן האָבן זיי צוגעזאָגט אַז פון היינט און ווייטער וועלן זיי מער ניט דינען די בּאַלעבּאַטים אין קאַמף קעגן די אַרבּעטער.

די מינסקער בּאַלעבּאַטים זיינען ניט געווען קיין אויסנאָם אין אויסנוצן די אונטערוועלט אין זייער קאַמף קעגן די אַרבּעטער. אין אַלע שטעט, וואו דער אַרבּעטער־קאַמף האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער; ווי אין ווילנע, בּיאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדז א. אַ. וו. האָבן די בּאַלעבּאַטים געדונגען די אונטערוועלט, „אַלפאָנסן" (די ווייַ־סע־שקלאַפן הענדלער) צו העלפן בּאַקעמפן די אַרבּעטער בּאַוועגונג.

איינמאָל האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז אייניקע פון די ווייסע שקלאַפן־הענדלער קומען קיין מינסק. מיר האָבן אויסגעפו־נען די פּראָסטיטוציע־הויז, וואו זיי געפינען זיך. שנעל האָבן מיר מאָבּיליזירט יעדן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט צייט און אַ מעגלעכקייט צו העלפן.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דעם הויז, האָבן זיך די אַל־פאָנסן פאַרשלאָסן פון אינעווייניק. מיר האָבן אַרומגערינגלט די גאַנצע הויז ניט צו געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. דאַן האָבן מיר אויפגעבּראָכן די טירן און גענומען זוכן אין אַלע צימערן. די פּראָסטיטוטקעס זיינען געווען שטאַרק דערשראָקן. מיר האָבן זיי אָבער פאַרזיכערט, אַז זיי קאָנען זיין רואיק, ווייל מיר האָבן **גאָרניט** קעגן זיי, מיר זוכן נאָר די וואָס האַנדלען מיט זיי.

ווען מיר האָבן זיי געפונען בּאַהאַלטן ווער אין אַ קליידער־

שראַנק און וועד אונטער אַ בעט, האָבן מיר זיי „דערלאַנגט" ווי זיי קומט. מיר האָבן זיי אויך אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז ערשט אַן אָנהויב, און אַז זיי וועלן קריגן אַ סך מער, אויב זיי וועלן פאָרזעצן זייער אַרבעט קעגן די אַרבעטער.

איניקע פון אונדזער „אַרמיי" האָבן זיך אַזוי צעהיצט, אַז איידער מיר האָבן זיך אומגעקוקט, איז שוין אַ טייל מעבל אין די „הייזלעך" געווען צעבראָכן...

אונדזערע יום־טובים

דער וויכטיקסטער פון אונדזערע יום־טובים איז דעמאָלט געווען דער ערשטער מאַי.

מיר האָבן אויך געהאַט אַנדערע יום־טובים, ווי למשל: דער ערשטער מערץ — דער טאָג ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין 1881; דעם 25־טן דעצעמבער, דער טאָג ווען אַ גרופּע אָפיצערן מיט אַ טייל פון דער אַרמיי האָבן אין 1825 געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן ניקאָלאַי דעם ערשטן. דעם 19־טן פעברואַר — דער טאָג ווען עס איז אין 1861 אָפּגעשאַפט געוואָרן לייב־אייגנטום אין צאַרישן רוסלאַנד.

די יום־טובים האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער באַוועגונג. זיי האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט צוזאַמענצוקלייבן אין־איינעם אַמאָל ביז דריי הונדערט פון די מער אַנטוויקלטע אַרבע־טער. די רעדעס וואָס זיינען דאָרט געהאַלטן געוואָרן, די רעוואָלו־ציאָנערע לידער וואָס מען האָט דאָרט געזונגען האָבן אַריינגע־טראָגן באַגייסטערונג, מוט און געשטאַרקט דעם ווילן ביי די אָנ־טיילנעמער ווייטער צו פאַרשפּרייטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אָבער ניט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען צו אָרגאַניזירן אין צאַרישן רוסלאַנד אַ פאַרזאַמלונג פון צוויי ביז דריי הונדערט אָנ־טיילנעמער.

דאָס האָט געדאַרפט אָרגאַניזירט ווערן אין געהיים אפילו פון די מיטגלידער פון דער באַוועגונג. נאָר אַ קליינער באַגלויבטער גרופּע איז איבערגעגעבן געוואָרן די אַרבעט צו געפינען דעם פּלאַץ און אָרגאַניזירן די פאַרזאַמלונג. מען פלעגט גיין פאַרוויז, אַ בחור מיט אַ מיידל — עס זאָל מאַכן דעם איינדרוק, אַז מען גייט שפּאַצירן. אויפן גאַנצן וועג זיינען געשטאַנען „פּאַטרולן",

וועלכע האָבן מיט אַ קוים באַמערקטן צייכן געוויזן די ריכטונג וואו־הין צו גיין. די פּאַטרולן זיינען אויך באַשטאַנען פון פּאַרלעך, וועלכע האָבן געדאַרפט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיי שפּאַצירן.

ווען מען איז שוין געקומען צום פּלאַץ, האָט מען געדאַרפט לאָזן אַ פּאַטרול אַכטונג צו געבן, און אָנזאָגן, ווי נאָר מען באַ־מערקט עטוואָס פאַרדעכטיקעס.

זומער זיינען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען גערופן געוואָרן אין די וועלדער. ווינטער פלעגט מען קריגן אַ הויז ווייט הינטערן שטאָט. מען פלעגט באַשטימען אַ בחור און אַ מיידל, אַלס כלומרשטע „חתן־כלה" און אַז מיר אַלע, די פאַרזאַמלטע, זיינען עס, הייסט עס, געקומען צו זייערע תנאים.

צו אַזעלכע „תנאים" זיינען דעם ערשטן מערץ 1896 געקומען צוויי הונדערט און פופציק אַרבעטער. די רעדנער ביי יענער פאַר־זאַמלונג האָבן אויפגעקלערט די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ" און די אורזאַכן פון דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

איינמאָל איז אויף אַזאַ אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג פאָרגע־קומען דער פאָלגנדער אינצידענט:

די פאַרזאַמלונג איז אָנגעגאַנגען אין בעסטער אָרדענונג. מען האָט שוין געהאַלטן אַ פּאָר רעדעס. דער גאַנצער עולם איז געווען פאַרטאָן אין זינגען יידישע און רוסישע לידער. פּלוצלונג לויפט אַריין אונדזער פּאַטרול און זאָגט אַז פּאָליציי דערנעענטערט זיך צום הויז. מען האָט אַלעמען געהייסן האַלטן זיך רואיק. חתן־כלה האָט מען אַוועקגעזעצט אויבנאָן און מען האָט געהאַלטן אָנגעגרייט די קעלעשקעס צו מאַכן לחיים. עס עפנט זיך די טיר און אַ פּריס־טאַוו מיט אַ גאָראָדאָוואָי קומען אַריין. דער פּריסטאַוו האָט דער־זען וואָלינען, וועלכן ער האָט גוט געקענט. ער האָט גענומען פאַ־נאַנדערפרעגן וואָס פאַר אַ שמחה דאָ קומט פאָר. מען האָט אים געוויזן דעם חתן מיט דער כלה, וואָס זיצן אויבנאָן. מען האָט אים אפילו דערלאַנגט אַן אָנגעגאָסן גלעזל. זעענדיק אַז מיט איין פּאָליסמאַן קען ער דאָ קיין זאַך ניט אויפטאָן, האָט ער געזאָגט צום עולם אין אַ „פריינטלעכן" טאָן: „נו, איר האָט שוין גוט פאַרבראַכט, צייט צו גיין אַהיים"...

דער ערשטער מאַי אין מינסק 1896—1897

אין 1896 האָבן מיר זיך געגרייט צו פייערן דעם ערשטן מאַי.
איך האָב געוואַרט אויף דער פייערונג מיט גרויס אומגעדולד. פאַר מיר איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל אָנטיילצונעמען אין אַ מאַי פייערונג. איך בין געקומען אין מינסק אין זומער 1895 נאָך דער פייערונג. פון די געשפּרעכן וואָס איך האָב קומענדיק קיין מינסק געהאַט מיט די אָנטיילנעמער, האָב איך אויסגעפונען, אַז עס איז געווען אַ באַגייסטערנדיקער יום־טוב, הגם עס האָבן אין אים אָנטיילגענומען נאָר אַ פּופציק מענטשן.
גאַנץ אַנדערש האָבן מיר געגרייט די פייערונג פון ערשטן מאַי 1896.
דער גאַנצער יאָר 1895 איז געווען אַ יאָר פון קאַמף, פון סטרייקס אין כמעט אַלע פאַכן.
מען האָט פאַרקלענערט דעם אַרבעטס־טאָג אויף 3 — 4 שעה. פון 16 — 17 ביז 13 — 14 שעה אַ טאָג.
אין אייניקע פאַכן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַלע באַשעפ־טיקטע אַרבעטער, ווי די בערשטער, טאַבאַק־אַרבעטער, גאַרבער. אין אַנדערע פאַכן, ווי ביי זאָקן־מאַכער, בוכבינדער, שניידערקעס זיינען די מערהייט פון באַשעפטיקטע געווען אָרגאַניזירט. עס איז כמעט ניט געבליבן קיין איין פאַך וואָס איז ניט אָנגערירט געוואָרן פון דער סטרייק־כוואַליע.
אין אַזאַ שטאָט ווי מינסק, וואו יידישע אַרבעטער זיינען געווען באַשעפטיקט אין קליינע ווערקשטאַטן, האָבן מיר צום סוף 1895 און אָנהויב 1896 שוין געהאַט ביי טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער.
מיט דעם וואוקס פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז אויך גע־וואַקסן די צאָל פון די מער אַנטוויקלטע. דער פאַרלאַנג צו לייענען אומלעגאַלע און די פּראָגרעסיווע לעגאַלע ליטעראַטור האָט אַרומ־געכאַפּט אַ באַדייטנדיקע צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אין די פּראָ־פּאַגאַנדע קרייזלעך האָבן אָנטייל גענומען איבער 150 אַרבעטער, און וואָלטן מיר געהאַט מער אינטעליגענטע כוחות אויף אָנצופירן מיט די קרייזלעך, וואָלט די צאָל געווען פיל גרעסער.
דער אַפּאַראַט וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג — די צענטראַלע סכאָדקע, די „ראַזבאַרקע" — האָט אַריינגעקראָגן פרישע כוחות. די אָפּאָזיציע, דער פריערדיקער קאַמף צווישן „פּראָ־

פּאַגאַנדע" און „אַגיטאַציע" איז איינגעשטילט געוואָרן. אַ טייל פון דער אָפּאָזיציע איז אַריין צוריק אין דער אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער מאַי האָט געדאַרפט זיין דער שפּיגל אין וועלכן די אַלע אויסגערעכנטע דערפאָלגן האָבן זיך געדאַרפט אָפּשפּיגלען.

די מאַי־פייערונג אין 1896 איז פאָרגעקומען אין וואַלד הינ־טער דעם אַלעקסאַנדראָווער וואָקזאַל. דאָס איז געווען אַן אימפּאָ־זאַנטע פייערונג, סיי אין דער צאָל אַרבעטער, סיי אין אינהאַלט פון די רעדעס. עס האָבן זיך באַטייליקט דריי הונדערט אַרבעטער אין פאַרגלייך מיט די 50 פון אַ יאָר פריער.

אָבער נאָך גרעסער איז געווען די מאַי־פייערונג אין 1897, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַנטאָנאָווער וואַלד און אין וועלכער איבער פיר הונדערט אַרבעטער האָבן אָנטייל גענומען.

די מאַי־פייערונג פון 1897 האָט געוויזן אויף וויפיל די באַ־וועגונג איז אויסגעוואַקסן אין פּאָליטישן זין. די רעדנער, אַרבעטער און אינטעליגענטן, האָבן גערעדט וועגן דער צאַרישער רעגירונג, ווי זי שטייט מיט די באַלעבאַטים, ווי זי אונטערדריקט און אַרעסטירט יעדערן וואָס וואַגט צו קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער.

דערהויפּט האָבן זיך אויסגעצייכנט די רעדעס, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דעם, ווי עס לעבט זיך דעם אַרבעטער אין צאַרישן רוסלאַנד און דער פרייהייט, אונטער וועלכער עס לעבן די אַרבעטער אין אויסלאַנד: אין אַמעריקע, ענג־לאַנד, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. בעת מיר, אין צאַרישן רוס־לאַנד, דאַרפן זיך באַהאַלטן צו פייערן דעם ערשטן מאַי, פייערן די אַרבעטער אין אויסלאַנד דעם יום־טוב מיט דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן, מיט פאַנאַנדערגעוויקלטע רויטע פאָנען, זינגען רעוואָלו־ציאָנערע לידער, פאָדערן אַן אַכט שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, האָבן זייערע פאָרשטייער אין די פּאַרלאַמענטן, קעמפן אָפן פאַר איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

זייענדיק באַהאַלטן טיף אין וואַלד מיט אונדזערע „פּאַטרולן", וואָס האָבן געהיט טאָמער קומט אָן פּאָליציי, האָבן די רעדעס גע־קלונגען פאַר אונדז ווי געטלעכע מוזיק. אונדז האָט זיך דעמאָלט גע־דוכט, אַז די אַרבעטער אין אויסלאַנד לעבן אין אַ גן־עדן. מיט יעדער רעדע איז די באַגייסטערונג ביי די אַרבעטער געוואָרן שטאַרקער, די

פארב אויף זייערע באַקן רויטער, דער פייער אין די אויגן העלער.
ווען מען האָט גענומען גיין אהיים, האָט מען פארגעסן אויף אַלע קאָנספּיראַציעס. מען האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער ביז מען איז געקומען אין שטאָט.

לידער פון קאַמף, מוט און באַגייסטערונג.

געזאַנג, לידער האָבן פארנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין יענעם „שטורעם און דראַנג פּעריאָד" פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. מיר האָבן געזונגען רוסישע און יידישע לידער ווען מיר פּלעגן זיך צוזאַמענקומען צו פייערן אונדזערע יום־טובים. מיר פּלעגן זינגען ביי צוזאַמענקונפטן אין אונזערע היימען, דערהויפּט ביי די „באַקאַנטע" מיידלעך, מען האָט אויך געזונגען, ווען עס איז נאָר געווען מעגלעך, ביי דער אַרבעט, דערהויפּט אין די פאַכן, וואָס האָבן באַשעפטיקט פרויען.
איך וויל דאָ פארצייכענען אייניקע פון די מער פּאָפּולערע לידער פון יענער צייט:
די „שבועה" איז געווען איינע פון די ערשטע אַרבעטער לידער, וואו עס איז אויסגעדריקט געוואָרן דער גייסט פון דעם אויפוואַכנדיקן יידישן אַרבעטער. דער הויפּט־געוויכט ווערט דאָרטן געלייגט אויפן קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, אָבער עס ווערט נאָך ניט דערמאָנט סאָציאַליזם. אין אָט דער „שבועה" ווערט אויך אויסגעדריקט די יידישע טראַדיציע, צו שווערן זיך אַז מען וועט אויספאָלגן דעם באַשלוס צו קעמפן צוזאַמען.

די שבועה

לאָמיר לייגן אויפן האַרצן די רעכטע האַנט
און שווערן ביים סאָוועסט איצט.
אַז דורך טויט און לעבן, ווי אַן אייזערנע וואַנט,
און דער שווערד פון אמת בליצט.
איינער פון אונדז איז צו שוואַך געוויס,
ווייל צו גיפטיק איז דער קאַפּיטאַל,
ווי פון אַ שלאַנג דער ביס.
נאָר ווען מיט אמת און ליבע געבונדן,
אונדזער בונד, ווי אַ מויער, פעסט שטייט,
גייט אויף די זון אין אונדזער בלוט אַנגעצונדן —
די זאַנגע פון פרייהייט אויפגייט.

די נקמה פאַדערט אונדזער בלוט,
פון אונדזער געזונט וואַקסט שטענדיק זייער גוטס,
גוטס און רייכקייט ציען זיי פון אונדזערע ביינער,
און דאָך טרעט מען אונדז, ווי די שטיינער.
דערום, ברידער, שוועסטער, גיט זיך אַלע די הענט
און שווערט ביי דעם פייער (אָדער ביי דער פאָנע) וואו דער פאַקל ברענט.
מיר זיינען דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס מען רופט אונדז
דער פּראָסטער נאַראָד (אָדער — דער טשאָרני נאַראָד)
די קייטן, די שווערע, וועלן מיר צערייסן.
דעם יאָך, דעם שווערן — אַרונטערשמייסן.
טאָ שרייט-זשע, ברידער: נאַראָד ווּפּעריאָד!
ווּפּעריאָד, ווּפּעריאָד, ווּפּעריאָד!
ווּפּעריאָד!

מען ווייס ניט ווער עס האָט פאַרפאַסט אָט די ערשטע „שבועה“. די פאָלקסטימלעכקייט פון די ווערטער ווייזט, אַז זי שטאַמט פון די פאָלקס-מאַסן.

אָט די „שבועה“ איז געזונגען געוואָרן צווישן יידישע אַרבעטער ביזן אָנהויב 1902, ווען ש. אַנסקי (דער שפּעטערדיקער פאַרפאַסער פון „דיבוק“) האָט אָנגעשריבן די נייע שבועה.

ש. אַנסקיס שבועה איז געווען די שטאַרקסטע ליד, וואָס האָט גערופן די אַרבעטער צו פאַראייניקן זיך אין אַ קאַמף „אויף לעבן און טויט“ קעגן אַלע טיראַנען, אונטערדריקער. זי האָט גערופן די אַרבעטער ניט אַוועקצולייגן די וואָפן „ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערן באַפרייט“, ביז ס'וועט מער ניט זיין אַ וועלט פון רייכע און אָרעמע, פון הערן און שקלאַפן, פון אונטערדריקער און אונטערדריקטע. אָט איז טיילווייז ש. אַנ—סקים „שבועה“:

די שבֿועה

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט —
צוזאַמען! צוזאַמען! די פאָן איז גרייט!
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!
צו שבֿועה! צו שבועה אויף לעבן און טויט!

הימל און ערד וועט אונדז הערן!
עדות — די ליכטיקע שטערן!

אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן !
מיר שווערן ! מיר שווערן !

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט.
מיר שווערן באַזיגן די פינצטערע נאַכט,
אָדער מיט העלדנמוט פאַלן אין שלאַכט !
הימל און ערד אאַז״וו.
— — — — — — — —
מיר שווערן צו פירן דעם הייליקן שטרייט
ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערן באַפרייט.
קיין קבצן, קיין גביר, קיין הער און קיין שקלאַף
גלייך זאָלן ווערן ווער שטאַרק איז און שלאַף !
הימל און ערד אאַז״וו.
— — — — — — — —

מאָרים ווינטשעווסקים אייניקע לידער זיינען דעמאָלט געזונגען געוואָרן און זיינען געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער:

דער פרייהייטס־גייסט

אין די גאַסן, צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער-מאַסן
רופט דער פרייהייטס-גייסט:
איך ברענג וואָפן — פאַר דעם שלאָפן
און באַפריי די אַרבעט-מאַסן
און איך מאַך זיי דרייסט, אאַז״וו.

די צוקונפט

אָ, די וועלט וועט ווערן ייִנגער,
און דאַס לעבן לייכטער, גרינגער,
יעדער קלאָגער וועט א זינגער
ווערן, ברידער, באַלד.

לאָז דאַס פאָלק נאָר ווערן קליגער,
און פאַריאָגן דעם באַטריגער,
אים, דעם פוקס, און אויך דעם טיגער
פון זיין שיינעם וואַלד, אאַז״וו.

די מאַרסעליעזע

שטייט אויף, איר אונטערדריקטע מאַסן,
און מאַכט צו שקלאַפעריי אַן ענד!
לאָזט ניט מער קיין ליידיקגייער פרעסן
די פרוכט פון אויסגעקוועלטע הענט!

וואָס האָט איר, ברידער, צו פאַרלירן,
וואָס טויג אַ לעבן אָן ברויט?
ווילט איר דען אייביק ווינטער פרירן,
און אייביק זומער ליידן נויט?

שטייט אויף, איר אַרבעטס-לייט!
דערהויבט זיך מאַן נאָך מאַן!
מאַרשירט מיט אונדז אין איינקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן! אאַז"וו.

צום אַרבעטער־פריינד

איך בעט דיך, קלער אויף מיינע אָרימע אַרבעטער-ברידער,
וואָס אַרבעטן שווער אין דער היינטיקער וועלט,
וואָס אָפּערן אויף זייער מאַרך פון די גלידער
און אָפּערן אויף דעם מזבח פון געלט.

וואָס זעגן און הובלען און שניצן טאָג-טעגלעך,
וואָס ציען די דראָטווע און קנעטן די לוים,
און לעבן פונדעסטוועגן אָרעם און קלעגלעך,
און האָבן קיין הויז ניט און האָבן קיין היים, אאַז"וו.

איך האָב דאָ געבראַכט בלויז די אייניקע סטראָפן פון די לידער צו ווייזן ווי ווינטשעווסקי האָט געקענט אין אייניקע ווערטער אויסדריקן דעם האַס און צאָרן, מיט וועלכן מיר זיינען דעמאָלט געווען אָנגעפילט קעגן דעם צאַרישן רעזשים מיט אַלע זיינע אַרויסהעלפער און וועקן אונדז, דערמוטיקן אונדז, אויפצוהויבן אַ קאַמף קעגן זיי אַלעמען.

עס זיינען געווען לידער, וועלכע האָבן זיך געווענדט ספּעציעל צו די אַרבעטער פרויען. אויפגעקלערט זיי די ביטערע לאַגע אין וועלכער זיי געפינען זיך און גערופן, געוועקט זיי, צוצושטיין צו די מענער אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט.

איך וויל דאָ ברענגען צוויי פון די דעמאָלט פּאָפּולערע לידער, איינע פון עדעלשטאַט און איינע פון פּרץ:

אַרבעטער־פרויען

פון דוד עדעלשטאַט

אַרבעטער-פרויען, ליידענדע פרויען!
פרויען, וואָס שמאַכטן אין הויז, אין פאַבריק,
וואָס שטייט איר פון ווייטן? וואָס העלפט איר נישט בויען
דעם טעמפּל פון פרייהייט, פון מענטשלעכן גליק?

העלפט אונדז טראָגן דעם באַנער דעם רויטן
פאָרווערטס דורך שטורעם, דורך פינצטערע נאַכט!
העלפט אונדז אמת און ליכט צו פאַרשפּרייטן
צווישן אומוויסנדע, עלענדע קנעכט!

דריי נייטערינס

פון י. ל. פּרץ

די אויגן — רויט, די ליפּן — בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויים!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען!

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי
און איינע טראַכט, איך ניי און גיי,
איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט,
קיין חופּה-קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס, איך ניי? אאז"וו.

די בילדער וואָס פּרץ מאָלט אין די „דריי נייטערינס" האָבן די אַרבעטער מיידלעך ניט געדאַרפט וויט זוכן. די מערסטע פון זיי האָבן טאַקע ניט געהאַט „קיין טראָפּן בלוט אין באַק"; די מערסטע פון זיי האָבן פון זייער שווערן, לאַנגן טאָג אַרבעט „קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט".

זיינען טאַקע אַזעלכע לידער געזונגען געוואָרן אין די וואַרשטאַטן מיט גרויס געפיל, גאַנץ אָפט מיט טרערן אין די אויגן.

זייער פּאָפּולער איז דעמאָלט געווען אויך עדעלשטאַטס אַ ליד

אין וועלכער אַן אַרבעטער לאָזט אַ צוואה מען זאָל אַן אים ניט פאַר־געסן ווען ער וועט פאַלן אין שלאַכט פאַר אַ נייער וועלט:

אָ, גוטע פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן
טראָגט צו מיין קבֿר אונדזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס-מאַן!

און דאָרט, אונטער דעם באַנער רויטן
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייעס ליד!
מיין ליד „אין קאַמף", וואָס קלינגט ווי קייטן
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייִד.

איך וועל ברענגען נאָך אַ ליד, איבערזעצט פון דר. חיים זשיט־לאָווסקי פון דייטשן שרייבער געאָרג הערוועג, וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער ווי די לידער וואָס איך האָב געבראַכט.

און דו אַקערסט און דו זייסט

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

וועבסט דיין וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונדז אייזן פון דער שאַכט,
ברייינגסט די שפע זיי אַריין,
פול מיט תּבֿואה און מיט וויין.

נאָר — וואו איז ד י י ן טיש געגרייט?
נאָר — וואו איז ד י י ן יום-טוב-קלייד?
נאָר — וואו איז ד י י ן שאַרפער שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?

מאַן דער אַרבעט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל! ...

אַזוי ווי די אומלעגאַלע ביכלעך, פּראָקלאַמאַציעס זיינען אויך די לידער געווען אַ גוטער מיטל צו דערציען, צו באַגייסטערן די מאַסן אין זייער קאַמף קעגן די באַלעבאַטים און דער רעגירונג. ווען מען האָט געזונגען די לידער האָט מען איבערגעלעבט יעדן וואָרט פון ליד. ווען

מען האָט געזונגען עדעלשטאַטס „מיין צוואה" אין וואַלד, אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, זיינען די אַרבעטער געווען גרייט יעדע מי־נוט אַרעסטירט צו ווערן, אַרויסגעשיקט ווערן אין סיביר און שפּע־טער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפענע אַרויסטרעטונגען קעגן צאַריזם, אפילו געהרגעט צו ווערן.

די בירזשע

ווען די באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַ גאַנצער ריי פאַכן און די צאָל פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין שטאָט איז אויסגעוואַקסן ביז איבער טויזנט, האָט מען געמוזט געפינען אַ מיטל ווי מען זאָל זיך שנעל קענען דערוויסן וועגן פאַרשיידענע געשעענישן וואָס טרעפן אין דער אָרגאַניזאַציע אַלס אַ גאַנצע און איינצלהייטן אין די באַזונ־דערע פאַכן.

אַז מען פלעגט ענדיקן די אַרבעט צען ביינאַכט איז געבליבן ווייניק צייט צו גיין זוכן די פּערזאָן וועמען מען האָט געדאַרפט עפּעס איבערגעגעבן, אָדער זוכן די פּערזאָן ביי וועמען מען האָט געדאַרפט וואָס עס איז פרעגן, אויסגעפינען, באַראַטן זיך א. אַ. וו.

האָט מען געדאַרפט באַשאַפן אַ צענטער, וואו יעדער אַרבעטער זאָל וויסן, אַז דאָרט קען ער קומען יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט און איבערגעבן אָדער אויסגעפינען וואָס ער דאַרף.

אַזאַ פּלאַץ האָט ניט געקענט זיין אין אַ הויז, ווייל די פּאָליציי וואָלט דאָס גלייך אויסגעפונען.

איז באַשלאָסן געוואָרן צו טרעפן זיך אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך הונדערטער מענטשן וואָס געהערן ניט צו דער באַוועגונג.

די ערשטע צייט האָט מען זיך באַנוצט מיט דער „טשאַינע" (טיי־הויז) אויף דער נעמיגע. אַזוי ווי יענער טייל שטאָט איז געווען באַוואוינט דורך אַ גרויסער צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער באַוועגונג, איז דאָס געווען דער באַקוועמסטער פּלאַץ וואו צו טרעפן זיך. אין טשאַינע האָבן זיך שטענדיק געפונען אַ סך מענטשן. דערהויפּט ווען מען איז געגאַנגען פון דער אַרבעט איז מען אַהין אַריין עסן און טרינקען טיי. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס זי איז געווען ווייט פון צענטער פון שטאָט. פאַר פיל איז גע־ווען צו ווייט צו גיין. עס איז אויך געווען ניט קיין פּאַסנדער פּלאַץ

פאַר אַרבעטאָרינס צו קומען. האָבן מיר איבערגעטראָגן די „ביר־זשע״ אויף גובערנאַטאָרסקער גאַס, וואָס איז אין די אָוונטן געווען פול מיט שפּאַצירנדיקע.

אַזאַ פּלאַץ איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר אונדזער „בירזשע״. עס איז שנעל געוואָרן אַ געוואוינהייט אַז נאָך דער אַרבעט מוז מען צוגיין אויף דער „בירזשע״ איידער מען גייט אַהיים אָדער אַנדערשוואו.

אויף דער „בירזשע״ פלעגט אָפּגעטאָן ווערן פיל אַרבעט אין אַ קורצער צייט: מען פלעגט קלייבן דעם וועכנטלעכן אָפּצאָל אין דער סטרייק־קאַסע, מען פלעגט פאַרטיילן לעגאַלע און אומלעגאַלע ליטע־ראַטור, מען פלעגט איבערגעבן דעם פּלאַץ און צייט פאַר אַ צוזאַ־מענקונפט.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן זייער פלינק. אויף אַ זייטיקן האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מענטשן שפּאַצירן דאָ בלויז אַרום.

די „בירזשעס״ האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַלע שטעט, וואו נאָר עס איז אויסגעוואַקסן אַן אַרבעטער־באַוועגונג. און אַפילו שפּע־טער, ווען פּאָליציי האָט שוין באַמערקט, אַז אַ טייל פון די „שפּאַ־צירער״ זיינען גאָר „סטרייקער״, „בונטאָוושטשיקעס״ און אַזוי ווייַ־טער, האָבן זיי אָבער ניט געקענט העלפן, ווייל עס איז געווען שווער פּינקטלעך אָפּטיילן איין טייל שפּאַצירער פון צווייטן.

אַקטיווע טוער אין מינסק

איך וויל דאָ פאַרצייכענען אַ טייל פון די אַקטיווע טוער, מיט וועמען מיר איז אין יענער צייט אויסגעקומען צו אַרבעטן אין מינסק:

אינטעליגענטן: פּאַוועל בערמאַן, באָריס פרומקין, נאָום וויל־טער, אַלבערט זאַלקין און זיין פרוי מינע, זשעניע גורוויטש, ליובאַ יוזעפּאָוויטש — די פאַרוואַלטערין פון דער פרויען האַנטווערקער־שול און סאָלאָמאָן מאַשקעלייסן.

דאָס זיינען געווען די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָנפירער. זשעניע גורוויטש איז געווען די עלטסטע אין יאָרן, נאָר זי איז אויך געווען די עלטסטע אין דער אַרבעט פון אָנפירן רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער. שוין אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן האָט זי צוזאַמען מיט איר ברודער יצחק אייזיק הורוויטש, אָנ־געפירט פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך אין מינסק. עס האָבן אויך אָנטייל־גענומען אין דער באַוועגונג „פּאָלואינטעליגענטן״ (האַלבע אינטע־

ליגענטן), ווי מען האָט זיי גערופן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג.

פון יענע „האַלבע אינטעליגענטן" געדענק איך: ראַבינאָוויטשן, אַנושקאַ, און דעם ברודער און שוועסטער קאָנטאַראָוויטשעס.

צווישן די אָנפירנדיקע אַרבעטער זיינען געווען: מאָיסעי נייפעלד און בענטשע לעווין — זייגערמאַכער; כאַטשע מונוועז, אַרע פוטער, מאָטקע קיסעל און זיין ברודער דוד, אורטשיק, זלמן זינגער —זיי אַלע—בערשטער; פריידל, שיפרע יוזעפאָוויטש, מערקע דייטש, בראָכקע (שפּעטער מאָטקע פּערלשטיינס פרוי), וויטל, מינע־פייגע קרופּניק, ליזע גרינוואַלד, געניע פּישקין, חנה שאַוועלסאָן (שפּעטער מיין פרוי)—שניידערקעס; ראָזע שאַרשער, העניע רייכעלסאָן—זאָקןמאַכערקעס; מערל וועוויער (סירקין), חנה קאַפּעלאָוויטש — אַ פּאַפּיראָסן־מאַכערין, מערל קריגעל — (שפּעטער קאַפּלינסקיס פרוי); קלמן פּערטשיק און זיין ברודער בנימין, אברהם־חיים קווילער, הלל — אַ קאַמאַשן־שטעפּער; גרישאַ שאַכנאָוו און זיין ברודער געראַסים — שטאָל־טאָקער; יודל (אַלעקסאַנדער) שוועדעל, איטשקע (איסאַק) מאַסלאָוו, גרשון ליובאָווסקי — בוכבינדער, איטשקע לייבע קאַרפּ, וואַלין — שלאָסער; לייב אַש — אַ שניידער; בנימין דער זייף־מאַכער און לייזער שאַפּיראָ — פּריקאַזטשיק (האַנדלס־אָנגעשטעלטער).

נאָענט צו פופציק יאָר טיילט אונדז אָפּ פון יענעם פּעריאָד. דאָס איז דער רעקאָרד אין דעם מאָמענט ווען איך שרייב די שורות (יאַנואַר 1946): איטשקע מאַסלאָוו, גרשון ליובאָווסקי, זלמן זינגער, גרישאַ שאַכנאָוו, מערקע דייטש, וויטל, פריידל, חנה שאַוועלסאָן — די אַלע אויסגערעכנטע זיינען געשטאָרבן אין ניו יאָרק. ביזן טויט זיינען זיי געווען איבערגעגעבענע פריינט פון סאָוועטן פאַרבאַנד און אייניקע פון זיי —אַקטיווע טוער אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטערבאַוועגונג.

מערל סירקין איז צוריקגעפאָרן פון אַמעריקע אין סאָוועטן פאַרבאַנד אין 1923. זי האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט גרישאַ רודערמאַן, וועלכער איז אויך אַוועקגעפאָרן פון ניו יאָרק אין סאָוועטן פאַרבאַנד. אין 1930, ווען איך בין געווען אין סאָוועטן פאַרבאַנד, האָב איך זיי געזען אין „דעטסקאָיע סעלאָ", פריערדיקע „צאַרסקאָיע סעלאָ" —

לעבן לענינגראַד, זיי זיינען געווען אין דער הויז פאַר אַלטע רעוואָ־לוציאָנערן, וועלכע דער סאָוועטן פאַרבאַנד האָט אויסגעהאַלטן. מערל איז געשטאָרבן אין סאָוועטן פאַרבאַנד. זשעניע גורוויטש איז גע־שטאָרבן אין עלטער פון אַן ערך 80 יאָר אין מאָסקווע אַרום 1940. חנה קאַפּעלאָוויטש, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט בענטשע לעווין, האָב איך געטראָפן אין מינסק ווען כ׳האָב דעמאָלט באַזוכט די שטאָט. בענטשע האָט דאַן פאַרנומען אַן אָנגעזעענע שטעלע אין דער ווייס־רוסלענדישער רעפּובליק.

פּאַוועל בערמאַן, מיין ערשטער לערער אין 1895 אין די פּראָפּאַ־גאַנדע קרייזלעך, איז אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל־עקסידענט אין נאַרווע, עסטאָניע, אין יאָר 1921. בראָכקע פּערלשטיין, גראַסים שאַכנאָוו, און יודל שווערעל — זיינען אין ניו־יאָרק, אורטשיק (גערץ) — אין לאָס אַנדזשעלעס.

די גרינדונג פון „בונד" אין 1897

אין 1897 האָט שוין די אַרבעטער־באַוועגונג אַרומגעכאַפּט כמעט אַלע גרעסערע יידישע שטעט ווי: מינסק, ווילנע, קאָוונע, ביאַלים־טאָק, וואַרשע, וויטעבסק א. א. וו. וואָס מער די באַוועגונג האָט זיך אויסגעשפּרייט, וואָס מער די אַרבעטער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין עקאָנאָמישן קאַמף, אַלץ שטאַרקער זיינען געוואָרן די פּאָליציי־אישע פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן געשטויסן דעם אַרבעטער צום פּאָ־ליטישן קאַמף, אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג.

די גרויסע צאָל באַזוכער ביי אונדזערע אַרבעטער יום־טובים האָט געוויזן ווי שנעל עס איז געוואַקסן דער סאָציאַליסטישער באַ־וואוסטזיין ביי די יידישע אַרבעטער. די נאָכפראַגע אויף אומלעגאַלע ליטעראַטור איז כסדר געוואַקסן, עס איז נויטיק געוואָרן, אַז די באַ־וועגונג אין אַלע שטעט זאָל זיך ענגער פאַרבינדן.

שוין אין 1894 איז אין מינסק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ מיט פאָרשטייער פון מינסקער און ווילנער אָרגאַניזאַציעס, אויף וועל־כער מען האָט אָנגענומען אַ ריי מיטלען ענגער צו פאַרבינדן די באַ־וועגונג פון צוויי שטעט. די אָנטיילנעמער זיינען געווען: מאַיסעי דושקאַן און קאַפּלינסקי—פון ווילנע; א. שווערעל, אַרע פּוטער, ליובאַ יוזעפאָוויטש און סאָלאָמאָן מאַשקעלייסן — פון מינסק.

פאַר דער גרינדונג פון „בונד" איז דער צענטער פון דער יידי־

שער אַרבעטער־באַוועגונג געווען ווילנע, וועלכע איז געווען די גרעס־טע יידישע שטאָט אין ליטע. דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־באַוועגונג פריער ווי אין די איבעריקע יידישע שטעט, און ווילנע האָט געגעבן אַ צאָל טוער אויך פאַר אַנדערע שטעט.

די ערשטע יידישע אומלעגאַלע דרוקעריי, פאַר דער גרינדונג פון „בונד" איז געווען אין ווילנע. אַ גרויסער טייל יידישע אומלעגאַלע ליטעראַטור — געשריבענע אָדער העקטאָגראַפירטע איז געקומען פון דאָרטן. אין ווילנע האָט זיך געגרינדעט די ערשטע גרופּע יידישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָט געדרוקט אין אויסלאַנד דעם זשור־נאַל „יידישער אַרבעטער". (דער ערשטער נומער איז אַרויס ענדע 1896, מיט ניין מאָנאַטן פאַר דער גרינדונג פון „בונד").

די זעלבע גרופּע האָט געדרוקט אין אויסלאַנד אומלעגאַלע בראָשורן אין די טויזנטער.

ענדע סעפּטעמבער 1897 (סעפּט. 25—27) איז אין ווילנע פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די יידישע אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס.

עס האָבן זיך אין דעם צוזאַמענפאָר באַטייליקט דרייצן פּערזאָן: פון ווילנע, מינסק, ביאַליסטאָק, קאָוונע און וואַרשע. דער פאָר־שטייער פון מינסק איז געווען פאַוועל בערמאַן.

די נייס, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ צענטראַלע אָרגאַני־זאַציע, וועלכע וועט פאַראייניקן אַלע שטעט, איז אין מינסק אויפ־גענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד.

ווי מיר פלעגן פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס

אַ וויכטיקער טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע פון יענער צייט איז געווען דאָס פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס. די פּראָקלאַמאַציעס זיינען דעמאָלט געווען העקטאָגראַפירטע. אָפטמאָל אַפילו פּשוט געשריבן פון האַנט. נאָך דער גרינדונג פון „בונד", זיינען שוין די פּראָקלאַמאַציעס אָפט געווען געדרוקטע.

כדי יעדער פּראָקלאַמאַציע זאָל קענען געלייענט ווערן פון אַ וואָס גרעסערער צאָל מענטשן, איז דער בעסטער מיטל געווען פאַר־נאַנדערקלעפּן זיי. מיר פלעגן אויסנוצן פאַר דעם צוועק יעדן מעג־לעכן פּלאַץ און אַפילו די מינסקער בתי־מדרשים, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען איבער פערציק אין צאָל.

פרייטיק צונאכט, שפעט אין אָוונט פלעגן מיר זיך אַרויסלאָזן פּאַרוויז צו דער „ארבעט”. איינער האָט געהאַלטן אונטער דער פּאָלע אַ כּלי מיט קליי און אַ שמיר־בערשטל, דער צווייטער האָט געטראָגן די פּראָקלאַמאַציעס אויך באַהאַלטן אונטער דער פּאָלע. דער וואָס האָט געהאַט דעם קליי פלעגט אַ שמיר טאָן און דער צווייטער פלעגט אויפן אָנגעשמירטן פּלאַץ אָנקלעפּן די פּראָקלאַמאַציע, און מען פלעגט זיך תּיכף אָפּטראָגן.

שבת אינדערפרי ווען מען פלעגט קומען אין די בתי־מדרשים (שולן) פלעגט מען שוין דאָרט געפינען צוגעקלעפּטע פּראָקלאַמאַציעס.

שבת טאָר מען דאָך ניט רייסן, איז ביז דער שמש פלעגט געפינען אַ גוי אויף אָפּצורייסן די פּראָקלאַמאַציע פלעגן צענדליקער מענטשן האָבן צייט איבערצולייענען דעם אינהאַלט. פּראָקלאַמאַציעס פלעגן אויסגעקלעפּט ווערן אויך אויף די טעלעגראַף סלופּעס, עפנטלעכע געביידעס א. א. וו. ביז די פּאָליציי פלעגט זיי אַרונטעררנעמען האָבן זיי שוין פיל מענטשן געלייענט.

עס איז געווען באַשטימט אַ פּלאַץ וואו יעדער פּאָרל האָט געדאַרפט קומען מעלדן זיך ווי נאָר זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דעם טייל שטאָט וואָס איז פאַר זיי געווען באַשטימט.

ביז היינטיקן טאָג שטייט פאַר מיר דאָס בילד, ווי מיר קומען אין באַשטימטן פּלאַץ און טרעפן שוין די, וואָס זיינען געקומען פריער. מיט קלאַפּנדיקע הערצער, מיט פרייד נעמען מיר אויף יעדע פּאָרל וואָס קומט. וואָס פאַר אַ פרייד מיר פלעגן איבערלעבן ווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט זיינען אַלע געקומען צוריק. מיר האָבן געפילט ווי מיר זיינען אַרויס אין אַ שלאַכט און האָבן זי געוואונען אָן קרבנות פון אונדזער זייט.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי

אָנהויב מערץ 1898 איז אין מינסק פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי.

מיר, די אַקטיווע מיטגלידער פון דער באַוועגונג האָבן באַמערקט אַז עפּעס קומט פאָר, אַז אַחוץ די באַקאַנטע טוער, אַלעקסאַנדער קרעמער און גליעב, געפינען זיך אין מינסק אייניקע פּנימער, וועלכע זיינען פאַר אונדז גאָר נייע. מיר האָבן שוין דאַן געוואוסט,

אַז ניט נאָר קען מען וועגן דעם ניט ריידן מיט פרעמדע, נאָר אַפילו צווישן אונדז גופא, אויך ניט.

צום ערשטן מאַי האָבן מיר שוין געקראָגן דעם ערשטן גע־דרוקטן „מאַניפעסט” וואָס דער ערשטער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגעלאָזן צו די אַרבעטער פון רוסלאַנד.

דער מאַניפעסט האָט אַרויסגערופן נאָך מער באַגייסטערונג, ווי פריער די גרינדונג פון „בונד”, ווייל אונדזערע אויגן זיינען גע־ווען געווענדט צו די רוסישע אַרבעטער, צו די גרויסע פאַבריקן, צו די גרויסע רוסישע שטעט ווי פעטערבורג, מאָסקווע און אַנדערע, וואו דער רוסישער אַרבעטער איז קאָנצענטרירט, און מיר האָבן באַטראַכט זיך און זיי ווי א טייל פון איין באַוועגונג.

קיינער פון אונדז האָט דעמאָלט אַפילו ניט געטרוימט, אַז פון דער קליינער הייפעלע פון ניין רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין מינסק אין א קליין צימערל אויף נומער 137 זאַכאַראָווער גאַס און געגרינדעט אין יאָר 1898 די פּאַרטיי, וועט אין איין פאָר צענדליק יאָר אויסוואַקסן אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל קענען ניט נאָר פאַרניכטן אין אָנהויב 1917 דעם מעכטיקן צאַריזם, נאָר אויך קענען באַשאַפן א סאָציאַליסטישע אָרדענונג אויף א זעקסטל חלק פון דעם ערד־קוגל.

אין יענער צייט איז פאַר אונדז אַפילו די דייטשע מאָנאַרכיע געווען אַן „אידעאַל”. יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס איז דער־ווײלט געוואָרן אין דייטשן רייכסטאַג איז פאַר אונדז געווען א טרעפּל העכער אויף דעם לייטער, וואָס פירט צום סאָציאַליזם.

אויף מיין פריער־דערמאָנטן באַזוך אין מינסק, בין איך צוגעגאַנגען צום נומער 137 סאָוועטסקאַיאַ, פריערדיקע זאַכאַראָווסקאַיאַ.

אין 1898 האָט אין דער הויז געוואוינט א ליבעראַל, רומיאַנ־צאָוו, וועלכער האָט איינגעשטימט צו געבן זיין הויז פאַר א צוזאַ־מענקום.

דאָס הויז וועלכע האָט פיר צימערן, איז איצט א מוזיי, רומיאַנ־צאָווס אַמאָליקע דינסט איז איצט געווען די אויפפאַסערין אויפן מוזעאום. אין דרויסן איז געווען צוגעקלאַפּט א מאַרמאָרנער טאָוול צום וואַנט, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון די אָנטיילנעמער אין ערשטן צוזאַמענפאָר: עדעלמאַן — קיעוו, ראַד־

זשענקאָ — פּעטערבורג; טוטשאָווסקי — קיעוו; פּעטרושעוויטש — יעקאַטערינאָסלאַוו; אַלעקסאַנדער קרעמער — בונד; גליעב מוטניק — בונד; שמואל קאַץ — בונד. (דער לעצטער נאָמען גע־פינט זיך ניט אויפן טאָוול).

די גרינדונג פון „בונד" און פון דער פּאַרטיי, די פאַרשטאַרקטע טעטיקייט, האָט זיך געלאָזט פילן צו דער פייערונג פון ערשטן מאַי 1898. צום ערשטן מאָל האָבן מיר געהאַט צווייערליי פּראָקלאַמאַ־ציעס — איינע פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" און אַ צווייטע פון מינסקער קאָמיטעט.

מיר האָבן זיי אויסגעקלעפּט אויף די טעלעגראַף־סלופּעס, די גאַסן־לאָמפּן, די שול־טירן, אויף די ראָגן, אַפילו לעבן אַריינגאַנג פון זשאַנדאַרמעריע־פּאַרוואַלטונג איז געווען אָנגעקלעפּט אַ פּראָקלאַ־מאַציע. מיר האָבן אויך פאַרשפּרייט אַ באַדייטנדיקע צאָל בראָשורן: „גוט יום טוב".

די פּאָליציי איז מאָביליזירט געוואָרן פאַר דעם טאָג און גע־היט די גאַסן. אַלע וועגן וואָס פירן צו די וועלדער זיינען געווען באַוואַכט. מיר זיינען געווען געצוואונגען צו פייערן דעם ערשטן מאַי אין קליינע פאַרזאַמלונגען אין די הייזער.

זובאַטאָוו און זיינע אַגענטן אין 1898

די גרינדונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, די פאַרשטאַרקטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער, האָט געבראַכט צו אַ פאַרשטאַרקטן שפּיאָנאַזש מצד דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך שוין ניט געקענט פאַרלאָזן אויף דער אָרטיקער פּאָליציי, אָדער אויף דער זשאַנדאַרמעריע אין די שטעט, וואו די באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן. דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט האָט איבערגעגעבן די נאָכשפּירונג און ליקווידירונג פון דער באַווע־גונג צו זובאַטאָוון.

זובאַטאָוו האָט געהאַט זיין דעפּאַרטמענט אין מאָסקווע. פון דאָרטן האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט זיינע שפּיאָנען אומעטום, וואו עס איז געפאַלן אַ פאַרדאַכט, אַז עס גייט אָן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אין מינסק האָבן מיר באַלד באַמערקט ווי אַ ספּעציעלער טיפּ

שפיאָנען דרייט זיך אַרום און שפּירט נאָך די אַקטיווע טוער פון דער באַוועגונג. זיי זיינען געווען הויך, יונג, מערסטנטייל מיט בלאָנדע האָר און וואָנצן. מען האָט זיי געקענט זען אין בולוואַרן אויפן „הויכן מאַרק", מען האָט זיי אויך געזען אויף די הויפּט־גאַסן — גובערנאַטאָרסקע, זאַכאַראָווער און אַנדערע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע, וואו ער האָט געוואָרנט, אַז די שטעט זיינען פאַרפלייצט מיט שפּיאָנען און מען זאָל זיך היטן.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, די שפּיאָנען דרייען זיך אַרום, קוקן נאָך און קיינער ווערט ניט אַרעסטירט.

אָבער דעם 26־טן יולי, 1898 זיינען אין איין נאַכט פאַרגעקו־מען הויז־זוכונגען און אַרעסטן אין אַ גאַנצער ריי שטעט: מינסק, ווילנע, גראָדנע, וואַרשע, לאָדז און אַנדערע שטעט. עס זיינען אַרעס־טירט געוואָרן צענדליקער מענטשן, צווישן זיי די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד".

אין דער אומלעגאַלער דרוקעריי אין באָברויסק זיינען אַרעסטירט געוואָרן: ישראל מיכל מיט זיין פרוי מערל און גרישע סאָראָקאַ מיט זיין פרוי מערל (סירקין). דער איינציקער וואָס איז ניט אַרעסטירט געוואָרן איז געווען מאַרק ווילטער. אים האָט זיך איינגעגעבן אַרויס־צוראַטעווען צען עקזעמפּלאַרן פונם נומער 10 „אַרבעטער שטימע" און אַנטלויפן קיין מינסק. שפּעטער ווילטער איז אַרעסטירט געוואָרן אין גראָדנע, וואוהין מ'האָט געוואָלט אַריבערפירן די באָברויסקער דרוקעריי.

די גרעסטע צאָל אַרעסטירטע איז געווען אין מינסק — 17 פּערזאָן — ווייל דער צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך דאָן געפונען אין מינסק.

אַלע אַרעסטירטע פון אַלע שטעט זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע.

וועגן זובאַטאָוון און וועגן דער באַוועגונג פון „זובאַטאָוו־שטשינע" וועלכע ער האָט געפּרואווט באַשאַפן אין די „יידישע" שטעט, וועט מיר נאָך אויסקומען רעדן אין די ווייטערדיקע קאַ־פּיטלעך.

דאָ איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז פון זובאַטאָווס האָפענונג, אַז דורך דעם גרויסן אַרעסט, האָט ער פאַרניכטעט די יידישע רע־

וואָלוציאָנערע באַוועגונג, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך, ער האָט גאַנץ שנעל אויסגעפונען, אַז די באַוועגונג גייט אָן ווי געווען.

ווי שוין דערמאָנט, זיינען אין מינסק אַרעסטירט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל אַקטיווע טוער, ווי אין די אַנדערע שטעט. אָבער אַפילו אין מינסק האָט דער אַרעסט ניט אָפּגעשטעלט די באַוועגונג. דאָס גלייכן אין די אַנדערע שטעט. די אורזאַך איז געווען, וואָס פאַר דער לפי ערך, קורצער צייט, וואָס די באַוועגונג איז אַריבער פון די פּראָ־פּאַגאַנדע־קרייזלעך צו אַ מאַסן־באַוועגונג, איז פאָרגעקומען אַ גרוי־סע ענדערונג אין דער גאַנצער פירערשאַפט.

אין דעם „פּראָפּאַגאַנדע פּעריאָד" האָט די אינטעליגענץ גע־דענקט, אַז כדי צו מאַכן דעם אַרבעטער קלאַסן־באַוואוסטזיניק, צו־גרייטן אים פאַר אַ פירער אין דער באַוועגונג, מוז ער דווקא קענען די רוסישע שפּראַך. פאַרשטיין די רוסישע ליטעראַטור א. א. וו. אַזוי האָבן אויך געדענקט די אַקטיווע אַרבעטער, ווייל אַפילו ווען די באַוועגונג איז אַריבער צו„אַגיטאַציע", צו אַ מאַסן־באַוועגונג, האָט מען אין די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן, ווי די „ראַזבאָרקע", צענטראַלע סכאָדקע — גערעדט רוסיש.

אָבער די באַוועגונג האָט מיט יעדן טאָג אַריינגעצויגן מער אַרבעטער, מער פאַכן האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירט ווערן. עס האָבן זיך געפאָדערט אַקטיווע טוער, פירער אין דער באַוועגונג, אין די צענדליקער און אַ סך פון די „ניט געבילדעטע", די וואָס האָבן ניט געקענט רוסיש, זיינען געוואָרן די אָנפירער אין דער באַוועגונג.

די אומלעגאַלע יידישע ליטעראַטור האָט דערביי געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע. די בראָשורן האָבן געגעבן דעם נויטיקן פּאָפּולערן ענטפער וואָס איז געווען נויטיק פאַר די מאַסן. דער זשורנאַל „דער יידישער אַרבעטער" וועלכער האָט גענומען אַרויסגיין ענדע 1896 אין אויסלאַנד איז געווען דערהויפּט פאַר די מער אַנטוויקלטע אַר־בעטער. ער האָט אויך געהאַט אַרטיקלען וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אויסלאַנד. די דעמאָלטיקע סאָציאַליסטישע „צו־קונפט" און אייניקע בראָשורן פון אַמעריקע האָבן אויך אַרויס־געהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־פירער.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז קיין אַרעסט, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, האָט שוין ניט געקענט אָפּשטעלן די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער.

אין מינסק זיינען כמעט אַלע אינטעליגענטן פון דער פירער־שאַפט אַרעסטירט געוואָרן. האָבן די אָנפירנדיקע אַרבעטער באַלד געפילט, אַז אויף זיי ליגט איצט אַ רעוואָלוציאָנערע פליכט אָנצופירן די אַרבעט נאָך מיט מער ענערגיע. דער זעלבער גייסט פון רע־וואָלוציאָנערער איבערגעבנקייט איז געווען אין די אַנדערע שטעט.

אין ווייניקער ווי צוויי מאָנאַטן נאָכן אַרעסט, אין סעפּטעמבער, איז אין קאָוונע פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד".

„טאַראַס" (דוד קאַץ), זייער אַן ענערגישער טוער האָט אויס־גענוצט די פאַרבינדונגען, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַנדערע שטעט און האָט צוזאַמענגערופן דעם צוזאַמענפאָר.

אויפן צוזאַמענפאָר איז, אמת, געקומען אַ קליינע צאָל דעלע־גאַטן; בלויז פיר שטעט: קאָוונע, ביאַליסטאָק, וואַרשע און לאָדז זיינען געווען פאַרטראָטן.

אין צ. ק. פון „בונד" זיינען אַריין: ל. נעמאַנסקי, טאַראַס, אברהם דער בערשטער און צביה. די לעצטע דריי, וויכטיקע אַר־בעטער טוער, דערהויפּט צביה — אַ הענטשקע־מאַכערין — האָבן גע־שפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער צייט.

מינסקער „אָכראַנקע" באַפאַלט די אומלעגאַלע ביבליאָטעק

זובאַטאָווס שפּיאָנען און דער גרויסער אַרעסט האָבן אַריינגע־טראָגן ענדערונגען אין דער פאָרם פון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט געמוזט ווערן מער קאָנספּיראַטיוו, מער פאָרזיכטיק.

איך בין אין יענער צייט געווען דער פאַרוואַלטער פון דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק. מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אַ באַ־דייטנדע צאָל בראָשורן אין יידיש און רוסיש. דערהויפּט אין יידיש. די בראָשורן זיינען זייער שטאַרק אָפּגעניצט געוואָרן. מיר פלעגן זיי צעטיילן צווישן די פאָרשטייער פון די פאַכן און זיי פלעגן זיי צעטיילן צו זייערע מיטגלידער. יעדער בראָשור האָט געמוזט צוריקגעקערט ווערן.

די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען ביי אַ יונג פּאָר פאָלק, וועלכע האָבן ניט לאַנג געהייראַט, זיי האָבן איינגעשטימט צוליב דער ביב־ליאָטעק ניט צו מישן זיך אין דער באַוועגונג. עס איז אָבער געווען אַ גרויסער חסרון — זייער וואוינונג איז געווען אין יאַטקעווער

גאַס, וואו עס האָט געקאָכט מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און ביי דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט האָט דאָס געשטעלט די ביבליאָטעק אין געפאַר.

האָב איך באַשלאָסן צונעמען פון דאָרטן די ביבליאָטעק. אָבער אַ נייע דירה און אויך אַ חבר, אויף וועלכן מען זאָל זיך קענען פאַרלאָזן, איז געווען שווער צו געפינען. ענדלעך האָב איך זיך דורכגערעדט מיט מיינעם אַ באַקאַנטן בוכבינדער, לייבע, אַ פאַמי־ליע־מאַן מיט דריי קליינע קינדער, וועלכער האָט געוואוינט אין עק שטאָט.

לייבע איז געווען זייער אַן איבערגעגעבענער חבר. ער איז גע־ווען גרייט צו זיין פאַרמישט אין אַזאַ געפערלעכער אַרבעט. די שווע־ריקייט איז געווען מיט זיין פרוי, — זי איז געווען אַן איינפאַכע אַרבעטער־פרוי, האָט קיין זאַך ניט געוואוסט וועגן דער באַוועגונג. זי האָט וועגן אונדזער אָפּמאַך ניט געטאָרט וויסן.

איך האָב אָפּגעמאַכט מיט לייבען אַז פון די צוויי צימערן, וואָס ער האָט, וועל איך דינגען איינעם. פאַר זיין פרוי וועט דאָס הייסן, אַז איך בין אַ „קוואַרטיראַנט" (אַ באָרדער) דער צימער וועט זיין פאַרשלאָסן. מען וועט איר אויך זאָגן, אַז אייניקע טעג אַרבעט איך ביז שפּעט אין דער נאַכט און גיי שלאָפן צו מיינעם אַ באַקאַנטן.

איך האָב אַריבערגעפירט אַהין די ביבליאָטעק און אַלץ איז געגאַנגען אין דער בעסטער אָרדענונג. זיין פרוי האָט מיך געהאַלטן פאַרן בעסטן קוואַרטיראַנט. איך פלעג מוזן קומען אַ פאַר מאָל אַ וואָך נעכטיקן, כדי עס זאָל ביי איר ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק.

די נאַכט וואָס איך פלעג דאָרטן דאַרפן בלייבן איז פאַר מיר געווען די גרעסטע אָפּקומעניש. איך האָב נאָך ניט געזען קיין אַנדער הויז, וואָס זאָל זיין אַזוי שמוציק. די לופט איז דאָרט געווען אַזוי פאַרשטיקט און אָנגעפילט מיט אָווער, אַז איך פלעג זיצן אַ גאַנצע נאַכט, ניט קענענדיק איינשלאָפן. פלעג איך אויסנוצן די צייט אויף איינבינדן די בראָשורן.

אַזוי זיינען דורך אייניקע מאָנאַטן. נאָר אין אַ געוויסן קאַלטן ווינטערדיקן אָוונט, בעת איך שטיי ביי דער אַרבעט און צייל די מינוטן ווען איך וועל ענדיקן מיין לאַנגן אַרבעטס־טאָג, עפנט זיך

די טיר און לייבע קומט אריין, שרעקלעך בלייך. איך האָב נאָך אויף אים אַ קוק געטאָן און גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אויסער־געוויינלעכעס האָט געטראָפן.

ער רופט מיך אַרויס און דערציילט, מיט אַ ציטערדיקער שטי־מע, אַז מען איז געקומען אין פּלאַץ וואו ער אַרבעט; מען האָט אים דאָרטן אַרעסטירט און צוזאַמען מיט אים געפאָרן אין זיין וואוינונג. דאָרט האָט די פּאָליציי געמאַכט אַ שטרענגע אונטער־זוכונג. אויפן טיר פון מיין צימער האָבן זיי געפונען אַ שלאָס, האָט ער און זיין פרוי געזאָגט, אַז ביי זיי וואוינט אַ קוואַרטיראַנט.

ניט געפינענדיק ביי לייבען קיין זאַך, און ביים קוואַרטיראַנט דאַרפן זיי דאָך ניט זוכן, האָבן זיי אים געלאָזן פריי... אָבער איצט איז יעדער מינוט טייער: זיי קענען אויסגעפינען זייער טעות און קומען נאָך אַמאָל.

בין איך אַוועקגעלאָפן צו אַ חבר און דערציילט אים וואָס עס האָט געטראָפן. געבעטן ער זאָל גלייך צוגרייטן אַ ציטווייליקן פּלאַץ און וואַרטן ביז איך וועל ברענגען די ליטעראַטור.

דער שליסל פון צימער איז געווען אין מיין וואוינונג. עס וואָלט אָבער גענומען צו לאַנג צו גיין נעמען אים. בין איך שנעל אַוועק אין לייבעס וואוינונג און גענומען אויפרייסן די טיר און ערשט איצט האָט זיין פרוי פאַרשטאַנען אַז „עפּעס איז דאָ ניט גלאַט"...

דער קאָרב מיט ליטעראַטור איז געווען זייער שווער. לייבע האָט מיר געהאָלפן זי אַרויסטראָגן, וואו עס האָט שוין געוואַרט אַ פורמאַן אַוועקצופירן דאָס.

ברענגענדיק די ליטעראַטור צום פּלאַץ וואו דער חבר האָט געוואַרט, האָבן מיר זי אַרונטערגעטראָגן אין אַ שטאַל, וואו זיי האָבן געהאַלטן האָלץ צום הייצן. מיר האָבן די האָלץ איבערגעלייגט, אַוועקגעשטעלט דעם קאָרב אונטן און צוריק אויסגעלייגט די האָלץ אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן וואָס עס געפינט זיך דאָרטן.

***

די גרינדונג פון אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע האָט אַוועקגע־נומען אַ גרויסן טייל פון דער אויטאָנאָמיע פון די אָרטיקע אָנפירנ־דיקע קערפּערשאַפטן, ווי דאָס רעכט צו דרוקן פּראָקלאַמאַציעס,

צושטעלן ליטעראַטור, מאַכן פאַרבינדונגען מיט אַנדערע שטעט א. אַז. וו.

די פאַרשטאַרקטע פאַרפאָלגונג פון דער פּאָליציי, זובאַטאָווס שפּיאָנען, האָבן געבראַכט צו דער אָפּשאַפונג פון דער פריערדיקער דעמאָקראַטיע, ווען די אַרבעטער האָבן געקליבן זייערע סכאָדקעס, און די פירער פון פאַך זיינען אין גרעסטן טייל געווען די אַרבעטער פון זעלבן פאַך. די „קאָנספּיראַציע" האָט געפאָדערט, אַז צוגעשיקטע טוער פון דרויסן זאָלן אַרבעטן אין אַ פאַך, וואו דער קאָמיטעט האָט זיי באַשטימט.

די צענטראַלע סכאָדקע האָט אָנגעוואָרן איר פריערדיקע דע־מאָקראַטיע — וואו מען פלעגט אַלע פראַגן געניי באַטראַכטן און באַשליסן. די גרעסטע טייל אַרבעט פון באַשליסן וויכטיקע פראַגן איז אַריבער צום קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט איז אויך ניט געווען קיין אויסגעקליבענער, נאָר אַ באַשטימטער. איז דעריבער אין עטלעכע חדשים נאָך דער גרינדונג פון „בונד" אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע אין דער צענטראַ־לער סכאָדקע צום קאָמיטעט.

נאָך לאַנגע אַמפּערייען איז מען געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס: די צענטראַלע סכאָדקע קלייבט אויס דעם קאָמיטעט דורך געהיימע וואַלן. אָבער קיינער פון דער צענטראַלער סכאָדקע וויים ניט ווער עס איז אַריין אין קאָמיטעט, כדי צו פאַרהיטן די מיטגלידער זיי זאָלן ניט באַוואוסט ווערן צו דער פּאָליציי. בלויז איין מיטגליד פון קאָ־מיטעט איז געווען „אָפן", — מען האָט אים גערופן דער „פּאָס־רעדניק", דער פאַרמיטלער צווישן דעם קאָמיטעט און דער צענט־ראַלער סכאָדקע. אַלע באַשלוסן פון קאָמיטעט זיינען ביי די זיצונגען פון דער צענטראַלע איבערגעגעבן געוואָרן דורכן „פּאָסרעדניק".

די אַרבעט פון „פּאָסרעדניק" איז געווען זייער אַ שווערע. ווען נאָר עס איז געווען אַ שווערע טעכנישע אַרבעט, האָט מען זי אַרויפ־געוואָרפן אויף אים. צו דעם האָט ער נאָך געדאַרפט אויסשטיין אַלע קריוודעס, וואָס די מיטגלידער פון „צענטראַלקע" האָבן געהאַט קעגן קאָמיטעט. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַזאַ „פאַר־מיטלער".

***

א קורצע צייט נאָך דעם יולי אַרעסט, האָט זיך צו מיר געווענדט אַלבערט זאַלקין, וועלכער איז דעמאָלט געווען צוזאַמען מיט מיר אין מינסקער קאָמיטעט, צי קען איך ניט געפינען א פּאַסנדיקע פּאָר, א חבר מיט א חברטע, וואָס זאָלן אַרבעטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי. ער האָט באַטאָנט אַז די פּאָר דאַרפן זיין אַזעלכע, וואָס קענען זיך שוין גוט און זיינען גרייט צו א געזעצלעכער חתונה, ווייל עס איז נויטיק, אַז דער פּלאַץ, וואו די דרוקעריי וועט איינגעאָרדנט ווערן זאָל אויסזען „באַלעבאַטיש" און זיין אויסער פאַרדאַכט.

איך בין אַוועק פון קאָמיטעט־זיצונג, פול מיט פרייד און באַגייסטערונג: איך דאַרף קיינעם ניט זוכן — איך אַליין וועל אַרבעטן אין דער אומלעגאַלער דרוקעריי.

דער רעוואָלוציאָנערער גייסט ביי דער יוגנט איז דעמאָלט געווען אַזא, אַז וואָס געפערלעכער די אַרבעט איז געווען, אַלץ מער צוציאונג האָט זי געהאַט. אַרבעטן אין א געהיימער דרוקעריי איז געווען פאַררעכנט פאַר דער העכסטער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

נאָך איידער איך האָב גענומען אַרבעטן אין א געהיימער דרוקעריי, פלעג איך ביים קלעפּן און פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציעס אַלע מאָל קלערן וועגן די, וואָס דרוקן זיי. אויב דער צעטיילן און דאָס קלעפּן איז אַזא וויכטיקע אַרבעט, איז ווי מוזן שוין פילן די, וואָס דרוקן די פּראָקלאַמאַציעס און אַנדערע אומלעגאַלע ליטעראַטור? קען דען זיין א גרעסערער רעוואָלוציאָנערער אויפטו ווי צו דרוקן די ליטעראַטור וואָס עפנט די אויגן ביי טויזנטער אַרבעטער. די זייטלעך אין סטעפּניאַקס בוך „אונטערערדישע רוסלאַנד", וואו ער באַשרייבט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, האָב איך געלייענט עטלעכע מאָל. און לייענענדיק האָב איך פאַנטאַזירט: אפשר וועל איך אַמאָל אויך זיין איינער פון די גליקלעכע, וואָס מען וועט שיקן אַרבעטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי?...

ווען מען האָט אָרגאַניזירט די באַברויסקער דרוקעריי, האָט מינסק געגעבן פיר פון די זעקס, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט: שיפּרע יוזעפּאָוויטש, מערע די הענטשקע מאַכערין, מערע קריגל און מאַרק ווילטער. ווילנע — נאָר צוויי — ישראל מיכל קאַפּלינסקי און הירשל דער סטאָליער (סאָראָקע).

געוויינלעך האָט קיין איינער פון זיי ניט געזאָגט וואוהין ער

פּאַרט און אויף וואָס פאַר אַן אַרבעט. ווי נאָענט מיר זיינען ניט געווען מיט אייניקע פון זיי, האָט מען וועגן אַזעלכע זאַכן ניט גע־טאַרט ריידן. אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז זיי פאָרן אַוועק צו טאָן „וויכטיקע אַרבעט" און זיי מקנא געווען. איז פאַרשטענדלעך, ווי גרויס עס איז געווען מיין פרייד מיט זאַלקינס מעלדונג.

עס איז ביי מיר געבליבן דורכצוריידן זיך מיט „כאַנקע דער געלער", (חנה שאַוועלסאָן). מיט איר האָב איך זיך באַקאַנט קירצלעך נאָך מיין קומען אין מינסק. אייגנטלעך איז כאַנקע ניט געווען קיין „געלע", זי האָט געהאַט לאַנגע רויטע האָר, רויטע באַקן און בלויע אויגן. נאָר ביי יידן האָט מען אָפט גערופן איינעם מיט רויטע האָר — „דער געלער".

ווען מען האָט מיך אַריינגענומען אין דער „צענטראַלקע", איז כאַנקע שוין דאָרטן געווען אַ מיטגליד. מיט דער צייט זיינען מיר שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן. מיר פלעגן אָפט לייענען צוזאַמען ביכער. אין זומער 1898, האָבן מיר געוואוינט אין דער זעלבער גאַס און פלעגן גיין עסן מיטאָג אין דער זעלבער שטובע. פלעג איך יעדן נאָכמיטאָג שוין וואַרטן לעבן מיין דירה אויף איר צו גיין צוריק צו דער אַרבעט.

אַלע אונדזערע נאָענטע באַקאַנטע זיינען געווען זיכער, אַז כאַנקע איז „מיין" מיידל און ביי זיך אין האַרצן זיינען כאַנקע און איך אויך געווען זיכער אין דעם... אָבער עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז ביי אונדזער טרעפן זיך זאָלן מיר רעדן וועגן אַזאַ פּערזענלעכער אינטימער אָנגעלעגנהייט. זי האָט די גאַנצע צייט געוואַרט ביז איך וועל זיך „דערקלערן" צו איר. און הגם איך פון מיין זייט האָב טאַקע פיל מאָל געקלערט וועגן דעם, האָט זיך מיר אָבער יעדעס מאָל געדוכט, אַז איך וועל דערמיט „פאַראַטן די רע־וואָלוציע", וואָרום ווי נאָר איך וועל זיך „דערקלערן אין ליבע", וועל איך שוין דאַרפן אָפּגעבן פאַר דעם צייט, וואָס איך וועל מוזן אַוועק־נעמען פון דער אַרבעט אין דער באַוועגונג.

אויף מאָרגן נאָך זאַלקינס מעלדונג האָב איך טרעפנדיק זיך מיטאָג־צייט מיט כאַנקען זי געבעטן אַז זי זאָל נאָך דער אַרבעט וואַרטן אויף מיר אויף דער „בירזשע", ווייל איך דאַרף מיט איר רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. כאַנקע האָט אַלע מאָל געהאַט

קאָליר אין אירע באַקן, אָבער ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך דאַרף מיט איר רעדן וועגן אַ „וויכטיקן ענין", זיינען אירע באַקן אָנגעצונדן געוואָרן...

נאָך דער אַרבעט, האָב איך איר דערקלערט די גאַנצע אָנגעלעגנהייט און געפרעגט, צי זי איז וויליק צו גיין מיט מיר אויף אַרבעט אין אַ געהיימער דרוקעריי. איר ענטפער איז געווען, אַז זי איז גרייט צו גיין מיט מיר וואוהין נאָר איך וועל ווען, און אַז זי וועט זיך פילן גליקלעך צו אַרבעטן מיט מיר אין אַ דרוקעריי...

איך האָב באַלד איבערגעגעבן זאַלקינען אונדזער באַשלוס.

עס זיינען אַוועק טעג פון וואַרטן. ענדלעך איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז... דערוויל איז נאָך ניטאָ קיין מעגלעכקייט אונדז צו באַשעפטיקן.

***

ענדע 1898, האָב איך באַשלאָסן אויפהערן אַרבעטן אַ פּאָר חדשים, נעמען אַ לערער צו לערנען זיך רוסיש, ווייל איך האָב געזען, אַז צווישן מיין לייענען רוסיש און מיין שרייבן איז אַ צו גרויסער אונטערשייד.

איך האָב געלייענט רוסישע ביכער יעדע פרייע מינוט, וואָס איך האָב נאָר געהאַט צייט פאַר דעם. מיר האָט זיך איינגעגעבן צו האָבן אַ צימער פאַר זיך אַליין, אַזוי, אַז ווי שפּעט איך בין ניט געקומען פון אַ פאַרזאַמלונג פלעג איך אָנצינדן מיין קליינעם לעמפּעלע און אַוועקגעזעצט זיך לייענען. מערסטנטייל איז דאָס געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. איך פלעג לייענען ביז דריי, פיר פאַרטאָג. שלאָפן האָב איך געהאַלטן פאַר אַ לוקסוס און האָב געפּרוּווט אָפּשפּאָרן פון שלאָף אַזוי פיל ווי מעגלעך.

איך האָב איבערגעלייענט די בעסטע, די מער פּאָפּולערסטע ביכער פון די רוסישע קלאַסיקער וועגן וועלכע מען פלעגט רעדן אין אונדזערע קרייזן: טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום", „אַנאַ קאַרענינאַ" און אַנדערע, גאָנטשאַראָווס — „אָבלאָמאָוו", דאָסטאָיעווסקיס — „פאַרברעכן און שטראָף", „אידיאָט", „ברידער קאַראַמאַזאָוו". טורגעניעווס — „פאַרצייכענונג פון אַ יעגער", פאָטער און קינדער", „רודין". גאָגאָלס — „רעוויזאָר", „טויטע נשמות". גריבאָיעדאָווס — „אַ צרה צוליב שכל". טשערנישעווסקיס — „וואָס דאַרף מען טאָן?". אויך די ווערק פון לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו,

פושקין, פיסארעוו, מיכאילאָוו, א. א. וו. איך האָב געלייענט און פאַרשטאַנען די אַלע ביכער, אַזוי ווי איך וואָלט גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך. אָבער ווען מען האָט געדאַרפט אָנשרייבן אַ פּאָר שורות גראַמאַטיקאַליש אין רוסיש בין איך געווען הילפלאָז.

די חברים פון דער אָרגאַניזאַציע, האָב איך ניט געזאָגט, אַז איך אַרבעט ניט, ווייל איך וויל זיך לערנען. ביי זיי וואָלט דאָס אויסגעקומען אַ מאָדנער שריט פון מיין זייט... האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין אַרבעט.

אָבער ווי נאָר מען האָט זיך דערוואוסט, אַז איך אַרבעט ניט, האָט מען מיר אָנגעהויבן געבן אָרגאַניזאַציע־אַרבעט פון אַלע זייטן. איך האָב זיך ניט געקענט אָפּזאָגן, ווייל זיי זיינען דאָך געווען גע־רעכט: ווען מען גייט אַרום „ליידיק" דאַרף מען איבערנעמען די אַרבעט פון די וואָס זיינען פאַרנומען.

עטלעכע וואָכן צייט האָב איך נאָך געפּרואווט נעמען לעקציעס ביי אַ לערער, אָבער אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט קיין צייט צו מאַכן מיינע לעקציעס, האָב איך דאָס ענדלעך אויפגעגעבן.

איך האָב זיך צוריק געשטעלט אַרבעטן ביי איינעם נעקראַ־סאָוו, דער איינציקער קריסטאַלעכער איינבינדער אין מינסק, וואו איך בין געווען דער איינציקער ייד צווישן זיינע קריסטלעכע אַר־בעטער.

גאַנץ אָפט פלעגט מען אַרונטערשיקן נאָך אַ פלעשל „מאָנאָ־פּאָלקע" (שנאַפּס). מען פלעגט דאָס צעגיסן אין טיי גלעזער און טרינקען ווי אַ גלאָז וואַסער, אָן אַן אָפּשטעל.

איך האָב געמוזט מיטטרינקען, אַז ניט בין איך קיין „גוטער ברודער" ניט. איך האָב געהאָפט, אַז ווערנדיק „גוט ברודער" מיט זיי, וועל איך זיי קענען מאַכן קלאַסן־באַוואוסטזיניק. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן ביידע ניט געהאַט קיין דערפאָלג: זיי האָבן מיך ניט געקענט מאַכן פאַר קיין שיכור און איך האָב זיי ניט גע־קענט מאַכן קלאַסן־באַוואוסטזיניק.

אין דעם וואַרשטאַט איז געווען אַ קריסטלעכער יינגל וואָס האָט זיך געלערנט די אַרבעט. פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט אים נע־קראַסאָוו שמייסן. ווען מען פלעגט אים נעמען צום שמייסן, פלעגט ער וויינען און שרייען אויף די העכסטע טענער, אָבער נעקראַסאָוו, פלעגט מיט דער הילף פון זיינע אַרבעטער, אים אויסטאָן אַ היילן

און מיט ריטער שמייסן אזוי לאַנג, ביז וואונדן פלעגן ווערן ביי אים אויפן קערפּער.

די סצענעס האָבן אויף מיר געווירקט אזוי, אז איך האָב גע־מוזט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

פרילינג 1899, האָב איך באַשלאָסן אריבערצופאָרן אין אַן אַנ־דער שטאָט.

די פאַרבינדונג מיט די אַנדערע שטעט זיינען פאַרבליבן אפילו נאָכן יולי־ארעסט. אויב זיי פלעגן איבערגעריסן ווערן צוליב אַן ארעסט, פלעגט נעמען אַ קורצע צייט צוריק איינצושטעלן זיי. אין יעדער שטאָט איז געווען אַ „יאווקע", אַן אדרעס וואוהין מען פלעגט קומען. אין מינסק, איז די „יאווקע" אַ לענגערע צייט געווען אין דער פרויען האַנטווערקער־שול, וואו ליובאַ יוזעפאָוויטש, איז געווען די פאַרוואַלטערין.

איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואַרשע. אויף מיין וועג קיין וואַרשע, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין ווילנע. נאָך מינסק איז ווילנע געווען ביי מיר זייער אַ גרויסע שטאָט. די חברים אין ווילנע האָבן מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך. מיין „יאווקע" איז געווען צו צביהס צוויי שוועסטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי זיך אין הויז. האָבן מיר געהאַט גענוג צייט וועגן אַלץ צו ריידן. צביה, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד" און האָט געאַרבעט אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע.

אָבער אין וואַרשע האָב איך זיך ניט געקענט איינאָרדענען, און האָב, צו מיין גרויס באַדויערן, געמוזט אַוועקפאָרן פון דאָרטן. איך זאָג צו מיין גרויס באַדויערן, ווייל סיי די אַרבעט אין דער באַוועגונג, סיי די אַקטיווע חברים ווי: צביה, חיים זאַקאָן, סאַלאַ־מעאַ, ראָזע לעוויט, ירחמיאל, מערע זשאַלודסקאַיאַ און אַנדערע מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן, האָבן אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק.

אין ביאַליסטאָק

נאָך ווארשע, איז ביאַליסטאָק געווען די שטאָט, וואָס האָט מיך אממערסטן צוגעצויגן. ערשטנס, איז דאָס געווען אַ שטאָט מיט גרויסע פאַבריקן און צווייטנס, זיינען אין ביאַליסטאָק, אין דער פירערשאַפט פון דער באַוועגונג געווען מיינע גוטע באַקאַנטע, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט אַ לענגערע צייט אין דער מינסקער אָרגאַניזאַציע. דאָס זיינען געווען: בענטשע לעווין, זיין פרוי כאַנקע, און כאַטשע מונוועס. בענטשע איז געווען אַ זייגער־מאַכער, כאַטשע — אַ בערש־טער. אין ביאַליסטאָק זיינען זיי געוואָרן וועבער.ביידע — בענטשע און כאַטשע זיינען געווען אין ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד".

מיר האָט זיך גלייך איינגעגעבן צו קריגן אַרבעט ביי אַ בוכבינדער אויף ליפּאָווע גאַס.

ביאַליסטאָק האָט געהאַט אַ סך גרויסע וועבער־פאַבריקן, וואו עס האָבן געאַרבעט ס'רוב קריסטלעכע אַרבעטער, אָבער אויך אַ סך יידישע אַרבעטער זיינען געווען באַשעפטיקט ביי וועבעריי. דער וועבער־פאַך האָט געהאַט אייניקע צווייגן, ווי שפּולאַרקעס, שערער־קעס, ניפּערקעס א. אַ. וו., וואו עס האָבן געאַרבעט פיל פרויען.

עס זיינען אויך געווען אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אַלס גאַרבער ביים אויסאַרבעטן לעדער. אין יאַנאָווסקיס פּאַפּיראָסן־פאַ־בריק האָבן געאַרבעט ביי דריי הונדערט אַרבעטער. חוץ די דערמאָנ־טע פאַכן זיינען אין ביאַליסטאָק, ווי אין אַנדערע גרעסערע שטעט,

געווען אַ סך שניידער, סטאָליער, מוליאַרעס, שוסטער, האַנדלס־אָנ־געשטעלטע א. אַ. וו.

דעם זומער, וואָס איך בין געווען אין ביאַליסטאָק איז דאָרט, אַזוי ווי אין גאַנץ רוסלאַנד אין 1899, געווען אַ גרויסער קריזיס. פיל וועבער־פאַבריקן האָבן זיך צוגעמאַכט, אַנדערע האָבן געאַרבעט נאָר טיילווייז. דער קריזיס האָט געמאַכט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער ערגער, זייער קאַמף מיט די באַלעבאַטים — שווערער.

מיט דער ביאַליסטאָקער באַוועגונג האָבן בכלל אָנגעפירט די זעלבע קערפּערשאַפטן ווי אין מינסק: סכאָדקעס אין די פאַכן, די „אַגיטאַטאָרן פאַרזאַמלונג" און דער קאָמיטעט. דער אונטערשייד איז געווען וואָס אין ביאַליסטאָק האָט די אָרגאַניזאַציע ניט געוואוסט פון „דעמאָקראַטיע".

דער קאָמיטעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון דריי מענטשן, האָט באַשטימט די מיטגלידער פון דער אַגיטאַטאָרן פאַרזאַמלונג. די אַגי־טאַטאָרן־פאַרזאַמלונג האָט אויסגעזוכט די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער אין די פאַכן און צונויפגעשטעלט פון זיי די פאַכאָווע סכאָדקע. די אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג האָט געהאַט אַ רעכט צו קאָאָפּטירן אירע מיטגלידער.

די מיטגלידער פון די סכאָדקעס האָבן ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַן „אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג". אַזוי ווי אין מינסק, איז נאָר איין מיטגליד פון קאָמיטעט געווען אָפן צו די מיטגלידער פון דער אַגי־טאַטאָרן־פאַרזאַמלונג.

עס זיינען אויך געווען אַ צאָל פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך, מיט וועל־כע עס האָבן אָנגעפירט די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער.

דער קאָמיטעט האָט מיך באַשטימט צו אַרבעטן ביי די מוליאַרעס און סטאָליערס. צו דעם האָב איך געדאַרפט אָנפירן מיט אַ פּאָר פּראָפּאַגאַנדע קרייזלעך. אַזוי אַז איך בין געווען פאַרנומען יעדן אָוונט אין וואָך.

אין דער ביאַליסטאָקער יידישער באַוועגונג האָט פולקאָם גע־הערשט די יידישע שפּראַך. פאַר דער צייט וואָס איך בין דאָרט געווען האָב איך ניט געהערט, אַז אפילו צווישן זיך זאָל מען דאָרטן ריידן רוסיש.

זומער־צייט זיינען גרעסערע פאַרזאַמלונגען פאָרגעקומען אין וואַלד. זיצונגען פון די פאַכאָווע סכאָדקעס, די פּראָפּאַגאַנדע־קרייז־

לעך און קלענערע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען אויף די „כאַ־נאַיקעס". דאָס איז געווען אַן אמתער לאַבירינט פון געסלעך, וואו ס'האָבן געוואוינט די אַרבעטער.

הגם עס איז געווען אַ קריזיס־צייט, איז די אַרבעט אין דער באַוועגונג אָנגעגאַנגען גאַנץ לעבעדיק. פאַר מיר איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן צו אַרבעטן צווישן די סטאָליערס און מוליאַרעס.

די דיסקוסיעס אין מיינע פּראָפּאַגאַנדע קרייזלעך זיינען אחוץ אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן, געווען אויך וועגן עקאָנאָמישע פראַגן: וועגן קריזיס, די אורזאַכן פון אַ קריזיס א. אַ. וו.

אַ קורצע צייט נאָך מיין קומען אין ביאַליסטאָק איז חנה שאַ־ווער־לסאָן אויך געקומען אַהין. זי האָט געקראָגן אַרבעט ביי אַ שניי־דערקע, אָבער איר איז געווען שווער אַריינצופּאַסן זיך אין דער ביאַ־ליסטאָקער באַוועגונג. מען האָט איר געגעבן אַ פּראָפּאַגאַנדע קרייזל. איך פלעג מיט איר פריער דורכגיין די טעמע, אָבער עס איז פאַר איר געווען שווער צו פירן דעם קרייז אין יידיש. זי האָט אויך פיזיש זיך געפילט ניט גוט. עס פלעגן אָוועקגיין אָוונטן, אין וועלכע איך האָב איר אַפילו ניט געקענט זען, ווייל איך בין געווען זייער פאַרנומען און מיר האָבן געוואוינט גאַנץ ווייט איינע פון די אַנדערע, איך — אויף „כאַנאַיקעס", זי — אין אַן אַנדער טייל שטאָט. צום סוף האָבן מיר באַשלאָסן זי זאָל פאָרן צוריק אין מינסק.

איין מאָל האָט דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט מיך געשיקט אין קרינקע, ניט ווייט פון ביאַליסטאָק, וואו עס זיינען געווען אַ סך לע־דער־פאַבריקן. מען האָט געדאַרפט אָננעמען מיטלען, אַז אין שטעטל זאָל מען זיך ניט דערוויסן, אַז איך בין פון די „אַגיטאַטאָרן". איך בין געקומען אין שטעטל פרייטיק פאַרנאַכט און האָב געבעטן דעם פורמאַן צוצופירן מיך צו מיין „קרוב", צו וועלכן איך פאָר צוגאַסט. אין אָוונט האָט מיך מיין „קרוב" גענומען אין שול דאווענען.

פון אַלע זייטן זיינען יידן צוגעגאַנגען צו מיר, מיט אַ ברייטן שלום עליכם: וואָס מאַכט אַ ייד, פון וואַנען קומט אַ ייד, וואָס הערט זיך אין אייערע מקומות א. אַ. וו.

אויף מאָרגן, שבת אין דער פרי, האָב איך ווידער געדאַרפט גיין אין שול. אַלס אורח האָט מען געוואָלט מיר געבן אַן עליה, נאָר מיין "קרוב" האָט מיך פון דעם אַרויסגעראַטעוועט.

ביי טאָג איז אין וואַלד פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונג, וועגן וועל־

כער מען האָט צו וויסן געגעבן די אַרבעטער די לעצטע מינוט, כדי קיינער אין שטעטל זאָל זיך ניט דערוויסן, אַז אַזאַ פאַרזאַמלונג קומט פאָר.

ווי איבעראַשט זיינען די אַרבעטער געוואָרן, ווען זיי זיינען גע־קומען צו דער פאַרזאַמלונג און האָבן דערזען, אַז דער „אורח" וואָס זיי האָבן געזען אין שול איז גאָר דער „אַגיטאַטאָר!"

די פאַרזאַמלונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין בעסטער אָרדע־נונג. אין מיין טעמע איז דעמאָלט אויך אַריין „ווי די באַלעבאַטים נוצן אויס רעליגיע צו אונטערדריקן די אַרבעטער".

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אין ביאַליסטאָק, האָט מען באַשלאָסן צוזאַמענרופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין אַ הויז אויף „כאַנאַיקעס". מען האָט זיך באַנוצט מיט דעם געוויינלעכן מיטל אין יענער צייט: איינאָרדענען די פאַרזאַמלונג ווי אַ תנאים. איך האָב געדאַרפט זיין דער חתן און שיינע־עלקע — די כלה.

איך מוז צוגעבן, אַז דער קאָמיטעט האָט מיר געגעבן איינע פון די בעסטע מיידלעך פאַר אַ כלה. שיינע־עלקע איז געווען איינע פון די ענערגישסטע, פעאיקסטע „אַגיטאַטאָרקעס" אין וועבער־פאַך. אַ טע־טיקער מיטגליד אין דער „אַגיטאַטאָרן פאַרזאַמלונג", און דערצו אַ גאַנץ שיינע. מיר האָבן געהאַט גענוג צייט צוצוגרייטן זיך צו אונדזערע „תנאים".

גייענדיק אין וואַלד צו די „אַגיטאַטאָרן פאַרזאַמלונגען" פלעגן מירביידע שפּאַסן אויף דער טעמע. איך האָב זי געפרעגט, צי די על־טערן ווייסן שוין אַז זי האָט אַ חתן, צי זיי וועלן זיין צו די תנאים און אַזוי ווייטער.

צו מיין גרויסער איבעראַשונג, האָב איך נאָך דער פאַרזאַמלונג באַמערקט, אַז שיינע־עלקע האָט גענומען דעם שפּאַס פון אונדזער צייטווייליקן זיין אַלס חתן־כלה גאַנץ ערנסט.

די רעדע, וואָס איך האָב געדאַרפט האַלטן אויף דער פאַרזאַמ־לונג, האָב איך פריער אָנגעשריבן: איך האָב אין איר באַלויכטן די דעמאָלטיקע סטודענטן־אומרוען, דעם קאַמף פון די אַרבעטער מיט די באַלעבאַטים, די ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי, א. א. וו. די רעדע האָב איך פריער איבערגעלייענט פאַרן קאָמיטעט און זי איז געפעלן געוואָרן.

צו דער פֿאַרזאַמלונג זיינען געקומען איבער אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער, צו יענער צייט — אַ גרויסע צאָל פֿאַר ביאַליסטאָק.

פֿון די אַקטיווע טוער אין ביאַליסטאָק געדענק איך: כאַטשע דער בערשטער, (מונוועס) און בענטשע לעווין (ביידע מיטגלידער אין קאָמיטעט) חנה, בענטשעס פֿרוי — אַלע דריי געקומען פֿון מינסק. ירחמיאל — אַ שניידער, גישע — אַ שניידערקע, דוד — אַ וועבער, מרדכי און בענדעט — ביידע גאַרבער, שיינע־עלקע, און יוסף — וועבער, ענדע זומער זיינען געקומען אין ביאַליסטאָק דר. פּאַוועל ראָזענטאַל און זיין פֿרוי אַנאַ, פּאַוועל איז גלייך אַריין אין קאָמיטעט. אָבער צוליב זיין פּראָפֿעסיע, אַלס דאָקטאָר, כדי מען זאָל זיך ניט דערוויסן, אַז ער איז איינער פֿון די „אַגיטאַטאָרן" איז ער צו קיין פֿאַרזאַמלונגען ניט געקומען.

וועגן גישען, דער שניידערקע וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידן אין צוזאַמענהאַנג מיט די דרוקערייען — זי איז אין יאָר 1920 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ניו יאָרק, ליידנדיק פֿון אַן אומהיילבאַרער קראַנקהייט.

פּאַוועל ראָזענטאַל איז געשטאָרבן אין 1924 אין ווילנע; בענדעט, דער גאַרבער, אַ פּעאיקער און ענערגישער טוער, האָט געלעבט אַ צייט אין ניו יאָרק און איז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אַוועקגעפֿאָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. וועגן בענטשע לעווין און זיין פֿרוי חנה האָב איך געהערט, אַז זיי זיינען געווען ביז היטלערס אָנפֿאַל אין מינסק.

אויפֿן וועג צום „פּריזיוו"

אין האַרבסט 1899 בין איך אַוועקגעפֿאָרן פֿון ביאַליסטאָק, ווייל איך האָב זיך גענויטיקט שטעלן צום פּריזיוו (צו מיליטער־דינסט) אין באָריסאָוו.

איך האָב שוין ניט געזען מיין טאַטן אַרום אַכט יאָר. בין איך פֿאַר באָריסאָוו צוגעפֿאָרן אין בערעזין און האָב דאָרט פֿאַרבראַכט איבער אַ וואָך.

מיין טאַטע האָט שוין לאַנג געהערט, אַז איך בין פֿאַרמישט מיט דער „חברה" וואָס וויל „אַרונטערוואַרפֿן דעם קייסער". אין די בריוו וואָס איך האָב פֿון אים געקראָגן, האָט ער מיר אַלע מאָל דערמאָנט איין זאַך: איך זאָל ניט פֿאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט... האָט מיך דעריבער אַ ביסל ווי פֿאַרוואונדערט צו טרעפֿן אין אים איצט אַ העכסט

אינטעליגענטן יידן. ער איז שוין דאַן אַלט געווען עטלעכע און פופ־
ציק יאָר און זייער רעליגיעז. די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָרטן
געווען, האָט ער מיט מיר זייער פיל גערעדט וועגן אונדזערע אידעען,
וועגן דער באַוועגונג, וועגן סאָציאַליזם.

ער האָט אַרויסגעוויזן די גרעסטע אַכטונג צו מיר. אין אונדזע־
רע געשפּרעכן האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז איך בין דער לע־
רער און ער, מיין טאַטע, איז דער שילער. ער איז געווען איינשטימיק,



שמואל נאָטע לעווין

אַז מען דאַרף קעמפן קעגן צאַריזם, אַז עס דאַרפן ניט זיין קיין
רייכע און אָרעמע, אַז סאָציאַליזם איז אַ גוטע זאַך. ער האָט אַליין
געבראַכט אַ סך פסוקים פון תנ״ך און מיר געוויזן, אַז די יידישע
נביאים זיינען אויך געווען קעגן קעניגן, קעגן אונטערדריקער, קעגן
רייכע, אַז זיי זיינען אַלע מאָל געשטאַנען מיט די אָרעמע, האָבן גע־
פּריידיקט אַ וועלט פון גערעכטיקייט א. א. וו.

ער האָט מיר בלויז געוואָלט דערווייזן, אַז די יידישע רעליגיע איז נישט קעגן אונדזער סאָציאַליסטישער לערע און דערפאַר דאַרפן מיר ניט זיין קעגן רעליגיע. ווען איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז אין זייער קאַמף נוצן די רייכע אוים קעגן אונדז די רעליגיע, האָט ער מיר אויפגעוויזן, אַז דאָס וואָס די רייכע זאָגן, איז ניט די אמתע יידישע רעליגיע.

יעדנפאַלס: פאַרנדיק צו אים האָב איך דערוואַרטעט צו טרעפן אַ פאַנאַטישן יידן — געטראָפן האָב איך צו מיין גרויסער פרייד — אַ חבר.

איך בין אַוועקגעפאָרן פון טאַטן מיט דער גרעסטער אַכטונג צו אים. איך האָב געזען, אַז אין דער יוגנט האָב איך אים ניט געקענט און ניט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב פריער געדאַרפט דורכמאַכן די שול פון אונדזער באַוועגונג, פריער אַליין לערנען, כדי צו פאַרשטיין זיין אינטעליגענץ, זיין גלויבן, זיין שכל.

מיין עלטערער ברודער, עליע־יאָשע, האָט יענעם זומער חתונה געהאַט און האָט געוואוינט אין אַ דאָרף ניט ווייט פון באָריסאָוו, ביי זיין פרוים עלטערן. איך בין צוגעפאָרן צו זען אים און זיין פרוי.

ער איז געווען אַ העברעאישער לערער, דערצו נאָך אַ פאַנאַטישער ציוניסט. איז מיר אויסגעקומען אויך מיט אים פיל צו דיסקוטירן וועגן „דעם געפערלעכן וועג" אויף וועלכן איך גיי. ער איז שאַרף אַרויסגע־טראָטן קעגן אונדזער גאַנצער באַוועגונג און געטענהט, אַז מיט אונד־זער אַרבעט ברענגען מיר נאָר צרות דעם יידישן פאָלק, און אַז אַזאַ פעאיקער, אינטעליגענטער בחור, ווי איך בין, דאַרף בעסער אַוועק־פאָרן קיין אַמעריקע, אַרבעטן און לערנען זיך, ווייל אין אַמעריקע קען איך פיל דערגרייכן א. א. וו.

ווען איך האָב אים פאַרגליכן צו מיין טאַטן, האָט עס אויסגעקוקט מאָדנע: מיט מיין טאַטן, אַן עלטערער, רעליגיעזער ייד, אַן אָנגע־זעענער מלמד, קען איך זיך צוזאַמענריידן, ער פאַרשטייט מיך, און מיין ברודער, אַן אינטעליגענטער „היינט־וועלטיקער" יונגערמאַנטשיק, טרעט אַרוים אַזוי שאַרף קעגן מיר.

מיין טאַטע און ברודער זיינען ניט געווען קיין אויסנאַמען אויף דער יידישער גאַס. אונדז איז אַפילו דעמאָלט געווען גרינגער צוזאַ־

מענצורײַדן זיך מיט אַ רעליגיעזן ייִדן, אײדער מיט די „אויפגעקלערטע" ציוניסטן, וועלכע זײַנען געווען אונדזערע פֿאַרביסענע קעגנער.

***

איך האָב געהאַט דריטע „לגאַטע", בײַם שטעלן זיך צום פּריזיוו.

כדי צו פֿאַרשטײן, וואָס דאָס מײנט, איז נויטיק איבערצוגעבן, ווי די מערהײט ייִדן האָבן אין יענער צײַט אויפֿגענומען די פּראָבלעם פֿון מיליטער־דינסט אין דער צאַרישער אַרמײ.

די ייִדן, אַלס אַ רעכטלאָזער טײל אין דער צאַרישער אימפּעריע, האָבן אויך ניט געהאַט קײן שום רעכט אין דער אַרמײ. אַ ייִד האָט ניט געטאָרט זײַן קײן אָפֿיצער, אַפֿילו אין די נידעריקע קאַטעגאָריעס. דער אַנטיסעמיטיזם האָט געהערשט אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער אַרמײ און די פֿירערשאַפֿט האָט אײַנגעפֿלאַנצט דעם סם פֿון אַנטיסעמיטיזם צווישן די אײנפֿאַכע זעלנער.

דער פֿרומער ייִד האָט געקוקט אויף זײַן קינד, וואָס דאַרף גײן אין דער אַרמײ, ווי אויף אַ קרבן, וואָס וועט דאָרטן ווערן אַ „גוי", וועט דאַרפֿן עסן טרײפֿס, וועט אין אַלגעמײן ניט קאָנען אָפּהיטן ייִדישקײט.

ווען אַ ייִד האָט געענדיקט זײַן מיליטער־דינסט אין אַ שטאָט, וואו ער האָט אַלס ציווילער ייִד, ניט געטאָרט וווינען, האָט מען אים פֿון דאָרטן תּיכּף אַרויסגעטריבן. איז קײן וואונדער ניט, וואָס די מערהײט ייִדן האָבן געקוקט אויף מיליטער־דינסט ניט ווי אויף אַ פֿליכט פֿון בירגער, (ווײַל בײַ דער צאַרישער רעגירונג זײַנען זײ ניט געווען קײן בירגער) נאָר ווי אויף אַ ביטערע שטראָף. האָט מען דערפֿאַר אָנגענומען אַלע מיטלען, וואָס נאָר מען האָט געקענט, ניט צו גײן אין מיליטער דינסט.

רײַכע ייִדן פֿלעגן אונטערקויפֿן די מיליטערישע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן עקזאַמינירט די „רעקרוטן" און האָבן געדאַרפֿט באַשליסן צי דער רעקרוט איז געזונט גענוג צו גײן אין מיליטער־דינסט. אַ גרויסער טײל יונגעלײַט פֿלעגן אָבער אַוועקפֿאָרן קײן אַמעריקע אָדער אַנדערשוואו אין אויסלאַנד, ווען עס איז געקומען די צײַט צו שטעלן זיך צום פּריזיוו.

ווער עס איז ניט געווען רײַך גענוג צו אונטערקויפֿן אָדער אַוועקפֿאָרן אין אויסלאַנד, האָט אָנגענומען מיטלען צו מאַכן זיך פֿיזיש

ניט פּאַסיק פאַר דער אַרמיי. מען פלעגט זיך אָפּהאַקן אַ פינגער, מאַכן עס זאָל רינען פון די אויערן, אויסרייסן זיך די ציין און נאָך אַזעלכע זאַכן. אויב איינער איז געווען הויך אין געוואוקס, פלעגט ער אַ צייט איידער ער האָט געדאַרפט גיין צום פּריזיוו, טאָן אַלץ וואָס וועט אים מאַכן „דאַר ווי אַ שפּענדל" כדי מען זאָל אים „אויסבראַקירן".

טויזנטער יידישע יונגעלייט זיינען נאָך די פּריזיוון געבליבן קראַנקע אויף זייער גאַנצן לעבן, האָבן געקראָגן האַרץ־קראַנקהייטן און געשטאָרבן אין זייערע יונגע יאָרן, אַנדערע זיינען געבליבן קאַליקעס, טויבע פון די „פּעלערן" וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט.

די רעגולאַציעס פאַר נעמען אין מיליטער־דינסט זיינען געווען: דער וואָס איז געווען דער איינציקער זון אין פאַמיליע האָט געהאַט „ערשטע לגאָטע", אויב עס איז געווען מער ווי איין זון אין פאַמיליע אָבער דער צווייטער זון איז געווען מיט פיר יאָר יינגער, האָט דער עלטערער זון געהאַט „צווייטע לגאָטע". אויב איין זון איז שוין געווען אין מיליטער־דינסט און אַ צווייטער זון האָט געדאַרפט גיין צום פּריזיוו האָט ער געהאַט די „דריטע לגאָטע".

אַזוי ווי מיין עלטערער ברודער, יעקב, האָט שוין דעמאָלט געדינט אין מיליטער, האָב איך געהאַט די „דריטע לגאָטע". אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָבן די אַלע „לגאָטעס" ביי די יידן ניט געהאַט קיין גרויסן ווערט, ניט געבראַכט די נוצן, ווי ביי די ניט־יידן.

מען האָט גענומען אין מיליטער־דינסט אַ באַשטימטן פּראָצענט פון די וואָס זיינען געקומען צום פּריזיוו. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער פּראָצענט איז געווען פערציק פון יעדע הונדערט — צען האָבן געהאַט ערשטע לגאָטע, צען צווייטע און צען דריטע, צוואַנציק האָט מען אויסגעבראַקירט — אַלס ניט פּאַסיק פאַר מיליטער־דינסט — זיינען נאָך געבליבן, חוץ די לגאָטניקעס, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט, די צען וואָס האָבן געהאַט גרעסערע נומערן, ווייל מען האָט עקזאַמינירט לויט דער ריי פון די נומערן, וואָס מען האָט פריער געצויגן.

ביי די יידן איז אָבער דער פּראָצענט פון שוואַכע און די וואָס זיינען אַנטלאָפן פון מיליטער־דינסט געווען זייער אַ הויכער. האָט מען דערפאַר צוגענומען אַלע ניט־לגאָטניקעס און ווען די צאָל איז נאָך ניט געווען דערגרייכט, האָט מען גענומען אויך די „לגאָטניקעס".

נאָר אין אויסנאַם פאַלן: אין אַ יאָר, ווען די צאָל קראַנקע,

פארקריפּלטע און אנטלאָפענע איז געווען ניט צו גרויס, זיינען יידי־שע לגאָטניקעס באפרייט געוואָרן.

צו מיין פּריזיוו האָט מען נאָר אַ טייל פון דער דריטער „לגאָטע" צוגענומען. אַזוי ווי איך האָב אַרויסגעצויגן אַ גרויסן נומער, האָט מען צו מיר ניט דערגרייכט. און איך בין באפרייט געוואָרן. איך האָב בלויז געדאַרפט זיין אין רעזערוו און קומען אַ יאָר שפּעטער צו דינען זעקס וואָכן אין דער אַרמיי.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז ביי די קריסטלעכע „רעקרוטן" איז אויך ניט געווען קיין צו שטאַרקער ווילן צו גיין אין דער אַרמיי.

די קריסטלעכע „רעקרוטן" פלעגן זיך בעתן פּריזיוו אָנשיכּורן, גיין אין גרופּעס איבער די גאַסן, יעדערן פאַרטשעפּען. אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פלעגט ווערן „גרינגער אויפן האַרצן", ווען דער פּריזיוו פלעגט זיך ענדיקן בשלום.

אין דער צייט פון מיין פּריזיוו, איז חנה שאַוועלסאָן, מיין צו־קונפטיקע פרוי געקומען קיין באָריסאָוו. מיר האָבן שוין פריער באַ־שלאָסן, אַז אויב איך וועל באפרייט ווערן מיר ביידע פאָרן קיין סמאָ־לענסק.

סמאָלענסק איז געווען איינע פון די שטעט, וואָס אַ ייד האָט ניט געטאָרט וואוינען. סיידן ער האָט געאַרבעט אין אַ פאַך. דאָרט האָט דעמאָלט געאַרבעט גניע פּישקין, אונדזערע אַ גוטע באַקאַנטע. זי האָט אונדז געשריבן, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט פאַר אונדז, אַלס אַרבעטער, צו קענען לעבן אין סמאָלענסק.

אונדז האָט זיך דעמאָלט געוואָלט אַרבעטן אין אַ באַוועגונג צווישן רוסישע אַרבעטער, זען ווי זיי נעמען אויף דעם רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף, זייער קולטורעלע אַנטוויקלונג א. א. וו. מיר האָבן גע־רעכנט צו פאַרברענגען אין סמאָלענסק אַמוויייניקסטן אַ יאָר צייט.

פון באָריסאָוו אין סמאָלענסק, גייט די באַן דורך אַ שטעטל טאָלאָטשין, דאָרט איז דאַמאָלסט אונדזערע אַ נאָענטע חברטע, אַנוש־קאַ געווען אַ לערערקע, ביי אַ טאָלאָטשינער גביר, פאַר זיינע קינדער. מיט אַנושקאַן האָבן מיר פריער צוזאַמען געאַרבעט אין דער מינסקער באַוועגונג.

אין טאָלאָטשין האָט אויך געוואוינט מיין טאַנטע סאַשע, וועל־כע איך האָב געוואָלט זען. האָב איך פאַרבראַכט אין טאָלאָטשין אַ פּאָר טעג.

מיין טרעפן זיך מיט אַנושקען האָט מיר פאַרשאַפט אַן אמת גייסטיקן פאַרגעניגן. פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין ביאַליסטאָק, האָב איך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לייענען וועלכע עס איז פון די נייסטע רוסישע ביכער אָדער די רוסישע ליבעראַלע זשורנאַלן, וואָס זיינען דעמאָלט דערשינען. אין די פּאָר אָוונטן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט אַנושקאַן, האָבן מיר געלייענט די נייסטע דערציילונגען פון מאַקסים גאָרקי, מיט וועלכע עס האָט דעמאָלט געקלונגען גאַנץ רוסלאַנד.

אין טאָלאָטשין, איז מיר אויך אויסגעקומען צו פירן הייסע דעבאַטן מיט מיין קאָזין, יעקב לעווין, וועלכער איז איצט אין ניו יאָרק. איך האָב זיך דאָרטן באַקענט אויך מיט זיין באַגאַבטער שיינער שוועסטער, וועלכע איז מיט אייניקע יאָר שפּעטער אין איר בליענדער יוגנט געשטאָרבן. מיר וועט נאָך אויסקומען וועגן איר צו שרייבן.

די דעבאַטן צווישן מיר און יעקב לעווין זיינען געווען אין דער רוסישער שפּראַך. אויף וויפיל איך געדענק האָבן מיר ביידע גערעדט אַ שלעכטן רוסיש און דאָך, ער מיט די ערשטע פונקען פון אַ יידישן „נאַציאָנאַליסט" און „יידישיסט", און איך אַ „בונדיסט", האָבן מיר דעבאַטירט אין דער רוסישער שפּראַך, ווייל פירן דעבאַטן וועגן „העכערע" ענינים האָט מען דעמאָלט געמוזט אין אַ „אינטעליגענטער" שפּראַך. מיין טאַנטע סאָשע, האָט הערנדיק מיין רוסיש און וועגן וואָס מיר דעבאַטירן, געמיינט אַז איך בין אַן אמתער „פּראָפעסאָר"...

פון טאָלאָטשין בין איך צוגעפאָרן אין אָרשע, וואו כ'האָב זיך געשטעלט אַרבעטן אַ קורצע צייט ביי מיין פריערדיקן באַלעבאָס, מאַרשאַק, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין געלט צו פאָרן ווייטער.

איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע באַפרידיקונג ווען אין אָרשע, אין דער שטאָט, אין וועלכער איך בין מיט אייניקע יאָר צוריק געווען דער ערשטער אַרבעטער, וואָס איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פּראָפּאַגאַנדע קרייזל, האָב איך געפונען אַ לעבעדיקע באַוועגונג, מיט אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַ צאָל פאַכן.

אין אייניקע טעג אַרום נאָך מיין קומען אין אָרשע, האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון אַלבערט זאַלקין צו קומען גלייך אין מינסק. ווען איך בין צו אים געקומען האָט ער מיר דערציילט, אַז דער ווילנער קאָמיטעט וויל איינשטעלן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי און וויל מיר איבערגעבן די אַרבעט.

אין דער ווילנער אומלעגאַלער דרוקעריי

אין אַ קאַלטער נאַכט, סוף דעצעמבער 1899, בין איך אַרויס־געפאָרן פון מינסק. איך בין איינגעשלאָפן זיצנדיק אויפן באַנק אין וואַגאָן, האָט מען ביי מיר תיכף צוגעגנבעט מיין ווינטער־מאַנטל.

אין ווילנע האָב איך געהאַט אַן אַדרעס צו ישראל־מיכל קאַפּ־לינסקי (לאַנגזאַם). ער האָט געוואוינט אויף נאָוויגראָד ביי דעם פעלדשער שאַכנאָוו. אָן אַ מאַנטל האָב איך אין דער ביטערער קעלט געשפּאַנט פון סטאַנציע צו ישראל מיכלען, צו דערוואַרעמען זיך, בין איך מער געלאָפן, ווי געגאַנגען.

איך האָב איבערגעגעבן ישראל מיכלען וועגן וואָס איך בין גע־קומען, געפרעגט, וואָס דער קאָמיטעט האָט שוין געטאָן צו איינאָר־דענען די דרוקעריי. ער האָט מיר געוויזן אויף עטלעכע שטיקלעך אייזן אַלס די טיילן פון אַ „מאַשין" וואָס ער האַלט אין מאַכן פאַר דער דרוקעריי. אויף מיין פראַגע ווי לאַנג וועט אים נעמען צו מאַכן די „מאַשין", האָט ער געענטפערט אַז ביי אַ חודש און אפשר אַ ביסל לענגער. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל זיך טרעפן מיט אַ פּאָר־שטייער פון ווילנער קאָמיטעט. ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון מאַקס מאַזאָוער. ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, איז קלאָר געוואָרן, אַז איך קען ניט אַרומגיין ליידיק ביז די מאַשין וועט פאַר־טיק ווערן. דער ווילנער קאָמיטעט איז געוועזן זייער אָרעם אין געלט־מיטלען. דער בעסטער פּלאַן איז געווען איך זאָל דערווייל געפינען אַ פּלאַץ און שטעלן זיך אַרבעטן.

אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען אייניקע אַקטיווע טוער, וואָס האָבן מיך געקענט. איז געוואָרן אַ פּראָבלעם צו זיין אין ווילנע און זיי זאָלן מיך ניט טרעפן. עס איז געווען פאַר מיר אויך אוממעגלעך צו גיין אַרבעטן אין אַ פּלאַץ, וואו עס אַרבעטן עטלעכע אַרבעטער, וואָרעם דער בוכבינדער־פאַך אין ווילנע איז געווען אָרגאַניזירט, און איך וואָלט ניט געקאָנט געבן קיין גלאַטן ענטפער פאַר־וואָס איך וויל ניט זיין טעטיק אין פאַך.

סוף־כל־סוף איז מיר געלונגען צו געפינען אַרבעט ביי איינעם, אַן איינגנטימער פון אַ פּאַפּיר־קראָם אויף דייטשישע גאַס. ער האָט גע־האַט אַן איינבינדעריי צו מאַכן זיינע אַרבעט. זיין נאָמען איז געווען אַנדרייעוו. ער האָט פאַרנומען אַ שטעלע אין דער פאַרוואַלטונג פון די אייזנבאַנען, און איז אויך געווען דער פירער פון דער ווילנער „שוואַר־צער מאה". זיין איינבינדעריי, וואו איך בין געווען דער איינציקער אַרבעטער, האָט אונדז שפּעטער פיל אַרויסגעהאָלפן, ווען מיר האָבן איינגעשטעלט די דרוקעריי, און אויך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען איך האָב געאַרבעט אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע.

אייניקע וואָכן שפּעטער איז מיין חברטע, כאַנקע, געקומען פון סמאָלענסק. מיר האָבן געדונגען אַ צימער אויף אַלעקסאַנדראָווסקי בולוואַר, מיט אַ באַזונדערן אריינגאַנג. איך האָב געזאָגט די באַלעבאַ־טים פון צימער, אַז זי איז מיין כלה.

מיר האָבן גענומען פאַנאַנדערקלייבן דעם שריפט, וועלכן ס'האָט ביסלעכווייז אין געהיים, אַרויסגעקראָגן אונדזערער אַ חבר, וואָס האָט געאַרבעט אין ראָמס דרוקעריי (די באַרימטע יידישע דרוקעריי „האלמנה והאחים ראָם"). דער שריפט איז געווען צוגעפּאַסט פאַר די רע־ליגיעזע ספרים, וואָס האָבן זיך דאָרט געדרוקט. אייניקע בוכשטאַבן, וואָס ווערן פיל גענוצט אין דער יידישער שפּראַך זיינען דאָרט געווען אין אַ זייער קליינער צאָל, ווי די בוכשטאַבן „ע", „ט" און אַנדערע. דערפאַר זיינען דאָרט געווען בוכשטאַבן וואָס מיר האָבן כמעט ניט געדאַרפט ווי „ת", „ח" וועלכע ווערן אין די יידישע ספרים געברויכט זייער פיל.

יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט פלעג איך קומען צו מיין חברטע אין צימער און מיר פלעגן ביידע פאַנאַנדערקלייבן די שריפט. זי האָט אויפגענייט ספּעציעלע זעקעלעך, וואו מיר האָבן געהאַלטן יעדע בוכ־שטאַב באַזונדער.

דערוויי‌ל איז אוועק א וואָך נאָך א וואָך און קאַפּלינסקיס „מאַ־שין" פאַר דער דרוקעריי איז נאָך אַלץ ניט געווען פאַרטיק. ענדלעך, סוף מערץ 1900, האָט ישראל מיכל אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר קאָ־נען שוין זוכן א דירה.

צו דינגען א דירה, קויפן די נויטיקסטע מעבל און אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט באַלעבאַטישקייט, האָבן מיר געדאַרפט האָבן געלט, וועלכע איך און דער ווילנער קאָמיטעט האָבן ניט גע־האַט.

אַנדרייעוו האָט מיר געצאָלט פיר רובל א וואָך. דאָס איז געווען דער פאַרדינסט פון א בוכבינדער אויך אין אַנדערע פּלעצער. אויף די געלט האָבן מיר ביידע, איך מיט חנהן געדאַרפט לעבן. איך האָב אויך געדאַרפט צאָלן פאַר מיין צימער. דער ווילנער קאָמיטעט האָט נאָר געצאָלט פאַר חנהס צימער, וואו מיר האָבן געהאַלטן די שריפט.

האָט מיין חברטע געגעבן אַזאַ עצה: איר עלטערער ברודער, וועלוול, וועלכער איז א „בורזשוי" האָט צוגעזאָגט, אַז ווען זי וועט קריגן עפּעס א לייטישן בחור, וועט ער איר געבן נדן. מאַקס מאַזאָ־ווערן פון ווילנער קאָמיטעט איז דער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן: ס'איז א מצווה אַרויסצוקריגן געלט ביי א „בורזשוי" אויף איינצו־שטעלן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי...

בין איך אַוועקגעפאָרן אין מינסק קריגן מיין „נדן". חנהס על־טערן האָבן שוין געוואוסט א לענגערע צייט אַז זייער טאָכטער גייט אַרום מיט א „שלעפּער" פון די אַגיטאַטאָרן, וועלכע זיינען „קעגן גאָט און קייסער". איך בין געווען אייניקע מאָל ביי זיי אין הויז ווען איך בין נאָך געווען אין מינסק, אויך ווען איך בין געפאָרן צום פּריזיוו. אַזוי ווי פיל אַנדערע יידישע עלטערן אין יענער צייט, זיינען זיי אויך אַלט געוואָרן פאַר דער צייט. איר פאָטער קלמן שאַוועלסאָן איז שוין געווען טויב. ער פלעגט אַרומגיין א שווייגנדיקער, אַן אומעט־טיקער, געלעבט האָט מען פון די קליינע פאַרדינסטן, וואָס די קינ־דער האָבן געבראַכט אַהיים. פון צייט צו צייט פלעגט דער רייכער זון צושיקן עטלעכע רובל.

איך בין צו זיי געקומען פריייטיק צו נאַכט און האָב זיי איבער־געגעבן אַז מיר האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן און מיר ווילן אַז זיי זאָלן שרייבן וועגן דעם צו זייער עלטערן זון וועגן דעם צוגעזאָגטן נדן. רעדן האָב איך געדאַרפט מיט מיין כלהס מוטער, מלכה. און

קוקנדיק אויף איר, האָט מיר שוין פאַרדראָסן די גאַנצע פּראָצע־דור פון מיין קומען צו זיי.

איך האָב געזען, ווי ביי איר ווערט צערונען דער חלום, אַז אפשר וועט זיך איינגעבן איר עלטערער טאָכטער, וועלכע איז אוועק אויף אַ „פּאַלשן״, געפערלעכן וועג און האָט נאָך אויפן זעלבן וועג געפירט אירע יינגערע שוועסטער, פיליכט וועט איר גאָט העלפן און זי וועט באַגעגענען אַ „ליטישן״ בחור, וועלכער וועט איר צו־ריק מאַכן פאַר אַ „מענטשן״.

זי האָט מיט מיר געמומען איינטענהנען, פאַרוואָס מיר איילן זיך, פאַרוואָס קאָנען מיר ניט אָפּלייגן דאָס חתונה האָבן אויף שפּע־טער, ווען איך וועל שוין זיין גוט איינגעאָרדנט און וועל האָבן אַ מעגלעכקייט אָפּצושפּאָרן געגוג געלט אויף חתונה האָבן. זי האָט מיר אויך געגעבן אָנצוהערעניש, אַז איר עלטערער זון וועט פאַר קיין פאַל ניט געבן קיין נדן צו זיין שוועסטער, וואָס וויל חתונה האָבן מיט אַזאַ ווי איך.

נאָכן עסן האָב איך זיך דורכגעשפּאַצירט מיט מיין כלהס ברו־דער, דוד, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געגרייט פאַר אַן אַפּטייקער (דראָגיסט). ער האָט מיט מיר דיסקוטירט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ער האָט מיר געוואָלט איבערצייגן, אַז עס לוינט ניט צו ברענגען די קרבנות, וואָס מיר ברענגען. ער האָט אויף אַן אינטע־ליגענטישן אופן געצויגן די זעלבע ליניע, וואָס זיין מאַמע האָט גע־זאָגט אין אַן איינפאַכער שפּראַך. די אונטערשטע שורה איז געווען: מיר האָבן קיין נדן ניט באַקומען.

איך האָב זיך צוריקגעקערט פון מינסק קיין ווילנע און גענומען גרייטן זיך צו דער „חתונה״.

אין דער לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, איז דאָס געווען ניט אַזוי איינפאַך. די חתונה האָט געמוזט זיין אַ געזעצלעכע, אַ רעליגיעזע. איך האָב געמוזט זאָגן מיין באַלעבאָס, אַנדרייעוון, אַז איך גיי חתונה האָבן. כדי צו מאַכן עס נאָך מער לעגאַל, כשר, האָב איך אים איינגעלאַדן צו קומען צו דער חתונה. ווען מען לאַדט איין אַזאַ „הויכן מענטשן״, ווי אַנדרייעוו, האָט מען געמוזט מאַכן עס זאָל אויסזען ווי אַן אמתע יידישע חתונה.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן מיר מיט קיינעם ניט גע־טאָרט זיך טרעפן, קיינער האָט ניט געטאָרט וויסן, אַז מיר געפינען

זיך אין ווילנע. טאָ וואו נעמט מען די מענטשן, וואָס מען דאַרף איינ־לאַדן אויף אַ חתונה?

האָבן מיר געטאָן דאָס בעסטע, וואָס עס איז געווען מעגלעך אין דער לאַגע, און וועלכער מיר האָבן זיך געפונען.

די חברים גרישע סאַראַקאַ און זיין פרוי מערל האָבן געוואוינט אויף פּאָפּלאַוועס, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן די חתונה אין זייער וואוינונג. עס זיינען אויך געקומען ישראל מיכל און זיין פרוי.

אַלע פיר האָבן פריער געאַרבעט אין דער באַברויסקער געהיימער דרוקעריי און זיינען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַפרייט גע־וואָרן פון מאָסקווער טורמע — סאַמע פּאַסנדיקע געסט צו פרייען זיך מיט די נייע קאַנדידאַטן פאַר אַ דרוקעריי... עס זיינען געקומען מאַזאָווער און נאָך אַ מיטגליד פון קאָמיטעט, דער רב, אַ שמש און נאָך עטלעכע יידן, וואָס מיר האָבן געבעטן דעם שמש ברענגען, האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם מנין וואָס איז נויטיק צו אַ חתונה.

מען האָט אָפּגעקאָכט אַ פּאָר הינער, בראַנפן, וויין האָט אויך ניט געפעלט. מיר האָבן געוואַרט אויפן הויפּט־מחותן, אַנדרייעוו, וואָרעם ווי קען מען דען דורכפירן די חתונה־צערעמאָניע און פרייען זיך מיט די וואָס גייען אַרבעטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי, אָן דעם פירער פון דער „שוואַרצער מאה"?... אָבער ער איז ניט געקומען.

איך האָב אויף מאָרגן אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט אַרומגעזוכט דעם נומער פון הויז וואו די חתונה איז פאָרגעקומען און האָט אין דער פינצטערער נאַכט ניט געקענט געפינען. אַ שאָד: מיר האָבן זייער געוואָלט האָבן דעם פירער פון דער „שוואַרצער מאה" ביים שמידן דעם געווער, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט צו באַגראָבן דעם צאַריזם...

קאַפּלינסקי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען ער איז געזעסן אין מאָסקווער טורמע, האָט ער אויסגעאַרבעט אַ „פּלאַן" ווי איינצואָר־דענען די דרוקעריי אַזוי, אַז ווען אפילו מען קומט און מען מאַכט אַ הויז־זוכונג וועט מען קיין זאַך ניט קאָנען געפינען.

זיין פּלאַן איז געווען, אַז אין אונטערשטן טייל פון פענצטער זאָל מען אויסהאַקן אַ טיפע לאָך און אַרויסנעמען אַ ריי ציגל. דאַן וועט מען די ברעט וואָס דעקט צו די ציגל איינאָרדענען אַזוי, אַז זי זאָל זיך אַרויסציען און בלייבן הענגען אויף „זאַוועסעס". אין דער

לאָך וועלן שטיין די קעסטלעך מיט שריפט. ביים קלענסטן פּאַרדאַכט וועט מען די ברעט אַריינרוקן צוריק און קיין זאַך וועט ניט זיין קאַנ־טיק. פון דער וואַנט פון אויוון, לעבן דיל, וועט מען אַרויסנעמען עטלעכע קאַכלס. מען וועט אויך אַרויסנעמען אַזוי פיל ציגל, אַז עס וועט ווערן גענוג פּלאַץ, וואו צו האַלטן די דרוק־מאַשין, פּאַפּיר, פאַרב, מאַנוסקריפּטן, אָפּגעדרוקטע זאַכן א. א. וו. פון די אַרויסגענומענע קאַכל פון וואַנט וועט מען מאַכן אַ טיר, וואָס וועט אויך זיך עפענ־נען און צומאַכן אויף זאַוועסעס. ווען אַלץ וועט ליגן אין דער וואַנט פון אויוון און די קאַכלנע טיר וועט זיין צוגעמאַכט, וועט קיין זאַך ניט זיין קאָנטיק. ווען מען וועט אַרבעטן אויפן מאַשין, זאָל זי דאָן שטיין אין אַ קאָמאָד אַזוי, אַז ווען מען דאַרף, זאָל מען גלייך קאָנען אַרונטערלאָזן דעם צודעק איבער איר און קיין זאַך וועט ניט זיין קענטיק.

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ וואוינונג, וואו מען זאָל קאָנען דורכפירן דעם „פּלאַן”. אָבער עס איז געווען שווער צו געפינען אַזאַ וואוינונג. עס האָט געמוזט זיין אַ ציגל־הויז. אַ הילצערנע הויז האָט ניט געטויגט פאַרן פּלאַן. די וואוינונג האָט ניט געקאָנט זיין אויפן ערשטן עטאַזש, ווייל עס וואָלט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון דער מאַשין. עס האָט אויך ניט געקענט זיין אויפן דריטן עטאַזש, ווייל וואָס העכער אַלץ דינער איז די ציגל־וואַנט און עס וואָלט ניט געווען גענוג פּלאַץ אונטערן פענצטער פאַר די שריפט. די פענצטער פון דער וואוינונג האָט ניט געטאָרט זיין צו נאָענט צו די פענצטער פון אַ צווייטער וואוינונג, ווייל עס איז געווען אַ געפאַר, אַז זיי וועלן זען אָדער הערן, ווי די מאַשין אַרבעט, אָדער באַמערקן, ווי מען קלייבט די שריפט לעבן פענצטער (לויטן „פּלאַן”). די קאַכלנע וואַנט פון אויוון האָט געדאַרפט זיין גענוג גרויס צו קאָנען מאַכן דאָרט דעם פּלאַץ פאַר דער מאַשין.

מיט גרויס שוועריקייט האָט זיך אונדז ענדלעך פּאָרט איינגעגעבן צו געפינען אַ פּאַסנדיקע וואוינונג אויף גרויס סטעפּן־גאַס, אויפן צווייטן שטאָק. מיר האָבן געקויפט די ביליגסטע מעבל, וואָס איז געווען נייטיק, כדי די צוויי צימערן זאָלן ניט אויסזען ליידיק.

דער ערשטער צימער, וואו עס איז אויך געווען די אויוון צום קאָכן, איז „מעבלירט” געוואָרן מיט אַ טישל, צוויי שטולן און אַ קאַ־נאַפּע, אויף וועלכער איך האָב געדאַרפט שלאָפן. אין צווייטן צימער

איז געשטאַנען דער קאַמאַד, וואו די מאַשין האָט געדאַרפט שטיין און אַן אייזערנע בעטל.

צו קויפן די אָרעמע מעבל, איז אונדז אויך געווען שווער, ווייל דער קאָמיטעט האָט געמוזט יעדן רובל וואָס ער האָט געהאַט, געבן ישראל־מיכלען פאַר דער דרוק־מאַשין און אויף איינשטעלן די דרוק־קעריי. צו אונדזער „מזל", האָט מען אונדז דערצו נאָך גלייך ביים אַריינקלייבן זיך, באַגנבעט. מיר האָבן אַריבערגעטראָגן די ביסל זאַכן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונדזערע צימערן, וואו מיר האָבן געוואוינט באַזונדער, פאַרשלאָסן די טיר און אַוועקגעגאַנגען צו מער־לען, אויף פּאָפּלאַוועס. אָבער קומענדיק צוריק האָבן מיר געטראָפן דעם שלאָס אויפגעבראָכן און אונדזער ביסל אָרעמקייט צוגענומען. מיר זיינען געווען דאַנקבאַר די גנבים, וואָס זיי האָבן אונדז כאָטש איבערגעלאָזן אַ קישן אויף צו שלאָפן און דעם זאַק, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי אַלס מאַטראַץ... זיי האָבן אויך ניט צוגע־נומען די שטיקלעך אייזן פון דער דרוק־מאַשין, וואָס איז שוין דאָרט געלעגן.

גרישע סאָראָקאַ, אַלס סטאָליער, האָט פאַר אונדז געמאַכט דעם קאַמאַד און אויך דעם אונטערשטן טייל פון פענצטער, וואָס מען האָט געדאַרפט איבערבויען צו האַלטן די שריפט. ישראל־מיכל אַלס „אינ־זשינער" האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט און געמאַכט אַלע אייזערנע טיילן: ווי זאַוועסעס, רעלסן א. א. וו.

אָבער ווען מען האָט געפּרוּווט אָנהויבן אַרבעטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַך איז גאָר נישט אַזוי איינפאַך ווי מען האָט זיך פון אָנהויב פאָרגעשטעלט.

קודם כל האָט מען אָנגעהויבן איבערבויען דעם אונטערשטן טייל פענצטער, דעם פענצטער־שוועל. מען האָט אים אַרויסגענומען און אָנגעהויבן אויסהאַקן די ציגל אין וואַנט צו מאַכן פּלאַץ פאַר די שריפט. טאָן האָט מען דאָס געקאָנט נאָר אין די אָוונטן, ווען איך בין געקומען פון דער אַרבעט, און דעמאָלט האָט מען געדאַרפט אַרויס־האַקן די ציגל זייער פאָרזיכטיק. דער הויף, וואו די פענצטער זיינען אַרויס איז געווען אַ שמאָלער און די פענצטער אין ווינקל פון הויף, וואו ס'איז גאַנץ נאָענט געווען אַ פענצטער פון אַ צווייטער וואוי־נונג. מען האָט זיך געדאַרפט היטן, אַז דער האַקן פון די ציגל זאָל זיך ניט הערן אין דער אָנטקעגנדיקער וואוינונג. עס איז אויך געווען

אַ געפאַר, אַז ביים קלענסטן פאַרדאַכט, זאָל דער אייגנטימער פון הויז אַריינגיין זען וואָס מען ברעכט און מען קלאַפּט יעדן אָוונט אין דער וואוינונג.

ביסלעכווייז האָט מען אויסגעהאַקט אונטערן שוועל פון פענצ־טער אַזוי פיל פלאַץ ווי מיר האָבן געדאַרפט. גרישאַ האָט געבראַכט די נייע פענצטער־ברעט, ישראל מיכל האָט אַריינגעפּאַסט די רעלסן אויף וועלכע די ברעט האָט זיך געדאַרפט אַריינרוקן, אַרויסציען און בלייבן הענגען אויף „זאַוועסעס". צום סוף האָט מען די אויסגעבראָ־כענע טיילן פון וואַנט פאַרשמירט און אָפּגעפאַרבט אין דעם זעלבן קאָליר אַזוי, אַז עס איז געווען שווער צו דערקענען, אַז אין דער וואַנט אונטערן פענצטער געפינט זיך עפּעס.

פאַרטיק געוואָרן מיט די שריפט, האָבן מיר זיך גענומען צום אויוון.

אין וואַנט פון אויוון, אַנהויבנדיק פון דיל, האָבן מיר אַרויס־גענומען עטלעכע קאַכל, אַזוי אַז מען זאָל קענען אַריינרוקן די מאַשין, ביי אַ פופצן אינטשעס ברייט, און ביז 30 אינטשעס די לענג. מען האָט דאָרט אויך געדאַרפט מאַכן פלאַץ פאַר די געדרוקטע מאַטער־יאַלן, פאַרב, א. א. וו. די אַרויסגענומענע קאַכליעס זיינען אַריינגע־פּאַסט געוואָרן אין אַן אייזערנער רעמל און צוגעפּעסטיקט געוואָרן מיט זאַוועסעס צו די אַנדערע קאַכליעס פון אויוון. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק און מען האָט צוגעמאַכט דאָס קאַכעלנע טירל, איז אַזוי ווי אונטערן פענצטער, קיין זאַך ניט געווען קענטיק.

איצט האָט מען געדאַרפט געפינען וואו אַהינצוטאָן די אַרויס־גענומענע ציגל. מען האָט זיי ניט געקענט אַרויסטראָגן און לאָזן אין זעלבן הויף ווייל דער אייגנטימער פון הויז וואָלט גלייך גענומען אונטערזוכן פון וואַנען זיי קומען. האָבן מיר ביסלעכווייז אַ טייל פון זיי אַריינגעוואָרפן אין די אָפּטרעט־גריבער. אין ווילנע זיינען די אָפּטרעטן געווען אין הויף. אין אַן אָפּגעצאַמטן פלאַץ איבער אַ טי־פער גרוב, וואו עס גייט אַריין דער אָפּפאַל. האָבן מיר ביסלעכווייז אַריינגעוואָרפן אַהין אַ טייל ציגל, און אַנדערע ציגל אַוועקגעטראָגן און צעוואָרפן אין אַנדערע הויפן.

שווערער איז געווען אַרויסצוואַרפן די ניט־נויטיקע בוכ־שטאַבן, וואָס זיינען ביי אונדז געווען אין אַ גרויסער צאָל, מיר האָבן די זעקלעך מיט די בוכשטאַבן ניט געקענט וואַרפן, וואו עס מאַכט זיך,

ווי די ציגל. האָב איך און חנה ביסלעכווייז, אין די שפּעטע אָוונטן אוועקגעטראָגן זיי צום טייכל, און האָבן זיי דאָרטן אַריינגעוואָרפן.

די צוויי „מעכאַניקער" פון דעם פּלאַן, קאַפּלינסקי און גרישע סאָראָקאַ, און אוודאי אויך איך און חנה זיינען געווען פול מיט פרייד, וואָס ענדלעך האָבן מיר אַלץ געמאַכט לויטן „פּלאַן" נאָך. דערהויפּט זיינען מיר געווען צופרידן, וואָס די אַרבעט האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבן. אָבער ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל איינגעהייצט דעם אויוון, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה: אויסהאַקנדיק די ציגל פון אויוון, האָט מען צעבראָכן די „ליוכטעס", וואָס מאַכן אַז דער רויך זאָל גיין אין קוימען. און איצט איז דער רויך געגאַנגען ניט אין קוימען, נאָר צו אונדז אין די צימערן. צו דעם זיינען אויך די ווענט שטענדיק געווען אַזוי נאַס, ווי אַ רעגן וואָלט אויף זיי געגאָסן. דער רויך פון אויוון מיט די נאַסע ווענט, האָט אָבער ניט געקענט אָפּקילן אונדזער באַגייסטערונג פאַר דעם דערפאָלג פון דעם „פּלאַן"...

עס האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער מאַי, 1900. דער ווילנער קאָמיטעט האָט צוגעגרייט אַן ערשטער־מאַי־פּראָקלאַמאַציע, וואָס מיר האָבן געדאַרפט אָפּדרוקן.

אין דעם פּלאַץ וואָס איך האָב געאַרבעט האָב איך פון טאָוול געמאַכט די קעסטעלעך צו האַלטן די באַזונדערע בוכשטאַבן. איך האָב זיי אַריינגעפּאַסט אין דעם פּלאַץ אונטערן פענצטער, וואו זיי האָבן געדאַרפט געהאַלטן ווערן אויף צו אַרבעטן. אויפן פענצטער האָט מען אָנגעהאַנגען אַ דיקן פאָרהאַנג קיין זאַך זאָל זיך ניט זען פון דרויסן.

אַזוי ווי דער קאָמיטעט האָט אַלץ געהאַט ווייניק געלט, האָב איך פאָרגעשלאָגן אַז איך וועל אַרבעטן ביי אַנדרייעוון און מיר וועלן צוזאַמען מיט חנהן מאַכן די אַרבעט אין די אָוונטן.

מיר האָבן אויסגעזעצט די פּראָקלאַמאַציע און ישראל מיכל איז געקומען אויספּרובירן זיין מאַשין ווי זי וועט אַרבעטן. ער האָט אַריינגעשטעלט די פּראָקלאַמאַציע, איינגעשלאָסן דעם זאַץ אין דער אייזערנער ראַם, גענומען פירן די וואַליקעס, איינער אַ ווייכער אויף אָנצושמירן די פאַרב און אַ צווייטער אַ האַרטער, צוצופּרעסן די פּאַפּיר אויף דעם אָנגעשמירטן זאַץ. אָבער די מאַשין אַרבעט ניט.

דאָס איז געווען די ערשטע מאַשין, וואָס ישראל מיכל האָט געמאַכט, זי זאָל דרוקן בעסער און שנעלער, ווי אין דער ערשטער

באַברויסקער דרוקעריי. אינטערעסאַנט איז דאָ צו דערמאָנען, ווי מען האָט אין יענער צייט געדרוקט אין באַברויסק און אין אַנדערע אומלעגאַלע דרוקערייען ביז ישראל מיכל האָט געמאַכט זיינע אויסבעסערונגען.

אין אַן אייזערנער רעמל פון אַן ערך אַכט אינטשעס די ברייט און צוועלף אינטשעס די לענג האָט מען אַריינגעשטעלט דעם אויפגעזעצטן שריפט און אים שטאַרק איינגעשלאָסן. דאָס רעמל מיטן שריפט איז געשטאַנען אויף אַ דיקער גלאָז, כדי די בוכשטאַבן זאָלן זיך האַלטן גלייך. אויף אַ צווייטער גלאָז איז געווען אָנגעשמירט די פאַרב. מען האָט גענומען אַ ווייכן גומענעם וואַליק, אָנגענומען מיט אים די פאַרב פון גלאָז און איבערגעגאַנגען מיט אים איבער דעם שריפט. דאַן האָט מען אַרויפגעלייגט דעם פאַפיר אויף דעם שריפט און מיט אַ האַרטן וואַליק איבערגעגאַנגען און שטאַרק צוגעדריקט די פאַפיר. דאָס איז געווען זייער אַ לאַנגזאַמער און שווערער אופן פון דרוקן.

קאַפּלינסקיס אויסגעבעסערטע מאַשין האָט געהאַט ביידע וואַליקעס, אויף אַנשמירן און צודריקן אין דער מאַשין גופא, וועלכע האָט געאַרבעט אויטאָמאַטיש, מיט איין צי פון דעם הענטל. דער געבוי פון זיין מאַשין איז געווען געמאַכט לויט די האַנט־דרוק־מאַשינען אין די לעגאַלע דרוקערייען, נאָר אין אַן איינפאַכערער, פאַרקלענערטער פאָרם.

אַזעלכע מאַשינען האָט קאַפּלינסקי שפּעטער געמאַכט פאַר אַלע אומלעגאַלע דרוקערייען וואָס האָבן געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס און אַנדערע אויסגאַבן אין די פיל טויזנטער. אָבער „אונדזער" מאַשין איז געווען די ערשטע, וואָס ער האָט געמאַכט און נאָר נאָכן אָנהויבן אַרבעטן אויף איר האָט ער געקענט זען ווי אויסצובעסערן זי. דערווייל אָבער האָבן מיר שוין געמוזט אָפּדרוקן די ערשטער־מאַי־פּראָקלאַמאַציע אויפן אַלטן לאַנגזאַמען וועג.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער פּראָקלאַמאַציע, האָבן מיר אָנגעהויבן זעצן דעם זשורנאַל פון ווילנער קאָמיטעט „קלאַסן־קאַמף". די אַרבעט האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט. איך האָב זיך אויסגעלערנט זעצן די שריפט און חנה האָט מיר געהאָלפן ווען מיר האָבן געדאַרפט דרוקן.

מיר האָבן אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונגען מיטן קאָמיטעט דורך

א „פּאַרמיטלער". די פּאַרמיטלערין איז געווען אַדעליע — אַ שנייַ־דערקע. זי איז איצט די פרוי פון גרישא שאַלאַכמאַן אין ניו יאָרק.

אַדעליע פלעגט קריגן דעם מאַטעריאַל וואָס מען דאַרף זעצן פון מאַקס מאַזאָווערן און ברענגען צו אונדז. פון אונדז האָט זי צוגענומען דעם אָפּגעדרוקטן מאַטעריאַל. קיינער האָט ניט געטאָרט קומען צו אונדז אַחוץ אַדעליען און ישראל מיכל, ביז ער האָט געמאַכט, אַז די מאַשין זאָל אַרבעטן. אַדעליע איז צוליב דער „פּאַרמיטלעריי" צוריק־געצויגן געוואָרן פון איר אַרבעט אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע.

סוף יוני 1900, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַן אַרבעטער וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק און איז געבראַכט גע־וואָרן אין מאָסקווע צו זובאַטאָוון, האָט אַרויסגעגעבן אייניקע טוער פון דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע, און האָט אָנגערופן אויך מיין נאָמען.

מיר האָבן אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט צו באַוואָרענען זיך, אַז אויב מ'וועט קומען מאַכן ביי אונדז אַ הויז־זוכונג, זאָל מען קיין זאַך ניט געפינען. אָבער עס וואָלט געווען אַן אומזין צו בלייבן אין דער וואוינונג, וואו מיין אמתער נאָמען איז געווען איינגעמאָלדן ביי דער ווילנער פּאָליציי. מיר האָבן דערפאַר געמוזט גלייך אַלץ אַרויסנעמען: די מאַשין, זאַץ, פּאַפּיר, פאַרב א. א. וו. און קריגן פאַר דעם אַ צייט־ווייליקן פּלאַץ ביז מיר וועלן באַשליסן וואָס צו טאָן ווייטער. מיר האָבן אַלץ אַוועקגעפירט צו מוסלען, די פרוי פון אַוורעמטשיק דעם איינבינדער (וועלכער געפינט זיך איצט אין ניו יאָרק), זיי האָבן דעמאָלט געוואוינט אין „רוזעלע" — אַ פאַרשטאָט פון ווילנע — אין אַ זומער־וואוינונג. (מוסל איז געשטאָרבן, ענדע 1945 אין ניו־יאָרק).

מיר גיבן איבער די וואוינונג פון דרוק צו אַ זשאַנדאַר

עס איז באַשלאָסן געוואָרן זוכן אַן אַנדער וואוינונג און אַריינ־קלייבן זיך אַהין אונטער אַ פאַלשן נאָמען און פאַמיליע אונטער אַ „געמאַכטן" פּאַספּאָרט.

אין ווילנע פלעגט מען פאַרדינגען וואוינונגען אויפן קוואַרטאַל — דריי מאָנאַטן — די הויפּט־צייט ווען מען פלעגט דינגען וואוינונגען איז געווען צוויי מאָל אַ יאָר — נאָך פּסח און נאָך סוכות. אין מיטן זומער אָדער אין מיטן ווינטער איז געווען פיל שווערער צו געפינען אַ דירה.

ווען איינער האָט זיך געוואָלט אַרויסקלייבן פון זיין דירה, האָט ער געמוזט אָנזאָגן מיט זעקס וואָכן פריער, ווען ניט, האָט מען גע־דאַרפט איינצאָלן פאַר דריי חדשים דירה־געלט. אונדז איז אויסגע־קומען זוכן אַ דירה ניט אין דער ריכטיקער צייט. נאָך פיל זוכעניש האָבן מיר ענדלעך געפונען אַ דירה אויף „לוקישקעס". די דירה איז געווען אַן איינשטאָקיקע, אָבער דערפאַר אַן אָפּגעזונדערטע אין אַ באַזונדערן הויפל, וואָס האָט זיך געפונען לעבן אַ גרויסער הויז, וואָס האָט געהערט צום זעלבן איינגנטימער.

איינאָרדענען דעם דרוק אין דער נייער דירה, לויט ישראל מיכלס פּלאַן, האָט קיין זינען ניט געהאַט: ערשטנס, איז די דירה ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר דעם, צווייטנס האָבן מיר שוין געהאַט אַ „גוטע לעקציע", וואָס אַריינלייגנדיק אַזוי פיל אָנגעשטרענגטע אַר־בעט און געלט, אין דער ערשטער דירה, האָבן מיר זיך געמוזט אַרויס־קלייבן פון איר. האָבן מיר עס דערפאַר דאָס מאָל געמאַכט פּשוטער: די מאַשין איז געשטאַנען אין קאָמאָד, וועלכער איז אַלעמאָל געווען צוגעדעקט מיט אַ שיינעם צודעק, די דעק פון קאָמאָד האָט געקאָנט אויפגעהויבן ווערן צוזאַמען מיטן צודעק און אין אַ סעקונדע האָט מען זי געקאָנט אַרונטערלאָזן און עס איז געשטאַנען אַ שיינער צו־געדעקטער קאָמאָד. דער שריפט אין די שריפט־קעסטלעך איז געשטאַ־נען אויפן טיש און דאָס האָט געגומען לענגער צוצונעמען.

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אויף דער מאַשין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס הערט זיך אין הויף ווי די מאַשין קלאַפּט. פאַר־שטייט זיך, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך ווייטער אָנצוגיין דאָ מיט דער אַרבעט. האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוהענגען אַ צעטל, אַז מיר גיבן איבער די דירה, וואָרעם ווען ניט, וואָלטן מיר ווידער געדאַרפט אָפּצאָלן פאַר דריי מאָנאַטן, און קיין געלט האָבן מיר ניט געהאַט.

האָבן מיר אַרויסגעהאָנגען אַ צעטל און זיינען דער ווייל אָנגע־גאַנגען מיט דער אַרבעט. מיר האָבן געהאַלטן פאַרשפּאַרט די טיר און אַז מיר פלעגן דערזען אימיצן גיין צו אונדז אָנקוקן די דירה פלעגן מיר אַלץ צונעמען.

איינמאָל קום איך אַהיים מיטאָג עסן, נעם זיך אַריינכאַפּן אַ ביסל אַרבעטן, און נעם אַרויס דעם שריפט צום זעצן. ערשט חנה לויפט צו מיר צו און זאָגט אַז אַ זשאַנדאַר גייט. שנעל האָב איך אַלץ צוגענומען ביז זי איז געגאַנגען עפענען די טיר.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער זשאַנדאַר איז געקומען באַ־קוקן די דירה. מיר האָבן אים זייער העפלעך געבעטן צוזעצן זיך. ער האָט גענומען פאַנאַנדערפרעגן, ווי לאַנג מיר וואוינען דאָ און פאַר־וואָס מיר קלייבן זיך אַרויס. מיר האָבן אים דערקלערט, אַז די דירה געפעלט אונדז זייער, נאָר מיר מוזן אַרויספאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, דעריבער גיבן מיר זי איבער, ער האָט צוגעזאָגט קומען מיט זיין פרוי נאָך אַמאָל אָנקוקן די דירה.

פאַר דער צייט וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט מיטן זשאַנדאַר, האָט זיך מיין שטונדע, וואָס איך האָב געהאַט פאַר מיטאָג עסן געענדיקט. זיינען מיר ביידע אַרויס צוזאַמען. גייענדיק מיט אים אין גאַס האָט געטראָפן עפּעס אומגעריכט, וואָס האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייער אומאָנגענעמער לאַגע.

ווען מיר האָבן געוואוינט אין אונדזער ערשטער דירה, אויף גרויס סטעפּן גאַס, האָבן מיר געקויפט אַ ניי־מאַשין אויף אויסצאָלן. דאָרט זיינען מיר געווען פאַרשריבן אויף מיין ריכטיקן נאָמען — לעווין. מיין נאָמען אין נייעם, פאַלשן פּאַספּאָרט, איז געווען ליפּ־שיץ און אונטער דעם נאָמען האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם זשאַנדאַר.

גיי איך מיט דעם זשאַנדאַר אין גאַס און באַגעגן דעם אַגענט פון דער ניי־מאַשין, ער גיט מיר די האַנט און באַגריסט מיך פריינטלעך — הער לעווין, פרעגט זיך נאָך וואָס עס מאַכט מיין פרוי, בעט מיך אָפּצוגעבן איר אַ גערוס. איך האָב געציילט יעדע סעקונדע, ווען ער וועט שוין אַוועקגיין און געקלערט וואָס צו זאָגן דעם זשאַנדאַר וועגן מיין געענדערטן נאָמען.

ווען דער אַגענט איז אַוועק האָב איך גענומען דערקלערן דעם זשאַנדאַר דעם טעות, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן רופן מיך מיט אַן אַנדער נאָמען. איך האָב אים דערקלערט, אַז מיין פרוים מיידלשער נאָמען איז לעווין. זי האָט געקויפט די מאַשין איידער מיר האָבן חתונה געהאַט און פאַרשריבן אין קאָנטראַקט איר מיידלשע פאַמיליע, רופט ער מיך מיט יענער פאַמיליע.

אויף מאָרגן איז דער זשאַנדאַר געקומען מיט זיין פרוי, איר איז געפעלן געוואָרן די וואוינונג און זיי האָבן זי איבערגענומען פון אונדז.

מיר האָבן געפונען אַן אַנדער דירה אויף טאַטערשער גאַס, אין

א הילצערנער הויז, אָבער אויפן צווייטן עטאַזש, וואו מיר האָבן אויס־געגרעכנט, אַז דאָס קלאַפּן פון דער מאַשין וועט זיך ניט אַזוי הערן.

סוף 1900 איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרגרעסערן די דרוקעריי און מאַכן זי פאַר אַ ראַיאָנער דרוקעריי.

ביאַליסטאָק האָט אַרויסגעגעבן אַן אומלעגאַלן אָרגאַן „דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער", דער ערשטער נומער איז געווען געדרוקט אין אויסלאַנד. מינסק האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אומלע־גאַלן אָרגאַן „דער מינסקער אַרבעטער". צוזאַמען מיט דעם אָרגאַן פון ווילנער קאָמיטעט „קלאַסן־קאַמף", האָבן מיר שוין געהאַט דריי זשורנאַלן צו דרוקן.

איך האָב געמוזט צוליב דעם אויפהערן אַרבעטן ביי אַנדרייעוון. אים האָב איך געזאָגט, אַז איך פאָר אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט, וואו איך האָב אַ מעגלעכקייט צו עפענען אַ „מאַסטערסקאַיע" (װאַרשטאַט) פאַר זיך, און ער האָט זייער באַדויערט וואָס איך גיי פון אים אַוועק. שפּעטער האָב איך זיך כסדר געמוזט היטן, ער זאָל מיך ניט באַגע־גענען, ווייל אונדזער דירה אויף טאָטערשער גאַס איז געווען זייער נאָענט צו זיין פּאַפּיר געשעפט. ער האָט מיך טאַקע באַגעגנט מיט אַ יאָר שפּעטער לעבן אַ פּאַפּיר געשעפט, וואו איך פלעג קויפן פּאַפּיר פאַר אונדזער דרוק. איך האָב אים דערציילט דאָס זעלבע, וואָס איך פלעג זאָגן דעם אייגנטימער פון פּאַפּיר געשעפט, אַז איך האָב אַן איינבינדעריי אין אַ קליין שטעטל, ניט ווייט פון ווילנע און קויף די פּאַפּיר פאַר מיין אַרבעט.

צוליב דער פאַרגרעסערטער אַרבעט האָט מען געדאַרפט האָבן נאָך אַ מאַן אין דרוק. איטשקע מאַסלאָוו (איסאַק) איז אָנגעקומען אַרבעטן מיט אונדז. איך און חנה זיינען געווען זייער צופרידן מיט איטשקעס קומען. ער איז געווען אַ נאָענטער פריינט אונדזערער נאָך פון מינסק.

אונדזער דירה האָט געהאַט צוויי צימערן. דער ערשטער, אַ קלע־נערער, וואו עס איז געווען דער אויוון צום קאָכן, איז אויך געווען איטשקעס שלאָף־צימער. אין צווייטן צימער, אַ גרעסערער, איז געווען איינגעאָרדנט די דרוקעריי וואו עס איז אויך געווען אונדזער שלאָף־צימער.

אַזוי ווי מיר, צוויי מענער, זיינען געווען שטענדיק אין הויז,

האָבן מיר, כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט, איינגעאָרדנט אַן איינ־בינדעריי און געזאָגט, אַז מיר ביידע אַרבעטן דערביי.

מיר האָבן צוגעקראָגן מער שריפט. גרישא סאַראַקא האָט גע־מאַכט אַ טיש, וואו מען האָט געקענט אינעווייניק אַריינשטעלן אַלע קעסטלעך מיט שריפט פאַר אונדז ביידן צו אַרבעטן. דער טיש איז געווען געמאַכט אַזוי ווי די אויבערשטע דעק פון קאָמאָד, וואו די מאַשין איז געשטאַנען, אַז די גאַנצע ברעט פון טיש זאָל זיך אויפ־הויבן. ווען מען האָט געדאַרפט צודעקן די שריפט־קעסטלעך, האָט געמומען אַ סעקונדע אַרונטערצולאָזן די ברעט. מיר האָבן אַלע מאָל געהאַט צוגעגרייט ביכער צום איינבינדן. ווען ווער עס־איז פלעגט אַנקלאַפּן, וואָס דאָס האָט געטראָפן זייער זעלטן, פלעגט פאַר דער צייט, וואָס עס האָט גענומען צו עפענען די טיר, אַלץ צוגעמאַכט ווערן און מיר זיינען געשטאַנען ביי אונדזער בוכבינדעריי־אַרבעט.

מיר האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט. צו די דריי אומלעגאַלע זשור־נאַלן וואָס מיר האָבן געדרוקט, האָבן מיר געהאַט אויך פיל פּראָקלאַ־מאַציעס, וואָס די דריי שטעט, ווילנע, מינסק און ביאַליסטאָק האָבן אַרויסגעגעבן.

ווען אונדזער ערשטע קינד איז געבוירן געוואָרן, איז אונדזער לעגאַלקייט דורך דעם אַליין פאַרשטאַרקט געוואָרן. עס האָט ניט גע־קענט פאַלן קיין חשד אויף אונדז ביים אייגנטימער פון הויז אָדער ביי די אַרומיקע שכנים, וואָרעם זיי וואָלט זיך ניט געלייגט אויפן שכל, אַז מענטשן, וואָס האָבן קינדער, קאָנען זיך פאַרנעמען מיט רע־וואָלוציאָנערע אַרבעט.

אונדזער זון איז געבוירן געוואָרן אין זעלבן צימער, וואו מיר האָבן געזעצט און געדרוקט אונדזער רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. אין יענער צייט האָט מען אין ווילנע ניט געוואוסט פון קימפּעטאָרן־שפּיטאָלן. אָרעמע מענטשן האָבן אַפילו ניט געקענט רופן קיין דאָק־טער. ביי אונדז איז אַן „אַקושערקע" געווען ביי דער קימפּעטאָרינס בעט און האָט געטאָן אַלץ, וואָס עס איז געווען נויטיק.

מיר האָבן זיך געגרייט צו פּראַווען אַן אמתן ברית, ווי יע־דער דורכשניטלעכער יידישער אַרבעטער מאַכט, ווען עס ווערט געבוירן אַ זון.

אָבער צו אַ ברית מוז מען אַמווייניקסטן האָבן צען מענער (אַ מנין). האָבן מיר געטאָן אַזוי ווי צו דער חתונה: מיר האָבן

גערופן די, וואָס האָבן סיי ווי געוואוסט וועגן דער דרוק. ישראל־מיכל, גרישא סאָראָקאָ, מאַקס מאַזאָווער, סערגעי ניעמאַנסקי — ביידע מיטגלידער פון ווילנער קאָמיטעט און די רעדאַקטאָרן פון „קלאַסן־קאַמף" — איטשקע מאַסלאָוו, איך, דער שמש, מוהל און נאָך צוויי יידן, וואָס מיר האָבן געבעטן דעם שמש צו ברענגען, האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם „מנין".

איך מוז דאָ באַמערקן, אַז ווי מיר האָבן דאַן געקוקט אויף רעליגיע, איז אַ גרויסע פראַגע צי מיר וואָלטן גאָר געטראַכט וועגן דער צערעמאָניע פון מאַכן אַ ברית. אָבער אין אונדזער פאַל איז דער ברית, ווי פריער די חתונה, געווען פאַרבונדן מיט מאַכן וואָס מער לעגאַל די דרוק, אַז קיין פאַרדאַכט זאָל ניט פאַלן. און עס איז ניט געווען אַזאַ זאַך, ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין פאַר אונדז, אַז מיר זאָלן ניט איינשטימען צו טאָן צוליב דעם.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם נאָמען, וואָס מיר האָבן געגעבן אונדזער זון — „ברוך". מען האָט געוויינטלעך געקענט געפינען נעמען פאַרשטאָרבענע אין מיין אָדער אין מיין פרוים פאַמיליע, נאָך וועמען מען זאָל קאָנען אַ נאָמען געבן, ווי עס פירט זיך ביי יידן. אָבער מיר האָבן ביידע איינגעשטימט אַז געבן אַ נאָמען נאָך אַ טויטן, מיינט גאָר ניט. מען דאַרף געבן אַ נאָמען נאָך אַ פּערזאָן, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיר האָבן געלייענט וועגן דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף, ברוך שפּינאָזע, ווי ער האָט געקעמפט פאַרן אמת, ווי ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שוועריקייטן, פאַר קיין שום פערזענלעכע קרבנות, צו שרייבן, פריידיקן דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק. האָבן מיר ביידע באַשלאָסן, אַז שפּינאָזע איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער קעמפער אין זיין צייט, וואָס קען זיך פאַרגלייכן מיט די בעסטע אידעאַליסטן פון אונדזער צייט. און מיר האָבן איינגעשטימט, אַז דער פּאַסנדסטער נאָמען פאַר אונדזער זון וועט זיין „ברוך".

דערווייל האָט איטשקע מאַסלאָוו געדאַרפט אָוועקפאָרן קיין וואַרשע צו אַרבעטן דאָרט אין דער פּאַרטיי דרוקעריי, און צו אַרבעטן מיט אונדז האָט מען געשיקט אונדזערן אַ באַקאַנטן פון מינסק, הלל דעם קאָמאַשן־שטעפּער.

הילל איז ניט געווען מיט אונדז אַזוי נאָענט ווי איטשקע.

אָבער מיר האָבן אים געקענט פון דער מינסקער באַוועגונג. ער איז געווען אַ וואוילער, האַרציקער חבר. ער האָט אויך געהאַט אַ גוטע איינגעשאַפּט פון קאָנען צופּאַסן זיך צום לעבן אין אַן אומלעגאַלער דרוק, אַ לעבן, וואָס איז געווען שווער, אַז נאָר ווייניקע האָבן עס אויסגעהאַלטן אַ לענגערע צייט.

אונדז דוכט זיך אַז אַ שפּיאָן היט אונדזער דרוק

הילל האָט זיך אין אַ קורצער צייט אויסגעלערנט די אַרבעט. מיר האָבן ווידער איינגעשטעלט די זעלבע אינטענסיווקייט, אין דרוקן און אַרויסגעבן די אַרבעט וואָס מיר האָבן פריער דערגרייכט.

אונדזער פאַרמיטלערין מיט דעם ווילנער קאָמיטעט איז דאַן געווען „ראָכעלע", סערגיי ניעמאַנסקיס אַ שוועגערין. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט פיל אַרבעט, פלעגט זי קומען צו אונדז יעדן טאָג — ברענגען מאַטעריאַל צום דרוקן, און צונעמען דאָס אָפּגעדרוקטע. איז רחלע איינמאָל אַריינגעקומען צו אונדז אַ בלייכע, אַן איבער־געשראָקענע און זאָגט אונדז, אַז זי האָט אַ לענגערע צייט ניט גע־קענט אַריינקומען צו אונדז, ווייל עמעצער קוקט נאָך אונדזער הויז.

מיין פרוי האָט גענומען אַ קליין קערבעלע, מיט וועלכער זי פלעגט גיין איינקויפן און איז אַרויס אין דרויסן. אינגיכן איז זי צו־ריקגעקומען מיט די זעלביקע נייס, אַז דער מאַן ווי רחלע האָט איבערגעגעבן זיין אויסזען, גייט אַרום איבערן טראָטואַר פאַרביי אונדזער הויז.

עס איז געווען אין אָוונט. מיר האָבן אָפּגעוואַרט אַ קורצע צייט און איך בין אַרויס אין גאַס. איך בין דורכגעגאַנגען אייניקע גאַסן, ניט קוקנדיק הינטער זיך אָדער אין די זייטן. ווען איך בין צוריק־געקומען אויף אונדזער גאַס און גענומען גיין מיטן טראָטואַר אַנט־קעגן אונדזער הויז האָב איך אויך באַמערקט די זעלבע פּערזאָן, אַ טיפּישער שפּיאָן פון זובאַטאָווס חברה: הויך, יונג מיט קליינע בלאָנדע וואָנסן.

אויף מאָרגן האָבן מיר דורכן טאָג קיינעם ניט באַמערקט, אָבער פאַרנאַכט איז דער זעלבער פאַרשוין ווידער געקומען. צום סוף איז רחלע געקומען מיט אַ באַשלוס פון ניעמאַנסקען, אַז מען זאָל שנעל זוכן אַן אַנדער דירה.

עס איז געווען אָנהויב מערץ. די ערגסטע צייט צו געפינען אַ

דירה, האָבן מיר באַשלאָסן צו געפינען וואָס עס איז, אַריבערפירן די דרוק און איבערזײַן דאָרט די קורצע צײַט ביז נאָך פּסח, ווען עס איז די צײַט צו דינגען דירות.

מיר האָבן געדונגען אַ דירה אין צווײַטן עק שטאָט בײַ אַ קריסט. דאָס איז געווען אַ קלײנע צוויי־שטאָקיקע הילצערנע הויז. דער הויז־אײגנטימער האָט געוואוינט אויפן אונטערשטן שטאָק און מיר האָבן גענומען דעם אויבערשטן, וועלכער האָט געהאַט נאָר אײן צימער. מײַן פרוי, מיטן קינד, צוויי חדשים אַלט, זײַנען דערווײַל געבליבן אויף טאָטערשער גאַס.

מיר האָבן פאַרזיכטיק אַרויסגעפירט די דרוק־מאַשין מיט די שריפט אויף אונדזער נײַער דירה. דעם אײגנטימער פון אונדזער צי־מער האָבן מיר געזאָגט, אַז איך און הילל זײַנען בוכבינדער און מיר דינגען דעם צימער פאַר אונדזער אַרבעט. אָבער גלײַך ווי מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן און אָנגעהויבן אַרבעטן, האָבן מיר דער־זען אַז אונדז וועט זײַן אוממעגלעך דאָרט צו פאַרבלײַבן.

אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ קלײנע הילצערנע הויז און דער געגנט איז געווען זײער אַ שטילער האָבן די באַלעבאַטים, ווײַזט אויס, גע־הערט ווי אונדזער דרוק־מאַשינקע אַרבעט. זײ האָבן געזען אַז בײַ אונדז אין צימער איז קײן מאַשינעס ניטאָ, זײַנען זײ געוואָרן נײַגעריק צו זען ווי מיר אַרבעטן, פלעגן זײ אַרײַן צו אונדז און קוקן וואָס מיר טוען. געוויינלעך האָבן מיר געהאַלטן די טיר פאַרריגלט. פלעגן זײ אָנקלאַפּן אין טיר, מען זאָל עפענען. דאָס וואָס מיר האַלטן די טיר שטענדיק פאַרריגלט, האָט בײַ זײ אַרויסגערופן נאָך מער פאַרדאַכט. מיר האָבן באַמערקט אַז זײ שטײען הינטערן טיר און הערן זיך אײַן וואָס מיר טוען. געוויינלעך, ווען עמעצער פון זײ פלעגט אַרײַנקומען, פלעגן מיר גלײַך זיך נעמען צו אונדזער אײַנבינדערײַ. זײ האָבן זיך אָבער ניט געאײַלט אַוועקצוגײן. הילל האָט קײן אײַנבינדערײַ ניט געקענט, איז אים געווען שווער צו ווײַזן זײ, אַז ער אַרבעט בײַ דעם.

ווען מיר האָבן געגומען זוכן אַ נײַע דירה, איז צו אונדז געקו־מען אַן אומדערוואַרטעטע הילף: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער „שפּיאָן", האָט אין הויז וואו מיר האָבן געוואוינט געהאַט אַ מײדל, און געהיט און נאָכגעקוקט האָט ער ניט אונדז, נאָר זײַן מײדל... מיט גרויס פרײד האָבן מיר זיך אַרײַנגעקליבן צוריק אין אונדזער וואוינונג. אָבער לאַנג בלײַבן דאָרטן האָבן מיר שוין ניט געקענט.

דער הויף איז געווען אַ שמאָלער. די פענצטער פון דער אַנטקעגנדיקער דירה איז געווען אַזוי נאָענט, אַז ווען מען האָט זיך גוט איינגעקוקט, האָט מען געקענט זען אַלץ אײנער ביים צווייטן.

אַנטקעגן אונדז האָט געוואוינט אַ יונגער פּאָליציי־באַאַמטער. יעדן אינדערפרי פלעגט ער שטיין לעבן זיין פענצטער און מאַכן „חנדלעך", קאָקעטירן צו חנהן ווען ער פלעגט זי זען דורך אונדזער פענצטער אין ערשטן צימער. (דער צווייטער צימער, וואו מיר האָבן געאַרבעט האָט געהאַט אַ געדיכטן פאָרהאַנג מען זאָל קיין זאַך ניט אַרויסזען).

ווינטער, ווען די פענצטער זיינען צוגעמאַכט, זיינען מיר געווען זיכער אַז קיין זאַך הערט זיך ניט, אָבער זומער, ווען ער וועט האַלטן אָפן זיין פענצטער איז שוין געווען אַ געפאַר, אַז עס וועט זיך ביי אים הערן ווי אונדזער דרוק־מאַשינקע אַרבעט.

אין ווילנע האָט אין יענער צייט די באַראָן הירש געזעלשאַפט (יק"אָ) אויפגעבויט אויף „רוזעלע" אַ ריי הייזער, מען האָט זיי גערופן „די ביליגע הייזער", ווייל זיי זיינען געווען פאַר אָרעמע מענטשן, וואָס קאָנען קיין סך דירה־געלט ניט צאָלן. זיי זיינען געווען געבויט פינף שטאָק הויך. עס זיינען געווען דירות פון איין צימער, וואָס האָבן געקאָסט פון צוויי ביז דריי רובל אַ חודש און דירות פון צוויי צימערן, פאַר 5 רובל אַ חודש. דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט אַזעלכע דירות.

די דערפאַרונג, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין איבער אַ יאָר אַרבעטן אין אומלעגאַלן דרוק, האָט אונדז געוויזן, אַז וואָס גרעסער דער טומל, וואָס מער מענטשן עס דרייען זיך אַרום, אַלץ זיכערער קענען מיר זיין, אַז מען וועט אונדז ניט נאָכקוקן.

עס איז אויך געווען וויכטיק דער פּרייז פון דער דירה. קיין געלט איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג, אַז מיר זאָלן קענען זיך איינאָרדענען בעסער, אויב דאָס דאַרף קאָסטן מער. אַזעלכע צייטן, ווען עס איז ניט געווען קיין אָפּהאַלט אין געלט זיינען געקומען אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען איך האָב געאַרבעט אין וואַרשע. אָבער אין 1901 איז ביי אונדז יעדער רובל געווען אַ פאַרמעגן.

מיר האָבן גענומען אַ דירה פון צוויי צימערן אויפן העכסטן שטאָק. די פענצטער זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַן אָפענעם פּלאַץ,

אַזוי, אַז מיר זײַנען געווען זיכער אַז קיינער וועט צו אונדז ניט קאָנען אַרײַנקוקן, און וועט ניט זען וואָס מיר טוען.

עס איז געוויינלעך געווען שווער אַרויפצוקריכן אַזוי הויך, דערהויפּט מיט אַ קליין קינד, אָבער אַזוי ווי פון „קינדער וועגעלעך" און האַלטן אַ קינד אַ פּאָר שטונדן אין גאַס האָט מען בײַ אונדז דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט, זײַנען מיר געווען צופרידן, וואָס מיר וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו עפענען די פענצטער און אַרײַנלאָזן אַ ביסל פרישע לופט אין קינדס „שלאָף־צימער". וואָס דאָס איז אויך געווען אונדזער שלאָף־צימער און אויך דער צימער, וואו מיר האָבן געאַרבעט. אגב, האָט חנה געמוזט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין הויז צו היטן טאָמער קלאַפּט עמעצער אָן אין טיר, כדי מיר זאָלן קאָנען באַצײַטנס באַהאַלטן אונדזער אַרבעט.

מיר האָבן דעם פאַרוואַלטער ניט געקענט זאָגן, אַז מיר וועלן דאָ מאַכן אַ בוכבינדערײַ, ווײַל די דירות זײַנען געווען נאָר פאַר וואוינונגען און ניט פאַר וואַרשטאַטן. אָבער אַזוי ווי דאָרט זײַנען געווען אַזוי פיל מענטשן האָט מען ניט געקענט באַמערקן, צי איינער גייט צו דער אַרבעט אָדער ער זיצט אין הויז.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן דאָ געקראָגן די בעסטע דירה פאַר אונדזער דרוקערײַ... מיר האָבן ניט געדאַרפט מורא האָבן צי מען זעט וואָס מיר טוען, צי מען הערט אונטן ווי די מאַשין אַרבעט, ווײַל די הײַזער זײַנען געווען גוט געבויט, און טומל איז אין זיי סײַ־ווי געווען איבער גענוג.

רײַכע דאַמען פון פעטערבורג קומען אויף אַ באַזוך

ווי איך האָב שוין דערמאָנט האָט די באַראָן הירש געזעלשאַפט געבויט די הײַזער פאַר דעם אָרעמען טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע. אין אַ דירה פון איין צימער האָבן זיך געוויינלעך געפונען פיר פינף, זעקס און מער קינדער. די סאַניטאַרישע באַדינגונגען האָבן בײַ אַזאַ ענגשאַפט געמוזט זײַן ווײַט פון צופרידנשטעלנדיק.

די פאַרוואַלטונג האָט דווקא אָנגענומען אַלע מיטלען צו האַלטן ריין די הײַזער. די הויפן אַרום, אויך די קאָרידאָרן און די טרעפּ זײַנען געהאַלטן געוואָרן גאַנץ ריין, אָבער די הויפּט־פּראָבלעם פאַר דעם פאַרוואַלטער איז אַלע מאָל געווען, וואָס די מערהייט אײַנוואוינער האָבן געהאַלטן זייערע צימערן זייער שמוציק.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך וואָס פאַר אַ גוטן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויפן פאַרוואַלטער, ווען ער האָט באַמערקט די ריינקייט פון אונדזערע צוויי צימערן: אויף די פענצטער ביי אונדז זיינען שטענדיק געהאַנגען שיינע, אויסגעפּרעסטע פאָרהאַנגען. דער דיל האָט געשפּיגלט מיט ריינקייט, די בעט און דעם קינדס וויגעלע שטענדיק איבערגעצויגן מיט אַ שניי־ווייסן צודעק. מיר זיינען ביים פאַרוואַלטער געווען אַ מאָדעל פון ריינקייט.

אויך אין צאָלן דירה־געלט זיינען מיר געווען פון די בעסטע. ווי ביליק עס איז ניט געווען די דירה־געלט אין די „ביליקע הייזער", איז פאַר פיל פאָרט געווען שווער צו צאָלן אין צייט די צוויי אָדער דריי רובל. איך פלעג אונדזער דירה־געלט אַריינטראָגן צום פאַרוואַל־טער דעם ערשטן טאָג פון מאָנאַט. איז קיין וואונדער ניט, וואָס מיר האָבן זיך געשאַפן ביי אים אַ גוטן נאָמען. נאָר גראָד אָט דער „גוט־טער" נאָמען האָט אונדז שיר ניט געבראַכט „גוטע" צרות.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, בין איך און הילל געזעסן ביים טיש און צוגעגרייט זאַץ פאַר איינעם פון די זשורנאַלן, וואָס מיר פלעגן דרוקן. ערשט מיר הערן, אַז מען קלאַפּט אין טיר. מיין פרוי איז גע־גאַנגען עפענען און מיר האָבן שנעל אַרונטערגעלאָזן די ברעט פון טיש.

עס איז אַריינגעקומען דער פאַרוואַלטער צוזאַמען מיט אַ גרופּע שיין אויסגעפּוצטע דאַמען. ער האָט זיי געוויזן אונדזערע צוויי צי־מערן, פאָרגעשטעלט מיך און מיין פרוי אַלס די בעסטע שכנים און געזאָגט, אַז ווען אַלע וואָלטן געהאַלטן די דירות אַזוי ריין ווי ביי אונדז, וואָלטן די הייזער געהאַט גאָר אַן אַנדער אויסזען.

די פּעטערבורגער דאַמען האָבן אונדז געמאַכט קאָמפּלימענטן פאַר האַלטן אַזוי ריין אונדזער דירה און זיינען אַוועק זייער צופרי־דענע.

דער באַזוך פון די פּעטערבורגער דאַמען האָט אויף אונדז גע־מאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז נאָך זייער אַוועקגיין האָבן מיר אַ ווייל גע־קוקט איינער אויפן צווייטן ניט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט. מיר זיי־נען אַלע מאָל גרייט געווען, אַז אימיצער זאָל אַנקלאַפּן אין אונדזער טיר, אָבער אַז עס זאָל קומען אַ קאָמיטע אַזש פון דער פּעטערבורגער יידישער בורזשואַזיע צו באַקוקן אונדזער אומלעגאַלע דרוקעריי, אויף דעם האָבן מיר זיך קיין מאָל ניט געריכט.

ווען מיר האָבן זיך באַרואיקט פון דער אויסערגעוויינלעכער פּאַסירונג, האָבן מיר גענומען פּאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם טשי־קאַוון אינצידענט: די רייכע פּעטערבורגער דאַמען וועלכע האָבן אַלע פּריוויל‏עגיעס פון דער צאַרישער רעגירונג, קומען באַזוכן אַ וואוינונג וואו עס איז איינגעאָרדנט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. אין דעם טיש, אויף וועלכן זיי האָבן געקוקט, ליגט דער שריפט: אין דעם קאָמאָד וועלכן זיי האָבן „באַוואונדערט" צוליב זיין שיינעם צודעק שטייט אונדזער דרוק־מאַשין. איידער זיי זיינען אריין האָבן מיר געזעצט אַן אַרטיקל, וועלכער דערקלערט די אַרבעטער ווי די צאַרישע רעגירונג אונ־טערדריקט, זעצט אין די טורמעס, פאַרשיקט אין סיביר יעדן וואָס קעמפט קעגן זיי. און זיי באַקוקן די דירה, וואו די אומלעגאַלע דרוק געפינט זיך און קענען זיך ניט אָפּלייבן ווי גוט, ווי ריין מיר האָבן דאָס אַלץ איינגעאָרדנט. נאַטירלעך, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, אַז דאָס איז אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, וואָלטן זיי אַנדערש גערעדט...

***

דעם 24—27־טן מאַי 1901, איז אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען דער פּערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". סערגיי ניעמאַנסקי, האָט אָנ־טייל גענומען אין צוזאַמענפאָר. נאָך זיין קומען צוריק האָט ער אונדז געלאָזט וויסן אַז דער צענטראַל קאָמיטעט האָט באַשלאָסן איבער־צונעמען אונדזער דרוקעריי אונטער זיין אויפזיכט. פון איצט אָן וועט דער צ. ק. פינאַנסירן די אויסגאַבן, ער האָט אונדז אויך גע־בעטן צוצושטעלן די גענויע סומע, וואָס מיר דענקען אַז עס דאַרף קאָסטן אַ מאָנאַט אויסצוהאַלטן אונדזער דרוקעריי, ווייל דער צ. ק. וויל אונדז באַזאָרגן יעדן מאָנאַט מיט דער נויטיקער סומע.

מיט דעם איבערגאַנג פון דער דרוקעריי אונטער דעם אויפ־זיכט פון צענטראַל קאָמיטעט זיינען קיין גרויסע ענדערונגען ביי אונדז ניט פאָרגעקומען. אַזוי ווי פריער, זיינען מיר געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט סערגיי ניעמאַנסקי (ענדע זומער איז ער אַוועקגע־פאָרן קיין פּעטערבורג). פון אים האָבן מיר געקראָגן די מאַטעריאַלן צום דרוקן. מיר האָבן פון אים געקראָגן אויך דאָס געלט אויף אויפ־האַלטן די דרוקעריי. די ענדערונג איז נאָר געווען, וואָס מיר האָבן באַקומען מער אַרבעט און אויך וואָס מיר האָבן געקראָגן דאָס געלט גרינגער, שנעלער ווי פריער.

אַ פּאָליציייאישע אונטערזוכונג

עס איז געווען זייער אַ הייסער יולי טאָג 1901. איך מיט היללן האָבן יענעם טאָג שווער געאַרבעט. פאַרנאַכט איז הילל אַרויס אין גאַס איינאָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. איך און מיין פרוי זיינען געבליבן אין הויז, ווייל עס איז געווען שווער אַרונטערגיין און דער־נאָך אַרויפגיין מיט אַ קליין קינד אויפן פינפטן שטאָק.

פלוצלונג הערן מיר, אַז אין הויף קומט פאָר אַ גרויסער טומל. ווען מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורך דער פענצטער, האָבן מיר דערזען אַז דער גאַנצער הויף איז פול מיט פּאָליציי. אין הויף איז געווען אַ ספּעציעלע געביידע, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער קעסל מיט געזאָדענע וואַסער. צוויי מאָל אַ טאָג אין דער פרי און פאַרנאַכט, פלעגן אַלע איינוואוינער גיין אַהין נעמען געקאָכטע וואַסער. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל נעמען דעם טשאַיניק און מאַכן זיך ווי איך גיי נאָך וואַסער און אין דער זעלבער צייט אויסגעפינען וואָס די פּאָליציי זוכט. עס קען זיין, האָבן מיר געקלערט, אַז ס'איז פאָרגע־קומען אַ געשלעגן אָדער וואָס עס איז אַנדערש. אָבער ווען איך בין אַרונטער די טרעפּ האָב איך אויסגעפונען, אַז ביי אַלע אַריינגאַנגען שטייט אויסגעשטעלט פּאָליציי און מען לאָזט קיינעם ניט אַריין און ניט אַרויס. און אין די אַנדערע אַריינגאַנגען, גייט די פּאָליציי פון דירה צו דירה און מאַכט אַן אונטערזוכונג. איך בין שנעל אַרויף צוריק און מיר האָבן באַשלאָסן צו באַהאַלטן אונדזער „דרוקעריי".

אין קאָרידאָר האָבן מיר געהאַט אַ קליין קעמערל, וואו מיר האָבן געהאַלטן האָלץ און אַנדערע זאַכן. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז אויב מען זוכט וואָס עס איז אַנדערש וועלן זיי ניט גיין זוכן אין קעמערל. דערצו האָבן מיר סיי ווי ניט געהאַט וואָס אַנדערש צו טאָן אין דעם פאַל. וועלן מיר פּרובירן, פיליכט וועט זיך איינגעבן...

מיר האָבן שנעל גענומען אַלץ אַריבערטראָגן אַהין: די מאַשין, זאַץ, פאַרב, פּאַפּיר און אַלץ אויף וואָס עס קאָן נאָר פאַלן אַ פאַר־דאַכט. מיר האָבן אַלץ צוגעדעקט מיט האָלץ אַזוי, אַז אַפילו ווען זיי וועלן אַריינגיין אין קעמערל וועלן זיי קיין פאַרדעכטיקעס ניט זען.

די פּאָליציי האָט אָנגעהאַלטן די אונטערזוכונג ביז אונדזער שטאָק און איז אַוועק. מיר האָבן זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז זיי האָבן געזוכט — אַ „געהיימען ברייזל", וואו מען מאַכט בראַנפן.

ווען הילל האָט נאָך זיין שפּאַציר געוואָלט אריינגיין אין הויף, האָט ער דערזען פון וויטן, אַז עס שטייט פּאָליציי און לאָזט יעדערן אריין אָבער קיינער קען ניט אַרויס. ער איז שוין געווען זיכער, אַז מען זוכט די דרוק און איז אַוועק נעכטיקן צו זיינעם אַ ברודער. ערשט אויף מאָרגן האָט ער אויסגעפונען אַז קיין זאַך האָט מיט אונדז ניט געטראָפן.

סוף זומער האָט מיט אונדז געטראָפן אַזאַ זאַך, אויף וואָס מיר האָבן זיך ניט גערעכנט.

מיר האָבן שטענדיק געהאַלטן די טיר פאַרריגלט פון אינע־ווייניק. מיר האָבן אויסגעמיטן צו זיין נאָענט מיט די שכנים, וועל־כע האָבן געוואוינט לעבן אונדז, כדי ניט צו געבן זיי קיין געלעגנהייט צו וועלן אריינגיין צו אונדז. דאָסזעלבע האָבן מיר געטאָן מיט דעם פאַרוואַלטער, מיר פלעגן אריינטראָגן די דירה־געלט צו אים, כדי ער זאָל ניט דאַרפן קומען צו אונדז. די איינציקע וואָס פלעגט קומען צו אונדז, איז געווען אונדזער פאַרמיטלערין, רחלע, — זי האָט גע־האַט אַ צייכן ווי אָנצוקלאַפּן מיר זאָלן וויסן אַז דאָס איז זי.

איינמאָל איז מיין פרוי אַרויס פאַר אַ מינוט אין קעמערל, וואָס עס איז נעמען און האָט געלאָזן די טיר ניט צוגעשלאָסן. אין דער זעלבער מינוט איז דורכגעגאַנגען דער פאַרוואַלטער און איז אריין צו אונדז.

ער האָט אונדז געטראָפן אַרבעטנדיק אויף דער דרוק־מאַשין מיט די אָפּגעדרוקטע בויגנס צעשפּרייט איבערן גאַנצן צימער צו טרי־קענען. אַ מאָמענט איז ער געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער. שטייענדיק אַזוי אַ פּאָר מינוט און ניט ריידנדיק אַ וואָרט, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

מיר האָבן אויסגערעכנט אַז פאַר אים אַליין לוינט זיך ניט אונדז אַרויסגעבן צו דער פּאָליציי. ער האָט געבראַכט די „פּעטער־בורגער דאַמען" צו אונדז און האָט אונדז פאָרגעשטעלט אַלס די בעסטע שכנים אין הויז, ווי וועט ער אויסזען אין זייערע אויגן אַלס פאַרוואַלטער, וועלכער איז געוואָרן אַזוי אָפּגענאַרט? צו דעם האָט ער געוואוסט, אַז ווען ער זאָל וואַגן אונדז אַרויסצוגעבן, וועט דאָס אַרויסרופן אַ גרויסע אויפרעגונג צווישן אַ גרויסן טייל פון די איינ־וואוינער פון הויז, וועלכע האָבן, אָדער באַלאַנגט צו דער אָרגאַני־זאַציע אָדער זיינען געווען אין סימפּאַטיע מיט דער באַוועגונג.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי מיר האָבן זיך געפילט אין דער לאַגע אין וועלכער מיר זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן: אָננעמענדיק דאָס בעסטע ווי מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז ער וועט ניט וואַגן אַרויס־צוגעבן, זיינען מיר אָבער ניט געווען זיכער אין דעם, אַז אַחוץ אים וועט זיך קיינער ניט דערוויסן. ער קען דאָך דערציילן זיין פרוי, אָדער וועמען עס איז אַן אַנדערן פון זיינע נאָענטע. אויב ער טוט עס, איז ווי קענען מיר זיין זיכער אַז דאָס וועט זיך ניט פאַרשפּרייטן ווייטער.

מיר האָבן דערוואַרט, אַז ער וועט קומען און הייסן אונדז גלייך אַרויסקלייבן זיך. עס איז אַוועק אַ טאָג און ער האָט דאָס ניט געטאָן. ווייזט אויס, אַז ער האָט דערוואַרט דעם שריט פון אונדז. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מיר וועלן ניט בלייבן אין דער דירה, ווען ער האָט אויסגעפונען וואָס מיר טוען.

ווען איך בין צו אים געקומען אויפן צווייטן טאָג און געזאָגט, אַז מיר קלייבן זיך אַרויס, האָט ער אויפגענומען מיין מעלדונג אַ שווייגנדיקער מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן. פּילייכט האָט אים פאַר־דראָסן וואָס ער ווערט אָן דעם „בעסטן" שכן...

מיר האָבן געפונען אַ דירה אויף פּאָלטאַווער גאַס אין אַ דריי שטאָקיק הויז אויפן דריטן שטאָק. מיר האָבן דאָרט געהאַט פיר קליי־נע צימערן, אַזוי, אַז מיר האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט איינצושטעלן די דרוקעריי אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל מער ניט טרעפן אַזאַ צו־פאַל ווי אין די „ביליקע הייזער". דער ערשטער צימער איז געווען אַ קיך, נאָכדעם אַן עס־צימער און נאָך צוויי קליינע צימערן. די דרו־קעריי איז געווען אין לעצטן צימער. דאָס האָט אונדז געגעבן גענוג צייט צו באַהאַלטן אַלץ, ווען אַ פרעמדער איז שוין אַפילו געווען אין קיך. אונדז האָט פיל אַרויסגעהאָלפן, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ קליין קינד. דער אייגנטימער האָט אונדז ניט געפרעגט קיין צו פיל פראַגן.

פאַר אונדזער אַרבעט איז די נייע דירה געווען די בעסטע, וואָס מיר האָבן ביז איצט געהאַט, אָבער פאַר אונדז פּערזענלעך, דערהויפּט פאַר מיין פרוי, איז די פיזישע אַרבעט אין הויז געווען פיל שווערער ווי אין די „ביליקע הייזער". האַלץ האָט מען געדאַרפט יעדעס מאָל אַרויפטראָגן אויפן דריטן עטאַזש. די טרעפּ זיינען געווען אַזוי ווי אַ לייטער, שווער אַרויפצוגיין. צו דעם איז נאָך געווען אַ קליין קינד פון נייַן חדשים.

הילל האָט לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן די אַרבעט. מען האָט

געדאַרפט האָבן שטאַרקע נערוון צו קענען אַרבעטן אַ לענגערע צייט אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט צו־געשיקט אויף זיין פּלאַץ פּסחן, אַן אַרבעטער פון ביאַליסטאָק.

אַ קורצע צייט נאָך אונדזער איינאָרדענען זיך אין אונדזער דירה איז געקומען רחלע און האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז אין אָוונט וועט ביי אונדז זיין אַ וויכטיקע פּערזאָן פון דער באַוועגונג, און דער צייכן וועט זיין, אַז ער וועט אָנקלאַפּן אין טיר אַזוי ווי זי טוט.

ווען מיר האָבן אין אָוונט דערהערט דאָס אָנקלאַפּן און געעפנט די טיר, איז אַריין אַ הויכער, שיין אָנגעטאָנענער יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק. ווען איך באַגעגן אים אין גאַס, וואָלט מיר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, איך וואָלט אים אָנ־גענומען פאַר אַ סוחר, אָדער אַ „קאָמיוואָיאַזשאָר” (אַ רייזנדער האַנדלס אָנגעשטעלטער).

ער האָט זיך אונדז פאָרגעשטעלט אַלס נח (נויעך), דער פאָר־שטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס וועט פון איצטער אָן און ווייַ־טער שטיין מיט אונדז אין שריפטלעכער פאַרבינדונג דורך אַ גע־היימען שיפער, (קאָוד) וואָס ער וועט טאָקע היינט אין אָוונט ווייזן אונדז ווי צו באַגיין זיך מיט אים, ווי צו שרייבן און לייענען אים. ער האָט גערעדט גלאַטן, לאַנגזאַם, יעדער וואָרט „געציילט און גע־מאָסטן”, און דערצו אין אַ פיינעם יידיש.

ער האָט געבעטן מיר זאָלן אים ווייזן ווי מיר אַרבעטן, וויפיל צייט עס נעמט אויפצוזעצן אַ קאָלום אָדער אַ געוויינלעכע זייט פאַר די זשורנאַלן, וואָס מיר האָבן געדרוקט. וויפיל צייט עס נעמט אָפּצו־דרוקן אַ טויזנט בלעטער אויף אונדזער מאַשין. ער האָט זיך איינ־טערעסירט מיט יעדער קלייניקייט פון אונדזער אַרבעט, וויפיל שעה מיר אַרבעטן, וואָס מיר טוען נאָך דער אַרבעט און נאָך אַזעלכע זאַכן. נח האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין די שפּעטערע יאָרן פון מיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. מיר וועט נאָך אויסקומען צו דערמאָנען זיין נאָמען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז נח האָט געענדיקט דעם ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט, איז געווען אַרעסטירט און געזעסן צוויי יאָר אין פּעטערבורגער טורמע, געווען פאַרשיקט אין סיביר

אויף פינף יאָר און איז אַ קורצע צייט אײדער ער איז צו אונדז געקומען אַנטלאָפן פון סיביר. זיין פאַמיליען־נאָמען איז געווען פּאָרטנאָי.

נח האָט מיט אונדז איינגעשטעלט אַ פּינקטלעכע קאָרעספּאָנדענץ. ער פלעגט שרייבן צו אונדז אַ פּאָר בריוו אַ וואָך. מיר האָבן אויך געדאַרפט אַזוי אָפט ענטפערן. פאַר דעם איז גענוצט געוואָרן אַ „שיפער" אָדער ווי מיר רופן עס איצט „קאָוד".

דורך דער צייט וואָס איך בין געווען אין דער דרוקעריי, איז מיר אויסגעקומען צו נוצן אייניקע שיפערס. איך וועל דאָ פאַרצייכענען אַ פּאָר פון די איינפאַכסטע.

מיר האָבן גענומען צוואַנציק בוכשטאַבן פונם אלף־בית און צעטיילט זיי אין פיר שורות:

א	ב	ג	ד	ה
ו	ז	ט	י	כ
ל	מ	נ	ס	ע
פ	צ	ק	ר	ש

אָבער אַנשטאָט בוכשטאַבן האָבן מיר געשריבן צוויי ציפערן, לויט דער אָרדענונג און דער שורה וואו זיי געפינען זיך. למשל: אַנשטאָט אַן „א" האָבן מיר געשריבן 11 (צוויי איינסן) — ערשטע שורה און ערשטער בוכשטאַב; „ש" 55 — 5טער בוכשטאַב אין דער 5־טער שורה. „ע" 35, 3־טע שורה און 5־טער בוכשטאַב א.אַ.וו.

ווען מיר האָבן אויסגעפונען אַז דער שיפער איז צו איינפאַך און מען קען אים גרינג „אויסשיפרירן", האָבן מיר אָנגעהויבן נוצן אַ שווערערן שיפער.

מיר האָבן גענומען צוויי עקזעמפּלאַרן פון איין בוך. איין עקזעמפּלאַר האָט געהאַט דער פאַרשטייער פון צ. ק. און אַ צווייטן מיר. די צוויי ביכער זיינען געווען פון פּאָפּולערע רוסישע שרייבער וואָס מען האָט געקענט געפינען אין יעדן הויז: טאָלסטאָיס, דאָסטאָיעווסקיס און אַנדערע.

מיר האָבן פריער באַשטימט אַז אַ געוויסע זייט פון בוך איז אונדזער שיפער, און דאַן באַנוצט דעם זעלבן מעטאָד, ווי מיט דעם ערשטן שיפער: אויב מיר האָבן געדאַרפט שרייבן אַ „ד" און דער בוכשטאַב איז געווען דער זעקסטער אין דער 5־טער שורה פון זייטל

איז ער געשריבן געוואָרן 56 א. אַ. וו. דער מעטאָד איז געווען בע־סער, ווייל אים איז געווען פיל שווערער צו פאַנאַנדערשיפרירן.

נאָך אַ קורצער צייט ווען מען האָט מיט אַזאַ שיפער אָנגעשריבן עטלעכע בריוו, האָבן מיר שוין געוואוסט אויף אויסווייניק אַז 15 איז ה, 35 איז ע, 44 איז ר אאז"וו.

מיר פלעגן געוויינלעך שרייבן איינפאַכע בריוו, ווי עס שרייבט אַ פריינט צו אַ פריינט, און צווישן די שורות פון די בריוו איז אַריינגעשריבן געוואָרן דער שיפרירטער טעקסט מיט „אומגעזעענע טינט" (לעמאָן־זאַפט אָדער מילך).

כדי צו קענען לייענען דעם געשריבענעם בריוו האָט מען אים געהאַלטן איבער אַ לאָמפּ ביז אַלע ווערטער אָדער ריכטיקער אַלע ציפער זיינען געוואָרן לעזבאַר.

די בריוו פלעגן געשיקט ווערן אויף אַן אַדרעס פון אַ פּערזאָן וואָס איז געווען סימפּאַטיש צו דער באַוועגונג, אָבער איז געשטאַנען אויסער חשד, און דער פאַרמיטלער פלעגט זיי ברענגען צו אונדז.

***

אין ווילנע איז צו יענער צייט געקומען מיין קוזינע פון טאַ־לאַטשין, חיה־מיני לעווין. זי איז געקומען, אַזוי ווי הונדערטער אַנ־דערע פון דער יידישער יוגנט אין יענער צייט, לערנען זיך, שטודירן. יידן האָט מען אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן אַריינגענומען אַ זייער קליינעם פּראָצענט, אַזוי, אַז גאָר די רייכע האָבן אַהין גע־קאָנט אָנקומען. די אָרעמע, וועלכע האָבן זיך געוואָלט לערנען, האָבן „עקסטערניטשאַיעט" — דאָס הייסט, זיי האָבן זיך געלערנט אַליין, אויסער דער שול, און געגרייט זיך בלויז האַלטן די עקזאַמענעס פאַר אַ צאָל קלאַסן גימנאַזיע. ס'רוב האָבן זיי געפירט אַ לעבן פון הונגער. מען פלעגט זוכן „אוראָקן" צו לערנען מיט אַנדערע און מיט די פאָר רובל דורכלעבן זיך. מען האָט אויך געדאַרפט געפינען לערער פאַר זיך. מערסטנס פלעגט זיך דאָס ענדיקן מיט דעם, אַז נאָך אַ פאָר יאָר פּלאָגן זיך, הונגערן, זוכן לערער פאַר זיך און אוראָקן, פלעגט מען מוזן אויפגעבן דאָס לערנען.

חיה־מיני, איז געווען אַ מיידל מיט אַלע מעלות: שיין, קלוג, מיט אַ זעלטן גוטן כאַראַקטער. קיין זאַך איז פאַר איר ניט געווען

צו שווער, ווען זי האָט געדאַרפט אַרויסהעלפן אַ פריינט. זי האָט גוט געקענט העברעאיש, תנ"ך און אַזוי.

אַזוי ווי זי איז געקומען פון אַ קליין שטעטל, טאַלאַטשין, און צו דער באַוועגונג האָט זי ניט באַלאַנגט, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז עס איז ניטאָ קיין געפאַר, ווען זי וועט קומען צו אונדז אין הויז. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל נעמען ביי איר איין לעקציע אַ וואָך אין העברעאיש. נאָר אַזוי ווי איך אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין אַ בוכבינדעריי, וועט זי דאַרפן קומען צו אונדז אין אָוונט, ווען איך קום פון דער אַרבעט.

מיין לערנען זיך העברעאיש איז נאָר געווען אַן אויסרייד. גע־וואָלט האָבן מיר איר אַרויסהעלפן זי זאָל האָבן די פּאָר רובל, וועלכע זי האָט זייער נויטיק געדאַרפט און זי וואָלט זיך שטאַרק באַליידיקט ווען מיר וואָלטן איר פאָרגעלייגט הילף אָן דעם אויסרייד. צו דעם האָט זיך אונדז געוואָלט אַמווייניקסטן איין מאָל אין וואָך זען זי און האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרברענגען אַ פּאָר שטונדן מיט אַ „לע־בעדיקן" מענטשן פון דרויסן.

ווען רחלע איז געווען אונדזער פאַרמיטלערין, פלעגט זי מיט איר קומען צו אונדז אַריינטראָגן דאָס ביסל לעבעדיקייט, וואָס האָט אונדז אַזוי שטאַרק געפעלט אין דעם אָפּגעזונדערטן לעבן וועלכן מיר האָבן געפירט. אָבער רחלע האָט געמוזט אַוועקפאָרן און מען האָט אונדז געגעבן אַן אַנדער פאַרמיטלער, יאָנקל דער שניידער, אַ זייער וואוילער, שטילער, קאָנספּיראַטיווער חבר, אָבער ער האָט ניט געקענט פאַרבייטן די אינטימקייט, נאָענטקייט, וואָס איז געווען צווישן אונדז און רחלען.

חיה־מיני, פלעגט צו אונדז קומען די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען אין ווילנע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זי האָט ניט געוואוסט וועגן אונדזער דרוקעריי. ווען זי איז אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים, איז זי אין אַ קורצער צייט אַרום קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און איז פון דער קראַנקייט געשטאָרבן.

***

עס איז געווען אַ שבת בייטאָג ווינטער 1901. מיר פלעגן, ווי ווייט מיר האָבן געקענט, ניט אַרבעטן שבת, דערהויפּט אויפן מאַשין, כדי עס זאָל זיך ניט הערן אין דער וואוינונג אונטער אונדז.

מיין פרוי איז געווען פארנומען אין קיך און איך בין געזעסן און געלייענט אין צימער לעבן קיך. דאָס קינד, ווייניקער ווי אַ יאָר אַלט, איז אַרומגעקראָכן אויפן דיל, און אַזוי קריכנדיק, אַריינגעשאַרט זיך אין צימער, וואו מיר פלעגן אַרבעטן.

אונטערן קאַמאָד, וואו די דרוק־מאַשין האָט זיך געפונען איז געשטאַנען אַ בלעכענע כּלי מיט שווארצע פאַרב, וואָס מיר האָבן גע־נוצט צום דרוקן. שטילערהייט האָט דאָס קינד אַרויסגערוקט די פאַרב און עס גענומען עסן.

ווען איך בין אַריין אין צימער האָבן איך דערזען אַ שוידערלעך בילד: דאָס געזיכט פאַרשמירט, ביידע הענט אין פאַרב, אויך דער גאַנצער מויל פול מיט פאַרב. מיר האָבן אים גענומען וואַשן, אַרויס־רייניקן די פאַרב פון מויל און גלייך גערופן דעם דאָקטער, וועלכן מיר האָבן שוין אייניקע מאָל גענוצט פאַר אים.

דעם דאָקטער האָבן מיר געזאָגט אַז איך האָב געבראַכט פון דער בוכבינדעריי, וואו איך אַרבעט, פאַרב צו נוצן פאַר די ביכער וואָס איך בינד אין דער היים און דאָס קינד האָט די פאַרב געפונען און געגעסן.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן אַ מעדיצין צום ברעכן. די ערשטע פאָר טעג איז דעם קינדס געזונט־צושטאַנד געווען זייער שלעכט. אַ לענגערע צייט האָבן מיר אים געדאַרפט טראָגן צום דאָקטער אַהיים, ביז ער האָט גענומען פילן בעסער.

פאָן וואַל ווערט ווילנער גובערנאַטאָר

אין האַרבסט 1901 איז געקומען אין ווילנע אַ נייער גובערנאַ־טאָר, פאָן וואַל. ער איז געקומען מיט דער אויפגאַבע אויסצוראָטן אין ווילנע די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג.

פאָן וואַל האָט גלייך צוזאַמענגערופן די „געהויבענע" באַלעבאַ־טים פון ווילנע און האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, אַז זיי מוזן זיך נעמען צו זייערע קינדער, צו דער יידישער יוגנט און צו די אַרבעטער, און זען, אַז זיי זאָלן אויפהערן אָנטייל צו נעמען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דערביי האָט ער געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן אים ניט אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט, וועט ער מוזן אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען.

דער ווילנער בונדישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו ענטפערן

אויף דעם מיט אַ פּראָקלאַמאַציע אין דער רוסישער שפּראַך. ביז פּאַן וואַלס קומען קיין ווילנע, האָבן מיר געדרוקט נאָר אין יידיש און קיין רוסיש שריפט האָבן מיר ניט געהאַט. איז באַשלאָסן געוואָרן צו קריגן וואָס שנעלער רוסישע שריפט. אַזוי איז פּאַן וואַל געווען די אורזאַך פון דעם, אַז אונדזער דרוקעריי האָט גענומען דרוקן אויך רוסישע פּראָקלאַמאַציעס.

די ערשטע פּראָקלאַמאַציע איז טאַקע געווען אַן ענטפער פּאַן וואַלן אויף דער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די ווילנער בעלי־בתים. מען האָט אים אין דער פּראָקלאַמאַציע געוואָרנט, אַז קיין שום דראָונגען פון זיין זייט וועט ניט אָפּשטעלן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ביז דער צאַריזם, מיט זיין אונטערדריקונג־מאַשין וועט ניט אַרונטערגעוואָרפן ווערן.

דער היסטאָרישער ערשטער מאַי 1902 אין ווילנע

עס האָט זיך דערנעענטערט דער ערשטער מאַי, (דער 18־טער אַפּריל לויט אַמאָליקן רוסישן קאַלענדאַר). אין שטאָט האָט זיך געפילט ווי אַ מלחמה־שטימונג. קאָזאַקן זיינען אַרומגעפאָרן איבער די הויפּט־גאַסן, כדי צו שטערן דער דערוואַרטעטער מאַי־דעמאָנסטראַציע.

עס זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען. מען האָט דערציילט, אַז פּאַן וואַל קלייבט זיך צו שמייסן די, וואָס וועלן אַרעסטירט ווערן אויף דער דעמאָנסטראַציע, און אַז פּאַן וואַלס „אוטשאָני יעווריי" (געלערנטער ייד) קליאַטשקאָ, האָט דאָס אים געגעבן די עצה אַזוי צו טאָן.

ניט געקוקט אויף דעם האָט זיך די דעמאָנסטראַציע פונדעסטוועגן אָנגעפאַנגען אין דער באַשטימטער צייט אַרום 7 פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער גייען פון דער אַרבעט, אויף דייטשער גאַס.

ווי נאָר די אַרבעטער האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט די רויטע פאָנען און אויסגעשריען אַ פּאָר רעוואָלוציאָנערע אויסרופן, זיינען פון אַלע זייטן אָנגעלאָפן קאָזאַקן, וועלכע זיינען געווען באַהאַלטן אין די הויפן, און זיי האָבן אָנגעהויבן שלאָגן און אַרעסטירן. אָבער דעם זעלבן אָוונט, ווען פּאַן וואַל איז געקומען אין שטאָטישן טעאַטער, האָט מען פון דער באַלקאָן אַרונטערגעוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס וועגן ערשטן מאַי.

אויף מאָרגן נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט פּאַן וואַל דורכגעפירט

די עקזעקוציע, וואָס האָט אויפגערודערט ניט נאָר רוסלאַנד, נאָר האָט אויך אָפּגעקלונגען אין אויסלאַנד. 26 פון די אַרעסטירטע דעמאָנס־טראַנטן, 20 יידישע און 6 פּוילישע האָט ער געלאָזן שמייסן.

ביים דורכפירן די עקזעקוציע איז געשטאַנען פאָן וואַל אַליין, דער ווילנער פּאָליציימייסטער נאַזימאָוו, דער זשאַנדאַרמישער ראָט־מייסטער פּאַסטרולין, דער דאָקטער מיכאַילאָוו און אַנדערע באַאַמטע.

פון יעדן אַרעסטירטן האָט מען אַרונטערגענומען די קליידער, אַוועקגעלייגט אים אויף אַ באַנק, צוויי קאָזאַקן האָבן אים געהאַלטן פעסט ביי די הענט און די פיס און מיט נאַסע ריטער האָט מען געשמיסן אויפן נאַקעטן קערפּער... דער דאָקטער האָט אין דער צייט געהאַלטן דעם פּולס פון דעם געשמיסענעם און געזאָגט וויפיל שמיץ יעדער איינער פון זיי קען נאָך אויסהאַלטן. און פאָן וואַל, וואָס איז גע־שטאַנען דערביי, האָט געגעבן די קאָמאַנדע: שטאַרקער! שטאַרקער! שטאַרקער!

עס איז שווער איצטער, מיט איבער פיר צענדליק יאָר שפּעטער, איבערצוגעבן דעם שרעקלעכן איינדרוק, וואָס די דאָזיקע שענדלעכע עקזעקוציע האָט געמאַכט אויף די אַרבעטער, יעדערער האָט געפילט, אַז אויב עס וועט עפּעס באַלד ניט געטאָן ווערן צו נעמען נקמה פאַר דער שרעקלעכער באַליידיקונג, פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועט מען זיך שעמען צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן.

די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, (און צווישן זיי אויך דער בונד) זיינען געווען אויסגעשפּראָכן קעגן אינדיווידועלן טעראָר, ווייל דאָס, האָבן זיי געהאַלטן, שוואַכט אָפּ די איניציאַטיווע, די טעטיקייט, דעם קאַמף פון די ברייטע מאַסן. אָבער אין דער פּראָקלאַמאַציע וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזן האָבן זיי אָנגעוויזן, אַז די שענדלעכע מיטלען וואָס פאָן וואַל נעמט אָן, וועלן ברענגען צו טעראָר־אַקטן מצד דער מאַסע.

הירש לעקערט

הירש לעקערט איז געבוירן געוואָרן אין 1880 אין אַ קליין ליטוויש שטעטעלע, האַנושישאָק, קאָוונער גובערניע, ביי אָרעמע עלטערן. שוין אַלס קינד האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ שוסטער לערנען דעם פאַך. ביים שוסטער האָט ער דורכגעמאַכט, ווי אַלע לערן־ייִנגלעך אין יענער צייט, די אַרבעט פון טראָגן „פּאָמוניצעס", ניאַנטשען די קינדער פון זיין באַלעבאָס און זיין געשלאָגן, — דאָס אַלץ איז געווען אַ טייל פון „לערנען זיך די אַרבעט".

אין 1898, אין עלטער פון 18 יאָר, קומט הירש לעקערט קיין ווילנע. די ווילנער אַרבעטער האָבן דאַן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די באַלעבאָטים און קעגן דער פּאָליציי, וועלכע האָט געהאָלפן די באַלעבאָטים.

דער יונגער הירש לעקערט ווערט תיכף אַריינגעצויגן אין די אַלע קאַמפן. נאָך גאָר אַ יונגער ייִנגל, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַפילו צו גיין אין חדר האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן ווען אימיצער פון זיינע פריינט אין דער „באַוועגונג" פלעגט פאַר אים לייענען וואָס עס איז פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור.

די „באַוועגונג" האָט פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט, האָט אים געגעבן אַ גלויבן, האָט פאַר אים געעפנט אַ ברייטע פעלד, וואו ער האָט געקענט אויסנוצן זיין ברויזנדיקע יוגנטלעכע ענערגיע.

אָנהויב זומער 1900, האָבן מיר אָפּגעדרוקט אַ פּראָקלאַמאַציע אין פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס עס איז געוואָרן אַ יאָר נאָכן געווינען דעם פאַרביטערטן סטרייק פון די ווילנער זאָקנמאַכערינס.

עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז די באַלעבאָטים ווילן אָפּנעמען ביי די זאָקן־מאַכערינס וואָס זיי האָבן געוואונען מיט אַ יאָר צוריק. האָט די פּראָקלאַמאַציע גערופן די זאָקן־מאַכערינס צו

זיין אויף דער וואך. ווי אין אלע פראקלאמאציעס אין יענער צייט, זיינען אויך געווען לאזונגען צו קעמפן און ארונטערוואַרפן די צאַרישע רעגירונג.

ביים פארשפרייטן די דאָזיקע פראָקלאַמאציע זיינען ארעסטירט געוואָרן עליע רייטשוק און צוויי מיידלעך.

דער פאליציי־צירקל, וואוהין מען האט געבראכט די ארעסטירטע מיט א טייל פארבליבענע פראקלאמאציעס האט זיך געפונען אויף נאוואגראד — א געגנט, וואס האט געהאט א גרויסע ארבעטער באפעלקערונג. גלייך ווי די ארבעטער האבן זיך דערוואוסט וועגן ארעסט, האבן זיי זיך גענומען קלייבן ארום דעם פאליציי־צירקל. מען האט זיך דערוואוסט וועגן דעם ארעסט אויך אויף זאוואלניע גאס, וואו עס איז דעמאלט געווען די ארבעטער „בירזשע", און הירש לעקערט מיט נאך ארבעטער, וואס האבן זיך דארט געפונען, זיינען אויך אוועק צום פאליציי־צירקל, וואו די ארעסטירטע זיינען געהאלטן געווארן.

עליע רייטשוק, וועלכן מען האט גערופן „דער בער" צוליב זיין שטארקייט, איז געווען א שוסטער און הירש לעקערטס א נאענטער פריינט.

ווען לעקערט האט זיך דערוואוסט אז צווישן די ארעסטירטע געפינט זיך זיין פריינט „דער בער", האט ער תיכף גענומען ארגאניזירן זייער באפרייאונג.

מען האט פריער פאר אלץ איבערגעשניטן די טעלעפאן־דראטן פון פאליציי־צירקל, כדי דער פריסטאוו, די פאליציאנטן און דער שפיאן, וואס האט אנגעפירט מיטן ארעסט, זאלן ניט קענען קריגן קיין הילף.

ווען דער פריסטאוו מיט זיינע ארויסהעלפער האבן דערזען אז לעבן פאליציי־צירקל זאמלט זיך א גרויסער עולם, האט ער באשלאסן אפצוּוואַרטן מיטן ארויספירן די ארעסטירטע ביז פארטאג, ווען די ארבעטער וועלן זיך צעגיין.

אבער הירש לעקערט מיט זיין ארגאניזירטער גרופע זיינען ניט אוועק. זיי האבן זיך באהאלטן אין די ארומיקע הויפן.

פארטאג ווען דער פריסטאוו מיט זיינע ארויסהעלפער זיינען געווען זיכער, אז די ארבעטער זיינען שוין אוועק, האבן זיי גענומען ארויספירן די ארעסטירטע. אבער ווי נאר זיי זיינען ארויס פון טויער און געמאכט עטלעכע טריט, האט זיך דערהערט א פייף, לעקערטס באשטימטער צייכן, און די באהאלטענע ארבעטער האבן זיך א לאז

געטאָן אויף דער פּאָליציי. דער פּריסטאַוו האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן און האָט שנעל צוריק פאַרהאַקט דעם טויער.

די אַרבעטער האָבן אָבער געשטורעמט דעם פאַרשלאָסענעם טויער, אויפגעריסן אים און גענומען וואַרפן שטיינער, שטיקער האָלץ און אַלץ, וואָס זיי האָבן געקראָגן אונטער דער האַנט אין די פענצטער פון דער פּאָליציי. ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אינעווייניק און האָבן אָנגעהויבן גיין צו די טרעפּ וואָס פירן צו דער קאַנצעלאַריע, איז אַ פּאָליסמאַן אַרויסגעלאָפן מיט אַ הויכן שווערד און האָט גענומען שרייען צו די אַרבעטער, אַז יעדער וואָס וועט וואַגן אַרויפצוגיין אויף די טרעפּ וועט ער צעשניידן אויף שטיקער.

כאָנע פּייוועקע, הירש לעקערטס אַ גוטער באַקאַנטער, וועלכער איז געווען באַוואוסט פאַר קענען געבן קלעפּ ווען מען דאַרף, האָט געכאַפּט אַ שטיין און מיט אַ געשריי „באַפרייט די אַרעסטירטע" האָט ער געוואָרפן דעם שטיין אויפן פּאָליסמאַן. דער שטיין האָט ניט געטראָפן און דער פּאָליסמאַן האָט דערלאַנגט מיט זיין שווערד כאָנע־פּייוועקען איבערן קאָפּ. אַ צעבלוטיקטן און שטאַרק פאַרוואונדעטן האָט מען כאָנע־פּייוועקען אַוועקגעטראָגן אויף די הענט.

די אַרבעטער זיינען געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט און צעהיצט. דער האָגל שטיינער איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. עס איז שוין קיין גאַנץ פענצטער ניט געבליבן אין דער געביידע.

דער פּריסטאַוו האָט דאַן באַשלאָסן צו באַפרייען די אַרעסטירטע, וועלכע זיינען מיט גרויס פרייד אַוועקגעטראָגן געוואָרן אויף די הענט פון די אַרבעטער.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מיט איינצלהייטן אויף דעם דאָזיקן פאַל, ווייל ער גיט אַ גוטן באַגריף ניט נאָר וועגן דער שטימונג פון די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין יענער צייט, נאָר אויך וועגן דער ברייטער מאַסע פון די ניט אָרגאַניזירטע און וועגן זייער באַציאונג צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ס'איז דאָך געווען באמת מערקווירדיק: שטונדן לאַנג, פון שפּעט אין אָוונט ביז אינדערפרי, איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף מיט דער פּאָליציי, וועלכן הונדערטער מענטשן פון דער באַפעלקערונג אויף נאָוגאָראָד האָבן צוגעזען, און קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואָלט, אָדער ניט געוואַגט איבערצוגעבן דער פּאָליציי אַ ביסל ווייטער, אין אַן אַנדער צירקל, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער נאָווגאָראָדער „אינצידענט“ גיט אויך אַ באַגריף וועגן דעם יונגן העלדישן הירש לעקערט, וועגן זיין געוואַגטקייט, זיין רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, זיין לאָיאַלקייט צו חברים, זיין ניט שרעקן זיך פאַר קיין שום שוועריקייטן.

די פּאָליציי האָט אָנגעזאָגט אַלע דאָקטוירים, אַז ווען מען וועט צו זיי ברענגען אַ מאַן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ, אָדער מען וועט זיי רופן אין אַ הויז וואו אַזאַ מאַן געפינט זיך, מוזן זיי איר באַלד אָנזאָגן וועגן דעם. דאָס איז באַלד באַוואוסט געוואָרן איבער דער שטאָט. האָט הירש לעקערט און דער פאַרוואונדעטער כאָנע־פּייווקע, אָנגעטאָן זיך אין פרויען־קליידער און זיי זיינען אַזוי אַוועקגעפאָרן קיין וואָלקאָמיר, אַ קליין שטעטל לעבן ווילנע. אָבער דאָרט זיינען זיי אַרעסטירט און אָפּגעשיקט געוואָרן צוריק קיין ווילנע. לעקערט אַליין איז אויפן וועג קיין ווילנע אַנטלאָפן, נאָר כאָנע־פּייווקען האָט מען געבראַכט צוריק אין ווילנע און אַריינגעלייגט אין שפּיטאָל.

הירש לעקערט האָט זיך ניט באַרואיקט. ער האָט באַלד אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן צו באַפרייען כאָנע־פּייווקען פון שפּיטאָל, וואו ער איז געלעגן אין אַן אַלגעמיינעם צימער אונטער דער וואַך פון אַ פּאָליסמאַן.

דער פּלאַן איז געווען אַזאַ: אַ גרופּע מענטשן וועלן קומען געוואויר ווערן כאָנע־פּייווקען. אַ טייל זאָל פּרובירן אין קאָרידאָר, ווען דער גאָראָדאָוואָי וועט אַרויסגיין אויף אַ מינוט, פאַררײדן זיך מיט אים; דערווייל זאָל כאָנע־פּייווקע אָנטאָן די פרויען־קליידער, וואָס מען וועט אים ברענגען און אַרויס פון שפּיטאָל. דער פּלאַן האָט זיך גוט איינגעגעבן. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען כאָנע־פּייווקע און לעקערט ווידער אַרעסטירט געוואָרן.

כאָנע־פּייווקען האָט מען דאַן שוין אַריינגעזעצט אין ווילנער אַנטאָקאָלער טורמע. ער הויבט באַלד אָן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווידער צו אַנטלויפן. ווען מען האָט אים אַרויסגעפירט אויפן טעגלעכן קורצן „שפּאַציר“ אין הויף פון טורמע, האָט ער אָפּגעהיט אַ מאָמענט, ווען דער אויפזעער האָט זיך אָפּגעקערט אויף אַ סעקונדע, האָט פלינק אַרויפגעקלעטערט אויף אַ באַרג האָלץ, וואָס איז געלעגן ביים וואַנט פון טורמע און איז אַריבערגעשפּרונגען אויפן צווייטן זייט. דראַגונער, וועלכע האָבן אָנגעטרונקען זייערע פערד אין דעם דערבייאיקן טייך האָבן דערזען ווי אַ מאַן מיט אַ פאַרבונדענער קאָפּ איז אַראָפּגע־

שפּרונגען פון טורמע־וואַנט, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען און לויפן נאָך אים, אָבער כאָנען האָט זיך איינגעגעבן אין טומל צו אַנטלויפן.

הירש לעקערט איז אָפּגעזעסן אין דער אַנטאָקאָלער טורמע ניין חדשים און דערנאָך אין דער פּעטערבורגער טורמע, „קרעסטי" זעקס חדשים. נאָך זיין טורמע־טערמין, שיקט מען אים אַרויס אויף צוויי יאָר אין יעקאַטערינאָסלאַוו אונטער פּאָליציי־אויפזיכט.

אָנהויב פרילינג 1902, קערט ער זיך אום אומלעגאַל קיין ווילנע, וואו עס האָט זיך געפונען זיין יונגע פרוי און זיינע נאָענטע פריינט, און הגם ער איז געווען אין גרויס געפאַר אַרעסטירט צו ווערן, באַטייליקט ער זיך אין דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט שמייסן די אַרעסטירטע.

לעקערט שיסט אין פאָן וואַלן

מען האָט געפילט אַז אַזאַ שענדלעכער, ביז דאַן אומגעהערטער אַקט פון אַ צאַרישן גובערנאַטאָר, טאָר ניט פאַרשוויגן ווערן.

יעדערער האָט געפילט און געוואָרט, אַז דער נקמה־אַקט זאָל וואָס שנעלער קומען. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אין דער פּראָקלאַמאַציע, וואָס מיר האָבן געדרוקט אין נאָמען פון „בונד" און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון פּוילן און ליטע, איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז פאָן וואַלס שענדלעכער אַקט איבער די אַרעסטירטע מוז אַרויסרופן ביי די מאַסן אַ פאַרלאַנג צו ענטפערן מיט טעראָר־אַקטן.

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז אַזאַ טעמפּעראַמענטפולער, ברויזנדיקער יונגער רעוואָלוציאָנער, ווי הירש לעקערט, זאָל זיין איינער פון די ערשטע צו וועלן ענטפערן פאָן וואַלן אין דער שפּראַך, וועלכע איז אים, לעקערטן, געווען גרינג צו פאַרשטיין — מיט אַ קויל פון אַ רעוואָלווער.

לעקערט האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע גרופּע פאַר דעם נקמה־אַקט.

אין דער גרופּע זיינען אַריין 4 יידישע און 2 פּוילישע אַרבעטער.

ווי געזאָגט, זיינען ביידע ווילנער אָרגאַניזאַציעס — דער „בונד" און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון ליטע און פּוילן — געווען קעגן טעראָר־אַקטן, אָבער אין ביידע אָרגאַניזאַציעס האָט מען געוואוסט וועגן לעקערטס גרופּע. ווען מען האָט זיך געווענדט צום קאָמיטעט פון „בונד" ער זאָל אַרויסהעלפן דער גרופּע, האָט דער פאַרשטייער פון

קאָמיטעט געענטפערט, אַז דער קאָמיטעט אַלס אָפיציעלער אַנשטאַלט קען זיך אין דעם ניט באַטייליקן. אָבער איינצלנע מיטגלידער, וועלכע האָבן מיטגעפילט דעם אַקט, וואָס די גרופּע האָט זיך געקליבן דורכ־פירן, זיינען געווען גרייט אַרויסהעלפן.

דעם 5־טן מאַי, אויפן רוסישן קאַלענדאַר, צוועלף ביינאַכט, ווען פאָן וואָל מיט זיין סוויטע זיינען אַרויס פון צירק אויף לוקישקעס, האָט לעקערט אַריינגעשאָסן אין פאָן וואַלן צוויי קוילן, — איינע האָט אים געטראָפן אין האַנט, די צווייטע אין פוס.

דער פּלאַן פון לעקערטס גרופּע איז געווען, אַז ווען לעקערט וועט אויסשיסן אין פאָן וואַלן זאָל אַ צווייטער מיטגליד פון דער גרופּע אויך נעמען שיסן, אַזוי אַז אין דער צעמישעניש וואָס וועט פּאַרקומען זאָל לעקערט האָבן צייט צו אַנטלויפן. אָבער די פּאָליציי האָט לעקערטן געקענט צו גוט און האָט אים גלייך אויפן אָרט אַרעס־טירט.

דעם 15־טן מאַי, אין צען טעג אַרום נאָך דעם שאָס, האָט אַ מיליטער־געריכט פאַראורטיילט לעקערטן צו טויט־שטראָף.

דעם 28־טן מאַי האָט מען הירש לעקערט אויפגעהאַנגען ביים זונ־אויפגאַנג אויפן „מיליטער פעלד".

ביים הענגען אים זיינען געווען פיר באַטאַליאָנען סאָלדאַטן, דער ווילנער „קאַזיאָנער ראַבינער", דער רב נעמזער, אַ דאָקטער, דער פּראָ־קוראָר און נאָך באַאַמטע.

אויף די פאָרשלאָגן פון פּראָקוראָר, ראַבינער און רב, ער זאָל ווידוי זאָגן, ער זאָל צוגעבן, אַז ער האָט חרטה אויף זיין טאַט, ער זאָל זאָגן ווער עס האָט אים אַרויסגעהאָלפן און אויף נאָך אַזעלכע פאָרשלאָגן האָט הירש לעקערט געענטפערט מיט פאַראַכטונג.

ער האָט באַגעגנט זיין טויט מיט ווערדע, שטאָלץ, אַפילו די צאַרישע באַאַמטע האָבן באַוואונדערט זיין העלדישן האַלטן זיך ביז דער לעצטער סעקונדע פון זיין לעבן.

אַזוי איז הירש לעקערט יונגערהייט אומגעבראַכט געוואָרן און האָט מיט זיין אַקט און טויט אַריינגעשריבן אַ העלדישן אומפאַרגעס־לעכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד.

לעקערט איז אַריין אין דער געשיכטע, אַלס איינער פון די העלדן וואָס האָבן געקעמפט און געאָפּפערט זייער לעבן פאַר דער רו־

סישער רעוואָלוציע. אַ קורצע צייט נאָך זיין טויט האָט זיין יונגע פרוי געבוירן אַ קינד.

די זיגרייכע רוסישע רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917, האָט אָפּגעשאַצט דעם העלדישן לעקערטן אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט און אין צענטער פון מינסק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ לעקערט־מאָ־נומענט.

וועגן לעקערטן איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור אין רוסיש און דערהויפּט אין יידיש. עס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן דראַמעס, לידער, באַשרייבונגען וועגן זיין לעבן און קעמפן, וועגן זיין מוט, איבערגעבנקייט און ביישטייער צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דאָס פאָלקס־ליד נאָך לעקערטן

איך וועל דאָ פאַרצייכענען נאָר איין פאָלקס־ליד פון די פיל לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן וועגן לעקערטן. צו ווייזן ווי די פאָלקס־מאַסן האָבן דאַן אָפּגעשאַצט לעקערטס שיסן אויף פאָן־וואַלן:

אַזוי ווי הערשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
אַזוי האָט ער געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט".
אַזוי ווי הערשקע איז צום צירק צוגעגאַנגען,
אַזוי האָט ער נישט לאַנג פאַרבראַכט.

ווען הערשקע איז צו דער קאַסע צוגעגאַנגען,
אַ בילעט האָט ער געבעטן אויף גיך;
ווען הערשקע איז אין צירק אַריינגעגאַנגען,
האָט ער באַטראַכט אַרום זיך.

דער זייגער האָט צוועלף געשלאָגן.
דער פּובליק איז געגאַנגען אַהיים;
איז הערשקע פון זיין לאָזשע אַרויסגעגאַנגען,
ביים גובערנאַטאָרס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין.

ווי הערשקע איז ביי דער לאָזשע געשטאַנען,
זיין בליק האָט ער געוואָרפן פון זיך אויף ווייט;
ווען דער גובערנאַטאָר איז פון צירק אַרויסגעגאַנגען
האָט אים הערשקע געשאָסן אין אַ זייט.

ווי די טיראַנען האָבן דעם שאָס דערהערט,
איז געוואָרן אַ שרעקלעך גערודער:
מ'האָט באַלד הערשקען אַרעסטירט,
מ'האָט אים איינגעזעצט אין פערצנטן נומער.

אַזוי ווי מען האָט הערשקען אַרעסטירט,
האָט מען געבעטן ער זאָל דעם אמת אויסגעבן;
— „אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
איך האָב געוואָלט דער טיראַן זאָל ניט לעבן.“

ווי מ'האָט הערשקען צום משפט געפירט,
האָט מען געבעטן ער זאָל דעם אמת אויסגעבן:
— „אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
איך האָב געוואָלט דער טיראַן זאָל ניט לעבן.“

זעקס אַזייגער פאַרטאָג —
ווי שטיל איז געווען אויפן פעלד:
— „אָ, ברידער, איר זענט אַלע געשלאָפן,
מיט מיר האָט מען געטאָן וואָס מען האָט געוואָלט.

אָך, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן, —
די שטריק וואָס מען האָט פאַרוואָרפן איבער מיר;
אַז מיין פרוי וועט אַ קינד געבוירן
אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר.

אוי, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן,
די שטריק וואָס מען האָט פאַרוואָרפן איבער מיין האַלדז;
אַ צוואָה, ברידער, וועל איך אייך איבערלאָזן,
אַז ראַכע זאָלט איר נעמען פאַר אַלץ.

(פאַרצייכנט פון שמואל לעהמאַן, אין דער זאַמלונג
„אַרבעט און פרייהייט“, וואַרשע, 1921.)

קיין טעראָר־אַקט אין יענער צייט האָט ניט געקראָגן אַזוי פיל מיטגעפיל, אַזוי פיל אָנערקענונג ביי די אַרבעטער, ווי לעקערטס שאָס אין פאָן וואָלן.

אפילו צווישן אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, צווישן דעם מיטל־קלאַס, אינטעליגענץ און אַפילו צווישן די רייכערע קרייזן איז מען געווען צופרידן מיט לעקערטס אַקט. די שטימונג האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם דערפאָלג פון דער פּראָקלאַמאַציע, וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט פאַרן ווילנער קאָמיטעט.

די פּראָקלאַמאַציע האָט אויסגעדריקט די פרייד וואָס האָט אַלע־מען אַרומגענומען, אַז ענדלעך האָט פאָן וואָל געקראָגן אַ טייל וואָס אים קומט. מען האָט נאָר באַדויערט וואָס פאָן וואָל איז געבליבן לעבן. דער קאָמיטעט האָט דערקלערט אין דער פּראָקלאַמאַציע, אַז די וויל־נער אָרגאַניזאַציע, איז שטאָלץ וואָס אין אירע רייען האָט זיך געפונען אַזאַ העלד ווי לעקערט. די פּראָקלאַמאַציע האָט צוגעגעבן, אַז באַטש

סאָציאַל־דעמאָקראַטן האַלטן ניט פון טעראָר, פּאַראייניקן מיר זיך מיט די אַלע וואָס פרייען זיך מיט לעקערטס אַקט.

דער זעלבער געפיל פון פרייד, אַז ענדלעך האָט זיך געפונען איי־נער וואָס האָט נקמה גענומען פאַר דער שענדלעכער עקזעקוציע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע שטעט, וואו די אַרבעטער האָבן געקעמפט קעגן צאַריזם. אויף וויפיל לעקערטס אַקט האָט געווירקט אויף די אָר־גאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט, און אין וואָס פאַר אַ שטימונג זיי האָבן זיך געפונען קען ווייזן דער פאָלגנדער פאַקט:

אַ פּאָר חדשים נאָך לעקערטס שאָס, אין אויגוסט 1902, איז אין בערדיטשעוו פאָרגעקומען די פינפטע קאָנפערענץ פון „בונד", וועלכע האָט מיט אַ גרויסער מערהייט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַ־ניזירטער נקמה" אַלס ענטפער אויף פּאָליצייאישן טעראָר.

די רעזאָלוציע האָט אונטערשטראָכן, אַז דאָס מיינט ניט אַז סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן אָנערקענען טעראָר אַלס „מיטל אין קאַמף" קעגן דער צאַרישער רעגירונג, נאָר אַז ס'איז אַן אַקט „נקמה צו נעמען פאַר אַ שענדלעכע באַליידיקונג" אָבער כדי אַזעלכע איינצלנע נקמה־אַקטן זאָלן זיך ניט פאַרוואַנדלען אין אַ סיסטעמאַטישן טעראָר — מוז די פּאַרטיי אַליין און ניט איינצלנע גרופּן אָרגאַניזירן אַזעלכע אַקטן.

*
**

אין דעם זעלבן זומער 1902, איז אונדזער לאַגע אין דרוק גע־וואָרן אַזאַ, אַז עס איז שווין פאַר מיר און מיין פרוי אוממעגלעך געווען ווייטער צו אַרבעטן דאָרט.

די שטענדיקע פאַרשטיקטע לופט האָט געבראַכט צו דעם, אַז אונדזער זון איז שטענדיק געווען קראַנק. יעדע וואָך און אָפט אַ פּאָר מאָל אין וואָך האָט מען אים געדאַרפט נעמען צום דאָקטער.

פּסח, דער אַרבעטער וועלכער איז געקומען העלפן אין דרוק נאָך הירלס אַוועקגיין, האָט ניט אויסגעהאַלטן אַפילו אַ האַלב יאָר. ווען ער איז אַוועק האָט מען אונדז צוגעשיקט ציטלינען (געשטאָרבן אין ניו יאָרק דעצעמבער, 1940), אָבער אויך ער האָט זיך ניט גע־קענט צופּאַסן און איז אַוועק אין אַ קורצער צייט אַרום. מען האָט ווידער געדאַרפט זוכן אימיצן פאַרן דרוק. איז צו אונדז געקומען וועלוול קאַמערמאַכער, אַ שריפטזעצער פון פאַך. דאָס איז געווען

דעם ערשטן מאָל, וואָס מען האָט אונדז געשיקט איינעם, וואָס האָט געקענט די אַרבעט, ווי אַ פאַכמאַן.

אונדזער אַוועקגיין פון דרוק האָט דער צ. ק. געהאַלטן אין איין אָפּלעגן ביז ער וועט געפינען פּאַסנדע מענטשן אויף אונדזער אָרט.

איך האָב צוגעזאָגט אַז איך וועל העלפן געפינען אַ נייע דירה פאַר ־דער דרוקעריי און וועל שטיין אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט די נייע אַרבעטער, אַרויסצוהעלפן זיי אין אַלץ וואָס נייטיק.

נח האָט צו אונדז צוגעשיקט גישען, מיט וועלכער איך האָב פריער געאַרבעט אין דער ביאַליסטאָקער באַוועגונג, און הירש אפנערן פון דווינסק. זיי ביידע האָבן געדאַרפט זיין דאָס „יונגע פּאָר פאָלק" וואָס וועט דינגען די דירה. וועלוול קאַמערמאַכער איז געבליבן אַר־בעטן מיט זיי.

עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז דערווייל זאָל די קאָרעספּאָנדענץ פון צ. ק. צום דרוק גיין ווי פריער דורך מיר, און יאַנקל דעם שניידער, אונדזער פאַרמיטלער, וועט שטיין אין פאַרבינדונג צווישן מיר און דער דרוקעריי.

מיר האָבן געפונען אַ נייע דירה אויף אַלעקסאַנדראָווסקער בול־וואַר. ניט ווייט פון אונדזער וואוינונג. די דירה איז געווען אין אַ „שאַלקע", דער סופיט אַזוי ווי אין אַלע „שאַלקעס" איז געווען ני־דעריק ביי ביידע זייטן פון צימער, דער טיש צום זעצן די שריפט און דער קאָמאָד מיט דער דרוק־מאַשין זיינען געשטאַנען ביים וואַנט אויף וועלכער מען האָט אויפגעהאַנגען אַ לאָמפּ צו דער אַרבעט. אַזוי ווי דער לאָמפּ איז געהאַנגען זייער נאָענט צום סילינג האָט אויסגעבראָכן אַ פייער וועלכער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אויפן בוידעם און פון בוידעם איבערן גאַנצן הויז.

עס זיינען באַלד געקומען די פייער־לעשער, זיי האָבן אויסגעלאָשן די שרפה און האָבן געראַטעוועט די דרוק־מאַשין מיט דעם שריפט ניט ווייסנדיק, וואָס פאַר אַ גוטע שטיקל אַרבעט זיי האָבן אָפּגעטאָן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג...

די פייער־לעשער האָבן ניט געקענט זען די דרוק־מאַשין מיט די שריפט, ווייל דאָס איז געווען באַהאַלטן אין קאָמאָד און טיש, וועל־כע האָבן זיך ניט באַוויזן אָנצוצינדן. אַ דאַנק דעם שנעלן אויסלעשן האָט זיך איינגעגעבן די שריפט זאָל בלייבן ניט צעשמאָלצן.

מען האָט געמוזט זוכן אַ נייע דירה פאַר דער דרוקעריי, און דאָס מאָל האָט זיך שנעל איינגעגעבן צו געפינען אַ גוטע, באַקוועמע דירה אויף די לוקישקעס.

***

נאָך דעם, ווי איך בין צוויי מיט אַ האַלב יאָר געווען אָפּגעשלאָסן און אָפּגעזונדערט פון דער באַוועגונג; ווען מען האָט ניט געטאָרט זיך טרעפן מיט קיינעם ניט, אין ערגעץ ניט גיין, איז מיין פרייד, ווען איך בין אַריין אַרבעטן אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, געווען זייער גרויס. ווידער פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס, קרייזלעך. ווידער טרעפן זיך מיט מאַסן אַרבעטער.

איך האָב צוריק געקראָגן אַרבעט ביי אַנדרייעוון.

אַנדרייעוו האָט גלייך געדונגען אַ פּלאַץ אין דער זעלבער הויז, וואו עס איז געווען זיין פּאַפּיר געשעפט. די באַדינגונגען פון מיין אַר־בעט זיינען דאָס מאָל געווען פיל בעסערע ווי פריער. איך האָב שוין געקראָגן גאַנצע פינף רובל אַ וואָך, מיט אַ רובל מער ווי פריער, אָבער דערהויפּט האָב איך זיך געפילט בעסער וואָס די בוכבינדעריי איז געווען ניט אין זיין פּאַפּיר געשעפט, נאָר אין גאַנצן באַזונדער אין הויף, און איך האָב דאָרט געקאָנט טאָן — און טאַקע געטאָן — וואָס איך האָב געוואָלט.

„זובאַטאָװשטשינע״

אין װינטער פון 1901 — 1902, װען איך בין נאָך געװען פאַר־
נומען אין דרוק, זײַנען מיר געװען שטאַרק באַשעפטיקט מיט דרוקן
פּראָקלאַמאַציעס און אַנדערע אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַר דער װילנער
און דערהױפּט פאַר דער מינסקער אָרגאַניזאַציע אין זײער קאַמף מיט
דער זובאַטאָװשטשינע, אָדער װי די זובאַטאָװצעס האָבן זיך אַ נאָמען
געגעבן: „די יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער פּאַרטײ״.

אין זומער 1902, װען איך האָב שױן אָנגעהױבן אַרבעטן אין
דער װילנער אָרגאַניזאַציע, איז נאָך דער קאַמף מיט זײ אָנגעגאַנגען.

צו געבן אַ קלאָרן בילד מיט װאָס פאַר אַ מיטלען די צאַרישע
רעגירונג האָט זיך דאַן באַנוצט אין קאַמף מיט די רעװאָלוציאָנערן,
װעל איך זיך אָפּשטעלן אַ ביסל מער אױף דער באַװעגונג פון די
„אומאָפּהענגיקע״.

איך האָב שױן דערמאָנט דעם גרױסן אַרעסט, װאָס דער צאַרי־
שער זשאַנדאַר, זובאַטאָװ, האָט דורכגעפירט זומער 1898, װען עס
איז אױך אַרעסטירט געװאָרן די באָברויסקער אומלעגאַלע דרוקערײ.

זובאַטאָװ האָט נאָך דעם אָנגענומען אַ נײַע טאַקטיק: אין די
געשפּרעכן מיט די אַרעסטירטע, איז ער געװען אױסערגעװײנלעך העפ־
לעך. ער פלעגט ניט „אױספּאַרשן״ דעם אַרעסטירטן אַזױ װי די גע־
װײנלעכע צאַרישע זשאַנדאַרן אָדער אַנדערע פון דער „אָכראַנקע״
פלעגן טאָן. זײַן טאַקטיק איז געװען צו „פאַרברענגען״ אױף אַן „אינ־
טעליגענטן״ אופן מיט דעם אַרעסטירטן, רײדן און דיסקוטירן מיט
אים װעגן פאַרשײדענע פראַגן, פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע, װעגן
דער אַרבעטער באַװעגונג אין אױסלאַנד און אין רוסלאַנד. ער האָט
געזוכט מיט אַלע מיטלען מאַכן פילן די אַרעסטירטע, אַז פאַר זײ איז
ער ניט קײן דינער פון צאַריזם נאָר אַ „פרײַנט״. דער געשפּרעך פלעגט
גאַנץ אָפט פאַרציען זיך אױף אַ לענגערער צײַט און ער פלעגט הײסן
זײַן באַדינער ברענגען טײ אָדער צובײסן.

סוף 1900, האָט דער צ. ק. פון „בונד״ פאַרשפּרייט אַן אויפ־רוף, אין וועלכן ער האָט אויפגעוויזן און דערקלערט די געפערלעכע טאַקטיק וואָס זובאַטאָוו נעמט אָן, כדי אַריינצוציען אין זיין נעץ די אַרעסטירטע. ער האָט געוואָרנט, אַז זובאַטאָוו איז אַ כיטרער, דורכ־געטריבענער צארישער שפּיאָן און מען זאָל זיך היטן, ניט צו לאָזן זיך פאַרפירן פון אים. ווען זובאַטאָוו האָט געקראָגן דעם אויפרוף האָט ער זיך שטאַרק באַליידיקט. אין זיינע געשפּרעכן מיט די אַרעס־טירטע האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז די רעוואָלוציאָנערן רופן אים שפּיאָן, בעת ער, זובאַטאָוו, איז בלויז קעגן זייער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק, וועלכע ברענגט נאָר שאָדן די אַרבעטער.

ניט נאָר זיינע רייד, נאָר אַפילו די שטראָף וואָס די אַרעסטירטע האָבן געקראָגן איז געווען אַ מילדע, וואָס ביז דאַן איז דאָס ניט גע־הערט געוואָרן. געוויינטלעך פלעגט די שטראָף פאַר אַרבעטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי זיין קאַטאָרגע. די מענטשן, וואָס זובאַטאָוו האָט אַרעסטירט, זיינען אָבער נאָך אַ יאָר אָדער אַ ביסל מער זיצן אַרויסגעלאָזן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דער אָרטיקער פּאָ־ליציי.

זובאַטאָווס „זיסע״ רייד מיט די אַרעסטירטע פון זומער 1898, האָבן אים קיין צופיל נוצן ניט געבראַכט. אָבער דער וויכטיקער גע־ווינס, וואָס ער האָט פון דעם יאָ געקראָגן איז געווען וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן איבערצוגעווינען ישראל מיכל קאַפּליוסקין צו ווערן אַ פּראָוואָקאַטאָר.

אין מערץ 1900, איז אין מינסק אַרעסטירט געוואָרן מאַניע ווילבושעוויטש, גרישע שאַכנאָוו און נאָך אייניקע.

אין מאַניע ווילבושעוויטש, אַ היסטערישע יונגע אינטעליגענט־קע פון אַ רייכער גראָדנער פאַמיליע, האָט זובאַטאָוו געקראָגן אַ הייסע איבערגעגעבענע אָנהענגערין אויף דורכצופירן זיין פּראָגראַם פון קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע צווישן די יידישע אַרבעטער.

זובאַטאָוו האָט אַריבערגעוואָונען מאַניע ווילבושעוויטש און נאָך אייניקע אויף זיין זייט מיט די פאָלגנדע אַרגומענטן : די „ריינע״ אַרבעטער באַוועגונג דאַרף אָפּגעטיילט ווערן פון דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער; וואָרום די אינטעליגענטן, די סאָציאַליסטן, נוצן בלומרשט אויס דעם אַרבעטער, וועלכער וויל פאַרבעסערן נאָר זיין עקאָנאָמישע לאַגע, אַז ער זאָל קעמפן פאַר זיי, פאַר די אינטעליגענטן,

און פאַר אַזעלכע פאָדערונגען זייערע אין וועלכע דער אַרבעטער איז גאָר ניט פאַראינטערעסירט. די צאַרישע זעלבסט-הערשונג, האָט ער איינגערעדט זיינע קרבנות און תלמידים, איז אין דער אמתן גאָר די בעסטע פאָרמע פון אַ רעגירונג פאַר די אַרבעטער, ווייל זי איז נייטראַל, זי געהערט ניט צו קיין קלאַס און פאַרטיידיקט די אינטע־רעסן פון אַלע קלאַסן. ווען די אַרבעטער וועלן פאָדערן בלויז די פאַרבעסערונג פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע וועט די רעגירונג זיכער נאָכגעבן זייערע גערעכטע פאָדערונגען.

און אויב נאָר די אַרבעטער וועלן זיך גוט אויפפירן און וועלן זיך האַלטן נאָר ביי זייערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען, וועט די רע־גירונג אַפילו לעגאַליזירן זייערע פאַראיינען. זיי וועלן קענען אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען און די רעגירונג וועט שוין זען, אַז די באַלעבאַטים זאָלן נאָכקומען זייערע גערעכטע פאָדערונגען.

אין יולי 1901, האָבן מאַניע ווילבושעוויטש, שאַכנאָוו, טשע־מעריסקי, וואָלין, יוסף גאָלדבערג, שאַיעוויטש-לאַשעוויטש און אַנ־דערע, אַרויסגעלאָזן אַ „מאַניפעסט" מיט אַ פּראָגראַם פון דער „יידי־שער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער פּאַרטיי".

די הויפּט-פּונקטן פון זייער „פּראָגראַם" זיינען געווען די פאָלגנ־דיקע:

1) די „אומאָפּהענגיקע" שטעלן זיך פאַר אַ ציל אויפהויבן דעם קולטורעלן און עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דעם יידישן אַרבעטער.

2) די „פּאַרטיי" רירט אָן פּאָליטישע פראַגן נאָר אויף אַזוי־פיל, אויף וויפיל זיי האָבן אַ שייכות מיט די טעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער.

3) די פּאַרטיי פאַראייניקט אַלע אַרבעטער, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען און אויך אַזעלכע וועלכע זיינען פּאָלי־טיש ניט אָריענטירט, פאַר זייער עקאָנאָמישער און קולטורעלער טע־טיקייט.

די „אומאָפּהענגיקע" האָבן געקראָגן זייער הויפּט-שטיצע פון דעם פירער פון דער זשאַנדאַרם-פאַרוואַלטונג — פּאָלקאָווניק וואַ־סיליעוו, זובאַטאָווס אַ תלמיד.

ער האָט זיי דערלויבט דורכצופירן גרויסע פאַרזאַמלונגען און ווען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער זיינען געקומען צו די פאַרזאַמ־לונגען צו קריטיקירן זיי, זיינען דאָרט אַלעמאָל געווען זובאַטאָווס

שפּיאָנען, וועלכע האָבן שוין געזען, אַז אַזעלכע אַרבעטער זאָלן שפּעטער אַרעסטירט ווערן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן סטרייקס אין פיל פאַכן. די באַלע־באַטים, זעענדיק אַז די פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע שטיצט די אַר־בעטער, זיינען אָפט געווען געצוואונגען נאָכצוגעבן.

וואַסיליעוון האָט זיך איינגעגעבן צו איבערצייגן דעם מינס־קער גובערנאַטאָר, פּירשט טרובעצקאָי, אין דער וויכטיקייט פון זו־באַטאָווס טאַקטיק אַלס מיטל צו באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונג.

הונדערטער אַרבעטער פלעגן קומען צו די לעגאַלע פאַרזאַמלונ־גען פון די „אומאָפּהענגיקע", אויף איינצקע פון די פאַרזאַמלונגען איז דער זשאַנדאַר וואַסיליעוו געווען דער רעדנער. מאַניע ווילבו־שעוויטש איז געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט זובאַטאָוון. זי האָט אים געלאָזט וויסן וועגן יעדער פאַרזאַמלונג, וועגן די סטרייקס, וועגן דער „קולטורעלער" אַרבעט וואָס זיי פירן אָן, וועגן די הילף וואָס זיי קריגן פון וואַסיליעוון אאַז"וו.

דער פּאָליציי דעפּאַרטמענט און זובאַטאָוו זיינען געווען אַזוי צופרידן מיט דער „גוטער" אַרבעט פון די „אומאָפּהענגיקע" אַז אין מאַי 1902 איז מאַניע ווילבושעוויטש אַרויסגערופן געוואָרן קיין פּעטערבורג צו באַקענען דעם אינערן מיניסטער, פּאָן־פּלעווען אַליין מיט דער טעטיקייט פון די „אומאָפּהענגיקע".

פּלעווען איז זייער אַרבעט אין מינסק געפעלן געוואָרן און ער האָט אינסטרואירט צו שיקן איינעם פון זייערע טוער קיין ווילנע אָנ־הויבן אויך דאָרט אַ באַוועגונג פון די „אומאָפּהענגיקע".

אין יוני 1902, איז איינער פון די דעמאָלטיקע פירער פון די אומאָפּהענגיקע, א. טשעמעריסקי, געקומען אין ווילנע מיט דעם רע־קאָרד פון זייער דערפּאָלגרייכער באַוועגונג אין מינסק.

אָבער זייער שנעל האָט ער אויסגעפונען, אַז די שטימונג צווישן די ווילנער אַרבעטער איז פאַר זיין אונטערנעמונג זייער ניט קיין גינסטיקע. פאָן וואַלס ערשטע מאַי עקזעקוציע און לעקערטס שאָס זיינען געווען צו שטאַרקע אַרגומענטן קעגן דער טעאָריע און פּראַק־טיק פון אַ „לעגאַלער" עקאָנאָמישער באַוועגונג אונטער דעם קאָנ־טראָל פון דער זשאַנדאַרמעריע.

מיר האָבן דעמאָלט דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי פאַכאָווע פאַר־

זאמלונגען, פאַרשפּרייט טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס און אויפגעקלערט די אַרבעטער וועגן די „אומאָפּהענגיקע" זיינען. מיר האָבן דורכגעפירט ברייטע דיסקוסיעס אין דער „צענטראַלקע" וועגן זייער אַרבעט.

זעענדיק וואָס פאַר אַ שווערקייטן זיי האָבן אָנגעטראָפן אין ווילנע, האָבן די „אומאָפּהענגיקע" אַראָפּגעבראַכט זייער גאַנצן „גענעראַל שטאַב" פון מינסק, עס זיינען געקומען מאַניע ווילבושעוויטש, וואָלין, גאָלדבערג, אָבער זיי אַלע האָבן ניט געקענט ברעכן די אייזערנע וואַנט, וואָס די ווילנער יידישע אַרבעטער האָבן קעגן זיי אַנטקעגנגעשטעלט.

אַ קורצע צייט האָט זיך זיי איינגעגעבן צו ברענגען צו זייערע פאַרזאַמלונגען אַ קליינע צאָל עלטערע, ניט באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, אָבער דאָס איז געווען אַלץ. עס איז אגב, כדאי צו דערמאָנען, אַז די דעמאָלטיקע ווילנער ציוניסטן האָבן געגעבן די „אומאָפּהענגיקע" די גאַנצע שטיצע וואָס זיי האָבן נאָר געקענט אין פאַרשפּרייטן זייער באַוועגונג. די ציוניסטן האָבן דאָס, נאַטירלעך, געטאָן ניט אַזוי פון ליבע צו די „אומאָפּהענגיקע" און צום צאַריזם, ווי צוליב געגנערשאַפט צום „בונד", וואָרום זיי האָבן געזען אין דער אַרבעט פון די „אומאָפּהענגיקע" די בעסטע געווער צו צעברעכן דעם „בונד".

אָבער אָנהויב 1903, האָבן די „אומאָפּהענגיקע" זובאַטאָווצעס געמוזט צוגעבן זייער דורכפאַל אין ווילנע. אין אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן, האָבן זיי זיך „געזעגנט" מיט די ווילנער אַרבעטער און צוגעזאָגט צו קומען צוריק ווען מען וועט זיי בעסער פאַרשטיין...

די זובאַטאָווצעס האָבן אויך געשיקט זייערע טוער אין אַנדערע שטעט. אין אָדעס, למשל, האָט שאַיעוויטש מיט דער הילף פון דער זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי, אַ שטיקל צייט געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג. אָבער אַ סטרייק, וואָס ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן האָט זיך דאָרטן אין 1904 צעוואַקסן אין אַן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן סטרייק, און די זובאַטאָווצעס האָבן באַנקראָטירט.

ביסלעכווייז האָט די צאַרישע רעגירונג גענומען איינזען, אַז די גרויסע האָפענונגען, וואָס זי האָט געלייגט אויף די „אומאָפּהענגיקע" זובאַטאָווצעס צו צעברעכן מיט זייער הילף די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערט ניט פאַרווירקלעכט און זי האָט צוריקגעצויגן איר

הילף צו זיי. אָן דער הילף פון דער זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי האָבן די „אומאָפּהענגיקע‟ ניט געקענט עקזיסטירן און סוף יולי 1903, האָבן זיי אויפגעגעבן זייער אָרגאַניזאַציע *).

מיין אָרגאַניזאַציע־אַרבעט אין ווילנע איז געווען ביי די איינבינדער און לינירער. דיביידע פאַכן האָבן געהערט צו איין פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. איך האָב אויך אָנגעפירט מיט אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט ביי די קוימענקערער און קצבים. די אַרבעט איז באַשטאַנען, ווי אין די אַנדערע פאַכן, צו העלפן אָרגאַניזירן זיי פאַר דער אויסבעסערונג פון זייער לאַגע אין קאַמף מיט די באַלעבאַטים.

איך האָב אויך אָנגעפירט מיט פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך צווישן זיי. די קרייזלעך פלעגן זיך געוויינלעך צוזאַמענקומען שבת ביי טאָג. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זען ווי מיטליאָריקע יידן, אַ סך פון זיי רעליגיעזע, יידן מיט בערד, האָבן זיך צוגעהערט און אויך אָנטייל־גענומען אין די דיסקוסיעס פון די פאַרשיידענע פראַגן, וואָס אונדז פלעגט אויסקומען צו באַרירן. זיי זיינען אַלע מאָל גרייט געווען זיצן

*) נאָך דעם דורכפאַל פון דער „זובאַטאָוושטשינע‟ זיינען אַ סך פון אירע פריערדיקע פאַרפירטע אָנהענגער צווישן די אַרבעטער אַריבער אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויך אַ געוויסע צאָל אינטעליגענטן, וואָס זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער נעץ פון זובאַטאָוושטשינע, האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און געזוכט אויסצוקויפן זייערע פריערדיקע מעשים מיט אַן ענערגישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. צווישן אָט־די אינטעליגענטן האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי, וועלכער האָט פאַרלאָזן די „אומאָפּהענגיקע‟ נאָך אין יאָר 1902. אין דעם שטורמישן יאָר 1905 האָט ער, אונטערן נאָמען חיים דער שוואַרצער, גענומען אַ זייער אַקטיוון אָנטייל אין די אַרבעטער־קאַמפן און רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין לאָדזש און אין ביאַליסטאָק, אַלס טוער פון „בונד‟. זיין ראָל איז שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די יאָרן 1917-1919, ווען ער איז געוואָרן דער פירער פון „בונד‟ אין אוקראַינע, אין דער צייט פון בירגער־קריג. סוף 1918 האָט ער אָרגאַניזירט דעם לינקן פליגל פון „בונד‟ און איז צוזאַמען מיט אים אַריבער אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואו ער האָט שפּעטער, צווישן די יאָרן 1921-1931 פאַרנומען אַ פירנדיקע פּאָזיציע אַלס סעקרעטאַר פון דער יידישער סעקציע (ביוראָ) ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. זיין שפּעטערדיקע טעטיקייט איז מיר ניט באַקאַנט.

שטונדן־לאַנג צו באַקאַנען זיך און פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די עקאָ־נאָמישע און פּאָליטישע פראַגן פון יענער צייט.

איך האָב אויך געהאַט אַ פּראָפּאַגאַנדע קרייזל צוזאַמענגעשטעלט פון מער אַנטוויקלטע אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן.

צו יענער צייט איז אַרויס אין אַ רוסישער איבערזעצונג, די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון אָלאַר. דער בוך האָט אין אַ פּאָפּולערער שפּראַך איבערגעגעבן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען וואָס האָבן געבראַכט צו דער רעוואָלוציע, דעם קאַמף בעת דער רעוואָלוציע צווישן די פאַרשיידענע פּאַרטייען: יאַקאָבינער, זשיראָנדיסטן, ראָיאַליסטן אאַז״וו. ס׳איז געווען ממש אַ וואונדער, ווי די צאַרישע צענזור האָט דערלויבט אַזאַ בוך.

מיט דער הילף פון אָט דעם בוך האָב איך אָנגעפירט מיט דעם קרייזל. אייניקע, וואָס האָבן געקענט לייענען רוסיש, האָב איך געגעבן צו לייענען דעם בוך כדי זיי זאָלן זיין בעסער צוגעגרייט.

דער קרייזל האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. דער אינטערעס פון די באַזוכער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זייער זעלטן האָט אימי־צער פון זיי דורכגעלאָזן אַ פאַרזאַמלונג.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז ווען איך האָב זיך ווידער געשטעלט אַרבעטן ביי אַנדרייעוון, האָט ער פאַר מיר איינגעאָרדנט זיין איינבינדעריי אין אַ באַזונדער דירה אין הויף, וואו ער האָט גע־האַט זיין פּאַפּיר־געשעפט. איך האָב געהאַט דעם שליסל פון דער איינבינדעריי. ער פלעגט אין דער איינבינדעריי אַריינגיין יעדן טאָג און אַפילו אַ פּאָר מאָל אַ טאָג, איך האָב אָבער געוואוסט די צייט ווען ער קאָן ניט קומען. איך פלעג דאָן איינבינדן די אומלעגאַלע ליטעראַטור, הגם איך פלעג דאָס דאַרפן טאָן זייער פאָרזיכטיק, ווייל אַמאָל פלעגט אַריינלויפן זיין אָנגעשטעלטער אין פּאַפּיר־געשעפט צו ברענגען מיר אַרבעט אָדער צונעמען פאַרטיקע אַרבעט פאַר דער פּאַפּיר־קראָם.

איך האָב אין אַנדרייעווס איינבינדעריי אויך איינגעבונדן ביכער וואו ס׳פלעגט צווישן די טאָוולען אַריינגעלייגט ווערן אומלעגאַלער מאַטעריאַל אויף איבערשיקן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער אָדער אין אויסלאַנד.

דאָס פלעגט געטאָן ווערן אויף פאָלגנדן אופן:

מען פלעגט נעמען צוויי דינערע טאָוולען, אַריינלייגן אינמיטן

די אומלעגאַלע מאַטעריאַלן, צונויפקלעפּן זיי בײַ די זײַטן און בײַם אײַנבינדן דעם בוך איז קיין פֿאַרדאַכט ניט געפֿאַלן אַז דאָרט געפֿינט זיך וואָס עס איז.

אָפּטמאָל פֿלעגט מען אין דער אײַנבינדערײַ ברענגען אָפּגעדרוקטע פּראָקלאַמאַציעס, אָדער אומלעגאַלע ביכלעך און זשורנאַלן, און פֿון דאָרט שוין צעטיילן וואו מען האָט געדאַרפֿט. ווען מען האָט וואָס עס איז געדאַרפֿט באַהאַלטן איבער נאַכט, אָדער אַפֿילו אויף לענגער, פֿלעג איך דאָס באַהאַלטן צווישן די אײַנבינדער־מאַטעריאַלן. מיר האָבן די אײַנבינדערײַ אויך אויסגענוצט פֿאַר „יאַווקעס", (לעגאַלע אַדרעסן) ווען אײַנער פֿלעגט קומען פֿון אַן אַנדער שטאָט. אַ לענגערע צײַט האָבן מיר אַפֿילו געהאַלטן דעם סקלאַד פֿון אומלעגאַלע ליטעראַטור אין אַנדרייעווס אײַנבינדערײַ. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אַנדרייעוו איז געווען דער פֿירער פֿון דער „שוואַרצער מאה" אין ווילנע, און אויף זײַן אײַנבינדערײַ איז, נאַטירלעך, ניט געפֿאַלן דער מינדסטער חשד.

***

אָנהויב אַפּריל 1903 איז פֿאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם אין קישינעוו, בעסאַראַביע. צענדליקער יידן זײַנען דערהרגעט געוואָרן, הונדערטער זײַנען פֿאַרוואונדעט געוואָרן. הונדערטער יידישע געשעפֿטן און היימען זײַנען צעראַבירט געוואָרן.

דער פּאָגראָם איז געווען אָרגאַניזירט פֿון דער צאַרישער רעגירונג מיט דער גוטהייסונג פֿון דעם אינערן מיניסטער פֿאָן פּלעווע. ס'איז געווען אַ וואָרנונג צו די יידן — אָפּצושטעלן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין די שטעט, וואו עס איז זיי געווען דערלויבט צו וואוינען, און נאָך מער איז עס געווען אַ מיטל צו צעטומלען און פֿאַרפֿירן די אויפֿגעהעצטע קריסטלעכע באַפֿעלקערונג.

דער קישינעווער פּאָגראָם איז פֿאָרגעקומען פּונקט אין אַ יאָר אַרום נאָך פֿאָן־וואָלס עקזעקוציע. דעם יאָר זײַנען די פּאָליציייאישע פֿאַרפֿאָלגונגען אין ווילנע געוואָרן נאָך שטאַרקער. דאָס אַרעסטירן און שלאָגן אַרבעטער איז געוואָרן אַ טעגלעכע דערשײַנונג.

די נײַעס וועגן דעם קישינעווער פּאָגראָם האָט אויפֿגעוואונדערט די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון גאַנצן לאַנד און אויך, נאַטירלעך, פֿון ווילנע. די שטימונג צווישן די רײַכע און אַ גרויסן טייל פֿון מיטלשטאַנד איז געווען אַ נידעריקטע, אַ פֿאַרצווייפֿלטע. מען האָט גע־

פּרואווט וואַרפֿן די שולד אויף די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אַז זיי ברענגען עס צו די פּאָגראָמען. די שטימונג צווישן די אַרבעטער איז געוואָרן נאָך מער פאַרביטערט קעגן דער רעגירונג, מען האָט גענומען טראַכטן וועגן געווער צו אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

אויב אין דער פראַגע פון אינדיווידועלן טעראָר איז געווען אַ מיינונג־צעטיילונג צווישן דער פירערשאַפט און טיילן פון די אַר־בעטער, זיינען אָבער אַלע געווען אייניק אַז מען מוז אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטע זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען.

דער קישינעווער פּאָגראָם איז געווען דער אָנהויב פון אָרגאַ־ניזירן און מושטירן גרויסע טיילן פון די יידישע אַרבעטער ווי צו באַנוצן געווער אין זייער קאַמף קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס און אויך קעגן זייער אַרויסהעלפער, דער פּאָליציי און דער צאַרישער רעגירונג.

עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס, כדי אויפצוקלערן די אַרבעטער ווער עס איז שולדיק אין אָרגאַניזירן דעם קישינעווער פּאָגראָם. דער קישינעווער פּאָגראָם האָט אויך אַרויסגע־רופן אַ שטאַרקע פאַרביטערונג קעגן דער צאַרישער רעגירונג צווישן דעם ליבעראַלן טייל פון דער רוסישער באַפעלקערונג. אַ גרויסן איינ־דרוק האָבן דעמאָלט געמאַכט לעגינס אַרטיקלען אין דער אומלע־גאַלער רוסישער פּרעסע, וואָס האָט דירעקט באַשולדיקט די צאַרישע רעגירונג אין דעם פּאָגראָם.

דער רוסישער שרייבער, וולאַדימיר קאָראָלענקאָ האָט אָנגע־שריבן דאָס באַוואוסטע „הויז נומער 13” וועלכע איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין דאַמאָלדיקן רוסלאַנד. דער „בונד” האָט אָפּגעדרוקט די דערציילונג אין אַן אומלעגאַלער רוסישער בראָשור און זי פאַר־שפּרייט אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

כדי אויפצוקלערן די מיטגלידער ווער עס זיינען די שולדיקע אין דעם קישינעווער פּאָגראָם, ווער עס האָט אים אָרגאַניזירט און ווי מיר דאַרפן אויף דעם רעאַגירן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן צוויי גרויסע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד.

מען האָט אָנגענומען אַלע מיטלען כדי צו פאַרזיכערן זייער דערפאָלג. די אַרבעטער האָבן ביז שבת ניט געוואוסט וואו זיי דאַרפן קומען. די פאָרשטייער פון אַלע פאַכן האָבן אָרגאַניזירט צו טרעפן זיך מיט די מיטגלידער שבת און זאָגן זיי וואוהין צו גיין.

איין פאַרזאַמלונג איז געווען אין זווערינצער וואַלד. די צווייטע אַרום די „שטיבלעך”.

ס'איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז אויב קאָזאַקן באַפאַלן די פאַר־זאַמלונג, זאָלן אַלע בלייבן אויף די פּלעצער, קיינער זאָל ניט אַנט־לויפן, וואָרים ווען די פּאָליציי וועט האָבן פאַר זיך אַ מאַסע פון הונ־דערטער מענטשן וועט מען אַלעמען ניט קאָנען אַרעסטירן, און אויב זיי וועלן יאָ אַרעסטירן, וועט דאָס מאַכן אַ גרויסן איינדרוק אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג. אויך קען מען זיין זיכער, אַז די פּאָליציי וועט ניט קאָנען האַלטן אַזאַ גרויסע מאַסע אַרעסטירטע און וועט זיין געצוואונגען זיי צו באַפרייען.

איך בין געווען באַשטימט צו זיין איינער פון די רעדנער אין זווערינצער וואַלד. אין מיטן רעדן האָט מען גענומען שרייען: קאָ־זאַקן! ס'האָט ניט געהאָלפן דאָס בעטן מען זאָל בלייבן אויף די ערטער.

די ווילדקייט פון די קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשניטן מיט זייערע פערד אין דער מאַסע און גענומען שלאָגן מיט זייערע „נאַהייקעס” האָט געמאַכט אַז די מענטשן האָבן גענומען לויפן אין אַלע זייטן און די קאָזאַקן נאָך זיי. איך בין געבליבן מיט אַ קליינער גרופּע הינטער די קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך אַנטלויפנ־דיקע. מיר האָבן זיך איינציקווייז צעשפּרייט איבערן וואַלד.

אָפּגייענדיק אַ קורצע שטרעקע האָב איך דערזען איינעם פון די קוימענקערער, וואָס איז געווען אין מיינעם אַ פּראָפּאַגאַנדע־קרייזל, אַ פאַרוואונדעטן פון אַ קאָזאַקישער פּיקע. איך האָב אים אַרומגע־בונדן די וואונד מיט מיין נאָזטיכל. מיר האָבן געמוזט אָפּוואַרטן ביז עס וועט ווערן פינצטער כדי מען זאָל ניט זען, אַז איך פיר אַ פאַר־וואונדעטן. מיט גרויס שוועריקייט האָב איך אים געבראַכט אין שטאָט, וואו מיר האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן אַ דראָשקע צוצופירן אים אַהיים.

ביי דער צווייטער פאַרזאַמלונג זיינען די רעדנער געווען ראובן שליפּער און „מאַקס די נאָז” (גאַרבער).

דער גרעסטער טייל פוןביידע פאַרזאַמלונגען זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

ווען מען האָט זיי געפירט איבער די ווילנער גאַסן אַרומגערינגלט מיט קאָזאַקן, איז דאָס געווען אַן אמתע דעמאָנסטראַציע, און ווי מיר האָבן פריער פאַראויסגעזען, האָט די פּאָליציי טאַקע געמוזט אַלע־מען באַפרייען נאָכן פאַרשרייבן זייערע נעמען.

***

די פאָרם פון די פירנדיקע קערפּערשאַפטן אין דער אָרגאַניזאַ־ציע איז געווען אומגעפער די זעלבע ווי אין אַנדערע שטעט אין יענער צייט:

דער קאָמיטעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון דריי, פיר אָדער העכסטנס פינף מיטגלידער, איז געווען אויסגעקליבן דורך דער צענט־ראַלער סכאָדקע ביי געהיימע וואַלן. די צעטעלעך מיט די נעמען פאַר וועמען מען האָט געשטימט זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום איינציקן אָפענעם מיטגליד פון קאָמיטעט (דער „פּאָסרעדניק").

אין דער אָרגאַניזאַציע איז כסדר אָנגעגאַנגען די זעלבע קריטיק ווי דעמאָלט ווען כ'בין געווען אין מינסקער קאָמיטעט: דער קאָמיטעט נעמט זיך צופיל רעכט. דערהויפּט האָט זיך אין דער קריטיק אויסגע־צייכנט איציק דער שוואַרצער. מיר האָבן אים גערופן „דער פּראָקו־ראָר", ווייל ביי יעדער זיצונג פון דער צענטראַלקע איז ער אַרויס־געטראָטן מיט באַשולדיקונגען קעגן קאָמיטעט.

דער גרעסטער טייל פאַרזאַמלונגען פון דער צענטראַלקע און אויך די פאַרזאַמלונגען פון די פאַכן זיינען פאָרגעקומען אין „נאָוו־גאָראָד", מיר האָבן שוין געהאַט שטענדיקע פּלעצער, וואו מען האָט אונדז פאַר אַ קליינער סומע גערן געגעבן די וואוינונג פאַר אַ פאַר־זאַמלונג.

די אַקטיווע טוער, אַרבעטער אין דער אָרגאַניזאַציע אין די יאָרן 1902 — 1903, ווען איך האָב דאָרט געאַרבעט זיינען געווען די אַרבעטער: איציק דער שוואַרצער, זיין שוועסטער, (איר נאָמען געדענק איך ניט), מענוכע הורוויטש (צביהס שוועסטער), לייבקע מענקוס, ליזע, יודל — זיי אַלע זיינען געווען זעמשער (הענטשקע מאַכער); יאַנקעל דער שניידער, סאָניע די שניידערקע, אייזיק דער קאַמאַשן שטעפּער, ראובן שליפער, באַשע פּריקאַשטשיצע, לייבטשיק

— א דרוקער, בנימין מענקום — א פאַריקמאַכער און פייוושיק — א שטעפּער.

אינטעליגענטן: ראובן מיצקון, פלודערמאַכער, מאַטוועי גורע־וויטש (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, 1944), און „מאַקס די נאָז" (גאַר־בער). ראובן שליפער און לייבקע מענקום געפינען זיך אין ניו יאָרק, בנימין מענקום — אין לאָס־אַנדזשעלעס.

איך האָב דאָ אויסגערעכנט נאָר די אַקטיווע טוער, וואָס איך געדענק. געווים זיינען געווען נאָך אַנדערע, אָבער כ'האָב פאַרגעסן זייערע נעמען.

דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין ציריך

סוף מאַי, 1903, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געלאָזט וויסן דעם ווילנער קאָמיטעט ער זאָל אויסקלייבן צוויי דעלעגאַטן צום פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון דריי מיטגלידער — צוויי אינטעליגענטן, מיצקון און פלודערמאַכער און איך, אַן אַרבעטער.

ווען עס איז געקומען צום אויסקלייבן דעלעגאַטן (די וואַלן זיינען געווען געהיים) האָט מיצקון אָנגעשריבן זיין אייגענעם נאָמען און פלודערמאַכערס. דאָס זעלבע האָט געטאָן פלודערמאַכער — איין שטימע פאַר זיך און די צווייטע פאַר מיצקונען. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז מען קאָן שטימען פאַר זיך אַליין — האָב איך געשטימט פאַר זייביידן. ווען מען האָט געעפנט די צעטעלעך, האָט זיך באַקומען אַז זיי האָבן געקראָגן צו דריי שטימען און איך קיין איינע ניט.

ווען דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך דערוואוסט פון אונדזערע וואַלן האָט ער זיי בטל געמאַכט, און האָט געזאָגט, אַז עס דאַרף אויסגעקליבן ווערן איין אינטעליגענט און איין אַרבעטער. ביי די צווייטע וואַלן איז אויסגעקליבן געוואָרן מיצקון און איך.

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין דער שווייץ און דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל פאַר מיר צו פאָרן אין אויסלאַנד. איך בין געפאָרן פון ווילנע דורך קאָוונע קיין ניישטאַט, ביים דייטשן גרענעץ. ביינאַכט האָט מען מיך אַריבערגעפירט דעם גרענעץ קיין איידקונען און פון איידקונען בין איך מיטן אייזנבאַן דורך קעניגסבערג געקומען קיין בערלין.

אין בערלין האָב איך געהאַט מיין „יאַווקע" צו פּאַוועל בער־מאַנען, מיט וועמען איך האָב פריער געאַרבעט אין דער מינסקער אָרגאַניזאַציע. דאָרט האָב איך געטראָפן אויך זלמן דעם בערשטער (זינגער) וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט פון דעם „בערשטער בונד". פון בערלין זיינען מיר צוזאַמען געפאָרן קיין ציריך, אין דער שווייץ.

בערלין, די גרעסטע שטאָט וואָס איך האָב געזען ביז דאַן, האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק. מיר, די קליינע גרופּע דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, האָבן אויסגענוצט דעם טאָג, וואָס מיר האָבן געהאַט ביזן פאָרן קיין צוריך, צו באַקוקן בערלין: די פּאַרקן, מוזייען אאַז"וו. ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז פאַר אונדז געווען די רייזע פון בערלין קיין צוריך, דערהויפּט די פּאַנאָראַמע פון דער לאַנדשאַפט, ווען מען פאָרט אַריין אין די שווייצאַרישע בערג און מען דערנעענטערט זיך צו צוריך.

צוריך איז די גרעסטע שטאָט אין דער שווייץ. די שיינע צו־ריכער אָזערע (לעיק) געפינט זיך כמעט אין צענטער פון שטאָט, פון ווייטן זעען זיך די שפּיצן פון די אַלפּן־בערג. מיר, יונגע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט אַז די שווייץ איז די פרייסטע רעפּובליק אין דער וועלט. קומענדיק פון דעם צאַרישן רוסלאַנד, וואו אַ רעוואָלוציאָנער האָט זיך געדאַרפט היטן מיט יעדן טראָט וואָס ער האָט געמאַכט, איז צוריך ווירקלעך געווען אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט רוסלאַנד: מען גייט וואוהין מען וויל, מען רעדט וואָס מען וויל, מען קלייבט זיך צוזאַמען אויף אַ רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענפאָר און מען דאַרף ניט מורא האָבן, אַז מען וועט אַרעסטירט ווערן.

נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע

די הויפּט־פראַגע פון פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז גע־ווען די נאַציאָנאַלע פראַגע, די פראַגע וועגן „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע".

טעג נאָכאַנאַנד איז מען געזעסן אויפן צוזאַמענפאָר און דיסקו־טירט די פראַגע. און ניט נאָר אויפן בונדישן צוזאַמענפאָר אַליין האָט די פראַגע אַרויסגערופן היציקע דעבאַטן מיט שטאַרקע מיינונג־פאַר־שיידנקייטן. די זעלבע פראַגע איז אויך דיסקוטירט געוואָרן אין דער פּרעסע פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי, וואו לענין האָט וועגן דעם געשריבן אַ ריי אַרטיקלען.

איז וואָס איז באַשטאַנען דער פּונקט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע? די אָנהענגער פון דעם פּונקט אין דער פּראָגראַם פון „בונד" האָבן געהאַלטן, אַז די לייזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע דאַרף באַשטיין אין דעם, אַז די יידן אין רוסלאַנד זאָלן זיך דערשלאָגן אויטאָנאָמיע פאַר זייער קולטור, דאָס הייסט, דאָס רעכט

אַליין צו פאַרוואַלטן מיט די שולן אין דער יידישער שפּראַך, אויך מיט אַנדערע יידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן אויפן חשבון פון דער מלוכה.

איצט, עטלעכע און פערציק יאָר שפּעטער, קען מען זיך וואונדערן: אין סאָוועטן פאַרבאַנד האָבן די יידן, אַזוי ווי די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן באַקומען פיל מער ווי „נאַציאָנאַל קולטורעלע" אויטאָנאָמיע: אין ביראָ־בידזשאַן איז די יידישע שפּראַך, די רעגירונגס־שפּראַך פון יידישן אויטאָנאָמען געגנט. דאָרט אין די פאָלקסשולן איז די יידישע שפּראַך אָבליגאַטאָריש צום לערנען פאַר אַלע קינדער. דאָרטן אַרבעטן די מלוכה־אַנשטאַלטן באַוואוסטזיניק צו אַנטוויקלען די יידישע קולטור און דעם יידישן פּאָליטיש־עקאָנאָמישן לעבן.

אָבער אין 1903, ווען דער פינפטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען האָט מען נאָך אַפילו ניט געחלומט וועגן אַ מעגלעכקייט פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דאָס העכסטע אויף וואָס מיר האָבן געהאָפט איז געווען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, און מיר האָבן גערעדט וועגן אַ פּראָגראַם וואָס קען פאַרווירקלעכט ווערן אין רוסלאַנד אונטער דעם קאַפּיטאַליזם.

די נאַציאָנאַלע פראַגע איז צו יענער צייט נאָך געווען ווייניק באַאַרבעט ניט נאָר אין דער רוסלענדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי נאָר אַפילו אין אויסלאַנד. עסטרייך איז געווען די איינציקע לאַנד, וואו די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אויף דעם ברינער צוזאַמענפאָר אין 1899 געשטעלט די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן טאָג־אָרדענונג. אָבער אויפן ברינער צוזאַמענפאָר איז די נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע אָפּגעוואָרפן געוואָרן און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָגראַם פון „זעלבסטבאַשטימונגען" פאַר די וואָס וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן אויף זייערע טעריטאָריעס. אַזאַ פּראָגראַם האָט זיך פאַר די יידן אין רוסלאַנד ניט געפּאַסט.

כדי צו געבן אַ באַגריף ווי די פירער פון „בונד" האָבן דאַן געקוקט אויף דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועל איך ברענגען די מיינונגען פון די דעלעגאַטן וואָס האָבן דאַן אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר גערעדט פאַר און פון די וואָס האָבן גערעדט קעגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

איינע פון די וואָס זיינען געווען קעגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער

אויטאָנאָמיע זיינען געוועזן מיט דער מיינונג, אַז ווען דער צאַריזם וועט באַזיגט ווערן און אין רוסלאַנד וועט זיין אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג וועט דאָס יידישע פאָלק און דער יידישער אַרבעטער זיך אַסימילירן:

אין דעם גייסט האָט גערעדט יונה (קאָיגען) (זייט נאָוועמבער 1903 מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד"). זיין מיינונג איז געווען:

„אַלע פראַגן, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן, דאַרפן באַהאַנדלט ווערן פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט. אויב עס איז פאַראַן אַ נאַציאָנאַלער דרוק, שטערט ער דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף און דאַרף באַזייטיקט ווערן. אויב נאַציעס זאָלן עקזיסטירן אייביק — דאַן דאַרפן מיר ווערן ציוניסטן. דער דרוק פון די בירגער וועט אויפהערן, ווען דער אַבסאָלוטיזם וועט פאַלן. אין דעם זינען זע איך נישט אין דער אונטערדריקונג פון יידן קיין ספּעציפיש נאַציאָנאַלן דרוק...

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין ריין נאַציאָנאַלע אינטערעסן — זיינען דעריבער אויך נישט נויטיק קיין ספּעציעל־נאַציאָנאַלע אָרגאַנען. דער „בונד" עקזיסטירט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שטרעבט אָפּצושאַפן די אויסנאַם געזעצן און אויף וויפיל ער רעדט נישט קיין רוסיש. אַ נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע עקזיסטירט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי האָט ספּעציפישע (נאַציאָנאַלע) אינטערעסן. ווען די יידן וועלן ווערן אויסגעגליכן אין פּרט פון בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט און וועלן זיך אויסלערנען די רוסישע שפּראַך, וועט דער „בונד" אויפהערן עקזיסטירן". (אונטערשטראָכן פון מיר).

אין דעם זעלבן גייסט האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַ צווייטער מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד", — טימאָפיי:

„נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז נישט פאַרבונדן דווקא מיט דעם „בונד". זי איז מעגלעך נאָר ביי אַ פולער דעמאָקראַטיזירונג, אָבער דערצו איז נאָך זייער ווייט. אויב ס'וועט ביז יענער צייט אָפּגעשאַפט ווערן די אויסנאַם־לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די יידן — וועט אויך אָפּגעשאַפט ווערן דער „בונד". מאַרקס האָט אין זיין „רעוואָלוציע און קאָנטר רעוואָלוציע", זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער אַסימילאַציע פון די קליינע פעלקער אין עסטרייך. אַסימילאַציע באַ־

דייט, אז די אינטעליגענץ נעמט איבער די רוסישע קולטור (ווייל זי שטייט א סך העכער פאר דער יידישער), איבערנעמענדיק די אינטערנאציאנאלע קולטור אין א רוסישער פארם — אסימילירט זי זיך. אין ענגלאנד און אין אמעריקע „נעמען די יידן איבער די דארטיקע קולטור". עס איז ניטא קיין איינהייטלעכע (נאציאנאלע) פסיכאלאגיע, עס איז דא א קלאסן־פסיכאלאגיע. מען טאר זיך ניט לאזן פארפירן פון דער נאציאנאלער פסיכאלאגיע — דאס פירט צום אפטרעטן פון פראלעטארישן שטאנדפונקט. די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם העלפט מיט דעם גאנג פון דער אסימילאציע. מיטן ווייטערדיקן וואוקס פון קאפיטאליזם וועט זיך אויך פארשטארקן די אסימילאטארישע שטרעמונג".

די וואס זיינען געווען פאר „נאציאנאל קולטורעלער אויטאנאמיע" האבן אויפגעוויזן, אז אויב דער יידישער ארבעטער אסימילירט זיך, איז דאס א געצוואונגענע אסימילאציע. דאס איז, למשל, געווען די מיינונג פון מארק ליבערן:

„מען זאגט, האט ער דערקלערט, אז עס זיינען פאראן אסימילאטארישע טענדענצן אין דער יידישער מאסע. מעגלעך, אז דאס איז אזוי צוליב דעם, וואס דער יידישער פראלעטאריאט שטרעבט צום וויסן און געפינט עס נישט אויף דער יידישער שפראך. די טראגישע לאגע איז, וואס אנשטאט אמתע וויסנשאפט דארף ער לערנען די רוסישע גראמאטיק... אונטער אייגענער קולטור פארשטיי איך דאס איבערקאכן פון א פרעמדער קולטור אויף אזוי פיל, אז זי טרעט ארויס ביים געגעבענעם פאלק אין א באזונדערער ריין נאציאנאלער פארם. פרץ, ראזענפעלד, ווינטשעווסקי, קאנען זיין א ביישפיל אין דעם פרט"...

ראכמיעל (וויינשטיין) — אויך א מיטגליד פון צענטראל־קאמיטעט — האט זיך ארויסגעזאגט קעגן די וואס דענקען, אז דער יידישער ארבעטער וועט זיך אסימילירן:

„דער פאקט, וואס אי דער פראלעטאריער אי דער בורזשוא פילן זיך ווי יידן, באווייזט, אז עס עקזיסטירט א יידישע נאציע. די אסימילאטארן האבן נישט דערוויזן, אז די יידן אסימילירן זיך. אין דער פאקטישער עוואלוציע פון יידנטום לאזט זיך מערקן א פארקערטע דערשיינונג. די רוסישע רעגירונג אסימילירט די יידן מיט געוואלד — דורך לערן־אנשטאלטן".

נאָך שטאַרקער האָט פאַרטיידיקט דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט מערעם:

„אין גרונד געגומען איז די סכעמע פון אַנטוויקלונג ביי אַלע נאַציעס איינע און די זעלבע, די גרונט־שטריכן פאַלן ביי אַלעמען צונויף. די אידעען, וועלכע ווערן אַריינגעטראָגן אין די פאָלקס־מאַסן, זיינען אין אַלגעמיין איינע און די זעלבע. דאָס ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע איז דאָס פאָרמעלע, די פּסיכאָלאָגישע געמיינזאַמקייט מאַכט פון דער נאַציע אַן איינהייטלעכן אָרגאַניזם. אונטער פאַר־שיידענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבנס־באַדינגונגען וועלן די קולטורעלע ווערטן ביי יעדערער נאַציע פאַרשיידן איבערגעאַרבעט ווערן און די ווייטערדיקע עוואָלוציע וועט גיין מיט אַ באַזונדערן וועג... די אַסימילאַטאָרישע שטרעמונג ביי יידן איז אַ צייטווייליקע, אַרויסגערופן דורך דעם, וואָס די יידישע אינטעליגענץ איז אָפּגעריסן פון דער מאַסע".

איך בין געווען מיט די, וועלכע זיינען געווען קעגן אָננעמען דעם פּונקט פון „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע". מיין מיינונג איז געווען, אַז די פראַגע איז ניט דיסקוטירט געוואָרן צווישן די מיט־גלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, איידער מען האָט זי געבראַכט פאַרן פינפטן צוזאַמענפאָר. איך האָב אויך געזאָגט, אַז דער גאַנצער ענין איז קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן:

„די נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז ביז איצט געווען אַ קליינביר־גערלעכע שטרעמונג. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווילן גאָר אויף אַן אַנדער אופן אָוועקשטעלן די דאָזיקע באַוועגונג. אויף וואָס האָט זיך דער רעפערענט אָפּגעשטעלט? בלויז אויף דער שפּראַך־פראַגע. אחוץ בירגערלעכע רעכט איז אמתע פרייהייט כלומרשט מעגלעך בלויז ביי נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע. עס קומט אויס, אַז די לייזונג פון דער (יידישער) פראַגע ליגט בלויז אין דער פאָלקס־בילדונג אויף זשאַרגאָן.

„מען זאָגט אונדז, וויבאַלד די פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע איז נישט סותר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, דאַרפן מיר זי אָנ־נעמען. אָבער אויב די דאָזיקע פאָדערונג וועט זיין ביי אונדז אַ קינסט־לעכע, וועט זי סותר זיין די סאַך. דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. מען דאַרף שטעלן די פראַגע, ווען וועט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר־ווירקלעכט ווערן? איך מיין אַז דאָס איז מעגלעך ערשט ביי אַ

דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אָבער דעמאָלט וועט דאָס שוין אפשר נישט נויטיק זיין אין רוסלאַנד, ווייל אַלע פרייהייטן וועלן זיין גאַ־ראַנטירט. ביי פּרעסע פרייהייט וועט זיך די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור פריי אַנטוויקלען".

נאָך אייניקע טעג דיסקוטירן די פראַגע האָבן זיך די שטימען צעטיילט גלייך אויף גלייך און עס איז ניט אָנגענומען געוואָרן קיין רעזאָלוציע וועגן דעם פּונקט.

ביי אייניקע אָנהענגער פון דעם פּונקט, „נאַציאָנאַל קולטורעלער אויטאָנאָמיע" איז דאָס ניט אָננעמען קיין רעזאָלוציע, געווען אַזאַ טראַגעדיע, אַז זיי האָבן דאָס אויפגענומען מיט טרערן אין די אויגן.

עס איז אויך וויכטיק צו באַמערקן, אַז בעת דער לאַנגער דיס־קוסיע איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז אַנטיסעמיטיזם כמעט ניט דערמאָנט געוואָרן. מיר זיינען דאַן געווען זיכער אַז אין אַ פרייער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וועט ניט עקזיסטירן קיין אַנטיסעמיטיזם.

יעדנפאַלס, ווי מען קען זען פון די דעבאַטן, האָבן אַפילו די, וועלכע זיינען געווען קעגן דעם פּונקט וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אויך ניט געהאַט קיין קלאָרן מאַרקסיסטישן שטאַנד־פּונקט.

די אָנטיילנעמער אין דעם צוזאַמענפאָר זיינען געווען:

וולאַדימיר קאָסאָווסקי, נח, טימאָפעי, מאַרק ליבער, וויטאַלי, וולאַדימיר מעדעם, ראַכמיעל, יונה קאַיגען, אַלעקסאַנדער קרעמער, פראַנץ (קורסקי), באָריס פרומקין, אבראַם באַנעמיר, מאַקס פון האָמעל, מיצקון, קאַפּלינסקי, דזשאַן, מאַריע, צביה הורוויטש, סאַשאַ ציפקין, ראָזע לעווית, טאַראַס (פון אָדעס), שנייערסאָן (וויטעבסק), מאַקס ווינאָקור (בערדיטשעוו), אשפּיז (מאָהיליעוו), שאַמאַי (לאָדז). איסער דראַבקין (פון דער וואַרשעווער אומלעגאַלער דרוקעריי), זלמן דער בערשטער און נאָך אייניקע, וואָס איך געדענק ניט.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן ניט צו פאַרעפנטלעכן די דיסקוסיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע (ווייל מען האָט ניט אָנגענומען קיין רעזאָלוציע). מיט 23 יאָר שפּעטער, סוף 1926, האָט דער פאַרוואַלטער פון „בונדס" אַרכיוו אין בערלין, קורסקי, צוזאַמענ־געשטעלט די רעדעס נאָך די נאָטיצן פון די צוויי סעקרעטאַרן וואָס האָבן זיי פאַרצייכנט. די רעדנער אויפן צוזאַמענפאָר האָבן ניט אי־

בערגעקוקט צי זייערע רעדעס זיינען געווען ריכטיק פארצייכנט. איך האב איבערגעגעבן ווי זיי זיינען געווען אפגעדרוקט.

די עוואָלוציע פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין „בונד"

צום ערשטן מאָל איז די נאַציאָנאַלע פראַגע געשטעלט געוואָרן אין „בונד" אויפן דריטן צוזאַמענפאָר אין קאָוונע, אין דעצעמבער 1899. דער איינלייטער איז דאַן געווען דזשאַן מילל פון אויסלענדישן קאָמיטעט. די מיינונג פון דעם גרעסטן טייל דעלעגאַטן איז אָבער געווען, אַז אונדזער נאָענטסטע אויפגאַבע איז אָראָפּצוואַרפן די זעלבסט־הערשונג, און וואָס עס איז פאַראינטערעסירט דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער. די מערהייט פון צוזאַמענפאָר האָט געהאַלטן אַז אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם וועט צעטיילן אונדזערע כוחות אין קאַמף פאַר אונדזער נאָענטסטער אויפגאַבע — דאָס אָראָפּוואַרפן פון צאַריזם.

אויפן פערטן צוזאַמענפאָר אין ביאַליסטאָק, מאַי, 1901, איז די פראַגע ווידער אַוועקגעשטעלט געוואָרן. ווי סערגעי ניעמאַנסקי, אַ דעלעגאַט אויפן צוזאַמענפאָר, האָט מיר איבערגעגעבן, זיינען די דעבאַטן דעמאָלט געווען זייער שטורמישע. אייניקע דעלעגאַטן האָבן אָנגעוויזן, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז פרעמד דער יידישער מאַסע און אַז דער נאַציאָנאַליסטישער דרוק קומט דערהויפּט פון אויסלענדישן קאָמיטעט. די רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן 4־טן צוזאַמענפאָר איז געווען אַ קאָמפּראָמיס צווישן די נאַציאָנאַליסטן און די געגנער:

„דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט, אַז דער באַגריף נאַציאָנאַליטעט קאָן אָנגעווענדט ווערן בנוגע דעם יידישן פאָלק.

„האַלטנדיק דאָך פאַר פריצייטיק ביי די איצטיקע באַדינגונגען אַרויסצושטעלן די פאָדערונג וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן, געפינט איצט דער צוזאַמענפאָר פאַר גענוג צו קעמפן פאַר דעם אָפּשאַפן פון אַלע אויסנאַם־געזעצן קעגן די יידן, אָנוויַיזן און פּראָטעסטירן קעגן דער אונטערדריקונג פון דער יידישער נאַציע, אויסמיידנדיק פאַנאַנדערצובלאָזן דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס קאָן בלויז פאַרטונקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און פירן אים צום שאָוויניזם".

ווי איך האָב שוין איבערגעגעבן, איז דער קאַמף אַרום דער

נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר געווען נאָך שטור־מישער ווי אויף די פריערדיקע. דער נאַציאָנאַליסטישער טייל האָט געקראָגן מער אָנהענגער, אָבער זיי האָבן פאָרט ניט געהאַט קיין מערהייט דורכצופירן אַ רעזאָלוציע פאַר „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע".

מיט איבער צוויי יאָר שפּעטער, אין אָקטאָבער 1905, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע רעוואָלוציע, איז אין צוריך פאָרגע־קומען דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". אַ טייל דעלעגאַטן, צווישן זיי אויך איך, האָבן ניט געקענט קומען. אויף יענעם צוזאַ־מענפאָר איז צום ערשטן מאָל אַריין אינם פּראָגראַם פון „בונד" דער פּונקט וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

עס איז שווער צו זאָגן וואָס עס וואָלט געווען, ווען אַלע דעלע־גאַטן וואָלטן געקומען צום זעקסטן צוזאַמענפאָר. אָבער איין זאַך איז זיכער, פון יאָר צו יאָר איז דער נאַציאָנאַליסטישער פליגל פון „בונדס" פירערשאַפט געוואָרן שטאַרקער. דאָס איז אין אים געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דעם מענשעוויזם צווישן דער בונדישער פירערשאַפט און מיט דער טענדענץ אָפּצורייסן זיך און איזאָלירן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון דער אַלגעמיינער רוס־לענדישער.

***

עס זיינען געווען אין יענער צייט אַ סך כוחות אין יידישן לעבן, וואָס האָבן געשטויסן אַ טייל פון דעם „בונדס" פירערשאַפט אויף די וועגן פון נאַציאָנאַליזם. איך וועל זיך אָפּשטעלן אין קורצן אויף אַ טייל פון זיי.

אין 1897, אין זעלבן יאָר ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „בונד", איז אין באַזעל פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט געהאַט אַ קליינע ווירקונג אויפן יידישן אַרבעטער, אָבער עס האָבן זיך באַוויזן אויף דער יידי־שער גאַס ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווי די „פּועלי־ציון" און אַנדערע, וועלכע האָבן אַגיטירט צווישן די יידישע אַרבעטער. די פירערשאַפט פון „בונד" האָט גענומען זוכן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אַלס קעגנווירקונג צום ציוניזם און איר ענטפער איז געווען די „נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע".

אויפן פינפטן צוזאמענפאר האבן א צאל רעדנער, פון ביידע ריכטונגען, געבראכט דעם ציוניזם אלס ארגומענט. איך וועל נאר ברענגען איניקע פון זיי:

וולאדימיר (קאסאווסקי) איינער פון די וויכטיקסטע טעארע־טיקער אין „בונד" האט געבראכט פאלגנדן ארגומענט: „די יידי־שע ליטעראטור און קולטור נויטיקן זיך אין גאראנטיעס פאר זייער ווייטערדיקער אנטוויקלונג, — עס באשאפט זיך א נאציאנאלער גע־פיל און ס'אנטשטייט א נאציאנאלע פראגע. דעריבער געפינען די ציוניסטן א באדן אין דער מאסע און בויען אויף דעם באדן זייערע קאנצעפציעס. מיר קאנען נית זיך ניט רעכענען מיט דער נאציאנאלער פראגע און לאזן איר לעזונג פאר די ציוניסטן".

מארק ליבער: „אויטאנאמיע איז א פרינציפ. אויב מיר וועלן ניט ענטפערן אויף דער פראגע, וועלן אויף דעם ענטפערן די ציוניסטן. ציוניזם איז ניט נאר אן אידעאלאגיע, נאר אויך א קאנקרעטע באַ־וועגונג".

וויטאלי (יודין): „עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו וויסן, ווי באנוצן זיך מיטן לאזונג נאציאנאלע אויטאנאמיע די חברים, וועלכע פירן דעם קאמף קעגן ציוניזם; מיר דוכט זיך, אז זיי טוען דאס גאר אנדערש, ווי מען באדארף, ווייל זיי קומען צו אן אנדערש מאל גאנץ נאענט צו די ציוניסטן".

נאך אן אורזאך, וואס האט געשטויסן צום נאציאנאליזם איז געווען דער דעמאלטיקער צוזאמענשטעל פון יידישן ארבעטער: דער וויט־גרעסטער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג איז באשטאנען פון קליין־בירגער. די יידישע ארבעטער, זין און טעכטער פון די קליין־בירגער, האבן ניט געהאט קיין טיפע פראלעטארישע טראדיציעס. דערצו איז ס'רוב פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואס איז צוגע־שטאנען צום „בונד" געקומען פון די קליין־בירגערלעכע רייען, און ווען זי איז ניט געווען דורכאויס אסימילאטאריש איז זי געווען דורכ־געדרונגען מיט נאציאנאליסטישער קליינבירגערלעכע שטימונגען.

דער פינפטער צוזאמענפאר איז פארגעקומען אין צוויי חדשים ארום נאכן קישינעווער פאגראם, וועלכער האט געמאכט אן אומגע־הייערן שווערן איינדרוק אויף דער יידישער באפעלקערונג. יענער פאגראם האט ניט נאר פארשטארקט דעם נאציאנאליזם ביי דער יידי־שער אינטעליגענץ און קליין־בירגער, נאר ער האט אויך באווירקט

באַדייטנדיקע טיילן פון די יידישע אַרבעטער. צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען דער פאַקט, וואָס דער בונד האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער רוסלענדישער ס. ד. פּאַרטיי און איז אידעאָלאָגיש געווען ענג פאַרבונדן מיטן מענשעוויזם.

דער „בונד" און די רוסישע ס.ד. אַרבעטער־פּאַרטיי

ווי איך האָב שוין איבערגעגעבן, איז אין דער פירערשאַפט פון „בונד" געווען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע קעגן אָננעמען די פּראָגראַם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. גאַנץ אַנדערש איז געווען די באַציאונג צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָדערונגען וואָס דער „בונד" האָט ארויסגעשטעלט צו דער רוסלענדישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי: ער האָט פאַרלאַנגט אָנערקענט צו ווערן אין איר אַלס „איינציקער פאָרשטייער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט" און אַריינגיין אין דער פּאַרטיי אַלס אַ פעדעראַטיווער, פאַקטיש זעלבשטענדיקער טייל. אין דער פראַגע זיינען כמעט אַלע אין „בונד" געווען.איייניק.

כדי צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ אייניקייט איז באַשאַפן געוואָרן איז וויכטיק איבערצוגעבן אין קורצן ווי עס האָט זיך אַנטוויקלט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער וואוקס פון „בונד" און דער פּאַרטיי.

ווען דער "בונד" האָט זיך געגרינדעט אין 1897, האָט ער געהאַט אַלס פונדאַמענט אַ ברייטע מאַסאָווע באַוועגונג, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן נאָך פאַר זיין גרינדונג. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1898, האָט דער „בונד" געהאָלפן צוזאַמענרופן דעם ערשטן גרינדונג צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי אין מינסק.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט קיין פּאַרטיי פאַקטיש נאָך ניט געשאַפן. די אָנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר און דער אויסגעקליבענער צ. ק. זיינען גלייך אַרעסטירט געוואָרן. אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אין די אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד איז נאָך ניט געווען קיין איינהייטלעכע פּאַרטיי, נאָר פאַרשיידענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס.

אין די זעקס יאָר, צווישן 1897 ביז 1903, איז דער „בונד" פון יאָר צו יאָר געוואָרן אָרגאַניזאַציאָנעל שטאַרקער. ער האָט זיך אויסגעשפּרייט אין ליטע, פוילן און דרום רוסלאַנד, אומעטום וואו יידן האָבן געהאַט אַ רעכט צו וואוינען. דער „בונד" האָט גענומען קוקן

אויף זיך אַלס דעם „איינציקן פאָרשטייער" פון דעם יידישן פּראָ־לעטאַריאַט.

אין 1900, קומט לעניין פון זיין סיבירער פאַרשיקונג קיין אויס־לאַנד. ער שטעלט זיך פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע צו באַשאַפן אַ שטאַרקע, צענטראַליזירטע פּאַרטיי. צוליב דעם ציל איז סוף 1900 געגרינדעט געוואָרן אין אויסלאַנד די „איסקראַ" (דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי).

די „איסקראַ" האָט געהאַט אַ ריזיקע אַרבעט דורכצופירן: קעמפן קעגן דער אידעאישער צעשוואומענקייט, וואָס האָט דאַן גע־הערשט אין אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונגען, אריינגערעכנט דעם „בונד". דער קאַמף אויפן אידעאישן געביט איז נאָך געווען שווערער, ווייל אַ שטראָם פון אָפּאָרטוניזם, רעוויזיאָניזם און רעפאָר־מיזם האָט זיך גענומען טראָגן פון אויסלאַנד. עדוואַרד בערנשטיינס טעאָריע אַז „באַוועגונג איז אַלץ, דער ציל איז גאָרנישט", אַז דער אַרבעטער קלאַס דאַרף זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אָפּגעבן אויף דער דירעקטער אויסבעסערונג פון זיין לאַגע, אומאָפּהענגיק פון ענד־ציל, ביסלעכוויז, דורך איינצלנע רעפאָרמען — אָט די טעאָריע פון עקאָנאָמיזם און אָפּאָרטוניזם, האָט די „איסקראַ" גלייך ביי איר גרינ־דונג גענומען זייער שאַרף באַקעמפן.

ניט גרינג איז אָנגעקומען די אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַ שטאַר־קע, צענטראַליזירטע פּאַרטיי. אויך אויף דעם געביט האָט לעניין גע־לייגט גרויס געוויכט אויף דער „איסקראַ". „די צייטונג", האָט ער געזאָגט, „איז ניט נאָר אַ קאָלעקטיווער פּראָפּאַגאַנדיסט און אַ קאָ־לעקטיווער אַגיטאַטאָר, נאָר אויך אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַטאָר". מיטן וואוקס פון דער באַוועגונג איז רייף געוואָרן די נויטיקייט צו פאַררופן אַ נייעם צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי. צוליב דעם ווערט געגרינדעט אַ אָ. ק. (אָרגאַ־ניזאַציע קאָמיטעט) אויף צוצוגרייטן און צונויפצורופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי.

אין דער „איסקראַ" הויבט זיך אָן אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיטן „בונד" וועגן דער אָרגאַניזאַציע־פראַגע.

לענינס מיינונג איז געווען אַז די אויטאָנאָמיע, וואָס דער „בונד" האָט געקראָגן אין 1898, ביים ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי גיט אים גענוג מעגלעכקייט צוצופאַסן זיין

אגיטאציע און פראפאגאנדע צו די באזונדערקייטן פון דעם יידישן ארבעטער, און אז עס איז נייטיק און וויכטיק א וואס גרעסערע און ענגערע דערנעענטערונג און צונויפגיסונג מיט דער גאנצער פארטיי.

די מיינונג פון דער „בונד"־פירערשאפט איז געווען א פאר־קערטע: כדי אמבעסטן צו גאראנטירן די אינטערעסן פון די יידישע מאסן דארף מען האבן א באזונדערע יידישע ארבעטער ארגאניזאציע. צוליב דעם דארף די רוסלענדער פארטיי פארוואנדלט ווערן אין א פעדעראציע פון באזונדערע, פאקטיש זעלבשטענדיקע נאציאנאלע סעקציעס. דער „בונד" דארף האבן דאס רעכט צו גרינדן ארגאניזא־ציעס אומעטום וואו עס געפינען זיך יידישע ארבעטער. די פארטיי דארף אנערקענען דעם „בונד" אלס דעם איינציקן פארשטייער פון יידישן פראלעטאריאט. קיין שום אנדער ארגאניזאציע, וואס באשטייט פון יידישע ארבעטער זאל ניט אריינגענומען ווערן אין דער פארטיי אן דער גוטהייסונג פון „בונד".

מיט אט דעם ארגאניזאציע־פלאן פון „בונד" זיינען כמעט אלע דעלעגאטן ביים פינפטן צוזאמענפאר געווען איינשטימיק. דאס ווייזט אויף וויפיל דער אויסגעוואקסענער בונדישער נאציאנאליזם האט שוין דעמאלט באווירקט אויך די, וועלכע האבן זיך געהאלטן פאר אויסגע־האלטענע אינטערנאציאנאליסטן. זיי האבן ניט געזען דעם ווידער־שפרוך אין זייער שטעלונג צו דער ארגאניזאציע פראגע: דער „בונד" פאר זיך איז געווען א שטארק צענטראליזירטע, דיסציפלינירטע אר־גאניזאציע, אבער אין דער זעלבער צייט איז ביי אונדז אויסגעקומען לאגיש און מארקסיסטיש צו פאדערן, אז די פארטיי זאל זיין געבויט אויף א צעשוואומענעם, לויזן, ניט־צענטראליזירטן פונדאמענט.

***

א קורצע צייט (6 וואכן) נאכן פינפטן צוזאמענפאר פון בונד איז אין בריסעל (מיט א פארזעצונג אין לאנדאן) פארגעקומען דער צווייטער צוזאמענפאר פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. די שטימונג פון די דעלעגאטן איז געווען אויסגעשפראכן קעגן דעם „בונדס" סעפאראטיזם. עס האט ניט געהאלפן וואס די פארשטייער פון „בונד" האבן צוריקגעצויגן דעם פונקט פון פעדעראציע. דער צוזאמענפאר האט אפגעשטימט מיט א איבערוועגנדיקער מערהייט

קעגן אַנערקענען דעם „בונד" אַלס דעם „איינציקן פאַרשטייער" פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָבן די דעלעגאַטן פון „בונד" געמאָלדן, אַז זיי גייען אַרויס פון דער פּאַרטיי.

דעם „בונדס" אַרויסגיין פון דער פּאַרטיי האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אין די אָרגאַניזאַציעס. עס איז געקומען פּלוצלונג, אומדערוואַרטעט. די מיטגלידער פון „בונד" זיינען ניט געווען צוגעגרייט צו דעם. די פּאָלעמיק אין דער „איסקראַ" פאַר דעם צוזאַמענפאָר האָט ניט דערגרייכט די מיטגלידער. אַפילו די מיטגלידער פון די „צענטראַלע סכאָדקעס" האָבן ווייניק וועגן די „איסקראַ". מען איז געווען צופיל פאַרנומען מיט די אָרטיקע, פּראַקטישע, טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. די פראַגע פון די באַציאונגען מיט דער פּאַרטיי, האָבן מיר געהאַלטן פאַר „הויך פּאָליטיק", מיט וועלכער עס דאַרף זיך פאַרנעמען דער צ. ק.

אין דער אומלעגאַלער ליטעראַטור פון „בונד" איז די פראַגע איבערגעגעבן געוואָרן אַזוי, אַז די פּאַרטיי וויל געבן דעם „בונד" די זעלבע רעכט ווי וועלכן ניט איז אָרטיקן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק אַז אויב דער „בונד" זאָל אויף דעם איינשטימען, מוז דאָס פירן צו זיין אונטערגאַנג.

אין וואַרשעווער אומלעגאַלע דרוקערייען

אין יולי 1903 איז צו אונדז געקומען נח מיט אַ פֿאָרשלאָג, אַז איך זאָל פֿאָרן אין וואַרשע אַרבעטן דאָרט אין דער צענטראַלער דרוקעריי. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך דאַן געפֿונען אין וואַר־שע, אָבער מען האָט באַשלאָסן איבערצוקלייבן זיך קיין מינסק, איז זיין פֿאָרשלאָג געווען, אַז מיין פֿרוי מיט די קינדער זאָלן פֿאָרן אין מינסק, און נעמען דאָרט אַ דירה, וואו נח, דער פֿאָרשטייער פֿון צ. ק. וועט אויך וואוינען.

שלום לעווין

חנה לעווין

דער פֿאָרשלאָג איז אונדז ניט געפֿעלן געוואָרן. עס איז אינגאַנצן אַוועק איין יאָר זינט מיר זיינען אַרויס פֿון דער ווילנער דרוקעריי. דערהויפּט איז געווען שווער פֿאַר מיין פֿרוי צו פֿאָרן אין מינסק מיט צוויי קליינע קינדער, און אָנהאַלטן אַ הויז וואו אַ חוץ נחן, אַלס שטענדיקער קוואַרטיראַנט, וועלן נאָך דאַרפֿן פֿאַרקומען די זיצונגען פֿון צ. ק. איך האָב אויך ניט געוואָלט אַוועקפֿאָרן פֿון ווילנע, ווייל די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין ווילנע איז דאַן געווען זייער לע־

בעדיק און איך בין געווען זייער באַפרידיקט מיט דער אַרבעט. נח האָט אָבער געהאַלטן אין איין דערווייזן, ווי וויכטיק עס איז פאַר דער באַוועגונג, אַז מיר זאָלן אָננעמען זיין פאָרשלאָג, און מיר האָבן אים ענדלעך געמוזט אָננעמען.

אין דער וואַרשעווער דרוקעריי האָט דאַן געאַרבעט איסער דראָפּ־קין, מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפן אין צוריך ביים פינפטן צו־זאַמענפאָר. איסער איז געווען אַ גוטער, פּראָפעסיאָנעלער זעצער. ער איז אַ קורצע צייט געווען אין אויסלאַנד, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס זעצער. פאַר אַן אומלעגאַלער דרוקעריי איז ער געווען אַ גרוי־סער געווינס, ווייל מערסטנטייל פלעגן די מענטשן אין די אומלעגאַלע דרוקערייען דאַרפן זיך לערנען די אַרבעט ווען זיי פלעגן שוין זיין אין דרוקעריי.

איסער מיט אַ יונגער מיידל, יענטל, וועלכע איז שפּעטער גע־וואָרן זיין פרוי, זיינען געווען דאָס „פאָר פאָלק" וואָס האָט געהאַלטן די וואוינונג פון דער דרוקעריי.

וואַרשע איז געווען דער בעסטער פּלאַץ פאַר אַן אומלעגאַלער דרוקעריי, פיל בעסער ווי ווילנע, ווייל וואָס גרעסער די שטאָט, וואָס גרעסער די באַוועגונג פון מענטשן אין די גאַסן, אַלץ ווייניקער פאַר־דאַכט האָט געקענט פאַלן אויפן פּלאַץ וואו די דרוקעריי איז געווען און אויף די מענטשן וואָס האָבן אין איר געאַרבעט. עס ווייזט אויס, אַז אפילו פאַר אַזאַ פּשוטער זאַך, אַז עס איז בעסער איינצואָרדענען אַ דרוקעריי אין וואַרשע איידער אין אַ קלענערער שטאָט, האָט זיך געפאָדערט צייט און קרבנות ביז מען האָט דאָס פאַרשטאַנען.

אין דער ערשטער צענטראַלער דרוקעריי אין באָברויסק וואָס איז אויסגעשפּירט געוואָרן פון זובאַטאָווס שפּיאָנען אין יולי 1898, האָבן געאַרבעט זעקס מענטשן, מען האָט געהאַלטן צוויי דירות. פּאַפּיר איז מען געפאָרן קויפן אין האָמעל, איז קיין וואונדער ניט וואָס זו־באַטאָוון האָט זיך איינגעגעבן שנעל צו אויסשפּיאָנירן די דרוקעריי.

אין דער וואַרשעווער דרוקעריי האָבן געאַרבעט נאָר דריי מענטשן. יעדער זאַך וואָס מען האָט געדאַרפט, ווי פּאַפּיר, פאַרב און אַנדערע זאַכן האָט מען געקראָגן אויפן אָרט.

איך פלעג אַריינגיין אין אַ גרויסן פּאַפּיר געשעפט, קויפן אַ גרויסן פּאַק פּאַפּיר. אין וואַרשע, אין יענער צייט, פלעגן גרויסע פּעק געטראָגן ווערן פון „פּעק־טרעגער", וועלכע פלעגן מיט גראָבע

שטריק זיי צובינדן אויף זייערע פּלייצעס. איך פלעג צורופן אזא פּאַק־טרעגער, געבן אים דעם אַדרעס, און אַליין פלעג איך גיין וויט הינ־טער אים אַכטונג צו געבן, טאָמער מאַכט זיך עפּעס. מיט דער צייט האָבן שוין אייניקע „טרעגער" אַליין געוואוסט וואוהין זיי דאַרפן ברענגען די פּאַפּיר. אין פּאַפּיר־געשעפט בין איך געווען פאַררעכנט פאַר איינעם וואָס קומט קויפן פון אַ קלענערער שטאָט אַרום וואַרשע. איך האָב שפּעטער באַמערקט, אַז זיי אַרט סיי ווי ווייניק ווער איך בין, אַזוי לאַנג ווי איך קויף און באַצאָל גלייך איין וויפיל זיי קומט פאַר דעם.

אין אַ קורצער צייט נאָך מיין קומען אין דער וואַרשעווער דרו־קעריי, איז אויך געקומען זלמן דער בערשטער (זינגער), ער איז געווען דער „פּאַסרעדניק" צווישן דעם דרוק און דער אויסערלעכער וועלט. איידער זלמן איז געקומען איז די פאַרמיטלערין געווען ווערא, דוש־קאַנס (האַלפּערן) פרוי.

די אַרבעט איז געגאַנגען זייער גוט. אָבער איך פּערזענלעך האָב זיך געפילט זייער איינזאַם.

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פלעגט איסער מיט יענטלען אַריינגיין אין זייער צימער און פלעגן דאָרט פאַרברענגען. איך פלעג זיך אָפּ־שטעלן אַליין, וואוהין צו גיין איז ניט געווען און מען האָט אויך ניט געטאָרט. פלעג איך זיצן שטונדן לאַנג ביי דער שטיין־קוילן אייוועלע און קלערן וועגן מיין פאַמיליע. וואָס מער איך האָב געקלערט אַלץ ערגער האָב איך זיך געפילט. איך האָב פאַרגליכן די צייט ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען אין דער ווילנער דרוקעריי און איצטער דאָ אין וואַרשע אַליין, — איך האָב ערשט דערפילט, וואָס פאַר אַ גרויסע הילף עס איז, ווען מען האָט נאָענטע, אינטימע מיט וועמען מען קען ריידן און דערהויפּט אַ קינד מיט וועמען צו שפּילן זיך אין די פרייע מינוטן.

אָבער מען איז דאָך אַ רעוואָלוציאָנער, טאָר מען ניט דערלאָזן אַז פּערזענלעכע געפילן זאָלן שטערן אַזאַ וויכטיקער, אַזאַ הייליקער אַרבעט ווי אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. האָב איך טאַקע געקעמפט מיט זיך אַליין, געפּרוּווט באַקעמפן מיין געדריקטע שטימונג, נאָר גאַנץ אָפט איז דאָס מיר געווען זייער שווער.

אַ מיליאָנערס אַ זון אַרבעט אין דרוקעריי

אַ קורצע צייט נאָך מיין קומען אין ווארשע האָט דער צ. ק. באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן די דרוקעריי. עס איז געקומען דוד מוטשניק מיט זיין פרוי — סאָניע, זלמן דעם בערשטער האָט דער צ. ק. צוגענומען אויף אַנדערע אַרבעט און סאָניע האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אַלס „פאַסרעדניצע".

דוד מוטשניק איז געווען אַ קישענעווער. זיין פאָטער איז געווען אַ קישענעווער מיליאָנער, וועלכער האָט געפירט גרויסע געשעפטן מיט געהילץ, תבואה, מילן און אַנדערע.

מוטשניק האָט געשטודירט אין לייפּציג, וואו ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די סטודענטן־גרופּן. אין 1902 איז זיין פאָטער געשטאָרבן און איבערגעלאָזן זיין גרויסן פאַרמעגן העלפט פאַר דער פרוי און העלפט פאַר זיינע אַכט קינדער.

דוד באַשליסט צו ווידמען זיין לעבן און פאַרמעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער פאָרט אַוועק אין ניקאָלאַיעוו, וואו ער העלפט גרינדן די געהיימע דרוקעריי, וועלכע האָט געהערט צום „אָרגאַניזאַציע קאָמיטעט" (א. ק.) פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. נאָענט צו אַ יאָר אַרבעט ער דאָרטן. הויפּטזעכלעך אויף זיינע געלט־מיטלען ווערט די דרוקעריי אויסגעהאַלטן.

אין אָקטאָבער 1903 קומט ער אָן אין ווארשע צו אַרבעטן אין אונדזער דרוקעריי. עס איז אים געווען שווער צוצוגעוואוינען זיך צו זעצן יידיש, פלעגט ער אַרבעטן ביים דרוקן אויף דער מאַשין. דאָס איז געווען אַ פיזיש שווערע אַרבעט. כדי מיר זאָלן קאָנען אַרויסגעבן וואָס מער אַרבעט האָבן מיר איינגעשטעלט אַ סיסטעם, אַז איסער זאָל כסדר זעצן, און איך זאָל העלפן איסערן זעצן און מוטשניקן אויפן מאַשין.

איך האָב אָבער גענומען באַמערקן אַז מוטשניק פילט זיך ניט גוט. ער האָט געקראָגן אַ מין „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס". אים האָט זיך אַלץ געדוכט אַז ער ברענגט דעם דרוק ווייניקער נוצן, ווי די אַנדערע.

טיילווייז איז דאָס געווען איסערס שולד. ער האָט ניט פאַרמאָגט די קאָלעקטיווע נאָענטקייט, חברשאַפט, וואָס עס איז געווען אַזוי נויטיק אין דעם שווערן אָנגעשטרענגטן לעבן אין וועלכן אונדז

איז אויסגעקומען צו אַרבעטן. צוליב די זעלבע אורזאַכן האָב איך אויך זיך צייטנווייז געפונען אין אַ געדריקטער שטימונג. אָבער מיר האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן וואָס איך בין מער פאַרהאַרטעוועט, איך האָב שוין פאַר מיין אָנקומען אין וואַרשעווער דרוקעריי אַזויפיל דורכגעמאַכט אַז איך בין שוין געווען צוגעוואוינט צו שוועריקייטן, אויף וועלכער איך פלעג זיך אָנשטויסן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דוד מוטשניק. קומענדיק צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַ רייכער פאַמיליע, האָט זיין פאַנטאַזיע אים געמאָלט, אַז די אַלע, וועלכע אַרבעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען „איבערמענטשן", „הייליקע". עס דאַרף זיי זיין פרעמד די אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, קליינלעכקייטן, וועלכע מיר באַגעגענען טאָג־טעגלעך צווישן דער ברייטער מאַסע פון דער באַפעלקערונג. מוטשניק איז שוין פון ניקאָלאַיעווער דרוק געקומען מיט אַ מרה־שחורהדיקער שטימונג. וואָס ווייטער איז דאָס ביי אים געוואָרן ערגער. ער האָט מיט אונדז אַזוי אָפּגעאַרבעט אַרום פינף אָדער זעקס חדשים און איז אַוועקגעפאָרן אין זשענעווע. דאָרט הויבט ער אָן אַרבעטן אין דער דרוקעריי פון אויסלענדישן קאָמיטעט. ווי עס ווייזט אויס איז אָבער זיין גייסטיקער צושטאַנד געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ערגער און אין מאַי 1905 איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

ער האָט זיין גאַנצן פאַרמעגן וואָס ער האָט געקראָגן אויף זיין טייל נאָכן פאָטערס טויט, (אַכציק טויזנט רובל) געלאָזן פאַרן „בונד". זיינע ברידער האָבן אָפּגעהיט זיין פאַרלאַנג און האָבן ביז 1912 אויסגעצאָלט די גאַנצע סומע.

ווען דוד מוטשניק מיט סאָניען זיינען אַוועקגעפאָרן האָט זייער אָרט אַלס „פּאַסרעדניק" פאַרנומען אָשער פּינקוס, אָדער ווי מיר האָבן אים גערופן „אָלרייט", ווייל אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין לאָנדאָן, האָט ער שפּעטער דאָס וואָרט „אָלרייט" געברויכט גאַנץ אָפט.

אַ נייער צוזאַמענשטעל אין דרוקעריי

זומער פון 1904, זיינען איסער מיט יענטלען אַרויס פון דער דרוקעריי. מען האָט גענומען אַן אַנדער דירה. אָשער פּינקוס איז געוואָרן דער באַלעבאָס פון דער נייער דירה. כאַשע ריינעס (מאַ־

לעצקע) אַ קורסיסטקע פון פּאָלאַצק, איז געווען די באַלעבאָסטע (פּאַר דער וועלט — אָשערם „פרוי"). ליזע אַמסטערדאַם — די פּאַרמיט־לערין און איך, אַזוי ווי פריער מיט איסערן, אַ קוואַרטיראַנט ביי זיי.

ליזע אַמסטערדאַם האָט איידער זי איז געקומען אין וואַרשע געאַרבעט אין דער ווילנער אומלעגאַלער דרוקעריי און האָט געקענט די אַרבעט זייער גוט, זי האָט געוואוינט אין אַ צימער אויף אַן אַנדער גאַס, אָבער זי פלעגט קומען יעדן טאָג צו דער אַרבעט.

וועגן דעם נייעם צוזאַמענשטעל פון די מענטשן אין דער דרו־קעריי וויל איך דאָ זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

דאָס לעבן אין דער דרוקעריי איז געווען זייער אָנגעשטרענגט; מען האָט געאַרבעט פיזיש זייער שווער. נאָר דערהויפּט האָבן מיר פיל געליטן, וואָס מיר זיינען געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער אַר־בעטער־באַוועגונג. ניט אין אַן אַנדער לאַנד, ניט אין אַן אַנדער שטאָט נאָר דאָ, לעבן דיר קאָכט די אַרבעטער באַוועגונג, מען קעמפט, מען סטרייקט, מען מאַכט דעמאָנסטראַציעס, און דו טאָרסט זיך מיט קיינעם אפילו ניט באַגעגענען, מיט קיינעם אַ וואָרט ניט אויסריידן. אין דרוקעריי איז מען שטענדיק פאַרשפּאַרט. נאָך אַ שווערן טאָג אַר־בעט איז ניט געווען קיין כוחות אַרויסצוגיין אין גאַס, אַריינצואָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. די מענטשן אין דער דרוקעריי זיינען מערסטנ־טייל געווען מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן, פאַרשיידענע טעמפּע־ראַמענטן אויך מיט פאַרשיידענע בילדונג און דערציאונג. מען האָט געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע פליכט אויף זיך און מען האָט זיך געמיט צוצופּאַסן, אָבער ניט אַלע מאָל האָט זיך דאָס איינגעגעבן. דעריבער האָט זיך אַזוי אָפט געביטן דער צוזאַמענשטעל פון די מענטשן אין די געהיימע דרוקערייען.

אַן אויסנאַם איז דאָס מאָל געווען דער נייער צוזאַמענשטעל. די הויז אַרבעט אין דרוקעריי איז שטענדיק געווען אַ קוואַל פון אומצופרידנקייט ביי די „באַלעבאָסטעס". זיי האָבן שטענדיק געפילט אַז אויף זיי פאַלט די „שוואַרצע אַרבעט", ווי איינקויפן, קאָכן, אויפ־ראַמען די וואוינונג און נאָך אַזעלכע אַרבעט. ניט אַזוי האָט געפילט מאַלעצקע. פיזיש אַ שוואַכע, אַ צאַרטע, איז פאַר איר קיין שום אַרבעט ניט שווער געווען. זי האָט זיך שטענדיק געאיילט אָפּצוטאָן די הויז־אַרבעט וואָס שנעלער, כדי עס זאָל איר בלייבן וואָס מער צייט צו זעצן

די שריפט אָדער העלפן ביי דער דרוק־מאַשין. מיט גרויס שוועריקייט פּלעגט זיך אונדז איינגעבן אַז זי זאָל אונדז דערלויבן העלפן אויס־וואַשן די געשיר נאָכן עסן. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי נעמט ביי אונדז צו צייט פון דער אַרבעט וואָס איז וויכטיקער ווי צו העלפן איר.

איך וועל דאָ איבערגעבן אַ פּאָר אינצידענטן וואָס וועלן כאַ־ראַקטעריזירן מאַלעצקען.

עס איז געווען אַ פרייטיק. ווי געוויינלעך איז מאַלעצקע אַוועק איינקויפן, ניט נאָר פאַרן פרייטיק נאָר אויך פאַר שבת, ווייל מיר האָבן זיך אַזוי געפירט, אַז עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט, אַז מיר זיינען אַנדערש ווי די אַנדערע יידן וואָס האָבן געוואוינט אין דער זעלבער הויז. צוריק איז מאַלעצקע געקומען מיט אַ פולן קויש איינ־געקויפטן עסן, אריינגערעכנט אַ גרויסן פיש. פּלוצלונג הערן מיר אַ שטילן געוויין פון קיך. איך און אָשער לויפן אריין זען, וואָס עס איז פּאַרגעקומען. ערשט, מיר זעען ווי אויפן טיש ליגט אַ לעבעדיק־צאַפּלדיקער פיש און מאַלעצקע וויינט און זאָגט, אַז עס איז פאַר איר אוממעגלעך צו שניידן אַ פיש וואָס לעבט נאָך... מיט גרויס שוועריקייט האָבן מיר זי בארואיקט און פאַרזיכערט אַז מיר וועלן איר העלפן אריינוואַרפן דעם פיש צוריק אין וואַסער.

מיר האָבן דעם פיש אריינגעלייגט אין אַ כלי אָנגעגאָסן מיט וואַסער און שפּעט אין אָוונט האָבן מיר צוזאַמען מיט מאַלעצקען אַוועקגעטראָגן דעם פיש און אריינגעוואָרפן אים אין דער קליינער אָזערע (לייק) וואָס האָט זיך געפונען אין „זאַקסישן גאָרטן"...

אין די „יאַנואַר טעג" פון 1905, האָט מען אונדז איין מאָל אין אַן אָוונט געבראַכט אָפּצודרוקן אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט געמוזט פּאַרטיק זיין אויף מאָרגן. עס האָט געדאַרפט נעמען מער ווי אַ טאָג זי צו דרוקן. האָבן מיר באַשלאָסן אויפצוזעצן צוויי קאָפּיעס, און דרוקן עס צוויי מיט איין מאָל. מיר האָבן צוליב דעם געדאַרפט אַר־בעטן די גאַנצע נאַכט אויף צוצוגרייטן דעם זאַץ. ביי מאַלעצקען האָט דאַן אָנגעריסן אַ פינגער, האָט זי אונדז ניט געקענט העלפן ביים זעצן. די אַנטוישונג איז פאַר איר געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט גיין שלאָפן, ווען מיר אַרבעטן. ווען איך און אָשער האָבן זי גענומען שטאַרק בעטן און איבערצייגן אַז ווען

זי וועט גיין שלאָפן וועט דאָס אונדז מאַכן אַזוי פילן, אַז מיר וועלן שנעלער ענדיקן די אַרבעט, האָט זי ענדלעך איינגעשטימט, אָבער זי האָט זיך געלייגט אָן אַ קישן צוקאָפּנס. ווי קען זי שלאָפן באַקוועם ווען מיר אַרבעטן? ...

אָשער פּינקוס איז געווען אַ גוט צוגעפּאַסטע פּערזאָן צו אַר־בעטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי. שטענדיק קאַלטבלוטיק, גע־לאַסן, פלעגט ער באַטראַכטן און לעזן יעדן פּאַרוויקלטן ענין אינם לעבן פון דער דרוקעריי. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען, האָב איך ניט באַמערקט ער זאָל ווען עס איז זיין

אָשער פּינקוס

כאַשע רייגעס (מאַלעצקע)

אויפגערעגט, אָדער זיין אין אַ „שלעכטער" שטימונג. פון אויבן אויף האָט זיך געקאָנט דוכטן אַז ער איז פון די „פּאַרהאַרטעוועטע" מענטשן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז ער אויך געווען אַ האַרציקער, נאָ־ענטער פריינט, וועלכער האָט געהאָלפן מאַכן דאָס אָנגעשטרענגטע לעבן אין דרוקעריי פיל לייכטער.

איידער פּינקוס איז געקומען אין דער וואַרשעווער דרוקעריי, איז ער שוין דורכגעגאַנגען אַן אינטערעסאַנטן רעוואָלוציאָנערן וועג: ער אַנטלויפט פון מיליטער־דינסט און קומט קיין לאָנדאָן. דאָרט באַזוכט ער אַ ריי לעקציעס וואו דער לערער איז געווען לענין. ער קומט צוריק אומלעגאַל אין רוסלאַנד אונטער אַן אַנדער נאָמען. ווערט אַרעסטירט אין וויטעבסק אויף אַן אומלעגאַלער פאַר־זאַמלונג. דורך אַ צופאַל גיט זיך אים איין צו אַנטלויפן. נאָכדעם קומט ער אין וואַרשע אין דער דרוקעריי.

ליזע אַמסטערדאַם, איז אויך ניט געווען פון די איינפאַכע, אַלטעגלעכע רעוואָלוציאָנערן. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, איז ביי איר געווען דער הויפּט און איינציקער צוועק אין איר לעבן.

אין איר פּערזענלעכן לעבן האָט זי איבערגעלעבט אַ שווערע טראַגעדיע, ווען זי האָט פאַרלוירן איר יונגן, געליבטן חבר.

אברהם אַמסטערדאַם, איר מאַן, איז געווען פון די פּיאָנערן אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער איז געווען אַ שוואָגער פון דעם באַוואוסטן יידישן שרייבער און געזעלשאַפטלעכן טוער, ראובן בריינין.

אַמסטערדאַם איז געבוירן געוואָרן אין וויטעבסק אין 1872. ווען זיין פאָטער, אַ מלמד, האָט זיך באַזעצט אין מאָסקווע, האָט אַמסטער־דאַם דאָרטן באַזוכט אַ יידישע האַנטווערקער שול. נאָכן ענדיקן די שול, אַרבעט ער בייטאָג אַלס שלאָסער און שטודירט אין די אָוונטן. נאָך זייענדיק אין מאָסקווע ווערט ער אַריינגעצויגן אין חובבי־ציון קרייזן. ווען מען טרייבט די יידן אַרויס פון מאָסקווע אין פרילינג פון 1891, קומט ער אין וויטעבסק און שטייט צו צו די רעוואָלו־ציאָנערע קרייזן. נאָכן ענדיקן די מיליטערישע דינסט אין 1896 פאָרט ער אַריבער קיין ווילנע, אין יענער צייט — דער צענטער פון דער יידי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער צייכנט זיך דאָרט אויס אַלס גלענצנדער רעדנער און ווערט געשיקט קיין סמאָרגאָן. דאָרט ווערט ער אַרעסטירט און זיצט אָפּ איבער צוויי יאָר אין טורמע. פון טורמע שיקט מען אים אַרויס אין שקלאָוו, מאָגליוועוער גובערניע. באָדנדיק זיך איינמאָל אין דניעפּר פּרובירט ער איבערשווימען די טייך. עס קומט אָבער אָן אַ שיף און פון די כוואַליעס וואָס די שיף האָט אויפ־געהויבן ווערט ער דערטרונקען פאַר די אויגן פון זיין פרוי ליזע, אין עלטער פון 27 יאָר — אין יולי 1899.

די טראַגעדיע האָט געלייגט איר שטעמפּל אויפן ווייטערדיקן לעבן פון ליזע אַמסטערדאַם. נאָך אברהמס טויט איז די רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונג געוואָרן איר איינציקער ציל אין לעבן. וואָס גע־פערלעכער די אַרבעט, אַלץ מער האָט דאָס איר צוגעצויגן. זי האָט זיך ניט באַנוגנט, ווי אַנדערע „פּאַרמיטלער", צו זיין די פערזאָן וואָס פאַרבינדט די דרוקעריי מיט דער אויסערלעכער וועלט, זי האָט גע־טאָן אַ צווייענדיקע אַרבעט: פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט האָט זי געאַרבעט ביים זעצן די שריפט.

פונקט, ווי „אַלרייט" (אָשער פּינקוס) איז זי אויך געווען שטענ־דיק געלאַסן, אויסגערעכנט, אָבער אויף איר געלאַסנקייט איז געלעגן דער שטעמפּל פון איר גרויסער טראַגעדיע.

מאַלעצקע, „אַלרייט" און ליזע זיינען געווען די אידעאַלסטע רעוואָלוציאָנערע טוער פאַר דער אומלעגאַלער דרוקעריי, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געקאָנט אַרויסגעבן אַזוי פיל רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

ליזע אַמסטערדאַם

עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז נאָכן ענדיקן די זשורנאַלן וואָס מיר האָבן געדרוקט פלעגן מיר האָבן אַ פרייען אָוונט. פלעגן מיר דאַן גיין צו אַ קאָנצערט פון „וואַרשעווער פילהאַרמאָניק". ווי גוט עס פלעגט קלינגען די מוזיק אין די אויערן, וועלכע זיינען געווען צוגעוואוינט צו דעם מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פון אונדזער דרוק־מאַשין. און ניט נאָר די מוזיק, נאָר אפילו דאָס קוקן אַליין אויף די מענטשן האָט אָפּגע־פרישט די אויגן, וועלכע זיינען גאַנצענע טעג געווען אָנגעשטרענגט ביים זעצן דעם שריפט אָדער ביים דרוקן אויפן מאַשין.

אַמאָל פלעג איך הערן אַ „פרייען" קאָנצערט, וואָס האָט מיר גע־געבן פיל פאַרגעניגן.

איינע אַ מיידל, אַדעלע זאַקס, וואָס אויף איר אַדרעס פלעגט פאַר אונדז אָנקומען די קאָרעספּאָנדענץ פון צ. ק., איז געווען אַ פּיאַנאָ־לערערין. איך פלעג זי געפינען זיצנדיק ביי דער פּיאַנאָ מיט אירע לאַנגע, דינע פינגער לויפן איבער די קלאַווישן, וועלכע פלעגן אַרויסגעבן אַזעלכע צאַרטע, זיסע קלאַנגען. עס פלעגט זיך מיר וועלן

אַז זי זאָל ניט באַמערקן אַז איך בין געקומען און זי זאָל ווייטער שפּילן...

אָט די אַלע קליינקייטן האָבן פאַרגרינגערט דאָס לעבן אין דער דרוקעריי.

די וואַרעמע, חברישע באַציאונג וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין דער דרוקעריי, איז באַקאַנט געוואָרן אין צענטראַל קאָמיטעט. ניט אַלע מיטגלידער האָבן געוואוסט דעם אַדרעס פון דרוקעריי, אָבער די וואָס האָבן געוואוסט האָבן געזוכט די געלעגנהייט צו קומען צו אונדז. ירחמיאל (וויינשטיין), יונה, נח, וויטאַלי (אייזנשטאַט). זיי האָבן קיינמאָל ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט, זייענדיק אין וואַרשע צו באַזוכן אונדז.

אין דעם אָוונט, ווען אימיצער פון זיי פלעגט צו אונדז קומען, פלעגט ביי אונדז הערשן אַ יום־טובדיקע שטימונג.

מאַלעצקע, פלעגט גלייך ווערן שטאַרק פאַרנומען צוצוגרייטן עסן פאַרן גאַסט.

ווי פאַרנומען מיר זיינען ניט געווען פלעגן מיר שוין יענעם אָוונט ניט אַרבעטן. מיר זיינען געזעסן אַרום טיש. דער עסן און טיי־טרינקען האָט זיך געצויגן ווי אויף אַ ניו יאָרקער באַנקעט, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ביי מערערע פון די ניו יאָרקער באַנקעטן ציילט מען די מינוטן ווען ער וועט זיך שוין ענדיקן, אָבער ביי אונדז דאָ, אין דרוקעריי האָט זיך געוואָלט, אַז דער אָוונט זאָל זיך ציען וואָס לענגער. יעדער שטיקל נייס, יעדער געשעעניש אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַפילו אַזעלכע וואָס מיר האָבן שוין געוואוסט פון די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס מיר אַליין האָבן געדרוקט — פון די אַרטיקלען און זשורנאַלן וואָס מיר האָבן אַליין געזעצט, — זיינען מיר געווען נייגעריק ווידער צו הערן פון אַ לעבעדיקן מענטשן. צו אונדזערע פראַגן איז קיין סוף ניט געווען. מיר האָבן געוואָלט אין דעם אָוונט אַריינכאַפּן וואָס מער נייס סיי וועגן דער באַוועגונג, סיי וועגן באַקאַנטע, פריינט, וואו זיי געפינען זיך, וואָס זיי טוען און אַזוי ווייטער.

ווען מ׳געפינט זיך אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי און עס קומט אַהין אַ נאָענטער, וויכטיקער טוער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דוכט זיך, אַז ניט נאָר האָט ער געבראַכט נייס, נאָר ער האָט אויך געבראַכט מיט זיך די לופט פון דער אויסערלעכער וועלט.

אויסבעסערונג אין דער אַרבעט פֿון דרוקעריי

אין דער צייט וואָס איך באַשרייב דאָ, 1904 — 1905, איז געמאַכט געוואָרן גרויס פּאָרשריט אין דער אַרבעט פון דרוקן אומלעגאַלע ליטעראַטור. די דרוק־מאַשין איז פיל פאַרגרעסערט געוואָרן. די פאַרגרעסערונג פון דער מאַשין האָט געהאַט אַ גרענעץ, ווי איך האָב שוין אייניקע מאָל באַמערקט איז די מאַשין געשטאַנען אין אַ „קאָמאָד", (אַ דרעסער) — אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ שטיקל מעבל וואָס האָט זיך געפונען כמעט אין יעדער הויז.

מען האָט ניט געקענט מאַכן די מאַשין צו גרויס, ווייל דאַן וואָלט מען געדאַרפט מאַכן דעם קאָמאָד אַזוי גרויס, אַז עס וואָלט געקאָנט פאַלן אַ פאַרדאַכט. אָבער אַפילו מיט די באַגרענעצונגען, האָט ישראל מיכל געמאַכט די מאַשין אַזוי גרויס, אַז זי האָט געקענט דרוקן צוויי זייטן פון די זשורנאַלן פאַר איין מאָל. דאָס האָט פאַרשנעלערט די אַרבעט אין צוויי מאָל, אָן אָט דער פאַרשנעלערונג וואָלט געווען אוממעגלעך פאַר אונדז צו דרוקן די „אַרבעטער שטימע" אין אַ צאָל פון פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן און אָפט מער, אָדער דער זשורנאַל „בונד" אין אַ צאָל פון 15 — 18 טויזנט.

די צאָל אָפּגעדרוקטע קאָפּיעס אין אַ שטונדע איז אויסגעוואַקסן ביז טויזנט און אָפט אַפילו ביז פופצן הונדערט. די שנעלקייט האָט זיך געווענדט אָן דעם כוח פון דעם, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער מאַשין. מיר האָבן זיך געדאַרפט בייטן זייער אָפט, ווייל פאַר איינעם איז געווען צו שווער צו אַרבעטן אַ לענגערע צייט אויף דעם טייל אַרבעט.

מיר פלעגן שוין אַליין אָפּגיסן די „וואַליקעס" וואָס פלעגן שמירן די פאַרב אויף דעם זאַץ. צו דעם האָט זיך געפאָדערט דערפאַרונג, ווייל אויב דער וואַליק איז ניט געווען פאַלקאָם, האָט זיך די פאַרב ניט געדעקט גלייך אויפן זאַץ. מיר האָבן אויך געדאַרפט צוריכטן דעם האַרטן וואַליק, וואָס האָט צוגעדריקט די פּאַפּיר צום זאַץ נאָך דעם ווי דער זאַץ איז געווען באַדעקט מיט פאַרב.

מיר האָבן געהאַט צוויי קאָלירן פון פאַרב — רויט און שוואַרץ — די רויטע פאַרב איז גענוצט געוואָרן פאַר ערשטער מאי פּראָקלאַמאַציעס. יעדער זאַך וואָס איז קאַליע געוואָרן אין מאַשין, האָבן מיר געדאַרפט אַליין פאַרריכטן, ווייל ישראל מיכל האָט זיך געפונען

אין דווינסק און אפילו ווען ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין וואַר־שע, איז ניט געווען ראַטזאַם צו רופן אים אין דרוק אָפט.

געוויינלעך, האָבן מיר געדאַרפט אַליין מאַכן די „קאָרעקטור". מיר אַליין פלעגן אויך רעדאַקטירן די קאָרעספּאָנדענצן פון די שטעט און שטעטלעך, וואָס פלעגן צוגעשיקט ווערן צום דרוקן אין די זשור־נאַלן. די שרייבער פון די קאָרעספּאָנדענצן האָבן מערסטנטייל גע־שריבן זייער אַ שלעכטן יידיש, אָפטמאָל איז דער געדאַנק פון די זאַצן געווען ניט קלאָר. מיר פלעגן דאָס אַלץ דאַרפן „אויסבעסערן".

עס האָט אָבער איינמאָל געטראָפן אַז מיט אונדזער אויסבעסע־רונג האָבן מיר אָנגעמאַכט אַ גרויסע צרה...

מיר האָבן געקראָגן פון צענטראַל קאָמיטעט אַ צאָל רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן ביי אַ קאָנפערענץ. עפּעס אַ זאַץ אין די רעזאָלוציעס איז אונדז ניט געפעלן געוואָרן, האָבן מיר אים אויס־געבעסערט אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט. ווען מען האָט אין צ. ק. איבערגעלייענט די אָפּגעדרוקטע רעזאָלוציע מיט אונדזער אויסבע־סערונג, איז זיי פינצטער געוואָרן אין די אויגן... עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ביים דיסקוטירן דעם אינהאַלט פון דער דערמאָנטער רעזאָלוציע, האָט מען נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע זיך געאייניקט גראַד אויף דעם זאַץ, ווי זיי האָבן אונדז צוגעשיקט, און מיט אונדזער אויסבעסערונג האָבן מיר „אוועקגעהרגעט" אַלץ וואָס זיי איז אָנגע־קומען אַזוי שווער צו דערגרייכן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט אונדז נאָכדעם שטרענג פאַרבאָטן צו רעדאַקטירן אָפיציעלע דאָ־קומענטן פון צענטראַל קאָמיטעט...

אָלגינס פּראָקלאַמאַציעס און אַרטיקלען

איצטער, מיט איבער פערציק יאָר שפּעטער, איז שווער צו פאַרשטיין די שוועריקייטן וואָס מיר האָבן געהאַט מיט דעם געשרי־בענעם מאַטעריאַל וואָס מיר פלעגן באַקומען אין די אומלעגאַלע דרוק־קערייען.

זייער ווייניק פון דער יידישער אינטעליגענץ אין יענער צייט האָט געקענט שרייבן אַ גוטן יידיש. נאָך ערגער האָבן דאָס געקענט די קאָרעספּאָנדענטן פון שטעט און שטעטלעך. מיר פלעגן פיל מאָל דאַרפן „שטודירן" דעם געשריבענעם מאַטעריאַל איידער מיר פלעגן אים קענען נעמען צום אויפזעצן. עס איז פאַר אונדז אָפט געווען

גרינגער איבערלייענען א שיפרירטן בריוו פון צענטראל קאמיטעט, איידער דעם געשריבענעם מאטעריאל.

אבער נאכדעם ווי מיר האבן שוין „אויסגעשטודירט" דאס געשריבענע האבן זיך אנגעהויבן די שוועריקייטן: מען זיצט איבער־געבויגן איבערן טיש וואו עס שטייען די קעסטלעך מיט די שריפט. עס ברענט א קעראסין לעמפל, וועלכער גיט ווייניק ליכט. ניט פיל בעסער איז בייטאג, ווייל דער טיש דארף שטיין ווייטער פון פענצ־טער, וועלכער איז שטענדיק צוגעמאכט. די „פארהאנקע" וועלכע הענגט אויפן פענצטער מאכט דעם צימער נאך טונקעלער. קוקט מען אויפן געשריבענעם בלעטל און עס איז נאך אלץ שווער צו זען און פאנאנ־דערקלייבן זיך אין דער האנטשריפט.

נאכדעם ווי עס איז שוין אויפגעזעצט דער ארטיקל אדער די פראקלאמאציע, דארף מען לייענען די קארעקטור. צו זיין זיכער אז מען האט ניט געמאכט קיין פעלערן, מאכן מיר דאס זאלבענאנד, איי־נער לייענט דאס געדרוקטע און דער צווייטער קוקט אין דעם געשרי־בענעם טעקסט. ווען איינער האט געארבעט א לאנגע צייט אין דרו־קעריי איז ער אדער זי געווארן א „ספעציאליסט" אויף לייענען די אלע משונהדיקע האנטשריפטן. שלעכט איז געווען ווען עס האט גע־דארפט זעצן א ניי־אנגעקומענער.

איינמאל סוף 1904 האבן מיר געקראגן נייעם מאטעריאל צום דרוקן. ווי מיר פלעגן זיך געוויינלעך פירן, עפענען מיר דעם קאנ־ווערט און גרייטן זיך אנהויבן „שטודירן" דעם געשריבענעם מא־טעריאל. נאר דאס מאל ווערן מיר איבערראשט: מיר, טעכנישע ארבעטער, אפילו די וואס ארבעטן שוין לאנג אין די דרוקערייען, האבן אזוינס נאך ניט געזען: די ווערטער אין מאנוסקריפט זיינען אזוי ווי געדרוקט! יעדער בוכשטאב, יעדעס ווארט און יעדע שורה איז אויס־געשטעלט ווי א גוט דיסציפלינירטע ארמיי אויף א פאראד. עס האט אונדז פארוואונדערט די קורצקייט פון די זאצן, די קלארקייט פון דער שפראך.

דאס איז געווען אינגאנצן א נייער יידיש, אן קיין סימן פון די „הילצערנע ווערטער", ווי מיר פלעגן זיי רופן. מיר האבן געזען פאר זיך ניט נאר א זאפטיקן, גוטן יידיש, נאר א יידיש, וואס האט ממש „געזונגען".

פון דעמאלט אן איז כמעט יעדע פראקלאמאציע וואס מען פלעגט

אונדז צושיקן צום דרוקן, געווען געשריבן פון דעם זעלבן „מיסטער־יעזן" שרייבער.

מיט דער גרעסטער פרייד פלעגן מיר עפענען יעדן פעקעלע, וואָס איז אונדז געווען צוגעשיקט צום דרוקן, געשריבן מיט דער האַנט־שריפט פון דעם נייעם שרייבער. דער שרייבער, האָבן מיר זיך שפּע־טער דערוואוסט, איז געווען משה אָלגין.

אָלגינס האַנטשריפט, די גרינגקייט מיט וועלכער זיין יידיש האָט זיך געלייענט, האָט פיל פאַרגרינגערט די אַרבעט פון זעצן און אויך פון איבערקוקן די „קאָרעקטור". אין די צען חדשים, פון די יאַנואַר טעג ביז דער אָקטאָבער רעוואָלוציע פון 1905, ווען די דרוקן האָבן געדאַרפט אַרויסגעבן אַזוי פיל אַרבעט, האָט אָלגינס האַנטשריפט, זיין לייכטער גוטער יידיש, אונדז זייער פיל אַרויסגעהאָלפן.

עס זיינען געווען צייטן, ווען מען פלעגט דאַרפן אַ פּראָקלאַמאַציע אויפזעצן און אָפּדרוקן אין צענדליקע טויזנטער עקזעמפּלאַרן אין איין טאָג. יעדע מינוט איז געווען טייער. מיט אָלגינס האַנטשריפט, מיט אָלגינס גוטן יידיש — איז די אַרבעט געגאַנגען שנעלער.

באַרג אַרויף

דער יאָר 1904 איז געווען זייער אַ שטורמישער אין דער רוס־לענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם רוסיש יאַפּאַנישן קריג. די צאַרישע רעגירונג האָט אַריינגע־שלעפּט דאָס לאַנד אין קריג כדי אָפּצוציען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שטאַרקער צווישן די מאַסן. די רעגירונג האָט געהאָפט, אַז דער קריג וועט אַרויסרופן אַ פּאַטריאָטישע שטימונג ביי די מאַסן. זי איז אויך געווען זיכער אין אַ זיג איבער די יאַפּאַנער. אירע גענעראַלן האָבן געזאָגט: „מיר קענען די יאַפּאַנעזער מיט אונדזערע היטלען פאַרוואַרפן און באַזיגן". גאַנץ אַנדערש האָבן געקוקט אויפן קריג די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אַזאַ צעפוילטע אָרדענונג ווי די צאַרישע רעגירונג, קאָן ניט געווינען די מלחמה אפילו מיט יאַפּאַן.

באַלד ביים אָנהויב פון דער מלחמה האָט די צאַרישע רעגירונג גענומען קריגן איין מפּלה נאָך דער צווייטער: איר פלאָט ביי פּאָרט אַרטור איז פאַרקריפּלט געוואָרן. די לאַנד־אַרמיי האָט די שלאַכטן פאַר־לוירן. אָנשטאָט אַמוניציע האָט מען געשיקט צום פראָנט וואַגאָנען

מיט „הייליקע” איקאָנעס און צלמים. די רוסישע סאָלדאַטן פלעגן זאָגן: „די יאַפּאַנעזער שיסן אויף אונדז מיט קוילן און מיר ענטפערן מיט איקאָנעס”.

מיר אין דער געהיימער דרוקעריי, האָבן געשלונגען יעדן שטיקל נייס, וואָס איז אָנגעקומען פון מיליטערישן פראָנט. מיר האָבן זיך צוליב דעם אויסגעלערנט לייענען די פּוילישע צייטונגען. יעדן דורכפאַל פון די צאַרישע גענעראַלן, האָבן מיר אָנגענומען ווי אַ לאָפּעטע ערד אויפן קבר פון דער צאַרישער רעגירונג. מיר האָבן געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס וועגן קריג אין צענדליקע טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

איך געדענק, וואָס פאַר אַ שטאַרקן איינדרוק, וואָס פאַר אַ פרייד ביי אונדז האָט אַרויסגערופן, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אמסטערדאַם (1904), האָבן פּלעכאַנאָוו און דער יאַפּאַנישער סאָציאַליסט — סען קאַטאַיאַמאַ, זיך געגעבן די הענט, אַלס אויסדרוק פון דער אייניקייט פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

זומער 1904 איז דער פאַרהאַסטער, הענקערישער אינערן־מיניסטער, פאָן פּלעווע, דערהרגעט געוואָרן פון אַ באָמבע וואָס דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער סאַזאָנאָוו האָט אויף אים געוואָרפן. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען קעגן איינצל־טעראָר, אָבער דער טויט פון פּלעווען האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן גרויס פרייד.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. אויפן אָרט פון פאָן פּלעווען איז באַשטימט געוואָרן אַלס אינערן־מיניסטער דער „ליבעראַל” סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע צווישן די אַרבעטער האָט געגעבן מוט די אַנדערע שיכטן פון דער רוסלענדישער באַפעלקערונג צו אָרגאַניזירן זיך. די ליבעראַלן האָבן נאָך אין 1902 גענומען אַרויסגעבן אַן אומלעגאַלן זשורנאַל, „אָסוואָבאָזשדעניע” וועלכער האָט זיך געדרוקט אין שטוטגאַרט, דייטשלאַנד.

אין האַרבסט 1904 איז פאָרגעקומען דער ערשטער לעגאַלער צוזאַמענפאָר פון די „זעמסטוועס” (לאָקאַלע „זעלבסטפאַרוואַלטונגען”), וואו עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע. עס האָבן אויך גענומען פאָרקומען פּראָפעסיאָנעלע צוזאַמענפאָרן פון דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און פאַרשיידענע אַנדערע

פּראָפּעסיעס. בײַ יעדער געלעגנהייט האָבן זיי געמאַכט באַנקעטן, וואו מען האָט געהאַלטן רעדעס און אויפגעוויזן אַז דער איינציקער מיטל צו פאַרמיידן אַ רעוואָלוציע איז די צאַרישע רעגירונג זאָל געבן אַ „קאָנסטיטוציע".

צו זיין מער אינפאָרמירט, האָבן מיר אויסגעשריבן פון מאָסקווע אַ ליבעראַלע צייטונג אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די ליבעראַלע באַוועגונג און אירע פאָדערונגען. מיר האָבן אויך געקראָגן דורכן צ. ק. די אומלעגאַלע רוסישע ליטעראַטור וואָס האָט זיך געדרוקט אין אויסלאַנד. יעדער נומער „איסקרא" און די באָלשעוויסטישע צייטונג „וופּעריאָד" וואָס מיר האָבן געקראָגן איז בײַ אונדז געווען אַ יום־טוב. געדרוקט אויף זייער דינע פּאַפּיר מיט קליינע שריפט, איז יעדער נומער געווען פול מיט פאַקטן און האָט אָפּגעשפּיגלט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַלע ווינקעלעך פון גרויסן רוסלאַנד. פון די אומלעגאַלע בראָשורן געדענק איך דעם שטאַרקן איינדרוק וואָס אויף אונדז האָט געמאַכט לענינס בראָשור: „איין טריט פאָראויס און צוויי צוריק". אַרבעטנדיק שווער און לאַנגע שטונדן, פלעגן מיר אָפּזיצן ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט דאָס אַלעס צו לייענען.

ווי מ׳פלעגט אַרויסשיקן די אומלעגאַלע ליטעראַטור

עס האָט זיך געפאָדערט גרויס פאָרזיכטיקייט אין אַרויסטראָגן און פאַנאַנדערשיקן די ליטעראַטור. דאָס אַרויסשיקן די ליטעראַטור פאַר וואַרשע גופא איז ניט געווען צו שווער. מאַלעצקע האָט געהאַט אַן אויבער־מאַנטל, וועלכער איז געווען אַזוי אויפגענייט צו קענען אַריינלעגן אין אים טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס און חוץ דעם וואָס דאָס האָט איר געמאַכט אויסזען אַ ביסל דיקער איז קיין זאַך ניט געווען קאָנטיק עס זאָל פאַלן אַ פאַרדאַכט. דאָס זעלבע האָב איך אָדער אַשער געקענט אַרומפּאַקן זיך מיט פּראָקלאַמאַציעס און עס זאָל ניט זיין קענטיק.

אַרויסצושיקן אין אַנדערע שטעט איז שוין ניט געווען אַזוי גרינג.

מיר פלעגן די אָפּגעדרוקטע ליטעראַטור איינפּאַקן אין שיינע פּעקלעך, איינגעוויקלט אין בלויע אָדער אַנדערע פּאַפּיר, אַזוי ווי עס ווערט געוויקלט מאַנופאַקטור. איינער פון אונדז, איך אָדער אַשער, פלעגן דינגען אַ צימער אין אַ האָטעל אויף נאַלעווקעס. פאַרן האָ־

טעל אייגנטימער זיינען מיר געווען סוחרים, וועלכע זיינען געקומען פון אן אנדער שטאָט צו קויפן וואַרע אין ווארשע.

מיר פלעגן מיט די שוין־איינגעפּאַקטע פּעקלעך אונטערן אָרעם אַרויס פון דרוק און אָפּגיין אַ באַדייטנדע שטרעקע צו נעמען אַ פורמאַן. מיר האָבן ניט געקענט נעמען קיין פורמאַן ביים דרוק, כדי אויב עפּעס טרעפט זיך, זאָל ער ניט וויסן פון וואַנען די פּעקלעך קומען.

מיר האָבן געקויפט קוישן, אָנגעפּאַקט זיי מיט היי און זיי אָפּ־געשיקט אין אַ האָטעל־צימער מיט אַ פּאַק־טרעגער. דאָרט האָבן מיר איינגעפּאַקט די ליטעראַטור אין די היי, כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט, אויב די קאַרזינע וועט זיין צו שווער.

אין דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט „נאַדעזשדאַ", וואָס פלעגט פאַנאַנדערשיקן פאַרשיידענע סחורות איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָבן מיר געהאַט אַן אייגענעם מענטשן, דעם אָנגעשטעלטן טעפּליצקי, וועלכער האָט געוואוסט וואָס מיר שיקן. צוליב פאָרזיכטיקייט פלעגן מיר קומען אַהין אַ ביסל שפּעטער אָפּצונעמען די „קוויטאַנציע" (די אָנווייזונג) אויף די אַרויסגעשיקטע וואַרעס און דורך אַ באַשטימטן צייכן פלעגט ער אונדז לאָזן וויסן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

מיר האָבן שוין געהאַט אונדזערע שטענדיקע האָטעלן, אַזוי, אַז ביי די אייגנטימער אָדער אָנגעשטעלטע פון האָטעל זיינען מיר געווען די פיינע סוחרים, וואָס קומען אין ווארשע איינקויפן סחורה.

ווען מיר פלעגן אַריינקומען אין האָטעל מיט די פּעקלעך ליטעראַ־טור, פלעגט אונדז דער אייגנטימער באַגעגענען מיט אַ פריינטלעכער מינע, פרעגן ווי עס גייט דער געשעפט, און איז צו יעדער צייט גרייט געווען אונדז אַרויסצוהעלפן. די זעלבע פריינטלעכקייט פלעגן מיר קריגן פון די אָנגעשטעלטע. זיי האָבן געוואוסט, אַז מיר זיינען פון דעם מין סוחרים, וואָס גיבן אַן אָנשטענדיקע מתנה ביים אויסשרייבן זיך פון האָטעל. זיי פלעגן אונדז ווינטשן צו מאַכן גוטע געשעפטן און קומען אינגיכן ווידער אין ווארשע קויפן סחורה...

ביים אַרויסטראָגן די „פּעקלעך" פון דרוק, איז אונדז פיל מאָל אויסגעקומען דורכצוגיין פאַרביי שפּיאָנען, וואָס האָבן אַרומגעשפּאַ־צירט אויפן טראָטואַר ניט ווייט פון דער הויז וואו עס איז געווען די דרוקעריי.

די דרוקעריי האָט זיך דאָן געפונען, אויף וויפיל איך געדענק,

אויף זשעלאַזנע גאַס. אין דעם געגנט האָבן זיך געפונען אייניקע פאַבריקן. האָט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געמאַכט דאָרט איר „בירזשע". (שוין נאָך דעם ווי מיר זיינען געווען אין דער דירה). אַרויסקלייבן זיך און זוכן צוליב דעם אַן אַנדער דירה האָבן מיר ניט געוואָלט, ווייל די וואוינונג איז געווען זייער גוט צוגעפּאַסט פאַר דער דרוקעריי: די פענצטער זיינען אַרויס צו אַ ליידיקן, ניט פאַרבויטן פּלאַץ. דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אין די הייסע זומער־מאָנאַטן צו עפענען אַ פענצטער. פלעגט טאַקע טרעפן, אַז דער שפּיאָן אויף דער „בירזשע" פלעגט מיט גרויס אָפּשיי אָפּטרעטן און מאַכן פּלאַץ אויפן טראָטואַר פאַר דעם „סוחר" וואָס טראָגט די סחורה־פּעקלעך מיט... אומלעגאַלע ליטעראַטור.

פאַלשע פּאַספּאָרטן

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע פּאַספּאָרטן. אויף איין פּאַספּאָרט איז מען געווען „געמאָלדן" אין דער פּאָליציי, אַלס איינוואוינער פון דער דירה. אויף גיין אין גאַס האָבן מיר דעם פּאַספּאָרט ניט געקענט נוצן, ווייל אויב מען ווערט אָפּגעשטעלט און אַרעסטירט (אַזעלכע פאַלן האָבן דאַן געטראָפן אין וואַרשע גאַנץ אָפט), זאָל די פּאָליציי ניט וויסן וואו מיר וואוינען. האָבן מיר אויף גיין אין גאַס געדאַרפט האָבן אַ צווייטן פּאַספּאָרט. ווען מיר פלעגן דינגען אין האָטעל אַ צימער אויף אַרויסשיקן די ליטעראַטור, האָבן מיר ווידער געדאַרפט אַן אַנדער פּאַספּאָרט. און אין די אַלע פּאַספּאָרטן האָט געדאַרפט אַריינגעשריבן ווערן די הויך, דער קאָליר פון די אויגן, דער קאָליר פון די האָר, ווי אַלט מען איז אאַז"וו.

געוויינלעך פלעגט דער צ. ק. אונדז צושטעלן די פּאַספּאָרטן. אָבער אין די יאָרן וואָס איך בין געווען אין די אומלעגאַלע דרוקערייען, איז אונדז אייניקע מאָל אַליין אויסגעקומען אויסצואַרבעטן פּאַספּאָרטן פאַר אונדזער געברויך. דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף פאָלגנדן אופן: מען פלעגט קויפן ביי פאַרשיידענע סטאַראָסטעס אין קליינע שטעטלעך ניט אויסגעפילטע פּאַספּאָרטן־בלאַנקען. אַ חבר, אַ גראַווירער, פלעגט נאָכמאַכן דעם שטעמפּל. אויף ־דינע פּאַפּיראָסן פּאַפּיר איז געווען פּינקטלעך אַרונטערגענומען די אונטערשריפט פון סטאַראָסטע פון אַ ריכטיקן פּאַספּאָרט, אַזוי אַז עס איז געווען שווער צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ פאַלשער פּאַספּאָרט.

ווען אויפן בלאַנק איז שוין געווען ריכטיק נאָכגעמאַכט דער אונטערשריפט און דער שטעמפּל, איז נאָר געבליבן צו קוקן אויפן פּערזאָן וואָס דאַרף דעם פּאַספּאָרט און פאַרשרייבן זיינע יאָרן, די הויך, דעם קאָליר פון די האָר, אויגן אאז"וו. אַן אַנדערש מאָל פלעגט מען מיט אַ כעמישן שטאָף אַראָפּוואַשן דעם אינהאַלט פון אַ פּאַספּאָרט, וואָס האָט ניט געשטימט מיט די יאָרן און אויסזען פון פּערזאָן און אָנשרייבן דעם ריכטיקן אויסזען.

ביים צענטראַל קאָמיטעט האָבן זיך געפונען פאַרשיידענע פּאַס־פּאָרטן, אַזוינע ווי איך האָב שוין דערמאָנט און אויך פּאַספּאָרטן, וואָס מען האָט זיי גערופן „אייזערנע" דערפאַר, ווייל אין זיי זיינען געווען אַריינגעשריבן אמתע נעמען, נאָר דער פּערזאָן פון דעם פּאַספּאָרט האָט זיך געפונען אָדער אין אַמעריקע אָדער ער איז שוין געשטאָרבן, נאָר ביים סטאַראָסטע אין די ביכער האָט ער נאָך געלעבט.

אַזאַ פּאַספּאָרט פלעגט שוין קאָסטן אַ פּאָר הונדערט רובל און אַמאָל אַפילו פיר פינף הונדערט רובל. די פּערזאָן וואָס האָט געקראָגן אַזאַ פּאַספּאָרט האָט געדאַרפט געדענקען אַלע איינצלהייטן: די שטאָט, דעם נאָמען פון סטאַראָסטע, דעם נאָמען פון די עלטערן און אַז"וו. און אויב איינעם איז אויסגעקומען צו בייטן אָפּט דעם פּאַספּאָרט, איז געווען אַ געפאַר ער זאָל זיך פאַרפּלאָנטערן מיט די אַלע שטעט און טאַטע־מאַמעס וואָס ער האָט געדאַרפט געדענקען.

אַזעלכע „אייזערנע" פּאַספּאָרטן פלעגן געגעבן ווערן צו וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס מען האָט ניט געקענט ריזיקירן אַז זיי זאָלן אַרומגיין מיט איינפאַכע פאַלשע פּאַספּאָרטן.

וואָס מער די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט זיך געהויבן, אַלץ שטאַרקער זיינען געוואָרן די פאַרפאָלגונגען מצד דער צאַרישער רע־גירונג. הונדערטער רעוואָלוציאָנערן האָבן געדאַרפט כסדר בייטן זייערע וואוינונג־ערטער, ווען זיי זיינען געוואָרן פאַרדעכטיק צו דער פּאָליציי, אָדער זשאַנדאַרמעריע. פיל זיינען אַנטלאָפן פון סיביר אָדער אַנדערע שטעט וואוהין זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו געפינען זיך אונטער פּאָליציי אויפזיכט. פאַר זיי אַלעמען האָט מען געדאַרפט פּאַספּאָרטן.

פאַר די רעוואָלוציאָנערן וואָס זיינען געפאָרן קיין אויסלאַנד, איז אָפטמאָל געווען זיכערער און באַקוועמער צו פאָרן אויף אַ פאַלשן אויסלענדישן פּאַס איידער צו „שוואַרצן", (איבערגיין) די גרענעץ אין געהיים.

***

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז וואַרשע געווען די זיכערסטע שטאָט פאַר אַן אומלעגאַלער דרוקעריי. אין וואַרשע האָבן ניט געקענט פּאַסירן די פּיל אינצידענטן וואָס אונדז איז אויסגעקומען איבערצו־לעבן אין ווילנע. עס האָט אויך אַרויסגעהאָלפן די דערפאַרונג וואָס מען האָט געקראָגן זייענדיק אַ לענגערע צייט אין דרוקעריי. אָבער אינ־צידענטן האָבן אויך געטראָפן אין וואַרשע. איך וועל פאַרצייכענען אַ פּאָר פון זיי, פון דער צייט וואָס איך, אָשער, מאַלעצקע און ליזע אַמסטערדאַם זיינען געווען אין דרוקעריי.

מיר האָבן געהאַט אַ געוויסן צייכן פון אָנקלאַפּן, ווען אימיצער פון אונדז האָט געדאַרפט אַריינגיין אין הויז. דעם זעלביקן צייכן האָט אויך געוואוסט דער צ. ק. איין מאָל הערן מיר ווי מען קלאַפּט אין טיר מיט אונדזער צייכן. אָשער איז געגאַנגען עפענען. ער עפנט די טיר און דערזעט דעם אויפזעער פון הויז מיט אַ צווייטן מאַן. צופעליק האָבן זיי אָנגעקלאַפּט מיט דעם זעלבן צייכן, זיי זיינען גע־קומען באַקוקן די צימערן. אָשער האָט געוואוסט אַז עס איז אוממעגלעך זיי אַריינצולאָזן, ווייל מיר וועלן ניט באַווייזן אַלץ צונעמען, האָט ער זיי געזאָגט, אַז זיין פרוי איז איצט זייער קראַנק און דאָרט גע־פינט זיך איצט דער דאָקטער. אויף אַזאַ אופן זיינען מיר פּטור געוואָרן פון זיי.

איין מאָל, ווען מאַלעצקע האָט געהאַלטן אין צוגרייטן דעם מיטאָג, האָט זיך אָנגעצונדן די קעראָסין־מאַשינקע, אויף וועלכער מיר פלעגן קאָכן. עס איז געוואָרן אַ פייער, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט אייניקע זאַכן אין קיך. מיט גרויס שוועריקייט האָט זיך אונדז איינגע־געבן דעם פייער אויסצולעשן. דער רויך איז געווען אַזוי שטיקנד, אַז מיר האָבן געמוזט עפענען די פענצטער. מיר האָבן שנעל גענומען צודעקן און איינפּאַקן אַלץ וואָס האָט געקאָנט וואַרפן אַ פאַרדאַכט אַז ביי אונדז איז אַ דרוקעריי, ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אַז די פייער־לייט וועלן באַלד קומען. מיר האָבן אָבער פאַרזיכערט אייניקע פון די שכנים, וועלכע האָבן זיך דערשראָקן, אַז דער פייער איז שוין אויסגעלאָשן און קיין געפאַר איז מער ניטאָ.

קיין פייער־לייט זיינען ניט געקומען...

***

עס איז אוועק איבער אַ יאָר פון מיין זיין אין דער וואַרשעווער דרוקעריי און איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען זיך מיט מיין פרוי און קינדער. אַזאַ „פאַרגעניגן" האָט מען זיך זייער זעלטן געקאָנט פאַרגינען. האָב איך זיך באַנוצט מיט אַ געלעגנהייט, ווען מען האָט געדאַרפט אוועקפירן פּראָקלאַמאַציעס אין מינסק.

דער נאָכשפּיר פון די צאַרישע שפּיאָנען אויף די סטאַנציעס פון די אייזנבאַנען איז אין יענער צייט געווען זייער אַ שטרענגער, מען פלעגט נאָכקוקן די פּאַסאַזשירן און ביים קלענסטן פאַרדאַכט אונטערזוכן. מיר האָבן שוין אָבער געהאַט גענוג דערפאַרונג צו אָנטאָן און פירן זיך אַזוי, אַז קיין פאַרדאַכט זאָל ניט פאַלן. די פּראָקלאַמאַציעס וועלכע זיינען געווען אָנגעפּאַקט אַרום מיין קערפּער האָבן פיל אַרויסגעהאָלפן צו מאַכן מיין אויסזען אַזוי דיק און „אָפּגעפרעסן", אַז איך האָב אויסגעזען ווי איינער פון די „בורזשויען", וואָס שטייען אויסער יעדן חשד.

אין אַזעלכע פאַלן האָט פיל אַרויסגעהאָלפן די זיכערקייט אין זיך, דאָס קענען האַלטן זיך אַזוי, אַז מען זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן און אויסזען ווי אַ „געוויינלעכער" בירגער, וואָס פאַרט צוליב זיינע געשעפטן.

פירן די אומלעגאַלע ליטעראַטור אַרומגעפּאַקט אַרום זיך איז געווען איינער פון די זיכערסטע מיטלען. ווען מען פלעגט טראָגן אַ טשעמאָדאַן, אָדער אַ פּעקל איז שטענדיק געווען די געפאַר מען זאָל אָפּגעשטעלט און אונטערזוכט ווערן. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך פאַר די זשאַנדאַרן און שפּיאָנען אָפּצושטעלן טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן קיין זאַך ניט געטראָגן ביים אריינגיין אין באַן, דאָס זעלבע איז געווען, ווען מען פלעגט גיין אין גאַס אַרומגעפּאַקט מיט ליטעראַטור, — איז מען געווען מער זיכער ווי ביים טראָגן אַ פּעקל. מענער און פרויען, — דערהויפּט פרויען, — פלעגן יענע צייט אַריבערפירן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער אפילו געווער, ברויניגגרעוואָלווערן, איינגעפּאַקט אַרום דעם קערפּער. אפילו אַ דערפאַרענער שפּיאָן האָט דערביי קיין זאַך ניט געקענט באַמערקן. עס איז נאָר געווען וויכטיק אָנצוטאָן זיך וואָס בעסער און רייכער, כדי אויסצוזען ווי איינער פון דער „העכערער געזעלשאַפט".

דער „בלוטיקער זונטאָג"

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. די צאַרישע רעגירונג האָט זיך ווידער גענומען צו דעם מיטל, וואָס זי האָט שוין איין מאָל גענוצט אין קאַמף מיט דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, צו „זובאַטאָווששינע", נאָר אויף אַ פאַרגרעסערטן פאַרנעם. די פעטערבורגער „אָכראַנקע" האָט געפּרואווט אָפּציען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע צווישן די פעטערבורגער אַרבעטער דורך אַ כלומרשט „לעגאַלער" באַוועגונג.

אַ רוסישער גלח, גאַפּאָן, וועלכער איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, געווען אַן אַגענט פון דער געהיים־פּאָליציי, האָט גענומען אָרגאַניזירן די פעטערבורגער אַרבעטער, מאַכן גרויסע פאַרזאַמלונגען, וואו ער האָט געפּריידיקט אַז דער צאַר איז אַ פריינט פון די אַרבעטער, אַז ער וויל זייער עקאָנאָמישע לאַגע זאָל פאַרבעסערט ווערן.

גאַפּאָנס באַוועגונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. צו די פאַרזאַמלונגען וואָס ער האָט אָרגאַניזירט, זיינען געקומען טויזנטער אַרבעטער. אָבער הגם די פּאָליציי האָט געהיט די פאַרזאַמלונגען מיט טויזנט אויגן האָבן די פעטערבורגער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אויסגענוצט גאַפּאָנס לעגאַלע באַוועגונג. זיי פלעגן קומען צו די פאַרזאַמלונגען און אַרויסשטעלן פּאָליטישע פאָדערונגען: מען זאָל צוזאַמענרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, פרייע פרעסע, פרייהייט צו פאַרזאַמלען זיך, דאָס רעכט צו גרינדן פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס), אַן 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אאַז"וו. די מערהייט פון גאַפּאָנס באַזוכער זיינען נאָך אָבער ניט געווען באַוואוסטזיניק גענוג, זיי האָבן נאָך געגלויבט אין צאַר, ביז עס איז געקומען אַ טאָג, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט פון גאַפּאָנען איינריידן זיי זאָלן גיין צום צאַר און דערציילן אים וועגן זייערע באַדערפענישן.

פאַרגעקומען איז עס זונטיק, דעם 9־טן יאַנואַר, 1905. גאַפּאָן האָט געפירט אַ פּראָצעסיע פון צוואַנציק טויזנט אַרבעטער צום ווינטער־פּאַלאַץ פון צאַר. די פּראָצעסיע איז געגאַנגען אונטער צלמים, פרומע געזאַנגען און צאַרישע פּאָרטרעטן. גאַפּאָן האָט געפירט די אַרבעטער צום צאַר אויסצודריקן זייער געטריישאַפט צו אים און בעטן ער זאָל פאַרבעסערן זייער לאַגע.

אָבער ווען די פּראָצעסיע איז צוגעקומען נאָענט צום ווינטער־פּאַלאַץ, האָט צאַרישע מיליטער זי באַגעגנט מיט אַ האָגל פון קוילן. פינף הונדערט מענטשן, צווישן זיי אַ סך קינדער, זיינען געפאַלן טויט, אַ פּאָר טויזנט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

בליץ־שנעל האָט די נייס וועגן „בלוטיקן זונטיק" זיך צעטראָגן איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אין וואַרשע האָבן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען גענומען אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם סטרייק. מען איז געגאַנגען פון פאַבריק צו פאַבריק אָנזאָגן די אַרבעטער זיי זאָלן וואַרפן די אַרבעט. אויף די גאַסן האָט מען אָפּגעשטעלט די טראַמווייען, געהייסן די פּאַסאַזשירן אַרויס און איבערגעקערט די וואָגאָנען אויף די רעלסן כּדי די אַנדערע זאָלן ניט קענען פאָרן. מען האָט אָפּגעשטעלט די פורלייט און געהייסן זיי פאָרן אַהיים.

עס האָט ניט גענומען לאַנג, און עס האָבן זיך געשלאָסן אַלע מאַגאַזינען, אַלע קראָמען. די באַוועגונג אין די האַנדלס־גאַסן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אָבער די גאַסן־באַוועגונג אין די קוואַרטאַלן, וואו די אַרבעטער האָבן געוואוינט איז געוואָרן אַלץ לעבעדיקער. עס זיינען אַרויס אין גאַס די אַרבעטער, זייערע פרויען און זייערע קינדער.

אַזוי ווי די ברויט־בעקער זיינען אויך אַרויס אין סטרייק, איז מען געלאָפן אָנגרייטן זיך מיט ברויט. דער פּרייז אויף ברויט איז גלייך געשטיגן. דער אויפגערעגטער עולם איז באַפאַלן אייניקע בעקערייען און צוגענומען דעם ברויט.

גרופּעס אַרבעטער האָבן גענומען באַפאַלן די „מאָנאָפּאָלקעס" (רעגירונגס־קראָמען, וואו מען פלעגט פאַרקויפן בראָנפן), מען האָט געבראָכן די פלעשער בראָנפן אין גאַס. אויב איינער האָט געוואָלט נעמען אַ פלאַש בראָנפן פאַר זיך, האָט מען ניט געלאָזן. מען האָט צעריסן די טעלעפאָן און טעלעגראַף דראָטן. קינדער, יונגע און דערוואַקסענע האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט. זיי זיינען געגאַנגען פון גאַס צו גאַס און געבראָכן די לאָמפּן וואָס באַלייכטן די גאַסן.

אין אַלע גאַסן וואו די אַרבעטער האָבן זיך געפונען זיינען פאָרגעקומען גאַסן־פאַרזאַמלונגען. די רעדנער זיינען געווען, מערסטנטייל, פון דער מאַסע, ניט קיין אָרגאַניזירטע פון פריער.

באַוואָפנטע קאָזאַקן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די גאַסן. אין

אָנהויב האָבן זיי געקוקט וואָס עס קומט פאָר און ניט אָנגענומען קיין מיטלען. אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי האָבן אָנגע־הויבן טרייבן די מאַסן־אַרבעטער, שטעכן זיי מיט די פּיקעס און אויך שיסן אין דער מאַסע. פיל זיינען געפאַלן טויט, נאָך אַ גרעסערע צאָל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

די אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין געווער מיט וואָס צו ענטפערן. מען האָט געענטפערט אויף די קוילן פון די קאָזאַקן און אַנדערע מיליטער, מיט שטיינער, מיט שטיקער אייז. וואו ניט וואו האָט אַן אַרבעטער געענטפערט מיט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער. אָבער אַרבעטער וואָס האָבן געהאַט רעוואָלווערן זיינען געווען ניט פיל. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט פון זייערע אָרגאַניזאַציעס מען זאָל זיי געבן געווער, אָבער קיין געווער, אַ חוץ אייניקע הונדערט רעוואָלווערן, איז ניט געווען.

דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטן אייניקע טעג ביז די אָרגאַניזאַציעס האָבן באַשלאָסן שיקן די אַרבעטער צוריק צו דער אַרבעט.

צוויי צענטראַלע דרוקערייען אין וואַרשע

די יאַנואַר געשעענישן האָבן געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז די פאָדערונג אויף אומלעגאַלער ליי־טעראַטור, יידישער און פוילישער, איז מיטאַמאָל שטאַרק אויסגע־וואַקסן.

מיר האָבן אין אונדזער אומלעגאַלער דרוקעריי געהאַט אַזוי פיל אַרבעט, אַז אַפילו אַרבעטנדיק ביז שפּעט ביינאַכט, האָבן מיר ניט געקענט פאַרטיק מאַכן די גאַנצע אַרבעט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דערפאַר באַשלאָסן איינצושטעלן אין וואַרשע נאָך אַ דרוקעריי. צו אַרבעטן אין דער צווייטער דרוקעריי איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע איסער דראַפּקין, מיט זיין פרוי יענטל.

דער פּערסאָנאַל אין אונדזער ערשטער דרוקעריי האָט זיך דער־וויילע געביטן. מאַלעצקע איז אַוועק, ווייל זייענדיק פיזיש שוואַך, האָט זי גענומען פילן נאָך ערגער, און אויך ליזע אַמסטערדאַם האָט דער־פילט, אַז זי מוז אָפּרוען.

דער צ. ק. האָט אויף זייער פּלאַץ צוגעשיקט כאַניע רובאַנענקאָ און אַליע לעדער, אַ שניידערקע, וועלכע איך האָב געקענט נאָך פון

דער מינסקער אָרגאַניזאַציע. כּאָניע און אַליע זיינען געווען דאָס „פּאַר־פּאָלק", וואָס האָט גענומען די וואוינונג פאר דער דרוקערײ.

די דירה, צוויי קליינע צימערן מיט א קיך, איז געווען אויפן צווייטן פלאָר, אונטער אונדז איז געווען א שול, וואו מ'האָט אײַנ־דערפּרי און פאַרנאַכט געדאַוונט און א גאַנצן טאָג איז דאָרט געווען א חדר און דער שמש פון שול האָט געלערנט מיט די קינדער. דער טומל פון די קינדער האָט אונדז פיל אַרויסגעהאָלפן, עס זאָל זיך ניט הערן דאָס קלאַפּן פון דער דרוק־מאַשין, ווען מיר האָבן אויף איר געאַרבעט.

די נייע דרוקערײ האָט געהאַט נאָך א מעלה, וואָס זי האָט גע־האַט צוויי אַריינגאַנגען פון צוויי גאַסן. אין דער דרוקערײ האָבן צו־זאַמען מיט אונדז געאַרבעט: סעמיאָן מאַזאָווער, זעליק (פאַר א קורצער צייט) און „דער פּאָליאַק". „דער פּאָליאַק" איז געווען א יידישער אינטעליגענט, וועלכער האָט איידער ער איז געקומען צו אונדז געאַרבעט אין זשענעווע אין א פּאַרטיי־דרוקערײ. ביי אונדז האָט ער געזעצט אַלץ וואָס מיר האָבן געדרוקט אין דער פּוילישער שפּראַך, דעריבער האָבן מיר אים גערופן „דער פּאָליאַק".

רובאַנענקאָ האָט ניט געקענט זעצן קיין שריפט, ווייל ער האָט געהאַט שלעכטע אויגן, פלעגט ער אַרבעטן ביי דער דרוק־מאַשין. אונדזער דרוקערײ האָט געדרוקט דערהויפּט פּראָקלאַמאַציעס און די צווייטע דרוקערײ — די אומלעגאַלע זשורנאַלן.

עס איז ענדלעך באַשלאָסן געוואָרן אַז מיין פרוי און קינדער זאָלן קומען צו מיר אין ווארשע, מיר זאָלן נעמען א וואוינונג, און איך זאָל אַרבעטן אין דרוקערײ און אויך זיין דער „פּאַרמיטלער" מיט דער אויסערלעכער וועלט. אָשער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער „פּאַרמיטלער" פון דער צווייטער דרוקערײ.

די גרעסטע שוועריקייט אין דער אומלעגאַלער דרוקערײ איז גע־ווען די אַרבעט אויף דער דרוק־מאַשין. זעצן דעם שריפט האָט מען געקענט אפילו א גאַנצע נאַכט, ווייל עס האָט זיך קיין זאַך ניט גע־הערט, אָבער אַרבעטנדיק אויף דער דרוק־מאַשין האָט זיך געהערט אין דער אונטערשטער דירה. אַזוי ווי אַרבעט איז געווען זייער פיל האָט מען געדאַרפט אַרבעטן ביז שפּעט אין אָוונט, ווען דאָס קלאַפּן הערט זיך נאָך מער. מיר האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען וואָס נאָר מעגלעך: מען האָט אונטער דעם „קאָמאָד", אין וועלכן עס איז געשטאַנען די

דרוק־מאַשין, אונטערגעלייגט אַ דיקן טעפּיך (ראָג), אָבער עס האָט קיין סך ניט געהאָלפן. ישׂראל מיכל, דער בויער פון די מאַשינען, האָט אויך געזוכט מיטלען צו מאַכן אַז דער קלאַפּן פון דער מאַשין זאָל זיך ניט הערן. ער האָט אין אייניקע פּלעצער אַריינגעלייגט גומע, אָפּצו־שוואַכן דאָס טומל, איז געוואָרן עטוואָס בעסער, אָבער דאָס קלאַפּן האָט זיך אַלץ געהערט.

ביים זוכן אַן אַנדער וואוינונג פאַר דער צווייטער דרוקעריי, האָט מען אויף גזשיבאָווסקע גאַס נומער 13, געפונען צוויי וואוינונ־גען, איינע אונטער דער אַנדערער. מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען ביידע, אין דער אויבערשטער וועט זיין די דרוק און אונטן וועלן מיר זיך אַריינקלייבן. געוויינלעך האָט מען געדאַרפט מאַכן אַזוי, אַז מיר קענען זיך ניט מיט איסערן און יענטלען. מיר זיינען געגאַנגען דינגען די וואוינונגען באַזונדער, ווי צוויי פרעמדע פאַמיליעס.

די וואוינונגען זיינען ביידע געווען די זעלבע, צו דריי צימערן. ביידע וואוינונגען האָט מען צוגעפּוצט אַזוי, ווי עס וואוינען מיטל־מעסיקע סוחרים. די מעבל גאַנץ שיינע, די פענצטער באַהאַנגען מיט שיינע גאַרדינען און אַזוי ווייטער.

מיר האָבן ניט געוואָלט איבערטראָגן די דרוקעריי גלייך צו אי־סערן און יענטלען נאָר פריער צו אָשערן און שוין פון אָשערן צו דער וואוינונג פון דער דרוקעריי.

אין אָוונט איז אָשער אַרויס אין רעסטאָראַן, און האָט זיך גע־זעצט ביי אַ טישל. ער קוקט זיך אום — ערשט אַנטקעגן אים זיצן ליבער און רחמיאל (דעמאָלט אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד״) זיי האָבן זיך נאַטירלעך, געמאַכט ווי זיי קענען ניט איינער דעם צווייטן. און פּלוצלונג לאָזט זיך אַריין אין רעסטאָראַן אַ פּאָליציי־פּריסטאַוו מיט סאָלדאַטן. וואַרשע האָט זיך דאַן געפונען אונטער קריגס־צו־שטאַנד. מען פלעגט באַפאַלן רעסטאָראַנען, אָפּשטעלן מענטשן אין די גאַסן, אונטערזוכן זיי און ביים קלענסטן פאַרדאַכט אַרעסטירן. דער פּריסטאַוו האָט געלאָזן אַ פּאָר סאָלדאַטן אין ערשטן צימער און איז אַריין אין אַ צווייטן צימער, פון וועלכן ער איז אַרויס, פירנדיק אַ מענטשן ביי וועלכן ער האָט געפונען אַ רעוואָלווער. ער האָט געהייסן אַלעמען ווייזן זייערע פּאַספּאָרטן און איז אויך צוגעגאַנגען צו ליבערן און רחמיאלן. זיי האָבן אים געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און ער איז פון זיי אַוועק. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט זיי דער זעלבער

פריסטאוו שוין פריער אָפּגעשטעלט אין גאַס; זיי האָבן געהאַט ביי זיך אויסלענדישע פּאַספּאָרטן און נאָכדעם ווי ער האָט זיי אונ־טערזוכט, אין גאַס האָט ער זיי אָפּגעלאָזן. דאָס האָבן זיי אים איצט דערמאָנט, ווען ער איז צו זיי ווידער צוגעגאַנגען. צופעליק האָט ער אָשערן דורכגעלאָזן, מיינענדיק, אַז ער האָט אים שוין אונטערזוכט.

***

די פּעטערבורגער געשעענישן פון דעם בלוטיקן זונטאָג, דעם 9טן יאַנואַר האָבן אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, די געגנערשאַפט צום צאַ־רישן רעזשים האָט זיך נאָך מער פאַרשפּרייט צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

אונדזערע דרוקעריען האָבן דעמאָלט אָפּגעדרוקט, אין די צענט־ליקער טויזנטער, אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט אַלע יידישע אַרבעטער איבערן לאַנד צו סטרייקן. דעם רוף האָבן די אַר־בעטער אויפגענומען מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. אין פיל שטעט איז אַלץ אָפּגעשטעלט געוואָרן: פאַבריקן, האַנדלס־קאַנטאָרן, קראָמען, טראַמוויען. אין אייניקע שטעט האָבן אפילו דינסט־מייד־לעך און קעכינס געוואָרפן זייער אַרבעט.

די צאַרישע רעגירונג האָט געענטפערט אויף די סטרייקס מיט אָנרייצן די פינצטערע עלעמענטן צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן, אין אייניקע ערטער איז דאָס איר געלונגען. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגע־שטעלט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע.

דער פּאָליטישער סטרייק איז אין פיל פעלער איבערגעגאַנגען אין אַן עקאָנאָמישן. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט צו זייערע באַלעבאַטים פאַרשיידענע עקאָנאָמישע פאָדערונגען און האָבן זיי גע־וואונען. די שטימונג צווישן די אַרבעטער איז געווען אַזאַ, אַז יעדער אַקט פון דער צאַרישער רעגירונג פלעגט אַרויסרופן אַ מאַסן־פּראָ־טעסט, דעמאָנסטראַציעס און אפילו בלוט־פאַרגיסונגען.

דעם צווייטן אַפּריל 1905 זיינען זיך אין וואַרשע צוזאַמענגעקו־מען אַ מאַסע פון דרייסיק טויזנט אַרבעטער צו באַגלייטן דעם טויטן קערפּער פון דעם אַרבעטער ישראל גראָווער, וועלכן די צאַרישע זשאַנדאַרן האָבן פאַרמאַטערט צום טויט אין טורמע. ווען די מאַסע האָט זיך שוין געהאַלטן אין פאַנאַנדערגיין האָט די פּאָליציי גענומען

שיסן. עטלעכע מענטשן זיינען געפאַלן טויט פיל זיינען געווען פאַר־וואונדעט. צווישן די טויטע זיינען געווען צוויי וויכטיקע טוער פון אונדזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע: פראַניע גראַבעלסקאַיאַ (וועראַ) און סאָלאָמאָן מאַרגאָלין. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָט תיכּף אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע, אויפפאָדערנדיק צו אַן איינטאָגיקן סטרייק אַלס פּראָטעסט קעגן די מאָרדן.

די וואַרשעווער מאַי־פייערונג אין 1905 האָט זיך אויך געענדיקט מיט טויטע און פאַרוואונדעטע. פון אָנהויב דער מאַי־דעמאָנסטראַ־ציע האָט די פּאָליציי און מיליטער געהאַלטן זיך רואיק, נאָר פּלוצלונג, ניט געבנדיק קיין שום וואָרנונג, האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן אין דער טויזנט־קעפּיקער מאַסע. ניט נאָר האָבן זיי געשאָסן אין די דעמאָנ־סטראַנטן, נאָר ווען די מאַסע האָט אָנגעהויבן לויפן, האָבן זיי אַריינ־געשאָסן דורך די פענצטער אויף פרידלעכע איינוואוינער. זעכציק מענטשן זיינען דערביי געטויט געוואָרן און איבער צוויי הונדערט זיי־נען שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן.

אַזעלכע בלוטיקע פּאַסירונגען זיינען דעמאָלט געוואָרן אַ געוויינ־לעכע זאַך. איך האָב דאָ דערמאָנט נאָר איניקע פון זיי כּדי צו ווייזן מיט וואָס פאַר אַן אַנטשלאָסנקייט די אַרבעטער האָבן געקעמפט און אויך מיט וואָס פאַר אַ ברוטאַליטעט די צאַרישע רעגירונג האָט זיי געענטפערט.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז וואָס פאַרביטערטער עס איז געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, אַלץ מער ליטעראַטור, פּראָקלאַמאַ־ציעס האָט מען געדאַרפט דרוקן. זיינען טאַקע אונדזערע ביידע דרוקערייען געווען אַזוי פאַרנומען, אַז מען האָט כּסדר געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די צווייטע דרוקעריי, וועלכע האָט זיך געפונען איבער אונד־זער וואוינונג, איז געווען אין אַ זייער גוטער לאַגע: זיי האָבן ניט געדאַרפט היטן זיך טאָמער הערט מען ווי די מאַשין אַרבעט. מיר האָבן, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, ניט געטאָרט זען זיך מיט זיי, אָבער מיר האָבן אויסגעפונען אַ וועג ווי צוזאַמענריידן זיך ווען מען מוז.

אין פירהויז פון ביידע וואוינונגען האָבן מיר אין אַ ווינקל געמאַכט אַ קליין עפענונג, וואו מען האָט געקענט הערן ווען איינער האָט וואָס עס איז געדאַרפט איבערגעבן דעם צווייטן. מיר האָבן אויך גע־

האט געוויסע אָפּגעמאַכטע צייכנס צו לאָזן וויסן זיי, ווען די דרוק מאַשין זאָל אויפהערן אַרבעטן ווען אימיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר אַריינצוקומען. איך בין געווײַנלעך אַ גאַנצן טאָג ניט געווען אין דער היים. איך האָב געאַרבעט אין דער ערשטער דרוקעריי און פלעג קומען אַהיים שפּעט בײַנאַכט. מײַן צייכן ביים אָנקלאַפּן אין טיר איז געווען אַזאַ, אַז מײַן פרוי האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס בין איך. אויב אימיצער אַ פרעמדער האָט דורכן טאָג אָנגעקלאַפּט, פלעגט מײַן פרוי, פאַרן עפענען די טיר, מיט אַ לאַנגן פלעקל געבן אַ צייכן דורכן אָנקלאַפּן אין דער סטעליע, אַז זיי דאַרפן אויפהערן אַרבעטן אויפן מאַשין. דערנאָך פלעגט זי אויפן זעלביקן וועג לאָזן וויסן אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

אין דער דרוקעריי וואו איך האָב געאַרבעט, האָבן מיר געדרוקט אַ פּוילישן זשורנאַל פאַר דער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ, און אויך פּראָקלאַמאַציעס אין פּויליש.

אַלץ איז אין ביידע דרוקערייען געגאַנגען גלאַט, לויט דער סיסטעם וואָס מיר האָבן אײַנגעשטעלט, ביז עס האָט געטראָפן אַן אומגליק און „אַלרייט" (פּינקוס) איז אַרעסטירט געוואָרן.

אָשער ווערט אַרעסטירט אַלס „באַוואוסטער ווילנער גנב"

געטראָפן האָט דאָס ביי פאָלגנדע אומשטענדן:

פון אַלץ וואָס מיר פלעגן דרוקן, פלעגן מיר אַ טייל איבערשיקן צום אויסלענדישן קאָמיטעט. מיר פלעגן מאַכן אַ פּעקל, אָנשרייבן אַז מיר שיקן יידישע ביכער און אָנגעבן דעם אַדרעס פון אַ באַוואוסטער יידישער בוכהאַנדלונג אין וואַרשע, אַז פון דאָרט כלומרשט ווערט עס אַרויסגעשיקט. איינמאָל איז אָשער אַוועק אין דער הויפּט־פּאָסט, דורך וועלכער מיר פלעגן שיקן די ליטעראַטור. דאָרט פלעגט מען דאָס געבן איינעם, וועלכער פלעגט פאַר אַ קליינעם געצאָלט אַלץ אָנשרייבן און שוין אַליין דאָס אַרויסשיקן. אַרויסגייענדיק פון פּאָסט האָט אָשער באַמערקט ווי אימיצער גייט אים נאָך. ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַ צווייטער גאַס, יענער נאָך אים, ער האָט גענומען גיין אַ ביסל שנעלער, נאָר יענער האָט אים אָנגעיאָגט, האָט אים, אָשערן, אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן אין פּאָסט. אָשער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז געווען אָפּנעמען בריוו. — טאָ פאַרוואָס־זשע האָסטו זיך דאָרט געזאַמט אַזוי פיל? און צו וואָס ביזטו אַרומגעגאַנגען אין

גאַס היין און צוריק? — האָט דער שפּיאָן אים געפרעגט. נאָך אַ קורצן איבעררײדן זיך האָט ער אים אַרעסטירט, אַוועקגעפירט אין פּאָליציי־צירקל און פון דאָרטן האָט מען אים אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער פּלאַץ צוזאַמען מיט אַ צאָל גנבים.

ביים פאַרהער האָט מען ביי אָשערן געפרעגט, מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך און פון וואַנען ער האָט זיין געלט (מען האָט ביי אים געפונען 95 רובל). ער האָט געענטפערט, אַז ער האַנדלט מיט ים־גראָז, אַ מאַטעריאַל וואָס טאַפּעצירער נוצן. דאָס איז געווען זיין אָפיציעלע באַשעפטיקונג די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען אין דרוק. מען האָט אים געגעבן אָנווייזן כאָטש איין פירמע, מיט וועמען ער האַנדלט און וועלכע קענען אים, וועט מען אים באַפרייען. געוויינלעך, האָט ער דאָס ניט געקענט דערווייזן, האָבן זיי אים באַשולדיקט, אַז ער איז אַ „באַוואוסטער ווילנער גנב" און אַז ער איז געווען אין פּאַסט מיט דעם ציל צו באַגנבענען דאָרט די באַזוכער.

זיצנדיק צוזאַמען מיט די גנבים האָבן אייניקע אים גענומען פאַנאַנדערפרעגן, וואָס עס איז זיין „ספּעציאַליטעט". איינער וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ „ספּעציאַליסט" אין באַן־גנבות האָט אים געגעבן אַן עצה, אַז פאַר געלט קען ער זיך אויסקויפן. אים האָט זיך טאַקע באַלד איינגעגעבן אונטערצוקויפן אַ פּאָר פון די, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט זיין „דיעלאָ" (קעיס) און ער איז אַרויס פריי.

אין דער דרוקעריי, צוזאַמען מיט אָשערן האָט געאַרבעט איינער וואָס אין דער באַוועגונג האָט מען אים גערופן „דער זשלאָב". דאָס איז געווען אַ הויכער, געזונטער בחור מיט אַ פּאָר שטאַרקע הענט ווי שטאָל. זעצן שריפט האָט ער ניט געקענט, ווייל די בוכשטאַבן זיינען געווען צו קליין פאַר זיינע גרויסע, דיקע פינגער. ער איז אָבער געווען אויסגעצייכנט צו אַרבעטן אויף דער מאַשין. יעדערער פון אונדז פלעגט ווערן אויסגעמאַטערט נאָך אַ שטונדע אַרויסציען די געדרוקטע בויגנס פון דער מאַשין. דער „זשלאָב" האָט אָבער געקענט אַרבעטן אויף דער מאַשין אַ גאַנצן טאָג, ניט פילנדיק, אַז ער איז אויסגעמאַטערט. „פאַר דער רעוואָלוציע" איז ער געווען גרייט יעדער מינוט אָפּצוגעבן זיין לעבן. דערצו איז ער אויך געווען אַ געטרייער איבערגעגעבענער פריינט און חבר צו די אַלע מיט וועמען ער האָט געאַרבעט. איידער ער איז אָנגעקומען צו אַרבעטן אין דרוק האָט ער געאַרבעט ביי ישראל מיכל קאַפּלינסקי העלפנדיק אים מאַכן די דרוק־מאַשינען.

ווען אַשער איז באַפרייט געוואָרן איז ער זייער פּאָרזיכטיק גע־קומען צוריק אין דרוקעריי. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר מיט דעם צייכן וואָס מיר האָבן געהאַט. דער „זשלאָב" איז צוגעגאַנגען און האָט געעפנט עטוואָס די טיר צו זען ווער דאָס איז. ווען ער האָט דערזען, אַז ס'איז אַשער איז זיין פרייד געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אים אַריינגעכאַפּט אין זיינע אייזערנע אָרעמס און האָט אים אַזוי גענומען דריקן, אַז ער האָט אים שיר ניט דערשטיקט. בלייבן אַרבעטן ווייטער אין דרוקעריי איז שוין געווען אוממעגלעך פאַר אַשערן און ער האָט געמוזט אַוועק פון וואַרשע.

אַ קורצע צייט נאָך אָט דעם אינצידענט, האָט אויך אין אונדזער דרוק פּאַסירט פאָלגנדעס: אונדזער „פּאָליאַק" האָט געדאַרפט ערגעץ גיין. עס האָט גענומען אַ פּאָר מינוט, ער לויפט אַריין צוריק אַ בליי־כער און זאָגט אונדז, אַז אין הויף געפינען זיך פּאָליציי און זשאַנ־דאַרן און זיי מאַכן אַן אונטערזוכונג. זיין מיינונג איז, אַז זיי האָבן אַ פאַרדאַכט, אַז דאָ אין הויז געפינט זיך אַ דרוקעריי, נאָר זיי ווייסן ניט די דירה. מען קען דערוואַרטן יעדע מינוט אַז זיי וועלן קומען צו אונדז. ער שלאָגט דעריבער פאָר, אַז רובאַנענקאָ, אָליע, מאַזאָווער און איך זאָלן אַרויס אין הויף און פּרובירן דורך די צוויי אַרויסגאַנגען אַרויסגיין אין גאַס. ער וועט בלייבן אין דרוק און ווען די זשאַנדאַר־מעריע וועט קומען, וועט ער אַלץ נעמען אויף זיך.

אונדזער מיינונג איז געווען אַז אַרויסגיין אין גאַס קאָן זיך שוין אונדז איצט ניט איינגעבן. אין אַזעלכע פאַלן לאָזט די פּאָליציי גע־וויינלעך קיינעם ניט אַרויס. אויב זיי זוכן וואָס עס איז אַנדערש, וועלן מיר מיט אונדזער פּרובירן אַרויסגיין אין גאַס, מאַכן נאָך ערגער. עס קאָן פאַלן אַ פאַרדאַכט, דער סטרוזש קען אונדז, וועלן זיי גלייך קומען אין אונדזער דירה.

האָבן מיר שנעל פאַרברענט די מאַנוסקריפּטן, וואָס מיר האָבן געהאַט צום דרוקן, און אויך פּערזענלעכע אַדרעסן און יעדער זאַך וואָס האָט געקענט געבן אַ וועלכע ניט איז אָנדייטונג פאַר דער זשאַנ־דאַרמעריע. ווי עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן האָבן זיי אונדז געלאָזן צורו, ווייל זיי האָבן געזוכט עפּעס אַנדערש. מיר זיינען דאָס מאָל אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

אַ קאַמף מיט דער וואַרשעווער אונטערוועלט

אין וואָס פאַר אַ שטימונג די אַרבעטער האָבן זיך געפונען ווייזט דער בלוטיקער צוזאַמענשטויס צווישן די אַרבעטער מיט דער וואַרשע־ווער אונטערוועלט וואָס האָט אויסגעבראָכן אין מאָנאַט מאַי 1905. איינער פון די אונטערוועלט־מענטשן, אַ מין „יאַנקל שאַבשאָוויטש", וואָס האָט געהאַט אַ „הייזל", האָט געפּראַוועט אַ חתונה פאַר זיינער אַן אַדאָפּטירטער טאָכטער, וועלכע ער האָט זיך באמת אויפצוהאָ־דעווען, אַלס אַן אָרנטלעכע מיידל. דער חתן איז געווען אַן אַרבעטער, אַ קופּערשמיד.

אויף דער חתונה זיינען געקומען „אַלפאָנסן" (פּרויען־הענדלער), לאָבוסעס, פריינט פון דער כלהס פאָטער, און אַרבעטער־פריינט פון דעם חתן. אינגיכן האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג און אַזוי ווי די אַר־בעטער זיינען געווען אין דער מערהייט האָבן זיי געזיגט איבער די „אַלפאָנסן".

אויף מאָרגן האָט אַ גרופּע פון דער אונטערוועלט געמאַכט אַ „דעמאָנסטראַציע" קעגן די אַרבעטער אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן. עס האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ געשלעג, נאָר אַזוי ווי די אַלפאָנסן זיינען איצט געווען אין דער מערהייט, זיינען פיל אַרבעטער צעשלאָגן געוואָרן.

די נייס איז בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די וואַר־שעווער יידישע אַרבעטער. אַ גרויסע מאַסע האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין די גאַסן, וואו עס האָבן זיך געפונען די „הייזלעך". עס האָט זיך אָנ־געהויבן אַן אמתער „פּאָגראָם". אַלץ וואָס די אַרבעטער האָבן געפונען אין די „הייזלעך": פּיאַנעס, מעבל, קליידער, בעטגעוואַנט, איז צע־בראָכן און צעריסן געוואָרן. די אַלפאָנסן זיינען זיך צעלאָפן, די פּראָס־טיטוטקעס, וועלכע עס האָט זיך ניט איינגעגעבן צו אַנטלויפן האָבן זיך באַהאַלטן אין די אַלמערס, אונטער די בעטן, אָבער די אַרבעטער האָבן זיי געפונען און אַרויסגעטריבן אין די גאַסן. עס זיינען געווען פאַלן וואו די אַרבעטער האָבן געפונען פּעק מיט פּאַפּיר־געלט, האָבן זיי דאָס צעריסן אויף שטיקלעך: צו אַזעלכע געלט טאָר מען זיך ניט צורירן, האָבן זיי געזאָגט.

אויף מאָרגן זיינען טויזנטער אַרבעטער ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט, נאָר זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין די אַלע פּלעצער, וואו די

װאַרשעװער „אַלפאָנסן" פאַרזאַמלען זיך: אין טיי־הייזער, טראַקטירן, שענקען, און מיט געשרייען, אַז „מען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו די „אַלפאָנסן" וואָס מאַכן אומגליקלעך אַ וועלט, וואָס מאַכן אָרעמע פרויען פאַר פּראָסטיטוטקעס" האָבן זיי גענומען ברעכן אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען אין די פּלעצער.

די פּאָליציי האָט דערביי געשפּילט אַ פּראָוואָקאַטאָרישע ראָל: פון אָנהויב האָט זי פריי געלאָזן די אַרבעטער קעמפן קעגן דער אונ־טערוועלט, און שפּעטער האָט זי זיך פאַראייניקט מיט דער אונטער־וועלט קעגן די אַרבעטער.

די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" איז געווען קעגן דעם „פּאָגראָם" אויף די „הייזלעך" און אויך קעגן דעם סטרייק, וואָס איז סטיכייאיש אויסגעבראָכן. אין גרויס איילעניש האָבן מיר אָפּגעדרוקט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואו דער „בונד" האָט דערקלערט די אַרבעטער, אַז מיט אַזעלכע מיטלען קאָן מען די פּראָסטיטוציע ניט באַקעמפן.

אונדזערע דרוקערייען האָבן דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ גענעראַל שטאַב, וואָס קריגט באַריכטן פון קריגס־פראָנט: מיר פלעגן דרוקן אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס רופט צו דעמאָנסטרירן און פּראָטעסטירן קעגן בלוט פאַרגיסונג מצד דער צארישער רעגירונג מיט איר פּאָליציי און מיליטער. די דעמאָנסטראַציע פלעגט זיך אָפּט ענדיקן מיט אַ נייער בלוט־פאַרגיסונג. איז באַלד ווידער אַרויס אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס רופט די אַרבעטער צו סטרייקן און דעמאָנסטרירן. דער קאַמף איז ניט אָפּ־געשטעלט געוואָרן אויף קיין איין טאָג.

רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין די גרויסע שטעט

אַלס ביישפּיל פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט פון יענער צייט און פון דער גרייטקייט פון די אַרבעטער צו קעמפן מיט דער צאַרישער רעגירונג, ניט אָפּשרעקנדיק זיך פאַר קיין שום קרבנות, קענען דינען די געשעענישן אין לאָדז, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פון אַ קליינער פאַרזאַמלונג אין וואַלד און געענדיקט מיט אַ באַריקאַדן קאַמף אין די גאַסן.

זונטיק, דעם 20־טן יוני, 1905, האָבן די פּוילישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטן געהאַט אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד. ווען די אַרבעטער זיינען צוריקגעקומען אין שטאָט און גענומען זיך פאַנאַנדערגיין, האָבן די אָנהענגער פון דער פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) אָנגע־

הויבן דעמאָנסטרירן אין די גאַסן. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען בונ־דיסטן און פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צוזאַמען ביי א טויזנט מענטשן. גלייך זיינען אָנגעקומען קאָזאַקן און אָן א וואָרנונג, גענומען שיסן אין דער מאַסע. די אַרבעטער, האָבן געענטפערט מיט שטיינער אויך מיט רעוואָלווער שאָסן. עס זיינען געטויט געוואָרן ניין אַרבע־טער און פינף זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. עס איז אויפן אָרט באַשטימט געוואָרן אויף דינסטיק דורכצופירן די לוויה פון די דער־הרגעטע.

די לוויה איז באַשטימט געוואָרן דורכצופירן פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט. מען האָט געזאָגט די אַרבעטער זיי זאָלן קומען זעקס פאַרנאַכט, אָבער די שטימונג צווישן די אַרבעטער איז געווען אַזאַ, אַז שוין צוויי בייטאָג האָבן טויזנטער געוואָרפן די אַרבעט. עס זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן די פאַבריקן און זאַוואָדן. טויזנטער יידן און קריסטן האָבן זיך געצויגן צום באַשטימטן פּלאַץ. עס זיינען ווידער אָנגעלאָפן קאָזאַקן, וועלכע האָבן געוואָרנט די אַרבעטער, אַז אויב זיי גייען זיך ניט פאַנאַנדער וועלן זיי שיסן, אָבער די אַרבעטער האָבן זיך ניט געלאָזן אָפּשרעקן.

די לוויה האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט פאַנאַנדערגעוויקלט שוואַר־צע און רויטע פאָנען. דער געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער אין פּויליש, רוסיש און יידיש מיט די רעוואָלוציאָנערע אויסגעשרייען האָבן פאַרהילכט די גאַסן. עס איז געגאַנגען א מאַסע פון פופציק טויזנט מענטשן. די טראַמווייען זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן. פון די באַלקאָנען און פענצטער האָבן טויזנטער באַגריסט די דעמאָנסטראַנטן.

אויפן בית־עולם זיינען געקומען אַזוי פיל מענטשן, אַז פיל האָבן געמוזט בלייבן אויף דער אַנדער זייט פון בית־עולם־אָפּצאַם. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס אין פאַרשיידענע טיילן פון בית־עולם. די שוואַרצע און רויטע פאָנען האָבן געפלאַטערט אין דער לופטן. די לופט האָט געקלונגען מיט רעוואָלוציאָנערע אויפרופן. אויף די קברים זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן בלומען־קראַנצן מיט רעוואָלו־ציאָנערע אויפשריפטן. שפּעט אין אָוונט האָט זיך די מאַסע אומגע־קערט אין שטאָט, זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער.

אויף מאָרגן, מיטוואָך, איז באַשטימט געוואָרן דורכצופירן די לוויה פון צוויי געהרגעטע יידישע אַרבעטער. ווען טויזנטער אַרבעטער יידן און קריסטן, זיינען געקומען צום שפּיטאָל, האָט מען אויסגע־

פונען, אַז די טויטע קערפּערס זיינען פון דאָרט שוין צוגענומען גע־וואָרן אין אַן אומבאַוואוסטן פּלאַץ.

גלייכצייטיק האָט מען זיך דערוואוסט, אַז צוויי פון די פריער־דיקע פאַרוואונדעטע זיינען געשטאָרבן פון די וואונדן, וואָס זיי האָבן געקראָגן. די אָרגאַניזאַציע האָט־באַשטימט אין אַ פּאָר טעג אַרום צו מאַכן די לוויה פאַר די צוויי געשטאָרבענע און האָט גערופן די אַר־בעטער דערווייל זיך פאַנאַנדערגיין.

די אַרבעטער זיינען זיך אָבער ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען. אַ גרו־פּע פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אַ רויטע פאָן. באַלד האָבן זיך באַוויזן פאָנען אויך פון די פּוילישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטן און פון „בונד". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דעמאָנסטראַציע פון אַ טויזנט אַרבעטער און בליץ־שנעל איז זי פאַרגרעסערט געוואָרן מיט צענדליקער טויזנטער. עס פלאַטערן רויטע פאָנען, עס מאַכן זיך צו די געשעפטן, עס שטעלן זיך אָפּ די טראַמווייען. די מאַסע פון די דעמאָנסטראַנטן גרייכט שוין הונדערט טויזנט. עס דעמאָנסטרירן אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער. די פענצטער, באַלקאָנען און דעכער פון די הייזער זיינען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. אויסרופן: „זאָל לעבן די רעוואָלוציע" און אַנדערע, פילן אָן די לופט, ביי דער באַגייסטערונג און מיטגעפיל פון די צושויער. קיין פּאָליציי זעט מען ניט — זיי האָבן זיך באַהאַלטן.

אָבער פּלוצלונג דערהערט זיך דאָס קנאַלן פון ביקסן. עס נעמען פאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע. אַ טייל דעמאָנסטראַנטן נעמט לויפן אין אַלע זייטן, אָבער מען קומט זיך ווידער צוזאַמען. די אַרבעטער ענטפערן דער פּאָליציי מיט רעוואָלווער־שאָסן. מען נעמט בויען באַ־ריקאַדן אויף די גאַסן...

פרייטיק, 25טן יוני, האָט דער לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" פאַר־שפּרייט אַ פּראָקלאַמאַציע אין וועלכער ער האָט גערופן די אַרבעטער צו אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן סטרייק. די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן אַגיטירט קעגן דעם סטרייק. די שטימונג און אויפרעגונג צווישן די אַרבעטער איז אָבער געווען אַזאַ, אַז די פאַבריקן, זאַוואָדן און קלע־נערע וואַרשטאַטן, סיי יידישע, סיי פּוילישע ווערן אָפּגעשטעלט. עס מאַכן זיך צו די געשעפטן, קראָמען, קאַפעס, רעסטאָראַנען. עס שטעלט זיך אָפּ דער טראַמוויי, מען ברעכט די גאַסן־לאַמטערנעס, מען צע־שטערט די בראָנפן־קראָמען, מען הויבט אָן בויען באַריקאַדן. פרויען

און קינדער העלפן אין דער אַרבעט. מען רייסט די שטיינער פון ברוק, מען זעגט אַרונטער די טעלעגראַפן און טעלעפאָן־סלופּעס, וועלכע מען נוצט פאַר די באַריקאַדן. דעם דראָט נוצט מען צו אָפּצאַמען די גאַסן.

די שלאַכט אין משך פון דעם אָוונט און דער גאַנצער נאַכט צווישן דער פּאָליציי, קאַזאַקן און סאָלדאַטן פון איין זייט, און די אַרבעטער פון דער אַנדערער איז געווען אַ בלוטיקע. די אַרבעטער האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. מען האָט געוואָרפן שטיינער, מען האָט געשאָסן פון רעוואָלווערן, פון ביקסן, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּנעמען ביי די סאָלדאַטן. מען האָט געשאָסן פון די דעכער, פון די באַריקאַדן, מען האָט אָפּגעגאָסן די קאַזאַקן מיט נאַפט, אין איין קאַזאַרמע האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע. פון די קאָזאַקן און סאָלדאַטן זיינען געהרגעט געוואָרן עטלעכע צענד־ליק, אַריינגערעכנט איניקע אָפיצירן. די צאָל פון די דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע אַרבעטער איז געווען איבער צוויי טויזנט.

די מער פאַרמעגלעכע עלעמענטן פון דער לאָדזער באַפעלקערונג האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ביי צוואַנציק טויזנט זיינען אַנטלאָפן. איניקע טעג נאָכדעם, האָט די שטאָט אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן, סיי אין די פאַבריקן, סיי אין האַנדל.

***

אין דעם דעמאָלסטדיקן רוסיש־פּוילן, אין וואַרשע, לאָדז און אַנדערע שטעט, זיינען דאַן געווען טעטיק הויפּטזעכלעך די פּוילישע סאָציאַליסטן (פּ.פּ.ס.), די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (פּ.ס.ד.), דער „בונד" און די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס.ס.).

די פּ.ס.ד. זיינען סיי אין טעאָריע און סיי אין דער פּראַקטישער אַרבעט געשטאַנען נאָענט צו די באָלשעוויקעס. די פּ.פּ.ס. אַלס אַן על־טערע רעוואָלוציאָנערע און גאַנץ נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי, האָט גע־האַט מער אָנהענגער צווישן די פּוילישע אַרבעטער. אַלס ענטפער אויף די לאָדזער געשעענישן, האָט דער „בונד" צוזאַמען מיט די פּ.ס.ד. אַרויסגעלאָזן אין וואַרשע פּראָקלאַמאַציעס אין יידיש און פּויליש, אויפפאָדערנדיק די וואַרשעווער אַרבעטער צו אַן אַלגעמיינעם סטרייק און צו אַ דעמאָנסטראַציע. מאָנטיק, דעם 26טן יוני האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן און וואַרשטאַטן, דערהויפּט אין די יידישע קוואַרטאַלן. אין די פּוילישע טיילן פון וואַרשע האָט זיך דער

סטרייק נישט איינגעגעבן, ווייל די פּ. פּ. ס. איז צו אים נישט צוגע־שטאַנען.

אין די יידישע קוואַרטאַלן האָבן די אַרבעטער גענומען בויען באַריקאַדן. די רעגירונג, האָט נאָך די געשעענישן אין לאָדז, גלייך אַריינגעשיקט אין די יידישע קוואַרטאַלן מאַסן מיליטער. די יידישע און אַ טייל פּוילישע אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַרביטערט אויף די באַריקאַדן, אָבער די צאַרישע סאָלדאַטן האָבן זיי איינגענומען איינע נאָך די אַנדערע.

אין ביאַליסטאָק איז אויף שבת פון 30־טן יולי באַשלאָסן גע־וואָרן אַן אַלגעמיינער אַרבעטער צוזאַמענקום אויף סוראַזשער גאַס, וואו ס'האָט זיך געפונען די אַרבעטער „בירזשע". איבער דער גאַנצער גאַס זיינען געווען צושטעלט סאָלדאַטן, סאָלדאַטן זיינען אויך געווען באַהאַלטן אין די הויפן. ווען עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן עטלעכע הונדערט אַרבעטער האָבן די סאָלדאַטן מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן זיי גענומען צעטרייבן. מען האָט דערביי באַמערקט אַז אַ סך סאָלדאַטן זיינען שיכור. ווען אַ טייל אַרבעטער האָט גענומען לויפן אונטער די קלעפּ פון די סאָלדאַטסקע ביקסן, האָט איין סאָלדאַט אויס־געשאָסן און טויטלעך פאַרוואונדעט אַן אַרבעטער. שפּעטער האָבן די צולאָפענע אַרבעטער זיך ווידער גענומען צוזאַמענקלייבן. ווידער זיינען געקומען סאָלדאַטן מיט אַן אָפיציר און אַ באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן אין זיי. פון דער באָמבע איז פאַרוואונדעט געוואָרן איין סאָל־דאַט און דערהרגעט און פאַרוואונדעט פיל אַרבעטער. צווישן די דער־הרגעטע זיינען געווען צוויי מיטגלידער פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד": גיטל זאַקהיים און אסתר ריסקינד, די לעצטע — אַ באַ־וואוסטע רעוואָלוציאָנערע טוערין. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן איז די באָמבע געוואָרפן געוואָרן פון אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן אין ביאַליסטאָק.

גלייך נאָך דער באָמבע האָבן די סאָלדאַטן אָנגעהויבן שיסן פון אַלע זייטן. מען האָט געשאָסן מענער, פרויען, אַלטע לייט און קינ־דער, מען האָט געשאָסן אין די וואוינונגען דורך די פענצטער. אַ פאָ־טער איז געגאַנגען זוכן זיינע קינדער, האָט מען אים דערשאָסן. אַן אַלטער ייד פון 65 יאָר, איז געגאַנגען פון שול און צוקומענדיק נאָענט צו זיין וואוינונג האָט אים אַ סאָלדאַט דערהרגעט. זיין זון, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה צוליב קראַנקהייט, האָט

דערזען דורכן פענצטער ווי מען שיסט אין זיין פאָטער און איז אַרויס־געלאָפן, האָט אים דער זעלבער סאָלדאַט אויך דערשאָסן.

דער דאָזיקער מיליטערישער פּאָגראָם איז געווען אָרגאַניזירט און צוגעגרייט פון פריער. די באַמבע איז געווען בלויז אַ פּאַסיקער אויס־רייד פאַר דעם. נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט אַן אָפיציר געזאָגט, אַז שבת וועט מען זיך אָפּרעכענען מיט די יידן. אויף מאָרגן זונטיק, זיינען אַלע קראָמען געווען פאַרמאַכט. אויף מאָנטיק האָט דער „בונד" צוזאַמען מיט דער פּ.ס.ד. גערופן אַן אַלגעמיינעם סטרייק.

צו דער לוויה פון די דערהרגעטע זיינען געקומען איבער צוואַנציק טויזנט מענטשן. פאַר אַזאַ שטאָט ווי ביאַליסטאָק, איז דאָס געווען זייער אַ גרויסע צאָל. די ארונות מיט די טויטע (38 אין צאָל) זיינען געווען באַדעקט מיט קראַנצן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

אסתר ריסקינד

דער טראַגישער טויט פון אסתר ריסקינד (עספיר) האָט אויף מיר געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אין ביאַליסטאָק וואוהין זי איז געקומען מיט אַ קורצער צייט איידער איך בין פון דאָרט אוועקגעפאָרן. אַ הויכע, שיינע ברונעט־קע מיט אַן אינטעליגענטן איינדרוקספולן פּנים, פול מיט רעוואָלו־ציאָנערער באַגייסטערונג, האָט זי געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק סיי אויף די טוער אין דער באַוועגונג, סיי אויף די אַרבעטער, צווישן וועל־כע זי האָט געאַרבעט.

זי האָט געשטאַמט פון דער ליאַדיער חסידישער „דינאַסטיע". צו 15 יאָר ווערט זי אַ כלה פאַר אַ חסיד. זי אַנטלויפט אָבער פון דער היים ווען עס דערנעענטערט זיך דער טאָג פון איר חתונה. זי קומט קיין כאַרקאָוו, לערנט זיך דאָרט אויס אַן אַרבעט, ווערט אַריינגעצויגן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. שפּעטער קומט זי קיין ביאַליסטאָק וואו זי וואַרפט זיך אַריין מיט דעם גאַנצן ברען פון איר ברויזנדן טעמפּעראַמענט אין דער אַרבעטער באַוועגונג. פון ביאַליסטאָק פאָרט זי קיין לאָדז, וואו זי ווערט אינגיכן אַרעסטירט און אוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ אין איר שטעטל. אינגיכן קומט זי אין וואַרשע און וואַרפט זיך ווידער אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זי ווייזט אויך אַרויס היפּשע ליטעראַרישע פעאיקייטן און הגם זי איז געווען זייער פאַרנומען, געפינט זי צייט צו באַטייליקן זיך אין די יונגע ליטעראַ־רישע קרייזן, וואָס האָבן זיך דאַן גרופּירט אַרום י. ל. פּרצן.

אין ווארשע איז זי ווידער ארעסטירט געוואָרן. נאָך אַ יאָר זיצן אין טורמע ווערט זי אַרויסגעשיקט אין סיביר. זי אַנטלויפֿט אָבער פֿון דאָרטן קיין אויסלאַנד. פֿילנדיק זיך פֿיזיש אָפּגעשוואַכט פֿון טור־מע־לעבן און סיביר, שטרענגט זי זיך אָן אויסצונוצן איר צייט אין אויסלאַנד צו שטודירן און לייענען.

די געשעענישן פֿון 9־טן יאַנואַר אין רוסלאַנד לאָזן איר ניט איינזיצן אין אויסלאַנד. זי קומט צוריק קיין ווילנע און גיט זיך אָפּ מיט איר גאַנצער ענערגיע דער דאָרטיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. זי מוז אָבער אינגיכן פֿון דאָרטן אַנטלויפֿן. קומט זי ווידער קיין ביאַליסטאָק. די באַדינגונגען אין ביאַליסטאָק זיינען דעמאָלט גע־ווען זייערע שווערע: דער ווילקיר פֿון דער פּאָליציי מיט דער הילף פֿון די סאָלדאַטן איז געווען שרעקלעך. די אַנאַרכיסטן האָבן מיט זייער טעראָר־פּראָפּאַגאַנדע דעזאָרגאַניזירט אַ טייל פֿון די אַרבעטער. עספּיר שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ פֿאַר קיין שום שוועריקייטן, זי אַר־בעט און קעמפֿט ביז די אַנאַרכיסטישע באָמבע מאַכט אַן ענדע צו איר יונגן ברויזנדן לעבן.

***

אין אָדעס, זיינען אין יוני 1905, פֿאָרגעקומען כסדרדיקע סטרייקס אין פֿאַרשיידענע אינדוסטריעס און דעמאָנסטראַציעס וועלכע האָבן זיך שטענדיק געענדיקט אין אַן אָפֿענעם גאַסן־קאַמף מיט די קאָזאַקן און פּאָליציי, אָפֿט מיט באַריקאַדן און ענדלעך מיט דעם באַרימטן אויפֿשטאַנד פֿון די מאַטראָסן אויף דער קריגס־שיף „פּאָטיאָמקין”.

ווי די פֿאַקטן וואָס איך האָב געבראַכט ווייזן, זיינען דעמאָלט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער דרייסט אַרויסגעטראָטן קעגן דער גאַנצער באַוואָפֿנטער מאַכט פֿון דער צאַרישער רעגירונג מיט כמעט ליידיקע הענט. זייער ווייניק פֿון זיי האָבן געהאַט רעוואָלווערן, דאָס איינציקע געווער, וואָס די אָרגאַניזאַציע, האָט צעטיילט צו אירע מיט־גלידער אין אַ זייער קליינער צאָל. דאָס הייסט ניט, אַז די רעוואָלו־ציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט פֿאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט צו באַוואָפֿענען די אַרבעטער. פֿאַרקערט עס איז געווען קלאָר, אַז וואָס מער געווער די אַרבעטער וועלן האָבן, אַלץ בעסער וועלן זיי קענען קעמפֿן קעגן דער צאַרישער רעגירונג. אָבער די לאַגע איז דאַן געווען אַזאַ, אַז ביים בעסטן ווילן איז פֿאַר די אָרגאַניזאַציעס געווען אומ־מעגלעך צו קריגן געווער אין אַ גרויסער צאָל. דאָס געווער וואָס מען

פלעגט אריינקריגן איז געקומען פון אויסלאַנד. מען פלעגט דאָס דאַרפן אומלעגאַל אַריבערפירן דעם גרענעץ. אויף צו קויפן די געווער אין אויסלאַנד און אַריבערפירן עס איבער דער גרענעץ האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך געלט. און קיין געלט איז ביי די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, נאַטירלעך, ניט געווען...

„בוליגינס דומע"

דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט געוויזן דער צאַרישער רעגירונג, אַז איר פונדאַמענט ברעכט זיך, אַז מיט יעדן טאָג ווערן די רעוואָלוציאָנערע כוחות שטאַרקער. אַז אַפילו גרויסע טיילן פון דער בורזשואַזיע זיינען שוין אויך קעגן איר. די צאַרישע רעגירונג האָט גענומען זוכן מיטלען ווי צו צעטיילן אירע קעגנער.

אין אויגוסט 1905, האָט דער צאַר אַרויסגעגעבן דעם באַוואוסטן דעקרעט וועגן צוזאַמענרופן אַ „גאָסודאַרסטווענע דומע" (אַ מין זייער באַגרענעצטן פּאַרלאַמענט), וועלכע איז אַריין אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען די „בוליגינשע דומע". פון די וואַלן צו דער דומע זיינען לכתחילה אויסגעשלאָסן געוואָרן אַלע אַרבעטער, כמעט אַלע פּויערים און דער גרעסטער טייל פון דער אינטעליגענץ און דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע. די דומע האָט אַגב געזאָלט האָבן ניט קיין געזעצגעבונג־רעכט נאָר בלויז באַראַטונג־רעכט.

אין סעפּטעמבער פון דעם זעלביקן יאָר איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטייען מיטן צוועק אויסצואַרבעטן אַ געמיינזאַמע טאַקטיק אין באַצוג צו „בוליגינס דומע".

אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען: די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, דער „בונד", די לעטישע ס.ד. פּאַרטיי, די ס.ד. פּאַרטיי פון פּוילן און ליטע און די רעוואָלוציאָנערע אוקראַאינער פּאַרטיי.

די קאָנפערענץ האָט זיך געאייניקט אויף אַ ריי רעזאָלוציעס ווי, למשל: צו פאַראייניקן אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן קעגן צאַריזם, צו באָיקאָטירן „בוליגינס דומע", און צו דערקלערן אַז נאָר אַ זיגרייכער אויפשטאַנד פון פאָלק, אָנגעפירט פון פּראָלעטאַריאַט, וועט מאַכן אַ סוף צו דער זעלבסטהערשאַפט און וועט באַשאַפן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

דער פּאָרשטייער פון די מענשעוויקעס האָט אויף דער באַראַטונג געשטימט קעגן די רעזאָלוציעס, ווייל די מענשעוויקעס זיינען שוין דעמאָלט געווען קעגן דער אָנפירנדיקער ראָליע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע.

אין אויגוסט, גלייך ווי עס איז באַוואוסט געוואָרן דער פּלאַן פון „בוליגינס דומע", האָבן מיר אָפּגעדרוקט אין אונדזער דרוקעריי אַ פּראָקלאַמאַציע וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „בלויז אַן אַלגעמיינער פאָלקס־אויפשטאַנד וועט פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג מיט איר כלומרשט־געשאָנקענער דומע". „זאָל לעבן די רעוואָלוציע!" „נידער מיט דער דומע!" „זאָל לעבן די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג!" „זאָל לעבן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!" זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!"

די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע (די אָקטאָבער טעג)

אין האַרבסט 1905, האָט דער „בונד" זיך גענומען גרייטן צו זיין זעקסטן צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אָקטאָבער אין ציריך, שווייץ. די צוויי צענטראַלע דרוקערייען אין וואַרשע האָבן געדאַרפט שיקן דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר אַלס פאַרטרעטער פון „טעכנישן" אַפּאַראַט. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון דער ערשטער דרוקעריי און איסער דראַפּקין — פון דער צווייטער דרוקעריי.

פאָרן צו אַ צוזאַמענפאָר אין יענע יאָרן איז פאַר יעדן רעוואָלוציאָנער געווען אַ גרויסע געשעעניש. נאָך מער איז דאָס געווען פאַר איינעם, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אַ לאַנגע צייט אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי. אַ צוזאַמענפאָר האָט זיך געוויינלעך געצויגן אַ פּאָר וואָכן, מען האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט דער פירערשאַפט פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, פון צענטראַל־קאָמיטעט ביז די טוער פון אַלע שטעט און געגנטן, וואו עס זיינען געפירט געוואָרן רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. מען האָט געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די טוער פערזענלעך. ביי מיר איז נאָך געווען פריש אין זכרון מיין אָנטייל אַלס דעלעגאַט פון ווילנע אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין דער זעלבער שטאָט ציריך. איך האָב זיך דעריבער געגרייט, לויט דער דערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט פון יענעם צוזאַמענפאָר, צו געניסן פון דעם זעקסטן נאָך מער ווי פון פינפטן.

איך און איסער האָבן אָפּגעלייגט אונדזער פאָרן ביז דער סאַמע לעצטער מינוט, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוזעהן אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט אין דרוק. מיר האָבן געזאָלט פאָרן צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון װאַרשע, װעלכע האָבן אױך אָפּגעלייגט זייער פאָרן, ביזן לעצטן מאָמענט. אָבער גראָד אין דעם פרימאָרגן ווען מיר זיינען שוין געווען גרייט צום פאָרן צו דער גרענעץ און דאָרט אומלעגאַל אַריבערגיין אין אויסלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן דער היסטאָרישער אַלגעמיינער אָקטאָבער־סטרייק פון 1905.

עס האָבן זיך גלייך אָפּגעשטעלט אַלע אייזנבאַנען. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער טעלעגראַף. עס האָבן אויפגעהערט אַרבעטן די פאַבריקן, זאַוואָדן. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער האַנדל. אין פעטערבורג, מאָסקווע (און אין אייניקע אַנדערע שטעט) זיינען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע „סאָוועטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן". בלויז טעלעגראַמעס פונם „אַרבעטער־סאָוויעט" וועגן דער פאַרשפּרייטונג און פאַרשטאַרקונג פון אַלגעמיינעם סטרייק, זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך די טעלעגראַף־אַרבעטער צום אַריבערשיקן.

דער אימפּעט און דער בליץ־שנעלקייט מיט װעלכער דער אַלגעמיינער סטרייק האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז געווען אַן איבעראַשונג אפילו פאַר די פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַ רייע אָפענע קאַמפן מיט דער צאַרישער פאָליציי זיינען שוין פריער פאָרגעקומען. אין יענע קאַמפן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, און האָבן זיך געענדיקט, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, מיט באַריקאַדן־קאַמפן, אָבער אַן אַלגעמיינעם סטרייק איבער גאַנץ רוסלאַנד אין אַזאַ פאַרנעם האָט קיינער ניט דערוואַרט אַזוי שנעל.

אויף וויפיל די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז געגאַנגען שנעלער ווי די פירער האָבן פאָראויסגעזען קען ווייזן דער פאַקט, וואָס כמעט דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" מיט דעם גרעסטן טייל וויכטיקע בונדישע פירער פון די שטעט זיינען שוין געווען אין צוריך, גראָד ווען דער אַלגעמיינער סטרייק האָט אויסגעבראָכן.

פון די פאַקטן וואָס איך האָב פריער דערמאָנט איז צו זען, אַז די גרויסע געשעענישן ווי אין לאָדז, וואַרשע, אָדעס און אַנדערע שטעט, האָבן זיך אָפט אָנגעהויבן פון קליינע צוזאַמענשטויסן און האָבן זיך געענדיקט מיט באַריקאַדן קאַמפן. אָבער די אַלע געשעענישן זיינען

פאַרגעקומען, מיט קליינע אויסנאַמען, דערהויפּט צווישן די יידישע, פּוילישע, לעטישע, גרוזינישע און אַנדערע אַרבעטער. די מיליאָניקע מאַסע פון די רוסישע אַרבעטער אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אַנדערע אינדוסטריעלע צענטרען, האָבן מיר גערעכנט, איז פּאָליטיש נאָך ניט גרייט צו אַ רעוואָלוציע. מיר האָבן אַלע מאָל גערעדט צווישן זיך, אַז דער רוסישער אַרבעטער איז נאָך שטאַרק „הינטערשטעליק" אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטער פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דעריבער איז דער גראַנדיעזער אַלגעמיינער סטרייק, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן גראַד אין פּעטערבורג, מאָסקווע און האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין די אַנדערע אינדוסטריעלע צענטרען, וואו עס זיינען געווען קאָנצענטרירט רוסישע אַרבעטער, געווען אַזאַ איבעראַשונג פאַר אונדז, הגם זי האָט אונדז, נאַטירלעך, שטאַרק דערפרייט.

גלייך ווי די נייס פון דעם אַלגעמיינעם סטרייק איז אָנגעקומען אין וואַרשע האָבן אַלע אַרבעטער געוואָרפן די אַרבעט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציעס מיטן אָנטייל פון צענדליקער טויזנטער פּוילישע און יידישע אַרבעטער.

איך בין געווען אין גאַס ווען איינע אַזאַ דעמאָנסטראַציע האָט מיך אַריינגעצויגן. דאָס בילד איז געווען גראַנדיעז, צענדליקער טויזנטער אַרבעטער זיינען געגאַנגען אין געשלאָסענע רייען, מיט הונדערטער פאָנען פאַראויס. די לופט האָט געהילכט מיט דעם געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער, מיט דעם אויסגעשריי פון רעוואָלוציאָנערע אויפרופן פון אַלט און יונג, יידן און פּאָליאַקן. דאָס איז מען געגאַנגען צום „פּאַוויאַק" — אַ טורמע, וואו עס זיינען געזעסן פיל פּאָליטישע אַרעסטירטע — צו באַפרייען זיי. פּלוצלונג דערהערט מען זאַלפן פון ביקסן. קאַזאַקן האָבן גענומען שיסן אין דער מאַסע. עס פאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע. אָבער דער עולם לויפט ניט. די פאָדערשטע רייען לעגן זיך אויס, אָדער בויגן זיך איין צו דער ערד, די קוילן זאָלן זיי ניט טרעפן. ווען דאָס שיסן הערט אויף, ציט זיך די דעמאָנסטראַציע ווייטער אין דער ריכטונג פון פּאַוויאַק. אַזאַ בילד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט גאַנץ וואַרשע. די גאַסן זיינען געווען פול מיט אַרבעטער, וואָס שרעקן זיך שוין ניט פאַר די קאַזאַקן, פאַר דער באַוואָפנטער מאַכט וואָס מען שיקט אַרויס קעגן זיי.

איך האָב יענעם טאָג געדאַרפט דורכגיין מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. עס גייט אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער. ניט קיין גרויסע. עס לויפן

אַן אַנטקעגן קאַזאַקן אויף פערד. אַ טייל פון דער מאַסע דרייט זיך אַריין אין אַן אַנדער גאַס, אַ טייל — אין די אָפענע טויערן פון די הויפן. איך בין אויך אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַ טויער, אָבער איך קען דאָרט לאַנג ניט שטיין, ווייל איך אייל זיך קומען וואָס שנעלער אין דעם פּלאַץ וואוהין איך גיי. איך בין ווידער אין גאַס. מיר גיט זיך איין צוצוגיין כמעט צום פּלאַץ, וואו איך דאַרף זיין. פּלוצלונג לויפן ווידער אָן די קאַזאַקן. זיי דריקן מיך און נאָך אַ פּאָר אַרבעטער מיט זייערע פערד אויפן טראָטואַר, די פּיקעס אויסגעשטרעקט אין זייערע הענט, די געזיכטער ווילד. איך פיל אַז אָט אָט און אַ פּיקע גייט אַריין אין מיין קערפּער. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ געזאַנג פון דעמאָנסטראַנטן אין צווייטן עק גאַס. די קאַזאַקן גיבן זיך אַ לאָז אַהין. איך נוץ אויס די געלעגנהייט און גיי וואָס שנעלער אַוועק וואוהין איך דאַרף. אַזעלכע בילדער האָט מען דעמאָלט געזען אין אַלע גאַסן.

דער צאַרישער מאַניפעסט פון 17־טן אָקטאָבער

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָבן אָנגענומען אַזאַ מאַסן־כאַראַקטער, אַז די רעגירונג האָט דערפילט אַז איר עקזיסטענץ איז אין געפאַר. דעם 17־טן אָקטאָבער האָט צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער, אַרויסגעגעבן דעם „באַוואוסטן" אָקטאָבער־מאַניפעסט אין וועלכן עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן: פרייהייט פון געוויסן, פרייהייט פון ריידן, פרייהייט צו פאַרזאַמלען זיך, פרייהייט פון פאַראיינען, די אומבאַריר־לעכקייט פון בירגער. אין מאַניפעסט איז אויך צוגעזאָגט געוואָרן אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע „פּאָליטישע פאַרברעכער", און דער צוזאַמענרוף פון אַ „דומע" (פּאַרלאַמענט) וואָס וועט האָבן דאָס רעכט אָנצונעמען געזעצן. וואַל־רעכט וועט געגעבן ווערן צו אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג.

די ערשטע פרייד, דער ענטוזיאַזם פון דער באַפעלקערונג איז געווען זייער גרויס. מען האָט געוואָלט גלויבן, אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט, אַז צו דער צאַרישער זעלבסטהערשונג איז שוין געקומען אַ סוף. אין יעדער שטאָט און שטעטל וואו נאָר די באַפעלקערונג האָט דערהערט וועגן „מאַניפעסט" איז מען אַרויס אין די גאַסן פרייען זיך מיטן זיג.

אין די דעמאָנסטראַציעס און די פאַרזאַמלונגען האָבן אָנטייל גענומען מענטשן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אָבער זייער

שנעל איז געקומען די אויסניכטערונג צו די אַלע וועלכע זיינען געווען פאַרשיכורט מיט פרייד פון צאַרישן „מאַניפעסט". אַנשטאַט דער צו־געזאָגטער אַלגעמיינער אַמנעסטיע איז מיט פיר טעג שפּעטער, דעם 21־טן אָקטאָבער, געגעבן געוואָרן נאָר אַ טיילווייזע אַמנעסטיע פאַר מינדערוויכטיקע „פּאָליטישע" פאַרברעכער. אָבער גלייכצייטיק האָט די פּאָליציי מיט דער הילף פון דער אַרמיי און קאַזאַקן אָרגאַניזירט בלו־טיקע אַטאַקעס אויף די דעמאָנסטראַנטן. און אין 700 שטעט און שטעטלעך וואו יידן האָבן געהאַט אַ רעכט צו וואוינען, האָט די צאַ־רישע רעגירונג אָרגאַניזירט פּאָליצייאישע פּאָגראָמען, אין וועלכע טויזנטער יידן זיינען געטויט און פאַרוואונדעט געוואָרן.

די פּאָגראָמען זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון דעם פּעטערבורגער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט: זיינער אַ באַאַמטער, אַ געוויסער קאָמיסאַראָוו, האָט אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט געדרוקט פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס און זיי פאַנאַנדערגעשיקט אין די אַנדערע שטעט. עס איז שנעל באַ־וואוסט געוואָרן זיינע אַ באַרימעריי, אַז „מיר קאָנען אָרגאַניזירן צו יעדער צייט אַ פּאָגראָם אויף צען און אויף צען טויזנט"...

אַלס כאַראַקטעריסטיק ווי די באַפעלקערונג האָט אָפּגעשאַצט דעם אָקטאָבער מאַניפעסט קען דינען די פאָלקס־לידל, וואָס איז דאַן אַרומ־געגאַנגען: „צאַר ניקאָלאַי גיט אַרויס אַ מאַניפעסט: פרייהייט צו טויטע, פאַר לעבעדיקע אַרעסט". (צאַר ניקאָלאַי איזדאַל מאַניפעסט: „מיאָרטווים סוואָבאָדאַ, זשיווים פּאָד אַרעסט").

די בלוט באָד אין מינסק

ווי אומעטום, איז אויך די מינסקער באַפעלקערונג נאָכן אָק־טאָבער מאַניפעסט אַרויס אין אַ פריידיקער גאַסן־דעמאָנסטראַציע. עס איז געווען אַרום צוויי אַזייגער נאָך מיטאָג. דער טומל פון דער דעמאָנסטראַציע האָט זיך דערהערט אין דעם שאַפּ וואו מיין פרוים שוועסטער, באַשע, האָט געאַרבעט. זי איז גלייך אַרויסגעלאָפן אין גאַס. זי הערט דאָרט אַ רוף אַז מען זאָל גיין אַראָפּנעמען די אַרבעטער וואָס אַרבעטן אין די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן ביים וואָקזאַל.

ווען די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך דערנעענטערט צו דער באַן־סטאַנציע זיינען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון פּאָליציי און מיליטער. פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט זאַלפּן פון ביקסן. עס האָבן געגומען פאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע.

צווישן די טויטע איז געווען אַ יונגע מיידל, די טאָכטער פון מיין פרוים אַן אָנקל. באַשען האָט אַ קויל דורכגעלעכערט די האַנט, זי האָט ניט געפילט אַז זי איז פאַרוואונדעט ביז זי האָט דערזען איר מאַנטל איז דורכגעווייקט אין בלוט.

מען נעמט זי אין יידישן שפּיטאָל, וועלכער איז געווען אַזוי אָנגעפילט מיט טויטע און פאַרוואונדעטע, אַז ס'איז שוין מער ניט געווען קיין פּלאַץ. גוטע פריינט אירע האָבן זי גענומען צו זיך אַהיים, אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר. צוויי וואָכן איז זי געלעגן אין הויז און איר צושטאַנד האָט גענומען ווערן ערגער. מאַריע יאַקאָוולעוונאַ פּרומקינאַ (אסתר), דעמאָלט אַ באַוואוסטע בונדיסטקע אין מינסק, העלפט מען זאָל איר אַריינגעמען אין קריסטלעכן שפּיטאָל אויף טורעצקער גאַס. אין שפּיטאָל האָבן די דאָקטוירים געזאָגט, אַז מען מוז גלייך מאַכן אַן אָפּעראַציע און אָפּשניידן די פינגער ווען ניט ריזיקירט מען מיט דער גאַנצער האַנט.

זעקס וואָכן איז באַשע אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל. מיר האָבן באַשטימט אַז גלייך ווי זי וועט אַרויס פון שפּיטאָל זאָל זי קומען צו אונדז אין וואַרשע. אַ קורצע צייט נאָך איר קומען צו אונדז, האָט מען אין מיטן נאַכט גענומען שטאַרק קלינגען אין טיר. ווען מיר האָבן געעפנט האָבן זיך אַריינגעלאָזן זשאַנדאַרמען, פּאָליציי און אויך סאָלדאַטן. זיי האָבן געמאַכט אַ גרינדלעכע אונטערזוכונג אָבער זיי האָבן קיין זאַך ניט געפונען וואָס זאָל ווייזן אַז דאָ וואוינען רעוואָלוציאָנערן. ביי אונדז האָט דעמאָלט אויך געוואוינט ביינעש מיכאַלעוויטש מיט זיין פרוי ראָזע, (ער איז שפּעטער געווען אַ באַוואוסטער זשורנאַליסט און אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד”).

ערשט מיט אַ פּאָר טעג פאַר דעם האָט ער זיך אַריינגעקליבן צו אונדז, כדי איבערצונעמען אונדזער דירה. כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אַז מיר קענען זיך, האָט ער געדונגען די דירה פון באַלעבאָס פון הויז, און איך האָב געזאָגט דעם אייגנטימער אַז איך שטים איין ער זאָל זיך אַריבערקלייבן צו אונדז ביז מיר וועלן אַוועקפאָרן.

מיר זיינען געווען זיכער, אַז מען איז געקומען אַרעסטירן אָדער מיך, אָדער מיכאַלעוויטשן. ווי איבערראַשט זיינען מיר אַלע געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען אַז זיי האָבן גאָר אַרעסטירט באַשען.

דעמאָלט איז פאַר אונדז די גאַנצע געשיכטע פון דער אונטערזוכונג מיט באַשעס אַרעסט געווען אַ רעטעניש, וועלכע איז ערשט

טיילווייז קלאָר געוואָרן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען מען האָט זיך דערוואוסט אַז ישראל מיכל קאַפּלינסקי איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

באַשען האָט די פּאָליציי אוועקגענומען אין „פּאַוויאַק" — אַ טורמע אין וואַרשע. דעם ערשטן טאָג, ווען מיר זיינען זי געקומען זען, האָט מען קיינעם ניט צוגעלאָזן צו איר. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז זיי האַלטן זי פאַר אַ זייער וויכטיקער פּאָליטישער פּערזאָן. אָבער דער סוף איז געווען אַזוי אומדערוואַרטעט, ווי עס איז געווען איר אַרעסט: נאָך דריי טעג זיצן האָבן זיי זי אַרויסגעלאָזן.

מיר האָבן באַשלאָסן אַז עס וועט זיין פּאַר באַשען פּאָליטיש „געזינטער" ווען זי וועט אַוועקפאָרן. וואַרשע איז דאַן געווען אונטער קריגס־צושטאַנד און מען איז קיין מאָל ניט געווען זיכער וואָס עס וועט ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג.

צו באַגלייטן באַשען צום וואָקזאַל, זיינען מיט איר מיטגעפאָרן נח דער רימער (כאַזאַנאָוויטש) הילל דער שטעפּער, איסאַק מאַסלאָוו און ראָזע. אויפן וועג צו דער באַן־סטאַנציע זיינען זיי אַלע אַרעסטירט און אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאָליציי־צירקל. ראָזען האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אין פּאָליציי־צירקל האָט מען זיי אָבער אונטערזוכט די פּאַספּאָרטן און ווידער אַרויסגעלאָזן.

די אַרבעטער ענטפערן מיט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד

די אָקטאָבער־געשעענישן און די מאַכט וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער בורזשואַזיע. גרויסע טיילן פון איר גייען גלייך איבער אויף דער זייט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. די צאַרישע רעגירונג האָט ברוטאַל גענומען אונטער־דריקן יעדן ווידערשטאַנד פון די פּויערים אין די דערפער און פון די אַרבעטער אין די שטעט: זי האָט דערקלערט קריגס־צושטאַנד אין פיל גובערניעס. זי האָט אַרויסגעגעבן דעם באַוואוסטן באַפעל צו אירע הענקער־גענעראַלן: „ניט נעמען קיין געפאַנגענע און ניט שפּאָרן קיין קוילן". די לעגאַלע אַרבעטער צייטונגען זיינען צוגעמאַכט גע־וואָרן. דער פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט (סאָוועט) ווערט אַרעסטירט.

אַלס ענטפער אויף דעם האָט דער מאָסקווער אַרבעטער־סאָוועט באַשלאָסן צו רופן אַן אַלגעמיינעם סטרייק. דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן דעם 7־טן דעצעמבער. מיט צוויי טעג שפּעטער איז דער פּאָליטישער סטרייק אַריבער אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די האָ־

פענונג אריבערצוטראָגן דעם אויפשטאַנד איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. פעטערבורג איז נאָך ניט געווען גרייט. די מאָסקווער אַרבעטער האָבן געהאָפט אַז אַ גרויסער טייל פון מאָסקווער מיליטער וועט צושטיין צום אויפשטאַנד, אָבער די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַלטן די מאָסקווער „ניט זיכערע" סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס און האָט געבראַכט מיליטער פון אַנדערע טיילן לאַנד, וועגן וועלכע זי איז געווען זיכער, אַז זי קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

ניין טעג האָבן די שלעכט באַוואָפנטע מאָסקווער אַרבעטער, אונטער דער באָלשעוויסטישער אָנפירונג, געפירט אַ העלדישן באַריקאַדן־קאַמף קעגן דעם גוט־באַוואָפנטן צאַרישן מיליטער, וואָס האָט אַפילו גענוצט אַרטילעריע, כדי איינצונעמען די באַריקאַדן פון די אַרבעטער.

דערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט ביים אונטערדריקן דעם מאָסקווער אויפשטאַנד דער סעמיאָנאָווער גוואַרדיע־רעגימענט, געבראַכט פון פעטערבורג, אין שפּיץ מיט גענעראַל מ א ן, וועלכער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אויך דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דובאַסאָוו, האָט זיך „אויסגעצייכנט" אין דערטרינקען דעם אויפשטאַנד אין בלוט.

שפּעטער האָט זיך דער אויפשטאַנד אַריבערגעטראָגן אויך אין אַנדערע טיילן פון לאַנד: אין סיביר, דרום רוסלאַנד, קאַווקאַז און לאַטוויע, אָבער שוין צו שפּעט צו העלפן די מאָסקווער אַרבעטער.

די אַרבעטער אין פינלאַנד אָרגאַניזירן אַ „רויטע גוואַרדיע" און הויבן אויף אַן אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער רעגירונג. דער דעצעמבער־אויפשטאַנד אין מאָסקווע און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד איז אָבער דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. טויזנטער אַרבעטער און אינטעליגענטן זיינען דערשאָסן געוואָרן, אויפגעהאַנגען און פאַרוואונדעט געוואָרן.

פון נאָוועמבער 1905, ביז אַפּריל 1906, האָט די צאַרישע רעגירונג אַרעסטירט און פאַרשיקט 70 טויזנט „פּאָליטישע". דערהויפּט האָבן די צאַרישע הענקער אַרויסגעוויזן זייער ברוטאַלקייט אויף די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: אין די „יידישע" שטעט, אין באַלטישן געגנט, אויף קאַווקאַז און אַז. וו. דער מאָסקווער אויפשטאַנד האָט אַרויסגערופן שאַרפע חלוקי־דעות אין די סאָציאַליסטישע רייען.

די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט שוין גענומען

אָפּקערן פון דער רעוואָלוציע, האָבן געהאַלטן אַז דער באוואָפנטער אויפשטאַנד איז געווען ניט נויטיק און שעדלעך, אַז מען האָט גע־קענט זיין דערפאָלגרייך, ניט מיט די מעטאָדן פון באוואָפנטן אויפ־שטאַנד, נאָר מיט פרידלעכע מיטלען. אַמבעסטן איז די מענשעוויסטי־שע שטעלונג אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם באוואוסטן זאַץ פון דעם מענשעוויסטישן פירער, פּלעכאַנאָווס אַן אַרטיקל: „מען האָט זיך ניט געדאַרפט נעמען צום געווער".

די שטעלונג פון די באָלשעוויקעס האָט זיך אַמבעסטן אויסגע־דריקט אין דעם ענטפער וואָס לענין האָט געגעבן פּלעכאַנאָוון: „פאַר־קערט, מען האָט זיך געדאַרפט נעמען צום געווער נאָך מער אַנטשלאָסן, ענערגישער און מער אַגרעסיוו. מיר האָבן געדאַרפט מער אויפקלערן די מאַסן, אַז עס איז אוממעגלעך צו האַלטן זיך אין די ראַמען פון אַ פרידלעכן סטרייק און אַז אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער, אומדערשראָ־קענער באוואָפנטער קאַמף איז געווען נויטווענדיק".

דער אמת איז, אַז דער מאָסקווער אויפשטאַנד האָט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז בלוטיק אונטערדריקט געוואָרן, אַרויסגערופן האָפענונג און פרייד אין אַלע שטעט און שטעטלעך וואו עס האָבן געלעבט און אַזוי העלדיש געקעמפט יידישע, פּוילישע און אַנדערע אַרבעטער. מען האָט אומעטום געהאָפט אַז דאָס איז ערשט דער אָנ־הויב פון אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער צאַרישער רעגירונג.

מיר מאַכן צו די אומלעגאַלע דרוקערייען

די צאַרישע רעגירונג האָט מיט איר גאַנצער בלוטיקער אונטער־דריקונג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע דאָך ניט געקענט גלייך אומ־קערן זיך צו דעם אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט פאַר די אָקטאָבער־טעג. אפילו די בורזשואזיע און די טיילן פון די „ליבעראַלן" וואָס זיינען אַרויס קעגן דער רעוואָלוציע, וואָלטן אויף דעם ניט איינגע־שטימט. דעריבער האָט די רעגירונג געמוזט האַלטן דערווייל איר צו־זאָג פון צוזאַמענרופן די „דומע" און דערלויבן אַ וואַל־קאַמפּאַניע. עס איז אויך דערלויבט געוואָרן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען. די צענזור אויף ביכער און צייטונגען איז פאַר־לייכטערט געוואָרן.

עס האָט זיך אויך געפילט אַן ענדערונג אין באַצוג צו דער יידי־שער שפּראַך. פאַר דעם „מאַניפעסט" איז געווען זייער שווער צו קריגן

א דערלויבעניש ארויסצוגעבן א יידישע צייטונג, א סאָציאַליסטישע — אוודאי ניט. איצט איז דאָס געוואָרן מעגלעך. די פאָדערונג, די נויטיקייט פון אזא צייטונג איז געוואָרן זייער דרינגענדיק. די אַקטאָבער רעוואָלוציע האָט אריינגעצויגן ברייטע מאַסן אין דער באַוועגונג. מען האָט געדאַרפט די מאַסן געבן אַן ענטפער, קלאָר מאַכן די שטעלונג צו דער דומע, און צו אַנדערע נייע פּאָליטישע פראַגן.

דער „בונד" האָט גענומען זייער ענערגיש אַרבעטן ארויסצוגעבן א לעגאַלע צייטונג. דאָס איז דעמאָלט געווען א ריזיקע אויפגאַבע, סיי פינאַנציעל, סיי טעכניש. אָבער דעם 25־טן דעצעמבער 1905, איז שוין אַרויס דער ערשטער נומער פון דער לעגאַלער צייטונג „דער וועקער", אין 45 טויזנט קאָפּיעס, געדרוקט אין ווילנע אין ראָמס דרוקעריי.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אונטער די נייע באַדינגונגען איז באַשלאָסן געוואָרן צוצומאַכן די געהיימע דרוקערייען. מיר האָבן נאָך אָפּגעדרוקט דעם לעצטן נומער פון דעם אומלעגאַלן זשורנאַל „דער בונד" נומער 12 אין 30 טויזנט עקזעמפּליאַרן אין א גרויסער לעגאַלער דרוקעריי אין וואַרשע. מיר האָבן פאַרפאַקט די אומלעגאַלע דרוקמאַשינען און מיט דער הילף פון דער טאָכטער פון א רייכן פאַבריקאַנט — אויף וויפיל איך געדענק איז זייער פאַמיליע־נאָמען געווען בריל — האָט מען זיי באַהאַלטן אין איר פאָטערס פאַבריק.

איך האָב אָפּגעאַרבעט אין די אומלעגאַלע דרוקערייען איבער 5 יאָר. איך בין אַריין אין דער ווילנער דרוקעריי סוף 1899 און אַרויס פון דער וואַרשעווער — סוף 1905. מיט אַן איבעררייס פון איין יאָר אַרבעט אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע.

מיר האָט זיך איינגעגעבן אויסצוהאַלטן לענגער, ווי ווער ניט איז פון די, וואָס האָבן געאַרבעט אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי. אָבער ס'איז ניט געווען קיין גרינגע זאַך. איך בין אַריין אין דער אַרבעט מיט א קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר, און אַרויס בין איך מיט טיילוויִיז ווייסע, ערטערווייז אויסגעקראָכענע. דאָס איז געקומען פון שווערער, און דערהויפּט אָנגעשטרענגטער אַרבעט. די אָנשטרענגונג איז געווען מער א גייסטיקע ווי א פיזישע. עס איז ניט געווען אזוי די מורא פון אַרעסטירט צו ווערן און פאַרשיקט ווערן אין סיביר, אויף קאַטאָרגע־אַרבעט; די וועלכע האָבן מורא געהאַט זיינען ניט געגאַנגען אַרבעטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי. די אָנשטרענגונג איז געקומען

פון דעם שטענדיקן דאַרפן זיין אויף דער וואך, היטן יעדן טראָט, כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף דער דרוקעריי.

חוץ די וואַרשעווער צענטראַלע געהיימע דרוקערייען, זיינען גע־ווען אויך איינציקע געגנטלעכע. איך האָב שוין דערמאָנט די ווילנער דרוקעריי. עס זיינען אויך געווען דרוקערייען אין מינסק, דווינסק און בערדיטשעוו.

אין דער מינסקער דרוקעריי האָבן געאַרבעט וואָלאָדיע אַמסטער־דאַם, ליזע אַמסטערדאַמס א שוואָגער; ליובא, א דווינסקער מיידל;

באָריס קאַפּלאַן

יאָכע — וועלכע איז געווען א פאַרמיטלערין און איז שפּעטער גע־וואָרן וואָלאָדיעס פרוי; און באָריס קאַפּלאַן, שפּעטער מיין שוואָגער. די דרוקעריי האָט זיך געפונען אויף טאַטערשער גאַס. מיר איז אויס־געקומען צו באַזוכן די דרוקעריי און עס האָט אויף מיר געמאַכט זייער א גוטן איינדרוק זייער האַרמאָנישער צוזאַמענלעבן.

וועגן דער מינסקער געהיימער דרוקעריי דערמאָנט זיך מיר א פּאַסירונג, אין דער צייט פון איינאָרדענען זי: אַלץ איז שוין געווען גרייט אַריינצוקלייבן זיך אין דער וואוינונג. האָט אויסגעבראָכן א פייער אין דער הויז, וואו עס איז געווען אָנגעגרייט די שריפט, די מאַשין און אַנדערע נויטיקע זאַכן וואָס מען האָט געדאַרפט אַריבער־פירן אין דער וואוינונג. עס איז געווען א צווייענדיקע געפאַר: ערשטנס, אַז די פייערלייט זאָלן דערזען די שריפט און די מאַשין און איבערגעבן וועגן דעם דער פּאָליציי, צווייטנס, וואָלט געגאַנגען פאַרלאָרן אַזוי

פיל אָנגעשטרענגטע אַרבעט, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט ביז מען האָט אַלץ צוזאַמענגעקליבן.

בליץ־שנעל האָט מען אָבער געלאָזט וויסן אַ גרופּע חברים, וועל־כע זיינען געקומען פאַר די פייערלעשער און האָבן אַלץ אַרויסגעראַ־טעוועט.

אין בערדיטשעווער דרוקעריי האָט אין די יאָרן 1903-4, געאַרבעט ליובאַ קרענצל. אין דער דרוקעריי איז איר אומלעגאַלער נאָמען גע־ווען סאָניע האַלפּערן (איצט איז זי אין ניו יאָרק — אויערבאַך־לעווין). מיט איר האָט געאַרבעט געצל געלפאַנד אויך ליאָווע דער דרוקער (גרישע זילבערדיק, געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין פּאַריז אין 1911).

ליובא קרענצל (ליובאַ אויערבאַך-לעווין)

ווי ליובאַ גיט איבער, איז דער בערדיטשעווער דרוק געווען אין אַ הויז וואָס איז געווען פאַררוקט טיף אין הויף. פאַר דעם באַלעבאָס פון הויז און די שכנים זיינען זיי געווען אַ יונגע פּאָר פאָלק, און ליובאַ באַשעפטיקט זיך מיט־שטריקן. עס איז טאַקע דאָרט געווען אַ מאַשינקע צו שטריקן און אין פענצטער זיינען געהאַנגען מוסטערן פון איר שטרי־קער־אַרבעט. זיי האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט יונה קאַיגען, אַ מיט־גליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד", וואָס איז דעמאָלט געווען טעטיק אין דרום רוסלאַנד. יונהס פרוי, דאָראַ, איז געווען די פאַר־מיטלערין פון דער דרוקעריי.

דער איינציקער אינצידענט וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט וואָס ליובאַ איז דאָרט געווען, איז דער פאָלגנדער: זיי האָבן איין

מאָל אין מיטן נאַכט, דערהערט אַ קלינגעריי און אַ טומל, און וועלכן עס האָבן זיך געהערט פּאָליצייאישע שטימען. זיי האָבן געמיינט, אַז מען קומט צו זיי אין דרוקעריי. אויף שנעל האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אַלץ פון דער דרוקעריי אין אַ גרוב וואָס זיי האָבן געהאַט צוגעגרייט אין זייער קלאַדאָווקע (פּענטרי) און פאַרדעקט עס מיט האָלץ. די קלינ־געריי און טומל אין הויף האָט זיך דערווייל איינגעשטילט.

אויף מאָרגן האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז דער טומל איז געווען צוליב דעם, וואָס ביים רוסישן צאַר איז געבאָרן געוואָרן אַ „צאַרעוויטש" און מען איז געקומען אָנזאָגן אַלעמען אַרויסצוהענגען די „פלאַגן" (פאָנען) צו דער געלעגנהייט.

אין דער דווינסקער געהיימער דרוקעריי האָבן געאַרבעט אָרע פיינבערג און לאַהקע בערקאָוויטש, אַ מינסקער מיידל, שפּעטער פיינ־בערגס פרוי. אָרע פיינבערג איז איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס. לאַהקע איז דאָרט געשטאָרבן. ווי איך האָב געהערט, האָבן אין דער דרוקעריי אויך געאַרבעט אַלטער דער שוסטער פון בערדיטשעוו מיט זיין פרוי אסתר וויינפעלד (שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע).

דרוקעריי פון פּעטערבורגער „קאַמפּס־פאַרבאַנד" אין וואַרשע

אין אָנהויב 1901, איז אין וואַרשע איינגעשטעלט געוואָרן אַ דרוקעריי פונם פּעטערבורגער „קאַמפּס־פאַרבאַנד" (סאָיוז באָרבי). די דרוקעריי האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן סערגעי זעלדאָוו (ניעמאַנסקי), וועלכער איז אין יענער צייט געוואָרן אַ מיטגליד אין קאַמפּס־פאַרבאַנד.

איסאַק מאַסלאָוו (איטשקע מאַסלאָוואַט) וועלכער האָט פריער געאַרבעט מיט אונדז אין ווילנער דרוקעריי איז אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין דער וואַרשעווער. דאָרט האָט אויך געאַרבעט אייזיק — אַ ביאַ־ליסטאָקער וועבער און יעפרעם — אַ בוכבינדער. אַזוי ווי איסאַק און יעפרעם זיינען געווען בוכבינדער, האָט מען געדונגען אַ דירה, אונטער אַ שילד, אַז זיי באַשעפטיקן זיך מיט בוכבינדעריי.

זיי האָבן אָבער אויסגעפונען, אַז כדי צו מאַכן דעם דרוק מער זיכער איז נויטיק, אַז אַ יונגע פּאָר פאָלק זאָל דינגען אַ דירה אַלס מאַן און פרוי.

אין וואַרשע האָט זיך דאַן געפונען אַ יונגע מינסקער מיידל, ליזע גרינוואַלד. מען האָט זיך דורכגערעדט מיט איר און זי האָט מיט באַ־גייסטערונג אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו גיין אַרבעטן אין דרוק.

מען האָט גענומען אַ דירה אויף גזשיבאָווסקע גאַס, נומער 11. אייזיק, דער וועבער איז אַוועקגעפאָרן, אַזוי אַז אין דער דרוקעריי זייַנען געבליבן אַרבעטן: איסאַק, יעפּרעם און ליזע. די אַרבעט איז אַוועק גאַנץ לעבעדיק, זיי האָבן געדרוקט דעם זשורנאַל „ראַבאָטשאַיאַ מיסל" אויך אַ גאַנצע ריי רוסישע בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס. אין פרילינג 1901, האָבן זיי אָפּגעדרוקט אַנ־מאַנס אַ רוסישע בראָשור: „אויפרוף צו דער רוסישער אינטעליגענץ". דאָרט האָבן זיך אויך גע־דרוקט פלוג־בלעטלעך (ליסטאָווקעס) פון פּעטערבורגער קאַמפּס־פאַר־באַנד. (אַרוים ביי 18 נומערן) נאָכן קישינעווער פּאָגראָם האָט מען דאָרט אויך אָפּגעדרוקט אין אַ בראָשור וולאַדימיר קאָראָלענקאָס באַרימטע דערציילונג „הויז נום. 13".

זיי האָבן גאַנץ אָפט געהאַט שוועריקייטן, ווייל די פאַרבינדונג מיטן פּעטערבורגער קאָמיטעט פלעגט איבערגעריסן ווערן צוליב די אָפטע אַרעסטן. די פאַרבינדונגען זיינען געוואָרן נאָך שווערער, ווען מען האָט ענדע זומער 1902 אַרעסטירט סערגעי ניעמאַנסקין.

ווי יודל (אַלעקסאַנדער שוועדעל), וועלכער איז דאַן געווען זייער פאַרמיטלער, גיט איבער, פלעגן אַוועקגיין וואָכן, ווען מען האָט גע־דאַרפט זוכן וואו צו לייען אַ ביסל געלט אויף אָנצוהאַלטן די דרוק. אָבער ווען די פאַרבינדונגען פלעגן ווידער איינגעשטעלט ווערן, פלעגט מיט איין מאָל אָנקומען אַ גרעסערע סומע. אַזוי איז איין מאָל אָנגע־קומען אַ פאַרסטראַכירטער (רעדזשיסטרירטער) פּעקל, אין וועלכן עס איז געווען צוגעשיקט 17 הונדערט רובל פאַר דער דרוקעריי, זייער אַ גרויסע סומע פאַר יענער צייט.

עס האָט געטראָפן אייניקע מאָל, אַז די פאַרבינדונגען מיט פּע־טערבורג זיינען איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ לענגערער צייט און עס פלעגט שוין האַלטן דערביי אַז מען וועט דאַרפן צומאַכן די דרוק. אַ פאָר מאָל איז איטשקען אויסגעקומען צו פאָרן אין פּעטערבורג ווידער איינצושטעלן די איבערגעריסענע פאַרבינדונגען. נאָך גרויסע שוועריי־קייטן איז טאַראַסאָוואַ, אַ פּייאיקע, איבערגעגעבענע אינטעליגענטקע, באַשטימט געוואָרן פון פּעטערבורגער קאָמיטעט צו זיין די פאַרמיט־לערין מיט דער דרוקעריי.

צוליב געוויסע אורזאַכן איז יעפּרעם שפּעטער אַוועק פון דער דרוקעריי און ליזע גרינוואַלד האָט זיך גענומען פילן אַזוי שלעכט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן קיין מינסק.

נאָך אַ קורצער וואַקאַציע איז ליזע צוריקגעקומען אין װאַרשע. עס איז אויך געקומען פון מינסק „מאַטקע דער פּריקאַזטשיק" (פּערל־שטיין). מען האָט גענומען אַן אַנדער דירה און די אומלעגאַלע דרוקעריי האָט ווידער גענומען אַרבעטן נאָרמאַל.

דער נייער „פּערסאָנאַל" אין דרוקעריי, איז איצט געווען זייער אַ געלונגענער: איטשקע, מיט אַ לענגערער דערפאַרונג אין אַזאַ פאַר־

איסאַק מאַסלאָוו, מאָטקע פּערלשטיין, ליזע גרינוואַלד

אַנטוואָרטלעכער אַרבעט, דערצו אַ האַרציקער, איבערגעגעבענער חבר. מאָטקע פּערלשטיין — אַ טאַקטישער און אַ קלוגער — האָט זיך ביי זיי איינגעשטעלט אַ האַרמאָנישער, חברישער צוזאַמענלעבן, וואָס איז אַזוי נויטיק אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי.

מאָטקע פּערלשטיין, איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין יאָר 1943, מיט אַ יאָר שפּעטער איז דאָרט געשטאָרבן איסאַק מאַסלאָוו. זיי האָבן מיטגענומען אין קבר וויכטיקע פאַקטן פון זייער לעבן אין דער דרו־קעריי, וואָס וואָלטן געווען וויכטיק פאַר דער געשיכטע.

איך וועל דא פארצייכענען א פאר פאסירונגען פון דער דאזיקער דרוקעריי, וועלכע עס האט מיר איבערגעגעבן בראכקע, מאטקע פערל־שטיינס פרוי:

ווי אין אנדערע דרוקערייען, האבן זיי זיך געפירט אזוי, אז עס זאל אויף זיי קיין פארדאכט ניט פאלן. פרייטיק צו נאכט פלעגן אנגעצונדן ווערן ליכט און אויפן טיש פלעגט ליגן שבתדיקע חלה צוגעדעקט מיט א טישטעכל. איינמאל ערב פסח איז איסאק ארונטער איינצוקויפן פארשיידענע עסנווארג, ווען ער איז געקומען צוריק, האבן זיי זיך געכאפט אז ער האט געקויפט בעבלעך, וואס מען טאר ניט עסן פסח און דאס קען נאך ארויסרופן א פארדאכט ביי דער קרעמערקע: זי וועט דאס דערציילן די שכנים, מען וועט נעמען נאכקוקן נאך די מאדנע יידן, וואס דערלויבן זיך צו עסן חמץ אום פסח...

לויפט איסאק ארונטער אין שפייז־קראם און הויבט אן מיט א כעס שרייען: ווי דערלויבט איר זיך פארקויפן בעבלעך צו א יידן ערב פסח? די קרעמערקע האט זיך גענומען פארענטפערן: „איך זע, אז איר זייט אנגעטאן ווי א דאטש, האב איך געמיינט אז איר עסט אום פסח חמץ".

אנהויב 1904, האלט די דרוקעריי ביים צומאכן זיך. ליזע פארט אפ אין מינסק און איסאק מיט מאטקען באגלייטן זי צום וואקזאל. אויפן וועג צוריק שטעלט זיך איסאק אפ ביי זיינעם א פריינט. ווען מאטקע קומט צו צו זייער דרוק געפינט ער דעם שלאס פון טיר אויפגעריסן. ער לאזט זיך שטיל ארונטער פון די טרעפ, — ער איז זיכער, אז מען האט זיי נאכגעשפיאנירט און פאליציי געפינט זיך אין דרוק אוןווארט אויף זייער קומען צוריק.

ער נעמט א פורמאן צוצופארן און אנזאגן איסאקן וואס עס האט געטראפן. ער וויל אבער ניט געבן דעם פורמאן דעם ריכטיקן אדרעס אום ער זאל ניט וויסן וואוהין ער פירט אים.

ווען איסאק האט זיך דערוואוסט וואס עס האט געטראפן, האבן זיי באשלאסן צוצופארן צו זייער דירה, און פאר א לענגערער צייט אכטונג געבן אויף דער הויז פון וווייטן, צו זען וואס דארט קומט פאר. זעענדיק אבער, אז קיינער קוקט ניט נאך דאס הויז און אז ביים אריינגאנג איז אלץ שטיל, זיינען זיי ענדלעך אריינגעגאנגען אין זייער דירה.

עס האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס אויפברעכן דעם שלאס פון טיר איז געווען די ארבעט פון אן איינפאכן גנב, און אזוי ווי דרוק־מא־

שינקע מיט די שריפט איז געווען אזוי באהאלטן אין „קאמאד" און טיש, אז דער גנב האט דאס ניט געקענט זען, זיינען זיי געווען זיכער אז קיין פארדאכט איז ניט געפאלן.

ליזע גרינוואלד האט מיט יארן שפעטער חתונה געהאט מיט קאדושינען, איצט א באוואוסטער אינזשינער אין סאוועטן פארבאנד.

די דרוקעריי פון קיעווער קאמיטעט אין בערדיטשעוו

ענדע 1898, האט מען אין בערדיטשעוו איינגעשטעלט א דרוק פון דעם קיעווער קאמיטעט פון דער ס. ד. פארטיי. צוויי האמלער שלאסער — דאוויד און בערל האבן געעפנט א שלאסער ווערקשטאט.

מארק און שפרה ווילמער

זיי פלעגן אננעמען באשטעלונגען פאר פארשיידענע שלאסער ארבעט, דערהויפט מיט מאכן באלקאנען פאר הייזער, און הינטער זייער ווארשטאט האבן זיי געהאלטן א געהיימע דרוק־מאשין.

מארק ווילמער, וועלכער האט געארבעט אין דער באברויסקער דרוקעריי פון „בונד", איז געקומען קיין בערדיטשעוו. ער האט געדונגען א דירה. דעם באלעבאס פון הויז האט ער געזאגט, אז ער האט אין קיעוו א רייכן פעטער, און אזוי ווי ער, מארק, האט ניט קיין וואוינרעכט אין קיעוו, איז ביז דער פעטער וועט דאס פאר אים קריגן, וועט ער דערווייל וואוינען אין בערדיטשעוו. עס איז אויך געקומען פון מינסק אליע לעדער, וועלכע מארק האט פארגעשטעלט אלס זיין פרוי. אין זייער וואוינונג האבן זיי איינגעארדנט דאס אויפזעצן פון די

אומלעגאַלע ליטעראַטור. אין אָוונט פֿלעגט מען דעם זאַץ איבערטראָגן אין שלאָסער־װאַרשטאַט צום דרוקן.

מען האָט אויסגעקליבן בערדיטשעװ אויף איינצואָרדענען די דרוקעריי, ווייל דעמאָלט איז נאָך דאָרט קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ניט געווען, האָט מען געמיינט, אַז מען וועט זיין זיכער פֿון שפּיאָנען. כדי צו מאַכן זיך נאָך מער לעגאַל, אַז עס זאָל אויף זיי קיין פֿאַרדאַכט ניט פֿאַלן, האָבן זיי געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט מיט דער בערדיטשעווער באַלעבאַטישער יוגנט.

אליע לעדער

זיי האָבן געהאַט אַ גוטע דרוק־מאַשין, אַן „אַמעריקאַנקע". די דרוק־מאַשין האָט מען ביינאַכט אַרויסגענומען פֿון אַ האָמלער גרויסער, לעגאַלער דרוקעריי און איבערגעשיקט צוזאַמען מיט דעם שריפֿט קיין בערדיטשעוו.

דער שלאָסער־וואַרשטאַט האָט זיך געפֿונען אין אַ טיפֿן קעלער, וועלכער האָט געהאַט 2 צימערן. ווען די דרוק־מאַשין פֿלעגט אַרבעטן, איז איינער פֿון די שלאָסער־אַרבעטער געשטאַנען אין ערשטן צימער און געקלאַפּט מיט אַ האַמער איבער דער אייזן־אַרבעט, וואָס זיי פֿלעגן מאַכן, כדי מען זאָל ניט הערן ווי די דרוק־מאַשין אַרבעט.

מען האָט דאָרט געדרוקט די צייטונג פֿון קיעווער קאָמיטעט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — „וופּעריאָד", אויך די בראָשור „קטאָ טשעם זשיוויאָט" (פֿון וואָס איינער לעבט) און אַנדערע רוסישע בראָשורן. זיי האָבן דאָרט אויך געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס

פאַרן קיעווער און פאַר דעם „דרום־רוסישן" קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

אַ קיעווער אינטעליגענט, אונטערן נאָמען וולאַדימיר פּעטראָ־וויטש, איז געווען דער פאַרמיטלער מיט דער דרוקעריי. פּעטראָוויטש, איז געווען דער שפּעטער באַוואוסטער באָלשעוויק — אוריצקי — דער ערשטער באָלשעוויסטישער יוסטיץ־מיניסטער פון דער סאָוועטן־רעגירונג, וועלכער איז פאַררעטעריש דערשאָסן געוואָרן אין פּעטראָ־גראַד (לענינגראַד) דורך קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעראָריסטן אין 1918.

אַזוי ווי אין דער ווארשעווער דרוקעריי פון דער פּאַרטיי, זיינען אויך בײַ זיי אויף אַ צייט איבערגעריסן געוואָרן די באַציאונגען מיט קיעוו. זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו צאָלן פאַר די צוויי דירות, און זיי האָבן פּשוט געהונגערט. נאָך גרויסע שוועריקייטן האָבן זיי ווידער איינגעשטעלט פאַרבינדונגען.

ענדע 1899 האָט זובאַטאָוו באַפרייט די אָנטיילנעמער פון באָב־רויסקער דרוקעריי, אום צו קענען צוזאַמען מיט זיי באַפרייען ישראל מיכלען, וועלכער איז געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר. צווישן די באַפרייטע איז געווען שפרה, מארק ווילטערס פרוי, וועלכע האָט אין טורמע געבוירן אַ קינד. מאַרק מיט שפרהן האָבן שפּעטער געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַוועקצושיקן די בערדיטשעווער דרוק־מאַשין מיט די שריפט אין טשערקאַס. אויפן באַן האָט דער קאַסטן געפּלאַצט און מען האָט אויסגעפונען אַז דאָס איז אַן אומלעגאַלע דרו־קעריי. די בערדיטשעווער זשאַנדאַרמעריע האָט געמאַכט אַ גרינט־לעכע אויספאָרשונג. זי איז דערגאַנגען ווער די אָנטיילנעמער זיינען געווען. אַזוי ווי מאַרק, אַליע, דאַוויד און בערל זיינען שוין ניט גע־ווען אין בערדיטשעוו, האָט מען אַרעסטירט פיל פון דער יוגנט וואָס פלעגן צו זיי אַריינגיין. בײַ דער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז קיינער פון די אַרעסטירטע האָבן ניט געוואוסט אַז דאָרט איז געווען אַ דרוקעריי און מען האָט זיי שפּעטער אַרויסגעלאָזן פריי.

אַ פּראָוואָקאַטאָר „העלפט" טאָן אומלעגאַלע אַרבעט

נאָך מיין אַרויסגיין פון דער דרוקעריי, בין איך אַריין אַרבעטן אין דער ווארשעווער אָרגאַניזאַציע. די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז אָנגעגאַנגען אין דער זעלבער פאָרם ווי פאַר דעם צאַרישן „מאַ־ניפעסט".

עס איז געווען אין די טעג פון דעם אויפשטאַנד אין מאָסקווע, עס איז שוין געווען קלאָר ווי די צאַרישע רעגירונג טייטשט אויס איר „מאַניפעסט". די וואַרשעווער אַרבעטער זיינען געווען אויסגעשעפּט, פאַרמאַטערט פון אַ יאָר כסדרדיקע סטרייקן און בלוטיקע קאַמפן קעגן דער באַוואָפנטער מאַכט פון דער צאַרישער רעגירונג.

אייניקע טיילן פון דער אינטעליגענץ און אַפילו טיילן פון אַר־בעטער קלאַס, האָט אַרומגעכאַפּט אַ געדריקטע, פּעסימיסטישע שטי־מונג. עס איז געווען נויטיק ענערגיש צו באַקעמפן די שטימונג, ניט לאָזן זי זאָל באַהערשן ברייטערע שיכטן. עס איז געווען קלאָר, אַז די איינציקע קראַפט, וואָס קען באַקעמפן די נייע כוואַליע פון צאַרישן טעראָר און בלוטיקע אונטערדריקונגען, איז אַ קעמפנדער, ענטוזיאַס־טישער אַרבעטער קלאַס.

מען האָט פאַר דעם צוועק, ווידער געמוזט אָנהויבן אַרויסגעבן אומלעגאַלע ליטעראַטור.

עפּענען ווידער אַ דרוקעריי איז געווען ניט גרינג. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן זיין הויפּט־ענערגיע אויף דער לעגאַלער צייטונג אין ווילנע. ער האָט אויך געגרינדעט אין ווילנע דעם פאַר־לאַג „די וועלט", וואָס האָט אַרויסגעגעבן לעגאַלע בראָשורן, וואָס מען וואָלט פאַר דעם „מאַניפעסט" געדאַרפט דרוקן אומלעגאַל.

דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט מיך באַשטימט צו געפינען וועגן, ווי צו דרוקן אַ פּוילישן אומלעגאַלן זשורנאַל „אונזערע לאָ־זונגען".

קאָנספּיראַטיווע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי מיר האָבן זיך געפירט פאַר דער רעוואָלוציע. אין קאָמיטעט האָט נאָר איין מיטגליד געוואוסט, אַז איך בין פאַרנומען מיט דער אַרבעט, דאָס איז געווען — בראָניסלאַוו גראָסער, וועלכער איז געווען דער רעדאַק־טאָר פון זשורנאַל.

אין אַזאַ שטאָט ווי וואַרשע, האָט מען אין יענע צייטן פאַר אַ גוטן פּרייז שוין געקענט געפינען אַ לעגאַלע דרוקעריי, וועלכע זאָל איינשטימען צו דרוקן דעם אומלעגאַלן זשורנאַל.

כדי צו מאַכן מיר גרינגער געפינען אַזאַ דרוקעריי האָט מען מיך באַקאַנט מיט איטשקע דעם דרוקער (קאַפּטאַל).

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט אויף מיר געמאַכט ניט גאָר קיין גוטן איינדרוק. ער איז געווען בלינד אויף איין אויג.

דערפאַר איז אָבער זיין איינציקע אָפּענע אויג געווען שוין צו זעעוו־דיק. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן אין אַלע זייטן. ער האָט זיך כסדר באַקלאָגט, אַז מען שאַצט ניט גענוג אָפּ זיין איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג, אַז מען גיט אים ניט גענוג אַרבעט צו טאָן, אַז ער ווערט פאַרפאָלגט פון די באַלעבאַטים, וועלכע קענען אים פאַר אַזאַ רעוואָלוציאָנער, אַז זיי ווילן אים קיין אַרבעט ניט געבן. און ווען ניט אַ רייכע פרוי, וועלכע איז אין אים פאַרליבט און גיט אים געלט צום לעבן, וואָלט ער געשטאָרבן פון הונגער.

ער האָט מיר אויך דערציילט ווי ער ווערט פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי, וועלכע רעכנט אים פאַר אַזאַ געפערלעכן רעוואָלוציאָנער. אַז ער איז שוין פיל מאָל געווען אַרעסטירט. נאָר אַזוי ווי ער איז קאָנספּיראַטיוו־פאָרזיכטיק, איז יעדן מאָל ווען מען אַרעסטירט אים, מוז מען אים אַרויסלאָזן, ווייל זיי האָבן קעגן אים קיין שום פאַקטן צו האַלטן אים לענגער.

איך האָב איבערגעגעבן גראָסערן מיין איינדרוק וועגן קאַפּטאַלן. איך האָב אים דערקלערט, אַז פון מיין קורצער באַקאַנטשאַפט מיט אים האָב איך ניט גענוג אורזאַכן פאַרוואָס ער געפעלט מיר ניט, נאָר אינסטינקטיוו האָב איך צו אים ניט קיין צוטרוי.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר גראָסער איבערגעגעבן אַז נאָך אַ גרינדלעכער אונטערזוכונג איז מען געקומען צום שלוס, אַז איך מעג טרויען קאַפּטאַלן. מיט זיין הילף האָב איך טאַקע געקראָגן אַ דרוקעריי, וואָס האָט איינגעשטימט אויפצוזעצן און אָפּדרוקן דעם פּוילישן זשורנאַל.

איך פלעג גאַנץ אָפט אַרויפקומען צו קאַפּטאַלן אין צימער. וואו ער האָט געוואוינט. ער האָט צו מיר אַרויסגעוויזן די גרעסטע איבערגעבנקייט. ער האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז קיין זאַך איז פאַר אים ניט צו שווער, כדי מיר צו העלפן.

די אַרבעט איז געווען זייער קאָמפּליצירט. אין דרוקעריי האָבן געאַרבעט פיל מענטשן, מען האָט געמוזט אַרבעטן אַזוי, אַז וואָס ווייניקער מענטשן זאָלן וועגן דעם וויסן. נאָך דעם, ווי אַ פּאָר נו־מערן פון „נאַשע האַסלאָ" זיינען אַרויס, האָב איך באַשלאָסן דורכ־צופירן די אַרבעט אָן איטשקעס הילף. נאָך אַלע פאַרזיכערונגען וואָס מען האָט מיר געגעבן, אַז איך קען זיך אויף אים פאַרלאָזן האָב איך פאָרט עפּעס געפילט, אַז ווען ער וועט ווייניקער וויסן, וועט זיין בעסער.

איך האָב אָנגענומען אַלע נויטיקע פּאָרזיכט־מיטלען און האָב געבעטן די דרוקעריי, פון וועלכער ער האָט געוואוסט, אויף אַן אַנ־דערער, וואָס איך האָב אַליין געפונען. איך האָב זייער פּאָרזיכטיק געטראָגן די קאָרעקטורן פון דער דרוקעריי, צום פּלאַץ וואו מען האָט זיי איבערגעקוקט. ווען דער גאַנצער נומער איז שוין געווען אויפ־געזעצט און מען האָט געהאַלטן אינמיטן נאַכט אין דרוקן אים איז די דרוקעריי באַפאַלן געוואָרן פון פּאָליציי.

אין יענעם מאָמענט איז פאַר מיר געווען שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפן. מיט אַ צייט שפּעטער ווען איך בין שוין ניט געווען אין וואַרשע האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איטשקע דער דרוקער (קאַפּטאַל) איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

ער האָט אַרויסגעגעבן זייער פיל פאַרזאַמלונגען און איינצלנע פּערזאָנען אין וואַרשע. כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף אים פלעגט די זשאַנדאַרמעריע, אים אויך אַרעסטירן. אַ קורצע צייט נאָכן אַרעסט פלעגט מען אים אָבער אַרויסלאָזן צוזאַמען מיט נאָך אייניקע אויף וועלכע עס איז קיין באַווייזן ניט געווען.

איך האָב זיך שפּעטער אויך דערוואוסט, אַז די דרוקעריי וואו דער פּוילישער זשורנאַל האָט זיך געדרוקט, איז דורכגעפאַלן אויף פאָלגנדיקן אופן: אַלס דרוקער האָט זיך איטשקע קאַפּטאַל געקענט מיט אַלע אַרבעטער פון פאַך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי יידישע באַ־לעבאַטים. פון אַן אַרבעטער, וועלכער האָט צו אים געהאַט צוטרוי, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער אַרבעט אויף אונדזער פּוילישן זשור־נאַל. ער האָט געוואַרט ביז אַלץ וועט זיין פאַרטיק און האָט עס דאַן אַרויסגעגעבן דער זשאַנדאַרמעריע.

„איטשקע" האָט אַרויסגעגעבן די זשאַנדאַרן פיל פון זיינע נאָענטסטע פריינט: ווי הערש־וואָלף — אַ שלאָסער, יאָסל הענטשקע מאַכער, משה הענטשקע מאַכער, דאָבע קראַוויץ — ביי איר האָט מען געפונען אומלעגאַלע ליטעראַטור און געווער.

אין נאָוועמבער 1905, האָט איטשקע אַפילו אַרויסגעגעבן דעם גאַנצן וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד", ווען די מיטגלידער זיינען געווען פאַרזאַמלט אויף אַ זיצונג. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן 15 מענטשן צווישן זיי: נח, צביה, עזרא, די קאַסטעליאַנסקיס, דער פאָרשטייער פון ראַיאָן — בנימין מאַטאַלסקי (מילער), טעפּליצקי און (צווישן זיי אויך דער שפּעטער באַוואוסטער פּראָוואָקאַטאָר) ישראל מיכל קאַפּלינסקי.

ווען דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אין פּעטערבורג האָט זיך דער־וואוסט, אַז ישראל מיכל איז צווישן די אַרעסטירטע, האָט ער גלייך אַרויסגעשיקט איינעם פון זיינע וויכטיקסטע באַאַמטע — קלימאָוויטשן — קיין וואַרשע צו באַפרייען ישראל מיכלען. כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף ישראל מיכלען, האָט די וואַרשעווער „אָכראַנקע" געמוזט באַפרייען די גאַנצע גרופּע. (אויסער נחן).

אין יענער צייט האָבן זיך אַלע געוואונדערט, פאַרוואָס די „אָכ־ראַנקע" האָט באַפרייט אַזעלכע וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן. אַלץ איז קלאָר געוואָרן ערשט אין 1918, נאָך דער צווייטער רעוואָלוציע, ווען מען האָט אַרעסטירט ישראל מיכלען און ער האָט אין זיין „ווידוי" אַלץ דערציילט.

דער פּראָוואָקאַטאָר איטשע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ חברטע, וואָס איז געפאָרן קיין אָדעס מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור. די ליטע־ראַטור האָט די זשאַנדאַרמעריע פאַרכאַפּט. דורך אַ צופאַל איז די פרוי (מילער) געבליבן פריי.

איך האָב דאָ פאַרצייכנט בלויז אַ טייל פון די פאַקטן וואָס איך ווייס וועגן איטשקעס פּראָוואָקאַטאָרישער טעטיקייט.

בראָניסלאַוו גראָסער (סלאַוועק)

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך מיט אים באַקאַנט אין די „אָק־טאָבער טעג". ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן מיר דאַן אַרויס־געגעבן אַ סך פּראָקלאַמאַציעס אין דער פּויליש שפּראַך. אָבער נאָענט צו באַקענען זיך מיט אים האָב איך באַקומען אַ מעגלעכקייט אין די חדשים, ווען איך האָב פאַרוואַלטעט מיטן דרוקן דעם אויבנ־דערמאָנטן פּוילישן זשורנאַל.

מיר פלעגט אויסקומען כמעט יעדן טאָג צו טרעפן זיך מיט אים. ער האָט דאַן געוואוינט צוזאַמען מיט זיין פרוי, וויאַטשיסלאַווע, ביי זיינע עלטערן. זיי האָבן פאַרנומען אַ גרויסע דירה מיט אַ סך צימערן, וועלכע זיינען געווען רייך מעבלירט. מערסטנטייל פלעג איך קומען אינדערפרי. כדי צו זיין זיכער, אַז קיינער גייט מיר ניט נאָך אָדער קיינער היט ניט זיין דירה, פלעג איך בייטן עטלעכע טראַמווייען איידער איך פלעג צו אים קומען און פלעג גוט באַקוקן פון וויטן זיין דירה איידער איך פלעג אַריינגיין. די דינסט האָט מיך שוין גע־קענט. ווען איך פלעג אַמאָל קומען ווען ער האָט נאָך געשלאָפן, פלעגט זי מיך אַריינלאָזן אין זיין „קאַבינעט" וואַרטן פאַר אים.

דער קאַבינעט, איז געווען פול מיט ביכער, ציַיטונגען און זשור־נאַלן דערהויפּט אין דער רוסישער און פּוילישער שפּראַך. אויפן טיש זיינען געלעגן צענדליקע ציַיטונגס־אויסשניטן, מאַטעריאַל פאַר די אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן און פאַר די רעדעס וואָס ער האָט געהאַלטן. גראָסער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שרייַבער אָבער דער־הויפּט אַ גלענצנדער רעדנער אין פּויליש. איך פלעג זיך אָפט וואונ־דערן, ווי קומט אַזאַ אַסימילירטער, פאַרפּוילישטער אינטעליגענט צום "בונד". אייניקע פאַקטן פון זיין ביאָגראַפיע וועלן דאָס מאַכן קלאָרער.

ער איז געבוירן געוואָרן אין מיעכאָוו, קעלצער גוב. דאַמאָלט רוסיש־פּוילן. זיינע עלטערן זיינען געווען פּוילישע אַסימילאַטאָרן. זיין פאָטער, ניקאָדים גראָסער, אַ דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט, האָט געהאַט געשעפטן נאָר מיט קריסטן. קיין זאַך האָט בראָניסלאַוון ניט דערמאָנט אין זיין יוגנט אַז ער שטאַמט פון יידן. צו זיינע עלטערן אין הויז פלעגן אַריינקומען די „אַריסטאָקראַטן" פון שטעטל אַריינגערעכנט די „קסיאָנדזן" (גלחים). ער פלעגט גיין מיט דער דינסט אין פּוילישן קלויסטער און אַפילו ווען זיינע עלטערן קלייבן זיך אַריבער אין וואַר־שע, ווייסט ער ניט פאַר אַ לאַנגער צייט, אַז זיי זיינען יידן. אַלס אַ קינד, אין עלטער פון אַכט יאָר, איז ער איינמאָל געפאָרן צוזאַמען מיט זיין מוטער און שוועסטער אין טראַמוויי. לעבן זיי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ ייד. האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַריבער אויף אַן אַנדער פּלאַץ, כדי ניט צו זיצן צוזאַמען מיט אַ יידן...

צום ערשטן מאָל דערוויסט ער זיך אַז ער איז אַ ייד, ווען ער האָט געהאַלטן די עקזאַמענעס אויף אַנצוקומען אין גימנאַזיע. ער דערהערט צום ערשטן מאָל, אַז פאַר אים גילטן ספּעציעלע „יידישע" אויסנאַם־געזעצן. ווען ער קומט אָן אין גימנאַזיע געפינט ער אויס אַז דאָרט זיינען פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס שילער: פּאָליאַקן און יידן. די קליינע גרופּע יידן איז איזאָלירט, אָבער ער פּרובירט נאָך אַלץ צו האַלטן זיך מיט די פּוילישע שילער.

גאַנץ אָפט ברעכן אויס צווישן די צוויי „קאַטעגאָריעס" סכסוכים און אַמאָל אַפילו געשלעגן. ער הויבט אָן הערן פאַרשיידענע זידל־ווערטער און באַליידיקנדיקע עפּיטעטן קעגן יידישע שילער. אין דער רוסישער גימנאַזיע וואו ער האָט זיך געלערנט איז דעמאָלט געווען פאַרבאָטן צו רעדן פּויליש, מען האָט דאָרט געמוזט רעדן נאָר רוסיש.

אזא פּאָליטיק האָט דעמאָלט געפירט די צארישע רעגירונג. כאַפּט מען איינמאָל גראָבערן ווי ער רעדט פּויליש. דער לערער האַלט פאַר אים א לאַנגע שטראָף־רעדע, אין וועלכער ער וויל אים דערוויזן אז דער „פאַרברעכן" ביי וועלכן מען האָט אים געכאַפּט איז דערהויפּט גרויס, ווייל ער האָט גערעדט פּויליש, כאָטש ער איז א ייד.

די אַלע פאַקטן האָבן אים געשטויסן ער זאָל זיך ענדלעך פאַר־אינטערעסירן מיט דער יידן־פראַגע.

ווען ער איז שוין געווען אין פינפטן קלאַס גימנאַזיע הויבט ער זיך אָן לערנען העברעאיש ביי זיינעם א געבילדעטן פעטער, וועל־כער איז געווען אן אָנגעשטעלטער אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע. א יאָר שפּעטער, ווען מען פייערט דעם 25 יאָריקן יובילעאום פון זיין פעטערס טעטיקייט אין דער גמינע, דערלאַנגט ער דעם פעטער א מתנה „די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן", וואָס ער, בראָניסלאַוו, האָט אָנגעשריבן אין פיר העפטן. ער ענדיקט די געשיכטע דערמיט, אז נאָר דער סאָציאַליזם קען לייזן די יידישע פראַגע דורך... אַסי־מילאַציע.

ווען ער גייט אריין אין זעקסטן קלאַס, ווערט ער א טעטיקער מיטגליד אין די סאָציאַליסטישע קרייזלעך, וועלכע האָבן שוין דאָרט עקזיסטירט.

מיט זיין פעאיקייט און גלענצנדן רעדנער־טאַלאַנט האָט ער געהאַט א שטאַרקן איינפלוס אויף דער שטודירנדער יוגנט. אין די סאָציאַ־ליסטישע שטודיר־קרייזן, אין די יידישע סטודענטן פאַראייניען האָט מען אים אָנערקענט אַלס פירער.

אין דער צייט פון דער רעאַקציע, וואָס איז געקומען נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, האָט ער אַלס פעאיקער אדוואָקאַט, געראַטע־וועט פיל רעוואָלוציאָנערן פון שווערע שטראָפן דורך זיין דערפאָלג־רייכן פאַרטיידיקן זיי אין די געריכטן.

ער ווערט אַרעסטירט. זיצנדיק אין טורמע ווערט ער קראַנק און שטאַרבט אין 1912.

אין האָמעל

אין פּרילינג 1906, האָט אונדזער פאַמיליע ווידער געמוזט זיך צעטיילן. מיין פרוי מיט די קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן אין מינסק און מיך האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געשיקט אין האָמעל.

איך האָב געוואָלט פאָרן אין ווילנע אַרבעטן אַלס שריפטזעצער אין דער לעגאַלער יידישער צייטונג וואָס איז דאָרט אַרויס. דאָרט האָבן געאַרבעט אַ סך חברים פון די פריערדיקע אומלעגאַלע דרוקערייען. דאָס וואָלט געווען דער בעסטער פּלאַן פאַר מיין פאַמיליע, ווייל דאָרט וואָלטן מיר געקאָנט וואוינען צוזאַמען. אָבער דער באַשלוס פון צענטראַל קאָמיטעט איז געווען, אַז איך מוז פאָרן אין האָמעל. נאָך אַ לענגערן דורכריידן זיך מיט נחן, האָט ער פאַרשפּראָכן, אַז איך וועל אין האָמעל ניט דאַרפן זיין לאַנג. ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען דער צ. ק. וועט קריגן אַ פּאַסנדן מענטש, וועט מען מיך פאַרבייטן און איך וועל קענען קומען אין ווילנע.

האָמעל איז געווען איינע פון די שטעט אין ווייס־רוסלאַנד, וואו ס'האָבן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַנטיילגענומען אַ באַדייטנדיקע צאָל קריסטלעכע אַרבעטער, דערהויפּט — אַרבעטער פון די באַן־ווארשטאַטן. די האָמלער אָרגאַניזאַציע האָט אויך געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ גאַנצע ריי אַרומיקע קלענערע שטעטלעך, אַריינגערעכנט אויך אייניקע דערפער. די צאַרישע פאַרפאָלגונגען זיינען דאָרטן געווען פּונקט אַזוי ברוטאַל ווי אין אַנדערע שטעט. אַ קורצע צייט פאַר מיין קומען (פרייטיק ביינאַכט, 14טן יאַנואַר, 1906) האָבן טשערקעסן און דראַגונער, אינאיינעם מיט דער פּאָליציי, צעראַבירט און פאַרברענט אַ סך יידישע קראָמען אין האָמעל. אינעם פּאָגראָם זיינען אַ צאָל יידן פאַרוואונדעט געוואָרן.

איך האָב גלייך ביי מיין אָנקומען אָנגעשטויסן זיך אויף גרויסע שוועריקייטן. די יידישע באַפעלקערונג איז נאָך געווען אָנגעשראָקן פון דעם פּאָגראָם. צווישן אייניקע שיכטן פון די אַרבעטער האָט געהערשט אַ פאַרביטערטע, קריטישע באַציאונג צו די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע. דערהויפּט איז געווען פאַרביטערט אַ

קליינע גרופּע פון זעלבסטשוץ. לויט זייער מיינונג איז דער האָמלער בונדישער קאָמיטעט ניט געווען גענוג אַגרעסיוו אין קאַמף מיט דער האָמלער פּאָליציי. מען מוז ענטפערן, האָבן זיי געזאָגט, מיט טעראָר־אַקטן קעגן דער ברוטאַלקייט פון דער צאַרישער פּאָליציי.

אין האָמעל, אַזוי ווי אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט פון יידישן תחום האָט זיך אין יענער צייט פאַרשפּרייט אַ כוואַליע פון אַנאַרכיסטישע עקספּראָפּריאַציע שטימונגען, דערהויפּט צווישן די זעלבסטשוץ גרופּן. געוועד האָבן זיי געהאַט, ווייל די אָרגאַניזאַציע האָט זיי באַזאָרגט מיט ברוינינג רעוואָלווערן, און אַפילו מיט באָמבעס, האָבן זיי דאָס גע־וואָלט אויסנוצן אויף פאַרשיידענע „עקספּראָפּריאַציעס" — אָרגאַני־זירן אָנפאַלן אויף די רעגירונגס בראָנפן־קראָמען („מאָנאָפּאָלקעס") און צונעמען דאָס געלט, אויך אָנפאַלן אויף דער רעגירונגס־פּאָסט, וואָס האָט געפירט געלט. אין אַ צאָל פאַלן האָט מען געשאָסן אין די אָנגעשטעלטע, ווען יענע האָבן זיך געשטעלט קעגן. זייער אַרגומענט איז געווען, אַז כדי צו קעמפן דערפאָלגרייך קעגן דער רעגירונג מוז מען האָבן וואָס מער געווער, און צו קויפן געווער אין אויסלאַנד מוז מען האָבן אַ סך געלט, דאַרף מען דאָס געלט קריגן דורך „עקספּראָ־פּריאַציעס".

איבערהויפּט האָב איך געהאַט אַ האַרטן קאַמף מיט איין גרופּע פון דער האָמלער זעלבסטשוץ און זייער פירער יאַנקל דער סטאָליער.

שטונדן האָב איך מיט זיי דיסקוטירט און דערוויזן, אַז מיט טעראָר־אַקטן, מיט עקספּראָפּריאַציעס, וועלן מיר די צאַרישע רעגירונג ניט באַזיגן, און אַז די קרבנות פון די אָנפאַלן זיינען אָפט אומשולדיקע מענטשן. איך האָב זיי געזוכט צו איבערצייגן מיט פאַקטן פון אַנדערע לענדער, אַז רעוואָלוציעס ווערן געוואונען נאָר דורך אַ מאַסן־קאַמף און ניט דורך איינצלנע טעראָר־אַקטן, אָדער עקספּראָפּריאַציעס.

די דיסקוסיעס און פאַרהאַנדלונגען מיט דער זעלבסט־שוץ־גרופּע האָבן געדאַרפט געפירט ווערן „דיפּלאָמאַטיש", פאָרזיכטיק, ווייל דער סקלאַד מיט געווער האָט זיך געפונען אין זייערע הענט. אין סקלאַד איז געווען אַ באַדייטנדע צאָל נייע ברוינינג־רעוואָלווערן און באָמבעס. דער סוף איז געווען, אַז ס'האָט זיך איינגעגעבן אַרויס־צוקריגן דאָס געווער. נאָר אַזוי ווי זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון זייערע עקספּראָפּריאַציע־פּלענער האָט מען זיי געמוזט אויסשליסן פון דער אָרגאַניזאַציע.

מיט איניקע וואָכן שפּעטער האָט די דאָזיקע גרופּע אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויף דער רעגירונגס־פּאָסט, וואָס האָט געפירט געלט. אין דער שיסעריי איז איינער פון די פּאָסט־אָנגעשטעלטע שווער פאַר־וואונדעט געוואָרן. דער אָנפאַל האָט זיך ניט איינגעגעבן. יאַנקל דער סטאָליער איז אַרעסטירט געוואָרן. די איבעריקע האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט אַ מיליטער־געריכט פאַר־משפּט יאַנקלען צום טויט.

ביים צונעמען דאָס געוווער פון דער אויסגעשלאָסענער גרופּע, האָבן מיר זייערע באַמבעס באַהאַלטן אין אַ צימער וואו עס האָט געוואוינט אַ חבר, פּינקע, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין דעם האַמלער ראַיאָן. זיי האָבן דאָרט געדאַרפט ליגן ביז מיר וועלן געפינען אַ זיכערן פּלאַץ וואו צו האַלטן זיי. צופעליק איז איין באַמבע אַראָפּגעפאַלן אין צימער און האָט אויפגעריסן. עס איז גע־ווען אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס פּינקע איז פון דעם אויפרייס אַרויס אומבאַשעדיקט.

איין מאָל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די האַמלער „שוואַר־צע מאה" גרייט זיך צו אַ נייעם פּאָגראָם, מיט דער הילף פון דער פּאָליציי. מיר האָבן באַלד גענומען גרייטן אַ שטאַרקע זעלבסט־פאַר־טיידיקונג. די פאַרזאַמלונגען פון די זעלבסטשוץ־פירער פלעגן פאָר־קומען אין הויז פון אַ רייכן, האַמלער מאַנופאַקטור־קרעמער. מיר האָבן צעטיילט די שטאָט אין קרייזן. אין יעדער קרייז איז געווען אַ באַשטימטע גרופּע פון דער זעלבסטשוץ מיט איר פירער, וועלכער האָט געדאַרפט מיטטיילן אין דער „הויפּט־קוואַרטיר" אויב וואָס עס איז הויבט זיך אָן אין זיין קרייז.

איך בין געזעסן מיט איין זעלבסטשוץ־מיטגליד, לייבקען, לעבן מיין וואוינונג. יעדערער פון אונדז האָט געהאַלטן אַן אָנגעלאָדענעם בראונינג אין קעשענע. פּלוצלונג האָט לייבקעס רעוואָלווער אויסגע־שאָסן און די קויל האָט אים שווער פאַרוואונדעט. איך האָב אים גלייך אַוועקגענומען אין דער וואוינונג פון אַ חבר. צו די וואָס האָבן געהערט דעם שאָס, האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט אויסגעשאָסן איינער פון די שוואַרץ־מאהניקעס, וואָס איז אַנטלאָפן.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז מען דאַרף לייבקען מאַכן אַן אָפּעראַציע כדי אַרויסצונעמען די קויל. מיר האָבן אים געמוזט אַוועקפירן אין קיעוו, וואו די אָפּעראַציע איז שפּעטער געמאַכט געוואָרן.

***

ענדע אפריל 1906, איז זיך צוזאמענגעקומען די ערשטע דומע, וועלכע די באָלשעוויקעס (און אויך דער „בונד") האָבן באָיקאָטירט, כדי ניט צו העלפן זייען צווישן פאָלק קיין „קאָנסטיטוציאָנעלע איינריי־דענישן". עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אַז די אומצופרידנהייט מיט דער צארישער רעגירונג איז געווען אזוי גרויס, אַז אַפילו אונטער דער באַגרענעצטער וואַל־סיסטעם זיינען פון די 524 אויסגע־קליבענע דעפּוטאַטן, נאָר אַ קליינע צאָל געווען פאַר דער רעגירונג. די איבערוועגנדיקע מערהייט איז אויף דער אָפענער טריבונע פון דער דומע אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעגירונג. די דאָזיקע ערשטע דומע האָט דערפאַר עקזיסטירט בלויז אַ פּאָר חדשים, און די רע־גירונג האָט זי פאַנאַנדערגעטריבן. די ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין וויבאָרג, פינלאַנד, און אַרויסגעלאָזן אַ מאַניפעסט קעגן דער רעגירונג, און אַ רוף צו די אַנ־דערע מלוכות ניט צו לייען קיין געלט דעם צאַרישן רעזשים. דער „מאַניפעסט" האָט אָבער געבראַכט קנאַפּע רעזולטאַטן. כדי צו באַ־לייכטן, אויפקלערן די אַלע געשעענישן האָט די האָמלער אָרגאַניזאַציע דעמאָלט אָנגעפירט אַ גאַנץ אינטענסיווע אַרבעט.

קליינע און אַפילו גרעסערע פאַרזאַמלונגען, זיינען אין האָמעל געוויינלעך פאָרגעקומען אין דעם טייל שטאָט וואָס האָט זיך גע־רופן „דער ראָוו" (די גרוב), אַזוי ווי אין ביאַליסטאָק די „באַנאַיקעס" אָדער אין ווילנע „נאָוויגאָראָד" האָבן אין „ראָוו" געוואוינט די סאַמע אָרעמסטע פון דער באַפעלקערונג. מיר פלעגן גאַנץ אָפט דורכפירן אַ פאַרזאַמלונג אין אַ שול. דאָס פלעגט געוויינלעך פאָרקומען שבת. מען פלעגט לעבן טיר אַוועקשטעלן אַ שטאַרקע וואַך, קיינעם ניט אַריינלאָזן פאַר דער צייט וואָס מען האָט גערעדט. עס פלעגן דאָרט אויך פאָרקומען „דעבאַטן" מיט פאָרשטייער פון אַנדערע פּאַרטייען, דערהויפּט מיט די „ס.ס." (ציוניסטן־סאָציאַליסטן). די הויפּט־אַרגו־מענטן פון די „ס.ס." זיינען געווען: כדי אַ פאָלק זאָל זיך קענען אַנטוויקלען נאָרמאַל, מוז עס האָבן אַ געזונטן עקאָנאָמישן פונדאַ־מענט. עס מוז האָבן אַ באַדייטנדיקן קלאַס פּויערים. עס מוז זיין אַן אַרבעטער קלאַס, וועלכער זאָל זיין באַשעפטיקט אין אַלע צווייגן פון פּראָדוקציע, דערהויפּט אין דער שווערער אינדוסטריע. עס דאַרף זיין אַ נאָרמאַלער מיטל־קלאַס און אַ אינטעליגענץ, וועלכע זאָל זיין אריינ־

געוואקסן אין דער נאָרמאַלער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אַז צוליב דעם דאַרפן יידן האָבן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע טעריטאָריע וואו עס איז.

די „פועלי־ציון" ווידער האָבן אַרגומענטירט אַז דער יידישער אַרבעטער, וואָס לעבט אין ניט נאָרמאַלע באַדינגונגען, וואַקסט ניט, די יידישע באַפעלקערונג „אינדוסטריאַליזירט" זיך ניט, די יידן אין „גלות" האָבן ניט קיין האָפענונג אַז זייער לאַגע זאָל ווען געענדערט ווערן, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג צווישן אַלע שיכטן פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, אין אַלע לענדער, און אַז דער איינציקער אויסוועג פאַר די יידן איז, צו שאַפן זייער אייגענע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים, אין פּאַלעסטינע.

דער זיבעטער צוזאַמענפאָר פון „בונד"

דער צענטראַל קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צוזאַמענצורופן דעם זיבעטן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

עס זיינען געווען אַ רייע פראַגן וואָס מען האָט געדאַרפט באַשליסן, ווי: דער באַיקאָט פון דער דומע, אונזער שטעלונג צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, די באַציאונג צו לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און נאָך פונקטן. אָבער איינער פון די הויפּט־פונקטן איז געווען די ווידער־פאַראייניקונג מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

אין דער האָמלער אָרגאַניזאַציע, ווי אין די אַנדערע שטעט, איז אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע דיסקוסיע וועגן דעם פּונקט פון פאַראייניקונג.

דער צ. ק. האָט באַשטימט פאַר האָמעל צו שיקן צוויי דעלעגאַטן, איינער פון שטאָט און דער צווייטער פון ראַיאָן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון „בונד" וואָס דעלעגאַטן צו אַ צוזאַמענפאָר זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די מיטגלידער גופא.

די דיסקוסיעס זיינען געווען זייער לעבעדיקע. עס זיינען פילזייטיק דיסקוטירט געוואָרן די פראַגן וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון האָמעל. דעם ראַיאָנעם דעלעגאַט האָט געקליבן אַ ראַיאָנער קאָנפערענץ, וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן צוליב דעם צוועק.

דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין לעמבערג, (איצטיקע לוואָוו). לעמבערג האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו עסטרייך. זייענדיק די הויפּט־שטאָט פֿון מזרח־גאַליציע, האָט לעמבערג געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפֿעלקערונג.

דער צוזאַמענפֿאָר, וועלכער האָט געדויערט נאָענט צו צוויי וואָכן, פֿון אויגוסט דעם 15טן ביז אויגוסט דעם 27טן, איז געווען דער גרעסטער וואָס דער „בונד" האָט ווען געהאַט. עס זיינען געווען פֿאַרטראָטן נאָענט צו 100 דעלעגאַטן פֿון זיי 68 מיט שטים־רעכט. צום ערשטן מאָל זיינען געקומען צו אַ צוזאַמענפֿאָר צוויי דעלעגאַטן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דער באַוואוסטער שרייבער ליעסין און מאַטקע פֿערלשטיין. זיי האָבן פֿאַרטראָטן די בונדישע הילפֿס־פֿאַראייַנען, וועלכע האָבן אין יענער צייט געזאַמלט אין אַמעריקע און איבערגעשיקט גרויסע סומען צום „בונד".

עס זיינען אויך געווען פֿאַרטרעטער פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — מאַרטינאָוו און באָריס גאָלדמאַן, פֿון דער אַרמענישער — באַגדאַטיאַן, פֿון דער לעטישער — דיבאַק, פֿון בונדיסטישע גרופּן אין אויסלאַנד ווי אויך די לעמבערגער יידישע סאָציאַליסטן. די לעצטע האָבן פֿיל אַרויסגעהאָלפֿן אין איינאָרדענען דעם צוזאַמענפֿאָר, געפֿינען דירות פֿאַר די דעלעגאַטן, דעם זאַל פֿון די זיצונגען און אַזוי ווייטער.

ווי שוין דערמאָנט איז די הויפּט־פֿראַגע געווען וועגן דעם „בונדס" אַריינגיין צוריק אין דער פּאַרטיי.

אין די דריי יאָר וואָס דער „בונד" איז געווען אויסער דער פּאַרטיי (1903 — 1906) זיינען אין דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאָרגעקומען אַזעלכע גרויסע ענדערונגען וועלכע האָבן געמוזט ווירקן אויפֿן „בונד" צו מאַכן קאָמפּראָמיסן אין דער ריכטונג פֿון צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי.

אין 1903, איז דער „בונד" נאָך געווען דער בעסט־אָרגאַניזירטער טייל פֿון די דעמאָקראַטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿראַקציעס. די פֿירערשאַפֿט און די מיטגלידער פֿון „בונד" האָבן געקוקט אויף זיך אַלס אַ גרויסע, זעלבסטשטענדיקע קראַפֿט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער יאָר 1905 האָט געוויזן די גוואַלדיקע ראָל פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע. די אויפֿוואַכונג פֿון דעם רו־

סישן אַרבעטער איז געקומען אַ סך שנעלער ווי מיר האָבן זיך פאָר־געשטעלט. עס איז קלאָר געוואָרן די וויכטיקייט, די נויטיקייט פון אַ שטאַרקער, פאַראייניקטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

די אַלגעמיינע סטרייקס, די דעמאָנסטראַציעס, די באַריקאַדן־קאַמפּן, וואו מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, פראַקציעס און גרופּעס, האָבן צוזאַמען געקעמפט און פאַרגאָסן בלוט, האָבן מיט טאַטן באַוויזן אַז איינהייט איז מעגלעך און נויטיק.

אין די שטורמישע טעג פון 1905 האָט זיך צייטנווייז געדוכט אַז דער „בונד" דערנענטערט זיך צו די באָלשעוויקעס: די סעפּ־טעמבער קאָנפערענץ וואו דער „בונד" האָט געשטימט צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס קעגן די מענשעוויקעס. דאָס באָיקאָטירן די „בול־יגין דומע" און די ערשטע דומע און אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַקטן האָבן באַשטעטיקט דעם איינדרוק.

די אַלע פאַקטן און דערהויפּט דער דרוק פון אונטן, פון די מיט־גלידער פון די יידישע מאַסן, האָבן געשטויסן די פירערשאַפט צו פאַראייניקונג.

אַזאַ וויכטיקער טוער אין „בונד" ווי וולאַדימיר מעדעם, האָט געמוזט צוגעבן, אַז די פאָדערונג פונם „בונד" ער זאָל אָנערקענט ווערן אַלס „דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט", און אַז די רוסלענדישע פּאַרטיי זאָל זיך אָפּזאָגן פון פירן אַ מאַסן־אַרבעט צווישן די יידן, איז געווען אַזוי, ווי מען זאָל פאָדערן, אַז די רוסלענ־דער ס. ד. פּאַרטיי זאָל זיך פאַרוואַנדלען פון אַ טעריטאָריעלער אין אַ נאַציאָנאַל־רוסישער פּאַרטיי.

דאָס הייסט ניט, אַז מעדעם און די אַנדערע פירער פון „בונד" האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע נאַציאָנאַליסטישע און סעפּאַראַ־טיסטישע אָנשויאונגען. פּרינציפּיעל האָט די פירערשאַפט זיך גע־האַלטן ביי דער פריערדיקער פּראָגראַם, אַז די פּאַרטיי דאַרף זיין געבויט אויף „פעדעראַטיווע יסודות", נאָר זיי האָבן צוגעגעבן אַז „פּראַקטיש" קען מען דאָס איצט ניט דורכפירן.

אין פרילינג 1906, מיט עטלעכע חדשים פאַרן צוזאַמענפאָר איז אין בערן פאָרגעקומען די זיבעטע קאָנפערענץ פון „בונד". מיט אַ מערהייט שטימען איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אריינ־צוטרעטן צוריק אין דער פּאַרטיי און אָפּזאָגן זיך פון דער פאָדערונג צו זיין דער „איינציקער פאָרשטייער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט".

דער „פּאַראייניקונגס צוזאַמענפאָר" פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי, וועלכער איז פּאָרגעקומען אין אַפּריל 1906, אין שטאָקהאָלם האָט אָנגענומען אַ פּראָיעקט פון פּאַראייניקונג, אין וועלכן דער „בונד" האָט זיך אָפּגעזאָגט פון „איינציקער פאָרשטייערשאַפט".

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז אויפן „פּאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר" האָבן די באָלשעוויקעס געשטימט פאַר אַריינגעמען דעם „בונד" אין דער פּאַרטיי און די מענשעוויקעס — קעגן. די לעצטע דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון די יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען אָפט געגאַנגען אונטער באָלשעוויסטישע לאָזונגען.

די מער וויכטיקע פּונקטן פון דעם פּאַראייניקונגס-פּראָיעקט זיינען געווען:

1) דער „בונד" גייט אַריין אין דער פּאַרטיי ווי אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, ניט ווערנדיק באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט דורך באַשטימטע ראַיאָנען.

2) דער „בונד" נעמט אָן די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי.

3) אַלע באַשלוסן פון די אַלפּאַרטייאישע צוזאַמענפאָרן זיינען אָבליגאַטאָריש פאַר דעם „בונד".

4) אין די גרענעצן פון די אַלגעמיינע באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן פון דער פּאַרטיי און די אַלגעמיינע דירעקטיוון פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, בלייבט דער „בונד" זעלבסטשטענדיק אין די פראַגן, וואָס זיינען נוגע דער אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע (צווישן יידישע אַרבעטער).

5) דער „בונד" האָט זיינע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צענטראַלע אינסטיטוציעס און צוזאַמענפאָרן, און פירט זעלבסטשטענדיק אָן מיט די ענינים פון זיין אָרגאַניזאַציע.

נאָך היציקע דעבאַטן, וועלכע האָבן פאַרנומען איינציקע טעג, האָט דער 7טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אָנגענומען מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען אַריינצוגיין אין דער פּאַרטיי. די אַנדערע פראַגן פון טאָג-אָרדענונג זיינען דיסקוטירט און באַשלאָסן געוואָרן גאַנץ שנעל.

אַזוי ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצוגעבן דעם באָיקאָט פון דער דומע אונטער די געענדערטע אומשטענדן איז אָנגענומען

געוואָרן אַ באַשלוס אַריינצוּוואַרפן זיך אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו וועלכער אַלע פּאַרטייען האָבן זיך געגרייט.

ווי איך האָב שוין באַמערקט האָט דער זיבעטער צוזאַמענפאָר געהאַט די גרעסטע צאָל דעלעגאַטן. איך וועל נאָר פאַרצייכענען אַ טייל פון זיי.

נח, אַלעקסאַנדער, קאָסאָווסקי, ירחמיאל, יונה, מעדעם, יודין, אַבראַמאָוויטש, ליבער — די אויסגערעכנטע זיינען אויסגעקליבן גע־וואָרן אין צענטראַל קאָמיטעט.

עס זיינען אויך געווען: שכנא עפּשטיין, לאַזאַר ווינער, סאַלוצקי, ליטוואַק, גראָסער, אסתר, אַשפּיז, ד. זאַסלאַווסקי (באָגראָוו), בענע־וואור, דראַזנעס, דזשאַן מילל, ווירגילי, זאַקאָן, זאָלאָטאַראָוו, טאַראַס, לוריע, מיצקון, לעאָניד, עזרא, קאַפּלינסקי, פּרענדלער, ראַפּעס, ראַוו־רעבע, סערגעי ריגער, לאַזאַר שולמאַן, שטערן, שליפּער, קורסקי, לענסקי, ווינאַקור, גלעב, מאַקסים קליוואַנסקי און אַנדערע.

ביים איבערגיין די גרענעץ צוריק פון אויסלאַנד האָב איך גע־האַט אַ ביסל שוועריקייטן. ווען איך בין געקומען ביי דער גרענעץ אויף דעם אַדרעס, וואָס מען האָט מיר געגעבן, האָבן זיי מיר עטלעכע טעג געהאַלטן אין איין אָפּלעגן, אַז זיי קענען מיר ניט אַריבערפירן. צום סוף האָט מען מיך אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, איך זאָל אויסזען ווי איינער פון די גרענעץ־איינוואוינער, און איך בין אַרי־בערגעפאָרן די גרענעץ אין אַ וואָגן צוזאַמען מיט עטלעכע יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין דער גרענעץ־שטעטל.

איך האָב זיך געפילט שולדיק פאַר דער האָמלער אָרגאַניזאַציע, וואָס איך פאַרלאָז זי גלייך נאָכן צוזאַמענפאָר. איך האָב דאָס געוואָלט גוטמאַכן מיט אַ גענויען באַריכט פון צוזאַמענפאָר. קיין געשריבענע פאַרצייכענונגען האָט מען געוויינלעך ניט געטאָרט פירן מיט זיך פון אַן אומלעגאַלן צוזאַמענפאָר. האָב איך אויף די נעגל פון מיינע פינ־גער אָנגעצייכנט קוים באַמערקבאַרע צייכנס וואָס זאָלן מיר דערמאָנען די הויפּט־פונקטן אין מיין באַריכט, און דאָס האָט מיר טאַקע פיל געהאָלפן.

צוריק אין ווילנע

אויפן וועג פון אויסלאַנד קיין האַמעל, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מינסק, וואו עס האָט זיך דאַן געפונען מיין פאַמיליע. איך האָב דאָרט אָפּגערעדט מיט מיין פרוי, אַז קומענדיק פון האַמעל אין ווילנע, וועל איך געפינען אַ דירה, אַלץ צוגרייטן און דאַן וועט זי קומען מיט די קינדער. עס איז געווען ענדע זומער 1906.

אין ווילנע האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אויף דער נייער לע־גאַלער טעגלעכער „פאָלקס־צייטונג" וואָס האָט זיך דעמאָלט שוין געדרוקט אין דעם „בונדס" אייגענער דרוקעריי (קלעצקינס דרוקעריי).

די „פאָלקס־צייטונג" איז געזעצט געוואָרן, צום גרעסטן טייל ביים האַנט. מען האָט אָבער אויך געבראַכט פון דייטשלאַנד דריי זאַץ־מאַשינען (לינאָגראַפס). צו אַרבעטן אויף זיי האָט מען אויס־געקליבן דריי פון די בעסטע האַנט־זעצער, שור, מאַכלים און איסער דראַפּקין און מען האָט זיי געשיקט קיין דייטשלאַנד זיך לערנען די אַרבעט. איינער פון זיי, איסער דראַפּקין, האָט מיר אויסגעלערנט ווי צו אַרבעטן.

די צייטונג איז געדרוקט געוואָרן אויף אַ ראָטאַציע־מאַשין, אויך געקויפט אין דייטשלאַנד. מען האָט ספּעציעל געבראַכט פון דייטש־לאַנד אַ מאַשיניסט צו לערנען ישראל מיכל קאַפּלינסקין ווי צו אַר־בעטן אויף דער מאַשין.

דאָס אַלץ איז מעגלעך געוואָרן דערהויפּט אַ דאַנק דער גרויסער געלט־שטיצע וואָס דער „בונד" האָט דעמאָלט געקראָגן פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, וואו דער ברייטער יידישער עולם איז געווען באַ־גייסטערט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

מיין אַרבעט ביינאַכט האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו טאָן אַרבעט אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, וואָס מען האָט געדאַרפט דורכפירן בייטאָג.

אין ווילנע, מער ווי אין אַלע אַנדערע יידישע שטעט, האָט מען געקענט זען די ווירקונג פון „דעם נאָך־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד" אויף דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט:

עס האָט זיך געדרוקט אַ טעגלעכע סאָציאַליסטישע צייטונג. עס זיינען געווען „לעגאַלע" פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, דערהויפּט ביי די שניידער און דרוקער. אין דער זעלבער צייט איז די פאָרם פון דער אָרגאַניזאַציע פאַרבליבן אַן אומלעגאַלע. אַלע פּאַרטיי־קערפּער־שאַפטן, ווי דער ווילנער קאָמיטעט, די „צענטראַלקע" האָבן אָפּגע־האַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען אומלעגאַל. די אַרבעט צווישן די ברייטע מאַסן איז געטאָן געוואָרן ווי פאַר דער רעוואָלוציע. „נאָוויגראָד" איז געווען פול מיט געהיימע פאַרזאַמלונגען אין די וואוינונגען, פּונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן. די אורזאַך איז געווען, וואָס די פּאָליטישע אַרבעט פון די סאָציאַליסטן איז לויטן צאַרישן געזעץ נאָך אַלץ גע־ווען פאַרבאָטן.

אַ קורצע צייט נאָך מיין קומען אין ווילנע, איז מיר אויסגעקו־מען צו דעבאַטירן מיט די אַנאַרכיסטן. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגע־קומען שבת, אין רוזעלער וואַלד („די שטיבלעך"). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פירן אַזאַ דעבאַטע.

די אַרגומענטן פון די אַנאַרכיסטן זיינען אין קורצן געווען אַזעל־כע : דער קאַמף וואָס די אַרבעטער פירן פאַר אַ קורצן אַרבעטס־טאָג און מער שכירות ברענגט מער שאָדן ווי נוצן. עס ציט אַריין די אַרבעטער אין זומפּ פון קליינע „באַלדיקע פאַרבעסערונגען". די אויפ־גאַבע דאַרף אָבער זיין אַרויסצורופן אין די מאַסן „דעם רעוואָלו־ציאָנערן שטורעם, וועלכער וועט פאַרניכטן די גאַנצע קאַפּיטאַליס־טישע אָרדענונג צוזאַמען מיט דעם שטאַט".

איינער פון די פּונקטן אין דער פּראָגראַם פון די אַנאַרכיסטן איז געווען צו אָרגאַניזירן עקספּראָפּריאַציעס סיי אויף פּריוואַטע קאַ־פּיטאַליסטן, סיי אויף רעגירונגס־אַנשטאַלטן, באַנקן, פּאָסט, בראָנפן־קראָמען און אַזוי ווייטער, און דאָס געלט זאָל גענוצט ווערן פאַר דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך צו קויפן געווער אויף צו „מאַכן די רעוואָלוציע".

אין ווילנע האָבן די אַנאַרכיסטן בכלל קיין דערפאָלג ניט געהאַט און אין דער דעבאַטע מיט מיר האָבן זיי קיין אָנהענגער ניט געוואו־נען. זיי זיינען אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג מיט דער קליינער גרופּע, מיט וועלכער זיי זיינען געקומען. דערהויפּט איז זייער גרופּע באַ־שטאַנען פון יונגע אַרבעטער, און „האַלבע אינטעליגענטן", וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די „רעוואָלוציאָנערע" פראַזן — אַז

מיט װאָרפן באָמבעס און עקספּראָפּריאַציעס װעלן זײ „מיט אײן קלאַפּ" אַרונטערװאָרפן דעם קאַפּיטאַליסטישן אָרדענונג.

אין דער אַרבעטער־באַװעגונג איז צו יענער צײַט געװען אױך אַ קלײנע גרופּע „מאַכאַיעװצעס" (אױף דעם נאָמען פון זײער גרינדער, מאַכאַיסקי). זײ זײַנען שאַרף אַרױסגעטראָטן קעגן דער ראָל פון די אינטעליגענטן אין דער אַרבעטער־באַװעגונג און געפאָדערט אַז די פירער פון דער באַװעגונג זאָלן זײַן בלױז אַרבעטער. די „מאַכאַיאָװצעס" האָבן אָבער געהאַט אױפן עולם נאָך אַ קלענערע װירקונג װי די אַנאַרכיסטן.

דער װילנער קאָמיטעט האָט מיך באַשטימט צו אַרבעטן בײַ די פאַכן פון די שנײַדערקעס, קעסטל־מאַכערקעס און די אַרבעטער אין די קאָנװערטן־פאַבריקן. די װירקונג פון דער אָרגאַניזאַציע איז נאָך דעמאָלט געװען אַזױ גרױס, אַז די אײגנטימער פון די קאָנװערט־פאַבריקן זײַנען געװען געצװאונגען צו לאָזן אָפּהאַלטן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין די פאַבריקן.

באַרג־אַראָפּ

װאָס נעענטער צום סוף 1906 האָט זיך גענומען פילן, אַז אונדזער אַרבעט גײט ניט מיט דעם טעמפּאָ, װאָס מיר זײַנען געװען געװאױנט צו זען. די ײדישע אַרבעטער־מאַסן, האָבן אָנגעהױבן פאַרלירן דעם רעװאָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, װאָס זײ האָבן געהאַט פאַר דער רעװאָלוציע.

אױפן טאָג־אָרדענונג זײַנען געשטאַנען די װאַלן צו דער צװײטער דומע. די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער אָנגענומען אַלע מיטלען אַז די ברײטע מאַסן זאָלן זיך ניט קענען באַטײליקן אין די װאַלן. כּדי אָנטײלצונעמען אין די װאַלן האָט מען געדאַרפט האָבן אַ „צענז": באַזיצן אײגנטום, אַ הױז, אַ װאַרשטאַט, אַ געשעפט, אָדער אַמװײניקסטן װאױנען אין אַ באַזונדערער דירה אַ באַשטימטע צײַט. דאָס האָט אױסגעשלאָסן דעם גרעסטן טײל ײדישע אַרבעטער פון קאָנען אָנטײלנעמען אין די װאַלן. צו דעם איז די באַפעלקערונג לױטן װאַלגעזעץ געװען אײַנגעשטעלט אין „קוריעס" אין באַזונדערע גרופּעס: די אַרבעטער האָבן געקליבן אין אַן „אַרבעטער קוריע". אין די גרױסע אינדוסטריעלע שטעט, װוּ טױזנטער אַרבעטער זײַנען געװען באַשעפטיקט אין גרױסע פאַבריקן, האָט די „אַרבעטער קוריע" געהאַט

א מעגלעכקייט אויסצוקלייבן זייערע דעפּוטאַטן. גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע ביי די יידישע אַרבעטער וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט אין קליינע וואַרשטאַטן. זיי האָבן קיינעם ניט געקאָנט אויסקלייבן, דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ וויכטיקע דערשיינונג.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָבן זיך אויף דער יידישער גאַס אָרגאַניזירט און געוואָרן טעטיק אַ צאָל בירגערלעכע פּאַרטייען: די ציוניסטישע, „די יידישע פאָלקס־גרופּע", דער „פּאַראיין צו דערגרייכן פולבאַרעכטיקונג פאַר די יידן אין רוסלאַנד". די לעצטע האָבן זיך גערופן מיט אַ פאַרקירצטן נאָמען „דערגרייכער". עס האָבן אויך געאַרבעט אויף דער יידישער גאַס פאַרשיידענע אַרבעטער־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פּאָליטישן לעבן.

די „דערגרייכער" — דער פּאַרטיי פון דער רייכער, האַלב־אַסימילירטער יידישער בורזשואַזיע — האָט זיך איינגעגעבן אויסצוקלייבן אין דער ערשטער דומע 12 יידישע דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען אין דער דומע געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער קאַדעטישער (ליבעראַלער) פּאַרטיי.

די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן אַריינגענומען און פאַראייניקט אַרום זיך פיל פון די „פּראָפעסיאָנאַלן": דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לערער, וועלכע זיינען פאַר דער רעוואָלוציע געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דער צאַרישער רעגירונג און פלעגן דעמאָלט געבן פאַרשיידענע הילף־מיטלען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, דערהויפּט פינאַנציעלע מיטלען. איצט ווען די רעגירונג איז געווען געצוואונגען, דורך דעם קאַמף פון די אַרבעטער, צוזאַמענרופן אַ דומע און געבן דעם פאָלק באַגרענעצטע פרייהייט צו אָרגאַניזירן זיך, זיינען די פּראָפעסיאָנאַלן אין זייער גרעסטער מערהייט ניט נאָר אַוועק פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, נאָר זיי האָבן אפילו ס'רוב גענומען קעמפן קעגן זיי.

עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז דער „בונד" האָט כמעט ניט געהאַט קיין לעגאַלע וואַל־באַרעכטיקטע פּערזאָן אויף אַרויסצושטעלן אַלס קאַנדידאַט צו דער דומע, ווייל די טעטיקסטע מיטגלידער זיינע, אַריינגערעכנט די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן ניט געהאַט קיין וואַל־רעכט.

מען האָט קוים געפונען צוויי — גאַזשאַנסקי („דער לערער")

און ר. רייניס (ר. אַבּראַמאָוויטש), וועלכע מען האָט ארויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַטן.

ר. אַבּראַמאָוויטשעס קאַנדידאַטור איז ארויסגעשטעלט געוואָרן אין צוויי שטעט: אין דווינסק אַלס אַ האַנדלס־אַנגעשטעלטער און אין קאָוונע אַלס אַ הויז־אייגנטימער.

די רעגירונג האָט אָבער אויסגעפונען אַז דער „צענז" איז ניט קיין געזעצלעכער און מען האָט ארונטערגענומען זיין קאַנדידאַטור.

פונדעסטוועגן האָט זיך דער רעגירונג פאַרט ניט איינגעגעבן צו האָבן אַ געהאָרכזאַמע דומע, ווי זי האָט געוואָלט.

די צאָל סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אין דער צווייטער דומע איז געווען גרעסער ווי אין דער ערשטער, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן ארונטערגענומען דעם באָיקאָט און מער ארבעטער האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די וואַלן.

אין דער ערשטער דומע זיינען געווען 18 סאָציאַל דעמאָקראַטן, אין דער צווייטער 65; פאַרשיידענע סאָציאַליסטיש געשטימטע—אין דער ערשטער 94, (אַריינגערעכנט די עס.ערן און די „ארבעט־פּאַרטיי" פון פּויערים) — אין דער צווייטער 157 דעפּוטאַטן.

ווען די דומע האָט זיך פאַרזאַמלט דעם 20־טן פעברואַר 1907, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן דער מערהייט פון דער דומע מיט דער רעגירונג.

דערהויפּט האָט די רעגירונג ניט געקענט פאַרטראָגן די דרייסטע האַלטונג און קריטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, באַזונדערס די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן און זייער פאַרבינדונג מיט דער מאַסע ווײַלער אויף די ערטער. עס פלעגן קומען „דעפּוטאַציעס" פון די אַר־בעטער צו די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן און אפילו פאַרשטייער פון מיליטער־טיילן.

די צאַרישע רעגירונג — אונטער איר פּרעמיער, דער תליון סטאָליפּין, — האָט באַשולדיקט די סאָציאַל דעמאָקראַטישע דעפּו־טאַטן, אַז זיי העלפן צוגרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג און האָט געפאָדערט פון דער דומע צוצונעמען פון זיי דאָס רעכט פון דעפּוטאַטישער „אומבאַרירלעכקייט". די מערהייט פון דער דומע האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוגעבן די פאָדערונג. די צאַרישע רע־גירונג האָט דאַן באַשולדיקט די דומע דעפּוטאַטן, אַז זיי באַשיצן „פאַרברעכער" און דעם דריטן יוני 1907, פאַנאַנדערגעלאָזן די צווײ־טע דומע.

די גאַנצע גרופּע 65 סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. 18 פון זיי זיינען פאַראורטיילט געוואָרן ביז 5 יאָר קאַטאָרגע, 10 האָבן באַקומען לעבנסלענגלעכע פאַרשיקונג אין סיביר.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך שוין מער ניט גערעכנט מיט דעם צוזאָג, וואָס זי האָט געמאַכט אין מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער 1905, אַז נאָר די דומע וועט האָבן אַ רעכט צו מאַכן געזעצן. זי האָט אַליין אויסגעאַרבעט אַ נייעם נאָך מער רעאַקציאָנערן וואַל־געזעץ פאַר דער דריטער דומע אַזוי, אַז די גרויסע גוט־באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן זאָלן האָבן אַ געזיכערטע מערהייט אין דער דומע.

פון די 442 דעפּוטאַטן וואָס זיינען אונטער דעם געזעץ דער־וויילט געוואָרן אין דער דריטער דומע זיינען 171 געווען אויסגע־שפּראָכענע רעכטע „שוואַרצע מאַהניקעס" וועלכע האָבן געפּריי־דיקט און געהאָלפן אָרגאַניזירן פּאָגראָמען אויף יידן, און זיינען גע־ווען אויסדריקלעך קעגן אַלע צוזאָגן פון דעם מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער. 113 זיינען געווען „אָקטאָבריסטן", פאָרשטייער פון גוט־באַזיצער און דער רייכער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר טיילווייזע אָנהענגער פון דעם מאַניפעסט פון 17טן אָק־טאָבער 1905.

די ליבעראַלע קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן, אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן פאַרקירצט, „קאַדעטן", האָבן געהאַט 101 דעפּוטאַטן. די „טרודאָוויקעס", אויסגעקליבענע דערהויפּט פון די פּויערים און אַנ־דערע סאָציאַליסטיש געשטימטע דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען אין דער צווייטער דומע געווען פאַרטראָטן אין אַ צאָל פון 157, האָבן איצט געהאַט נאָר 13. סאָציאַל דעמאָקראַטן זיינען געווען 18.

אַזוי האָט די צאַרישע רעגירונג געשאַפן אַן אינסטרומענט וואָס זאָל איר העלפן דערשטיקן די קרעפטן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר אַ פרייער רוסלאַנד.

די יאָרן פון רעאַקציע

אונטער דער פירערשאַפט פון צאַרישן הענקער סטאָליפּין האָט זיך די צאַרישע רעגירונג אַ נעם געטאָן צו ליקווידירן, צו אויסראָטן יעדע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, יעדן פרייען געדאַנק, אַלץ וואָס האָט דער־מאָנט אָן דעם מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער, וואָס זי אַליין האָט אַרויסגעגעבן.

שטראַף־עקספּעדיציעס זיינען געשיקט געוואָרן אין די דערפער, וואו די פּויערים האָבן געוואגט צו פאָדערן מער ערד אָדער קלענערע שטייערן. דערהויפּט זיינען די שטראָף־עקספעדיציעס געווען טעטיק אין די פלעצער וואו די אַרבעטער האָבן נאָך געוואגט צו קעמפן קעגן דער רעגירונג. די קאַפּיטאַליסטן האָבן אָנגעוויזן אויף אַרבעטער וועלכע האָבן פריער אָנטיילגענומען אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף. זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט „שוואַרצע צעטלען״ פון די קעמפנדע אַרבעטער, אַז קיין פאַבריקאַנט זאָל זיי ניט נעמען צו דער אַרבעט.

קריגס־געריכטן האָבן פאַראורטיילט טויזנטער אַרבעטער און פּויערים צו טויט־שטראָף.

רוסלאַנד איז באַדעקט געוואָרן מיט תּליות אויף וועלכע עס זיינען געהאַנגען די מוטיקסטע קעמפער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין דער צאַרישער אימפּעריע. די תּליות זיינען דעמאָלט געוואָרן אַזאַ געוויינלעכע דערשיינונג אין רוסלאַנד, אַז מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבן סטאָליפּינס קראַוואַטן (האַלדזטיכער).

***

דעם 19טן סעפּטעמבער 1907, האָט די צאַרישע רעגירונג צוגעמאַכט די „פאָלקס־צייטונג״, וואו איך האָב געאַרבעט. מען האָט געפּרואווט אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג מיט אַן אַנדער נאָמען: „די האָפענונג״. אָבער דעם 29טן אָקטאָבער איז אויך די צייטונג צוגעמאַכט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון דער רעדאַקציע און פון דער געשעפט־פאַרוואַלטונג זיינען דערביי אַרעסטירט געוואָרן.

די צאַרישע פאַרפאָלגונגען האָבן אויך צעשמעטערט די פּאָר פאַרבליבענע „לעגאַלע״ פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס). דער לעצטער וואָס האָט געקעמפט מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַר זיין עקזיסטענץ, איז געווען דער דרוקער־פאַראיין.

צו יעדער לעגאַלער פאַרזאַמלונג פון פאַראיין האָט די פּאָליציי אַריינגעשיקט „אַ גאָראָדאָוואָי״ (פּאָליסמאַן) וועלכער האָט געדאַרפט היטן, מען זאָל ניט ריידן קיין יידיש און פאַרצייכענען אַלץ, וועגן וואָס מען פאַרהאַנדלט. אַ פּאָר מאָל האָט זיך אונדז איינגעגעבן אונטערצוקויפן אונדזער „היטער״ אָבער וואָס ווייטער איז די לאַגע געוואָרן ערגער.

די מיטגלידער האָבן ענדלעך אָנגעוואָרן דעם אינטערעס און

דעם חשק צו קומען צו די פאַרזאַמלונגען ווייל זייער ווייניק פון זיי האָבן געקענט די רוסישע שפּראַך.

אָבער ניט בעסער איז געווען די לאַגע אויך אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג. אפילו די זיצונגען פון דעם ווילנער קאָמיטעט זיינען שוין ניט פאָרגעקומען פּינקטלעך, ווייל די שטימונג ביי די טוער איז געפאַלן און די פאַרבינדונג מיט די מאַסן איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

די רעאַקציע האָט געווירקט אויף דער יידישער גאַס אפשר נאָך שטאַרקער ווי אויף דער ניט יידישער.

איינע פון די הויפּט־אורזאַכן וואָס די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט גענומען גיין שנעל באַרג אַראָפּ איז געווען די עמיגראַציע. אין די יאָרן פון רעאַקציע, פון אָנהויב 1906 און ווייטער, האָט די עמיגראַציע אַרומגעכאַפּט אַן אומגעהייערע צאָל פון דער יידישער אַרבעטער־באַפעלקערונג. אין די צוויי יאָר האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע נאָענט צו אַ פערטל מיליאָן יידן. עס זיינען אויך געפאָרן די יינגסטע, די מער אַקטיווערע טוער פון דער באַוועגונג. אין איינ־קע שטעט איז כמעט דער גאַנצער קאָמיטעט און דער גרעסטער טייל פון די מיטגלידער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ווילנע איז ניט געווען קיין אויסנאַם. מיט וועמען איך פלעג זיך דעמאָלט ניט טרעפן פון די אַקטיווע טוער, איז די טעמע פון זייערע רייד ניט געווען, ווי פריער, וועגן דער אָרגאַניזאַציע אַרבעט, נאָר מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אָדער מען איז שוין איינגעפּאַקט צום פאָרן, אָדער מען וואַרט אויף אַ „שיף־קאַרטע".

פון די איבער דרייסיק טויזנט אַקטיווע מיטגלידער וואָס דער „בונד" האָט געהאַט אין רוסלאַנד אין אָנהויב 1906 וועט זיין ניט איבערטריבן צו זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל פון זיי איז אין אַ פּאָר יאָר אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע מיט אונדזער אינטעליגענץ. אַ פּעסימיסטישע, געדריקטע און אָפט פּשוט צינישע שטימונג האָט אַרומגעכאַפּט די אינטעליגענץ נאָך מער ווי די אַרבעטער. איך געדענק אַ מיינונג אַרויסגעזאָגט פון באַוואוסטן בונדיסטישן אינטעלי־גענטן טוער, גאָזשאַנסקי, אַז „אונדזער דור וועט שוין ניט זען די אויפלעבונג פון דער רעוואָלוציע און די שטירצונג פון צאַריזם. דאָס וועט שוין דאַרפן זיין די אַרבעט פון דעם דור וואָס וועט קומען נאָך אונדז..."

א טייל פון דער אינטעליגענץ, וואָס איז מערסטנס געקומען פון דעם קליינבירגערטום, האָט גענומען אָניאָגן, דאָס וואָס זיי האָבן אין דער צייט פון זייער יונגן „ניט פּראַקטישן" אידעאַליזם פאַרזען, זיי האָבן גענומען זוכן אַ תכלית, דיפּלאָמען, שטעלעס, רייכע כלות, חתונה האָבן און ווערן „מיט מענטשן גלייך". אַנדערע האָבן געזוכט אויסצוקויפן זייער „יוגנט־זינד" און ווערן רעליגיעז. אַ טייל איז אַוועק צו אַן אַנדער עקסטרעם: זיי האָבן גענומען פּראַקטיצירן „סאַניניזם", לויט דעם מוסטער פון דעם „העלד" פון דעם רוסישן שרייבער אַרציבאַשעווס פּאָפּולערן ראָמאַן „סאַנין", וואָס האָט געפּריידיקט צו געניסן פון דער וועלט, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום מאָראַלישע באַגריפן, אָדער פּרינציפּן.

די באַלעבאַטים האָבן אויסנוצנדיק די רעאַקציע, גענומען אָפּנעמען ביי די אַרבעטער די פאַרבעסערטע אַרבעטס־באַדינגונגען, וועלכע זיינען געוואונען געוואָרן אין די האָניק־חדשים פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האָבן געמאַכט אָפטע לאָקאַוטן צו צווינגען די אַרבעטער איינצוגיין אויף ערגערע אַרבעטס־תנאים.

ענדע 1906 איז פאָרגעקומען אַ לאָקאַוט אין די בערשטער אונטערנעמונגען וועלכע האָט אַנגערירט איבער דריי טויזנט יידישע אַרבעטער. איבער צוויי חדשים האָבן די אַרבעטער געקעמפט קעגן די פאַרזוכן פון די באַלעבאַטים צוצוברעכן זייער בערשטער־פאַראיין און איינפירן שטיק־אַרבעט. דער לאָקאַוט האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פאַר די אַרבעטער. אין 1909 האָבן די בערשטער באַלעבאַטים ווידער געמאַכט אַ לאָקאַוט און געוואָלט אָפּשאַפן דעם 8 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און איינפירן אַ 10 שעהדיקן, אָבער אויך דעם מאָל האָבן די באַלעבאַטים ניט געקענט ברעכן דעם בערשטער־פאַראיין און די אַרבעטער האָבן געוואונען. סוף 1908, האָבן די ווילנער און סמאָרגאָנער גאַרבער פאַבריקאַנטן געמאַכט אַ לאָקאַוט אויף איבער צוויי טויזנט אַרבעטער. דער הונגער האָט געטריבן די סמאָרגאָנער אַרבעטער אונטערצוגעבן זיך. די ווילנער גאַרבער האָבן געקעמפט נאָענט צו 6 חדשים און זיינען אויך געווען געצוואונגען אונטערצוגעבן זיך.

מיר איז אין יענער צייט איינמאָל אויסגעקומען צו האָבן אַן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג מיט ווילנער שניידערקעס. עס איז שוין געווען אַ לענגערע צייט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די בליקן פון אייניקע מיידלעך, די אויגן מיט וועלכע

זיי האָבן אויף מיר געקוקט. אין זייערע אויגן איז געווען אויסגעדריקט טרויער אויף דער פאַרלאָרענער, שיינער, פרייער וועלט, וועלכע מיר האָבן פאַר זיי געמאָלן ערשט מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק. און אַט האָט זיך אין די אויגן ביי אייניקע פון זיי ווידער אָנגעצונדן אַ פייערל, זיי האָבן געזוכט, געבעטן זיך ביי מיר אָן ווערטער, נאָר מיט דעם פייער אין זייערע אויגן, איך זאָל זיי געבן אַן ענטפער, ווען וועט די פינצטערע רעאַקציע אַוועק, ווען וועט ווידער אויפשטיין דער טאָג פון קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט.

איך בין אַוועק פון יענער פאַרזאַמלונג מיט אַ צעבראָכענעם געמיט, און האָב יענע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפן. די אויגן פון די מיידלעך זיינען פאַר מיר געשטאַנען, — אויגן פון אַ פאַרלאָזענער אַר־מיי. איך האָב זיך געפרעגט: וואו זיינען די גענעראַלן, אָפיצערן, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג געפירט די אַרמיי אין די רומפולע שלאַכטן ?

נאַטירלעך, האָב איך געוואוסט דעם ענטפער. פיל פון די גע־נעראַלן, אָפיצערן זיינען אומגעקומען אויף די צאַרישע תליות, וואַל־גערן זיך אין סיביר, זיצן פאַרשפאַרט אין די צאַרישע טורמעס. אַ גרויסער טייל פון זיי איז אַוועק אין אַמעריקע, אַ טייל האָבן דעזער־טירט, ווען זיי האָבן געזען אַז די שלאַכט ווערט פאַרלאָרן.

עס איז פאַרבליבן בלויז אַ קליינע גרופּע פירער און אַ צעטומל־טע מאַסע, וועלכע האָבן געזוכט נייע וועגן.

מען זוכט נייע וועגן

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פון לאַנגע דיסקוסיעס. טיילווייז אין דעם אומלעגאַלן זשורנאַל, „די שטימע פון בונד", וועלכער האָט גענומען אַרויסגיין אין 1908. אָבער דערהויפּט אויף די אומלעגאַלע צוזאַמענקונפטן פון דעם קליינעם אַקטיוו, וואָס איז געבליבן ביי דער אַרבעט.

די הויפּט־טעמע פון די דיסקוסיעס איז געווען ווי אויסצונוצן די קליינע לעגאַלע מעגלעכקייטן וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן פון דער באַזיגטער רעוואָלוציע.

עס זיינען דעמאָלט געווען צוויי הויפּט־ריכטונגען אין דער רוסלענדישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי, און אויך ביים „בונד". איינע האָט מען גערופן „די ליקווידאַטאָרן". זייער מיינונג

איז געווען, .אַז די צייט פון אומלעגאַלער אַרבעט, פון אַ שטאַרקער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי איז אַריבער; אַז עס איז אַ אוטאָפּיע צו גלויבן, אַז מען קען איצט האָבן אַ ווירקונג און ווידער אָרגאַניזירן די ברייטע מאַסן פון דעם אַרבעטער קלאַס אין אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי, מיט די מעטאָדן וועלכע מיר האָבן באַנוצט בעפאָר דער אָקטאָבער רעוואָלוציע.

זיי האָבן געהאַלטן, אַז די פּראַקטישסטע זאַך וואָלט געווען אויפגעבן די אומלעגאַלע אַרבעטן, אויסנוצן און אויסברייטערן אַלע לעגאַלע מעגלעכקייטן וואָס די צארישע רעגירונג האָט נאָך געלאָזן, ווי די אַרבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן, געזאַנג־פאַראיינען און אַנדערע און אויף דעם בויען די גאַנצע באַוועגונג, צופּאַסנדיק זיך צו די אומשטענדן פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

די קעגנער פון די „ליקווידאַטאָרן" — די באָלשעוויקעס אין דער ערשטער ריי — האָבן אויפגעוויזן אַז עס איז אַ פּוסטע אילוזיע פאָרצושטעלן זיך, אַז אין די באַדינגונגען פון סטאָליפּינס בלוטיקער רעאַקציע, וועט זיך איינגעבן „לעגאַל" צו אָרגאַניזירן די ברייטע מאַסן, צו אָנהאַלטן ביי זיי די קאַמף־פעאיקייט, צו געבן אָט די מאַסן דעם נויטיקן גלויבן און ענטוזיאַזם פאַר דעם ענדגילטיקן קאַמף קעגן צאַריזם און פאַר דעם סאָציאַליזם. די קעגנער פון די „ליקווידאַטאָרן" האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז ווען מען זאָל אָננעמען די ליקווידאַטאָרישע ריכטונג, דאַרף מען אויפגעבן, צוברעכן און פאַנאַנדערלאָזן דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, וואָס עס האָט גענומען אַזוי פיל יאָרן אויפצובויען. די ליקווידאַטאָרן ווידער האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף טאַקע די פּאַרטייען פאַנאַנדערלאָזן, ווייל זיי קאָנען שוין גאָרנישט אויפטאָן און זיינען בלויז אַ שטערונג.

אין "בונד" זיינען די פאָרשטייער פון די „ליקווידאַטאָרן" געווען ר. אַבראַמאָוויטש, ליבער (גאָלדמאַן) און דר. ראָזענטאַל. די הויפּט־קעגנער פון דעם ליקווידאַטאָרישן שטאַנדפּונקט זיינען צווישן אַנדערע געווען יונה קאָיגען און יודין אייזנשטאַט.

אין מערץ 1908, איז אין גראָדנע פאָרגעקומען אַן אומלעגאַלע באַראַטונג וועגן אויפלעבן די אַרבעט אין „בונד". אויף דער באַראַטונג האָט ליבער אין זיין רעפעראַט געגעבן די פאָלגנדע פּאָליטישע אָפּשאַצונג:

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז שוין געענדיקט. אמת, ניט אַלץ וואָס מען האָט געוואָלט איז דערגרייכט געוואָרן, אָבער אפילו די באַגרענעצטע מאָס פרייהייט וואָס מיר האָבן באַקומען, גיט אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן זיך, אָנצופירן די אַרבעט לעגאַל. ליבער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די וואָס האָפן נאָך אויפצולעבן און פאַרשטאַרקן די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. ער האָט פאַרזיכערט, אַז אפילו אונטער סטאָליפּינס רעזשים ווערן „אָביעקטיוו" רעאַליזירט די אויפגאַבן, וואָס די רעוואָלוציע האָט אונדז איבערגעלאָזן.

עס איז ווערט דאָ צו באַמערקן, אַז אָט די צעטיילונג פון אַ רעכטער (ליקווידאַטאָרישער אַנטי־רעוואָלוציאָנערער) און לינקער ריכטונג אין „בונד" צווישן די, וואָס זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון „בונד" האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר אין ציריך, ווען מען האָט דיסקוטירט די נאַציאָנאַלע פראַגע. און ווען עס איז שפּעטער נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע פון 1917, פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין „בונד", זיינען די פירער פון דער לינקער ריכטונג ווי יונה קאָיגען, ירחמיאל וויינשטיין און אַנדערע אַריבער צו די קאָמוניסטן, בעת ר. אַבראַמאָוויטש און די וואָס האָבן געהאַלטן מיט אים זיינען אַוועק אין לאַגער פון די פאַרביסענסטע שונאים פון דער רעוואָלוציע, פון יעדער רעוואָלוציע...

די קעגנער פון די ליקווידאַטאָרן זיינען נאַטירלעך געווען פאַר דעם, מען זאָל אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן. זיי זיינען אָבער געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל מאַכן די לעגאַלע אַרבעט פאַר דער איינציקער אָדער הויפּט־אַרבעט.

אויף דער יידישער גאַס זיינען אין אַלגעמיין געווען אפשר נאָך וויינינקער מעגלעכקייטן פאַר לעגאַלער אַרבעט, ווי ביי די ניט יידן. די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען אונטערדריקט און צורגעמאַכט געוואָרן פריער איידער די ניט יידישע. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער „קולטורעלער" אַרבעט: ביים שאַפן לעגאַלע ליטעראַטור, אָוונט־שולן, קורסן, געזאַנג פאַראיינען און אַנדערע קולטורעלע אַנשטאַלטן, האָט די צאַרישע רעגירונג געמאַכט אַזעלכע שוועריקייטן, אַז פיל אויפטאָן האָט מען ניט געקענט.

מיר האָבן אין ווילנע אויסגענוצט אויף וויפיל עס איז געווען מעגלעך די לעגאַלע קולטורעלע אַרבעט. עס איז געגרינדעט געוואָרן

סוף 1908 א „יידיש ליטעראַרישע געזעלשאַפט" וואו מיר זיינען גע־וועז טעטיק. עס זיינען אויך געעפנט געוואָרן אָוונט־שולן פאַר דער־וואַקסענע.

ווען עס פלעגט אין שטאָט קומען א יידישער שרייבער, ווי שלום עליכם, י. ל. פּרץ, שלום אש, אָנוכי און אַנדערע, פלעגט דאָס זיין א גרויסע געשעעניש און צו אַזאַ פאַרלעזונג פלעגן קומען פיל אַרבעטער.

דאָס יידישע פאָלקס־ליד האָט פאַרנומען א פּראָמינענטן פּלאַץ ביי די קולטורעלע צוזאַמענקונפטן, מען האָט מיט גרויס געפיל גע־זונגען, „אמאָל איז געווען א מלך" אָדער „זאָג מיר, דו, שיין מיידעלע" און אַנדערע פאָלקס־לידער, מיט דעם זעלבן ברען, מיט דער זעלבער באַגייסטערונג ווי מ'האָט פאַר דער רעאַקציע, געזונגען רעוואָלוציאָ־נערע לידער. זינגען יידישע פאָלקס־לידער איז אָבער געווען א מיטל צו באַרואיקן די צאַרישע „אויפּפּאַסער" אַז מען גרייט ניט צו קיין רעוואָלוציע ביי די פאַרזאַמלונגען. עס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן צוצוציען די ברייטע מאַסן צו דער „לעגאַלער" קולטורעלער טעטי־קייט, ווייל, די רעגירונג האָט שנעל צעשטערט אויך די מינימאַלסטע לעגאַלע מעגלעכקייטן.

***

מיטן צומאַכן די טעגלעכע צייטונג איז מיין מאַטעריעלע לאַגע גע־וואָרן זייער שלעכט.

די דרוקעריי איז געווען אויף דעם נאָמען פון א פאַרמעגלעכן מאַן, קלעצקין, וועלכער איז געשטאַנען נאָענט צום „בונד".

ווען מען האָט צוגעמאַכט די צייטונג איז די דרוקעריי פאַרבליבן אָפיציעל אַלס דאָס „אייגנטום" פון קלעצקינען.

עס זיינען אין איר געבליבן אַרבעטן א פּאָר געצייילטע מענטשן: מאַרק ווילטער, אַלס דער פריערדיקער טעכנישער פירער, — דערצו איז מאַרק געווען דער בעסטער אַרבעטער, וועלכער האָט געקענט טאָן דאָס גאַנצע ביסל אַרבעט וואָס די דרוקעריי האָט געקראָגן. עס איז אויך געבליבן אַרבעטן איסער דראַפּקין, צו זעצן אויף דער מאַשין א העברעאישע צייטונג, וואָס די דרוק האָט אָנגענומען צו מאַכן. ישראל מיכל קאַפּלינסקי האָט זיך גענומען לערנען אַרבעטן אויף א קלענערער דרוק־מאַשין.

איך, אַזוי ווי אַנדערע אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער צייטונג, בין געבליבן אָן אַרבעט.

אַלע אונדזערע נאָענטע פריינט, אויך מיינע און מיין פרויס ברידער און שוועסטער זיינען שוין געווען אין אַמעריקע, מיר פלעגן קריגן בריוו פון זיי מיט פאַרשלאָגן צו קומען. איינמאָל האָבן זיי אונדז אַפּילו אַרויסגעשיקט שיפסקאַרטעס. אָבער יעדן מאָל, ווען מען פלעגט נעמען ריידן וועגן אַמעריקע, האָב איך געפילט ווי אַ דעזער־טיר, וואָס פאַרלאָזט די אַרמיי.

אַ זשורנאַל מיט אַן „אונטערשלאַק"

זומער 1908, איז ליטוואַק (חיים יאַנקל העלפאַנט) געקומען מיט אַ פּלאַן וועגן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג.

דער פּלאַן איז מיר געפעלן געוואָרן. איך האָב סיי־ווי־סיי ניט געהאַט וואָס צו טאָן. האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרופּע אַר־בעטער און שרייבער דורכצוריידן זיך וועגן דעם. עס האָבן אָנטייל גענומען אין דער באַראַטונג מארק ווילטער, ישראל מיכל, איך — אַלס אַרבעטער און ליטוואַק מיט וואָלאָדקען (ב. טשאַרני) אַלס שרייבער.

ליטוואַק מיט וואָלאָדקען האָבן אָנגענומען צו טאָן די אַרבעט אין דער רעדאַקציע. מיר האָבן געדאַרפט באַזאָרגן די טעכנישע זייט פון דער צייטונג: זעצן, דרוקן און פאַנאַנדערשיקן.

עס האָט זיך, אמת, געפאָדערט אַ באַדייטנדיקע סומע געלט אָנ־צוהייבן די צייטונג: מען האָט געדאַרפט קויפן פּאַפּיר, באַצאָלן דעם דרוקער. עס האָט זיך אויך געפאָדערט געלט פאַר אַנאָנסן, אַז עס וועט דערשיינען אַזאַ צייטונג.

קריגן די סומע געלט איז געווען די שווערסטע זאַך. אין אונד־זער גרופּע האָט קיינער קיין געלט ניט געהאַט. עס זיינען געווען פּלענער וועגן לייען געלט, אָבער עס האָט זיך פון דעם גאָרנישט אויס־געלאָזן. מיר האָבן זיך געווענדט צו אייניקע פּערזאָנען, אָבער יענע האָבן אָפּגעזאָגט, זייענדיק זיכער אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין דער־פאָלג מיט אונדזער צייטונג.

עס האָט שוין געהאַלטן אַז מיר וועלן דאָס דאַרפן אויפגעבן. אָבער איינמאָל גייענדיק פון אונדזער צוזאַמענקונפט, וואו מיר האָבן ווידער ניט געפונען קיין אויסוועג ווי צו קריגן די נויטיקע געלט, זאָגט מיר ישראל מיכל אַז ער דענקט, אַז ער האָט אַ מעגלעכ־קייט צו קריגן דאָס געלט, וואָס מיר דאַרפן:

ער האָט, הייסט עס, אַ רייכן פריינט, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסן מעבל־געשעפט ערגעץ אין טיף רוסלאַנד. ער שרייבט זיך מיט אים דורך. דער פריינט זיינער דאַרף קומענדיקע וואָך זיין אין ווילנע איינצוקויפן מעבל פאַר זיין געשעפט. אַזוי ווי זיין פריינט איז אַ ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור, גלויבט ער, אַז יענער וועט אים לייען דאָס געלט וואָס מיר דאַרפן. ער האָט מיך אויך געבעטן, אַז ביז זיין פריינט וועט קומען און ער וועט מיט אים רעדן, זאָל איך קיינעם וועגן דעם ניט דערציילן.

עס האָט טאַקע ניט געדויערט מער ווי אַ וואָך און ישראל מיכלס „פריינט" איז געקומען קיין ווילנע און אים „געליען" דאָס געלט...

מיר זיינען, געוויינלעך, אַלע געווען צופרידן וואָס ישראל מיכלען האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן געלט פאַר דעם זשורנאַל.

דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 11־טן סעפּטעמבער 1908. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אין דער רעדאַקציע געווען ליטוואַק און וולאַדעק. אויף וויפיל איך געדענק, האָבן זיי ביידע אָנגעשריבן כמעט אַלע אַרטיקלען פאַר דער צייטונג אונטער פאַרשיידענע נעמען.

אָבער סוף אָקטאָבער 1908, איז וולאַדעק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט צוגעזאָגט צו שרייבן פון וועג און אויך ווען ער וועט קומען קיין אַמעריקע. אין 9טן און 12טן נומער פון דער צייטונג זיינען געווען געדרוקט אַרטיקלען וואָס ער האָט צוגעשיקט פון וועג. מיט וולאַדעקס אַוועקפאָרן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער שרייבער־טייל פון דער צייטונג. עס האָט זיך אויך אויסגעלאָזן דאָס געלט וואָס ישראל מיכל האָט געליען ביי זיין „פריינט" און די צייטונג האָט אויפגעהערט צו דערשיינען.

ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט פאַרשטעלן, אַז דאָס איז געווען דאָס געלט וואָס ישראל מיכל קאַפּלינסקי האָט געקראָגן אַלס פּראָוואָקאַטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט?

***

אָנהויב אַפּריל 1909, איז צו מיר געקומען ירחמיאל וויינשטיין, אַ מיטגליד פון צ. ק. און געבעטן איך זאָל געפינען וואו אָפּצודרוקן אַ מאַי־פּראָקלאַמאַציע. איך בין צוגעפאָרן אין ביאַליסטאָק וואו, ווי ירחמיאל האָט מיר געזאָגט, מען קען געפינען אַזאַ פּלאַץ. אָבער אין ביאַליסטאָק האָב איך אויסגעפונען אַז דער דרוקער וויל דאָס ניט טאָן.

איך בין צוריק געקומען אין ווילנע און גענומען זוכן אַ דרו־קער. אין ווילנע איז געווען אַ יידישע דרוקעריי וואָס האָט געהערט צו פּיראָזשניקאָוון, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער באַוואוסט גע־וואָרן אין אַמעריקע אַלס אַ קינסטלער אויף דער קאָנצערטינע. פּי־ראָזשניקאָוון איז אויך דעמאָלט מער געלעגן אין קאָפּ זיין קאָנצער־טינע ווי די דרוקעריי.

איך האָב זיך געקענט מיט דעם מאַשיניסט וואָס האָט געאַרבעט ביי דער דרוק־מאַשין. פון דעם מאַשיניסט האָב איך אויסגעפונען די שטונדן ווען פּיראָזשניקאָוו איז דאָרט ניטאָ. האָב איך אויסגע־זעצט די מאַי־פּראָקלאַמאַציע ביים האַנט, דער מאַשיניסט האָט גע־מאַכט עטלעכע „מאַטריצן" פון מיין זאַץ, און אַפּגיסנדיק די מאַטריצן האָבן מיר שוין געקענט אָפּדרוקן צו אַכט פּראָקלאַמאַציעס פאַר איין מאָל.

די גאַנצע אַרבעט פון זעצן און אָפּדרוקן די פּראָקלאַמאַציע האָט ביי אונדז גענומען אַ פּאָר שטונדן.

אַזוי האָט פּיראָזשניקאָווס ליבע און איבערגעבנקייט צו זיין קאָנצערטינע און מוזיק געשאַפן אַ מעגלעכקייט אַז אונדזערע אָר־גאַניזאַציעס זאָלן באַזאָרגט ווערן מיט פּראָקלאַמאַציעס פאַר דעם ערשטן מאַי 1909.

אויף אַ דאַטשע

זומער, 1909, האָבן מיר געדונגען אַ זומער־וואוינונג אין אַנ־טאָקאָל, אַ פאָרשטאָט אין ווילנע.

איך האָב ווידער געקראָגן אַרבעט אין „קלעצקינס" דרוקעריי. א. ליטווין (שמואל הורוויץ), האָט גענומען אַרויסגעבן אַ זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט". אַרבעטנדיק אויף זיין זשורנאַל זיינען מיר געוואָרן נאָענטע פריינט. ער האָט אונדז פאָרגעלייגט צו נעמען צו־זאַמען אַ זומער־וואוינונג.

אונדזער זומער־וואוינונג האָט געהאַט צוויי צימערן מיט אַ קליי־נער וועראַנדע (פּאָרטש). איין צימער, אַ שיינער, ליכטיקער, האָבן מיר אָפּגעגעבן ליטווינען, דער צווייטער אַ פינצטערער — איז געווען פאַר אונדז און פאַר די קינדער. ווען עס האָט גערעגנט אָדער אין אַ צו קילן טאָג ווען די קינדער האָבן ניט געקענט זיין אין דרויסן, איז טאַקע געווען ניט גוט, אָבער אַפילו מיט די „קליינע" אומבאַקוועמ־לעכקייטן, איז דאָס געווען דער איינציקער זומער וואָס אונדזער פאַ־

מיליע האָט פאַרבראַכט אויף אַ זומער־וואוינונג. אין יענעם זומער זיינען כמעט אַלע וואוינונגען אַרום אונדזער „דאַטשע" געווען פאַרנומען מיט נאָענטע פריינט, באַקאַנטע פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָרט האָבן געוואוינט אייניקע מיטגלידער פון צ. ק. אויך אַלעקסאַנדער קרעמער און זיין פרוי, פּאַטיע און זייער יונגער טאָכטער, ישראל מיכל קאַפּלינסקי און זיין פרוי, און נאָך אייניקע אַקטיווע מיטגלידער פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן זיך אַלע זייער גוט איינגעלעבט מיט ליטווינען, אָדער ווי מיר האָבן אים אַלעמאָל גערופן ביי זיין ריכטיקן נאָמען הורוויץ. איך פלעג ביי אים נעמען דעם מאַטעריאַל צום זעצן און קומענדיק פון דער אַרבעט, פלעג איך ברענגען די „קאָרעקטורן" (פּרואווס) ער זאָל קענען איבערקוקן און מאַכן אויסבעסערונגען. ער האָט זיך אפילו איינגעבעטן ביי מיר, איך זאָל ווערן דער „געהילף־רעדאַקטאָר" פון זיין זשורנאַל.

ער פלעגט פּאַרפּלייצט ווערן מיט הונדערטער בריוו אין וועלכע מען פלעגט אים צושיקן מאַטעריאַל צום דרוקן, דערהויפּט, לידער. ער פלעגט מיר געבן איך זאָל דאָס איבערלייענען און לאָזן פאַר אים נאָר יענע לידער, וועלכע איך דענק, אַז זיי זיינען ווערט געדרוקט צו ווערן. ס'רוב איז נאָך מיין איבערלייענען, געבליבן זייער ווייניק לידער פאַר הורוויצן צו איבערקוקן און דרוקן.

א. ליטווין איז אין אַלגעמיין געווען אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט. עס גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון מיינע דערינערונגען אָפּצושטעלן זיך לענגער און איבערגעבן אינצידענטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פיל פון די פּלענער וואָס ער פלעגט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אין ניו יאָרק, קומען פון צייט צו צייט צו מיר און פאַרלייגן מיר, איך זאָל אים העלפן דורכפירן זיי. פּלענער האָט ער שטענדיק געהאַט זייער פיל: גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג, שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע, אַרבעטער זאָלן פאַרלאָזן זייערע „סוועט שעפּער" און איבערגיין אויף ערד אַרבעט, און נאָך פיל אַזעלכע פּלענער.

ער איז געווען פון די מענטשן, וועלכע אַרבעטן אויס דעם פּלאַן אָבער ווען עס קומט דורכצופירן דאָס אין לעבן, נעמען דאָס איבער די, וועלכע זיינען מער „פּראַקטיש". אַזוי איז געווען מיט זיין אויסאַרבעטן און אָפּגעבן פיל צייט אויף גרינדן די קאָלאָניע „האַרמאָניע"

לעבן פלעינפילד, פון וועלכער ער איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן, נאָכ־דעם, ווי די קאָלאָניע האָט זיך געגרינדעט.

ש. הורוויץ—ליטווין איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין 1943, אין עלטער פון איבער אַכציק יאָר.

איך קער זיך אום צום זומער פון 1909.

אין יענעם זומער האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערבראָך אין דער געפאַלענער שטימונג פון די אַרבעטער. מען האָט זיך צוריק גענומען מער אינטערעסירן מיט דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד. עס איז אויך אָנגעקומען גרינגער צוזאַמענצוקלייבן דעם קליינעם קאָלעקטיוו טוער וואָס זיינען נאָך געבליבן אין דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן יענעם זומער געהאַט אייניקע צוזאַמענקונפטן פון דעם ווילנער קאָמיטעט אין די וועלדער פון אַנטאָקאָל אויסצואַרבעטן פּלענער ווי ווידער אויפצולעבן די באַוועגונג.

און פּלוצלונג האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן אַ פאַקט וואָס האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף אונדז אַלעמען. דאָס איז געווען די אויפדעקונג, אַז ישראל מיכל קאַפּלינסקי איז שוין יאָרנלאַנג געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר.

קאַפּלינסקי — דער גרעסטער פּראָוואָקאַטאָר אין „בונד“

איך האָב זיך מיט קאַפּלינסקין געטראָפן צום ערשטן מאָל ענדע 1897, אין מינסק, ביי מערע די זעמשערקע (מערע סירקין), איידער ער איז אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין דער באָברויסקער דרוקעריי. נעענטער האָב איך זיך מיט אים באַקאַנט סוף 1899, ווען מען האָט מיך געשיקט אין ווילנע איינשטעלן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי.



ישראל מיכל קאַפּלינסקי

קאַפּלינסקי איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אָנהויב פון די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ ישיבה־בחור. ער וואַרפט אַוועק דאָס לערנען און ווערט אַ שלאָסער. ער האָט קיין מאָל ניט געאַרבעט צווישן די ברייטע מאַסן. צו דעם האָט ער ניט געהאַט דעם טעמפּעראַמענט, און אויך ניט דעם רעדנער־טאַלאַנט צו קאָנען ווירקן, באַגייסטערן די אַרבעטער. ער האָט אויך ניט געהאַט גענוג וויסן פאַר פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. אין די אַלע יאָרן וואָס איך האָב אים געקענט,

האָב איך קיינמאָל ניט געזען ער זאָל לייענען אַ װעלכן ניט איז װיכטיקן בוך װעגן געזעלשאַפטלעכע פּראָגן. ער האָט אָבער געהאַט, װי מיר פּלעגן דאָס אין יענע צייטן רופן, „אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס". אַ הויכער, דאַרער, מיט אַ בלייכן פּנים, אַ ברייטער נאָז, װאַסערדיקע אָבער קלוגע אויגן. זיין האַלטונג איז געװען שטענדיק געלאַסן, זיין ריידן איז געװען מאָנאָטאָן, צעצויגן. ער האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, אַז יעדן געדאַנק, יעדן װאָרט װאָס ער רעדט אַרויס, טראַכט ער גוט איבער איידער ער לאָזט אים אַרויס פון מויל. און אַזוי װי זיין ריידן איז אויך געװען זיין גאַנג: געלאַסן, לאַנגזאַם האָט ער געשטעלט זיינע לאַנגע פּיס. צוליב דעם האָט מען אים אין דער באַװעגונג אַ נאָמען געגעבן: „לאַנגזאַם".

אַזאַ פּערזאָן װי קאַפּלינסקי איז געװען װי אָנגעמאָסטן פאַר קאָנספּיראַטיװער אַרבעט, אין װעלכע ער איז אַריינגעצויגן געװאָרן זומער, 1897, אַ קורצע צייט איידער עס האָט זיך געגרינדעט דער „בונד". ער איז געװען איינער פון אַ קליינער גרופּע, װאָס האָבן איינגעשטעלט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי און גענומען דרוקן דעם זשורנאַל „אַרבעטער שטימע". װען עס האָט זיך געגרינדעט דער „בונד" איז די „אַרבעטער שטימע" געװאָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן. קאַפּלינסקי מיט נאָך פינף זיינען געשיקט געװאָרן קיין באָברויסק איינשטעלן דאָרט די אומלעגאַלע דרוקעריי. אין יולי 1898, איז די דרוק אויסגעשפּיאָנירט געװאָרן פון זובאַטאָװס שפּיאָנען און קאַפּ־לינסקי מיט נאָך פיר זיינען אַרעסטירט געװאָרן.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט אַז אין יולי 1898 איז פאָר־געקומען דער גרעסטער אַרעסט אין דער געשיכטע פון „בונד". אַלע אַרעסטירטע זיינען געבראַכט געװאָרן קיין מאָסקװע, װאו עס איז פאָרגעקומען די אויספאָרשונג אונטער זובאַטאָװס אויפזיכט.

זובאַטאָװ האָט זיך אין דער יוגנט אַליין געדרייט אין רעװאָלו־ציאָנערע קרייזן. װען ער איז אַרעסטירט געװאָרן (אין 1887) איז ער געװאָרן אַ פּראָװאָקאַטאָר. ער איז שנעל געשטיגן אין זיין דינסט צו דער צאַרישער רעגירונג און מען האָט אים געמאַכט פאַרן הויפּט פון דער מאָסקװער „אָכראַנקע". (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי).

צװישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט זובאַטאָװ גענומען מיטאַרבעטער װעלכע זאָלן אים העלפן גרינדן אַ „אומאָפּהענגיקע" עקאָנאָמישע באַװעגונג װאָס זאָל זיין פריי פון רעװאָלוציאָנערע שטרע־

בונגען, און פּראָוואָקאַטאָרן צו העלפן פאַרניכטן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. ביי קאַפּלינסקין האָט ער געפונען די אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר א וויכטיקן פּראָוואָקאַטאָר.

דער בעסטער שפּיאָן קען קיינמאָל ניט אויפטאָן, אַזויפיל ווי א פאַררעטער וועלכער געפינט זיך אין די רייען פון דער באַוועגונג און קען אַלץ אַרויסגעבן.

די נוצן וואָס פּראָוואָקאַטאָרן האָבן געגעבן דער צאַרישער רע־גירונג אין איר קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט באַקאַי, א געוועזענער וויכטיקער באַאַמטער פון פּאָליציי דעפּאַרט־מענט, אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז 90 פּראָצענט פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטן זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם גרונט פון די באַריכטן וואָס פּראָוואָקאַטאָרן פלעגן צושטעלן.

אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פלעגן זיך אָפט אַריינ־נאַדיען קליינע אָרטיקע פאַררעטער און פּראָוואָקאַטאָרן אָבער קאַפּ־לינסקי איז געווען א צענטראַלער פּראָוואָקאַטאָר. ער איז געווען אָנ־געשטעלט און געקראָגן באַצאָלט פון פּעטערבורגער פּאָליציי דע־פּאַרטמענט.

אויף וויפיל זובאַטאָוו צוזאַמען מיטן פּעטערבורגער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט האָבן אָפּגעשאַצט די נוצן וואָס קאַפּלינסקי קען זיי ברענגען קען ווייזן דער פאַקט, וואָס זיי האָבן דערלויבט באַפרייען פון טורמע מענטשן, וועלכע מען האָט געכאַפּט אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי, וואָס דערפאַר פלעגט מען פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע, זיי האָבן אויך געלאָזן באַפרייען מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט און אַנדערע וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס אַמווייניקסטן האָבן זיי דער־וואַרטעט אַרויסגעשיקט צו ווערן אין סיביר אויף פיל יאָר. מען האָט זיי אַלעמען באַפרייט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף קאַפּלינסקין וואָס איז באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט זיי.

אין די יאָרן וואָס קאַפּלינסקי האָט געדינט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, איז ער צוויי מאָל אַרעסטירט געוואָרן פון דער אָר־טיקער פּאָליציי און ביידע מאָל האָט פּעטערבורג זיך געדאַרפט אַריינ־מישן צו באַפרייען אַלע וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אים. אין אַפּריל 1905 איז אַרעסטירט געוואָרן דער גאַנצער דווינסקער קאָלעקטיוו פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, צווישן די

אַרעסטירטע איז אויך געווען קאַפּלינסקי. מען האָט זיך אין פּעטערבורג דערוואוסט וועגן אַרעסט, האָט מען גלייך געגעבן אַ באַפעל אַלעמען צו באַפרייען. דער דווינסקער פּאָליציי מייסטער האָט מיט אַ צייט שפּעטער פאַרטרויט זיינעם אַ באַקאַנטן, אַז ווי ער פאַרשטייט, איז צווישן די אַרעסטירטע געווען אַ וויכטיקע פּערזאָן וואָס דינט דעם פּאָליציי דעפּאַרטמענט, און אַז נאָר דערפאַר האָט מען אַלעמען געהייסן באַפרייען. אין נאָוועמבער דעם זעלבן יאָר האָט מען אין וואַרשע אַרעסטירט אַ גרופּע פון 17 פּערזאָן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען מיטגלידער פון וואַרשעווער קאָמיטעט, אַקטיווע טוער פון דער אָרגאַניזאַציע און צופעליק אויך קאַפּלינסקי.

וואַרשע איז דאַן געווען אונטער קריגס־צושטאַנד. דער צאַרישער הענקער, גענעראַל גובערנאַטאָר סקאַלאָן, האָט אָנגעפירט אַ בלוטיקן קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערן. מען האָט טאָג־טעגלעך אַרעסטירט מענטשן אין די גאַסן אויפן קלענסטן פאַרדאַכט. סקאַלאָן האָט איינגעשטעלט אַ מיליטערישן פעלד־געריכט וועלכער פלעגט פאַר־משפּטן צום הענגען אַרעסטירטע קעגן וועלכע עס זיינען אפילו ניט געווען קיין באַווייזן.

קאַפּלינסקי האָט תיכף געלאָזט וויסן אין פּעטערבורג אַז ער איז אַרעסטירט. מען האָט פון דאָרטן אַרויסגעשיקט אַ וויכטיקן באַאַמטן פון פּאָליציי דעפּאַרטמענט, קלימאָוויטש, וועלכער איז געקומען אין וואַרשע, האָט אַרויסגערופן צו זיך פון טורמע קאַפּלינסקין און זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַז די גאַנצע גרופּע זאָל באַפרייט ווערן צוזאַמען מיט אים.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אום צו זיין אַ דערפאָלגרייכער פּראָוואָקאַטאָר, איז נויטיק געווען צו קענען וואָס מער רעוואָלוציאָנערן, צו זיין באַקאַנט מיט אַלע אַקציעס וואָס די פירנדע אַנשטאַלטן האָבן דאַן אָנגענומען אין קאַמף מיט דער צאַרישער רעגירונג. וואָס מער דער פּראָוואָקאַטאָר האָט געוויזן אַז ער איז טעטיק, „איבערגעגעבן" צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַלץ זיכערער האָט ער געקענט זיין אַז עס וועט אויף אים קיין פאַרדאַכט ניט פאַלן.

גלייך ווי קאַפּלינסקי איז באַפרייט געוואָרן אין 1899 פון מאָסקווער טורמע איז ער געקומען אין ווילנע און גענומען זייער ענערגיש אַרבעטן אין „בונד", כדי בעסער אויספירן זיין מיסיע אַלס פּראָוואָקאַטאָר.

ער עפנט אַ שלאָסער ווערקשטאַט און הויבט דאָרט אָן צוגרייטן מאַשינען פאַר די אומלעגאַלע דרוקערייען. איך האָב שוין איבערגע־געבן וויפיל צייט ער האָט אָפּגעגעבן אין העלפן איינאָרדענען די ווילנער דרוקעריי. מיט דער צייט העלפט ער אויך אויסאַרבעטן גע־היימע באַהעלטענישן אין טיילן פון מעבל מיט וועלכע די מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט פלעגן זיך באַנוצן: אין אַ טיש פלעגט אויס־געאַרבעט ווערן אַ פּלאַץ וואו מען האָט געקענט האַלטן וויכטיקע, גע־היימע אַדרעסן אָדער דאָקומענטן און עפענען דעם טיש האָט נאָר געקענט דער, וועלכער האָט געוואוסט דעם סוד. דאָס זעלבע איז אין אַנדערע שטיקלעך מעבל ווי ביכער־שראַנקען, הענגערס פאַר קליידער און נאָך אַזעלכע פלעצער. ווען די פּאָליציי איז געקומען און האָט גע־מאַכט אַ הויז־זוכונג האָט זי די געהיימע באַהעלטענישן ניט געקענט אַנטדעקן.

קאַפּלינסקי איז אויך געווען טעטיק אין דער באַוועגונג. ער איז געווען אויף פיל קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פון „בונד".

דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געהאַט אַ כּלל, אַז די טוער, וועל־כע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט געהיימער אַרבעט, ווי מיט דרוקערייען, טראַנספּאָרטירן ליטעראַטור אָדער געווער, האָט מען ניט געלאָזן פאַר־נעמען זיך מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציע־אַרבעט, אָדער באַגעגענען זיך מיט מענטשן, וואָס אַרבעטן צווישן די ברייטע מאַסן. נח, אַלס דער אויפזעער איבער די אַרבעטן, האָט דעם כּלל שטרענג אָפּגעהיט. עס איז אָבער מערקווירדיק, וואָס צו קאַפּלינסקין האָט מען דאָס ניט אָנ־געווענדט. ער פלעגט דאַרפן אָפט קומען אין די וואוינונגען פון די דרוקערייען, אין פאַרבינדונג מיט די מאַשינען וואָס ער פלעגט מאַכן, אַפילו אין די יאָרן וואָס ער איז געווען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. דאָס ווייזט ווי מען האָט אים געגלויבט, ווי שטאַרק מען האָט גע־האַלטן פון זיין פעאיקייט צו זיין קאָנספּיראַטיוו און קענען זיך אויס־היטן פון געפאַרן.

קאַפּלינסקי פילט אַז די ערד שאָקלט זיך אונטער אים

זומער 1909 האָט איבער גאַנץ רוסלאַנד פאַנאַנדערגעטראָגן זיך די אויפדעקונג וואָס בורצעוו האָט פאַרעפנטלעכט וועגן די סודות פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. די גרעסטע איבעררא‏שונג איז געווען די אַנטדעקונג, אַז אַזעוו איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

אַזעוו איז געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַרטיי „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן". ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די וויכטיקסטע טעראָר־אַקטן אויף מיניסטאָרן, גובערנאַטאָרן, פירשטן און הויכע אָנגעשטעלטע פון דער צאַרישער רעגירונג. קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ רושם די נייס אַז ער איז אַ פראָוואָקאַטאָר האָט אויף אַלעמען געמאַכט. ביי דער געדריקטער פאָליטישער שטימונג וואָס האָט דאַמאָלסט געהערשט אין דער אַרבעטער באַוועגונג צוליב דער שרעקלעכער רעאַקציע, איז די געשיכטע אַזעוו געווען אַזאַ מאָראַלישער קלאַפ, אַז די שטימונג איז געוואָרן נאָך שווערער.

איך האָב דעמאָלט אָנגעהויבן באַמערקן אין קאַפלינסקין אַ מאָדנע ענדערונג, דער פריער גלאַסענער, ניט־ריידעוודיקער ישראל־מיכל, האָט פלוצלונג גענומען ריידן צופיל. שטונדן לאַנג פלעגט ער מיט מיר ריידן וועגן „מאָראַל", „ערלעכקייט". אַז מענטשן זיינען אין גרעסטן טייל פאַלש, אַז ער, קאַפלינסקי, האָט אָנגעוואָרן דעם צוטרוי צו מענטשן, אַז ער גלויבט ניט דעם אידעאַליזם מיט וועלכע פילע דעקן זיך צו. ער האָט אָנגערופן אַ גאַנצע ריי נעמען פון אונזערע באַקאַנטע טוער. אין יעדן איינעם האָט ער געפונען פעלערן. ווען ישראל מיכל האָט מיט מיר גערעדט אין אַזאַ פעסימיסטישן טאָן, האָב איך געפרואווט אַרגומענטירן מיט אים, דערוויזן אַז זיין קוק איז אַ פאַלשער. איך האָב דאַן ניט פאַרשטאַנען, אַז די געדריקטע שטימונג איז צו אים געקומען, ווייל ער האָט גענומען פילן אַז זיין פראָוואָקאַטאָרישע ראָל קען באַלד אויפגעדעקט ווערן.

אין 1908 האָט מען געלאָזט וויסן דעם צ. ק. אַז אין „בונד" געפינט זיך אַ וויכטיקער פראָוואָקאַטאָר. דאָס האָט איבערגעגעבן בורצעוו. אין אויסלאַנד האָט זיך דאַן געפונען באַקאַי — אַ געוועזענער הויכער באַאַמטער פון פאָליציי דעפאַרטמענט, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט געדינט אין דער וואַרשעווער אָכראַנקע און איז נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 אַנטלאָפן אין אויסלאַנד. דורך אים האָט בורצעוו געקראָגן די אָנדייטונג אַז אין „בונד" איז דאָ אַ פראָוואָקאַטאָר.

באַקאַי האָט אָבער פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם פראָוואָקאַטאָר. ער האָט איבערגעגעבן אַז דער נאָמען דערמאָנט אָן עפעס אַ טערמין פון מעדיצין, אַז דער פאַרשוין איז אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע

אויף אַ בונדיסטישער קאָנפערענץ, אַז ער איז געקומען קיין וואַרשע אַלס אַ דעלעגאַט פון ווילנע. באַקאַי האָט אויך דערציילט, אַז אין וואַרשעווער אָכראַנקע האָט מען וועגן דעם פּראָוואָקאַטאָר ניט גע־וואוסט און אַז מען האָט געמוזט קומען פון פּעטערבורג ספּעציעל צו איינאָרדענען די זאַך אַזוי, אַז אַלע זאָלן באַפרייט ווערן, כּדי מען זאָל קענען אָן אַ פאַרדאַכט באַפרייען אויך דעם פּראָוואָקאַטאָר.

דער צ. ק. האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג און די געבראַכטע פאַקטן האָבן ניט געשטימט: עס איז דאַן ניט געווען קיין קאָנפערענץ אין וואַרשע, קיין דעלעגאַט פון ווילנע איז אַהין ניט געפאָרן. און זיי האָבן זיך אויך ניט געקענט כאַפּן, אַז דער „מעדיצינישער טערמין" האָט געמיינט קאַפּלי — אין רוסיש (טראַפּנס) — אין דעם נאָמען קאַפּלי—נסקי.

דערווייל איז אַנטלאָפן אין אויסלאַנד אַ צווייטער, נאָך אַ מער וויכטיקערער פּאָליציי־באַאַמטער, מענשטשיקאָוו, ער האָט געדינט אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט 20 יאָר און האָט מיטגעבראַכט אין אויס־לאַנד אַ גרויסן אַרכיוו מיט געהיימע דאָקומענטן, און אין אַ יאָר אַרום, אין 1909, איז די מעלדונג ווידער געקומען פון בורצעוון אָבער דאָס מאָל איז שוין אָנגערופן געוואָרן ישראל מיכלס ריכטיקער נאָמען — קאַפּלינסקי.

קאַפּלינסקי — אַ פּראָוואָקאַטאָר, דאָס איז געווען אומגלויבלעך אַפילו פאַר די מיטגלידער פון צ. ק.

דער ערשטער פון וועמען איך האָב זיך דערוואוסט די שרעק־לעכע נייס איז געווען ירחמיאל (וויינשטיין), אַ מיטגליד פון צ. ק. ער איז צוגעטראָטן זייער פאַרזיכטיק. ער האָט מיך געפרעגט, אַלס אַ נאָענטן פריינט פון קאַפּלינסקין, וואָס קען איך שוין אַזויפיל יאָרן, צי האָב איך ניט באַמערקט, אַז קאַפּלינסקי האָט מער געלט, לעבט ברייטער ווי אויף די שכירות, וואָס ער קריגט אַלס אַרבעטער אין דרוקעריי.

ביסלעכווייז האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז עס איז דאָ אַ פאַר־דאַכט, אַז קאַפּלינסקי איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אַז דער צ. ק. אונטער־זוכט דאָס, און ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דאָס מוז דערווייל פאַר־בלייבן שטרענג געהיים.

דעם קומענדיקן שבת, ווען ישראל מיכל איז געווען אין אַנטאָ־קאָלע אויף זיין „דאַטשע" האָט גלעב מיט לייבעטשקע דעם סטאָ־

ליער געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין זיין שטאָטישער וואוינונג. לייבעטשקע האָט געקענט עפענען אַלע געהיימע פּלעצער אין די מעבל, וואָס ישראל מיכל האָט געהאַט, ווייל ער אַלס סטאָליער האָט אַליין געהאָלפן זיי מאַכן. זיי האָבן ביי אים געפונען פינף הונדערט רובל, זייער אַ גרויסע סומע פאַר אַן אַרבעטער אין יענער צייט. זיי האָבן אויך געפונען אַ רעוואָלווער, אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, אַן אַנזיכט־קאַרטע אַדרעסירט צו אים מיט אַ שיינער קאַנצעליאַרישער האַנטשריפט, אין אַ ווינקל פון דער אַנזיכט־קאַרטע איז קוים־באַמערקבאַר געווען פאַרצייכנט אַ טאָג און אַ שטונדע, קענטיק צו טרעפן זיך מיט אַימיצן. די געפונענע זאַכן האָבן ווייניק איבערצייגט די מיטגלידער פון צ. ק. וועלכע האָבן נאָך אַלץ ניט געגלויבט. זיי האָבן געוואַרט אויף מער פאַקטן פון אויסלאַנד.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אַוועקגעשיקט אַ מיטגליד פון צ. ק. יונה (קאָגען), אין פּאַריז זיך זען מיט בורצעוון. מען האָט אויך אויסגעווירקט ביי בורצעוון ער זאָל לאָזן יונהן טרעפן זיך פּערזענלעך מיט מענשטשיקאָוון, כדי אויסצוגעפינען אַלע איינצלהייטן. בורצעוו האָט נאָר געשטעלט אַ תנאי, אַז מענשטשיקאָווס נאָמען מוז בלייבן געהיים פאַר אַלעמען.

אין גיכן איז נ ח געקומען פון אויסלאַנד און האָט געבראַכט אַלע איינצלהייטן, וועלכע האָבן פעסטגעשטעלט אַז ישראל מיכל האָט שוין יאָרן לאַנג געאַרבעט פאַרן פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אַלס פּראָוואָקאַטאָר. נח האָט אויך מיטגעבראַכט אַ צאָל נעמען וואָס קאַפּלינסקי האָט אַרויסגעגעבן: צביה הורוויטש, טאַראַס, העניע די זאָקנמאַכערין, די קישינעווער אומלעגאַלע דרוקעריי מיט לעאָן גאָלדמאַן און זיין פרוי, וועלכע האָבן דאָרטן געאַרבעט און פיל אַנדערע רעוואָלוציאָנערן וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן.

ווען דער צ. ק. האָט דערהאַלטן די אַלע פאַקטן, איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרשלאַג מען זאָל קאַפּלינסקין טויטן. דריי מיטגלידער פון צ. ק. — נח, יודין און ירחמיאל האָבן געשטימט פאַר דעם פאַרשלאַג, אַבראַמאָוויטש און ליבער — קעגן.

די ערשטע דריי האָבן אָבער ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ באַשלוס, ווען צוויי זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאַרשלאַג.

מען מעלדעט קאַפּלינסקין אַז מ'האָט אים דערקענט

דער צ. ק. האָט באַשלאָסן צו זען זיך מיט קאַפּלינסקין און איבערגעבן אים אַז זיי האָבן אַלע פאַקטן, וועלכע באַשטעטיקן אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר און אויפפאָדערן אים ער זאָל אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד צו אַ פּאַרטיי־געריכט.

ענדע אויגוסט 1909, איז צו מיר געקומען ירחמיאל און געבעטן אַז איך זאָל איבערגעבן קאַפּלינסקין אַז ער וויל זיך זען מיט אים וועגן אַ וויכטיקער אָנגעלעגנהייט אין בערנאַדינער גאָרטן.

איך האָב געטראָפן קאַפּלינסקין אין דרוקעריי ביי דער אַרבעט און אים איבערגעגעבן אַז ירחמיאל וויל זיך זען מיט אים. ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע וואַסערדיקע אויגן און אַ פרעג געטאָן, וואָס עפּעס אין בערנאַדינער גאָרטן. איך האָב אים ווי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט וואָס ער שטעלט אַזאַ פראַגע און געענטפערט: איך דענק, אַז אין דער צייט פון יאָר איז דאָס דער בעסטער פּלאַץ.

ירחמיאל און אַבראַמאָוויטש האָבן געוואַרט און קאַפּלינסקי איז ניט געקומען. אויפן צווייטן טאָג פרעג איך ביי אים פאַרוואָס ער איז ניט געקומען און זאָג אים אַז היינט וועט ער פאַר אים ווידער וואַרטן. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער איז געווען פאַרנומען און אַז ער האָט געדענקט אַז עס איז ניט אַזוי וויכטיק. ער איז אָבער דעם צווייטן מאָל אויך ניט געקומען און אויפן דריטן טאָג איז ירחמיאל געקומען אין דרוקעריי און איז מיט אים אַוועק אויפן באַשטימטן פּלאַץ. אין גאָרטן איז הינטער זיי די גאַנצע צייט געווען באַהאַלטן, באַוואָפנט מיט אַ רעוואָלווער, לייבעטשקע דער סטאָליער.

ווען אַבראַמאָוויטש האָט אים איבערגעגעבן אַז מען ווייסט וועגן אים אַלץ, האָט קאַפּלינסקי געלאָזן אַ פרעג געטאָן: „וואָס ווייסט איר?"

אָבער ווען ער האָט אים געענטפערט, אַז מען ווייסט, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר פון אַ לאַנגער צייט, איז ער אויפגעשפּרונגען אַן אויפגערעגטער מיט אַ פראַגע: „וואָס פאַר אַ באַווייזן האָט איר?"

נאָך אַ לאַנגן געשפּרעך, לייגן זי אים פאָר צו פאָרן אין אויס־לאַנד אויף אַ פּאַרטיי־געריכט. ער מוז אין אַ טאָג אַרום לאָזן וויסן צי ער פאָרט, — אויב ניט, וועט מען פאַרעפנטלעכן, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. קאַפּלינסקי זאָגט־צו צו געבן דעם ענטפער. ביים

פאַנאַנדערגיין פאַרגעסט ער אָבער ניט צו בעטן מען זאָל ביי אים ניט צונעמען די פינף הונדערט רובל...

מיט אַ טאָג שפּעטער לאָזט ער וויסן אַז ער וועט אַוועקשיקן די פרוי מיט די קינדער צו אירע עלטערן אין מינסק און ער וועט גלייך אַרויספאָרן אין אויסלאַנד.

ער איז נאָך געווען אַ פּאָר טעג אין ווילנע, אָבער זיין פאַמיליע האָט זיך אַרויסגעקליבן פון זיין דירה און איז אַוועק צו אַ געמיינזאַמען פריינט, יוסף קאַמערמאַכער.

מען האָט אונז איבערגעגעבן, אַז ער און זיין פרוי הערן ניט אויף צו וויינען אויף דעם „שרעקלעכן בלבול" וואָס מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט. אייניקע פון אונזערע נאָענטע פריינט, וואָס זיינען אויך געווען זיינע פריינט, זיינען געקומען צו די קאַמערמאַכערס און געהאָלפן די קאַפּלינסקיס וויינען.

אין שטאָט האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דער גאַנצער געשיכטע. די נייס האָט געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק. אין אָנהויב האָבן דאָס פיל ניט געוואָלט גלויבן, אָבער ווען עס איז געקומען אַ באַשטעטיקונג פון צ. ק., האָט מען גענומען פרעגן ווי איז דאָס געווען מעגלעך? צו וועמען קען מען איצטער האָבן צוטרוי?

קאַפּלינסקי איז אין אויסלאַנד נ י ט אַרויסגעפאָרן. מען האָט אויסגעפונען אַז ער איז אין מינסק. דער צ. ק. האָט אָנגעשטעלט אַ וואַך צו היטן וואוהין ער גייט.

די גרופּע אַרבעטער וואָס מען האָט באַשטימט נאָכצושפּירן אים, האָבן ניט פאַרשטאַנען די טאַקטיק פון צ. ק. — זיי האָבן געבעטן מען זאָל זיי געבן אַ דערלויבעניש צו טויטן אים, זיי האָבן פאַרזיכערט אַז זיי קענען דאָס דורכפירן „גוט און שנעל". אָבער דער צ. ק. האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי זיין פריערדיקן באַשלוס — אַזאַ זאַך ניט צו טאָן, אפילו ווען זיי האָבן שוין געזען, אַז קאַפּלינסקי וועט אין אויסלאַנד ניט פאָרן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די נאָכשפּירער געמאָלדן, אַז זיי האָבן אים פּלוצלונג אָנגעוואָרן און וויסן ניט וואו ער איז אַהינגעקומען.

קאַפּלינסקיס ראָל אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט

ביז היינטיקן טאָג געפינען זיך פיל מענטשן, וועלכע האָבן געקענט קאַפּלינסקין, וואָס זיי איז שווער צו פאַרשטיין די ראָל וואָס

ער האָט געשפּילט אַלס פּראָוואָקאַטאָר. זיי שטעלן די פראַגע, פאַרוואָס האָט ער ניט אַרויסגעגעבן אַנדערע וויכטיקע טוער פון דער באַוועגונג וואָס ער האָט געקענט, און דערהויפּט, פאַרוואָס האָט ער ניט אַרויס־געגעבן די אומלעגאַלע דרוקערייען. אַפילו מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער אויספאָרשונג פון זיין פאַררעטערישער אַרבעט, נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעפונען אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג אַז „ישראל מיכל פלעגט אַרויסגעבן „נאָר על־פּי־נויט" אָדער אַז ער האָט נאָר „אינפאָרמירט וועגן אַלגעמיינע און פּאָליטישע שטימונגען".

אין דער ווירקלעכקייט איז אין דעם „ענין" קאַפּלינסקי ניט פאַרוויקלט קיין טיפע „פּסיכאָלאָגישע" פּראָבלעמען, עס איז אויך ניט ריכטיק אַז ער האָט אַרויסגעגעבן „נאָר עלפּי־נויט", ער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער גוט באַצאָלטער פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט ערנסט דורכגעפירט די מיסיע פון פּאָליציי דעפּאַרטמענט. ער האָט נ י ט אַרויסגעגעבן אַלץ און אַלעמען וואָס ער האָט געוואוסט פּשוט צוליב זיין אייגענער זיכערקייט, כדי צו קענען אָנהאַלטן וואָס לענגער זיין פאַרעטערישע אַרבעט. ער האָט אָבער שטענדיק אַרויס־געגעבן אַזוי פיל, אַז דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט איז פון אים געווען צופרידן און האָט זייער הויך געשאַצט זיין אַרבעט.

איך וועל ברענגען אַ קאָנקרעטן פאַקט, וועלכער כאַראַקטערי־זירט ווי קאַפּלינסקי האָט דורכגעפירט זיין פאַררעטערישע אַרבעט. אין 1907, איז געקומען פון פּעטערבורג קיין ווילנע מאָטקע קאָ־מערמאַכער (קעפּאַלי), אָפּצודרוקן דעם רוסישן אָרגאַן פון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. קיין אומלעגאַלע דרוקערייען זיינען דאַן שוין ניט געווען, האָט ער געזוכט אַ לעגאַלע דרוקעריי. קאָמער־מאַכער איז געווען אַ ווילנער שריפטזעצער און האָט געקענט אַלע אייגנטימער פון די דרוקערייען. ער האָט געפונען אַ דרוק, וואו דער אייגנטימער האָט איינגעשטימט פאַר גוט באַצאָלט אויפצוזעצן און אָפּדרוקן דעם אָרגאַן. נאָר געציילטע מענטשן האָבן פון דעם געוואוסט, צווישן זיי אויך קאַפּלינסקי. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן בייַנאַכט, מיט דער הילף פון קאָמערמאַכערן און פון נאָך אַ פּאָר איבערגעגע־בענע אַרבעטער.

אין יענער צייט האָב איך געאַרבעט צוזאַמען מיט קאַפּלינסקין אין דער טעגלעכער בונדישער „פאָלקס צייטונג". איינמאָל אין אָוונט

גייט צו מיר צו קאַפּלינסקי און זאָגט, אַז צופיל מענטשן ווייסן וועגן דער אַרבעט אַרום דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זשורנאַל און עס קאָן זיין אַ געפאַר אַז די פּאָליציי זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן. איך בין מיט אים ניט געווען איינשטימיק. איך האָב געוואוסט אַז אַלע מעגלעכע פאָרזיכט־מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן. אָבער אַ נאַכט שפּעטער, ווען מען האָט שוין געהאַלטן אין ענדיקן דרוקן דעם זשורנאַל איז די פּאָליציי באַפאַלן די דרוקעריי און אַרעסטירט קאַמער־מאַכערן, די אַנדערע אַרבעטער, און אויך דעם אייגנטימער פון דער דרוקעריי.

קאַמערמאַכער האָט אַלץ גענומען אויף זיך, אַז ער האָט עס כלומרשט „פאַרכאַפּט" די דרוקעריי מיט גוואַלד. דער אייגנטימער, ציענסאָן מיט זיינע אַרבעטער זיינען באַפרייט געוואָרן. קאַמערמאַכערן האָט מען פאַראורטיילט צו 8 יאָר קאַטאָרגע. (נאָך אַ פּאָר יאָר אין סיביר אַנטלויפט ער קיין אויסלאַנד. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געאַרבעט אין פּאַריז אין אַ דרוק פון אַ מענשעוויסטישער ציישונג. דער „יידישער אַרבעטער קאָמיטעט" האָט אים אין דער צייט פון דער מלחמה אַריבערגעבראַכט קיין ניו יאָרק וואו ער איז גע־שטאָרבן אין 1943).

אין יענער צייט האָט קיינער ניט געקענט פאָרשטעלן זיך אַז קאַפּלינסקי האָט דאָס אַרויסגעגעבן. עס איז, אגב, געווען אַ טייל פון זיין טאַקטיק אַרויסצוגעבן דערהויפּט ניט פון „בונד" נאָר פון דער שכנישער ס. ד. פּאַרטיי... אָבער דאָס איז ניט געווען צוליב דעם, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרהיטן דעם „בונד", נאָר דערהויפּט צו פאַר־היטן זיך אַליין.

דער פאָלגנדער אינצידענט כאַראַקטעריזירט ווי קאַפּלינסקי פלעגט אויסנוצן יעדער געלעגנהייט אַרויסצוגעבן אויך וויכטיקע טוער פון „בונד".

אין מערץ דעם 28טן, 1904, זיינען אַנטלאָפן פון דער ווילנער אַנטאָקאָלער טורמע ראובן שליפער, דאַרהאַלץ (אַ איסקראָוועץ), פראַנקעל און פראַנץ (קורסקי), די לעצטע צוויי האָט מען געכאַפּט.

שליפער איז געקומען צו קאַפּלינסקין אין דווינסק. אויפן צווייטן טאָג זאָגט אים קאַפּלינסקי, אַז ער האָט געהערט אַז די פּאָליציי זוכט איינעם שייפער און ווי ער, קאַפּלינסקי, דענקט זוכן זיי אים, שלי־פערן. קאַפּלינסקי, הייסט אים דערפאַר אַריבערפאָרן אין וויטעבסק

און גיט אים אַן אַדרעס צו שלמה שלאַכטער, אַ בעקער. גראָד, האָט זיך געמאַכט, אַז צו שלאַכטערן זיינען געקומען צוויי פון זיין פאַמי־ליע און עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר שליפערן ביי אים צו נעכטיקן, האָט אים שלאַכטער אַוועקגעפירט צו זיינעם אַ שכן. אין דער זעלביקער נאַכט איז פּאָליציי געקומען צו שלאַכטערן זוכן אַ „פּאָליטישן פאַרברעכער" וועלכער, ווי מען האָט זיי, דער פּאָליציי, איבערגעגעבן געפינט זיך ביי שלאַכטערן. קאַפּלינסקי האָט אויסגע־רעכנט פּינקטלעך: ער גיט שליפערן אַן אַדרעס וואוהין צו פאָרן, ער איז זיכער, אַז זיין קרבן וועט נעכטיקן ביי שלאַכטערן, גיט ער גלייך צו וויסן וואו מען דאַרף, אַז אַ וויכטיקער פּאָליטישער געפינט זיך אויף דעם אַדרעס. נאָר אַ גליקלעכער צופאַל האָט געראַטעוועט שליפערן.

האַבנדיק דעם גאַנצן צוטרויען פון צ. ק., האָבנדיק שטענדיק אין זיינע הענט די אָרגאַניזאַציע פעדים, וואָס האָבן זיך געצויגן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך וואו דער „בונד" איז געווען טע־טיק, האָט קאַפּלינסקי שטענדיק געהאַט גענוג קרבנות, וועלכע ער האָט געקענט אַרויסגעבן, און עס זאָל אין דער זעלבער צייט ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף אים.

זיכער האָט קאַפּלינסקי ניט אַרויסגעגעבן מיטאַמאָל אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט, אָבער דאָס איז געווען די טאַקטיק פון אַלע פּראָ־וואָקאַטאָרן. איטשקע דער דרוקער האָט געקאָנט מיך אַרויסגעבן און עס וואָלט אַפילו ניט געפאַלן קיין פאַרדאַכט אויף אים. דער באַ־וואוסטער פּראָוואָקאַטאָר, אַזעוו, האָט ניט אַרויסגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט. דאָס איז געווען די טאַקטיק פון פּאָליציי דע־פּאַרטמענט, צו פאַרהיטן דעם פּראָוואָקאַטאָר, כדי צו האָבן ווייטער־דיקע פעדים אין די אָרגאַניזאַציעס.

דער פּאָליציי דעפּאַרטמענט האָט געוואוסט, אַז אַזעוו העלפט אָרגאַניזירן טעראָריסטישע אַקטן. אין אַ ריי פאַלן האָט דער פּאָליציי דעפּאַרטמענט אַפילו געהאָלפן אַזעוון אויסקלייבן די פּערזאָנען, אויף וועלכע די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן זאָלן באַגיין דעם טעראָר־אַקט.

דער ביישפּיל מיט אַזעוון מאַכט קלאָר פאַרוואָס קאַפּלינסקי האָט ניט אַרויסגעגעבן די אומלעגאַלע דרוקעריי[ע]ן, דורך וועלכע ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו געווינען דעם צוטרוי פון דער „בונד"־

פירערשאַפט, כדי אַזוי בעסער צו טאָן זיין אַרבעט פאַר דער צאַרי־שער אָכראַנקע.

קאַפּלינסקי אַנטלויפט — מען אַרעסטירט אים נאָך דער רעוואָלוציע

ווען קאַפּלינסקי איז אַנטלאָפן פון מינסק, האָט מען דערנאָך אױ־בערגעגעבן, אַז מען האָט אים געזען אין קאַזאַן. בראָניסלאַוו גראָסער, דער באַוואוסטער בונדיסט, האָט אים איינמאָל באַמערקט אין אַ פּעטערבורגער טעאַטער. מען האָט זיך ענדלעך דערוואוסט אַז קאַפּלינסקי האָט זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין סאַראַטאָוו. אייניקע טוער האָבן ווידער פאָרגעלייגט דעם צ. ק. ער זאָל דערלויבן פאָרן אין סאַראַטאָוו און אים טויטן, ווייל עס איז געווען אַ געפאַר אַז ער קען נאָך ברענגען פיל שאָדן. דער צ. ק. האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיין פריערדיקן באַשלוס און האָט די דערלויבעניש ניט געגעבן. ערשט נאָך דער פעברואַר רעוואָלוציע פון 1917, איז קאַפּלינסקי אַרעסטירט געוואָרן.

ער האָט געלעבט די גאַנצע צייט אין סאַראַטאָוו אונטער אַ פאַלשן פּאַס און נאָמען — יאָהאַנסען, וועלכן די סאַראַטאָווער „אָכראַנקע" האָט אים געגעבן. מען האָט אויך געפונען אין די געהיימע מאַטער־יאַלן פון דער סאַראַטאָווער זשאַנדאַרמעריע אַ דאָקומענט וועלכער האָט באַשטעטיקט, אַז קאַפּלינסקי האָט באַקומען פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אַ „מתנה" פון איבער דריי טויזנט רובל פאַר „וויכטיקע דינסטן".

קערענסקי, וועמענס רעגירונג עס האָט דאַמאָלסט געהערשט אין רוסלאַנד — באַלד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע — האָט ניט געפונען אין די צאַרישע געזעצן קיין אַרטיקל, נאָך וועלכן מען זאָל קענען משפטן אַ פּראָוואָקאַטאָר. זיינען אַלע פּראָוואָקאַטאָרן וואָס זיינען אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע ניט געטויט געוואָרן, באַפרייט געוואָרן, צווישן זיי אויך קאַפּלינסקי.

אָבער נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע 1917, איז קאַפּלינסקי ווידער אַרעסטירט געוואָרן.

זיצנדיק אין טורמע האָט קאַפּלינסקי אָנגעשריבן אַ מעמאָ־ראַנדום פון איבער אַכצן טויזנט ווערטער וואו ער האָט געזוכט צו דערווייזן אַז ער איז גאָר קיין פּראָוואָקאַטאָר ניט געווען. ער גיט צו

אז ער איז געווען פאַרבונדן מיטן פּאָליציי דעפּאַרטמענט, אָבער ער פאַרזיכערט, אַז זיין אַרבעט דאָרט איז געווען בלויז „צו דינען דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג"...

זיין „מעמאָראַנדום" האָט ער אָנגעהויבן מיט דער באַשרייבונג פון די פאַרהערן אויף וועלכע מען האָט אים גערופן, ווען ער איז צום ערשטן מאָל, אונטער זובאַטאָוון, געבראַכט געוואָרן אין דער מאָסקווער טורמע. מען פרעגט אים, צי קען ער די מיטגלידער פון צ. ק. פון „בונד", וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין איין צייט מיט אים. ער לייקנט און זאָגט אַז ער קען זיי ניט. מען ברענגט אים פאַקטן, וועלכע ווייזן דעם פּלאַץ און די שטונדע, וואו ער האָט זיך מיט זיי געטראָפן. ער קומט צוריק פון פאַרהער און זיין קאָפּ איז פאַרנומען מיט איין געדאַנק: מען מוז געפינען אַ מיטל ווי צו פאַר־היטן, אַז די אומלעגאַלע דרוקערייען זאָלן ניט דורכפאַלן, ווייל ער האָט זיך באַגעגנט מיט מיטגלידער פון צ. ק. נאָך וועלכן מען האָט נאָכגעשפּירט, און די זעלבע שפּיאָנען האָבן גענומען נאָכשפּירן נאָך אים. נאָך פיל דענקען קומט ער צום שלוס, אַז עס איז דאָ נאָר איין אויסוועג: די פּערזאָן וואָס האָט צו טאָן מיט איינשטעלן די געהיי־מע דרוקערייען דאַרף געווינען דעם פולן צוטרוי פון פּאָליציי דע־פּאַרטמענט . . .

דער לעצטער אַקט פון דער דראַמע קאַפּלינסקי

אין סאַראַטאָוו וואו קאַפּלינסקי איז געזעסן אין טורמע, איז דער הויפּט פון „טשעקאַ" געווען אַ געוועזענער דווינסקער „באַיעוויק", קאַפּלינסקיס אַן אַמאָליקער גוטער באַקאַנטער — מענדל דייטש.

מענדל דייטש האָט טעלעגראַפירט דעם בונדישן צ. ק. אין מינסק ער זאָל געבן זיינע דערקלערונגען וועגן קאַפּלינסקין. עס איז אויך געקומען אין מינסק מערי, קאַפּלינסקיס פרוי. זי האָט מיט זיך גע־בראַכט דעם אויבנדערמאָנטן „מעמאָראַנדום" און געבעטן דעם צ. ק. פון „בונד" ער זאָל אָנטיילנעמען אין דעם משפּט, כדי קאַפּלינסקי זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרענטפערן זיך, באַווייזן זיין „אומ־שולד".

דער צ. ק. האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל ברענגען קאַפּלינסקין אין מינסק און שטעלן אים פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל מיט דעם אָנטייל פון מיטגלידער פון בונדישן צ. ק. צוליב דער דייטשער איינ־

וואָזיע און אַנדערע געשעענישן אין יענער צייט איז אָבער די פראַגע קאַפּלינסקי ווידער אָפּגערוקט געוואָרן אויף אַ צייט.

ענדע 1919 איז קאַפּלינסקי געבראַכט געוואָרן פון סאַראַטאָוו אין מאָסקווער טורמע. ירחמיאל, אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד", האָט זיך געווענדט פּערזענלעך צו דזשערזשינסקין, דעם דאַמאָלסט־דיקן הויפּט פון דער „טשעקאַ". ירחמיאל האָט באַשטעטיקט אַז דער צ. ק. איז טאַקע זיכער, אַז קאַפּלינסקי איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, נאָר ער איז פונדעסטוועגן אַן „אָריגינעלער" פּראָוואָקאַטאָר. ער האָט דערציילט דזשערזשינסקין וועגן קאַפּלינסקיס „מעמאָראַנדום" און דער וויכטיקייט פאַר דער געשיכטע אויסצופאָרשן נאָך אַמאָל די גאַנצע אָנגעלעגנהייט. דזשערזשינסקי, האָט איינגעשטימט אַז דער צ. ק. זאָל באַשטימען אייניקע מיטגלידער, וועלכע ער וועט געבן אַ מעגלעכקייט צו זען זיך מיט קאַפּלינסקין, אויסהערן אים און קריגן אַלע פאַקטן וואָס דער „בונד" וויל אַרויסקריגן.

דורך דער צייט וואָס דער צ. ק. האָט זיך געקליבן צו באַשטימען די פּערזאָנען און נעמען מאַכן די אויספאָרשונג, זיינען אָבער באַשטעטיקט געוואָרן די קלאַנגען וואָס זיינען שוין אַרומגעגאַנגען אַ גע־וויסע צייט, אַז קאַפּלינסקי איז דערשאָסן געוואָרן אין טורמע. שפּע־טער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דזשערזשינסקי האָט פון דעם ניט געוואוסט ווען ער האָט פאַרהאַנדלט מיט ירחמיאלן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער לעצטער אַקט פון דער פאַררעטע־רישער ראָל, וואָס קאַפּלינסקי האָט געשפּילט אין „בונד".

די אַלע איינצלהייטן גיבן אַ בילד, אויף וויפיל איך האָב גע־קענט איבערגעבן, וואָס פאַר אַ ראָל עס האָבן דאַן געשפּילט פּראָ־וואָקאַטאָרן אין אונטערגראָבן דעם קאַמף וואָס מיר האָבן געפירט מיט דער צאַרישער רעגירונג.

איך האָב דאָ אויך געוואָלט קלאָר מאַכן קאַפּלינסקיס אמתע ראָל אַלס פּראָוואָקאַטאָר, ווייל אַפילו מיטגלידער פון בונדישן צ. ק. האָבן אים אַמאָל געפּרוּווט „פאַרענטפערן", געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיך „נעבעך" אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ פּראָ־וואָקאַטאָרישער ראָל, וואָס ער האָט גאָר ניט געוואָלט שפּילן.

אַרעסט און טורמע

נאָך דער אַנטאָקאָלער „דאַטשע”, האָבן מיר געקראָגן אַ דירה אין דעם הויף פון קלעצקינס דרוקעריי, אויף זאַוואַלנע גאַס. פון פאָרנט איז געווען אַ גאַנץ שיינע דריי שטאָקיקע הויז. אונדזער דירה האָט געהאַט צוויי אַריינגאַנגען: איינער וואָס איז אַרויס אויף זאַוואַלנע גאַס און אַ צווייטער אין הויף אַנטקעגן דער דרוקעריי.

אָנהויב 1910, האָב איך באַמערקט, אַז אין די אָוונטן, ווען איך גיי אַרויס פון הויז גייט מיך נאָך אַ שפּיאָן.

איך האָב געקענט ווילנע אויסגעצייכנט, יעדן דורכגאַנג־הויף, וואו מען קען זייער שנעל דורכגיין פון איין גאַס אין דער צווייטער, יעדן געסל, וואו מיט איין שנעלן דריי איז מען אין אַ צווייטער גאַס.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָט אונזער דירה געהאַט צוויי אַריינגאַנגען. מיר איז דערפאַר געווען גרינגער צו זען דעם שפּיאָן, ווי אים צו דערזען מיר. איך האָב אויך געהאַט אַ פּיל־יאָריקע דער־פאַרונג ווי אויסצוהיטן זיך פון אַ נאָכגייענדיקן שפּיאָן.

איך פלעג פיל מאָל פריער אים גוט פאַרמאַטערן און פּלוצלונג פלעג איך זיך געבן אַ דריי אַריין אין אַ דורכגאַנג־הויף, אָדער אַן אַנדער פּלאַץ וואו איך האָב געוואוסט אַז ער וועט מיך אָנווערן. אַפילו ווען איך פלעג גיין אויף אַ לעגאַלן ליטעראַרישן אָוונט, פלעג איך דעם שפּיאָן אויך פריער גוט פאַרמאַטערן, מאַכנדיק אַז ער זאָל אַ צייט מיך דאַרפן שנעל נאָכגיין.

וואָלט אַזאַ נאָכשפּיאָנירן פאָרגעקומען אין די פריערדיקע יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט אין די אומלעגאַלע דרוקערייען, אָדער אין די אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשע, האָמעל און אַנדערע, וואָלט איך גע־ווייטלעך גלייך אָוועקגעפאָרן, אָבער איצט איז דער איינציקער פּלאַץ וואוהין צו פאָרן געווען אַמעריקע, וואוהין איך האָב נאָך אַלץ ניט געטראַכט צו פאָרן.

אין דער אָרגאַניזאַציע האָט דעמאָלט נאָך אַלץ געהערשט אַ

שטילשטאַנד. קיין פיל אַרבעט האָב איך ניט געדאַרפט טאָן. עס זייַנען געווען פאַלן אַז מ'פלעגט איינעם נאָכשפּיאָנירן אַ געוויסע צייט און דערנאָך אויפהערן. האָב איך געהאָפט, אַז דאָסזעלבע וועט פּאַסירן מיט מיר. ס'איז געוואָרן פאַר מיר פיל שווערער אָנצוגיין מיט מיין טעטיקייט. איך האָב געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק מיט מיין יעדן טראָט. אָבער צו דעם בין איך שוין געווען צוגעוואוינט.

עס האָט זיך דערנעענטערט דער טאָג פון ערשטן מאַי 1910. דער „בונד” האָט אָפּגעדרוקט אַ פּראָקלאַמאַציע. מיט גרויס פאָרזיכטיקייט האָב איך באַזאָרגט, וואו זי צו באַהאַלטן און אויך דעם פאַרשפּרייטן.

איך האָב באַמערקט אַז דער שפּיאָן האָט אויפגעהערט נאָכצוגיין נאָך מיר. איך האָב גענומען גלויבן, אַז ניט האָבנדיק קיין פאַקטן וואָס ער זאָל קענען באַווייזן וועגן מיין טעטיקייט, האָט מען באַשלאָסן אויפהערן מיך נאָכקוקן. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט.

עס איז געווען אין אָוונט — ערב פסח. איך בין געקומען פון דער אַרבעט, אָפּגעגעסן און אָװעקגעזעצט זיך אָפּרוען. מיין פרוי איז געווען פאַרנומען מיט רייניקן, וואַשן און צופּוצן אונדזער דירה. זי האָט מיך געבעטן צוצוגיין אין אַ קראָם און איינקויפן עפּעס.

קומענדיק צוריק בין איך אַרויפגעגאַנגען מיט דעם אַריינגאַנג פון הויף און האָב דערזען, אַז אין אונדזער צימער געפינען זיך פּאָליציי און אַ זשאַנדאַר. ווי נאָר זיי האָבן מיך דערזען האָבן זיי אַרונטערגעשיקט איינעם פון זיי און באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט דעם שפּיאָן, וואָס איז נאָך מיר נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט. מיר האָבן אַ קוק געטאָן איינער אויפן צווייטן מיט אַ שמייכל, אַז מיר קענען זיך שוין ביידע זייער גוט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען זיי זיינען געקומען און האָבן מיך ניט געפונען, האָבן זיי אַרונטערגעשיקט דעם שפּיאָן ער זאָל שטיין און וואַרטן ביז ער וועט מיך דערזען. זיי האָבן געוויינלעך ניט אַרויסגעלאָזן מיין פרוי כדי זי זאָל מיר ניט קענען אָנזאָגן וועגן אַלץ, וואָס ביי אונדז קומט פאָר. אָבער אַזוי ווי איך בין אַריין דורכן הויף און דער שפּיאָן איז געשטאַנען ביים צווייטן אַריינגאַנג, האָט ער ניט באַמערקט ווען איך בין געקומען.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און אַ צווייטער זשאַנדאַר איז געקומען און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ הויז־זוכונג. איך האָב געהאַט אַ סך ביכער וועגן פּאָליטיש־סאָציאַלע פראַגן, וואָס האָבן זיך דאָן גע־

דרוקט אין אַ גרויסער צאָל, דערהויפּט אין די „פרייערע" יאָרן גלייך נאָכן „אָקטאָבער מאַניפעסט". זיי זיינען אַלע געווען לעגאַלע, דער־לויבט פון דער צאַרישער צענזור. יעדער בוך איז זייער פּאָרזיכטיק איבערגעבלעטערט געוואָרן, מען האָט איבערגעטרייסלט יעדער קליי־ניקייט אין קאָמאָד, אין די בעטגעוואַנט און אין קיך האָט מען יעדער שטיקל געשיר איבערגעקוקט.

איך בין געווען זיכער אַז זיי קענען קיין זאַך ניט געפינען.

איך האָב, אמת, געהאַט אין הויז אַן ערשטע מאַי פּראָקלאַמאַציע, אָבער זי איז געווען באַהאַלטן אונטער די אָנגעקלעפּטע „אָבאָיעס" (וואַנט־פּאַפּיר) און וויפיל זיי זאָלן ניט זוכן האָבן זיי זי ניט געקענט געפינען.

ווען די פּאָליציי און זשאַנדאַרן זיינען געקומען זיינען די קינ־דער שוין געשלאָפן, דער טומל האָט זיי אויפגעוועקט. די זשאַנדאַרן האָבן געהייסן אַרויסנעמען די קינדער פון די בעטלעך, ווייל זיי דאַרפן דאָרט אַלץ איבערקוקן.

36 יאָר טיילט אונדז אָפּ פון יענעם אָוונט און דאָך דוכט זיך מיר, אַז איך זע נאָך אַלץ די קינדערשע בלייכע, צעשראָקענע פּנימער מיט די ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן, וועלכע קוקן אויף מיר און מיין פרוי און זוכן אַן ענטפער אויף דעם וואָס זיי זעען. קיין גע־וויין, קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, נאָר אַ פיינלעכע קינדערשע שרעק.

די אונטערזוכונג האָט זיך געענדיקט. קיין פאַרדעכטיקעס איז ניט געפונען געוואָרן. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, אַרעס־טירן מיך אָדער ניט.

מען האָט ווידער אַוועקגעשיקט איינעם פרעגן וואָס צו טאָן, ער איז געקומען מיט אַן ענטפער מיך צו אַרעסטירן. דער זייגער איז שוין געווען נאָך צוועלף ביינאַכט. מען הייסט מיר זיך אָנטאָן און מיט־גיין מיט זיי.

אין לוקישקער טורמע

מען האָט מיך געבראַכט אין דער גרעסטער ווילנער טורמע, אויף לוקישקעס. דער געהילפס־פאַרוואַלטער פון טורמע, קורפּאַן, האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שטרענגן, פיינטלעכן קוק. אייניקע מינוט האָט ער געהאַלטן אין קוקן אויף מיר מיט זיינע קעציישע אויגן. ער האָט פאַרשריבן מיין נאָמען און איבערגעגעבן מיך צום עלטסטן פון די

וועכטער, קאזשעמיאקין, אויף וועלכן מען האט געזאגט, אז ער איז דער הענקער פון די, וועלכע ווערן פאראורטיילט צום טויט.

מען האט מיך אריינגעשטופט אין אן אפגעזונדערטן טורמע קאמער, די טיר און דער שלאס זיינען פארהאקט געווארן מיט א קלונג.

איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף דער אייזערנער בעטל וואס איך האב דערזען ביי דער וואנט. ארום האט געהערשט א שטילקייט, וועלכע איז א פאר מאל איבערגעריסן געווארן פון שווערע וועכטער־טריט און א קלונג פון א פארהאקטער טיר. איך האב פארשטאנען, אז מען האט געבראכט נאך ארעסטירטע.

ס'איז מיר שווער צו געדענקען איצט וועגן וואס איך האב גע־קלערט אין יענער פינצטערער נאכט אויף דער טורמע בעטל. אבער איין געדאנק האט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון: איך האב געזוכט אן ענטפער, פארוואס מען האט מיך איצט ארעסטירט, ווען די רעוואלוציאנערע באוועגונג און מיין ארבעט אין איר איז איצט פיל שוואכער ווי אמאל. מען האט ביי מיר קיין זאך ניט געפונען. איך האב דורכגעמאכט אזוי פיל יארן פון געפערלעכע ארבעט און מיר האט זיך אלע מאל איינגעגעבן, אז קיין פארדאכט זאל אויף מיר ניט פאלן, קיין שפיאן זאל נאך מיר ניט נאכגיין, פארוואס האט מען מיך א צייט פארן ארעסטירן נאכגעשפיאנירט?

זיצנדיק אין די זאכן בין איך אזוי איינגעשלאפן און אויפגע־וועקט געווארן ווען די טיר האט זיך מיט א טומל געעפנט פאר דער פרימארגן „פראווערקע" (רעוויזיע, אויב אלע ארעסטירטע זיינען דא.) א ביסל שפעטער האט מען מיר געגעבן הייסע וואסער מיט שווארצע ברויט פארן פרישטיק.

בייטאג האט מען מיך גענומען אויף „פראגולקע", א צוואנציק מינוטיקער שפאציר אין קליינעם טורמע־הויף. צו מיין גרויסער איי־בערראשונג האב איך דערזען, אז די זעלבע נאכט האט מען אויך ארעסטירט אבראמאוויטשן, ליבערן — מיטגלידער פון צ. ק. מאזא־ווערן, מאכלין און נאך אייניקע פון דער ווילנער ארגאניזאציע.

אויף דער „פראגולקע" האט מען געמעגט גיין נאר צו צוויי אין א ריי און עטלעכע טריט אפגעטיילט איינער פון צווייטן. מען האט אבער געמעגט פון צייט צו צייט בייטן זיך מיט דער „פאר". מיר האט זיך איינגעגעבן צו גיין אייניקע מינוט מיט אבראמאוויטשן און ליבערן. איך האב אויסגעפונען אז ביי קיינעם פון אונדז האט מען

ניט געפֿונען קיין זאַך, וואָס זאָל געבן דער „אָכראַנקע" (געהיים־פּאָליציי) מאַטעריאַל פֿאַר אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אונדז.

***

די לוקישקער טורמע איז געווען פֿון די נייע „מאָדערנע" טורמעס אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס זיינען געבויט געוואָרן נאָכן מוסטער פֿון אויסלענדישע, דערהויפּט דייטשע טורמעס. זי איז געבויט געוואָרן אַזוי אַז עס זאָל קיין מעגלעכקייט ניט זיין צו אַנטלויפֿן פֿון איר. עס זיינען געווען פֿינף גרויסע, פֿינף־שטאָקיקע געביידעס, געבויט ווי גרויסע פֿליגלען וועלכע קומען זיך צוזאַמען אין איין צענטער. אינעווייניק, אויף ביידע זייטן פֿון פֿליגל האָבן זיך געצויגן לאַנגע, אָפֿענע באַלקאָנעס, פֿון וועלכע מען איז אַריין אין די קאַמערן. פֿון איין שטאָק צום צווייטן איז מען געגאַנגען דורך אייזערנע טרעפּ, וועלכע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק אַז זיי הענגען אין לופֿטן, אַזוי ווי די פֿייער־לייטערס אין די ניו יאָרקער הייזער. עס איז דאָרט אויך געווען אַ באַזונדער געביידע, וועלכע האָט זיך גערופֿן „סלעדסטווענער קאָרפּוס". דאָרט זיינען געזעסן די, וועלכע זיינען געווען פֿאַראורטיילט צו קאַטאָרגע און דאָרטן איז אויך געווען די פֿרויען־אָפּטיילונג.

די טורמע האָט געהאַט פּלאַץ פֿאַר איבער פֿופֿצן הונדערט אַרעסטירטע און איז שטענדיק געווען איבערגעפֿילט.

דאָרט זיינען געווען באַזונדערע אָפּטיילונגען פֿאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַזעלכע ווי אונדזער גרופּע, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעכט צו טראָגן די אייגענע ציווילע קליידער, און באַזונדערע אָפּטיילונגען פֿאַר די וועלכע זיינען שוין געווען פֿאַרמשפּט צו „קאַטאָרגע" און האָבן געטראָגן „אַרעסטאַנטסקע" קליידער.

דאָרט זיינען געווען וואַרקשטאַטן פֿאַר סטאָליאַרעס, שמידן, קעסטל־מאַכער און אַנדערע פֿאַכן.

אין די וואַרקשטאַטן האָבן געאַרבעט די, וועלכע זיינען שוין געווען פֿאַרמשפּט דורך אַ געריכט.

עס איז אויך געווען אַלע איינריכטונגען וואָס זיינען נויטיק צו באַזאָרגן אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן: אַ בעקעריי, אייניקע קיכן, אַ באָד, אַ קלויסטער, אַ שפּיטאָל.

די גרויס פֿון דער „קאַמער" וואו איך בין געזעסן איז געווען זעקס טריט די לענג און פֿיר די ברייט.

דאָס „מעבל" פון צימער איז באַשטאַנען פון אַ בעטל, אַ טישל, אַ שטול און די „פּאַראַשקע" (אַ טאָילעט־עמער).

דאָס אייזערנע בעטל האָט געהאַט נאָר צוויי פּיסלעך, די צווייטע זייט איז געווען צוגעשרויפט צו דער וואַנט. דאָס בעטל האָט זיך צוגעמאַכט צום וואַנט און האָט זיך ביים צומאַכן פאַרשלאָסן. דער אַרעסטירטער האָט אַליין ניט געקענט אָפּשליסן און עפענען עס. אויב מען האָט געוואָלט באַשטראָפן דעם „אַרעסטאַנט" האָט מען געעפנט דאָס בעטל נאָר צום שלאָפן ביינאַכט, אָבער געהאַלטן עס אַ גאַנצן טאָג פאַרשלאָסן.

דער „טיש" איז געווען אַ קליין ברעטל אויך צוגעשמידט צו דער וואַנט. ביים טיש איז געשטאַנען אַ הילצערנער בענקל.

אינדערפרי ווען מען פלעגט עפענען די קאַמער, האָט דער אַרעסטירטער געדאַרפט אַרויסטראָגן זיין „פּאַראַשקע" אויסצוגיסן די שמוץ. די „פּאַראַשקע" איז געווען אַ שטענדיקע אינסטיטוציע פון די צאַרישע טורמעס און אַפילו די נייע „מאָדערנע" לוקישקער טורמע האָט זי געהאַט.

דער פענצטער אין קאַמער איז געווען אונטער דער סטעליע, אַזוי ווי די ווענט זיינען געווען דיקע איז דער פענצטער געווען אַריינגערוקט טיף אין וואַנט. דאָס איז געווען אַ קליין פענצטערל, שמאָל און לענגלעך געבויט. זייער זעלטן האָבן די שטראַלן פון דער זון געקאָנט אַריינקומען אין קאַמער.

די ווענט זיינען געווען געפאַרבט אין אַ גרויען קאָליר. ווען איך בין דאָרט געזעסן, איז שוין דער גרויער קאָליר געווען שמוציק־שוואַרץ, און פאַרשריבן מיט פאַרשיידענע שריפטן פון די פריערדיקע „איינוואוינער", וואָס זיינען דאָרט געזעסן. דער דיל איז געווען פאַרגאָסן מיט שוואַרצן אַספאַלד אַזוי, אַז וואו דאָס אויג איז געפאַלן האָט זיך געזען נאָר שוואַרץ און שמוציק גרוי.

אין טיר איז אויך געווען אַ קליין פענצטערל צוגעדעקט פון דרויסן מיט אַ טירל. ווען מען האָט געדאַרפט, האָט זיך די טירל געעפנט פון אויבן אַרונטער צום „באַלקאָן", וואו דער וועכטער איז אַרומגעגאַנגען. אַלע פאַרבינדונגען מיטן אַרעסטירטן פלעגן פאָרקומען דורך דעם קליינעם פענצטערל אין טיר. ווען מען פלעגט ברענגען די מאָלצייטן, געזאָדענע וואַסער אָדער וואָס ניט איז אַנדערש,

פלעגט מען עפענען דאָס טירל פון פענצטערל און דורך דעם אַלץ דערלאַנגען.

אין דעם צוגעמאַכטן פענצטערל פון טיר איז נאָך געווען אויסגע־שניטן אַ קליין לעכל. די אַרעסטירטע האָבן גערופן דאָס לעכל דער „קוקערל".

דער „קוקערל" איז געמאַכט געוואָרן צו געבן אַ מעגלעכקייט דעם וועכטער, ער זאָל קאָנען אָפט אַריינקוקן אין די קאַמערן און זען וואָס די אַרעסטירטע טוען.

ביינאַכט איז די קאַמער באַלויכטן געוואָרן מיט אַ קליין קעראָ־סין לעמפל. דער בלייכער שיין וואָס האָט אָפּגעשלאָגן פון דעם לעמפל האָט געמאַכט דעם אויסזען פון שוואַרצן דיל מיט די שמוציקע גרויע ווענט נאָך שוואַרצער און גרויער ווי בייטאָג.

מען פלעגט אונדז אויפוועקן 6:30 אינדערפרי. מען טראָגט אַרויס די „פּאַראַשקע", מען וואַשט אָרום דעם פּנים מיט אַ ביסל קאַלטע וואַסער, מען ראַמט צו די קאַמער און מען וואַרט אויף „פרישטיק".

דאָס קליין פענצטערל אין טיר עפנט זיך אויף און מען גיסט אַריין אין דעם „טשייניק" וואָס דער אַרעסטירטער דערלאַנגט, אַ ביסל הייסע וואַסער. מען גיט אים אויך אַ שטיק שוואַרצע ברויט. די פּאָרציע ברויט דאַרף וועגן צוויי פונט אָבער עס איז אַזוי שוואַרץ און נאַס אַז האַלטנדיק דעם ברויט אין האַנט דוכט זיך, אַז מען האַלט ניט קיין ברויט, נאָר אַ שטיין.

בייטאָג האָט מען דערלאַנגט אַ „זופּ" — אַ ביסל וואַסער מיט עטלעכע אַרבעס אָדער גריפּן. בעסער איז געווען ווען מען האָט גע־געבן „קאַפּוסטע", אָפּגעקאָכטע קרויט: ווי שלעכט עס איז ניט גע־ווען דער טעם פון דעם, איז עס פאָרט געווען מער זעטיק ווי די „זופּ". פון צייט צו צייט האָט מען אויך געגעבן אַ שטיקל פלייש. דערהויפּט אין אַ יום־טוב. איך האָב איינמאָל עסנדיק דעם שטיקל פלייש געפונען אין דעם אַ וואָרים. איך האָב דעם וואָרים אַרויסגע־וואָרפן און געגעסן ווייטער. אַז מען איז זייער הונגעריק איז מען ניט איבערקלייבעריש...

אין אָוונט האָט מען ווידער געגעבן אַ ביסל וואַסערדיקן „זופּ". מען האָט אָבער געהאַט אַ רעכט צוצוקויפן אַ ביסל עסנוואַרג פאַר אייגענע געלט, וועלכע מען פלעגט לאָזן אין דער טורמע־פאַרוואַלטונג אויפן נאָמען פון דעם אַרעסטאַנט.

מיר האָבן געהאַט אַ סטאַראָסטע, מאַטקע טשיזשעווסקי. ער איז שוין געווען פון די „אַלטע איינוואוינער" אין לוקישקער טורמע — אַ מיליטערישער געריכט האָט אים פאַרמשפּט צו אַכט יאָר קאַטאָר־גע און ער האָט אַפּעלירט וועגן זיין אורטייל צום סענאַט.

דער סטאַראָסטע פלעגט פאַרשרייבן, וואָס מיר ווילן קויפן פאַר אונדזערע אייגענע געלט. קויפן האָט מען געמעגט נאָר איין מאָל אין וואָך. דאָס האָט געשטערט צו קויפן פיל זאַכן אפילו די וועלכע האָבן געהאַט געלט. דער הויפּט אָפּהאַלט איז געווען וואָס די מערהייט פון אונדז האָבן געהאַט זייער ווייניק געלט, אָבער דאָס ביסל וואָס מען האָט יאָ געהאַט, האָט פאַרט אַרויסגעהאָלפן. איך האָב געהאַט אַ ביסל טיי אַריינצוואַרפן אין די „הייסע" וואַסער. עס איז געווען אַ שטיקל צוקער צו טרינקען די טיי, עס איז אַמאָל אויך געווען אַ שטיקל קעז און ווייסע ברויט.

אונדזער סטאַראָסטע, מאָטל טשיזשעווסקי, האָט געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי אין פינלאַנד. ער איז אַנטלאָפן פון דער אַרמיי, געקומען קיין ווילנע און געאַרבעט אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע אונטער אַן אַנדער נאָמען. ער איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן אין 1907, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון זאַקן־מאַכערקעס. אַלע אַרעסטירטע זיינען אָפּגעזעסן אַ פּאָר חדשים אַלס אַנטיילנעמער אין אַ ניט־דער־לויבטער פאַרזאַמלונג אחוץ טשיזשעווסקין, וועלכער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פאַר ווייטערדיקער אויספאָרשונג. די אָרגאַניזאַציע האָט אונ־טערגעקויפט צוויי פון די וועכטער און זיי לאָזן אים אַרויס. כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף זיי האָט טשיזשעווסקי פריער איבערגעזעגט די אייזערנע גראַטעס אין פענצטער און אַרויסגעהאַנ־גען פון דאָרטן אַ שטריק, מען זאָל מיינען אַז ער איז אַנטלאָפן דורכן פענצטער. מיט אַ יאָר שפּעטער ווערט ער אָבער ווידער אַרעסטירט אין וויטעבסק. מען שיקט אים אָפּ קיין ווילנע, וואו ער ווערט פאַראורטיילט צו אַכט יאָר קאַטאָרגע. אין דער זעלבער אָפּטיילונג מיט טשיזשעווסקין איז אויך געזעסן שימען געצאָוו (חיים דער מינסקער), וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר.

***

אַ קורצע צייט נאָך מיין אַרעסט, האָט מען אַריינגעשיקט נאָך אַן אַרעסטירטן אין מיין קאַמער.

געוויינלעך איז יעדער פון די, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין דער זעלבער נאַכט וואָס איך, געזעסן אַליין אין אַ קאַמער.

דער געבוי פון דער טורמע, מיט קליינינקע קעמערלעך, איז געווען אויסגערעכנט, אַז פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, דערהויפּט ביז עס ענדיקט זיך די אויספאָרשונג פון זייער באַשולדיקונג, זאָלן זיצן אַליין און אָפּגעזונדערט.

דער ניי אַריינגעשיקטער „אויעסטאַנט" איז מיר געווען אומבאַקאַנט. איך האָב געקענט אין ווילנע אַלע אַקטיווע אַרבעטער־טוער. איך האָב פון אים ניט געקענט אַרויסקריגן קיין קלאָרן ענטפער פאַר וואָס ער איז אַרעסטירט געוואָרן. אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ פאַרדאַכט אַז ער איז ניט פון די געוויינלעכע אַרעסטאַנטן, האָב איך זיך געהיט צו ריידן מיט אים וועגן פּאָליטישע פראַגן. ער פון זיין זייט האָט גראָד גערעדט זייער פיל. ער האָט געזאָגט אַז מען האָט אים אַרעסטירט אומשולדיק. ער געהערט ניט צו קיין שום פּאַרטיי. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אים געוואָלט וויסן פאַרוואָס מען האָט מיך אַרעסטירט. מען פלעגט אונדז געוויינלעך אַרויסלאָזן צוזאַמען אויף „פּראָגולקע". קומענדיק צוריק, פלעגט ער שטעלן פראַגן וועגן יעדן פון די אַרעסטירטע, צי איך האָב זיי געקענט פאַר דעם אַרעסט און נאָך אַזעלכע פראַגן. ער האָט גערעדט פיל, אָבער ער איז אַלעמאָל געווען פאָרזיכטיק געגנוג אין זיינע רייד, אום עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף אים.

די קאַמער איז ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר צווייען. ביידע האָבן געדאַרפט שלאָפן אויף איין שמאָלער בעטל. האָב איך זיך קיין מאָל נישט אויסגעשלאָפן און אומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג מיט אַ קאָפּ־ווייטיק. און ווען כ'האָב זיך געוואָלט צולייגן בייטאָג, האָט ער געטומלט מיט זיינע רייד.

אויף וויפיל איך געדענק, איז ער געזעסן מיט מיר נאָענט צו צוויי חדשים. זיין באַפרייאונג, פּונקט ווי זיין אַרעסט איז פאַר מיר געווען אומקלאָר און פאַרדעכטיק. פאַר דער צייט וואָס ער איז געזעסן מיט מיר האָב איך ניט געקענט קריגן קיין ריכטיקע פאַקטן צו באַשטעטיקן מיין פאַרדאַכט. יעדנפאַלס, איז זיין „באַפרייאונג" געווען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג אין מיין טורמע־לעבן.

***

איין מאָל אַ וואָך האָט מען געהאַט אַ רעכט צו קומען זען דעם „אַרעסטאַנט".

דער טאָג פון זען זיך איז געווען אַ יום־טוב פאַר יעדן איינעם וואָס זיצט אין טורמע. זען זיך מיט אַ פּערזאָן פון דער אויסערלעכער וועלט, ברענגט פרייד אין לעבן פון דעם, וואָס זיצט אין אַן איינצל־קאַמער. נאָך יום־טובדיקער איז די שטימונג ווען דו דערוואַרטסט אַז באַלד וועסטו זען אַ נאָענטן פון דער אייגענער פאַמיליע.

דאָס זען זיך איז פאָרגעקומען צווישן צוויי געדיכטע דראָטענע גראַטעס. דער אַרעסטאַנט איז געשטאַנען אויף איין זייט גראַטע, דער וואָס איז געקומען אים זען — הינטער דער צווייטער. צווישן ביידע גראַטעס איז געווען אַ שמאָלער קאָרידאָר, וואו עס איז געשטאַנען אַ וועכטער און געהערט וואָס מען רעדט. מען האָט געמוזט ריידן רו־סיש, כדי דער וועכטער זאָל פאַרשטיין. אַרום זיינען געשטאַנען נאָך אַרעסטאַנטן וואָס האָבן גלייכצייטיק גערעדט צו זייערע פריינט. דער טומל, איז געווען זייער גרויס, ווייל יעדער האָט געפּרואווט ריידן וואָס העכער, כדי די פּערזאָן וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט זאָל דערהערן. באַקומען האָט זיך אַז מען האָט איינער דעם צווייטן געפּרואווט איבערשרייען. די עטלעכע מינוט וואָס זיינען דערלויבט געוואָרן פאַר דער „זעאונג" זיינען שנעל אַוועק און מען האָט גע־דאַרפט ווידער וואַרטן אויף דעם אַ וואָך צייט.

אינצידענטן פון טורמע־לעבן

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז די טורמע געווען אַ גרויסע, מיט איבער פופצן הונדערט „איינוואוינער", מיט פיל אָפּטיילונגען.

מיר האָבן זיך געזען אויף די „פּראָגולקעס" דערהויפּט מיט אונזער גרופּע. עס זיינען אָבער געזעסן אויך די פּאָליטישע „קאַ־טאָרזשניקעס", אַזעלכע וואָס זיינען שוין געמשפּט און פאַרמשפּט געוואָרן און זיי האָבן געקראָגן אַ באַשטימטע צאָל יאָרן קאַטאָרגע. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין גרויע אַרעסטאַנטסקע קליידער מיט קייטן אויף זייערע פיס, וועלכע האָבן געוועגן ביי צען פונט, ווען זיי זיינען געגאַנגען האָט זיך בסדר געהערט דער קלונג פון די קייטן. אַזוי ווי זיי זיינען געזעסן אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג האָט אונדזער

גרופּע זיי ניט געקענט. איך פּלעג ווּיסן די צייט פון זייער „פּראָ־גולקע" ווען איך פּלעג דערהערן דעם קלינגען פון די קייטן.

דורך מיין טורמע־פענצטער איז מעגלעך געווען צו זען ווי זיי שפּאַצירן, אָבער דער פענצטער איז געווען הויך אונטער דער סטעליע. ווען מען האָט זיך געשטעלט אויפן שטול איז עס אַלץ נאָך געווען ניט הויך גענוג צו קענען אַרויסקוקן, מען האָט געדאַרפט פון שטול אַרויפקלעטערן אויפן פענצטער און אַוועקזעצן זיך דאָרט. דער פענצ־טער איז געווען אַזוי שמאָל אַז כדי צו קענען זען וואָס עס איז, האָט מען געדאַרפט צונויפדרייען זיך אין דרייען. אָבער די אַלע זאַכן זיינען געווען פון די קלייניקייטן. די הויפּט־שוועריקייט איז געווען, וואָס קוקן דורכן פענצטער איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

אָבער די נייגעריקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז די מערהייט פון אונדז האָט זיך ניט גערעכנט מיטן פאַרבאָט און איז פּאָרט גע־קראָכן אויפן פענצטער.

ליגנדיק אויפן פענצטער האָט מען זיך אַמאָל געקאָנט צוזאַמענ־ריידן מיט די וואָס זיינען געזעסן אויף ביידע זייטן פון מיין קאַמער. געוויינלעך האָט מען מיט דעם געבראָכן צ ו ו י י „רעגולאַציעס": ליגן אויפן פענצטער און דורכריידן זיך מיט אימיצן פון דער צוויי־טער קאַמער.

דורכן פענצטער האָט מען אויך געקענט זען אַ טייל פון דער „אויסערלעכער" וועלט. די ווענט פון טורמע זיינען געווען גענוג הויך אָבער זיצנדיק אויפן פענצטער האָט מען געזען דעם אויבערשטן טייל פון איניקע הייזער און אַ טייל פון בלויען הימל.

ווי מאָדנע עס ווערן טייער, זיצנדיק אין טורמע, זאַכן, אויף וועלכע מען קוקט זיך גאָרניט אַרום ווען מען איז פריי: וואָס פּאַר אַ פאַרגעניגן אָדער אינטערעס עס איז צו קוקן אויף אַן איינפאַכער הויז, און אַפילו אויפן הימל קוקט מען מיט גאָר אַנדערע אויגן: אַ שיינער זון־אונטערגאַנג, אַ פרימאָרגן ווען די זון גייט אויף. אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט, אָדער ווען דער הימל פינקלט מיט מיליאָנען שטערן. זיצנדיק אין טורמע ווערט אַלץ פון דרויסן באַזונדערס טייער: אַ גרינער בוים, אַ ביסל גרינע גראָז אין אַ ווינקל פון טורמע, און אַפילו צוקוקן ווי מען בויט, מען פאַררעכט אָדער מען פירט אַריין וואָס עס איז אין טורמע־הויף.

אָבער זיצן אויפן פענצטער איז פאַרבאָטן. ווי נאָר דער באַוואָפנטער וועכטער אין הויף אָדער אין קאָרידאָר דערזעט, הויבט ער אָן שרייען מען זאָל אַראָפּקריכן, אַ ניט וועט ער שיסן, קריכט מען אַראָפּ און אַ צווייטן מאָל איז מען ווידער אויפן פענצטער.

עס איז געווען נאָך אַ מיטל ווי דורכצורעדן זיך מיט די אַנדערע „אַרעסטאַנטן": דורך „קלאַפּן" אין די ווענט.

דער מעטאָד פון דורכקלאַפּן זיך איז געווען אַזוי איינפאַך, אַז עס האָט גענומען ווייניק צייט אויסצולערנען זיך.

מען האָט צעטיילט דעם אלף־בית, געוויינלעך דעם רוסישן, אין פינף שורות און יעדער בוכשטאַב איז אויסגעקלאַפּט געוואָרן נאָך דעם אָרט וואָס דער בוכשטאַב האָט פאַרנומען — אַן „א" איז געווען צוויי קלעפּ: ערשטע שורה און ערשטער בוכשטאַב א.א.וו.

געוויינלעך פלעגט דאָס דורכקלאַפּן זיך אָנהויבן פאַרנאַכט, נאָכן אָוונט־ברויט, עס איז געווען געגן די „רעגולאַציעס" פון טורמע צו דורכריידן זיך דורך קלאַפּן. מען האָט געדאַרפט קלאַפּן אַזוי פאַרזיכטיק, אַז דער וועכטער וועלכער פלעגט דורכן „קוקער" אין טיר אַכטונג געבן וואָס מיר טוען, זאָל ניט באַמערקן ווי מען קלאַפּט. דער אַרעסטאַנט זיצט ביים טיש, די שטול צוגערוקט צו דער וואַנט און לייענט אַ בוך. שטילערהייט קלאַפּט ער אוים מיט עפּעס וואָס ער וויל איבערגעבן, אָדער ער ליגט אין בעט און מאַכט זיך אַז ער שלאָפט און אין דער זעלבער צייט קלאַפּט ער אין וואַנט.

ניט אַלע מאָל האָט זיך דאָס איינגעגעבן. זייער אָפט האָט דער וועכטער דורכן „קוקערל" אויסגעפונען ווער עס קלאַפּט. דאַן האָט ער אַחוץ שרייען מען זאָל אויפהערן קלאַפּן, אויך געדראָעט, אַז ער וועט מעלדן דעם טורמע „נאַטשאַלניק" (פאַרוואַלטער). אָבער אַ ביסל שפּעטער אָדער אויפן צווייטן טאָג האָט דער אַרעסטירטער שוין ווידער געקלאַפּט.

מיין „אוניווערזיטעט"

אַרבעטנדיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז מען שטענדיק געווען אין געפאַר אַרעסטירט צו ווערן.

איך האָב געהאַט מיין פּלאַן פון אַרבעט, וואָס איך וועל טאָן אין טורמע ווען מען וועט מיך אַרעסטירן, נעמלעך: אָניאָגן דאָס, וואָס מיר האָט זיך ניט איינגעגעבן ביז איצט — לערנען זיך.

ביי מיין ערשטער „סווידאניע" מיט מיין פרוי, האָב איך איר געבעטן זי זאָל מיר ברענגען לערן־ביכלעך פאַר דער רוסישער שפּראַך, אַן אַריפמעטיקע און שרייב־מכשירים.

איך האָב ניט געוואוסט די נויטיקסטע כּללים (רעגעלן) פון גראַמאַטיק, דעם געבוי פון זאַץ, אַפילו איינצלנע ווערטער, צו וועלכער קאַטעגאָריע זיי געהערן. דאָס זעלבע מיט אַריפמעטיק, אַפילו דאָס עלעמענטאַרסטע.

איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיינעם אַ נאָענטן פריינט אין ניו יאָרק, אשר פּינקוס ער זאָל מיר שיקן אַן ענגלישן לערן־ביכל מיט אַ ווערטער־בוך, עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך האָב זיי געקראָגן.

אויף מיין פאַרלאַנג האָט מען מיר אויך געבראַכט לערן־ביכער פון דייטש, געאָגראַפיע און אַנדערע.

איך האָב איינגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון אַרבעט. איך האָב צעטיילט דעם טאָג און יעדע שטונדע איז געווען באַשטימט פאַר אַ באַזונדערן געגנשטאַנד.

דער זומער איז געווען אַ הייסער. נאָך שטאַרקער האָט זיך געפילט די היץ אין אונדזערע קליינע, פאַרשטיקטע קעמערלעך. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז אָדער איך כאַפּ אַריין מיין לערנען זיך איצט, אָדער איך וועל קיינמאָל ניט האָבן די געלעגנהייט.

ווען איך פלעג ווערן מיד פון שטודירן אַ געגנשטאַנד, פלעג איך אָפּרוען ביים לייענען בעלעטריסטישע ביכער.

אין טורמע איז געווען אַ ביבליאָטעק, וואו ס'איז ניט געווען צופיל גוטע ביכער, אָבער פאַר מיר איז געווען גענוג, צו לייענען אין די מינוטן פון „אָפּרו".

איך בין געזעסן אין דער לוקישקער טורמע זיבן מאָנאַטן, נאָענט צו צוויי מאָנאַטן איז מיט מיר געזעסן דער „אומבאַקאַנטער" אַרעסטאַנט, וועלכער האָט מיר ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו האַלטן זיך ביי מיין אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם. איך האָב זיך אָפטמאָל געוואונדערט, ווי גרינג עס איז מיר אָנגעקומען צו אויסלערנען זיך, צו פאַרשטיין טיילן פון דער רוסישער גראַמאַטיקע, וועלכע האָבן פאַר מיר אויסגעקוקט ווי אַ שווערע בלאַט גמרא, ווען איך האָב דאָס געפּרואווט שטודירן אַ קורצע צייט פריער אין אָרשע און שפּעטער אין מינסק.

אין די זיבן מאָנאַטן האָט זיך מיר איינגעגעבן אויסלערנען די רוסישע גראַמאַטיקע אויף אַזויפיל, אַז איך זאָל קענען פאַרשטיין און שרייבן זאַצן גראַמאָטנע. איך בין דורכגעגאַנגען אַריפמעטיקע ביז אַלגעברע און האָב גרינג געלייזט אַריפמעטישע אויפגאַבן. מיין דייטש לערן־ביכל האָט מיר געהאָלפן צו קענען איבערלייענען איייניקע ביכער אין דייטש וואָס איך האָב גענומען פון דער טורמע־ביבליאָטעק.

איך האָב זיצנדיק אין טורמע ניט געקלערט און ניט געהאַט קיין פּלענער וועגן פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער דער ענגלישער לערן־ביכל מיט דעם ווערטער־בוך האָט מיר פיל געהאָלפן, ווען איך בין מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, אויסצולערנען זיך שנעל לייענען און פאַרשטיין אַן ענגלישע צייטונג.

מיין שטודירן האָט מיר געהאָלפן מאַכן דעם טורמע־לעבן גרינגער. זייער אָפט בין איך געווען אַזוי פאַרנומען מיט לערנען, אַז איך פלעג ניט באַמערקן ווי דער טאָג איז אַוועק. איך האָב ניט געהאַט קיין צייט צו קוקן אויף די גרויע, שמוציקע, פאַרשריבענע ווענט אויף דעם שוואַרצן דיל, און האָב זיך אַפילו צוגעוואוינט צו דער „אויג" וועלכער פלעגט אַזוי אָפט אַריינקוקן אין „קוקערל".

***

אַ לענגערע צייט האָט מען מיך ניט גערופן צו קיין אויספאָרשונג. אָבער איך האָב זיך ענדלעך דערוואַרט און מען איז געקומען נעמען מיך צו אַ „פאַרהער".

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ ספּעציעלן צימער פון דער טורמע. דאָרט איז געזעסן אַן אָפיצער פון דער ווילנער זשאַנדאַרמעריע. נאָך אַ ריי פראַגן און באַשולדיקונגען קעגן מיר, וועלכע איך האָב אָפּגעלייקנט, האָט ער אַרויסגענומען אַ בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו מיין פאָטער. ער האָט פאַר מיר געלייענט אַ פּינקטלעכע איבערזעצונג אין רוסיש. ווען ער האָט געענדיקט לייענען האָט ער מיר געפרעגט וואָס קען איך אים זאָגן וועגן דעם אינהאַלט פון בריוו.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז מיין פאָטער האָט געוואוסט וועגן מיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און האָט טיילווייז מיט מיר איינגעשטימט.

ווען זיי האָבן מיך אַרעסטירט האָבן זיי געפונען ביי מיר דעם אַדרעס פון מיין פאָטער, וועלכער האָט געוואוינט אין בערעזין. זיי

האָבן ביי אים געמאַכט אַ הויז־זוכונג און געפונען דעם אויבנדער־מאָנטן בריוו.

דער בריוו איז געווען געשיקט צום פאָטער מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם. ער איז געווען געשריבן מיט אַ רעוואָלוציאָנערער באַגייס־טערונג וועגן דער נייער וועלט, פאַר וועלכער מיר קעמפן. אָבער די שפּראַך איז געווען אַ פאַרשטעלטע. איך בין געווען אַזוי געשולט אין מיין „קאָנספּיראַציע", אַז אַפילו אין אַ בריוו צום פאָטער האָב איך קיין זאַך ניט אָנגערופן בײַם נאָמען.

ווען דער אויספאָרשער האָט ביי מיר געפאָדערט אַן ענטפער אויפן אינהאַלט האָב איך אים געענטפערט, אַז אין בריוו האָב איך אויסגעדריקט צום פאָטער מיין באַגייסטערונג און ליבע, וואָס איך פיל צו מיין פרוי.

ער האָט נאָך אַמאָל געלייענט פאַר מיר די איבערזעצונג און געוויזן אַז מיין אויסטייטשונג איז ניט קיין ריכטיקע. איך האָב אים געענטפערט, אַז אַזוי שרייב איך און אַזוי טייטש איך אויס.

ווען מען האָט מיך גערופן אויף אַ צווייטן פאַרהער, האָב איך געטראָפן צוזאַמען מיטן זשאַנדאַרמסקן אָפיצער נאָך איינעם. דאָס איז געווען אַ ייד, אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער. ער האָט געלייענט מיין אָריגינעלן יידישן בריוו. ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער אויספאָרשער ווידער גענומען מיר שטעלן פראַגן וועגן פיל אויס־דרוקן, וואָס שטימען ניט מיט מיין אויסטייטשונג. איך האָב זיך אָבער געהאַלטן פעסט ביי מיין ערשטער דערקלערונג: מיט דעם האָבן זיך די פאַרהערן געענדיקט.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז מען האָט אונדז אַרעסטירט, ווייל דער פּראָוואָקאַטאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי האָט אונדז אַרויסגע־געבן.

כדי צו פאַרפירן קעגן אונדז אַ געריכט־פּראָצעס איז געווען נויטיק אַז קאַפּלינסקי זאָל קומען אין געריכט און אַרויסטרעטן אַלס עדות קעגן אונדז. ווען ער קומט וואָלט ער געקענט ברענגען אַזויפיל פאַקטן, אַז אַ מיליטער־געריכט וואָלט אונדז לייכט פאַרמשפּט צו קאַטאָרגע. אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט קאַפּלינסקי ניט געוואָלט ריזיקירן מיט זיין לעבן און האָט זיך אַנטזאָגט צו קומען.

פאַר דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט איז געבליבן דער איינציקער וועג — פאַרשיקן אונדז „אַדמיניסטראַטיוו" אָן אַ פּראָצעס.

מיטן „עטאַפּ" צום אָרט פון פאַרשיקונג

אין אַן אָקטאָבער פרימאָרגן, האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון לוקישקער טורמע. מיר האָבן „געמאַרשירט" מיט אונדזערע גרויסע פּעק אויף די פּלייצעס, איינגעפּאַקטע זאַכן פאַר דעם קאַלטן צפון וואו־הין מען האָט אונדז געשיקט. מיר זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ באַוואָפנטן „קאָנוואָי" סאָלדאַטן.

פון טורמע האָט מען אונדז געבראַכט אין דער ווילנער „פּע־רעסילקע *). אין פּערעסילקע האָט מען אונדז פאַרן אַרויספירן צו־געשלאָסן פאַרוויז מיט אייזערנע קייטן אויף די הענט.

הונדערטער פון אונדזערע פריינט זיינען געשטאַנען אין די גאַסן דורך וועלכע מען האָט אונדז געפירט און געגעבן אונדז אַ האַרציקן זיי־געזונט, פיל זיינען געקומען אויפן וואָקזאַל צו געזעגע־נען זיך מיט אונדז.

אין באַן האָבן מיר, געגעבנדיק עטלעכע רובל דעם „קאָנוואָי" אויסגעווירקט מען זאָל אַראָפּנעמען די קייטן פון אונדזערע הענט.

אַזוי האָט מען אונדז געבראַכט אין פּעטערבורגער „פּערעסילנע טורמע".

איידער מען האָט אונדז אַריינגעפירט אינעווייניק אין טורמע, האָט מען אונדז אונטערזוכט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצוגיין אַזאַ אונטערזוכונג. מען האָט אונדז אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט. מען האָט געזוכט אין מויל, אין די אברים, מען האָט געזוכט אַזוי, ווי מיר קענען עפּעס באַהאַלטן אין אונדזער קערפּער. יעדער פאַלד אין אונדזערע קליידער איז גרינדלעך אַרומ־געטאַפּט געוואָרן. נאָכן אונטערזוכן, האָט מען אונדז אַלעמען אַריינ־געפירט אין אַ גרויסן צימער מיט אַ לאַנגן טיש, לאַנגע בענק און הילצערנע „נאַרעס" צום שלאָפן.

מיר זיינען דאָרט אָפּגעווען אַ וואָך צייט. די דיסציפּלין איז גע־ווען זייער שטרענג. מיר פלעגן דאַרפן „וועקסן" דעם אַספאַלדענעם דיל פון אונדזער גרויסן צימער און אויך די קאָרידאָרן. די אויפ־זעער האָבן אַכטונג געגעבן, אַז דער דיל זאָל בלישטשען.

---

*) אַ צייטווייליקע טורמע, וואו מען האַלט די, וואָס מען שיקט אַריבער פון איין אָרט אין אַ צווייטן.

דער עסן איז געווען בעסער ווי אין לוקישקער טורמע. נאָך מי־טאָג איז געווען אַ שטונדע פּאַר שלאָפן. מען האָט אין דער שטונדע געמוזט ליגן אויף די „נאַרעס" און קיין „פּיפּס" האָט זיך ניט גע־טאָרט הערן. דאָס זעלבע איז געווען אין אָוונט ווען מען האָט גע־דאַרפט גיין שלאָפן. מען איז געלעגן אויף די „נאַרעס" איינער לעבן דעם אַנדערן, אָבער די אויפזעער האָבן אכטונג געגעבן אַז אַפילו ווי שטיל איינער האָט געוואָלט ריידן, זאָל ער גלייך אויפהערן.

פּעטערבורג, אַזוי ווי מאָסקווע, איז געווען אַ גרויסער צענטער פון פּאַנאַנדערשיקן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אין פּעטערבורגער „פּע־רעסילקע", וואו מיר זיינען געזעסן, פלעגן כמעט יעדן טאָג אָנקו־מען און אָוועקגיין עטאַפּן מיט אַרעסטירטע.

מיר האָבן דורך דער וואָך געטראָפן זיך מיט פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן פון פאַרשיידענע געגנטן אין רוסלאַנד: קאַווקאַז, באַלטישע געגנט און אַנדערע. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די געגנטן און וועגן די טורמעס, וואו זיי זיינען געזעסן.

פון פּעטערבורג האָט מען אונדז געבראַכט אין וואָלאָגדער „פּע־רעסילקע".

וואָלאָגדאַ איז געווען איינע פון די וויטע רוסישע צפון־גובער־ניעס וואוהין מען האָט פאַרשיקט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

פון וואָלאָגדער „פּערעסילקע" פלעגט מען שוין פּאַנאַנדערשיקן די אַרעסטירטע אין פאַרשיידענע דערפער און שטעטלעך פון דער גובערניע, וואו זיי האָבן געדאַרפט וואוינען.

די וואָלאָגדער פּערעסילקע איז געווען דער געגנזאַץ פון פּעטער־בורגער, שמוציק און אָפּגעלאָזן. אַפילו לוקישקער טורמע אין ווילנע איז געווען אַ „פּאַלאַץ" אין פאַרגלייך מיט איר.

מען האָט געמוזט שלאָפן אין די זאַכן, ווייל עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די לייז, וועלכע זיינען דאָרט געווען אַזוי פיל און אַזעל־כע גרויסע, זאָלן ניט „אויפעסן אַ לעבעדיקן". דער עסן איז געווען נאָך ערגער ווי אין לוקישקער טורמע.

איך האָב זיך דאָרט באַקאַנט מיט אייניקע פון די אַרעסטירטע. עס איז דאָרט אויך געווען זייער גרינג צוזאַמענריידן זיך מיט די וואָס זיינען געזעסן אין דער פרויען אָפּטיילונג. מיט אייניקע פון די אַרעסטירטע בין איך דורך דער וואָך געוואָרן נאָענט באַפריינדעט.

איך בין געווען זייער צופרידן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט אַז איינער פון מיינע נייע פריינט — קלעפּיקאָוו און איינע פון דער פרויען אָפּטיילונג — מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, ווערן אַרויסגעשיקט אין דעם זעלבן שטעטל, סאָלוויטשעגאָדסק, וואוהין מען שיקט מיך אַרויס.

וויאַטקער פּערעסילקע

איך בין געווען דער איינציקער פון אונדזער ווילנער גרופּע וואָס מען האָט פאַרשיקט אין אַ שטעטל פון וואָלאָגדער גובערניע, סאָלוויטשעגאָדסק. אַבראַמאָוויטש און ליבער זיינען געבליבן אין וואָלאָגדע, מאַזאָווערן און מאַכלינען האָט מען אַרויסגעשיקט אין אַנדערע ערטער.

מיט אַ שיף איבערן טייך סוכאָנאַ איז פון וואָלאָגדע ביז סאָל־וויטשעגאָדסק אַרום פינף הונדערט וויאָרסט, אָבער דער „קאָנוואָי" איז ניט געפאָרן מיט קיין שיף נאָר מיטן אייזנבאַן ביז וויאַטקע (איצ־טיקער קיראָוו), פון וויאַטקע ביז קאָטלאַס און פון קאָטלאַס צו סאָל־וויטשעגאָדסק, הגם דאָס איז געווען צוויי מאָל אַזוי ווייט.

מען האָט אונדז געבראַכט אין וויאַטקער פּערעסילקע און נאָך דער געוויינלעכער אונטערזוכונג, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן קאַמער.

נאָך דער גרויס פון קאַמער האָבן דאָרט געקאָנט זיך איינ־אָרדענען דאָס העכסטע פופציק אַרעסטאַנטן, אָבער אין קאַמער זיי־נען געווען זעקס מאָל אַזוי פיל — דריי הונדערט. די מערהייט — קרימינעלע פאַרברעכער. אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען געווען פאַר־משפּט צו קאַטאָרגע פאַר מאָרד. זיי זיינען געזעסן אָדער אומגעגאַנגען מיט די שווערע קייטן אויף זייערע פיס. זיי זיינען געווען די באַלע־באַטים פון קאַמער, זיי האָבן פאַרנומען די בעסטע פּלעצער אויף די „נאַרעס". אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אָדער געשפּילט אין קאָרטן, אָדער מען האָט זיך געקריגט, געשאָלטן און אויסגערופן איינע די אַנדערע מיט די שמוציקסטע נעמען. זיי זיינען געווען די פּריווילעגירטע, „מיחוסים." זיי האָבן געקענט אַרונטערנעמען די שטיוול פון די פיס ביי אַ צווייטן אַרעסטאַנט, ווען יענער האָט געשלאָפן, זיי האָבן אָבער געהאַט אַ ביסל אָפּשיי פאַר די „פּאָליטיקער" און האָבן זיך ניט דערלויבט צו באַגיין מיט אונדז ווי מיט די אַנדערע.

אין קאַמער איז ניט געווען קיין טיש אָדער שטול. עס זיינען נאָר געווען „נאַרעס", פּלעצער וואו מען שלאָפט. אָבער דאָ האָבן זיי געדינט אַ גאַנצן טאָג פאַר זיצן, ליגן און עסן. אַזוי ווי די נאַרעס זיינען געווען געננוג נאָר פאַר אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן, האָבן די איבעריקע זיך געוואַלגערט אויפן שמוציקן דיל. דאָרט האָבן זיי גע־שלאָפן, געזעסן און אויך געגעסן.

אין קאַמער איז אויך געווען אַ „פּאַראַשקע". אָבער אַזוי ווי די קאַמער איז געווען איבערגעפּאַקט איז די „פּאַראַשקע" געווען צו קליין צו באַדינען אַלעמען. בייניאַכט, ווען די קאַמער איז געווען פאַר־שלאָסן, פלעגט זי ווערן אַזוי אָנגעפילט, אַז די גאַנצע שמוץ פלעגט זיך איבערגיסן און פלעגט רינען אין אַלע זייטן אונטער די קערפּערס פון די שלאָפנדיקע אַרעסטאַנטן.

די לופט אין קאַמער איז געווען אַזוי פאַרפּעסטעט, אַז אַפילו די געזינטסטע האָבן דאָס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. עס איז געווען איין קליין פענצטערל, זיינען דאָרט שטענדיק געשטאַנען נאָר די, וואָס האָבן געקענט מיט זייערע עלנבויגנס אוועקשטופן די איבעריקע. אין דער וואָך וואָס איך בין געווען דאָרט, האָב איך ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צוצוגיין צום פענצטערל אַפילו אויף איינציקע מינוט. עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב געפילט, אַז איך וועל דער־שטיקט.

דורכן טאָג האָט מען געמעגט אַרויסגיין אין אָפּטרעט וועלכער איז געווען לעבן דער קאַמער. איך פלעג אַהין אַרויסגיין איינ־צואָטעמען אַ ביסל „פרישע לופט", אָבער דאָרט איז אויך געווען אַזוי שמוציק, אַז איך פלעג גלייך לויפן צוריק. אויף די נאַרעס זיי־נען די לייז אַרומגעקראָכן אין אַזאַ צאָל, אַז קיינער האָט אַפילו ניט געטראַכט עפּעס צו טאָן וועגן דעם.

דעם עסן האָט מען געבראַכט אין אַ גרויסן קעסל און די אַרעס־טאַנטן זיינען צוגעגאַנגען מיט גרויסע שיסלען, וועלכע מען האָט אָנגעפילט מיט אַ מוטנעם וואַסער, וואָס האָט געזאָלט הייסן „זופּ". מען האָט די שיסלען געבראַכט אויף די נאַרעס און מיט הילצערנע לעפל האָט אַ גרופּע פון אַכט אָדער צען געגעסן פון יעדן שיסל. גאַנץ אָפט זיינען לייז אַרומגעשוואומען אין שיסל...

איך האָב געפילט אַז וואָס עס זאָל מיט מיר ניט טרעפן שפּעטער,

מען שוין ניט זיין ערגער ווי דאָ, און האָב געציילט די מינוטן ווען מען וועט אונדז פון דאַנען אַרויסנעמען.

די „גליקלעכע" שטונדע איז ענדלעך געקומען. מען האָט אויס־געדופן די נעמען פון אונדזער קליינער פּאָליטישער גרופּע אַרויסצו־קלייבן זיך פון קאַמער. די „קאָנוואָי"־סאָלדאַטן זיינען שוין געשטאַ־נען גרייט מיט זייער געווער, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט גיין אין מלחמה. מען האָט אונדז אָנגעטאָן קייטן אויף די הענט און פיס. דאָס איז גע־ווען פאַר מיר דאָס ערשטע מאָל צו טראָגן קייטן אויף די פיס.

עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, ענדע אָקטאָבער. מיר זיינען געגאַנגען אין מיטן גאַס טיף אין בלאָטע. די סאָלדאַטן האָבן גע־טריבן צו גיין שנעלער און איך, צוגעטשעפּעט מיט אַ קייטל צו אַ צווייטנס האַנט קען קוים אַרויסשלעפּן די פיס מיט די שווערע קייטן פון דער טיפער בלאָטע.

פון דער וויאַטקער פּערעסילקע ביזן וואָקזאַל איז ניט נאָענט, אָבער מיר האָט זיך געדאַכט אַז די שטרעקע איז געווען נאָך פיל וויי־טער ווי אין דער ווירקלעכקייט.

עס האָט אונדז גענומען אַ גאַנצע נאַכט ביז מיר זיינען געקומען פון וויאַטקע מיט דער באַן קיין קאָטלאַס, די לעצטע סטאַנציע פון דער אייזנבאַן.

פון דאָרטן ביז סאָלוויטשעגאָדסק איז ביי דרייסיק וויאָרסט. די שטרעקע האָבן מיר געדאַרפט גיין צופוס. מען האָט אונדז נאָר געגעבן אַ פערד און וואָגן צו פירן אונדזערע זאַכן. די קאָנוואָי־סאָל־דאַטן האָבן געזען, אַז מיט קייטן אויף די פיס וועט פאַר אונדז זיין אוממעגלעך צו „מאַרשירן" אַזאַ שטרעקע און מען האָט שוין די קייטן מער ניט אָנגעטאָן. זיי האָבן אונדז אָבער געטריבן צו גיין אַזוי שנעל, אַז אַפילו אָן קייטן זיינען מיר פאַרמאַטערט געוואָרן.

שפּעט נאָכמיטאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין סאָלוויטשעגאָדסק.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין סאָלוויטשעגאָדסקער טורמע און אין דער פרי האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזן.

אין סאָלוויטשעגאָדסק

די קליינע סאָלוויטשעגאָדסק האָט געהאַט דעם מזל, אַז ניט נאָר אין סאָוועטן פאַרבאַנד זאָלן צענדליקער מיליאָנען מענטשן איצט ווייסן וועגן איר, נאָר מיליאָנען מענטשן .אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבן געלייענט וועגן סטאַלינס לעבן זאָלן ווייסן וועגן דעם קליינעם שטעטל.

דער ווינטער אין סאָלוויטשעגאָדסק איז אַ לאַנגער, פון זעקס ביז זיבן מאָנאַט, און זייער אַ קאַלטער, פערציק גראַדיקע פרעסט און העכער. טאָקע דערפאַר האָט די צאַרישע רעגירונג באַשטימט דאָס קליינע שטעטל פאַר אַ פונקט צו פאַרשיקן אַהין „פּאָליטישע". מיט לאַנגע יאָרן פריער איז דאָרט געווען אַ צענטער פון זאַלץ־האַנדל. סאָלוויטשעגאָדסק מיינט טאַקע: דאָס שטעטל פון זאַלץ.

דאָס שטעטל האָט אין מיין צייט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון איבער דריי טויזנט איינוואוינער, די גרויסע צאָל קלויסטערס האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָרט האָבן אַמאָל געוואוינט רייכע „קופּצעס" (סוחרים), וועלכע האָבן בייגעשטייערט גרויסע סומען זיי אויפצו־בויען. ווען מיר זיינען דאָרט געווען האָט איינער פון די „קופּצעס" אַפילו געהאַט עלעקטרישע באַלייכטונג אין זיין פּאַלאַץ. מיט דעם אויסנאַם פון זעלטענע, געציילטע גבירים, האָט די גאַנצע באַפעל־קערונג געפירט אַן אָרעמען לעבן.

דער געזעץ איז געווען, אַז ווען דער פאַרשיקטער איז געבראַכט געוואָרן אין שטעטל, האָט ער געדאַרפט געפינען אַ וואוינונג פאַר זיך און לאָזן ווייסן דער פּאָליציי זיין אדרעס, כדי זיי זאָלן קענען אַכטונג געבן אויף אים. צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפרי און פאַרנאַכט, פלעגט אַ וועכטער באַזוכן די וואוינונג צו זען, צי דער פאַרשיקטער געפינט זיך דאָרטן.

ווען עס פלעגט אָנקומען אַ גרופּע פאַרשיקטע, פלעגט אַ פאַר־שטייער פון די „אַלטע" פאַרשיקטע, וועלכע זיינען שוין געווען באַ־

קאַנט מיטן שטעטל, קומען זיי באַגעגענען, העלפֿן געפֿינען אַ וואוינונג און געבן אַנדערע הילף, וואָס איז געווען נויטיק צו איינאָרדענען די ערשטע אָנגעקומענע.

עס איז געווען באַשטימט, איידער מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פֿון ווילנע, אַז ווי נאָר איך וועל זיך דערוויסן אין וואָלאָגדע, וואוהין מען שיקט מיך אַרויס, זאָל מיין פֿרוי מיט די קינדער קומען צו מיר. איך האָב דערפֿאַר געדאַרפֿט געפֿינען אַ וואוינונג פֿאַר אונדז אַלעמען.

מען האָט מיר געוויזן אַ הויז, וועלכע איז מיר געפֿעלן געוואָרן און איך בין זיכער געווען, אַז זי וועט אויך געפֿעלן מיין פֿרוי.

דאָס הויז איז געווען ניט לאַנג אויפֿגעבויט. עס האָט געהאַט דריי צימערן: אַ גרויסע קיך מיט אַ גרויסן „רוסישן" אויוון; אַ קלענערער צימער, וואוהין עס איז אַריין אַ וואַנט פֿון דער אויוון און אַ גרויסער צימער מיט פֿיר פֿענצטער, וואו עס איז געווען אַ קלענערע אויוון צו וואַרעמען דעם צימער. עס איז אויך געווען אַ „אָפּטרעט" גלייך ביים אַריינגאַנג צום הויז, אַ באַקוועמלעכקייט וואָס זייער ווייניק הייזער האָבן געהאַט אַפֿילו אין ווילנע. אַרום הויז איז אויך געווען אַ גרויסער גאָרטן, וואָס דער באַלעבאָס פֿון הויז האָט צוגעזאָגט צו געבן אונדז אַ טייל, אויב מיר וועלן וועלן פֿאַרזייען וואָס עס איז אין פֿרילינג. דאָס הויז האָט זיך געפֿונען ביים ברעג שטעטל. דירה־געלט האָט דער באַלעבאָס געבעטן פֿינף רובל אַ חודש. ער האָט אונדז דערפֿאַר געדאַרפֿט אויך געבן „מעבל".

אין קלענערן צימער פֿון דער וואוינונג האָט זיך אַריינגעקליבן קלעפּיקאָוו, וואָס האָט געצאָלט איין רובל אַ חודש.

מיט קלעפּיקאָוון האָבן איך זיך באַקאַנט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אין דער וואָלאָגדער „פּערעסילקע". ער איז געווען אַ מעטאַל־אַרבעטער און האָט באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן". ער איז געווען, וואָס מען רופֿט אין רוסיש: „דושאַ נאַ ראַספּאַשקו", אַן אָפֿענע נשמה, אַ גוטער ברודער. ער פֿלעגט אָפּזיצן שטונדן, פֿאַרטאָן אין לעזן אַריפֿמעטישע אויפֿגאַבן. אין די פּאָר וואָכן וואָס עס האָט געדויערט ביז מיין פֿאַמיליע איז געקומען, האָב איך מיט אים געלעזט דעם גרעסטן טייל פֿון די אויפֿגאַבן וואָס זיינען געווען אין ביכל. מיר זיינען שטענדיק געווען אין אַ פֿאַרמעסט, ווער עס וועט די אויפֿגאַבע לעזן פֿריער.

איך האָב געבעטן דעם סאָלוויטשעגאָדסקער איספּראַווניק (פּאָ־ליציי־שעף) ער זאָל מיר דערלויבן צו פאָרן אין קאַטלאַס באַגעגענען מיין פאַמיליע. ער האָט מיר אָבער די דערלויבעניש ניט געוואָלט געבן אויפן גרונד, וואָס עס איז פאַרבאָטן אַ פאַרשיקטן ארויסצוגיין פון שטעטל ווייטער ווי דריי ווי‍אָרסט.

דער צפון ווינטער האָט זיך אָנגערוקט מיט דער פולער קראַפט. דער טייך האָט גענומען פאַרפרירן, אָבער דער אייז איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג צו קאָנען פאָרן איבער אים. איך האָב געפונען אַ פורמאַן צו פאָרן אין קאַטלאַס זיי באַגעגענען. דער וועג צוריק איבערן טייך איז געווען ריזיקאַליש־שווער. מען האָט געדאַרפט ברעכן דעם דינעם אייז אום צו קענען איבערשיפלען זיך איבער אים.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אונדזער הויז איז געווען נאָענט צום וואַלד. ווען עס פלעגט שנייען אַ לענגערע צייט, פלעגט אָנשיטן אַזוי פיל שניי, אַז מען האָט קוים געקענט ארויסגיין פון הויז. עס האָט גאַנץ אָפט געטראָפן, אַז מיר זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי און געפונען אונדזערע פענצטער מער ווי האַלב פאַרשאָטן. מיר האָבן אָפט געהערט דעם וואָיען פון וועלף אַזוי נאָענט, אַז עס האָט זיך געדוכט אַז זיי זיינען אונטער אונדזערע פענצטער.

די צאַרישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבן די פאַרשיקטע אַ קליינע סומע געלט צום לעבן. די סומע איז ניט אומעטום געווען גלייך. עס האָט זיך געווענדט לויט די לעבנס־קאָסטן אין די פאַרשיידענע פלעצער, וואוהין מען פלעגט פאַרשיקן די פּאָליטישע. יעדנפאַלס, האָט זי געגעבן ניט פיל מער ווי עס האָט געקאָסט אויסצוהאַלטן. אַן אַרעס־טאַנט אין טורמע. אויב דער פאַרשיקטער האָט געהאַט אַ פרוי, איז פאַר איר אויך געגעבן געוואָרן אַ באַשטימטע סומע. איך האָב גע־קראָגן, וויפיל איך געדענק, פינף רובל אַ חודש, פאַר מיין פרוי — פיר און פאַר די קינדער צו צוויי רובל. האָבן מיר געהאַט דרייצן רובל אַ חודש צום לעבן. פינף האָט געקאָסט די דירה, אַמווייניקסטן צוויי רובל אַ חודש צו באַהייצן די אויוונס אין די גרויסע פרעסט, האָט זיך אונדז אָפּגעשטעלט זעקס רובל אַ חודש צום לעבן.

אין שטעטל איז געווען אַ בוכבינדער. אַ פאַרשיקטן איז געווען פאַרבאָטן צו אַרבעטן ביי וועמען עס איז, ווייל די איינוואוינער טאָרן ניט זיין מיט אונדז אין צו נאָענטע באַציאונגען כדי ניט אָנגעשטעקט צו ווערן מיט אונדזערע „געפערלעכע” געדאַנקען. דער בוכבינדער

האָט אָבער איינגעשטימט צו געבן מיר אַרבעט. כדי מען זאָל מיך ניט זען האָב איך געאַרבעט אין אַ זייטיקן, קליין צימער און האָב דערפאַר געקראָגן צוויי רובל אַ וואָך.

לאַנג האָב איך אָבער דאָרטן ניט געקענט אַרבעטן. דער וועכ־טער פלעגט קומען צוויי מאָל אַ טאָג אַכטונג געבן צי איך בין אין הויז. ווען ער פלעגט מיר ניט געפינען, האָט מיין פרוי יעדן מאָל אים געזאָגט אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען צו אימיצן פון די פאַרשיקטע. ער האָט גענומען נאָכזוכן און האָט אויסגעפונען, אַז איך אַרבעט.

איך בין אַוועק צום איספּראַווניק בעטן ער זאָל מיר דערלויבן אַרבעטן. ער האָט מיר געענטפערט אַז דאָס ווענדט זיך ניט אָן אים. איך דאַרף קריגן אַ דערלויבעניש פון גובערנאַטאָר. איך האָב אָנגע־שריבן צום גובערנאַטאָר. דער ענטפער איז געווען אַז עס איז קעגן די „רעגולאַציעס" צו געבן מיר אַזאַ דערלויבעניש.

סטאַלין אין סאָלוויטשעגאָדסק

אַ קורצע צייט נאָך מיין אָנקומען אין סאָלוויטשעגאָדסק, האָט דער „קאָנוואָי" געבראַכט אַ נייע גרופּע פּאָליטישע פאַרשיקטע, צווישן וועלכע עס איז געווען סטאַלין. די „אַלטע" פאַרשיקטע האָבן שוין אים געקענט, ווייל סטאַלין איז געווען אַרויסגעשיקט אין סאָלוויטשע־גאָדסק ענדע 1908, אָבער אין יוני 1909 איז ער פון דאָרטן אַנטלאָפן. די פאַרשיקטע פלעגט מען רופן מיט זייערע אמתע נעמען און די „פּאָליטישע" וואָס האָבן אים געקענט פון זיין ערשטער פאַרשיקונג אין שטעטל, האָבן אים גערופן דזשוגאַשווילי.

אין דעם טאָג וואָס דער עטאַפּ האָט אים געבראַכט, בין איך געזעסן אין אַ צימער ביי דריי פאַרשיקטע. איינער פון זיי, אַ פּעטער־בורגער אַרבעטער, פּעטראָוו, האָט באַלאַנגט צום באָלשעוויסטישן טייל פון דער פּאַרטיי. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער האָט זיך געלערנט אין אַ פּאַרטיי־שול אויפן אינזל קאַפּריאַ, אין איטאַליע, וועלכע גאָר־קי האָט געהאָלפן פינאַנסירן. מיר האָבן געפירט אַ היציקע דיסקוסיע וועגן פּאַרטיי־טאַקטיק, ווייל אין דער קליינער גרופּע זיינען געווען מיטגלידער פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען. אין מיטן דער דיסקוסיע איז אַריינגעקומען אַ פאַרשיקטער און האָט אונדז דערציילט אַז מען האָט געבראַכט אַ גרופּע פאַרשיקטע צווישן וועלכע

עס געפינט זיך דער „גרוזין", וואָס איז מיט איבער אַ יאָר צוריק פון דאַנען אַנטלאָפן.

אין שטעטל זיינען דאַן געווען, אויף וויפיל איך געדענק, אַן ערך פינף און זיבעציק פאַרשיקטע. זיי זיינען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. מען האָט געוואוינט צו דריי און אַפילו צו פיר אין אַ צימער, עס זאָל קאָסטן ביליקער די דירה און אויך דער עסן. די פּאָליציי האָט שטענדיק נאָכגעקוקט ווען אין אַ צימער פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אַ גרעסערע גרופּע.

אָפט פלעגט די באַלעבאָסטע פון וואוינונג שטיין הינטער דער טיר און איינהערן זיך וועגן וואָס מען רעדט. די פאַרשיקטע זיינען געווען צעטיילט אין גרופּעס, יעדערער האָט געהאַט זיין קרייז פריינט, מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַגעגענען, פאַרברענגען און גיין איינער צום אַנדערן. דער וואָס האָט געוואָלט לייענען אָדער שטודירן האָט אויסגעמיטן צו האָבן צופיל פריינט, ווייל זיי האָבן אים געשטערט אין זיין אַרבעט. סטאַלין, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „דער גרוזין", איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן שטענדיק געלייענט, געשטודירט און אויסגעמיטן קאָמפּאַניע. אויף וויפיל איך געדענק האָט ער געוואוינט אַליין אין אַ צימער. איך האָב אים אייניקע מאָל געזען, דערהויפּט אין די זונטאָגס, ווען די פאַרשיקטע פלעגן קומען אין „מאַרק" איינקויפן פּראָדוקטן צום עסן.

ענדע זומער, 1911, איז סטאַלין ווידער אַנטלאָפן פון סאָלווי־טשעגאָדסק.

עס איז ניט געווען זייער שווער צו אַנטלויפן פון דאָרטן. מען האָט שטענדיק געקענט קריגן איינעם פון די איינוואוינער, וועלכער האָט געהאַט אַ פערד און וואָגן, ער זאָל פאַר אַ באַשטימטער סומע, העלפן אַנטלויפן. דאָס שטעטל האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דער וויאַטקאַ־קאָטלאַסער אייזנבאַן, און ניט קוקנדיק אויף דער שטאַרקער וואַך וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, פלעגן מיר גאַנץ אָפט הערן, אַז אימיצער פון די פאַרשיקטע איז אַנטלאָפן.

אַזוי איז „באַשערט געוואָרן", אַז אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל אין וואָלאָגדער גובערניע, זאָל קריגן אַ היסטאָרישע באַדייטונג, אין פאַרבינדונג מיט סטאַלינס אונטערערדישער אַרבעט אין זיין קאַמף מיט דער צאַרישער רעגירונג.

דאָס לעבן אין פאַרשיקונג

נאָך אַ יאָר אָפּזיין אין שטעטל זיינען מיר געווען פון די „אַלטע" פאַרשיקטע. מיר האָבן שוין געקראָגן די דערפאַרונג, וועלכע איז געווען נויטיק צו קענען לעבן אויף דער קליינער סומע, וואָס מיר האָבן געקראָגן פון דער רעגירונג.

די מערהייט פון די פאַרשיקטע זיינען געווען אַרבעטער, און אַפילו די איינציקע ניט אַרבעטער זיינען באַשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אוניווערזיטעט־בילדונג.

איך האָב ווידער געהאַט צייט צו לייענען און לערנען זיך, ווייל אַרבעטן האָט מען מיר ניט דערלויבט. איך האָב זיך דערהויפּט אָפּגעגעבן מיט רוסישער געשיכטע און געאָגראַפיע. אויף וויפיל איך געדענק, האָב איך שטודירט א. באָגדאַנאָווס „עקאָנאָמישע נאָטיצן". — דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער גרויס, רייכקייט און דערהויפּט מיט דער אומגעהויערער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. שטונדן־לאַנג פלעג איך זיצן און שטודירן די ציפערן, טאַבעלן און פאַרגלייכונגען פון דער עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענער גרויסער רוסלאַנד, וואו עס הערשט דער צאַר, מיט דער ראַשיקער אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט אַ פרייע, רעפּובליקאַנישע אָרדענונג.

איך האָב צוזאַמענגעשטעלט צוויי קרייזלעך פון די פאַרשיקטע. איינע צו שטודירן רוסישע געשיכטע און די צווייטע — געאָגראַפיע. די אָנטיילנעמער פון די קרייזלעך זיינען געווען רוסישע אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען דורכגעגאַנגען „פאָלקס־שולן", אָבער זיי זיינען געווען ווייניק באַקאַנט מיט געאָגראַפיע און געשיכטע. די קרייזלעך זיינען געווען זייער דערפאָלגרייך און האָבן אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן ווינטער פון 1911 — 1912.

אונדזער נאָענטסטער פריינט איז געווען מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, אַ געוועזענע רוסישע פאָלק־שול לערערין. זי פלעגט צו אונדז קומען כמעט יעדן טאָג. זי איז אַלע מאָל געווען גרייט צו העלפן די קינדער אין דער שול־אַרבעט. אונדזער פריינטשאַפט מיט מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ האָט אָנגעהאַלטן אַפילו ווען מיר זיינען געקומען קיין ניו יאָרק, וואו מיר האָבן געקראָגן פון איר אייניקע בריוו.

ווען מיר זיינען געקומען קיין סאָלוויטשעגאָדסק בין איך געווען

דער איינציקער ייד צווישן די פּאָליטישע אַרויסגעשיקטע. אפילו ביי אונדז אין הויז האָבן מיר מערסטנטייל גערעדט רוסיש, ווייל עס פלעגט כסדר זיין אימיצער פון די פאַרשיקטע, וועלכע האָבן קיין אַנדער שפּראַך ניט געקענט.

אייניקע חדשים שפּעטער נאָך אונדזער אָנקומען אין סאָלוויטשעגאָדסק, האָט מען אַהין אַרויסגעשיקט נאָך אַ יידן, בראָדסקי, פון אומאַן. מיר זיינען שנעל געוואָרן גוטע פריינט צווישן זיך. ער איז געווען אַ פריילעכער, לעבעדיקער בחור. עס איז שטענדיק געווען אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אים.

איין מאָל לאָזט זיך צו אונדז אריין בראָדסקי מיט אַן ערשט אָנגעקומענעם יידן, מענדל בראַכמאַן. ער איז געווען פון יעקאַטערינאָסלאַוו. אין דער טאַבאַק־פאַבריק וואו ער האָט געאַרבעט האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק. מען האָט אים אַרעסטירט און נאָך אייניקע מאָנאַטן זיצן אין טורמע אַרויסגעשיקט אין סאָלוויטשעגאָדסק. ריידנדיק מיט אים האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז ער האָט אַ פרוי מיט זעקס קינדער. מיר האָבן אים איינגערעדט, אַז דאָס בעסטע פאַר אים, זיין פרוי און די קינדער וועט זיין, אַז זיי זאָלן קומען צו אים. ער וועט קריגן פון דער רעגירונג איבער צוואַנציק רובל אַ חודש, אַ סומע מיט וועלכער זיי וועלן זיך קענען דורכלעבן. ער האָט אונדז געפאָלגט און אין גיכן איז זיין פאַמיליע געקומען. מיט זייער קומען איז אין שטעטל געוואָרן אַן אמתע יידישע „קאָלאָניע". זיי זיינען אָבער ניט געווען לאַנג מיט אונדז. אין גיכן האָט מען זיי אַריבערגעפירט אין וועליקי־אוסטיוג, אַ שטעטל אין וואָלאָגדער גובערניע וואָס געפינט זיך ביי דער טייך סוכאָנאַ.

שפּעטער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין שטעטל איינער מיטן נאָמען: זאַכאַרי אַבראַמאָוויטש סמאָליאַנסקי.. ער איז געווען פון אוקראַינע. דאָס איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער בחור. ער האָט געהאַט אַ שיינע שטימע צום זינגען, געשפּילט אויף אַ מאַנדאָלין און האָט געקענט אַ סך רוסישע און אוקראַינישע לידער.

***

דעם 14טן סעפּטעמבער 1911, האָט באַגראָוו דערשאָסן סטאָליפּינען אין אַ קיעווער טעאַטער אין דער אָנוועזנהייט פון צאַר ניקאָלאַי. מיר האָבן אויפגענומען די נייס מיט גרויס פרייד. סטאָליפּינס

נאָמען איז געווען פאַרבונדן מיט דער צעווילדעוועטער קאָנטר־רעוואָלוציע, מיט די טויזנטער דערשאָסענע, אויפגעהאַנגענע, מיט די צענדליקער טויזנטער אַרעסטירטע. די נייַס וואָס מיר פלעגן קריגן פון די ניי־אָנגעקומענע פאַרשיקטע, האָבן געוויזן, אַז עס קומט פאָר אַן אויפלעבונג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די צאָל אַרבעטער־סטרייקס אין 1911 האָבן זיך פיל פאַרגרעסערט. מיר האָבן זיך געגרייט צו פייערן דעם נייעם יאָר אין אַ געהויבענער שטימונג.

צו באַגעגענען דעם נייעם יאָר, 1912, האָבן זיך ביי אונדז אין וואוינונג צוזאַמענגעקליבן אַלע פאַרשיקטע, מיט וועלכע מיר זיינען געווען באַפריינדעט. אייניקע פון די פאַרשיקטע פלעגן קריגן פעקלעך שפייז פון זייערע היימען. זיי האָבן געבראַכט דאָס בעסטע פון די צוגעשיקטע שפייז צו דעם אָוונט. די שטימונג איז געווען אַ העכסט פריילעכע. סמאָליאַנסקי איז געווען דער אָנפירער פון זינגען. דער אָוונט האָט זיך פאַרצויגן ביז שפעט נאָך האַלבער נאַכט.

אין פרילינג 1912, איז אין ווייטן סיביר פאָרגעקומען דער באַוואוסטער „לענאַ אינצידענט": אָנהויב אַפּריל האָט אין די סיבירער לענאַ גאָלד־פעלדער, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו ענגלישע און רוסישע קאַפּיטאַליסטן, אויסגעבראָכן אַ סטרייק. דער סטרייק האָט געטראָגן אַ ריין עקאָנאָמישן כאַראַקטער. די זעקס טויזנט אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען שטאַרק עקספּלואַטירט, זיינען געווען געצוואונגען צו קויפן פאַר צענפאַכע פרייזן די צעפוילטע שפייז און סחורות פון די קאָמפּאַניע־קראָמען. די אַרבעטער זיינען געווען גרייט אויף אַ פרידלעכן וועג פאַרהאַנדלען זייערע פאָדערונגען. די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער געענטפערט אויף די פרידלעכע עקאָנאָמישע פאָדערונגען מיט אַ שיסעריי. פינף הונדערט אַרבעטער זיינען דערהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן.

די לענאַ בלוט־באָד האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן איבער גאַנץ רוסלאַנד. ווען מען האָט אין „דומע" געפאָדערט אַ דערקלערונג וועגן דער שחיטה ביים צאַרישן אינערן־מיניסטער מאַקאַראָוו, האָט ער געענטפערט: „אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי וועט דאָס זיין". דער חוצפהדיקער ענטפער האָט פאַרשטאַרקט דעם פּראָטעסט פון די אַרבעטער. איבער גאַנץ רוסלאַנד, אין אַלע גרויסע שטעט, זיינען פאָרגעקומען פּאָליטישע סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס.

איייניקע פֿון די אַרויסגעשיקטע אין סאָלוויטשעגאָדסק האָבן געקראָגן די באָלשעוויסטישע צייטונג „פּראַוודאַ“, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין פּעטערבורג ענדע אַפּריל 1912. מען פֿלעגט אויך קריגן די וועכנטלעכע סאָציאַליסטישע צייטונג זוויעזדאַ, אויך געדרוקט אין פּעטערבורג. ביידע צייטונגען פֿלעגן גיין פֿון האַנט צו האַנט. די נייס און דער רעוואָלוציאָנערער טאָן אין „פּראַוודאַ“ האָט אָפּגעשפּיגלט די נייע ווינטן וואָס האָבן גענומען בלאָזן אין דאַמאָלסטדיקן רוסלאַנד. מען האָט געפֿילט, אַז די אַרבעטער זיינען „געקומען צו זיך“ נאָך דער פֿינצטערער רעאַקציע, און אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג לעבט ווידער אויף.

איך בין געווען פֿאַרשיקט אויף דריי יאָר. מער ווי העלפֿט פֿון דער צייט איז שוין אַריבער. די אויפֿלעבונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט געמאַכט די פֿאַרשיקונג פֿיל שווערער. עס האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער זיין צוריק אויפֿן פּלאַץ פֿון קאַמף.

דער פֿרילינג אין סאָלוויטשעגאָדסק איז ניט קיין אָנגענעמער. עס איז ניטאָ קיין נאַכט. די זון פֿאַרגייט נאָר אויף אַ קורצער צייט און באַלד גייט זי ווידער אויף. עס איז כמעט גאַנצע 24 שטונדן ליכטיק גענוג צום לייענען. מיט דער אומענדלעכער ליכטיקייט קומען אָן פֿליגן מיט קאָמאַרעס אין אַזאַ צאָל, אַז עס איז ניטאָ וואו אויסצובאַהאַלטן זיך פֿון זיי. אין הויז, אין גאַס, אין וואַלד — אומעטום רינגלען זיי דיך אַרום. די אָרטיקע איינוואוינער זיינען שוין צוגעוואוינט צו זיי, אָבער מיר האָבן געהאַט פֿון זיי גרויסע צרות. מיר פֿלעגן אַרומגיין מיט צעביסענע וואונדן אויפֿן פּנים, הענט, פֿיס און יעדן אָפֿענעם שטיקל קערפּער. פֿאַרן שלאָפֿן פֿלעגט מען צומאַכן די לאָדן און זען מאַכן אין צימער אַזוי פֿינצטער ווי מעגלעך — דאָס פֿלעגט אַ ביסל העלפֿן, אָבער אַפֿילו אין דער פֿינצטערניש פֿלעגט זיך הערן דער זשומען פֿון די קאָמאַרעס.

לייענען אָדער לערנען זיך איז געווען שווער. עס איז אָבער געווען גענוג אַרבעט. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן גאָרטן, האָבן מיר אים גענומען באַאַרבעטן און פֿאַרזייען. מיר האָבן שוין געהאַט אַ צענדליק הינער. מיט איין וואָרט, מיר האָבן אַלץ געטאָן צו קענען דורכלעבן זיך אויף די קליינע מיטלען וואָס מיר האָבן געהאַט ביז די פֿאַרשיקונג וועט זיך ענדיקן. פּלוצלונג איז מיין

פרוי קראַנק געוואָרן. מיר האָבן אויסגעפונען אַז זי מוז דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע, וועלכע קען געמאַכט ווערן נאָר אין אַ גרעסערער שטאָט. אַלע אונדזערע פּלענער האָבן געמוזט געענדערט ווערן.

דער באַשלוס צו פאָרן אין אויסלאַנד

פון דער שווערער לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען איז געווען נאָר איין אויסוועג: אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. מיר האָבן געוואוסט אַז מען קען אַזאַ דערלויבעניש קריגן. די צאַרישע רעגי־רונג איז געווען צופרידן אַז די „אומגעווינטשטע" פּערזאָנען, דער־הויפּט יידן, זאָלן עמיגרירן אין אַמעריקע. אַזאַ דערלויבעניש האָט מען געדאַרפט קריגן פון פּעטערבורגער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך האָב די דערלויבעניש געקראָגן.

מיר האָבן באַשלאָסן אַז איך מיט מיין זון, בען, זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע און מיין פרוי מיט דער טאָכטער, מיני, זאָלן פאָרן קיין ווילנע. די הויפּט שוועריקייטן וואָס מיר האָבן דערביי געהאַט איז גע־ווען, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט קיין געלט. עס וואָלט גענומען צו לאַנג צו שרייבן קיין ניו יאָרק און בעטן שיפסקאַרטן. האָבן מיר פאַרקויפט יעדער זאַך וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך — בעטגע־וואַנט, קליידער, וועש. מיר האָבן געלאָזן נאָר דאָס נויטיקסטע און אַזוי ווי עס איז געווען זומער זיינען מיר געבליבן נאָר מיט די זאַכן וואָס מיר האָבן געהאַט אָנגעטאָן אויף זיך. אָבער דער אויספאַרקויף האָט אונדז נאָר געגעבן די נויטיקע סומע פאַר מיין פרוי מיט דער טאָכטער צו פאָרן קיין ווילנע.

אין ווילנע האָט זיך איר איינגעגעבן צו קריגן לייען אַ קליינע סומע און צושיקן דאָס צו אונדז.

מיר האָבן זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אין וואָלאָגדע צו קריגן דעם גובערנאַטאָרסקן פּאַספּאָרט פאַרן פאָרן אין אויסלאַנד. איך האָב זיך געמאָלדן צום וואָלאָגדער גובערנאַטאָר מיט מיין דערלויבעניש צו פאָרן קיין אויסלאַנד און דאָ האָב איך אָנגעטראָפן נייע שוועריקייטן: דער פאַרוואַלטער פון „קאַנצעלאַריע" האָט מיר געזאָגט, אַז צו דער סומע וואָס עס קאָסט דער פּאַספּאָרט, דאַרף איך צוצאָלן נאָך פאַר אַ ספּעציעלן „וועכטער" וואָס וועט מיך באַגלייטן ביז דער גרענעץ, כדי צו זיין זיכער אַז איך וועל ווירקלעך אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. איך דאַרף איינצאָלן די סומע וויפיל עס קאָסט דעם וועכטערס באַן־

בילעט צום גרענעץ און זיין קומען צוריק אין וואָלאָגדע, און אויב איך האָב ניט דאָס געלט מוז איך פאָרן צוריק קיין סאָלוויטשעגאָדסק.

אין וואָלאָגדע האָט קיין ייד ניט געטאָרט וואוינען. עס זיינען אָבער דאָרטן געווען א צאָל יידן מיט וואוין־רעכט, „ניקאָלאיעווסקע־סאָלדאטן", אויך א צאָל בעל־מלאָכות, וואָס האָבן געהאַט זייערע אייגענע ווארשטאטן. איך האָב געקראָגן ארבעט אין א בוכבינדעריי, צו האָבן מיט עטלעכע רובל מער פאר אונזערע רייזע־אויסגאָבן.

מיין ארבעט איז ווידער געווען אָן א דערלויבעניש פון גובער־נאטאָר. מיין באַלעבאָס איז געווען אזוי צופרידן פון מיין ארבעט, אז ער האָט מיר געהאלטן אין איין איינריידן צו בלייבן אין וואָלאָגדע און ער וועט שוין קריגן א דערלויבעניש פאר מיר צו מעגן וואוינען.

דעם 23טן יוני 1912, האָבן מיר מיט דעם „וועכטער" פאר־לאָזן וואָלאָגדע. מיר זיינען געקומען אין ווילנע, געהאַט די מעגלעכ־קייט איבערצונעכטיקן דאָרטן נאָר איין נאכט. אויף מאָרגן זיי־נען מיר ארויסגעפאָרן צום דייטשן גרענעץ. איך האָב זיך פריינט־לעך צעזעגנט מיט מיין „היטער" און אים אפילו געגעבן אויף א טרונק בראָנפן, וואָס ער האָט כשר פארדינט.

אין בערלין

אין בערלין זיינען מיר פארפאָרן אין א ביליקן ארייַנפאָר־הויז אויף פרידריך־שטראסע. איך האָב אָנגעשריבן א בריוו אין זשענעווע, וואו עס האָט זיך דאַן געפונען דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" און געבעטן זיי זאָלן מיר צושיקן די נויטיקע סומע צו פאָרן קיין ניו יאָרק.

עס זיינען אוועק עטלעכע טעג און קיין ענטפער פון זשענעווע האָב איך ניט געקראָגן (דאָס געלט איז אָנגעקומען שפּעטער ווען איך בין שוין ניט געווען אין בערלין). דאָס ביסל געלט וואָס איך האָב געהאַט איז יעדן טאָג געוואָרן ווייניקער. מען האָט מיר געראַטן איך זאָל צוגיין אין דעם בערלינער „הילפס־פאראיין" וואָס העלפט יידי־שע עמיגראנטן פאָרן קיין אמעריקע.

אין „הילפס־פאראיין" האָב איך געפונען א גרויסע צאָל עמי־גראנטן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער ריי צוקומען צו די באאמטע. אָפּוואַרטנדיק עטלעכע שעה, האָט מען מיך אריינגערופן און גענומען פאנאנדערפרעגן מיין „קייס": וואוהין איך וויל פאָרן, ווען איך האָב

איך אין ניו יאָרק, וויפיל געלט איך האָב ביי זיך און נאָך אַ גאַנצע ריי פּראַגן. איך האָב זיי אַלץ דערציילט, אויך אַז מיין „פּאַרמעגן" איז צוואַנציק רובל. זיי האָבן ביי מיר צוגענומען די צוואַנציק רובל און געגעבן צוריק אַ סומע אין דייטשע קליין־געלט, געהייסן קומען צו אַ פּונקט פון וואַנען מען האָט אונדז, אַ גרויסע צאָל עמיגראַנטן, אַוועק־געשיקט אין ברעמען.

אָנקומענדיק אין ברעמען, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין אַ הויז, אַ מין „האָטעל" פאַר עמיגראַנטן, וואו מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף דער שיף.

מיר איז אויסגעקומען פיל מאָל צו לייענען, וואָס פאַר אַ צרות עס קומט אויס אויסצושטיין די אָרעמע עמיגראַנטן וואָס זיינען גע־צוואונגען אָנצוקומען צו פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע הילף אָרגאַ־ניזאַציעס. אָבער נאָר ווען איך האָב דאָס געזען מיט מיינע אויגן און אַליין איבערגעלעבט, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דיווירקלעכקייט איז געווען פיל ערגער ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. פון דער ערש־טער מינוט, וואָס דער עמיגראַנט איז אַריין אין דער „יוריסדיקציע" פון דער הילפס־געזעלשאַפט האָט ער זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון זיין „איך" אַלס מענטש. ער איז געוואָרן ווי איינער פון אַ סטאַדע שאָף, וואָס דאַרף גיין, טאָן, אַלץ לויט די שטרענגע „רעגולאַציעס" פון זיינע אויפזעער.

אין ברעמען האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין פאַרשיידענע מעדי־צינישע אונטערזוכונגען, דערהויפּט צי האָט מען ניט „טראַכאָמע" אין די אויגן.

ענדלעך האָט מען אונדז געבראַכט אויף דער שיף „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן". אויף וויפיל איך געדענק, איז דאָס געווען אַ גרויסע שיף מיט פאַרשיידענע „קלאַסן". אונדז האָט מען אַריינגעזעצט אין סטי־רעדזש, אַ טייל פון שיף, וועלכער האָט זיך געפונען איבער די „פּראָ־פּעלערס" פון שיף. עס האָט אויסגעזען ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אין אַ פינצטערער הייל טיף אונטער דער ערד. אין אָט דער גרוב האָט מען אַריינגעפּאַקט הונדערטער עמיגראַנטן אויף פיר־גאָרנדיקע הוילע נאַרעס.

דאָרט זיינען געווען עמיגראַנטן פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער. עס זיינען געזעסן אָדער געלעגן אויף די נאַרעס גאַנצע פאַ־מיליעס מיט זייערע גרעסערע און גאָר קליינע קינדער. דער טומל אַ

גאַנצן טאָג און אַפילו בײַנאַכט איז געווען ניט איבערצוטראָגן. די קליינע קינדער האָבן געוויינט, עס האָבן אויף זיי געשריען אָדער זיי געשלאָגן זייערע עלטערן.

די גאַנצע צייט פון דער רייזע איז מען געשלאָפן אין די זאַכן, אין וועלכע מען איז געזעסן אָדער געלעגן אויף די נאַרעס — מענער און פרויען, אַלט און יונג, ניט קענענדיק איינער דעם צווייטן, ניט פאַרשטייענדיק די שפּראַך אויף וועלכער דער עמיגראַנט וועלכער זיצט לעבן דיר רעדט. אַ טייל פון די פאַמיליעס האָבן געהאַט מיט זיך בעטגעוואַנט, וועלכע זיי האָבן אויסגעשפּרייט אויף זייערע פּלע־צער. מיר האָבן מיט זיך קיין זאַך ניט געהאַט, האָבן מיר געדאַרפט די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע שלאָפן אויף די הוילע, האַרטע ברעטער.

די לופט אין „סטירעדזש" איז געווען ניט פיל בעסער ווי אין דער וויאַטקער טורמע. קיין פענצטער, קיין עפענונג וואָס זאָל אַריינ־לאָזן פרישע לופט איז דאָרט ניט געווען. מען איז אַרומגעגאַנגען אָדער געלעגן אויף די נאַרעס ווי שיכורע. גאַנץ אָפט פלעגט אימיצער פון די וואָס זיינען געזעסן לעבן אונדז אויסברעכן און דאָס האָט גע־מאַכט די לופט לעבן אונדז ניט איבערצוטראָגן. דאָס זעלבע האָט געטראָפן מיט מיין זון. די ערשטע טעג האָט ער פיל געבראָכן און די איינציקע זאַך וואָס איך האָב אים געקענט געבן איז געווען לעמאָנס וועלכע איך האָב געקויפט אויפן שיף.

בייטאָג איז נאָך געווען אַ מעגלעכקייט אַרויפצוגיין אויפן דעק פון שיף און איינאָטעמען פרישע לופט. שטייענדיק אויפן דעק, פלעג איך זען פון וויטן דעם לאַנגן קאָרידאָר פון דריטן קלאַס. מיר האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז די מענטשן וואָס פאָרן דאָרט, געפינען זיך אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ.

אין די נעכט, ווען איך פלעג אַ מידער זיך אַוועקלייגן און פרו־בירן איינשלאָפן, האָט זיך דאָס מיר זעלטן איינגעגעבן. איך פלעג אינמיטן נאַכט אַרויפגיין אויפן דעק. אָבער די מאַטראָסן פון שיף, וועלכע פלעגן וואַשן דעם דעק האָבן קיינעם ניט אַרויפגעלאָזן. איך פלעג שטיין אויף די טרעפּ און וואַרטן ביז זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיט זייער אַרבעט.

ניט בעסער איז געווען דאָס עסן, וועלכער האָט דערמאָנט אָן דער שפּייז, וואָס מען האָט אונדז געגעבן אין לוקישקער טורמע.

אייניקע פון די עמיגראַנטן, דערהויפּט די קריסטלעכע, האָבן געפּירט מיט זיך שפּייז פון דער היים — טרוקענע קעז, געטריקנטע פיש, שמאַלץ און אַנדערע שפּייזן. די וואָס האָבן געהאַט געלט, האָבן געקענט קויפן אין בופעט וואָס האָט זיך געפונען אויפן שיף. דאָס ביסל קליינגעלט וואָס איך האָב געהאַט, איז ביי מיר אָבער אַוועק אויפן קויפן מאַרקעס (סטעמפּס) פאַר די בריוו וואָס איך האָב געשריבן צו מיין פרוי אין ווילנע און קיין ניו יאָרק צו לאָזן וויסן מיט וואָס פאַר אַ שיף מיר פאָרן.

ווען די שיף איז ענדלעך אָנגעקומען אין ניו יאָרק, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין „עלים־אײלאַנד", וואו מען האָט אונדז געהאַלטן אַ פּאָר טעג. יעדן פרימאָרגן האָט מען אויסגערופן די נעמען גרופּעסווייז. מען איז ווידער עקזאַמענירט געוואָרן פון דאָקטוירים.

ענדלעך בין איך געשטאַנען פאַר אַ „באָארד", וואָס האָט מיר געשטעלט פאַרשיידענע פראַגן: פון וואַנען איך קום, צו וועמען איך פאָר, וויפיל געלט איך האָב, מיין פאַך און נאָך אַ ריי פראַגן.

עס איז פאַר מיר געווען אַן אמתע דערלייזונג, ווען איך האָב צום סוף דערזען מיין ברודער חיים, וועלכער איז געקומען אַראָפּנעמען אונדז פון עלים אײלאַנד.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין קאַפּיטל לעבן אין רוסלאַנד, אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס האָט מיט יאָרן שפּעטער אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט און פאַרוואַנדלט דאָס צאַרישע רוסלאַנד אין דעם פרייען סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די בעסטע טרוימען פון די אונטערערדישע קעמפער זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן.

מיט אַכצן יאָר שפּעטער

די יאָרן 1929 — 1930, זיינען געווען יאָרן פון דעם גרעסטן קריזיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פון דעם ערשטן 5־יאָר פּלאַן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער פּראָצעס פון קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפט האָט אָנגענומען א ראשיקן טעמפּאָ. אין פיל געגנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די קאָלעקטיוויזאַציע געגאַנגען פיל שנעלער ווי דער 5 יאָר פּלאַן האָט באַשטימט. די קולאַקעס האָבן זיך מיט דעם באַנוצט ארויסצורופן אומצופרידנקייט צווישן סאָוועטישע פּויערים.

ביי אונדז דאָ, אין אַמעריקע, האָבן די קעגנער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, דערהויפּט דער „פאָרווערטס" מיט זיין „ספּעץ" ר. אַבראַמאָוויטשן, געשריבן אַרטיקלען, דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען, וואו זיי האָבן „דערוויזן", אַז יעדן טאָג קען מען דערוואַרטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד א קאָנטער־רעוואָלוציע, אויף וועלכער זיי האָבן געהאָפּט, אָדער ווי זיי האָבן דאָס גערופן, „אַ רעוואָלוציע קעגן דעם סטאַלין־רעזשים".

אין זומער 1930, האָט דער „איקאָר" געמאָלדן, אַז ער שטעלט צוזאַמען א טוריסטן־גרופּע צו באַזוכן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע.

דער הויפּט־ציל פון מיין באַזוך איז געווען צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פונקציאָנירט אַלס א סאָציאַליסטישע מלוכה און ווי ער האָט געלעזט די נאַציאָנאַלע פראַגע. אַלס אַקטיווער טוער אין „איקאָר", האָב איך געוואָלט באַקענען זיך מיט די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין די קרימער, אָדעסער און כערסאָנער ראַיאָנען.

מיר זיינען אָנגעקומען אין דזשאַנקאָיע, קרים, דעם 13טן אויגוסט, א גענוי וואָך האָבן מיר פאַרבראַכט אין קרים. מיר האָבן באַ־

זוכט דעם גרעסטן טייל פון די יידישע קאָלאָניעס ווי: „אָקטאָבער", „ראָטן־דאָרף", „רייזן־דאָרף", „פריי־פעלד", „וואָיאַנאָווא" און אַנ־דערע.

אין אייניקע קאָלאָניעס האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן די קינדער־שולן. עס איז געווען אַן אמתע פרייד צו הערן די קינדער דעקלאַמירן און זינגען אין אַ שיינעם, זאַפטיקן יידיש, און צו זען ווי פשוט און מענטשלעך די סאָוועטישע מלוכה לעזט די פראַגע וועגן די שפּראַכן און קולטורן פון די מינדערהייט־פעלקער און באַ־זונדערס פון יידן.

קרים ליידט אָפט פון ווייניק רעגן. האָבן די יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע זיינען דאָרט געווען מערסטנטייל ניט לאַנג אַריבערגעקומענע, צוגעפּאַסט זיך צו אַזעלכע ערד־קולטורן ווי ווייַן־גערטנעריי, וואָס פאָדערט ניט אַזוי פיל וואַסער, אָדער גערטנעריי וואָס מען באַוואַ־סערט קינסטלעך. זיי האָבן שוין אויך דאַן געהאַט ביי זיך אַ שטאַרק אַנטוויקלטע מילך־ווירטשאַפט און פיצוכט, ווי בהמות, שעפּסן, חזירים; אויך עופות — הינער, גענדז א. א. וו.

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ יידישע אַגראָנאָם־שול אין טשעבאָטאַרקע, 24 מייל פון יעווּפּאַטאָריע. די שול איז געווען אין אַ פריערדיקער „אי־מעניע" וואָס האָט געהערט צו אַ רייכן גוט־באַזיצער מיטן נאָמען שליי.

אין דער קרימער לאַנדשאַפט, וואו די סטעפּעס ציען זיך פאַר מיילן, וואו זעלטן באַגעגנט מען בוימער, האָט די אַגראָנאָם־שול געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ צויבער־ווינקל, איינגעטונקט אין פרוכט־בוימער, ווייַן־גערטנער, גרינס־גערטנער אין דער אַלגעמיינער בלי־ענדער פּאַנאָראַמע. אין דער שול האָבן זיך דאַן געלערנט 65 סטודענטן, בחורים און מיידלעך אין עלטער פון 17 ביז 21 יאָר. עס האָט אונדז באַגריסט אַ סטודענטקע. זי האָט גערעדט וועגן די אויפגאַבן וואָס זיי שטייט פאַר אויסצופילן דאָ אין שול און די גרויסע אַרבעט, וואָס עס וואַרט פאַר זיי אין די קאָלאָניעס.

איך האָב געקוקט אויף די אַלע יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע זיינען געזעסן אין אַ קרייז אַנטקעגן מיר. איך האָב געקוקט אויף זייערע גוט־אַנטוויקלטע קערפּערס, אויף די געזיכטער וואָס האָבן

אויסגעדריקט מוט און זיכערקייט. איך האָב געקלערט: ווען ניט די סאָוועטן־מאַכט, וואָלטן פיל פון זיי זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, אַרומגעגאַנגען זוכן וואו אָפּצועסן אַ טאָג... אַזעלכע און ענלעכע בילדער האָב איך אויך געזען אין די יידישע קאָלאָניעס אַרום אָדעס און דערהויפּט אין כערסאָנער ראַיאָן. אייניקע יידישע קאָלווירטן אין כערסאָנער ראַיאָן האָבן זיך געפונען אין אַזאַ גוטן צושטאַנד, אַז די אַרומיקע אוקראַינער קאָלווירטניקעס פלעגן קומען לערנען זיך ביי די יידן ווי צו פירן זייערע ווירטשאַפטן.

⁂

ווען עס האָט זיך געענדיקט אונדזער טור, בין איך פאַרבליבן נאָך אויף אייניקע וואָכן צו באַקאַנען זיך גענויער מיט דער ענדערונג וואָס די סאָוועטישע אָרדענונג האָט געבראַכט אין אַזעלכע שטעט וואו איך האָב אַמאָל געאַרבעט און געקעמפט „אונטערערדיש" אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין די אַלע שטעט וואָס איך האָב דאַן באַזוכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט קיין זאַך אויף מיר ניט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, ווי די ענדערונגען וואָס איך האָב געפונען אין מינסק. אין מינסק האָב איך דאָך געקראָגן מיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע דערציאונג. יעדער גאַס וואָס איך בין דורכגעגאַנגען האָט אין מיר געוועקט אַ גאַנצע ריי דערינערונגען ווענן די קאַמפן וואָס מיר האָבן דאָ געפירט קעגן דער צאַרישער רעגירונג און קעגן די באַלעבאַטים.

אָט איז „זיבעציקער" גאַס. דאָ איז געווען מיין צימער וואו עס פלעגן צוזאַמענקומען די געהיימע קרייזלעך צוצוגרייטן רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. אָט איז די טאַטערשע גאַס, וואו עס איז געווען די געהיימע דרוקעריי. יעדע גאַס וואו איך בין געגאַנגען איז געווען פאַרבונדן מיט געשעענישן פון דער אַמאָליקער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ווי גוט איינער פילט זיך, ווען ער זעט וואָס פאַר אַ גראַנדיעזע רעזולטאַטן עס זיינען דערגרייכט געוואָרן, אַז דאָס, ווענן וואָס מיר האָבן דאָ אין שטאָט אין אונדזערע יונגע יאָרן בלויז געחלומט, איז איצט פאַרווירקלעכט געוואָרן. נייע איבערגעבויטע גאַסן, נייע שיינע הייזער, נייע גרויסע פאַבריקן, אַרבעטער־קלובן, קינאָ־טעאַטערס,

נייע גרויסע געביידעס פארן אוניווערזיטעט מיט א ריי הייזער פאר די לערער. מען בויט און מען בויט. אבער די הויפט־זאך איז, אז דאס אלץ וואס מען בויט געהערט צו די בויער גופא!

***

ווען איך בין געפארן אין סאוועטן־פארבאנד, האט מיר דער „באריסאווער צענטער" אין ניו יארק געגעבן א מאנדאט צו זיין זייער דעלעגאט פאר באריסאוו, וואוהין זיי האבן זיך געגרייט צו שיקן א טראקטאר פאר באריסאווער ביישטעטלדיקע קאלעקטיוון.

דער באריסאווער שטאט־סאוועט האט מיר געגעבן א דערלויבעניש צו באזוכן די פאבריקן און לאנדווירטשאפטלעכע קאלעקטיוון אין און ארום באריסאוו. עטלעכע טעג בין איך ארומגעגאנגען און ווען מען האט געדארפט, ארומגעפארן, צו באזוכן די אלע פלעצער. איך האב גערעדט מיט די פארוואלטער, מיט די ארבעטער, פארשריבן אין מיין נאטיץ־ביכל, וואס עס איז אויפגעטאן געווארן זינט דער ערשטער 5 יאר פלאן איז איינגעפירט געווארן. איך האב אויך באזוכט א פאר פאבריק־פארזאמלונגען, וואו די ארבעטער האבן באטראכט, דיסקוטירט די פראדוקציע־פלענער פון זייערע פאבריקן. איך בין איבערראשט געווארן, ווען איך האב געזען ווי ארבעטערינס, וועלכע זיינען ערשט מיט א קורצער צייט צוריק געקומען פון דארף, האבן אנטייל־גענומען אין די באראטונגען און ארויסגעוויזן א הויכן גראד פון פארשטענדעניש צו די פראגן, וואס מען האט באטראכט.

דער שטאלץ פון באריסאוו איז דאן געווען די שוועבל־פאבריק „דער פראלעטארישער זיג". אמאל האט זי באלאנגט צו די פאבריקאנטן סאלאמאנאוו און גערשמאן. פון ווייטן האט זיך געדוכט, אז די גאנצע פאבריק איז געמאכט פון גלאז. 2500 ארבעטער האבן דארט געארבעט בעת מיין באזוך. די פאבריק איז געווען פולשטענדיק מעכאניזירט.

אין איניקע פאבריקן האב איך געטראפן אלטע ארבעטער, וועלכע האבן נאך דאן ניט פארגעסן די ארבעטער־באדינגונגען, וואס האבן געהערשט אין „מיינע" צייטן אין באריסאוו. איך האב אויך באזוכט די דריי ארבעטער־קלובן און די יידישע שולן. מיט די לעצטע האבן מיר געהאט א פארזאמלונג.

***

אין די פּאָר מאָנאַטן האָב איך באַזוכט אַ ריי שטעט: לענינגראַד, מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס, כערסאָן, סעוואַסטאָפּאָל, מינסק, יעווּפּאַטאָריע, סימפעראָפּאָל, יאַלטע, באָריסאָוו, טאַלאַטשין, און — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — לאַנדווירטשאַפטלעכע־קאָלעקטיוון. מיר איז אויסגעקומען צו ריידן צו הונדערטער מענטשן. קענענדיק די רוסישע שפּראַך, בין איך געווען אין אַ גינסטיקער לאַגע צוזאַמענצוריידן זיך פריי מיט אַ גרויסער צאָל מענטשן. איך האָב אויך געטראָפן קעגנער און קריטיקער פון דער סאָוועטן־אָרדענונג אַפילו אין מיין אייגענער משפּחה. זיי האָבן פריי אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען. אייניקע זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זייער איינציקע האָפענונג איז געווען אַ מלחמה — וועלכע וועט צוריקברענגען די „אמתע אָרדענונג". אָבער אַזעלכע זיינען געווען געציילטע, זיי האָבן געשטאַמט פון דער פריערדיקער בורזשואַזיע. די איבערוויגנדע צאָל מענטשן, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו ריידן, זיינען געווען פול מיט ענערגיע, פול מיט האָפענונגען אַז זיי בויען אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, אַז עס איז ניטאָ אין דער וועלט די קראַפט וואָס קען זיי שטערן דאָס דורכצופירן.

די פּאָליטישע לאַגע אין דער וועלט איז שוין דאַן געווען אָנגעשטרענגטע. אויף די פאַרזאַמלונגען וואָס מען האָט פאַר אונדז דורכגעפירט, האָבן די רעדנער באַטאָנט, אַז זיי ווייסן וועגן די רעאַקציאָנערע פּלענער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָנצופאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. די זעלבע דערוואַרטונג פון מלחמה האָב איך באַמערקט אויך אין פּריוואַטע געשפּרעכן, אָבער אומעטום האָב איך געהערט איין ענטפער: די אָנפאַלער וועלן באַגעגענען אַזאַ ווידערשטאַנד, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזען.

אין יענער צייט האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי די אַטאָמישע באָמבעס, אָבער איך האָב שוין דאַן געזען, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דערפונדן געוואָרן און ווערט פאַרפאָלקאָמט אַזאַ „באָמבע", וואָס רופט זיך: בויען אַ סאָציאַליסטישן אָרדענונג, וואָס קיין שונא, קיין פאַשיזם און נאַציזם, קיין דייטשע בעסטיעס און קיין שום אַטאָמישע באָמבעס וועלן דאָס ניט צעשטערן.

***

און ווידער זיינען דורכגעגאנגען 16 יאָר זינט דעם מאָמענט, וואָס איך האָב געהאַט דעם גליק צו זען דעם סאָציאַליזם ביי דער אַרבעט אין דעם וואונדערלעכן אויפבוי פון די אַמאָליקע אָרעמע „יידישע" שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד אונטער דער סאָוועטישער אָרדענונג. ווי זעען זיי איצט אויס, יענע שטעט, איבער וועלכע די היטלערישע בעסטיע האָט אָפּגעווילדעוועט די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה? איך האָב זיי ניט געזען, אָבער פון אַלע באַריכטן ווייסן מיר: די שטעט זיינען חרוב, די באַפעלקערונג, וואָס איז באַצייטנס ניט אַנטלאָפן איז אויסגעראָטן געוואָרן. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, וואָס די היטלערס האָבן דאָרט געטראָפן איז אומגעבראַכט געוואָרן אויפן שוידערלעכסטן אופן.

אָבער איצט, ווען די מלחמה איז געענדיקט, הערן מיר ווידער די נייס וועגן דעם, ווי אַלע פרייע סאָוועטישע פעלקער פאַראייניקן זייערע איבערמענטשלעכע קרעפטן, כדי צו פאַרהיילן די וואונדן, אָפּראַמען די חורבות און אויפשטעלן אויף זייער אָרט נייע שטעט, נייע היימען, אַ נייע און נאָך שטאַרקערע סאָציאַליסטישע געביידע.

„פון אַ פונק וועט זיך אָנצינדן אַ פלאַם", האָט די אַמאָליקע „איסקראַ" געמאַכט פאַר איר לאָזונג. דער פלאַם פון דעם סאָוועטישן ווידער־אויפבוי וועט באַלייכטן די גאַנצע וועלט.

זוכצעטל פון נעמען:

א.

אַבֿרהם (בערשטער) — 144
אַבֿרעמטשיק (איינבינדער) — 174
אַבראַמאָוויטש, ר. — 307, 311, 318, 319, 333, 334, 345, 376
אַדעליע — 174
אַזעוו — 330, 331, 338
אורטשיק — 108, 136
איטשיק (זעמשער) — 217
איטשקע (קאַפּטאַל) — 293, 294, 295, 296
אייזיק (וועבער) — 286
אייזיק (קאַמאַשנמאַכער) — 217
אָלגין — 245, 247
אַלטער (שוסטער) — 286
אַמסטערדאַם, ליזע — 238, 241, 242, 257, 284
אַמסטערדאַם, וואָלאָדיע — 284
אַמסטערדאַם, יאָכע — 284
אַמסטערדאַם, אַברהם — 241
אַן-מאַן — 287
אַנסקי, ש. — 129
אַנושקאַ — 136, 162, 163
אָפּנער, הירש — 205
אַשפּיז — 225, 307

ב.

באָגראָוו — 368
באַקאַי — 331, 332
באנעמיר, א. — 225
באַשע (האַנדלסאָנגעשטעלטע) 217
באַשע (שאַוועלזאָן) — 278, 279
בוליגין — 273, 274
בורצעוו — 331, 333
בערמאַן, פּ. — 104, 135, 137, 138, 219
בענדעט — 157
בערקאָוויטש, לאה — 286
בעגעוואור — 307
בראָכקע (פּערלשטיין) — 136, 289

ג.

גאָזשאַנסקי (לנו) — 311, 315
גאָלדבערג, י. — 209, 211
גאַפּאָן — 255
גורעוויטש, מאַטוועי — 218
גישע — 157, 205
געצאָוו, שימען — 349
געלפאַנד, געצל — 285
גראַבעלסקאַ, פּראַניע — 261
גראוועער, ישראל — 260
גראָסער, בראָניסלאַוו — 293, 294, 296, 297, 307, 339
גרינוואַלד, ליזע — 136, 286, 287, 289, 290

ד.

דאַרהאָלץ — 337
דאווידר, בערל (ברידער) — 290
דוד — 157
דזשערזשינסקי — 341
דייטש, מ. — 136
דייטש, מענדל — 340
דראַזנעס — 307
דראַפּקין, א. — 225, 234, 237, 257, 274, 308
דראַפּקין, י. — 234, 237, 257

ה.

הורוויטש, ז. — 104, 135, 137
הילל (קאַמאַשנמאַכער) — 136, 179, 180, 181, 184, 186, 187, 188, 280

וו.

וואָלין (שלאָסער) — 122, 123, 125, 136
וואָלין, י. — 209, 211
וואַסיליעוו — 210
וואולף, הערש — 295
וויטאלי (אייזענשטאַט) — 225, 243
וויטל — 136
ווילטער, מאַרק — 142, 148, 290, 292, 320
ווילטער, שיפרה (יוזעפאָוויטש) — 136, 148, 292
ווילבושעוויטש, מ. — 208, 209, 211
ווינאקור, מ. — 225, 307
ווינער, לאזאר — 307
ווירגילי — 307
וויינפעלד, אסתר — 286
וולאַדעק, ב. — 321, 322
וועוויער, מ. (סירקין) — 118, 136, 137, 148, 168, 170

ז.

זאָלאָטאַראָוו — 307
זאַלקין, א. — 135, 148, 149, 150, 164
זאַסלאַווסקי, ד. — 307
זאַקאַן, ח. — 153, 307
זאַקהיים, גיטל — 270

זובאַטאָװ — 141, 142, 144, 147, 174, 207, 208, 209, 211, 212, 327, 328, 340
זילבערדיק, גרישע — 285
זלמן (זינגער) — 108, 109, 136, 219, 225, 235
זעליק — 258
זשעלודסקאַ, מ. — 153

ט.

טאַראַס — 144, 225, 307, 333
טאַראַסאָװאַ — 287
טוטשאָװסקי — 141
טימאָפעי (קאָפעלזאָן) — 222, 225
טעפּליצקי — 250
טשערנישעװסקי — 107, 150
טשיזשעװסקי, מאָטל — 349
טשעמעריסקי, א. — 209, 210, 212

י.

יאַנקל (שנײדער) — 205, 217
יאַנקל (סטאָליער) — 300, 301
יאָסל (זעמשער) — 295
יודין (אײזענשטאַט) — 228, 307, 318, 333
יודל (זעמשער) — 217
יוזעפאָװיטש, ל. — 135, 137
יוסף (װעבער) — 157
יונה (קאָיגען) — 222, 225, 243, 285, 307, 318, 319, 333
יעפרעם (אײנבינדער) — 286, 287
ירחמיאל (שנײדער) — 157
ירחמיאל (װײנשטײן) — 153, 223, 225, 243, 259, 307, 319, 322, 332, 333, 334, 341

כ.

כאָנע-פײװקע — 198, 199, 200

ל.

לוריע — 307
ליובאַ — 284
ליובאָװסקי, ג. — 136
ליבער, מאַרק — 223, 225, 228, 259, 307, 318, 333, 345
ליזע (זעמשערקע) — 217
ליטװאַק, א. — 113, 307, 321
ליטװין, א. — 323, 324, 325
ליפשיץ — 176
ליעסין, א. (א. װאַלט) — 102, 304
לײבטשיק (דרוקער) — 217
לײבעטשקע (ל. בערמאַן) — 332, 333, 334
לעאָניד — 307
לעדער, אליע — 257, 264, 290, 291, 292
לעװין, בענטשע — 136, 153
לעװין, חיה-מינע — 191, 192
לעװין, יעקב — 163
לעװין, חנה (שאַװעלזאָן) — 136, 149, 165, 166, 175, 182, 183
לעװין, שמואל נאָטע — 119, 158
לענין — 220, 230, 249, 282
לענסקי — 307
לעקערט, ה. — 196, 197, 199, 200, 201, 202, 203, 204

מ.

מאַזאָ, ס. — 258
מאַזאָ, מ. — 164, 166, 168, 179
מאַטאָלסקי (מילער) — 295
מאַכאַיסקי — 310
מאַכלין — 345
מאַלעצקע (רײנעס) — 237, 239, 242, 249, 253, 257
מאַסלאָװ, איסאַק — 136, 177, 179, 280, 286, 287, 288, 289
מאקאַראָװ — 369
מאַריא — 225
מאַקס (גאַרבער) — 216, 218
מאַרגאָלין, סאלאמאָן — 261
מאשקעלײסן, ס. — 135, 137
מאַרקס — 222
מוטניק, גלעב — 139, 141, 307, 332
מוטשניק, ס. — 236
מוטשניק, דוד — 236, 237
מוסל — 174
מיכאַלעװיטש, ב. — 279
מיכאַלעװיטש, ראָזע — 279
מילל, דזשאַן — 225, 226, 307
מיצקון, ראובן — 218, 219, 225, 307
מעדעם, װ. — 225, 305, 307
מענקוס, ליבע — 217, 218
מענקוס, בנימין — 217, 218
מענטשיקאָװ — 332, 333
מרדכי — 157
משה (זעמשער) — 295

נ.

נאַזימאָװ — 195
נײפעלד, מ. — 136
נח (פאָרטנאָי) — 189, 190, 205, 225, 233, 234, 243, 295, 299, 307, 330, 333
נח, כאַזאַנאָװיטש — 280
נעמאַנסקי — 144, 179, 180, 185, 226, 286

ס.

סאַזאָנאָוו — 248
סאָראָקאָ, ג. — 142, 148, 168, 170, 172, 178, 179
סאַלוצקי — 307
סאָניע (שנײדערקע) — 217
סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי — 248
סטאָליפּין — 312, 313, 314, 368
סטאַלין — 362, 365, 366, 376
סטעפּניאַק — 107, 148
סען קאַטאַיאַמאַ — 248
סערגיי (ריגער) — 307
ספּעקטאָר — 91, 112, 114
סקאַלאָן — 329

ע.

עדעלמאַן — 140
עזרא — 295, 307
עפּשטיין, שכנא — 307

פּ.

פּינקוס, אָשער — 237, 239, 240, 242, 249, 253, 259, 262, 263, 264, 354
פּלודערמאַכער — 218, 219
פּלעווע — 210, 248
פּלעכאַנאָוו — 248, 282
פּסח — 189, 204
פּעטראָוויטש (אוריצקי) — 292
פּעטרושעוויטש — 141
פּערלשטיין, מאָטקע — 288, 289, 304
פּרץ, ל. — 107, 112, 114, 115, 116, 132, 223

פֿ.

פֿאָן וואַל — 193, 194, 195, 201, 203
פֿוטער, א. — 136, 137
פֿישקין, ג. — 136
פֿײנבערג, ארע — 286
פֿײוועטשיק (קאַמאַשנמאַכער) — 218
פֿראַנקעל — 337
פֿרומקין, אסתר — 279, 307
פֿרומקין, ב. — 135, 225
פֿרײדל (פּינקוס) — 136
פֿרענדלער — 307

צ.

צבֿיה (הורוויטש) — 144, 153, 225, 295, 333
ציפּקין, ס. — 225
צייטלין — 204

ק.

קאַמערמאַכער, וועלוול — 204
קאַמערמאַכער, יוסף — 335
קאַמערמאַכער, מאָטקע — 336, 337
קאַנטעראָוויטש — 136
קאַסאָווסקי, וו. — 225, 228, 307
קאַסטעליאַנסקי — 295
קאַפּלינסקי (מערל קריגל) — 136, 142, 148, 340
קאַפּלינסקי, ישראל מיכל — 142, 148, 164, 166, 168, 170, 171, 172, 173, 174, 179, 225, 244, 259, 280, 292, 295, 296, 307, 308, 320, 321, 322, 324, 326, א"וו — 356
קאַפּעלאָוויטש, חנה (לעווין) — 136, 157
קאַפּלאַן, באָרים — 284
קאָראָלענקאָ, וול. — 215, 287
קאַץ, ש. — 141
קורסקי (פּראַנץ) — 225, 307, 337
קיסעל, מ. — 136
קיסעל, ד. — 136
קליאַטשקאָ — 194
קליוואנסקי, מ. — 307
קלימאָוויטש — 296, 329
קראַוויץ, דאָבע — 295
קרענצל, ליובאַ — 285, 286
קרעמער, א. — 139, 141, 225, 307, 324

ר.

ראַוורעבע — 307
ראַדזשענקאָ — 141
ראָזענטאַל, פּ. — 157, 318
ראָזענטאַל, אַנאַ — 157
ראַפּעם — 307
רובאַנענקאָ, כ. — 257, 258, 264
ריסקינד, אסתר — 270, 271
רייטשוק, ע. — 197
רחל'ע — 180, 187, 189, 192

ש.

שאַכנאָוו, גרישע — 136, 208, 209
שאַכנאָוו, גערשאים — 136, 137
שאָלעכמאַן, גרישע — 174
שאַיעוויטש — 209, 211
שאַמאַי — 225
שולמאַן, לאַזאַר — 307
שוועדעל, יודל — 136, 137, 287
שטערן — 307
שיינע, עלקע — 157
שליפּער, ראובֿן — 216, 217, 218, 307, 337, 338
שנייערסאָן — 225